STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03246

DER RAMBAM

Hayim Kruger

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער רמב"ם

זיין לעבען און שאפען

א גענויע לעבענס-באשרייבונג פון רמב"ם, דער תמצית
פון אלע זיינע ספרים, ווי אויך די קריטיק אויף
זיין שיטה פון דאמאלסט ביז היינט

פון

חיים קרוגער

ארויסגעגעבען פון „קענעדער אדלער"
מאנטרעאל, קאנאדע

1933

PRINTED IN CANADA

„קענעדער אדלער" דרוקעריי, מאָנטרעאל
תרצ"ד — 1933

געווידמעט צו מיין געטרייע פרוי, שרה־ציזע און קינדער. דוד, משה, יוסף, שמואל, יצחק, חנה, אסתר און הלל.

אלון בכות

ולהבדיל בין החיים למתים זאָלען דאָ דערמאָנט ווערען צוויי פאר מיר טייערע נשמות, אוועקגעגאנגענע פון דער וועלט פאר דער צייט.

מיין טייערע 15־יאָהריגע טאָכטער חוה ע"ה. געשטאָרבען נאָך אַ לענגערע קראנקהייט דורך גרויסע יסורים, כ"ד מנחם אָב, התר"ץ.

מיין אומפארגעסליכער איידים, אברהם בן ר' משה ניימער ע"ה, געשטאָרבען דורך אַ פלוצלונגער קראנקהייט צום גדליה ה'תרצ"ב.

צוויי מצבות אויפ'ן בית עולם — צוויי וואונדען אין הארצען וואָס הערען קיינמאָל ניט אויף צו בלוטיגען.

ת. נ. צ. ב. ה.

אינהאַלטס פאַרצייכענס

קאַפּי־טעל | 1. | זייט

1. דער רמב״ם און זיין דור — 9
2. אגרת השמד — 17
3. רמבמ׳ס משפחה פאַרלאָזט שמד־מדינה — 22
4. רמב״ם אַלס דאָקטאָר — 24
5. גרויסקייט פון רמב״ם אין מעדיצין — 28
6. רמבמ׳ס איינפלוס אין תימן — 32
7. פירוש המשניות להרמב״ם — 35
8. משנה און תלמוד — 38
9. די מענשליכע מיסיע — 41
10. דער אויבערמענש און זיין ווערט — 44
11. די 13 הויפּט עיקרים פון אידישקייט — 47
12. וואָס איז עולם הבא? — 51
13. פיזישע און פּסיכישע קראַנקהייטען — 55
14. ווי אויסצומיידען עקסטרימען — 58
15. אַלע מעשים צו טאָן צוליב אַ תכלית — 62
16. מענשענ׳ס פרייער אויסוואַהל (בחירה) — 64
17. ווען מענש ווערט אַליין־הערשער — 67

2.

רמב״ם און הלכה

1. משנה תורה אָדער יד החזקה — 75
2. מעשה מרכבה (מעטאַפיזיק) — 78
3. מעשה בראשית (קאָסמאָלאָגיע) — 81
4. מדות אין היגיענע — 84
5. מדות און דרך ארץ — 87
6. ידיעה און בחירה — 89
7. די השפּעה פון „משנה תורה״ — 97
8. דער אריינפיהר צום מורה נבוכים — 100
9. דער רמב״ם אין אַלעגאָריע — 104

3.

רמב״ם און פילאָזאָפיע

1. רמבמ׳ס קריטיק אויף די „מדברים״ — 113
2. מציאות ה׳ — 116
3. אחדות הבורא — 119
4. תוארי ה׳ (אייגענשאַפטען) — 122
5. מאָניזם געפינט העכסטען אויסדרוק ביים רמב״ם — 130
6. צי די וועלט איז אַן אייביג עקזיסטירענדע — 133

קאַפּי־טעל — זייט

7. כונה און רצון — 140
8. זוכענדיג א תכלית אין דער בריאה — 144
9. אָפּטימיזם און פּעסימיזם — 147
10. השגחה כללית און השגחה פּרטית — 150
11. די השגחה אויפ׳ן מין מענש — 153
12. נבואה און נביאים — 156
13. אנשויאונג און אורטיילס־קראַפט — 159
14. נביא און נביאות — 163
15. אונטערשייד צווישען משה רבנו און די נביאים — 166
16. תורה מן השמים — 169
17. צוועקמעסיגקייט פון מצוות — 172
18. דער קאַמף געגען געצענדינסט — 176
19. קרבנות — 179
20. תורה אין קאַמף געגען געצענדינסט — 182
21. טעמים אויף ערלה און כלאים — 186
22. טעמים אויף ציווילע געזעצען און ימים טובים — 189
23. פאַרברעכען און פאַרברעכער — 192
24. די חיה אינ׳ם מענשען — 195
25. טעמים אויף קרבנות בכלל — 199
26. טעמים אויף קרבנות בדרך פּרט — 202
27. טעמים אויף כשר און טרפה, טומאה און טהרה — 205
28. דיעטאַרי און מאַטרימאָניע — 208
29. וועגען ספּורי התורה — 211
30. השגחת הבורא — 215
31. השארת הנפש לויט׳ן רמב״ם — 218
32. מורא און ליבע — 221
33. אַלגעמיינער איבערבליק אויפ׳ן מורה נבוכים — 224

.4

קריטיק אויפ׳ן רמב״ם

1. די השפּעה פונ׳ם רמב״ם אויף דער דענקענדער וועלט — 231
2. דער רמב״ם און די חכמי לוניל — 234
3. השגות הראב״ד אויפ׳ן רמב״ם — 237
4. קאַמפּ אויסברוך געגען מיימאָניזם — 240
5. חכמי צרפת סטראַשען מיט חרם מיימאָניסטען — 243
6. רמב״ם זוכט צו מאַכען א פּשרה צווישען מיימאָניסטען און געגנער — 246
7. רד״ק׳ס אַגיטאַציע רייזע געגען אַנטי־מיימאָניסטען — 250
8. יהודה אַלפאַכער קומט ארויס געגען מיימאָניסטען — 253
9. די מסירה. רמבמ׳ס ספרים ווערען געברענט — 256
10. תלמוד ווערט פאַרברענט אויפ׳ן זעלבען צרט וואו מען האָט געברענט רמבמ׳ס מורה נבוכים — 259
11. אחד העם וועגען רמב״ם — 262
12. אונטערשייד צווישען רמבמ׳ס „איבערמענש" און ניטשע׳ס — 265
13. תורת משה אונטער פילאָזאָפישער קאָנטראָל — 269
14. דעם רמבמ׳ס „תורת היהדות" — 272
15. שכל איז די פעסטונג פון אמונה — 275

טעות־אויסבעסערונג

זייט	שורה	שטעהט	דארף זיין
12	40	ארטיקלען	קאפיטלען
13	38	אלע	גאנץ
19	6	פטירה	פטריה
20	4	בחלל	מחלל
25	23	ווערט צו זיין	צו קענען ווערען
36	55	ווען ער דערצעהלט	אדער ווען ער דערצעהלט
38	21	מענשליכער	מענשליכען
47	20	מלכה	הלכה
55	7	חסדיות	חסידות
57	38	קולען	קוילען
71	12	ארטיקל	קאפיטעל
85	13	אישר	יישר
90	7	ברירה	בחירה
96	35	קוואנטיטאטיווע	קוואליטאטיווער
98	13	משה'ם	משה'ן
99	5	כובות	כתובות
116	1	מציאת	מציאות
119	20	באווייזען	באוועגען
132	13	אפילו	אז אפילו
134	6	זיך	זיין
134	28	פעטער	טעפער
180	3	און	פון
182	30	דער קאמף	תורה אין קאמף
197	36	יברח	יבחר
203	34	דערוויצ	דערווייף
207	16	החולעת	התולעת
215	8	פארגעהן	פארגעהען
227	24	תחיים	תחיית
237	35	דארגיער	דארשטיגער
261	30	טאָן	טאָג
271	39	פאן	פון
272	2	ערשטע	עטישע

אין דער דריטער אפטיילונג זיינען די קאפיטעל נומערען פאררוקט געווארען מיט 3 נומערען צוריק. אנשטאט נו־מער 15 שטעהט ווידער 12 און אזוי כסדר ביז 30, וועלכער איז באמת דער 33־טער.

און זייט 177 פון שורה 32 איז ליידער ארויסגעפאלען א שורה און פארשטעלט געווארען מיט אן אנדערע וואס מאכט אומפארשטענדליך דעם ענין. דער תמצית פון דעם פאראגראף איז, אז אדם איז, ווי אלע מענשען, געבארען פון עלטערען, נאר ער איז אראפ פון גראדען וועג, וועלענ־דיג דינען צו איין גאט. דערפאר ווערט ער געטאדעלט פון די כאבעאיסטישע ספרים, אזא „אפקורס" איז אויך געוועז שת, א. אז. וו.

די 37־טע שורה פון די ווערטער „אזא אפיקורס" ביז ענדע פאראגראף, דארף מען אויסמעקען.

עטליכע ווערטער פון דעם מחבר

איך וויל זיך ניט מתנצל זיין פאר די לעזער — ווי די מערסטע מחברים פון אלע צייטען האבען געטאן — למאי איך האב געשאפען דעם חבור, אויך ניט שטעלען פאר עדות אויף זיך „הימעל און ערד״, אז „ניט פאר מיין כבוד און ניט פאר׳ן כבוד פון מיין טאטען׳ס הויז האב איך עס געטאן, נאר, א. א. וו. א. א. וו.

ווארים לוים מיין געדאנקען איז די ארבייט א נוצליכע, וואס האט געדארפט געטאן ווערען, אויב ניט דורך מיר איז דורך אן אנדערען.

עס וועט ניט זיין איבערטריבען זאגענדיג, אז קיין פערזאן ביי אידען זינט מיר עקזיסטירען ביז היינטיגען טאג, האט ניט אויפגעוועקט אזא אינטערעס צו זיך, ווי דער רמב״ם. נאך ביי זיין לעבען האט ער שוין געהאט טויזענטער פארגעטערער און ניט ווייניג געגנער. קיין חבור האט ניט געקראגען אויף זיך אזוי פיל מפרשים, אויסטייטשער, ווי זיין „מורה נבוכים״ און „יד החזקה״. זיין ליכטיגער שכל, סיסטעמאטישע ארבייט און פרוכטבארע פעדער האט געהאלטען יעדען אינטעליגענטען אידען געשפאנט, ארום איהם האט זיך שפעטער אנטוויקעלט א מורא׳דיגער אידייען קאמף וואס האט פאקטיש געשפאלטען די אידישע מחנה אין צוויי לאגערען, מיט זעהר טרויעריגע רעזולטאטען פאר ביידע צדדים.

און ביז היינטיגען טאג לאזט ער ניט רוהען. אין בית המדרש לעבט דער רמב״ם איצט — נאך זיין 700 יאהריגען יאהרצייט — ווי דאמאלסט ווען ער האט געלעבט. קיין רב קען קיין פלפול ניט זאגען, ניט דערמאנענדיג דעם רמב״ם. אין יעדע „שאלה ותשובה״ איז ער שטארק פארטראטען. זיינע געדאנקען פון „מורה״, „שמונה פרקים״, „הקדמת זרעים״ און די „אגרות״ ווערען נאך היינט אויך געשלונגען פון משכילים און דענקער ווי אמאל.

און דאך איז ער געבליבען פרעמד פאר די ברייטע מאסען וואס קענען ניט, אדער האבען די צייט ניט צו לערנען דעם רמבם׳ס ספרים — א לימוד וואס פאדערט פעאיגקייט און התמדה, אין דער צייט וואס גאנצע ביבליאטעקען זיינען וועגען איהם אנגעשריבען אין ענגליש, פראנצויזיש, דייטש, איטאליעניש, אראביש און אין פיל אנדערע שפראכען, זיינען פי״אן אין אידיש בלויז קליינע ביבליאגראפישע שאפונגען, וואס מיידען אוים אריינצוגעהן טיפער אין זיין שיטה. די לעזער בלייבען ניט געוואוסט, קענען זיך ניט מאכען אפילו א שוואכען באגריף פון זיין שיטה, און ווארום איז געוואקסען א געגנערשאפט צו איהם צוזאמען מיט דער בארעכטיגטער פארגעטערונג.

אט דעם ציל האב איך געהאט פאר זיך שרייבענדיג די סעריע ארטיקלען „דער רמב״ם, זיין לעבען און שאפונג״ וועלכע האבען

זיך געדרוקט אין „קענעדער אָדלער" יעדען פרייטאָג. און איצט געזאמעלט אין א בוך־פאָרם ווי דער לעזער זעהט מיט די אויגען, דורכלעזענדיג לאנגזאם און מיט ישוב הדעת קאפיטעל נאָך קאפיטעל, קען מען זיך שוין מאכען א באגריף פון דעם רמב"ם'ס מהות, און פארשטעהן די אורזאכע פון דעם שטורם וואס ער האָט ארויסגערופען אין אידישען לאגער, סיי פון אנהענגער סיי פון געגנער.

דאָ געפינט זיך זיין פולשטענדיגע לעבענס באשרייבונג און דעם תמצית פון כמעט אלעס וואס ער האָט געשריבען — אויסער נאַטירליך, דער „מילות ההגיון" און מעדיצינישע ווערק, און ניט אלע הלכות מיט זייערע פרטים און פרטי פרטים, ווייל דערויף וואָלטען געווען נויטיג אָנצושרייבען אכך מאָהל מעהר וויפיל ער אליין האָט געשריבען. ווארום צו פּאָפּולאריזירען אזעלכע טיפזיניגע ווערק מוז מען זיך באנוצען מיט מעהר ווערטער און אסך ערקלעהרונגען. אפילו פון מורה נבוכים גופא האָב איך געמוזט איבערלאָזען געוויסע ענינים אומבאריהרט מחמת כמה טעמים, ווי איך האָב ערקלערט אין'ם ספר גופא אין עטליכע ערטער; דערפאר איז דאָ פאראַן א גענויע באשרייבונג פון דער מחלוקה וועגען זיינע ספרים און די טענות פון זיינע געגנער.

איך ענדיג מיינע „עטליכע ווערטער" מיט א מסירת מודעה צו קריטיקער און פעהלערן־זוכער, זיי זאָלען מיר פארגעבען געפינענדיג אין מאנכע ערטער דעם סגנון צו הארט און ווייניג ליטעראריש. איך האָב די ארטיקלען געשריבען פאר א טעגליכער צייטונג, וואו מינוטען זיינען טייער. איצט ביים איבערגעבען צום דרוק בין איך צו שוואך אין געזונט צו קענען ענדערען, איבערמאכען און אויסבעסערען, זאָל דאָס אויך דינען אלס התנצלות פאר דער צאָהל דרוקפעהלערן וואס זיי וועלען זיכער געפינען, און מיר צו זיין לכל זכות.

ד ע ר   מ ח ב ר.

כ"ד מנחם אב, ה'תרצ"ג, מאָנטרעאל, קאנאדע.

דאנקזאָגונג.

ביי דער געלעגענהייט וויל איך באדאנקען מר. ה. וואָלאָפסקי, רעדאקטאָר און ארויסגעבער פון „קענעדער אדלער", פאר די פינאַנציעלע הילף וואס ער האָט בייגעשטייערט אָפּצודרוקען דעם ספר, געבענדיג די דרוק און די ארבייט פריי. אָהן זיין הילף וואָלט איך די אונטערנעהמונג קיינמאָל ניט אָנגעפאנגען. ער איז וואס האָט מיר ערמוטיגט מיט ווערטער און מיט דער ברייטהארציגער ביישטייערונג.

און אויב עס וועלען זיך געפינען דאנקבארע לעזער פאר דער געטאָנענער ארבייט, ווי אויך פאר די געפּלאַנטע ספרים: רבנו סעדיה גאון, פילון היהודי, ר' יהודה הלוי, וואס איך האָף ארויסצוגעבען, אי"ה — זאָלען זיי וויסען, אז דער דערמאָנטער נדבן האָט א גרויסען חלק דערין.

ח. ק.

1

דער רמב״ם און זיין דור

די אידען וואָס האָבען געלעבט אין ענד פון צוועלפטען יאָהרהונדערט, האָבען זיך געשראָקען, זעהענדיג דעם אָנפאַנג פון אידישען אונטערגאַנג, וואָס האָט לויט זייער מיינונג געמוזט קומען גאָר אינגיכען; ניט האָבענדיג קיין אויטאָרי־טאַטיווען צענטער ווי אַמאָל די נשיאות אין בבל, צוזאַמען צו האַלטען אַלע אידישע קהלות פון גלות, צעשפּרייטע איבער דער גאָרער וועלט, זיינען זיי מחויב געווען פאַנאַנדערצופאַלען אין באַזונדערע טיילען — אַן אָנפאַנג פון פאַרניכטונג.

דעם אָנהויב האָבען זיי געזעהן אין חורבן פון די באַריהמטע ישיבות וואָס האָבען געהאַט געבליהט אין דרום שפּאַניע; אין קאָרדאָווע, גראַנאַדע, סעוויל און אַליסאַנאַ. די ישיבות וואָס האָבען געצויגען צו זיך די פעהיגסטע יונגע מחות פון גאַנץ שפּאַניע, און אַרויסגעלאָזען הונדערטער לומדים אין די דורות פון רב שמואל הנגיד און רבי יצחק אלפסי, זיינען איצט געווען חרוב און וויסט, אונטער דער ווילדער הערשאַפט פון די ווילד פאַנאַטישע אלמאָהאַדען, מאַכמעדאַנישע הערשער.

וואָרים אין יענער צייט האָט קיין אידיש פוס ניט געטאָרט באַטרעטען דעם באָדען פון דרום־שפּאַניע, אויב ער האָט ניט אָנגענומען דעם מאַכמעדאַנישען גלויבען. די הויפּט קהילה אין דער קריסטליכער שפּאַניע וואָס האָט זיך געפונען אין טאָלעדאָ, צוזאַמען מיט די איבעריגע קלענערע קהלות, זיינען נאָך געווען פאַר־העלטניסמעסיג קליין, און צו יונג אַרויסצוגעבען גרויסע מענשען וועלכע די וועלט זאָל אַנערקענען פאַר אידישע אויטאָריטעטען איבער'ן גלות פון אומעטום.

עס האָט געפעהלט דער אויטאָריטעט וואָס קען ווערען דער צענטער פאַר'ן גאַנצען גלות, ניט בלויז אין שפּאַניע, נאָר אומעטום. די אידישע קהלות פון פּראָ־ווינציע — דרום פראַנקרייך — האָבען נאָך געהאַלטען אין אָנפאַנג שפּראָצען, און זייערע רבנים האָבען בלויז געטראָגען דעם טיטול „תלמידי חכמים", ד.ה. אַז זיי דאַרפען נאָך שטעהן אונטער דער קאָנטראָל פון אַ געוויסען חכם און אַ תורה צענטער. די חכמי ישראל פון צפון פראַנקרייך — שאַמפּאַני און חכמי לותיר — האָבען זיך געהאַלטען איינגעשלאָסען נאָר אין דער הלכה, ניט וועלענדיג אַרומנעהמען מיט'ן שכל די אַלע נויטען און באַדערפנישען אין וואָס דער גלות נויטיגט זיך מאַטעריעל און גייסטיג. דאָרט האָט זיך ניט געקאָנט בילדען דער ריכטיגער צענטער, מיט אַ חכם אינמיטען, וואָס זאָל קענען נאָכקומען די אַלזייטיגע פאָדערונגען וואָס קהלות האָבען געפאָדערט פון אַ גייסטיגען פיהרער. די אידען פון אשכנז האָט מען נאָך דאַנכטמאָל גאָר ניט גערעכנט אַריינרעכענען אין חשבון. וואוינענדיג צווישען האַלב ווילדע מענשען זיינען זיי געווען פאַררעכענט פאַר די קנעכט און אייגענטום פון דאָרטיגען קייזער. לעבענדיג אין אַזאַ אַטמאָספערע קען קיין רייד ניט זיין וועגען גרויסע אויפטואונגען אויפ'ן גייסטיגען געביט.

אמת, אין יענער צייט האט די נשיאות אין בבל געזאלט אויפשטעהן תחית המתים לויט דעם ווילען פון באגדאדער קאליף פון דער עבאס דינאסטיע. אבער די דאזיגע נייע אויפגעשטעלטע אינסטיטוציע וואלט אפילו אויף אזיע אויך ניט גע־קענט געניג משפיע זיין, אפשיטא ניט אויף די אייראפעאישע קהלות וואס זיינען שוין געשטאנען אויף א העכערער קולטור מדרגה, סיי אין תורה, סיי אין חכמה, אפילו לגבי די קהלות אין דער תקופה פון די ערשטע גאונים אין סורא און פומבדיתא.

אט אזוי האט דאן געפעהלט א אידישער צענטער פאר'ן גלות, זינט די צוויי גרויסע פיהרער זיינען געשטארבען: רבנו יוסף איבן מיגאש, דער תורה זייל פון שפאניע, און רבנו יעקב תם, דער גרויסער לעהרער פון פראנקרייך. עס האבען זיך ניט אפגעזוכט קיין גרויסע מענשען וואו תורה און חכמה, ארגאניזאטארישע פעהיגקייט און מענשען־ליבע, זאלען זיין פאראייניגט אין איין פערזאן, אזוי, אז זיין ווארט זאל ווערען געזעץ פאר אלע אידען פון'ם גלות. גרויסע תלמוד־דיסטען זיינען געווען, עס האבען אויך ניט געפעהלט קיין גרויסע געלעהרטע; אבער אזא וואס זאל קענען פאראייניגען אלע מעלות צוזאמען, צו קענען ווערען א צענטראלע פיגור, איז ניט געווען.

אין דעם דאזיגען מאמענט איז ערשינען רבנו משה בן מיימון, און באַ־לויכטען דעם אידישען הימעל פון מזרח ביז מערב.

ער אליין איז געווען דער צענטער און דער חכם צוזאמען. אין איהם האבען זיך פאראייניגט אלע מעלות וואס א מנהיג הדור דארף האבען. דער גרעסטער אין תורה און דאס זעלבע אין חכמה, איז אויטאמאטיש געווארען דער אידישער קעניג — גייסטיגער קעניג — איבער אלע; קהלות פון אזיע און אייראפע, פון שפאניע ביז תימן און אפריקע, און אומעטום וואו אידען האבען זיך נאר געפונען, האבען געבויגען די קעפ פאר זיין גייסטיגער מלוכה. ער האט ניט געדארפט ווארטען, ווי די מעהרכטע גדולים, אנערקענט צו ווערען ערשט מיט דורות שפעטער, נאר ביים לעבען האט ער עס געהאט. אזוי געשעצט איז ער געווען ביי זיין דור, אז אידען האבען אפגעהיט יעדע קלייניגקייט פון זיין לעבען, אפילו דעם טאג, און שעה, און מינוט פון זיין געבורט, פיהלענדיג אז די שפעטערע דורות וועלען זיין פאראינ־טערעסירט דאס צו וויסען.

רבנו משה בן מיימון איז געבוירען געווארען אין קארדאווא, דעם 30־טען מערץ, 1135. (דער אידישער דאטום: 14 טעג אין ניסן פון יאהר תתצ״ה אין פינפטען טויזענט, א שעה מיט א דריטעל נאך האלטען טאג). זיין פאטער, רבי מיימון, א תלמיד פון רבנו יוסף הלוי איבן מיגאש, איז געווען, ווי זיין פאטער און זיידעס, אכט דורות כסדר, א גרויסער תלמודיסט און דיין אין קארדאווע. אויסער זיין גרויס וויסען אין תלמוד איז ער אויך געווען גרויס און געאמעטריע, מאטעמאטיק און אסטראנאמיע. ער האט געשריבען א סך ספרים אין די דערמאהנטע חכמות, אוי־סער ספרים וועגען תורה און תלמוד.

ער איז דאס געווען דער ערשטער לעהרער פון זיין באגאבטען זוהן, און א דאנק איהם האט ער גענומען שיינען נאך גאר אין די יונגע יאהרען מיט זיין גאונות און חכמה.

א מעשה צירקולירט צווישען אידען, אז משה, דער שפעטערדיגער רמב״ם, האט געהאט אין דער יוגענט א פארשטאפטען קאפ, און ווייל ער איז געווען אפגע־

ראַטען פון די איבעריגע ברידער וואָס האָבען זיך אויסגעצייכענט אין לערנען, דערפאַר האָט דער פאָטער איהם זעהר פיינט געהאט, און ענדליך פון הויז ארויסגעטריבען. דער איינגעל האָט געוואַנדערט פון שטאָדט צו שטאָדט, געלעבט אויף נדבות און געשלאָפען אין בית המדרש. עס איז געקומען פסח, און ער איז געבליבען אין בית המדרש אליין, ניט געווען קיין בעל הבית וואָס זאָל דעם פראָסטען איינגעל נעהמען צו זיך אַלס אַן אורח צו די סדרים. בלייבענדיג אליין, איז איהם שטאַרק אומעטיג געוואָרען, איז ער אַרויף אויף דער בימה, געעפענט דעם ארון קודש, און אריינטוענדיג דאָרט זיין קאָפּ, האָט ער זיך האַרצרייסענד פאַנאַנדערגעוויינט, פאַרוואָס ער איז געשטראָפט מיט אַ שלעכטען קאָפּ צום לערנען. אַזוי וויינענדיג איז ער איינגעשלאָפען. האָט זיך איהם גע׳חלומ׳ט אַז אַן אַלטער מאַן מיט אַ ליכטיג פּנים איז צוגעקומען און געזאָגט: דער וואָס איז אין הימעל האָט דערהערט דיין געוויין, און וועט ערפילען דיין פאַרלאַנג. דערביי האָט ער איהם אַ גלעט געטאָן איבער׳ן קאָפּ... באַלד האָט ער געעפענט די אויגען, פאַרמאַכט דעם ארון קודש, און געפיהלט אַז זיין קאָפּ איז איהם גרינגער געוואָרען, ווי מען זאָל פון דאָרט האָבען אַרויסגענומען אַ שטיין. פון דאַמאָלסט אָן האָט ער גענומען לערנען ביי די דאָרטיגע ישיבה בחורים, וואָס האָבען מיט איהם געלערענט אויס רחמנות, און צו זיין גרויס פרייד איז איהם אַלצדינג גיך אריין אין קאָפּ. עס האָט ניט געדויערט קיין האַלב יאָהר ווי ער איז געקומען אהיים אַ למדן, צו דער גרויסער שמחה פון זיין פאָטער.

די היסטאָריע וויים דערפון ניט. פאַרקעהרט, זי דערצעהלט, אַז ער איז געווען דער געליבסטער זוהן ביים פאָטער, און מיט איהם האָט ער אליין געלערענט פון זיין פריהסטער יוגענט אָן. די צייט איז געווען זעהר אַן אומרוהיגע. איידער משה איז נאָך געוואָרען בר מצוה, ווען אַ צאָרן האָט זיך אויסגעגאָסען אויף דער אידישער קהלה פון קאָרדאָווע. די דאָזיגע שטאָדט איז איינגענומען געוואָרען פון די אַלמאָהאַדען (אין יאָהר 1148), און באַלד האָט דער פאַנאַטישער קעניג ארויסגעלאָזען אַ גזרה אויף אידען און קריסטען צוזאַמען, אַז זיי מוזען, ענטוועדער אָננעהמען דעם מאַכמעדאַנישען גלויבען, אָדער פאַרלאָזען זיין מדינה.

דאַן האָבען אַנדערע אָנגענומען דעם נייעם גלויבען, בעת די מעהרכטע, צווישען זיי די פאַמיליע מיימון, האָבען אויסגעקליבען דעם גלות־וועג. מיימון האָט זיך באַזעצט אין עלמיריאָדי, אַ האַפען־שטאָדט, וואו ער האָט געפונען אַ רוהאָרט אַ געוויעם יאָהר, ביז די דאָזיגע שטאָדט איז אויך פאַרנומען געוואָרען פון די זעלבע פאַנאַטיקער, און ער איז געצוואונגען געווען צו וואַנדערען ווייטער. דאָס האָט געדויערט שעהנע עטליכע יאָהר. מיימון האָט געביטען אַ סך וואוין־ערטער אָבער ערגעץ קיין רוה ניט געפונען. און אין משך פון די וואַנדער־יאָהרען האָט זיך דער יונגער משה ענטוויקעלט אין תורה און חכמה. דער פאָטער האָט מיט איהם געלערענט תנ״ך, גמרא, און אַלע למודים וואָס געהער צו תורה, צוזאַמען מיט מאַטעמאַטיק, אַסטראָנאָמיע, נאַטור וויסענשאַפט, בעת פון אַראַבישע געלעהרטע האָט ער געלערענט פילאָזאָפיע, לאָגיק, מעדיצין און דערגרייכט ביז מעטאַפיזיק. דאַן האָט ער זיך באַפריינדעט מיט די גרעסטע געלעהרטע פון יענער צייט: אַ זוהן פון גרויסען מאַטעמאַטיקער און אסטראָנאָם איבן אַפלאַ פון סעוויל, אַ תלמיד פון דעם באַריהמטען פילאָזאָף איבן באַדזשאה, מיט׳ן וויזיר אבו־איבן־זוהר

פון סעוויל, און נאך אנדערע געלעהרטע פון יענער צייט, אלע צוזאמען האבען צו־נויפגעשטעלט זיין גייסטיגען זאפאס, און זיין שכל הישר האט עס אויסגעלייגט, קלאסיפיצירט, באלויכטען מיט זיין גאונות, געלייטערט דורך זיין קריטישען שכל, און דערנאך איבערגעגעבען אינגאנצען ניי, גלאנצענד און קאפ פארכאפענד, סיי אין אמת׳קייט, סיי אין דער וואונדערבאר סיסטעמאטישער ארדנונג.

די אלע חכמות האט ער געזאמעלט ביז דעם אכצעהנטען יאהר פון זיין לעבען, און מיט דעם גייסטיגען באגאזש איז ער ארויסגעקומען פאר׳ן פאלק ישראל.

די נטיה צו ארדנונג, איבערגעבענהייט צו סיסטעם, און שטארקע ליבע צו לאגיק האט זיך ארויסגעוויזען ביים רמב״ם אין זיין פריהסטער יוגענט.

אפענהערציגקייט, ארויסזאגען דעם אמת ניט מורא האבענדיג פאר קיין זאך, שנאה צו קרום־שכל׳דיגקייט, און דערוייטערונג פון חניפה און צביעות — דאס זיינען די הויפט יסודות אויף וועלכע דעם רמב״ם האט אויפגעבויט זיין גרויסקייט. זיין שכל איז געווען קלאהר, געגרינדעט אויף לאגיק און קריטיק; צו וואס ער האט נאר צוגעלעגט זיין געדאנק האט ער עס פארטיפט ביז׳ן גרונט און באלד נאכ־דעם סיסטעמאטיזירט, פאפולאריזירט און געמאכט פארשטענדליך צו יעדען. אין הלכה אזוי גוט ווי אין אנדערע חכמות האט ער אריינגעבראכט א וואונדערבארען סיסטעם; פון אלע צעווארפענע מאטעריאלען האט ער ארויפגעשטעלט אן אויג־פארכאפענד שעהנעם בנין, וואס האט עדות געזאגט אויף דעם קונסטפולען אר־כיטעקט.

ניט אומזיסט האט ער געקראגען דעם נאמען „דער אידישער אריסטאטעל״. מיט זיין געדאנקענגאנג און גרונטיגע לאגיק האט ער געמוזט ווערען יענעמס אנ־הענגער אין פילאזאפיע. אויך ווי יענער, צעשטורעמען די פעסטונג וואס די פריהערדיגע סאפיסטען האבען אויפגעשטעלט אין אטהענס, זיך שטיצענדיג אויף פראזען און מליצות, און ארויסזאגענדיג געדאנקען וואס זיינען מעהר רעטאריש ווי פילאזאפיש.

אריסטאטעל, וואס איז א געבוירענער פון מאקעדאניע, אין דער שטאדט סטא־גירא (384 פאר דער איצטיגער צייטרעכנונג) האט באהערשט אלע געבילדעטע מענשען פון דער וועלט פאר הונדערטער יאהרען צייט. אין רמב״ם׳ס דור איז ער געשטאנען אויף דער העכסטער מדרגה צווישען די אידישע ווי צווישען די אראב־בישע פילאזאפען, וועלכע זיינען דאן געווען די מעהרסטע און די גרעסטע אויף דעם געביט. קריסטען זיינען נאך בכלל געשטאנען נידעריג קולטורעל צו קענען פארשטעהן אריסטאטלען. ער האט אבער אין רמב״ם געפונען זיין בעסטען, גרינדליכסטען תלמיד און נאכפאלגער. אין מעטאפיזיק האט ער ווייט אריבערגע־שטיגען דעם רבי׳ן. לערנענדיג דעם „מורה נבוכים" פיהלט זיך, אז ווען אריסטא־טעל זאל געווען הערען דעם רמב״ם׳ס ארגומענטען, קען זיין ער וואלט געענדערט זיינע מסקנות. דער תלמיד האט פארשטאנען דעם רבי׳ן בעסער ווי אלע פרי־הערדיגע פאר איהם, אבער ער איז איהם ניט נאכגעאנגען מיט פארמאכטע אויגען. דא האט זיין קריטיק אויך געוויזען די זעלבע וואונדער ווי אומעטום, און די וואונ־דערבארע אנאליזען האבען יענעם ארויסגעשטעלט אומגערעכט אין א סך חקירות. אין די שפעטערדיגע ארטיקלען וועלען מיר זיך אפשטעלען גענויער וועגען דעם.

צו די דערמאהנטע מעלות און פעהיגקייטען — וואס זיי אליין זיינען גענוג

צו מאכען א מענשען פאר א מופת הדור — איז ער נאך געווען א מוסטער פון מדות. דורכגעדרונגען מיט רעליגיעזען עקסטאז, מיט איבערגעבענהייט צו זיין פאלק, מיטליידענדיג אידישע צרות און וועלענדיג זיי טרייסטען ווי א פאטער זיינע קינדער; זיין פעלזען שטארקייט צו באשיצען זיינע מיינונגען, טריי צום אמת, איבערגעבען צו קלאהרקייט, פארשטענדליכקייט, אויסמיידען די תאווה פון דער וועלט, זיך דערווייטערען פון שקר און חניפה — דאס זיינען די הויפט שטריכען פון רבנו משה בן מיימון, אויף וועמען די מליצה זאגט: ממשה עד משה לא קם כמשה (פון משה רבנו ביז משה בן מיימון איז ניט געווען נאך אזא גרויסער מענש ווי משה).

מאראל און עטיק, מדות און דרך ארץ — דאס זיינען געווען די הויפט זאכען וואס ער האט געזוכט צו געפינען אין טהאט ווי אין געדאנק. פוסטע חקירות אליין האט ער באטראכט פאר גארניט, אויב זיי האבען ניט געפיהרט צו א זויבערען לעבען. דאס לעבען פאר זיך אליין האט ער באטראכט פאר א צייטווייליגער נאר־רישקייט, אן ארבייט פאר משוגעים (צוגעבענדיג, אז ווען ניט זיי וואלט די וועלט חרוב געווארען). דער אמת'ער ציל פון לעבען איז צו טאן גוטעס און צו דענקען ריכטיג. גוטע מעשים בארעכטיגען די עקזיסטענץ פון גוף, און ריכטיג דענקען — גיט אומשטערבליכקייט דער נשמה . . .

זייענדיג אזוי טיף ערנסט, אנאליזירענדיג יעדען ווארט, יעדע באוועגונג ביז'ן גרונט, האט ער ניט געקענט ליידען קיין לייכטזיניגקייט, אפילו אין דער פארמע פון פאעזיע. זיין שטענדיגער ווערטעל איז געווען: מיטב השיר — כזבו. אין זיין פירוש אויף משניות (סנהדרין פרק י', משנה א' און אבות ענדע ערשטען פרק) זאגט ער זיך ארויס אומגעפעהר אזוי:

„די וואס פארברענגען זייער צייט אויף פארפאסען שירים און פיוטים טוען א נארישקייט, ווארים דערין איז קיין נוצען און קיין חכמה ניטא. אפילו אויף שמחות דארף מען זיי ניט זינגען, נאר אזעלכע וואס ענטהאלטען שירים און תשבחות צום בורא יתברך. מיט אזא אינהאלט איז קיין חילוק ניט אויב זיי זיינען פארפאסט אין אראביש אדער העברעאיש".

דאס איז אלץ געזאגט אויף חתונה און אנדערע שמחות. אבער אין דאווגען גופא האט ער ניט געוואלט פארליידען אפילו דעם פארצוגליכען סארט. אין א תשובה צו א קהילה וועגען די פיוטים אין דאווגען ענטפערט ער: דאס זיינען נאר שפילערייען. דער ריטם מיטן גראם פיהרען ארונטער די תפילה פון דער ריכטיגער כונה. דערצו זענען די מחברים גאר ניט ווערט מען זאל מיט זייערע ווערטער זיך ווענדען צום בורא בעטענדיג אויף גאולה און פרנסה און אויף ערנסטע הצטרכות.

ווי ווייט ער איז געווען פון רב יהודה הלוי, ר' אברהם אבן עזרא, שלמה בן גבירול און נאך אנדערע פון ספרד, וועלכע האבען אוועקגעגעבען א סך פון זייער צייט אויף שירים און פיוטים!

ביז'ן רמב"ם האט געהערשט דער כלל „אין סדר למשנה" ד.ה. אז רבי יהודה הנשיא וואס האט צונויפגעשטעלט אלע משניות לויט א געוויסען סדר, האט דאך קיין ריכטיגען סדר ניט איינגעפירט וואס פריהער וואס שפעטער. אפילו אויף דער תורה זאגען די חכמים: „אין מוקדם ומאוחר בתורה"—ד.ה. זי גיט צוערשט פאסירונגען וואס זיינען זיך פארלאפען שפעטער, און פארקעהרט. דער תלמוד

האָט זיך געווים ניט געהאַלטען אין סדר. דאָרט געפינט מען למשל, אין „עבודה זרה״, דינים פון בשר וחלב; אין „מנחות״ — דינים פון תפילין און ציצית; ווען א איד האָט געדאַרפט וויסען א דין, האָט ער געמוזט, ענטוועדער זיין קלאָהר אין גאַנץ ש״ס אָדער געהן פרעגען ביי אימיצען וואָס איז קלאָהר.

דער רמב״ם — אמת׳ע פערזאָניפיצירונג פון סיסטעם — האָט עס ניט געקענט פאַרטראָגען, און אין דער פריהסטער יוגענט פון זיין לעבען האָט ער באַשלאָסען אריינצובריינגען אָרדנונג און הלכה, סיסטעמאַטיזירען אַלע דינים צו קענען געפינען יעדען דין אויף א באַשטימטען אָרט, און צו דעפינירען דעם באַגריף „אידישקייט״.

זיין ערשטע אַרבייט אויף דעם געביט איז געווען א פּירוש אויף משניות — א ריזיגע אונטערנעהמונג וואָס האָט זיך געפאָדערט צו קענען גאַנץ ש״ס אויף אויסווענינג, מיט די אַלע שקלא וטריאָס, כּדי צו געבען דעם גאַנצען עסענץ אין עטליכע שורות. ער איז געווען איינגאַנצען 23 יאָהר אַלט, און ביז יענער צייט שוין געהאַט געמאַכט פאָלגענדע ספרים: 1) חשבון העבור — ווי אַזוי עס איז צוזאַמענגעשטעלט דער אידישער לוח; 2) פּירושים אויף דריי סדרים גמרא: מועד, נזיקין, נשים; 3) א פּירוש אויף „4 מסכתות״, וואָס ער האָט דערמאָנט אין זיין פּתיחה צום פּירוש המשניות; 4) א פּירוש אויף חולין; 5) א פּירוש אויף הלכות ירושלמי, וואָס ער דערמאָנט אין זיין פּירוש אויף מסכתא תמיד.

אָט די אַרבייט האָט ער באַוויזען אָפּצוטאָן ביז דעם דריי און צוואַנציגסטען יאָהר פון זיין לעבען, זייענדיג נע ונד, וואַנדערענדיג מיט זיין פאָטער פון איין מדינה צו דער צווייטער. ער אליין שרייבט: „די אַרבייט האָב איך געטאָן אָפּריכטענדיג גלות, זיך ארומשלעפּענדיג פון איין ברעג הימעל ביז׳ן צווייטען, דאָ אָנגעהויבען און דאָרטען געענדיגט. אייניגע ענינים געשריבען פאָהרענדיג מיט א שיף אויפ׳ן ים המלח . . . איך האָב אָנגעפאַנגען צו שרייבען דעם חבור (פּירוש המשניות) זייענדיג 23 יאָהר, און געענדיגט צו 30 יאָהר אין מצרים.

לערנענדיג דעם וואונדערבאַרען פּירוש ווייס מען ניט פריהער אויף וואָס זיך צו וואונדערען: צי אויפ׳ן אייזען־שטאַרקען מח וואָס האָט געקענט אַזוי רוהיג דענקען, שווימענדיג אין א ים פון צרות, אָדער אויף דער זיין קלאָהרקייט אין ש״ס בבלי און ירושלמי, תשובות הגאונים און די איבעריגע ספרים וואָס האָבען איהם געדאַרפט דינען פאַר׳ן מאַטעריאַל, און וואַנדערענדיג האָט ער זיי זיכער ניט געקענט מיטהאָבען מיט זיך.

די צייט איז געווען זעהר אומגינסטיג פאַר אידען אין דער מאַכמעדאַנישער שפּאַניע. די גזרות האָבען זיך געשטאַרקט פון טאָג צו טאָג. פאַר אידען — אויך קריסטען — איז דאָרט געווען צוויי וועגען: ענטוועדער אָנצונעהמען דעם מוסולמאַנישען גלויבען, אָדער צו פאַרלאָזען דאָס לאַנד.

עס איז געוואָרען אוממעגליך וויי טער צו פאַרבלייבען אין לאַנד, דערפאַר האָט מיימון מיט זיין גאַנצער משפחה פאַרלאָזען שפּאַניע און אריבערגעפאָהרען קיין מאַראָקאָ, וואו ער האָט געהאָפט צו געפינען א מקום מנוחה.

אָבער עס איז ניט אַזוי געווען. דאָרט האָט געוועלטיגט דער קעניג עבדהאַלמומין — א שלעכטער פאַנאַטישער טיראַן, וואָס האָט געמאַכט די שמד גזרה נאָך שווערער ווי אין שפּאַניע. אין יענער צייט איז ניט געווען קיין איד אין פעז און

אומגעגענד, וואָס זאָל זיך ניט האָבן געוועזן גע׳שמד׳ט. די שוהלען זיינען געוואָרען פאַרוויסט, די קהלות — פאַרניכטעט, קיין תלמוד תורה בפרהסיא! עס האָט אויסגעקוקט אַזוי ווי די ענד פון אַלע אידען איז געקומען אין יענער פינסטערער מדינה.

און דאָ איז מיימון געוואָרען טעטיג.

עס איז שווער צו פאַרשטעהן, וואָס עס האָט באַוואויגען רבי מיימון מיט זיין פאַמיליע צו בייטען דעם וואוין־אָרט פון שפאַניע קיין פעז, וואו די גזרות אויף אידען זיינען געווען שטאַרקער; וואָרים אַנשטאָט וואָס דאָרטען האָבען אידען געהאַט פאַר זיך צוויי וועגען: ענטוועדער צו פאַרלאָזען דאָס לאַנד אָדער זיך צו שמד׳ן, איז אין פעז געווען נאָר איין אויסוועג: אָנצונעהמען דעם מאַכמעדאַנישען גלויבען, אויב עס האָט זיך געוואָלט לעבען. אויסער דעם האָט מען אין שפאַניע בלויז געפאָדערט צו זאָגען „גאָט איז גאָט און מחמד איז זיין נביא״ און ווייטער זיך צו פיהרען ווי אידען אין שוהל ווי אין גאַס — איז אין מאַראָקאָ געווען די גזרה אַז די משומדים זאָלען קומען רעגעלמעסיג אין געבעט הויז און מתפלל זיין ווי אַלע גלויביגע. פאַר׳ן ניט קומען איין אָדער צוויי מאָהל פלעגט די רעגירונג באַשטראָפען מיט׳ן טויט.

אָבער דער פאַקט איז אַזוי געווען און מיימון האָט זיך דאָרט געפיינינגט צו־גלייך מיט אַלע אידען, פיגורירענדיג אַלס מאַכמעדאַנער אין דער עפענטליכקייט און אָפּגעהיט אידישקייט אין געהיים, אונטער טויט שרעק פאַר מסירות.

אַרום צעהן יאָהר האָט שוין געהאַט אָנגעהאַלטען די גזרה, ווען די מאַראַנען (אַנוסים) האָבען אָנגפּעאַנגען צו ווערען שוואַך און אַפּאַטיש. בלויז די באַוואוסט־זיניגע און שטאַרקע אין כאַראַקטער זיינען געבליבען פאַר׳עקשנ׳ט אין זייער גלוי־בען. אָבער די פּשוט׳ע אידען האָבען זיך גענומען וואַקלען. דער צוויי פּנימ׳דיגער לעבען האָט זיי ביכלאַכוויז איינגעוואוינט צו דער מאַשעע און מאַכמעדאַנישע פיהרונגען. אום צו רעכטפאַרטיגען זייערע מעשים, האָט זיך אויסגעאַרבייט אַ געדאַנק, דאָס די גזרה וואָס האַלט אַן אַזוי לאַנג באַווייזט, אַז גאָט האָט פאַרלאָזען זיין פאָלק, געביטען די תורה און אויסדערוועהלט דעם נביא מחמד צו געבען אַ נייע תורה אויף איהר אָרט צו די קינדער פון ישמעאל.

דאַן האָט רבי מיימון אָנגעשריבען אַ טרייסט בריוו צו אַלע אידען אין אַראַ־ביש און עס צושיקט צו אַלע אידען־אַנוסים איבער גאַנץ מאַראָקאָ. דאָרט זאָגט ער אומגעפעהר אַזוי:

„צו אונזערע אידען וואָס געפינען זיך אין צרות. דער בורא זאָל אויף אייך אינגני־
כען רחמנות האָבען!

„מיר דאַרפען וויסען אַז די צרות וואָס קומען אויפ׳ן אידען פונ׳ם בורא זיינען צוליב אַ גוטען צוועק, און ניט חס ושלום מיט׳ן ציל פון נקמה און פאַרניכטונג. אַזוי שטעהט אין פסוק: גוט און עהרליך איז גאָט, דערפאַר צייגט ער אַן די זינדער דעם גוטען וועג . . .

„די אידישע אומה, וועלכע ער האָט אויסדערוועהלט פון אַלע איבעריגע אומות, וועט ער קיינמאָל ניט פאַרבייטען אויף אַן אַנדער אומה, וואָרים „ער איז ניט ווי אַ מענש וואָס האַלט קיין וואָרט ניט, אָדער ווי איינער וואָס טוט אַ זאַך און האָט חרטה״. „דער אייביגער זאָגט קיין ליגען ניט און באַדאַכט זיך ניט״, באַהויפּ־

טעט דער נביא. עס איז אונמעגליך צו גלויבען די יעניגע וואס זאגען אז דער בורא האט אונז פארביטען אויף אן אנדער אומה, ווייל ביז איצט האט ער זיך מיט קיינעם פון זיי ניט ארומגעפיהרט ווי מיט דעם אידישען פאלק, זיין געליבט פאלק . . .

„ישראל אין גלות איז נאך אלץ זיין געליבט קינד, און ער שטראפט איהם אזוי ווי א געטרייער פאטער זיין קינד . . .

„די תורה איז ניט געגעבען געווארען אין באהעלטעניש, און ניט אין געהיים, נאר פאר אלע מענשען אין די אויגען. אויב מיר זעהען ווי פון אונזער סך זייגען וועניג געבליבען און די זעלביגע האלטען אין אונטערגעהן ביסלאכווייז, בעת זייערע אונטערדריקער פראגרעסירען און שטייגען העכער פון טאג צו טאג, טארען מיר ניט פארלירען קיין האפנונג און מיינען, אז ער האט אונז שוין פארלאזען אויף שטענדיג; נאר מיר מוזען גלויבען, אז אויב מיר וועלען זיך האלטען אן איהם, וועט ער אונז ווידער העלפען, לויט דער הבטחה צו משה'ן זיין אמת'ער נביא . . .

„פאר אונז בלייבט אלזא נאר צו לעבען, ליידען און האפען, צו לערנען תורה און אפהיטען איהרע מצוות. ווארים דאס איז אונזער שטריק זיך אנצוהאלטען. שטעהענדיג אינמיטען די שטורעמדיגע כוואליעס כדי צו קענען האפען ניט דער־טרונקען צו ווערען אין ים פון גלות.

„זאל יעדער פון אייך זיך שטארקען אפצוהיטען די מצוות פון דער תורה וויפיל ער קען און וויפיל עס איז מעגליך, ניט שטעלענדיג זיין לעבען אין סכנה. און אויב צוליב די אונטערדריקען קען א איד ניט אפהיטען צו דאווגען דריי מאל א טאג ווי דער דין איז, זאל ער כאטש זאגען א קורצע תפילה אינדערשטיל, אבי ער וועט יעדען טאג זיך אליין דערמאהנען דאס ער איז א איד, דער זוהן פון'ם פאלק ישראל . . . און דער וואס הערט אלע תפילות וועט די קורצע תפילה מקבל זיין מיט צופרידענהייט, אבי זי ווערט געזאגט מיט'ן גאנצען הארצען, און אין לשון קודש".

דאס איז דער תמצית פון רבי מיימונ'ס טרייסט־בריוו וואס ער האט פאר־נאנדערגעשיקט איבער אלע קהילות און דערמיט ניי באלעבט די האלב אויסגעלאָ־שענע נשמות.

כדאי צו באמערקען, אז די מאכמעדאנער זיינען ניט געווען אזוי „איבער־געשפיצט" ווי די קריסטען אין זייערע גזרות השמד. די מאכמעדאנער האבען ערלויבט צו מל'ן די קינדער צו אכט טעג, און אויך אפצוהיטען אלע אידישע דינים; אויב נאר זיי זיינען געגאנגען אין מאשעע מתפלל זיין און מודה געווען, אז מאכמעד איז א נביא, האבען זיי נאכדעם געקענט זיין אידען, אנפיהרען דעם געוועהנליכען קהלה לעבען, און אפילו לערנען תורה אין געהיים. מיר ווייסען פון ישיבות וואס האבען עקזיסטירט אין מאראקא אפילו, און קיינער האט זיי ניט געשטערט, סיידען אימיצער האט אונטערגע'מסר'ט. קיין אינקוויזיטארישע אונ־טערזוכער האבען די מאכמעדאנער ניט געהאט.

אין פעז האט דער רמב"ם זיך באפריינדעט מיט די גרויסע געלערענטע און אזוי זיך פארפאלקאמט אין פילאזאפיע און מעדיצין. א צופאל האט איהם געצוואונגען ארויסצוקומען אין דער עפענטליכקייט מיט א בריוו.

דאס איז געווען אן ענטפער אויף א בריוו, געשריבען פון א פרומען רב (זיין

נאָמען איז ניט באוואוסט) וואו ער זאָגט אָפּ פון עולם הבא יענע אידען, וואָס פיה־רען אַ צוויי פּנים'דיגען לעבען: אין דער עפענטליכקייט אַלס מאַכמעדאַנער און אין געהיים ווי אידען. ער באהויפּטעט, אַז יענער וואָס לערענט, דאַווענט און היט אָפּ אַלע מצוות פון דער תורה, אויב נאָר ער האָט ארויסגעבראַכט פון מויל „מאַכמער איז דער אמת'ער נביא", ווערט ער אַזוי ווי אַ ריכטיגער משומד, ער געהער מעהר ניט צום כלל ישראל, ער איז פּסול צו עדות און שבועה, און האָט דעם דין ווי אַ געצענדינער בנוגע די דינים פון גיטין און קדושין.

יענער רב שרייבט: ווען אַ איד געהט אריין אין זייער אַ געבעט הויז, אפילו ער עפענט גאָר זיין מויל ניט דאָרט, דערנאָך קומט ער אהיים און דאַווענט, פאַר־דינט ער אַ טאָפּעלטע עברה. אויף איהם זאָגט דער תלמוד: צוויי שלעכטע זאכען געטאָן פאַר איין מאָל: „זיך געבוקט צום צלם און דערנאָך זיך געבוקט צום היכל".

דער אויספיהר איז, אַז יעדער איז מחויב מוסר נפש צו זיין, צו שטאַרבען אליין מיט זיין ווייב און קינדער אויף קדוש השם, און ניט צוגעבען אַז יענער משוגענער (מאַכמעד) איז אַ נביא. ווער עס טוט ניט אַזוי, איז אַ משומד, ניט אכטענדיג וואָס אין הויז היט ער אָפּ אידישקייט און לערענט תורה.

אין מעקא, זאָגט ער, געפינט זיך אַ געץ — דער קאַבאַ שטיין, צו וועלכען די מאַכמעדאַנער בוקען זיך. מאַכמעד אליין איז געווען אַ צורר היהודים און ביי זיין לעבען אומגעבראַכט אריבער 75 טויזענט אידען. זיין אמונה איז געצענדינסט, און געהט אריין אין כלל פון יענע עבודה זרה'ס וואָס דער דין איז צו לאָזען זיך הרג'ענען אבי ניט דינען. דער וואָס טוט ניט אַזוי, איז אַן אמת'ער משומד, און האָט מער קיין חלק ניט אין דעם אידישען גאָט.

דער בריוו האָט שווער געטראָפען די דאָרטיגע אנוסים. זיי זיינען ארומגע־גאַנגען פאַרטרויערט, געפּייניגט און פאַרשעהמט.

די ברייטע מאסען, דערהערענדיג אַז טראָץ זייער ליידען און דינען גאָט האָבען זיי דעם דין פון משומדים, האָבען זיך געטראַכט: אויב אַזוי, לאָמיר מאַכען אַן ענד צו דעם אַלעם, ווערען גוים און לכל הפּחות אויפהערען צו ליידען? סיי ווי אַלעם פאַרלוירען.

2

אגרת השמד פון רמב"ם

דער רמב"ם האָט דערזעהן דעריין די סכנה פון שמד איבער גאַנץ מאַראָקאָ — דאָס מאָל שוין אויף אַן אמת און מיט'ן גוטען ווילען. דערפאַר איז ער ארויס פון זיין שטודיר צימער און צום ערשטען מאָל ערשינען מיט'ן געשריבענעם וואָרט אין דער עפענטליכקייט. מיר גיבען דאָ איבער בלויז אויסצוגען פון דעם בריוו, באוואוסט אונטער'ן נאָמען „אגרת השמד", און פון די פראַגמענטען וועט דער לעזער פאַרשטעהן דעם הויפּט געדאַנק.

צוערשט דערינגט ער ווי גרויס עס איז די זינד צו שטעמפּלען אַ כלל אידען אַלס עוברי עברה. די ראיה פון ישעיה'ן, וואָס איז געשטראָפט געוואָרען פאַר'ן זאָגען „איך געפין זיך צווישען אַ פאָלק מיט אומריינע ליפּען", טראָץ דעם וואָס

דאָס רוב פון זיי וועלן געווען געצענדיגער. דאָס זעלביגע אליהו. און אויב יענע גרויסע נביאים האָבן באַקומען דעם שטראָף דערפאַר, וועט אַ היינטיגער איד געווים באַשטראָפט ווערן.

אידען, דרינגט ער, הערען קיינמאָל ניט אויף צו זיין אידען. אפילו זינדיגענדיג. בפרט די קהלות פון אונזערע לאַנד, וואָס האָבן ניט ווידערגעשפּעניגט אין גאָט, זוכענדיג הנאות פון דער וועלט אָדער צו קריגען הויכע שטעלען, נאָר די נויט האָט זיי דערצו געבראַכט, די מורא פאַר׳ן שווערד, דער דרוק פון מלחמה . . .

„אין תלמוד געפינען זיך געגוג געשיכטעס פון תנאים, ווי: רבי מאיר, רבי אליעזר בן הורקנוס און אַנדערע וואָס האָבן זיך אין צייט פון סכנה פאַרבאַהאַלטען אונטער דער מאַסקע פון אַ אַנדער גלויבען, זאָגענדיג אַזעלכע ווערטער וואָס קענען פאַרשטאַנען ווערען אַזוי און אַנדערש . . .

„די מאַכמעדאַנער צווינגען אונז ניט צו דינען עבודה זרה, בלויז צו זאָגען ווערטער, וואָס די צווינגער אַליין ווייסען, אַז מיר נאַרען זיי אָפּ, און גלויבען ניט דערין״.

ווייטער לאָזט ער זיך אַריין אין דעם ענין פון קידוש השם און ווי ווייט אַ איד דאַרף געהן דערין.

ווי און ווען דאַרף אַ איד זיך מוסר נפש זיין פאַר אידישקייט ? דאַרויף ענטפערט דער רמב״ם אַזוי :

די חכמי התלמוד פסק׳ענען, אַז אַ איד איז מחויב זיך צו לאָזען הרג׳ענען אויב מען צווינגט איהם עובר צו זיין אויף די פאָלגענדע דריי הויפּט יסודות פון אידישקייט : עבודה זרה און אַפּליקענען דערמיט די איינהייטליכקייט פון גאָט ; גלוי עריות — פאַרשוועכונג פון צניעות און די סעקסועלע ריינליכקייטען, און שפיכות דמים — צו מאָרדען מענשען. דער זעלבער דין פון מסירת נפש געהט אָן אויך ביי אַנדערע עבירות, אויב דער צווינגער טוט עס מיט דער כונה אָפּצושמד׳ן דערמיט, ניט מחמת זיין הנאה אָדער סיי וועלכען זייטיגען צוועק וואָס ער האָט דערביי.

אַ איד איז אַנגעזאָגט מקיים צו זיין די מצוה פון קדוש השם, און פאַרזאָגט געגען חלול השם. אומקומענדיג פאַר אידישקייט איז ער מקיים די מצוה פון „קדוש השם״; אויספאָלגענדיג דעם צווינגער — באַגעהט ער דערמיט אַ חלול השם. און אַזוי ווי חלול השם איז אַ גרויסע עברה וואָס ניט יום כפור, ניט יסורין און אפילו קיין תשובה קען עס ניט מכפר זיין, נאָר אָפּשטופּען ביז דעם יום המיתה, ווען דער טויט איז מכפר, אַזוי פאַרקעהרט איז קדוש השם אַ גרויסע מצוה, און דער וואָס היילינט דעם בורא׳ס נאָמען דורך לאָזען זיך פייניגען און טויטען צוליב זיין נאָמען, קריגט גרוים באַלוינונג אויף יענער וועלט. יעדער איד איז אַנגעזאָגט אויף קדוש השם. אַזוי דרש׳נ׳ט דער ספרא דעם פסוק : „אני ה׳ אשר הוצאתי אתכם מארץ מצרים וכו׳״ — אויף׳ן תנאי איהר זאָלט פּראָקלאַמירען מיין היילינגען נאָמען פאַר אַלעמען אין די אויגען ; דאָס מיינט, מקדש השם צו זיין.

אָבער אויב אַ איד איז ניט גענוג שטאַרק אויסצושטעהן דעם נסיון צו ליידען וועהטאָג, אָדער שטאַרבען, ווען מען צווינגט איהם עובר צו זיין איינע פון די הויפּט דריי עבירות, און איז זיי יאָ עובר כדי זיך צו ראַטעווען, האָט ער בלויז ניט

מקיים געווען די מצוה פון קדוש השם און געטאָן אַן עולה באַגעהענדיג אַ חלול השם. אָבער דערפאַר קומט איהם ניט צו באַשטראָפען מיט איינע פון די זיבען עונשים (סקילה, שרפה, הרג, חנק, כרת, מלקות, ומיתה בידי שמים). וואָרים מיר געפינען ניט אין דער תורה און תלמוד מען זאָל באַשטראָפען אַ מענשען פאַר אַן עברה — אַ האַרבע צי אַ גרינגע — אויב ער איז געווען געצוואונגען דאָס צו טאָן אונטער אַ סטראַשונאַק פון יסורים אָדער טויט. דער כלל „אונס רחמנא פטירה״ (דעם געצוואונגענעם האָט די תורה גע׳פּטר׳ט) האַלט אויס אומעטום.

אויסער דעם, איז די היינטיגע גזרה ניט גלייך צו די פאַרצייטיגע שמד גזרות וועגען וועלכע די גמרא שמועסט. דאַן האָט מען אידען געצוואונגען עובר צו זיין במעשה, ניט צו מל׳ן קיין קינדער, ניט צו היטען קיין שבת, ניט צו לערנען תורה, בעת די גזרה פאַרפליכטעט גאָרניט צו טאָן וועלכע ס׳איז טאַט, נאָר רעדען אליין, דאָס הייסט: אַרויסזאָגען עטליכע ווערטער וואָס מיר גלויבען ניט, און אפילו די צווינגער ווייכען אַז מיר גלויבען ניט, נאָר מיר זאָגען זיי ארויס כדי נאָכצוקומען אימיצענס קאַפּריז און צופרידען צו שטעלען זיין שגעון.

אמת, דער וואָס לאָזט זיך אומברענגען, אַנשטאַט צו מודה צו זיין אין דער נביאות פון יענעם מענשען (מחמד) שטעהט אויף אַ הויכער מדרגה און זיין שכר איז זעהר גרויס, ווייל ער האָט דאָך מקיים געווען די מצוה פון קידוש השם מיט אַלע הידורים. אָבער דער וואָס קומט אונז פרעגען דעם דין: צי זאָל ער מודה זיין אָדער זיך לאָזען אומברענגען? איז אונזער ענטפער צו איהם: זיי מודה און בלייב לעבען, אָבער אנטלויף פון דאנען צו אַ מדינה וואו דו קענסט פאַרזעצען צו זיין אַ איד אין דער עפענטליכקייט.

אַט דאָס איז די עצה פאַר מיר אליין, צו מיינע פריינט און צו יעדען פרעגער: אַנטלויפען פון די מקומות און געהן צו אזעלכע מדינות וואו מען קען זיין אַ איד בפרהסיא. קיינער זאָל זיך ניט שרעקען, און ניט זשאַלעווען צו פאַרלאָזען זיינע קינדער און פאַרמעגען. וואָרים די תורה מיט איהרע מצוות קומען פריהער פאַר געלט און געפיהלען צו משפחה, צו פרוי און קינדער, און אנדערע באַקוועמליכקייטען. די אַלע זיינען צייטווייליגע אייגענטומען, בעת די תורה איז אייביג.

אָבער אויב מען צווינגט איהם עובר צו זיין אויף איינע פון די מצוות אין טהאַט, זאָל ער פאַרלאָזען אלסדינג, וואנדערען דורך טעג און נעכט, ביז צו געפי־נען אַן אָרט וואו צו דינען גאָט אָהן שטערונג . . . און ער וועט געפינען! די וועלט איז גענוג גרויס און ברייט . . .

אין פאַל דאָס האַרץ דערלאָזט ניט, ער איז צו שוואַך זיך צו שטאַרקען, אָדער די ימים זיינען אין אַ חזקת סכנה, דערפאַר איז ער מודה לפנים אין יענעמ׳ס נביאות — זאָל ער וויסען ביי זיך, אַז ער איז מחלל דעם נאָמען פון בורא יעדע מינוט, אויב ניט מיט׳ן גוטען ווילען, אָבער כמעט אזוי; ער דאַרף זיך פיהלען ווי אַ נזוף אין די אייגענע אויגען... און דאָך זאָל ער ניט פאַרלירען קיין האָפנונג אויף גאָט׳ס מחילה, זיך באַמיהען אָפּצוהיטען די איבעריגע מצוות וואָס ער קאָן יאָ מקיים זיין, און שטענדיג האַלטען אין געדאַנק צו אַנטלויפען פון דער מדינה ביי דער ערשטער געלעגענהייט.

און דער וואָס עס האָט יאָ די מעגליכקייט אוועקצוגעהן אין אַ צווייטע מדינה און געהט ניט, ווייל ער וואַרט אויף משיח׳ן, וואָס וועט מסתמא אלע גזרות בטל

מאכען — דער איז א פושע. ווייל עס איז ניטא קיין באשטימטע צייט צו זיין קומען און דער חיוב פון מצוות ווענדעט זיך ניט אן איהם.

דעם דאזיגען בריוו ענדיגט ער מיט א דרינגענדער בקשה פאר טאלעראנץ. קיינער זאל ניט באליידיגען קיין פושע ישראל, ניט קיין מחלל שבת און ניט קיין אנוס, נאר זיי אויפנעהמען אין שוהל מיט כבוד, זיי צו טרייסטען, און מזרז זיין אפצוהיטען די מצוות וואס זיי האבען יא די מעגליכקייט אפצוהיטען.

אינטערעסאנט צו באמערקען, אז אין דער שרעקליכער עפאכע, ווען מען האט געזאגט צו אידען: ענטוועדער שמד אדער טויט, האבען זיך די פון דייטש־לאנד, ענגלאנד, פראנקרייך און איטאליע, אויסגעצייכענט אנטקעגען זייערע ברידער פון שפאניע מיט א זעלטענער עקשנות, ניט מאכענדיג קיין פשרות אפילו אויף א האר; ניט פרעגענדיג קיין שאלות און ניט זוכענדיג קיין היתרים זיינען הונ־דערטע טויזענטער אידען געגאנגען אויף קידוש השם, און אפילו מיט די אייגענע הענט די ווייבער און קינדער געשאכטען, מאכענדיג נאכדעם אן ענד צום איי־גענעם לעבען, אויב זיי האט געדראהעט דער נסיון פון שמד. די היסטאריע האט צו דערצעהלען א סך געשיכטעס פון גאנצע קהלות אין דייטשלאנד און פראנקרייך, ווי דער רב האט צענויפגערופען אלע אידען מיט זייערע פאמיליעס אין שוהל, זיי דערצעהלט אז די רוצחים דערנעהענטערען זיך, און גאר אינגיכען וועלען אידען דארפען שטעהן צום נסיון . . . מיט די דערוואקסענע איז ער, דער רב, זיכער דאס זיי וועלען ליבערשט ליידען אלערליי ענוים און „די הענט ניט פארשפרייטען צו א פרעמדען גאט"; אבער ער האט מורא פאר די קליינע קינדער וואס פאר־בלייבען אהן עלטערען אין גוי׳אישע הענט און וועלען פון יענע דערצויגען ווערען אלס קריסטען. דערפאר ראט ער, אז יעדער איד זאל שעכטען מיט׳ן שוחט׳ס חלף זיינע קינדער און פרוי, נאכדעם זיך אליין . . . גאנצע קהלות זיינען אויף אזא אופן אומגעקומען דורך די אייגענע הענט.

אזא מארטירערטום האט געקענט געבען א פאלק וואס גלויבט נאאיוו און אויפריכטיג אין די ווערטער פון תורה און תלמוד. דער טיפער גלויבען און זעל־טענע איבערגעבענהייט צום פאלק און גאט האט געמאכט אין זייערע אויגען דעם קדושים־טויט גרינג ווי א שפילכעל.

די שפאנישע אידען זיינען שוין אבער געווען אנגעזאפט מיט פרעמדע קול־טור און פילאזאפיע, דאס האט אפגעשוואכט דעם ברען פון ריינעם גלויבען; קו־מענדיג איז צוזאמענשטויס מיט׳ן לעבען, וואס איז ביי זיי טייער געווען, האבען א סך פון זיי, ניט וועלענדיג אדער ניט קענענדיג פארלאזען זייער היים, האב און גוטס, געמאכט א פשרה: אננעהמען דעם גלויבען לפנים און זיין אידען אין געהיים. דאס איז געווען דער פרייז וואס זיי האבען באצאהלט פאר׳ן לעבען, אדער צו פארשפארען דורכמאכען א נייעם גלות.

רב יעקב עמדין זאגט דערויף: די שפאנישע אידען זיינען געשטעלט געווא־רען צום נסיון, און ניט אויסגעהאלטען. אין צרפת, אין אשכנז זיינען קיין בא־האלטענע אנוסים ניטא. די דאזיגע אידען האבען געזאגט צו זייערע פייניגער: איך וויל לעבען ווי א איד! אויב ניט — וועל איך ליבערשט שטארבען ווי א איד. קיין צוויי פנים׳דיגקייט האב איך ניט . . .

און שולדיג אין דעם איז, די „פארשאלטענע פילאסאפיע" וואס קיהלט אפ

דעם פייער פון בארג סיני. די אשכנזישע אידען ווייסען דערפון ניט, דערפאר איז זייער אמונה שטארקער ווי טויט און פייערדיגער ווי דער פייער פון אויטאָ־דע־פע. פראָסטע אידען, אָבער גלויביגע . . . א ראיה איז פון שפאַניע גופא, וואו די איינפאַכע אידען האָבען אויסגעקליבען דעם וועג פון מסירת נפש נאָר אָהן שאלות, בעת די אויפגעקלערהרטע האָבען זיך געזוכט א היתר אויף׳ן צוויי פּנים׳דיגען לעבען.

דאָס, זאָגט ער, איז אָנגעוואונקען אין דעם ערשטען קאַפּיטעל תהילים, וואו עס ווערט געלויבט יענער מענש וואָס „זיין באַגעהר איז נאָר צו דער תורה, און איהר לערענט ער טאָג און נאכט". ווארים דאָס אידישע פאָלק איז געגליכען צו א בוים, פארפלאַנצט אויף באַכען וואסער וואס פארוועלקט קיינמאָל ניט, ניט אין קאַלטע ניט אין הייסע צייטען. „אשר פריו יתן בעתו", פרוכט (דאָס סימבאָליזירט לויט דער גמרא, די געלערענטע) גיט ער ארויס נאָר אין א גינסטיגע צייט; ווי גיך די לופט איז אומגינסטיג — ווערט עס פארווערימט און פאַלט ארונטער פון׳ם בוים. אָבער „ועלהו לא יבל", זיינע בלעטער (דאָס מיינט: די פּשוט׳ע מאסען, ניט געלערענטע אָבער פרומע) „לא יבל", דאָס וועלקט קיינמאָל ניט: די גרעסטע היצען צעטריקענען זיי ניט, די שטאַרקסטע ווינטען רייסען זיי ניט ארונטער פון׳ם שטאָם.

אזוי זאָגט רב יעקב עמדין, מסתמא אויסדריקענדיג דערמיט די מיינונג פון אַלע געלערענטע חכמי צרפת און אשכנז. ס׳איז אָבער פאַראַן די צווייטע זייט פון דער מטבע, וואָס פארטיידיגט די שפאַנישע אידען.

א גרויסע טייל געלערענטע זוכען צו פארטיידיגען די שפאַנישע אידען דורך די צוויי הויפּט־פאַקטאָרען: 1) וואָס דער מאכמעדאניזם האָט ניט אויסגערופען געגען זיך אזא שנאה פון אידען ווי קריסטענטום; 2) די מאַכמעדאַנער האָבען געברויכט א סך לייכטערע מעטאָדען געגען די גע׳שמד׳טע אידען און זיי וועניגער פארפאָלגט ווי די קריסטען האָבען געטאָן.

אין כלל רעדענדיג ליגט א תהום צווישען אידענטום און מאַכמעדאניזם, אָבער די סתירה צווישען זיי ביידען איז ווייט ניט אזוי שאַרף און בולט ווי צווישען אידענטום און קריסטענטום. די אבסאָלוטע איינהייט (אחדות הבורא) איז די וויכטיגסטע און די הויפּט דאָגמע פון דער אידישער רעליגיע. געהענדיג אין פייער פארברענט צו ווערען האָבען אידען אויסגעשריען „שמע ישראל ה׳ אלקינו ה׳ אחד". דאָס זאָל הייסען ווי זיי זאָגען: „מיר קענען ניט אָננעהמען אייער דריי אייניגקייט, ווייל ביי אונז איז דאָ נאָר איין גאָט".

„איינער" — דאָס איז דער הויפּט יסוד פון אידישען גלויבען. לייקענענדיג דערין, מיינט עס געלייקענט אין אַלעם, אפילו מקיים זייענדיג אַלע מצוות פון דער תורה.

און אָט דעם רעליגיעז־נאַציאָנאַלען קאמף האָבען אידען געדארפט דורכמאַכען נאָר מיט די קריסטען, ניט מיט די מאַכמעדאנער. די לעצטע רעליגיע פּרע־דיגט די זעלבע איינהייט, צוגעבענדיג בלויז אז מאַכמעד איז דער נביא; ניט קיין זוהן, ניט קיין דריטעל פון גאָט, נאָר א נביא, און געבוירען פון טאטע־מאמע ווי אַלע מענשען. דער מאַנאָטעאיזם איז אַלזאָ א ריינער, און אידען האָבען עס ניט געדארפט באַטראַכטען פאר געצענדינסט, נאָר אַלס פארפיהרונג פון א פאַלשען נביא.

ווען מען האָט אַ אידען געצוואונגען צו זאָגען דעם פּסוק „אללאה איז אללאה און מאַכמעד איז זיין נביא", האָט ער די ערשטע העלפט געקענט זאָגען מיט׳ן גאַנ־צען הארצען, בלויז ניט איינשטימען מיט דער צווייטער העלפט. דער רמב״ם זאָגט טאַקע, אַז „אַט די ישמעאלים (מאַכמעדאַנער) זיינען ניט קיין געצענדינער, זיי האַלטען די איינהייט פון גאָט מיט׳ן גאַנצען הארצען ווי געהעריג איז".

אויבער דעם גרויסען אונטערשייד זיינען די מאַכמעדאַנער פון יענער צייט געווען פיל מילדער צו די גע׳שמד׳טע. זיי האָבען קיינמאָל ניט איינגעפיהרט דעם סיסטעם פון שפּיאָנעריי, געהיים פּאָליציי און אינקוויזיציעס פאַר די ניי באַקעהרטע, ווי די קריסטען האָבען געטאָן, כדי צו פאַרביטערען דעם לעבען פון די אנוסים. זיי האָבען זיך קיינמאָל ניט שטאַרק געקימערט ווענען דעם פּריוואַט לעבען פון יענע „באַקעהרטע". די געהיימע אידישע קהילות האָבען ניט נאָר געקענט זיך פיהרען זייער רעליגיעזען לעבען אין הויז, נאָר אפילו אין שוהל, און ישיבות, וואָס זיינען טאַקע געווען איבערפילט מיט הונדערטע תלמידים, וועלכע האָבען פלייסיג געלערענט דעם תלמוד. בלויז דאַן ווען אַ מסירה איז אָנגעקומען פלעגען די רעגי־רער מאַכען אַן אונטערזוכונג, און דערחמיט פלעגט זיך עס ענדיגען.

די זיינען די צוויי הויפּט פּונקטען וואָס האָבען ערלויבט די שפּאַנישע אידען אונטער דער מאַכמעדאַנישער הערשאַפט צו פיהרען אַ צוויי־פּנים׳דיגען לעבען. די אידען פון קריסטליכען פראַנקרייך און דייטשלאַנד, האָבען ניט געקענט טראַכטען ווענען דער פּשרה, איז דער איינציגער אויבוועג געווען: קידוש השם.

3

רמב״מ׳ס משפּחה פאַרלאָזט שמד־מדינה און פאָהרט קיין ארץ ישראל

קיין מוסרים האָבען קיינמאָל ניט געפעלט, און צו אונזער שאַנד, זיינען עס געווען די אידישע משומדים וואָס האָבען געוואָלט זיך אויספיינען אין די אויגען פון די רעליגיעזע פאַנאַטיקער. אין יענער צייט ווען דער רמב״ם, פאָטער און ברודער, זיינען געווען אין פעז, מאַראָקאָ, האָט זיך געפונען אַזאַ מסור וואָס האָט אָנגעוויזען די אַלמאָהאַדען, אויף דער ישיבה, אָנגעפיהרט פון רבי יהודה הכהן אבן־ששון, וואו דער רמב״ם האָט געלערענט, און אַז דער הויפּט אונטערשטיצער פון דער ישיבה איז רבי מיימון. אלס רעזולטאַט דערפון איז דער ראש ישיבה, אבן־ששון, אומגעקומען אויף קדוש השם, און עס האָט געהאַלטען הערביי, אַז די גאַנצע פאַמיליע מיימון זאָל האָבען זעלבען דעם פּסק, ווען ניט די אריינמישונג פון מאַכ־מעדאַנישען דיכטער און פילאָזאָף, אבן מו־וואַשאַ, אַ פריינד פון׳ם רמב״ם, וואָס האָט עדות געזאָגט, אַז די פאַמיליע מיימון זיינען געטרייע מאַכמעדאַנער, און אויף אַזאַ אופן זיינען זיי געראַטעט געוואָרען פון׳ם גרויזאַמען טויט.

לענגער צו פאַרבלייבען אין פעז איז געווען מעהר ווי געפעהרליך, און דעם פערטען פון חודש אייר, 1165, אין איינע פון די שטאָק־פינסטערע נעכט, האָט זיך די מיימון פאַמיליע אריינגעזעצט אין אַ זעגעל־שיף, מיט׳ן ציל צו דערגרייכען ארץ ישראל, וואו אָפּהיטען אידישקייט איז ניט געווען פאַרבונדען מיט מסירת נפש.

פינף טעג האט די שיף זיך געטראגען איבער׳ן מיטעלענדישען ים, אויפ׳ן זעקסטען טאג האט זיך דער ים צעשטורעמט, ווארפענדיג דאס שיפעל ווי א שפענדעל. אין דער צייט ווען עס איז בלויז געווען א שפאן צווישען זיי און דעם טויט, האבען זיי אלע גאט געבעטען, און דער זוהן, משה, האט א נדר געטאן, אז אויב זיי וועלען ניצל ווערען פון טויט, זאלען די צוויי טעג (דער פערטער טאג ווען זיי האבען זיך געזעצט אויף דער שיף, און דער צעהנטער, פון שטורם) זיין פארעכענט פאר הייליגע טעג, צו מתפלל זיין, דאנקען גאט פאר׳ן חסד וואס ער האט געטאן, און טיילען צדקה צו ארימע לייט. דער שטורם האט זיך איינגעשטילט, און דעם דריטען סיון זיינען זיי אנגעקומען קיין עכו. אט דעם דאזיגען טאג האט דער רמב״ם באשטימט פאר א יום טוב, און דעם גאנצען לעבען האט ער די דריי טעג אפגעהיט: דער פערטער און צעהנטער טאג אין אייר (טעג פון שטורם) זיינען געווען געווידמעט צו תורה, תפילה און צדקה, בעת דער דריטער סיון איז באשטימט געווען אלס א פאמיליע יום טוב פאר זיך און זיינע קינדער נאך איהם.

די אידישע קהילה פון עכו האט די פאמיליע אויפגענומען מיט׳ן גרעסטען כבוד. איבערהויפט האט זיך מיט זיי געפרעהט דער דארטיגער רב מרנא יפת בן מרנא אליהו הדיין. מיט דעם לעצטען איז דער רמב״ם געבליבען פריינדליך פארבונדען אויף שטענדיג.

א קורצע צייט זענען זיי דארט פארבליבען, בלויז ביז איבער ראש השנה און סוכות. דעם דריטען טאג אין חשון האבען זיי זיך געזעגענט מיט עכו און אפגעפאהרען קיין ירושלים. נאכ׳ן דורכמאכען גרויסע סכנות זענען זיי אנגעקומען אהין, אין דריי טעג צייט האבען זיי באזוכט אלע הייליגע ערטער, איינשליסענדיג דעם כותל מערבי; פון דארט זיינען זיי אפגעפאהרען קיין חברון. א גאנצען טאג איז דער רמב״ם געלעגען אויף דער מערת המכפלה, און אין דער מערה, וואס אין נאך דאן געווען ערלויבט פאר אידען אריינצוקומען, איז ער פארבליבען אליין, מיט געדאנקען פון׳ם אמאל.

ירושלים איז דאמאלסט געווען אין קריסטליכע הענט, און די לאגע פון דאס ביסעל אידען, וואס האבען זיך דארט געפונען, איז געווען ווייט פון צו זיין גוט. ער מיט זיין אינגערען ברודער דוד, האבען באשלאסען אפצופאהרען קיין עגיפטען. דער אלטער מיימון האט זיך מעהר ניט געוואלט שיידען פון דעם הייליגען לאנד, זענען די צוויי זיהן אפגעפאהרען קיין עגיפטען און זיך באזעצט אין נוא אמון (איצטיגע אלעקסאנדריע). פון דארטען האבען זיי זיך אריבער געצויגען קיין פוסטאט, דאס איז די אלטע קאירא, וואו זיי האבען זיך באזעצט אויף שטענדיג.

ווי עס ווייזט אויס איז שוין דאמאלט גרויס און בארימט געווען דעם רמב״מ׳ס נאמען. ווארום אין עטליכע מאנאטען ארום נאכ׳ן אנקומען אין עגיפטען איז רבי מיימון געשטארבען אין ארץ ישראל, און ווי דער רמב״ם שרייבט צום רב פון עכו „זיינען צו איהם אנגעקומען מאסען טרייסט־בריוו פון אדום און אראביע, א מהלך פון עטליכע חדשים רייזע“.

אבער אין עגיפטען האט מען פון איהם ניט פיל געוואוסט. ביידע ברידער זענען געווען צוריקגעהאלטענע און ניט קיין בארימטער. א געשעפט פון דימענטען פערל און צירונג האבען זיי געעפענט, פון וואס זיי האבען זייער פרנסה געצויגען. ר׳ דוד איז געווען דער געשעפטסמענש, ער איז געפאהרען אין מרחקים, אזוי

ווייט ווי ביז מזרח אינדיע איינצוהאנדלען די סחורות, און דער רמב״ם איז גע־זעסען און געלערנט.

אנקומענדיג אין מצרים איז דער רמב״ם געווען נאך גאר א יונגער מאן, ארום 31 יאהר אלט, די אלע וואנדערונגען און צרות פון לעבען האבען איהם כמעט גאר־נישט געשטערט אין זיין לעהרע און שטודיום. דאן איז ער שוין געווען דער גרעסטער תלמודיסט, איינער פון די בעסטע וויסענשאפטס מענער און דער טיפסטער פילאזאף פון דעם דור. דערין האט זיין ברודער געהאט א גרויסען חלק, זייענדיג דער פרנסה פארזארגער, כדי ער זאל קענען זיצען רוהיג און לערנען.

אבער צו זיצען רוהיג איז איהם ניט באשערט געווען. נאך זיין פאטערס טויט האט איהם געטראפען אן אומגליק, גענוג גרויס צו דערענדיגען די יאהרען פון א געוועהנטילכען מענשען. דאס איז געווען דער טויט פון זיין אינגערען ברודער, פאהרענדיג אויף א שיף וואס איז אונטערגעגאנגען,, ווענגען דעם דאזיגען אומגליק שרייבט ער צו זיין גוטען פריינט רבי יפת אזוי:

... פון די אלע צרות וואס מיר האט געטראפען איז די לעצטע די גרעסטע. דאס איז דער טויט פון מיין ברודער דער צדיק, וואס איז דערטרונקען געווארען פאהרענדיג אויף א שיף אין אינדישען ים, ער האט געהאט ביי זיך א סך געלט: מיינע, זיינע און פרעמדע, איבערלאזענדיג זיין פרוי די אלמנה און קליינע טאכטערל ביי מיר. א יאהר צייט בין איך געלעגען צו בעט פון גרויס יסורים, שיעור ניט אוועק פון דער וועלט. פון דעמאלט אן, שוין דריי יאהר, קלאג איך אויף איהם און קען זיך ניט טרייסטען. און ווי זאל איך זיך טרייסטען? איך האב איהם דאך אויף מיינע קניה דערצויגען, ער איז געווען דער ברודער און דער תלמיד. דער גוטער פריינט, און דער פארדינער כדי איך זאל קענען זיצען רוהיג און לערנען. איצט איז ער אוועק צום אייביגען לעבען און מיר איבערגעלאזען אין א פרעמד לאנד מיט לעבעדיגע צרות. מיין טרויער דערוועקט זיך יעדען מאהל דערזעהענדיג זיינעם א ספר אדער געשריפטס. ווען ניט די תורה און חכמה וואס איך לערען און געפין דערין טרייסט, וואלט איך עס ניט אויסגעהאלטען".

בלייבענדיג א בעל חוב אהן מיטלען צום לעבען, מיט אן אלמנה און א יתום צו דערנעהרען, האט ער געמוזט זוכען א וועג צו פרנסה.

דעם וועג האט ער געפונען א דאנק זיין אלזייטיגער חכמה.

4

דער רמב״ם אלס דאקטאר

איהם איז שוין דעמאלט ניט שווער געווען צו קריגען א רבנות שטעלע וואס זאל איהם געבען פרנסה בכבוד, גאר ער איז געווען געגען דעם, בשום אופן ניט געוואלט נעהמען געצאהלט פאר רבנות, דערפאר האט ער זיך גענומען צו פראק־טיצירען מעדיצין און געבען לעקציעס אין פילאזאפיע פאר א צאהל תלמידים. אזוי דערצעהלט אלקיפטי, אן אראבישער שריפטשטעלער פון יענער צייט.

ווי לאנג ער האט אנגעהאלטען זיינע פילאזאפישע לעקציעס און צי ער האט געהאט ערפאלג אויף דעם געביט, איז אומבאוואוסט. אבער אין דער מעדיצין איז

ער געווען ערפאָלגרייך. די ערשטע צייטען איז זיין פּראַקטיק קליין געווען, אָבער וואָס ווייטער זיינען אַלץ מעהר מענשען געקומען צו איהם. שפּעטער איז זיין נאָמען געוואָרען גרויס אַלס דאָקטאָר ווי איינער פון די גרעסטע אין זיין צייט.

אָבער קיין רוה האָט ער אַלץ ניט געהאַט. אייניגע מאָהל איז ער שטאַרק קראַנק געוואָרען און נאָר דורך ניסים געזונט געוואָרען. אין דער זעלבער צייט איז זיין פרוי געשטאָרבען, פון וואָס ער האָט דורכגעטראָגען גרויס צער.

נאָר זיין אייזען־שטאַרקע נאַטור, גרויסער בּטחון און דער דראַנג צו לערנען און וויסען, האָבען איהם געגעבען כח אַריבּערצוטראָגען די יסורים. שפּעטער האָט ער אַ צווייטען מאָהל חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון אבּולי מאַאַלי, אַ נאָ־בּעלער איינפלוסרייכער מאַן אין צוען, דער אָנפאַרטרויטער פון איינע פון קעניג סאַלאַדין'ס פרויען, די מוטער פון באַריהמטען הערשער אַלאַ־פאַדראַהאַיל. אָט די פרוי האָט איהם באַשאָנקען מיט אַ זוהן, דאָס איז דער אברהם, וועלכער האָט שפּעטער פאַרטראָטען זיין שטעלע אין גייסטיגען לעבען פון עגיפּטען. אין דעם ניי־געבוירענעם זוהן האָט ער געפונען זיין באַלוינונג פאַר אַלע צרות וואָס האָבען איהם ביז איצט געטראָפען. דער שווער ווידער האָט חתונה געהאַט מיט דעם רמב״מ'ס אַ שוועסטער.

ניט ווייניג נחת האָט ער געשעפּט פון זיין תלמיד רב יוסף בן יהודה אבן עקנין. דער איז געווען אַ זוהן פון די אנוסים, שוין געבוירען ווען דער פאָטער, יהודה, האָט געלעבט אונטער דער מאַסקע פון מאַכמעדאַניזם. ווי מיר וויסען האָבען די אַלמאָהאַדען זיך ניט געמישט אין דעם פריוואַטען לעבען פון די אנוסים, און דערפאַר האָט דער פאָטער געהאַט אַ געלעגענהייט צו געבען זיין זוהן אַ גוטע אידישע ערציהונג. אויסער מאַטעמאַטיק און מעדיצין האָט ער אויך געקענט גוט תלמוד. ער איז ניט געווען אַזוי גרויס אין לערנען דערמיט ווערט צו זיין דעם רמב״מ'ס אַ תלמיד מובהק, נאָר דאָס איז איהם יאָ געקומען אַ דאַנק זיין גרויס חשק צום לערנען — אַ חשק וואָס איז אַריבּער אַלע גרעניצען. איהם איז מאוס געוואָרען דער צוויי פּנים'דיגער לעבען, איז ער אַנטלאָפען קיין אַלעקסאַנדריע, כדי צו קענען ווערען אַ איד אין דער עפענטליכקייט, פון דאָרט האָט ער זיך צונויפ־געשריבען מיט'ן רמב״ם, און דער לעצטער האָט איהם געלאַדען צו קומען צו איהם קיין צוען.

איין יאָהר האָט דער רמב״ם מיט איהם געלערענט, אָבער די פאַרעהרונג צו זיין רבּי'ן האָט אָנגעהאַלטען דעם גאַנצען לעבען. דער רבּי האָט איהם אויך ליב געהאַט, און אין די סך בּריוו צום תלמיד רופט ער איהם אָן מיט אַלע לשונות פון ליבּשאַפט.

זיין זוהן, אברהם, און תלמיד, יוסף, האָבען איהם פאַרשאַפט פיל נחת, אַלס באַלוינונג פאַר די שלעכטע יאָהרען וואָס ער האָט געהאַט דורכגעמאַכט.

אין פאַרלויף פון יאָהרען האָט זיך זיין פּראַקטיק פיל פאַרגרעסערט, אַ דאַנק דעם וואָס ער איז געוואָרען דער לייב דאָקטאָר פון סאַלאַדין'ס וויזיר אַלאַ־פאַדראַהאַיל. מעגליך דורך דעם איינפלוס פון זיין שווער איז ער שפּעטער געוואָרען דער דאָקטאָר פון קעניגליכען הויף.

ווענען דעם רמב״מ'ס גרויסקייט אַלס דאָקטאָר דערצעהלט מען צווישען אידען אַ סך געשיכטעס. מיר וועלען דערמאָהנען אייניגע פון זיי:

„דער רמב״ם האָט געהערט אַז ערגעץ וואו געפינט זיך אַ גרויסער דאָקטאָר וואָס מאַכט די וואונדערליכסטע אָפּעראַציעס, אָבער ער וויל קיינעם ניט אויסלערנען זיין חכמה. ווי באַקומט מען דאָס? פאַרשטעלט ער זיך פאַר אַ שטומען, טוט זיך אָן אין צעריסענע בגדים, געהט אוועק צופוס ביז יענער שטאָדט און פאַרדינגט זיך ביי יענעם דאָקטאָר אַלס האָלץ־העקער. דער דאָקטאָר, דערזעהענדיג פאַר זיך אַ שטומען אָבער אַ געהאָרכזאַמען מענשען, האָט ער איהם גענומען צו זיך פאַר אַן אַרויסהעלפער אין אָפּעראַציאָנס צימער. דער רמב״ם האָט אַלעם געפאָלגט, געלאָפען פאַר איהם אין פייער און אין וואַסער, נאָר דערווייל ניט אַרונטערגענומען קיין אויג פון די אַרבייט וואָס יענער טוט. אַ גוטען קאָפּ פון שטענדיג געהאַט, און אין אַ קורצער צייט האָט ער שוין געוואוסט אַלע סודות פון דעם דאָקטאָר׳ס חכמה.

איינמאָל ברענגט מען צו איהם אַ פּאַציענט מיט אַ קראַנקען קאָפּ. נעהמט איהם דער דאָקטאָר אַריין אין זיין באַזונדערען צימער און פאַרשליסט די טיר הינטער זיך. אָבער דער רמב״ם האָט שוין פון פריהער געהאַט אויסגעבויערט אַ לאָך אין סטעליע, דורך וואַנען ער פלעגט נאָכקוקען דעם דאָקטאָר׳ס אַרבייט. פון דאָרטען זעהט ער ווי דער דאָקטאָר זעגט אויף דעם שאַרבען ביים קראַנקען. דאָרט געפינט ער אַ קליין ווערימעל איינגעטשעפּעט אין׳ם דינעם הייטעלע וואָס פאַרדעקט דעם מאַרך. דער דאָקטאָר נעהמט אַ צווענגעלע און וויל איהם אַרונטערנעהמען, שרייט אויס דער רמב״ם: האַלט! וואָרים דאָס הייטעלע איז וועהר דין. ווען דו נעהמסט איהם איבערגעוואַלד וועט ער זיך איינעכען טיפער אין הייטעלע, וואָס וועט זיך דורכרייסען און דער קראַנקער וועט שטאַרבען.

„דער דאָקטאָר, איבעראַשט פון יענעם שטומען וואָס קען גאָר רעדען, ווי אויך דערפון וואָס יענער קוקט איהם נאָך, האָט אַ פרעג געטאָן: טאָ ווי אַנדערש זשע קען איך עס אַרונטערנעהמען?

— קריג אַ קרויט בלאַט — האָט דער רמב״ם געראַטען — און שטעל צו נאָהענט. אַ וואָרים האָט ליב קרויט. וועט ער אַליין פאַרלאָזען דאָס הייטעל און אַרויפקריכען אויף׳ן בלאַט.

„יענער האָט איהם געפאָלגט, און אַזוי איז עס געווען. דער קראַנקער איז באַלד געזונט געוואָרען. דער רמב״ם האָט זיך געלאָזט דערקענען ווער ער איז, און פון דאַמאָלט אָן זיינען זיי געוואָרען גוטע פריינד פאַר׳ן גאַנצען לעבען״.

אַ צווייטע געשיכטע:

„דער רמב״ם מיט זיינעם אַ פריינט, אויך אַ גרויסער דאָקטאָר, נאָר אַ גוי׳אישער, האָבען צוזאַמען אויסגעפונען על פי חכמת הדאָקטאָריע, מען זאָל קענען מאַכען אַ מענשען צו קענען לעבען אייביג. ווי אַזוי? נעהמען אַ געזונטען מענשען, איהם צושניידען אויף שטיקער, אַריינטאָן אין אַ גלעזערנער פלאַש, אַרויפגיסען אַזעלכע רפואות, פאַרשטאָפּען גוט און לאָזען שטעהן פיר וואָכען אַזוי. אין דער צייט וועלען די שטיקער צונויפקומען, מען וועט עפענען די פאַרשטאָפּונג, דער מענש וועט אַרויסקומען אַ פרישער, אַ געזונטער, און וועט נאָכדעם לעבען אייביג.

„אָבער אַזוי ווי קיין זייטיגער מענש וועט ניט וועלען מען זאָל אויף איהם מאַכען די ערשטע פּראָבע, האָבען זיי באַשלאָסען דאָס צו פּרובירען אויף זיך אַליין: וואַרפען גורל, און אויף וועמען דער גורל וועט פאַלען, דער זאָל זיך לאָזען צע־

שניידען. דער גורל איז געפאלען אויף'ן גוי, און דער רמב"ם האט איהם צעשניטען, פארפאקט און באגאסען מיט די רפואות.

עטליכע טעג פאר'ן טערמין האט דער רמב"ם געזעהן ווי דער גוי איז שוין באלד פארטיג. האט ער גענומען עפענען די פלאש — דאס וואס ער האט ניט געטארט. יענער האט געוואוסט אז דאס מיינט זיין טויט, דערפאר האט ער ארויסגעשטעקט די האנט, איהם צו דערמאהנען אז זיי האבען זיך געגעבען תקיעת כף אפצוהיטען איינער דעם צווייטענ'ס לעבען. אבער דער רמב"ם האט דערויף ניט געקוקט און האט די פלאש געעפענט און יענער איז געבליבען טויט... ער האט עס געמוזט טאן, דערקענענדיג אין יענעם דאס ער האט בדעה נאכדעם זיך צו מאכען פאר א גאט, א ראיה — ער לעבט אייביג"...

א דריטע געשיכטע:

„קומענדיג פון פאלאץ אהיים, פלעגען שטעהן גאנצע שורות קראנקע, און דורכגעהענדיג פלעגט ער יעדען איינעם געבען רעצעפטען און אנזאגען ווי זיך צו באגעהן דערמיט. איז געווען איינער א שונא ישראל וואס האט ניט ליב געהאט דעם רמב"ם, האט ער געזאגט: די גאנצע מעשה איז א ליגען! א מענש ווי גרויס ער זאל ניט זיין, קען ניט באהאנדלען בלויז פארבייגעהענדיג אזוי פיל קראנקע... כדי צו איבערציינען די איבעריגע זיין מיינונג, האט ער זיך ארייגעשטעלט אין שורה, כאטש אליין איז ער געווען געזונט ווי א ריז. ווען דער רמב"ם איז צו איהם געקומען, זאגט ער: פאר דיר איז קיין מעדיצין ניטא, דו וועסט אין א מאנאט ארום שטארבען.

„דער שונא ישראל האט דעם שפאס דערצעהלט זיינע פריינט און אלע האבען געלאכט מיט איהם צוגלייך. אבער עס זיינען אוועק עטליכע טעג און דער לעצטער האט גענומען טראכטען: אפשר האב איך טאקע אזא געהיימע קראנקהייט פון וועלכער איך וויים ניט, און ער האט עס יא דערקענט? אלע זאגען דאך יא אז ער איז א גרויסער דאקטאר!

„וואס א טאג ווייטער איז ער אלץ פארצווייפעלטער געווארען, זיינע פריינט האבען געזעהן ווי ער ווערט בלייכער און מאגערער פון טאג צו טאג, ביז ענדליך האט ער זיך געלעגט צו בעט, און פונקט צום מאנאט איז ער געשטארבען, ווי דער רמב"ם האט פאראויסגעזאגט".

דאס זיינען אלץ לעגענדעס וואס ווערען איבערגעגעבען פון מויל צו מויל. וועגען די ריכטיגע היסטארישע פאקטען בנוגע זיין גרויסקייט אין מעדיצין, וועט דער לעזער געפינען אין קומענדען קאפיטעל.

5

די גרויסקייט פון רמב״ם אין מעדיצין

היסטאָרישע פאַקטען, וואָס קיינער קען ניט צווייפלען אין זייער עכטקייט באַווייזען אַז דער רמב״ם איז געווען זעהר גרויס אין מעדיציןֿ, סיי אין דער טעאָריע סיי אין פּראַקטיק.

דער ערשטער עדות איז אלקיפטי, אַן אַראַבּישער מחבר פון יענער צייט, וואָס שרייבּט וועגען רמב״ם'ס גרויסען נאָמען אין דער מעדיצינישער וועלט, ווי אַזוי דער גרויס וויזיר אלפאדהאל האָט איהם געמאַכט פאַר זיין לייב־דאָקטאָר און פאַר איהם באַשטימט אַ יעהרליכען געהאַלט פון דער קעניגליכער קאַסע.

דער רמב״ם אַליין, אין אַ בּריוו צו זיין ליבּלינג־תלמיד, רבי יוסף עקנין, שרייבּט צווישען אַנדערש: „אויך קען איך דיר לאָזען וויסען, אַז מיין מעדיצינישער בּערוף איז זעהר גרויס אין די הויכע קרייזען, אַפילו דער הויפּט ריכטער לע קאַהדי אלקאַדהאַט, דער הויף פון אל זאַדהאַ און די איבּעריגע הויכע בּעאַמטע זענען מיינע שטענדיגע פּאַציענטען.

דער בּאַריהמטער מעדיצינישער און מעטאַפיזיקער, עבדל לאַטיף, פון באַגדאַד, וואָס איז געווען זעהר געאַכט אין דער וועלט מיט זיין חכמה, דאָס אַפילו דער גרויסער סאַלאַדין פלעגט פון איהם שטאַרק האַלטען, האָט צוגעגעבּען אַז זיין צוועק מיט דער שווערער רייזע פון בּאַגדאַד בּיז עגיפּטען איז געווען זיך צו באַ־קאַנען מיט דריי בּאַריהמטע געלערנטע אין מעדיצין, איינער פון זיי איז דער רמב״ם.

דער פּאָטער פון'ם בּאַריהמטען שריפטשטעלער אבן אבו אוסאיביה האָט זיך געריהמט מיט זיין מעדיצינישע גרויסקייט, זייענדיג דער רמבמ'ס אַ תלמיד.

דער בּאַריהמטער דיכטער און ריכטער (קאַרי) אל סאַיד אבן סינה אלמוך האָט געווידמעט אַ לויב געזאַנג צום רמב״ם אין איינעם פון זיינע שירים, וואו ער פאַר־גלייכט איהם צום „פאָטער פון דער מעדיצין", גאַלינוס. ער שרייבּט: גאַלינוס האָט נאָר געהיילט דעם קערפּער, בּעת דער זוהן פון מיימון היילט אויך די נשמות, באַווייזענדיג די נאַרישקייט פון קורירען זיך מיט אבּערגלויבּישע סגולות וואָס שאַדען מעהר ווי זיי היילען.

עס איז אויך אַ פאַקט, דאָס דער ענגלישער קעניג, ריטשאַרד לייבּענהאַרץ, דער ערשטער אָנפיהרער פון די קרייצציגער, זייענדיג אין ארץ ישראל וואו ער האָט באַפעסטיגט די פלשתים־שטאָדט אשקלון און דאָרט בּאַזעצט די קריסטען, האָט געהערט די וואונדער פון'ם רמב'מ'ס מעדיצינישע קונסט, און איהם אָנגעבּאָטען די שטעלע צו ווערען זיין לייב דאָקטאָר. נאָר דער רמב״ם האָט עס ניט אָנגענומען.

זיין מעדיצינישע פּראַקטיק איז געווען זעהר גרויס. וויסענדיג ווי די גרויסע האַלטען פון איהם האָבּען זיך גענומען ציהען קראַנקע פון אַלע זייטען. אין אַ בּריוו צו זיין תלמיד עקנין, וועלכער איז אויך געווען אַ בּאַריהמטער דאָקטאָר מיט אַ גרויסער פּראַקטיס אין באַגדאַד, שרייבּט ער: די פּאַציענטען נעהמען צו מיין גאַנצע צייט, עס בּלייבּט מיר אַפילו ניט ווען צו לערנען די ביכער וואָס רע־

דען וועגען מעדיצין. און דו וועסט דאך ווי שווער די דאזיגע פראפעסיע איז, און ווי פיל פאראנטווארטליכקייט זי טהוט ארויף אויפ׳ן מענשען וואס וויל זיין געוויסענהאפט און אויסגעהאלטען. איך גיב נאר אזא עצה וואס מען קען באגרינדען מיט ריכטיגע ארגומענטען אדער דורכגעמאכטע פון אנערקענטע אויטאריטעטען״.

פון דעם קורצען אויסצוג קען מען זיך מאכען א באגריף ווי ערענסט דער רמב״ם האט זיך באצויגען צו דער דאזיגער פראפעסיע.

ער האט ניט פיל געהאלטען פון פארשרייבען רפואות אליין, דער עיקר איז ביי איהם געווען צו לערנען דעם קראנקען די ערשטע כללים פון היגיענע און דיעטע. נאר דעמאלט ווען די היגיענישע און דיעטישע מיטלען האבען ניט געהאלפען פלעגט ער פארשרייבען א מעדיצין.

ער איז געווען געוויסענהאפט, קארעקט, און האט זיכער ניט פארשריבען א רעצעפט דעם קראנקען סתם אזוי אין דער וועלט אבי צו קריגען זיין געלט און איהם ארויס׳פטר׳ן וואס גיכער. דאס געלט איז געווען פון צווייטער וויכטיגקייט.

ווי שטארק ער איז געווען פארנומען מיט זיינע פאציענטען קען מען זעהן פון זיינס א בריוו, געשריבען פון איהם צו רבי שמואל אבן תבון, איבערזעצער פון זיין „מורה נבוכים״. דארט שרייבט ער אזוי:

„איך בין אזוי פארנומען, דאס איך האב פשוט קיין צייט ניט צו עסען. מיין וואוינונג איז אין פוסטאט און דעם קעניג׳ס—אין קאירא, אן ערך פון 2 תחום שבת׳ן. איהם מוז איך באזוכען יעדען אינדערפריה. אויב ער, איינער פון זיינע קינדער, אדער קעפסווייבער איז ניט געזונט, קען איך שוין דעם גאנצען טאג ניט פארלאזען דעם פאלאץ. ווען אלע זיינען געזונט קום איך אהיים נאך האלבען טאג, הונגעריג און פארמאטערט. דארט געפין איך שוין אלע גאלעריעס געפאקט מיט מענשען: קראנקע, גוים און אידען, חשוב׳ע און פראסטע, ריכטער, פאליציאנטען, גוטע פריינט און שונאים, מענער און פרויען — אן ערב רב, וואס ווארטען מיר אפ. געה ארונטער פון דעם אייזעל, וואש די הענט און קום ארויס זיי איבערגעבעטען פאר׳ן ווארטען און בעטען אז ערלויבניש צו האבען א לייכטען צופייסען — די איינציגע סעודה אין מעת־לעת — נאכדעם געה איך ארויס זיי באהאנדלען, געבען עצות און שרייבען רעצעפטען... דאס הערט ניט אויף ביז ביינאכט, כסדר קראנקע אריין און ארויס. הערפון ווער איך אזוי אפגעשוואכט דאס איך קען אפילו ניט רעדען. אזוי איז יעדער טאג פון וואך. דער איינציגער טאג איז שבת, ווען איך גיב זיך אפ מיט קהילה ענינים.

דאס איז געווען דער ענטפער צו רבי שמואל אבן תבון, ווען יענער האט געוואלט אונטערנעהמען די שווערע און געפעהרליכע רייזע אזש פון דרום פראנקרייך קיין מצרים אבי צו קענען פארברענגען מיט׳ן רמב״ם, וועמענס „מורה נבוכים״ ער האט איבערזעצט. דער רמב״ם רעכענט איהם אויס די ארבייט, באווייזענדיג אז מעהר ווי איהם אנקוקען וועט ער ניט קענען, ווייל צו פארברייננגען מיט איהם אין חכמה האט ער קיין צייט ניט.

דער גרויסער קעניג סאלאדין איז געשטארבען און זיינע צוויי יורשים האבען זיך גענומען קריגען וועגען טראן. דער רמב״ם, זייענדיג א הויף מענש, איז ניט ווילענדיג אריינגעצויגען געווארען אין פאליטיק, ביז ענדליך איז דעם עלטערען

ברודער געלונגען צו פארנעמען דעם טראָן. ער איז געווען אין דער יוגענט איינער פון די לעב־יונגען, אַריינגעטאָהן אין תאוות; דאָס האָט זיך אָפּגערופען שלעכט אויף זיין געזונט אין די שפּעטערדיגע יאָהרען. דאַן האָט ער געבעטען דעם רמב״ם, זיין ליב דאָקטאָר, אָנצושרייבען פאר איהם א בוך ווי א מענש דאַרף זיך אויפפיהרען. דער רמב״ם האָט דאַן אָנגעשריבען זיין „מאַקראָביאָטיק", א וויכטיגער בוך וועגען דער היגיענע פון לעבען; האַרט זאָגט ער, אז נאָר דער וואָס פיהרט זיך מאַראַליש, און דערהווייטערט זיך פון פרעסען, טרינקען און פרויען—נאָר דער מענש קען זיין געזונט. וויין און סעקסועלער געברויך מאַכען אַלט פאר דער צייט, און טריקענען אוים דעם מאַרך פון קאָפּ און די ביינער.

דאָס איז געווען אן אפענע אָנצוהערעניש דעם טיראַנישען אָריענטאַלען הער־שען אויף זיין פאַרדאָרבענעם וועג פון לעבען, דערמיט האָט דער רמב״ם גע־וואַגט צו פיל. בלויז דער וואָס וויים די פאַראַנטוואָרטליכקייט צום אמת און צו זיין פּראָפעסיע האָט געקענט זיך אונטערנעהמען צו זאָגען דעם אמת א הערשער, וויסענדיג אז א סך דאָקטוירים האָבען פאר אזא אמת באַצאָהלט מיט׳ן קאָפּ.

וועגען זיין גרויסקייט אין מעדיצין וועט אונז נאָך אויסקומען צו רעדען קור־מענדיג צו זיינע ספרים איבער הלכה און פילאָזאָפיע. א קורצען איבערבליק גיבען מיר איצט:

די אויפגאָבע פון דער מעדיצין איז נאָך זיין מיינונג, צו לערנען דעם מענשען די אורזאַכען פון וואַנען קראַנקהייטען נעמען זיך, און איהם אָנווייזען די דיעטישע און היגיענישע מיטלען ווי געזונט צו זיין. צו באַזיצען א קלאָהרען שכל מוז מען האָבען א געזונטען קערפּער. צווישען טויזענט מענשען געפינט זיך בלויז איינער וואָס שטאַרבט א נאַטירליכען טויט. די איבעריגע 999 שטאַרבען איבער זייער אומוויסענהייט און ניט געהעריגער אויפפאַסונג.

באַרהיטען זיך פון קראַנקהייטען איז לייכטער און בעסער ווי זיי צו היילען. דערפאַר מוז מען וויסען ווי אויסצומיידען שעדליכע זאַכען. א מענש זאָל נאָר דעמאָלט עסען, ווען ער איז גוט הונגעריג, און טרינקען — ווען ער איז דאָרשטיג.

אָבער אפילו דעמאָלט טאָר ער זיך ניט אָנעסען צו פיל. א פערטעל דאַרף בלייבען ניט דערעסען.

א כלל: אין עסען און טרינקען, אַרבייטען און שלאָפען, מוז מען זיין גע־מעסיגט.

זומער איז בעסער צו עסען קאַלטע שפּייזען און ווינטער — וואַרימע. וויין איז שעדליך אין דער יוגענט און מעהר פאַרטראַגליך אויף דער עלטער. ביים עסען זאָל מען קיין וואַסער ניט טרינקען, סיידען געמישט מיט וויין. זויערע און אומצייטיגע פרוכט זיינען ווי סם פאר די געדערים. א מענש דאַרף שלאָפען 8 שעה אין מעת לעת, אָבער בייטאָג איז אומגעזונט צו שלאָפען. איין מאָהל אין 7 טעג דאַרף א מענש האָבען א באָד.

אין לייכטע קראַנקהייטען היילט די נאַטור אליין דעם קערפּער גאָר אָהן רפואות, אויב דער קראַנקער שטערט איהר ניט מיט זיינע שלעכטע אויפפיהרונג. אין ערנסטע קראַנקהייטען דאַרף דער דאָקטאָר בלויז העלפען די נאַטור אין איהר אַרבייט. די מעהרסטע דאָקטוירים מאַכען א טעות היילענדיג מיט רפואות

וואס שוואכען אפּ די ווידערשטאנדס קראפט פון'ם קערפּער. אזעלכע רפואות שאדען מעהר ווי זיי העלפען.

א איד טאר ניט וואוינען אין אזא ארט וואו קיין דאקטאר איז ניטא. דער דאקטאר דארף אבער זיין א געוויסענהאפטער מענש און וויסען זיין פּראפעסיע. דער דאקטאר וואס אנטזאגט זיך צו העלפען דעם קראנקען וואס נויטיגט זיך דער־אין, אדער ער קען ניט זיין ארבייט, אדער ער גיט זיך ניט די מיה אויסצוגעפינען די קראנקהייט, איז גלייך צו א מערדער.

דא איז דער צעטל פון זיינע ספרים וואס מיר האבען פון איהם וועגען מעדיצינישע פראגען:

1) אן אפּהאנדלונג פון רפואות און זייער ווירקונג, א מין „מאטעריע מעדיקא".
2) אן ערקלעהרונג וועגען די אורזאכע פון קראנקהייטען.
3) א באשרייבונג ווי צו היילען פון שלאנגען־געביסענע מענשען.
4) „מאמר ברפואות הטחורים", וועגען מערידען.
5) וועגען אסטמא און איהר קוראציע.
6) „מאמר המשגל" וועגען געשלעכטליכען פארקעהר.
7) אן אפּהאנדלונג וועגען היגיעניע.
8) וועגען גיפט און געגען גיפט.
9) א קיצור פון גאלינוסעס 16 ביכער און פון 5 אנדערע ביכער.
10) מעדיצינישע אפאריזמען פון היפּאקראטוס מיט ערקלערונגען.
11) „פרקי משה" מעדיצינישע אפאריזמען געזאמעלט פון גאלינוסעס ווערק.

עס געפינען זיך אויך אפּהאנדלונגען פון זעלבען וועגען נאז און האלדז קראנק־הייטען און וועגען רומאטיזם.

אין פארבינדונג מיט זיינע גרויסע ידיעות פון גיפט און געגען־גיפט, ווערט דערצעהלט אזא געשיכטע:

ווען דער רמב"ם איז דערהויבען געווארען צו זיין דער הויפּט דאקטאר אין סולטאן סאלאדינ'ס פּאלאץ, האבען איהם שטארק מקנא געווען די פריהערדיגע דאקטוירים, שטערנזעהער און מכשפים, מיט וועלכע דער הויף איז שטענדיג פול געווען. ווארים דער רמב"ם מיט זיין גרויסען וויסען האט זיי פארטונקעלט, און דערמיט בארויבט פון זייער גאנצען כבוד און גדולה. די אלע האבען זיך פאראייניגט צו זוכען מיטלען ווי אזוי פּטור צו ווערען פון דעם געלערנטען אידען, און אט וואס עס איז ארויסגעקומען:

זיי זיינען געקומען צום סולטאן מיט א פארשלאג, אז כדי ער זאל זיך איי־בערצייגען ווער עס איז באמת דער גרעסטער דאקטאר, זאל ער הייסען יעדערען פון זיי אויסטרינקען א געוויסען סם־המות, דעם וואס וועט געלינגען זיך אליין אויסצוהיילען און בלייבען לעבען, יענער וועט איבערצייגען זיין גרויסקייט אלס דאקטאר איבער די אנדערע.

דער סולטאן איז איינגעגאנגען אויף דעם פלאן, און דעם רמב"מ'ס שונאים האבען שוין אזוי איינגעארדענט, אז ער זאל דער ערשטער דארפען נעהמען די גיפט.

אין דער באַשטימטער צייט איז דער רמב״ם געקומען און האָט גאַנץ קאַלט־בלוטיג אויסגעטרונקען דעם סם, אָבער צו זייער גרויס ערשטוינונג האָט עס איהם גאַרנישט געשאַדעט, ווייל פאַר׳ן ארויסגעהן פון הויז האָט ער שוין געהאַט איינ־גענומען דעם געגען־גיפט. די איבעריגע האָבען געטרונקען און אַלע ביז איינעם אויסגעשטאָרבען.

ווי גרויס דער רמב״ם איז געווען אין דאָקטאָריע, איז ער אָבער ניט אין ערד גרעסער אַלס תלמודיסט און פילאָזאָף. זיין גרויסקייט אויף׳ן מעדיצינישען געביט איז געווען לויט זיין צייט און דור, בעת אויף תלמוד און פילאָזאָפיע איז ער אַן עפּאָכע־מאַכער, וועמעס ווירקונג און איינפלוס עס ציהט זיך אויף הונדערטער יאָהרען, און וועט זיין גרויס כל זמן עס וועלען זיין אידען אויף דער וועלט.

6

רמב״מ׳ס איינפלוס אין תימן

א גרויסער אומגליק איז געקומען אויף די אידען פון תימן, און דער רמב״ם איז געווען געצוואונגען זיי צו העלפען מאָראַליש.

אין יענעם פאַרוואָרפענעם ווינקעל פון ווייטען דרום אראביע, האָט אויסגע־בראָכען אַ שאַרפער קריג צווישען די צוויי מאַכמעדאַנישע סעקטען: די שיאיטען— וואָס גלויבען בלויז אין געשריבענעם וואָרט פון קאָראַן, אָבער ניט אין די ער־קלעהרונגען און פירושים, עהנליך צו די אידישע קראַאימער, און די סוניטען — וואָס גלויבען יאָ. כאָטש די מחלוקה איז געווען אַ ריין מאַכמעדאַנישע, האָט זי זיך, ווי שטענדיג, אויסגעלאָזען צו אידישע קעפּ.

די שיאיטען, קריגענדיג די אויבערהאַנט, האָבען געשטעלט אַן אולטימאַטום די דאָרטיגע אידען זיי זאָלען אָננעהמען דעם מאַכמעדאַנישען גלויבען, אויב זיי ווי־לען לעבען.

צענדליגע טויזענטער אידען, אָרים אין געלט און תורה, האָבען זיך געפונען אין אַ שרעקליכע לאַגע, ניט וויסענדיג ווי אַזוי צו האַנדלען. די מערסטע פון זיי האָבען זיך גע׳שמד׳ט לפנים, אַזוי ווי די אידען פון שפּאַניע און מאָראָקאָ. אָבער זייענדיג אַ סך פראָסטער ווי יענע איז געשטאַנען די געפאַר, אַז צייט און געוואוינ־הייט זאָל פון זיי מאַכען אמת׳ע מאַכמעדאַנער.

די מורא איז געוואָרען נאָך גרעסער, ווען אַ משומד, וועלכער איז ניט קיין עם הארץ, וואָס כדי צו געפינען חן אין די אויגען פון מאַכמעדאַנישע דעה זאָגער, האָט געהאַלטען דרשות פאַר די לפנים׳דיגע משומדים, באַווייזענדיג ראיות פון פסוקים דורך רמזים און גימטריות, אַז מיט דער געבורט פון מאַכמעד, איז בטל געוואָרען תורת משה און איר אָרט האָט פאַרנומען דער קאָראַן. די דאָזיגע דרשות האָבען זעהר פיל געווירקט אויף די משומדים זיי זאָלען זיך איינוואָרצלען אין׳ם נייעם גלויבען און אויף די ביז איצט לפנים׳דיגע, זיי זאָלען זיך ענדליך שמד׳ן אויף אַן אמת.

צו מאַכען די צרה נאָך גרעסער איז אויפגעשטאַנען צווישען אידען איינער

א מוראַדיגער שווערמער, וואָס האָט געגלויבט און געמאַכט אַנדערע צו גלויבן אַז ער איז אַ נביא פֿון גאָט, אַנצוזאָגן דאָס אָנקומען פֿון משיח בן דוד.

יעדע שווערע צייט בײַ אידן האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ האָפֿנונג צו אַ באַלדיגער ערלייזונג. די אידן אין תימן זײַנען דערין קיין אויסנאַם ניט. די לופֿט איז געווען פֿול מיט האָפֿנונג. יעדערער איז געווען זיכער אַז דער אַלמעכטיגער בארעמהערציגער גאָט פֿון ישראל וועט ניט לאָזן זײַן פֿאָלק פֿאַרשלונגען צו ווערן פֿון די מאַכטהאַבער. מן הסתם זײַנען די צרות חבלי משיח — די פֿאָראויסגעזאָגטע צרות וואָס מאַכן דעם וועג פֿאַר משיח׳ן.

דער באָדן איז אַלזאָ געווען צוגעגרייט — און עס האָט טאַקע לאַנג ניט געדויערט ווי אַ משיח האָט זיך באַוויזן.

די פֿאַרצווייפֿעלטע אידן זײַנען איצט אינגאַנצן געוואָרן צומישט. אַ טייל האָבן זיך גע׳שמד׳ט, בעת די שטאַרקערע אין מוט האָבן זיך געוואָרפֿן צום משיח געדאַנק. בײדע וועגן זײַנען געפֿערליכע: שמד האָט געסטראַשעט צו פֿאַרניכטען די אידישע נשמה, בעת דער משיח־געדאַנק האָט געשמעקט מיט אויפֿשטאַנד געגן דער רעגירונג — אַ גוטער אויסרייד צו פֿאַרניכטען אידן דורך דעם שווערד.

די געפֿאַהר האָט געזעהן דער תימנישער געלערנטער, רבי יעקב אַלפֿיומי, אָבער ער אַליין איז געווען צו שוואַך צו פֿאַרהיטען. אין זײַן פֿאַרצווייפֿלונג האָט ער זיך געווענדעט צום רמב״ם, וועמענס באַרוף עס האָט שוין געהאַט דערגרייכט ביז תימן.

דער רמב״ם האָט ניט לאַנג געלאָזט וואַרטען אויף ענטפֿער. אין אַ לאַנגען בריוו, געשריבען צו רבי יעקב, אָבער געמיינט אַלע אידן, טרייסט ער זיי מיט האַרציגע ווערטער, זיי זאָלען ניט שוואַך זײַן און ניט פֿאַרצווייפֿעלט ווערען. דער וואָס האָט די וועלט באַשאַפֿען מיט דער מדת הרחמים, וועט אויך זײַן פֿאָלק ישראל געוויס רחמנות האָבען; איצט איז שלעכט אָבער דער נביא ישעיה האָט שוין לאַנג פֿאָראויסגעזאָגט: „דאָס דאָזיגע פֿאָלק וואָס גייט אין פֿינסטערניש וועט ענדליך זעהן אַ גרויס ליכטיגקייט".

אמת, דער אומגליק איז גרויס, און נאָך ערגער ווערט ער, אַרײַנברענגענדיג אַ צומישעניש אין די פֿאַרצווייפֿעלטע הערצער; נאָר דאָס זײַנען נסיונות, מיט וועלכע ער פּרובירט דעם אייביגען פֿאָלק ישראל, אַזוי ווי זייער עלטער זיידען אברהם. אַזוי האָבען די נביאים פֿאָראויסגעזאָגט, זעהענדיג מיט זייערע נביאישע אויגען דעם אורשפּרונג פֿון דער שנאה, וואָס קומט נאָר אויס קנאה, צוליב דאָס אָפּהיטען די תורה, וואָס מאַכט אונז פֿאַר די באַליבסטע קינדער צום פֿאָטער אין הימעל. פֿון קבלת התורה אָן ביז איצט, איז ניטאָ קיין מלך, קיין הערשער און קיין אוואַנטוריסט צווישען די אומות העולם וואָס לעבט ניט מיט דער איינציגער כונה צו פֿאַרניכטען אונזער תורה און צו אָפּ׳שמד׳ען אירע אָפּהיטער: אַנדערע, מיט דער הילף פֿון מאַכט און געוואַלדטאַטען, אַנדערע דורך שעדליכע אַגיטאַציע אָדער גוטע הבטחות.

אָבער דער נביא ישעיה טרייסט אונז מיט די ווערטער: כל כלי יוצר עליך לא יצלח, וכל לשון תקום אתך למשפט תרשיעי. דערין ליגט אונזער טרייסט: קיין מאַרטער־אינסטרומענט אויף אונזער קערפּער — וועט ניט באַגליקען. אונזער שוואַכער קערפּער וועט אַריבערלעבען די שטאָלענע פֿייניג־אינסטרומענטען. אָבער

מאַנכע ווילען אונז פּאַרניכטען מיט די צינגער, מיט דער שפּראַך, און אַזעלכע זייַנען פאַראַן צוויי:

1) די סאָפיסטען, שאַרפע קעפּ און נאָך שאַרפערע צונגען, וואָס ווילען אונז פּאַרוואַרפען מיט פראַגען און ספקות בנוגע די ספּורים פון דער תורה און אירע געזעצען.

2) די וואָס וועיען מיט אונז גוט ברודעריש, כלומרשט צוגעבענדיג, אַז די תורה איז געווען הייליג, געגעבען פון גאָט; אָבער בלויז געווען — ביז אַ שפּעטערער נביא איז אויפגעשטאַנען און געבראַכט אַ נייע. פון דאַמאָלסט אָן איז די אַלטע שוין בטל ומבוטל.

דערויף זאָגט דער נביא: קיין אינסטרומענט וועט אייך ניט פאַרניכטען! עמלק, סיסרא, סנחריב, נבוכדנצר, טיטוס אדריאנוס און אַנדערע, וואָס קומען אויף דיר מיט שווערדען און שפּיזען — וועלען גאָרנישט אויספירען. „וכל לשון תקום אתך למשפּט" — און יעדער שפּראַך וואָס וועט מיט דיר עפענען אַ דיסקוסיע, תרשיעי — ווערסטו באַזיגען. וואָרום דער נייער אונטערגעשטעלטער, גלויבען לגבי דעם אַלטען איז ווי אַ געמאָלענע בילד אין פאַרגלייך מיט'ן אָריגינעלען מענשען וואָס לעבט און פיהלט.

שרייבענדיג וועגען דעם פאַלשען נביא, וואָרענט ער: לאָזט זיך ניט איינרעדען פון אים. זייַן שטעלען זיך אויף דער זייט פון יענע מאַכטהאָבער זאָגט מער ווי הונדערט עדות, אַז אין אים איז קיין אמת ניטאָ. זייַנע ראיות און רמזים זייַנען ווי שפּינוועבס, בלויז פאַר שוואַכע פליגען צו פאַרפּלאָנטערען דערין . . . די מאַכמעדאַנער אַליין לאַכען פון אים און זייַנע ראיות. זיי אַליין קוקען אויף אים מיט עקעל, וויסענדיג זייַנע מאָטיווען צוליב וואָס ער טוט עס . . . קיין מאַכמעדאַנער גלויבט ניט אין זייַנע ראיות. איבערהויפּט איז לעבערליך זייַן באַהויפּטונג, אַז אידען האָבען מיט אַ כיון אויסגעמעקט דעם נאָמען (מאַכמעד) פון דער תורה. אַן אומזין אפילו פאַר די געלערנטע מאַכמעדאַנער, וואָס ווייסען, אַז די תורה איז שוין לאַנג געווען איבערזעצט אין גריכיש און לאַטיין, נאָך איידער דער מאַכמעד איז געבאָרען געוואָרען. זאָלען אידען האָבען אויסגעמעקט דעם נאָמען פון'ם אָריגינאַל וואָלט עס אין די איבערזעצונגען געווען פאַרבליבען.

איצט וועגען יענעם וואָס גיט זיך אָן פאַר'ן משיח: אַן ערליכער איד טאָר ניט וועלען טרעפען דעם „קץ" ווען משיח וועט קומען, וואָרום דעם אמת'ן קץ וועט קיינער ניט טרעפען, און דעם וואָס מען טרעפט איז ניט קיין אמת'ער. מיר פאַרענטפערען רבנו סעדיה גאון דערמיט, וואָס זייַן כונה איז געווען אַ גוטע, זעהענדיג זייַן דור, ווייניג־גלויביגע און פול מיט ספקות. אויסרעכענענדיג דעם קץ האָט ער געדענקט די אומרואיגע מענשען צו באַרואיגען, אַזוי ווי ער האָט עס געטאָן דורך וואָרט און שריפט. וואָס ער האָט געטאָן איז געווען מיט דער כונה צוצוהאַלטען די איינצעלנע שוואַכע זיי זאָלען ניט אָפּפאַלען פון'ם כלל ישראל.

נאָך גרעסער איז די זינד פון יענע וואָס ווילען אויסגעפינען דעם קץ דורך דער פאַלשער חכמה (אַסטראָלאָגיע). אויסער וואָס די חכמה אַליין איז פאַלש פון'ם וואָרצעל, לאָזט זיך ניט גלויבען דער אַלמעכטיגער זאָל וואָס מגלה זייַן דורך שטערען אַנשטאָט צו געהן דירעקט דורך אַ נביא. אָט האָט איר ביישפּילען פון עטליכע בעלי חשבון: איינער פון אַנדלוס (לויט גרעצ'ם השערה מיינט ער דאָ

רבי אברהם אבן־עזרא) וואס האט אויסגערעכענט פון די שטערן אז משיח וועט קומען אין 906־טען יאר פון פינפטען טויזענט. דעמאלט האבן אים אלע גענומען ערנסט, אבער ווען די צייט איז געקומען האט זיך אויסגעלאזן א געלעכטער — און א ביטערער דערצו. ווארים אין דעם יעלבען יאהר זיינען די אלמאהאדען אריין אין קראפט און האבן געצוואונגען אידען צו שמד. פון דעמאלסט אן זיינען אויפגעשטאנען עטליכע פאלשע משיחים, איינער אין פרס, דער צווייטער אין פעז, און באלד נאך אים א צווייטער, נאכדעם איינער אין קארדאווא, אין פראנקרייך — און יעדער איינער פון זיי האט מיטגעבראכט גרויסע צרות אויף אידען.

אינטערעסאנט צו באמערקען, אז נאך זיין גאנצע געגנערשאפט צו די „מחשבי קצין״ האט ער אליין אויסגערעכענט (אגרת תימן הוצאת אמשטרדם) אז אין יאר 4976 וועט די נבואה צוריקקומען צו אידען.

ענדיגענדיג דעם בריוו בעט ער רבי יעקב'ן צו פארשפרייטען קאפיעס דערפון אומעטום וואו אידען זיינען פאראן; אבער זיך היטען פאר די ישמעאלים ביים לייענען, ווייל דאס איז א סכנה פאר די לייענער אזוי גוט ווי פאר'ן שרייבער.

דער בריוו האט געבראכט טרייסט צו די פארצווייפעלטע. די גזרה איז בטל געווארען און דעם פאלשען משיח האט די רעגירונג ארעסטירט און ארונטערגענומען דעם קאפ. אידען האבן געדארפט זיך אויסקויפען מיט געלט, אבער זיי זיינען געווען צופרידען דערמיט.

דער נאמען פון'ם רמב״ם איז געווארען פארהייליגט אין תימן, און אין קדיש, ביי די ווערטער „בחייכון וביומיכון״ פלעגען זיי צולייגען „ובחיי דרבנא משה בן מיימון״

7

דער פירוש אויף משנה

ווי מיר ווייסען שוין, האט דער רמב״ם פארענדיגט זיין פירוש אויף משנה צו 33 יאהר.

שוין אין דעם פירוש וועלכער איז איינער פון זיינע יוגענט ווערק, זעהט מען ארויס דעם צוקונפטיגען וועלט גאון, וועלכער איז שטאלץ און זיכער מיט זיין פארשטאנד און איינגעגלויבט אין זיינע מיינונגען און איבערצייגונגען.

מיר גיבען דא פאר'ן לעזער דעם תמצית פון זיין הקדמה אויף זרעים, וועלכער איז פאר זיך אליין א ריזיגע ארבייט, פול מיט בקיאות און גדלות, איבערהויפט מיט וואונדערבארען סיסטעם, אין וואס ער האט צו זיך קיין גלייכען ניט.

— זיי וויסען — הויבט ער אן די הקדמה — אז די תורה וואס דער בורא האט איבערגעגעבען צו משה, דעם עיקר דין — תורה שבכתב — מיט די ערקלעהרונגען — תורה שבעל פה — האט משה איבערגעזאגט צו אהרן, זיינע זיהן אלעזר און איתמר, צו די 70 זקנים, און צו אלע אידען; באופן, דאס אלע האבען עס פון זיין מויל געהערט. אזוי האט ער איינגעלערענט מיט זיי אלעמען די 613 מצוות.

דעם פערציגסטען יאָהר פון זייער וואנדערען אין מדבר, אין ערשטען טאָג פון עלפטען מאָנאט (שבט) האָט משה צונויפגערופען אַלע אידען, און צו זיי געזאָגט: עס האָט דערגרייכט דער טאָג פון מיין טויט. דער וואָס האָט פארגעסען א דין אָדער א פירוש, קען עס נאָך ביי מיר איבערפרעגען. דאן האָט ער יעדערען גע־ענטפערט אויף די געשטעלטע פראַגען, ביז דעם זיבעטען טאָג אין אדר, אין דער צייט האָט ער שוין געהאט אויפגעשריבען 13 ספרי תורה, איינע פאַר די לוים און צו איינע פאַר יעדען פון די 12 שבטים, כדי יעדער שבט זאָל עס האָבען ביי זיך, צו לערנען און צו וויסען ווי זיך צו פיהרען. נאָכדעם איז ער ארויפגעגאנגען אויף׳ן בארג עברים.

יהושע האָט פארנומען זיין אָרט אין דער מחנה אַלס פיהרער, אָבער ניט אין דער תורה אַלס געזעצגעבער. ער מיט די זקנים האָבען געדאַרפט נאָכפאָלגען די געגעבענע תורת משה מיט די פירושים; דאָס וואָס זיי האָבען געהערט פון משה׳ס מויל איז ביי זיי קיין ספק און קיין מחלקה ניט פארגעקומען, נייע דינים האָט מען געמעגט ארויסקריגען לויט די דרייצעהן מדות מיט וועלכע די תורה קען ווערען גע׳דרש׳ענט. אין די מעהרסטע דינים איז קיין מחלוקה ניט געפאלען, נאָר אין א טייל, וועלכען מען האָט געוואָלט ארויסקריגען דורך היקש (צוגלייכענדיג איין דין צום צווייטען); דאָ איז שוין געוועזען א מיינונגס פארשידענהייט, און דערויף האָט מען זיך געמוזט באנוצען מיט׳ן „אחרי רבים להטות" (געהן נאָך דער מאַ־יאָריטעט). פון משה רבנו׳ן אַן געהער די אויסטייטשונג פון דער תורה צו די חכמים, ניט צו די נביאים.

עס איז נויטיג צו וויסען, אז נבואה האָט גאָרניט צו טאָן מיט די דינים וואָס שטעהען בפירוש, אָדער מיט די וואָס מען קריגט ארויס דורך די 13 מדות, דאָ גילט נאָר שכל, סברא, און די דערמאָהנטע לערען מעטאָדען. און דאָס וואָס יהושע מיט פנחס׳ן האָבען געמעגט, האָבען עס געמעגט שפּעטער רבינא און רב אשי. וואָס נבואה קען יאָ טאָן, וועט ווייטער ערקלעהרט ווערען.

אָבער פריהער איז נויטיג פעסטצושטעלען ווער איז דער אמת׳ער נביא און ווי ווייסט מען אויף זיכער אַז יענער איז ניט קיין אָפּנאַרער? דאָס ערקלעהרט דער רמב״ם אַזוי:

פאַראַן פירערליי נביאים, וואָס ווילען אַז מענשען זאָלען זיי גלויבען, און נאָר איינער פון זיי איז פאַראַן אין וועמעס אמת׳קייט מיר מעגען זיך וועלען איי־בערצייגען, די איבעריגע דריי זיינען פאַלשע, אפילו ווען זיי געלינגט אונז צו איבערצייגען.

א) אַזעלכער וואָס זאָגט, אַז א געוויסער שטערען האָט צו איהם זיך באוויזען און געזאָגט: דין צו מיר אַזוי און אַזוי, און דערפאַר וועל איך דיר טאָן טובות. ווען ער דערצעהלט אַז דער בעל, אשרה און אַן אַנדער עבודה זרה האָט זיך צו איהם באוויזען און געזאָגט דאָס זעלבע:

ב) אָדער ער זאָגט, אַז גאָט האָט זיך צו איהם באוויזען און געהייסען דינען א געוויסע עבודה זרה. די צוויי זיינען געווים פאַלשע נביאים; אפילו ווען זיי ווייזען מופתים, מוזען זיי געטויט ווערען דורך חנק (דערשטיקען) — די שטראָף פאַר א נביא שקר;

ג) דער וואָס זאָגט נביאות אין נאָמען פון גאָט, און וואָרענט צו היטען די

תורה מיט די מצוות, נאָר ער לעגט צו אָדער ער נעהמט אַרונטער אַ מצוה אָדער ער לערענט אַן אַנדער פשט אין אַ פסוק, דער היפך פון טראַדיציאָנעלען פשט, למשל: „וקצות את כפה" מיינט ניט געלט נאָר אין בוכשטאַב, דער איז אויך אַ פאַלשער נביא, און איהם קומט די זעלבע שטראָף (חנק).

ד) דער וואָס רעדט אַלסדינג אין איינקלאַנג מיט דער מסורה, נאָר ער הייסט טאָן זאַכען ווי שמואל, צו מלחמה האַלטען מיט עמלק, אָדער ווי אלישע וואָס האָט ניט דערלאָזען אויס׳הרג׳ענען דעם אַרמי׳שען חיל, איהם דאַרף מען אויספּרובירען דורך אַ מופת, און אויב דער פאַרלאַנגטער מופת קומט, דאַן מוזען מיר דעם נביא פאָלגען, און דער וואָס פאָלגט איהם ניט ווערט געשטראָפט מיט מיתה בידי שמים. אָבער אויב דער מופת קומט ניט, איז אַ סימן אַז ער איז אַ נביא שקר, און איהם באַשטראָפט מען אויך מיט׳ן חנק פסק.

פאָלגענדע מעלות מוז באַזיצען אַ נביא, כדי מיר זאָלען מעגען גלויבען אין זיינע מופתים: א) זיין נביאות זאָל זיין אין נאָמען פון גאָט, ניט אין נאָמען פון אירגענד וועלכען אַנדער שטערען, מזל אָדער כח; ב) די נביאות זאָל געהן אין איינקלאַנג מיט דער תורה און טראַדיציאָנעלע אויסטייטשונג. דער נביא טאָר קיין זאַך ניט אַרונטערנעהמען און קיין מצוה ניט צולייגען (סיידען אין „הוראת שעה", ווי שפּעטער ערקלעהרט); ג) יעדער מופת מוז מקוים ווערען, און אויף יעדע נבואה וועגען טאָן אַ זאַך — וואָס איז ניט איסור און ניט קיין היתר, נאָר אַ רשות — מוז קומען אַ מופת אַ מקוים׳דיגער. ווארים שטערנזעהער און מכשפים קענען אויך אַמאָל טרעפען וואָס עס וועט זיין, און אום צו וויסען דעם אונטערשייד צווישען זיי און דעם נביא, מוזען דעם לעצטענס אַלע מופתים מקוים ווערען, אין אַלע פּרטים, קיין זאַך ניט געפעהלט. אויב עס פעהלט עט־וואָס, איז אַ סימן אַז ער איז אַ פאַלשער נביא, און דאַרף אַלס אַזעלכער גע׳משפט ווערען; ד) אַ מופת איז ניט דער עיקר. דעם נביא דאַרף מען קודם כל דער־קענען דורך זיינע גוטע מעשים, מדות, חכמה, אמונה, נזירות און נאָך און נאָך מעלות, און נאָר פון אַזאַ נביא מעגען מיר פאָדערען אַ מופת. ניט האָבענדיג די אַלע דערמאָהנטע מעלות, טאָר מען אין זיין נביאות ניט גלויבען, אפילו ווען די מופתים ווערען מקוים.

ווען אַ נביא זאָגט פאָראויס שלעכטעס און עס קומט ניט, איז עס נאָך ניט קיין באַווייז אויף זיין פאַלשקייט, אַ ראיה — פון יונה׳ס נביאות אויף נינוה. אָבער ווען ער זאָגט פאָראויס גוטעס פאַר׳ן כלל, מוז עס מקוים ווערען, אויב ניט — איז אַ סימן אויף׳ן נביא׳ס פאַלשקייט.

(באַמערקונג: דער „הגהות הריעב״ץ" קווינקעלט זיך אויפ׳ן לעצטען כלל. מחמת אין ירמיה א׳ פון די ווערטער „ורגע אדבר על גוי לבנות ועשה הרע ונחמתי" ווייזט אויס, אַז אַזוי ווי אַ בייזע נבואה קען צוריקגערופען ווערען דורך תשובה (ווי אין נינוה למשל) קען אַ גוטע נבואה בטל ווערען דורך שלעכטע מעשים).

אָט דער נביא, אין וועמעס עכטקייט ס׳איז שוין קיין צווייפעל ניטאָ, מעג אַמאָל צוליב אַן אויסערגעוועהנליכען פאַל, הייסען מבטל זיין אַ מצוה, אַזוי ווי אליהו, וואָס האָט מקריב געווען אַ עולה אויפ׳ן הר הכרמל — כאָטש דאָס איז שטרענג פאַרבאָטען אין דער צייט ווען דער בית המקדש איז געשטאַנען, און אַזוי ווי אלישע האָט פאַרזאָגט צו פאַרניכטען אַלע פרוכט בוימער פון מואב — געגען

דעם דין תורה וואס פארבאט אויסצוהאקען פרוכט בוימער באלאגערענדיג א שטאדט.

אזעלכע פאלען הייסען „הוראת שעה״ — אן אורטייל פאר דעם מאמענט, און ניט מעהר. ווען מען זאל פרעגען אליהו'ן: ערלויבסטו אויף שטענדיג מקריב צו זיין אן עולה אויסערן בית המקדש, איז אלישע'ן: ביזטו מתיר אויסצוהאקען אלעמאל פרוכט בוימער, און זיי זאלען ענטפערען: „יא״, דעמאלט וואלטען מיר זיי געמעגט באטראכטען פאר פאלשע נביאים.

דער אמת'ער נביא מעג מבטל זיין איין מצוה אדער א צווייטע צוליב „הוראת שעה״, אויסער עבודה זרה, ד.ה. ער טאר ניט הייסען דינען עבודה זרה אפילו איין מאל, אפילו איין רגע. אויסער דאס איינציגע מעג ער מבטל זיין די אדער יענע מצוה צוליב „צורך שעה״, און די אידען מוזען איהם אויספאלגען, אונטער דער שטראף פון מיתה בידי שמים פאר'ן ניט פאלגען.

אזוי ווייט, און ניט מעהר דערגרייכט דער כח פון נביא. ער מעג אמאל היי־סען נעהמען געוועהר אום שבת און מלחמה האלטען געגען שונא, אבער ער טאר ניט זאגען, אז בנבואה זעהט ער, דאס א תחום שבת איז ניט 2000 אמה, נאר 2001, אדער 1999. זאגט ער יא — ווערט ער דערמיט אליין א נביא שקר. וואַ־רים ווי עס קומט צו דער תורה המסורה, איז ער א מענש ווי אלע מענשען, און זאלען טויזענט נביאים זאגען דער דין איז אזוי און טויזענט מיט איינס חכמים זאגען אנדערש, בלייבט ווי די לעצטע, לויט'ן כלל: אחרי רבים להטות.

נבואה האט קיין כח ניט אויף דער תורה זי צו ענדערען אויף שטענדיג. „לא בשמים היא״, זי איז אויף דער ערד און געהער צום מענשליכער שכל, ניט צו נבואה. עס שטעהט ניט „ובאת אל הנביא״, נאר „ובאת אל השופט״. א שאלה מוז מען פרעגען ביים חכם, ניט ביים נביא.

אפגעפארטיגט זיך מיט נבואה, זעצט ער פאר צו באווייזען די מסורה פון משה רבנו ביז'ן תלמוד — ווי מיר וועלען זעהן אין קומענדיגען קאפיטעל.

8

די משנה און תלמוד

יהושע איז געבליבען נאך משה רבנו'ס טויט אריינצופיהרען די אידען אין זייער צוגעזאגטען לאנד, און איהם האט גאט אנגעזאגט באלד ביים אנפאנג: „צו לערנען די תורה פון משה'ן מיין קנעכט״. ער האט איבערגעגעבען אלע פרטים, כללים און פשטים צו די זקנים און פנחס'ן דעם כהן גדול. די מסורה איז אזוי איבערגעגאנגען מיט פאלגענדען סדר: משה, יהושע, פנחס, עלי, שמואל, דוד, אחיה, אליהו, אלישע, יהוידע, זכריה, הושע, עמוס, ישעיה, מיכה, יואל, נחום חבקוק, צפניה, ירמיה, ברוך בן נריה, עזרא, שמעון הצדיק, אנטיגנוס איש סוכו, יוסי בן יועזר איש צרידה און יוסי בן יוחנן, יהושע בן פרחיה און נתאי הארבלי, יהודה בן טבאי און שמעון בן שטח, שמעיה און אבטליון, הלל, שמעון, רבן גמליאל — ביז רבי יהודה הנשיא, אדער ווי מען האט איהם גערופען „רבי״ (רבנו הקדוש).

ביז איהם איז נאָר די תורה געווען פאַרשריבען (דערפאַר רופט מען עס תורה שבכתב״), און די פּשטים ודקדוקים זיינען איבערגעגעבען געוואָרען אויסווענדיג פון׳ם רבי׳ן צו די תלמידים, פון מויל צו די אויערען (דערפאַר רופט מען עס „תורה שבעל פה״), בלויז דער ראש בית דין אָדער נביא פלעגט עס פאַרשרייבען פאַר זיך, און לערנען מיט די תלמידים אויסווענדיג. די תלמידים, אויס מורא צו פאַרגעסען, פלעגען זיך עס פאַרשרייבען באַהאַלטענערהייט, און די פאַרשריבענע האָט מען גערופען „מגלת סתרים״ (פאַרבאַהאַלטענע מגילות).

אָבער אין רבי יהודא הנשיא׳ס צייטען האָבען זיך די צרות פון רוים פאַר־שטאַרקט אויף אידען, און מורא האָבענדיג די ישיבה צעטמערם זאָלען ניט בטל ווערען און אידען וועלען אינגאַנצען די תורה פאַרגעסען, דערפאַר האָט ער פאַר־שריבען אַלע דינים, זיי איינגעטיילט אין מסכתות און סדרים, כדי יעדערער זאָל עס קענען לערנען פאַר זיך, וואו נאָר ער וועט זיין, אפילו אויב נאָר איינער אין אַ געגענט.

די אַלע דינים זיינען איינגעטיילט אין 6 טייל. ערשטער טייל: זרעים, וואָס רעדט וועגען אַלע מצוות וועלכע געהען־אָן אויף תבואות און פרוכט וואָס וואקסן אין ארץ ישראל, ווי: כלאים, שמיטה ערלה, מעשר א.ד.ג.; צווייטער טייל: מועד, וועגען די דינים פון שבת און יום טוב; דריטער — נשים, און באַהאַנדעלט די דינים פון גטין, קדושין, יבום א.אז.וו.; פערטער — נזיקין, און האָט צו טאָן מיט אַלע ציווילע געזעצען צווישען איין מענשען צום צווייטען; פינפטער — קדשים — וועגען קרבנות, מזבח, בית המקדש; דער זעקסטער — טהרות, און באַהאַנדעלט די דינים פון טומאה און טהרה (דער סימן צו געדענקען איז „זמן נקט״ — זרעים, מועד, נשים, נזיקין, קדשים, טהרות).

דעם כאַראַקטער פון די דינים קען מען איינטיילען אין 5 טיילען:

דער ערשטער טייל, יענע ערקלעהרונגען וואָס זיינען איבערגעגאַנגען פון רבי׳ן צום תלמיד ביז משה רבנו, זיי זיינען אָנגעוואונקען אין אַ פסוק און מען קען זיי ארויסקריגען מצד הסברא. אין די דאָזיגע דינים איז קיין מיינונגס פאַר־שיידענהייט ניטאָ. ווען איינער זאָגט: אזוי האָב איך בקבלה, איז דאָס שוין גע־נוג גאַראַנטיע אויף זייער אמת׳קייט.

צווייטער טייל — דאָס זיינען די דינים, באַטיטולט מיט „הלכה למשה מסיני״; באַטש קיין ראיות פון פסוקים אין אויף זיי ניטאָ, קריגט קיינער ניט אויף דעם.

דריטער טייל — יענע דינים, וואָס דאָס לעבען האָט אַרויסגעבראַכט, און מען האָט זיי געדאַרפט ארויסבאַקומען פון דער תורה מיט׳ן שכל. דאָ האָט שוין געמוזט קומען אַ פאַרשיידענהייט אין מיינונגען, און דער רבים האָט געזיגט.

פערטער טייל — יענע גזרות און תקנות וואָס די חכמים פון יעדען דור האָ־בען איינגעפיהרט כדי צו מאַכען אַ „סייג לתורה״. דאָ קען אויך זיין אַ מחלוקה צווישען חכמים, ביז די תקנה ווערט אָנגענומען פון אַלע אידען, און דאַמאָלט קען עס שוין קיינער ניט מבטל זיין.

פינפטער טייל — דאָס זיינען אַלע ציווילע געזעצען וואָס האָבען צו טאָן מיט׳ן געזעלשאפטליכען לעבען אלס מענשען און אידען. אזעלכע תקנות זיינען פאַראַן: פון משה רבנו, די נביאים, עזרא, רבי יוחנן בן זכאי, רבן גמליאל, און נאָך.

נאָכ׳ן ערקלעהרען דעם המשך פון אַלע „סדרים", און באַווייזענדיג פּאַרוואָס איין ענין קומט צוערשט, נאָכדעם דער צווייטער, דער דריטער, און ווי אַזוי זיי אַלע בינדען זיך צוזאַמען — ערקלעהרט דעם רמב״ם ווי אַזוי עס האָט זיך אויף דער משנה אויפגעבויט דער גיגאַנטישער בנין — תלמוד — וועלכער האָט זיך צעטיילט אויף צוויי — תלמוד בבלי און תלמוד ירושלמי — ביז רבינא און רב אשי, די לעצטע פון חכמי התלמוד, וועלכע האָבען נאָכגעטאָן רבנו יהודה הנשיא און פאַרשריבען דעם תלמוד.

רב אשי, וועלכער איז געווען דער לעצטער צו שליסען תלמוד בבלי, האָט זיך געשטעלט פאָלגענדע 4 אויפגאַבען:

א) צו רעקאָרדירען די משנה און אַלע רייד, סברות און פּלפּולים וואָס האָבען זיך צונויפגעזאַמעלט ארום דעם ענין און וואָס זי ענטהאַלט, די מחלוקת און די אַלע טענות וואָס איין אמורא האָט געגען דעם צווייטען בר פלוגתא. דאָס איז געווען זיין הויפּט כונה.

ב) אַרויסצוברענגען דעם פּסק דין אין אַ מחלוקה צווישען צוויי, ענטוועדער צוליב דעם פּשט אָדער חידוש אין דער משנה.

ג) די באַנייעטע ענינים וואָס די אמוראים האָבען אַרויסגעקריגען, מיט דער הילף פון פּלפּול, פון דער משנה, פון וואַנען זיי האָבען עס גענומען און וועד האָט אַרויסגעבראַכט די אַלע תקנות און גזרות וואָס זיינען געמאַכט געוואָרען פון רבנו הקדוש ביז זיין צייט.

ד) דרשות אויף פּסוקים פאַר יעדער געלעגענהייט און פּאַסירונג. דאָס וואָס מיר רופען „אגדה". קומענדיג צו דעם טייל זאָגט דער רמב״ם:

קיינער טאָר ניט גרינגשעצען די אגדה אין פאַרגלייך מיט דער הלכה (ווי כמעט אַלע לומדים ביז זיין צייט און נאָכדעם דענקען) ווייל אין זיי ליגען פאַר־באָרגען וואונדערליכע חכמות און פּרעכטיגע ענינים. קוקענדיג אין זיי מיט שכל, אריינטראַכטענדיג זיך אין זייערע ווערטער, קען אַ מענש באַקומען די גרעסטע חכמות וואָס העכער קען ניט זיין, און אויסגראָבען זעלטען טיפע אוצרות וואָס די חכמים האָבען אין זיי באַהאַלטען, ניט וועלענדיג מפרסם זיין פאַר אַלעמען יענע וויכטיגע אמת׳ן, אויף וועלכע גרויסע פילאָזאָפען האָבען זייערע יאָהרען פאַר־בראַכט צו געפינען . . .

קוקענדיג אויבערפלעכליך, ווייזט זיך ווי זיי זאָלען זיין ווייט פון שכל, און אומפּראַקטיש, אָבער פאַרטיפענדיג זיך דערזעהט מען די גלענצענדע פּערל וואָס אין זיי געפינען זיך פאַרבאָרגען.

די חכמי התלמוד האָבען עס פאַרבאַהאַלטען אין די ווערטער צוליב צוויי אורזאַכען: ערשטענס, צו שאַרפען דערמיט די תלמידים׳ס קעפּ און צו ענטוויק־לען זייער שכל. צווייטענס, כדי צו פאַרבלענדען די אויגען פון נאַראָנים זיי זאָלען עס קיינמאָל ניט פאַרשטעהן. יענע האָבען ליב צו פאַרעהרען אומפאַרשטענדליכעס. באַווייזט זיי דעם אמת אין זיין פולען גלאַנץ, וועלען זיי זיך אָפּקעהרען פון איהם. צו אַזעלכע טאָר מען קיין סוד ניט מגלה זיין, ווייל זייער שכל איז אומפעהיג אויפ־צונעהמען דעם אמת אין זיין פולען פּראַכט און גלאַנץ.

וואָרים ניט אַלסדינג קען מען לערנען צו אַלעמען. אפילו חכמים האָבען מדרגות, און ניט דאָס וואָס איין מדרגה וויים, מעג זי איבערגעבען צו אַ נידער־

דיגערע מדרגה. אזוי דערצעהלט די גמרא אין חגיגה (פ״ב דף י״ג) אז איינער פון די חכמים האט אפגעמאכט מיט די מענשען וואס האבען געוואוסט די סודות פון מעשה בראשית, בעת ער האט גוט געקענט מעשה מרכבה (די ערקלעהרונג פון די ביידע טערמינען וועט דער לעזער געפינען אין די שפעטערדיגע ארטיקלען): לערענט איהר מיט מיר מעשה בראשית און איך וועל מיט אייך לערנען מעשה מרכבה. זיי זיינען מרוצה געווארען און איהם אויסגעלערענט; אבער נאכדעם האט ער מיט זיי מעשה מרכבה ניט געלערענט. דאס איז ניט געווען מחמת אפר נארען אדער ניט האלטען קיין ווארט, אדער כדי ער זאל זיך קענען ריהמען מיט זיין קענען מעהר פון זיי, דאס וואלט ניט געפאסט אפילו פאר א פראסטאק, אפשיטא שוין פאר א גרויסען חכם, נאר מחמת ער האט זיי דערקענט, אז זיי זיינען ניט ווערטה צו וויסען די דאזיגע גרויסע סודות פון מעשה מרכבה.

דאס באווייזט ווי די חכמים זיינען געווען פארזיכטיג צו באהאלטען טיפ־זיניגע כונות פונ׳ם פראסטען מענשען וואס האט ניט גענוג וויסען אין זיך זיי צו קענען באגרייפען.

דערפאר מוזען מיר קוקען מיט א יראת הכבוד אויף די אלע אגדות וואס ווייזען זיך אויבערפלעכליך ווייט פון שכל און ווייט פון חכמה, דאס האבען די חכמים בכיון געטאן כדי נאר דער געלערענטער זאל זיי קענען אויסגראבען און הנאה האבען.

9

די מענשליכע מיסיע

די אורזאכען וואס האבען געבראכט אונזערע חכמים צו רעדען אין א פאר־שטעלטער שפראך זיינען פאלגענדע:

א) די שוואכקייט פונ׳ם מענשליכען פארשטאנד צו באגרייפען אמת׳ע שכל׳ען. ב) די גרויסע תאוה צו עולם הזה׳דיגע תענוגים, וואס פארטומלען דעם שוין אזוי אויך שוואכען שכל. ג) די נאטירליכע פוילקייט זיך צו פארטיפען אין אזא חכמה, וואס ברענגט ניט קיין דירעקטע נוצען צום קערפער. ד) די האוועניש צו ערווערבען וואס מעהר געלט און אייגענטום.

נאר יענער קען לערנען חכמה, וואס איז אין חכמה פאראינטערעסירט, און זיך פריהער צוגעגרייט מיט די נויטיגע ידיעות דערצו. אהן די עלעמענטארע ידיעות קען מען דעם טויער פון חכמה ניט דורכגעהן.

דערויף ברענגט דעם רמב״ם א משל: לאמיר פרעגען א קלוגען מענשען וואס איז געלערענט אין מעדיצין, אין דיכטונג און אנדערע חכמות, נאר ער קען ניט קיין אסטראנאמיע און ניט קיין מאטעמאטיק — זיין מיינונג וועגען דעם וואס מען זאגט, אז די זון וואס מיר זעהען גרויס ווי א טעלער, איז באמת וועהר א גרוי־סער כדור, אריבער 166 מיט דריי־אכטעל מאל גרעסער ווי אונזער וועלט; און אונזער ערד־קוגעל, מיט וועלכען מיר מעסטען די זון, וואלט מען דארפען ארומ־נעהמען מיט א שטריק פון 24 טויזענט „מיל״, און איצט, ווי פיל דענקט ער דארף האלטען די שטריק ארומצונעהמען די זון. וואלט דער געלערענטער זיך אויסגע־

לאכט פון דער פראגע: ערשטענס, ווי אזוי קען א מענש, וואס פארנעהמט נאר א קליין ערטעל אויף דער ערד, וויסען די גרויס פון איהר; צווייטענס, ווי קען א מענש, זייענדיג אויף דער וועלט, וויסען פון דער זון וואס איז אזוי הויך, און שיינט אזוי שטארק, זי גיט צו קענען זעהן נאר איהר אפשיין — ווי אזוי קען ער די אויסמעסטען אזוי גענוי? נאך'ן לערנען אסטראנאמיע און געאמעטריע מיט דער העכערער מאטעמאטיק, וועט ער שוין גאנץ גרינג פארשטעהן, אפילו ווען די זון זאל זיין הונדערט מאהל אזוי גרויס און טויזענט מאל אזוי ווייט פון אונז.

און אויב אזוי איז מיט א געלערנטען אין אנדערע חכמות, נאר אין אסטראנאמיע ניט, אפשיטא שוין מיט אזעלכען וואס איז אומגעלערענט אין אלעם? אזעלכען טאר מען קיין זאך ניט זאגען, ווייל אנשטאט לערנען וועט ער גאר לאכען דערפון, און שלמה המלך האט טאקע פארזאגט (משלי כ"ג) רעד ניט פאר א נאר קיין חכמות, ווייל ער וועט מבזה זיין דיינע שכל'דיגע רייד.

אפילו צווישען חכמים זיינען אויך פאראן מדרגות. און די אמת'ן וואס מען מעג אויפדעקען פאר'ן גרויסען חכם טאר מען ניט זאגען פאר'ן קלענערען. זעהען מיר דאך, אז א שכל וואס ווערט אנגענומען אלס אן אמת ביים פארשטענדיגען מענשען, ווערט פון'ם נאר אויסגעלאכט, און ביים מיטעלמעסיגען אנגענומען אונטער א פראגע-צייכען.

וויסענדיג דאס אלעס, האבען די חכמי התלמוד איינגעשלאסען די וועלט-גרויסע אמת'ן אין פשוט'ע דבורים און וואונדערליכע געשיכטעס, כדי דער המון זאל זיי ניט פארשטעהן, און נאר די חכמים וואס זיינען צוגעגרייט דערצו, זאלען עס קענען עפענען און ארויסקריגען די פערל פון אינוועניג.

דערפאר טאר קיינער ניט גרינגשעצען א מאמר פון אגדה וואס ער פארשטעהט ניט, אדער עס קוקט איהם אויס בטלנות'דיג, נאר ער דארף עס אנהענגען. ענטוועדער אין זיין ניט גענוג געלערנטקייט אדער אין אויבערפלעכיגען לערנען. דערויף ווינקט אן די גמרא (גיטין דף נ"ז) זאגענדיג: דער וואס לאכט אפ פון חכמים'ס רייד, ווערט גע'משפט מיט קאכעדיגע צואה... זאל זיין שכל זיין קאלט, און ניט פארשמוצט פון נארישקייט און אויבערפלעכליכקייט, וואלט ער די רייד ריכטיג פארשטאנען, און געזעהן אז דערפון איז גאר ניטא וואס צו לאכען.

אלס א ביישפיל ווי צו פארשטעהן א מאמר פון אגדה ברענגט דער רמב"ם דעם מאמר (ברכות דף ח') „אין לו להקב"ה בעולמו אלא ארבע אמות של הלכה בלבד" (מעהר ווי די 4 איילען פון הלכה האט גאט ניט אין זיין וועלט). אין פשט האט דער מאמר קיין זינען ניט. וואס הייסט? די אלע איבעריגע חכמות און מיינונגען זיינען דען גארניט? און איז דען מעגליך צו דענקען, אז ביז שם ועבר — די ערשטע לערנער — האט הקב"ה קיין חלק ניט געהאט אין זיין וועלט? נאר אריינטראכטענדיג זיך טיפער, וועט דער מענש געפינען ווי וויכטיג דעם מאמר איז.

— זיי וויסען — זאגט דער רמב"ם — אז די אלטע חכמים, נאך א סך דענקען, האבען פעסטגעשטעלט דעם כלל, אז יעדע באשאפענע זאך מוז האבען א צוועק, צוליב וועלכען ער איז באשאפען געווארען. קומענדיג צו דעם באשלוס האבען זיי זיך גענומען צום קלאסיפיצירען אלע באשעפענישען, געבענדיג צו ישרערען דעם תכלית פון זיין באשאף.

פון געוועהנליכע אינסטרומענטען איז דא אפגערעדט, זייער צוועק איז קלאר: די זעג, דער האמער, צוואנג, נאדעל, שער א. אז. וו. — די זענען דאך געוויס גע־שאפען געווארען צו דינען דעם בעל מלאכה פאר זיין ארבייט. דאס וואס זיי האבען יא געדארפט אויסגעפינען, איז דעם צוועק פון יעדען מין פלאנץ, בוים, גראז, מינעראל און די גאנצע ווארייאציע פון חיות, בהמות און שרצים — יעדער מיט זיין פארמע, איינס אנדערש פון דעם צווייטען, מיט אן אנדער טבע פון וואקסען, געבוירען און פארמעהרונג.

טויזענטער יאהרען זיינען שוין פארביי, און מיר ווייסען נאך ניט אפילו א טייל דערפון. נאר פון איין אדער עטליכע מינים גראזען און ווארצלען, וואס אונז געלינגט יא אויסצוגעפינען זייערע נוצען, פארשטעהען מיר, אז יעדער מין האט זיין באשטימטע מיסיע — כאטש אין וואס זייער תכלית באשטעהט ווייסען מיר נאך נית.

בלויז איין שלמה המלך האט געקענט ערקלעהרען דעם צוועק פון אלעס: פון'ם הויכען צעדער־בוים ביז'ן נידעריגען אזוב, און פון דער גרעסטער בהמה ביז דעם קלענסטען אינזעקט און די פיש פון וואסער.

בלייבענדיג ניט געוואוסט פון יעדען תכלית באזונדער, איז אבער פעסטגעשטעלט אז אלעס וואס געפינט זיך באשאפענעם אויף אונזער וועלט (אונטער'ן גלגל הירח— לויט דעם רמב"ם'ס לשון), איז צוליב דעם מענשען: פערד, אייזלען און קעמלען — צו טראגען די משאות וואס ער קען ניט טראגען און איהם צו פיהרען וואו ער קען ניט אזוי גיך דערגרייכען, געהענדיג צופוס; קיה — צוליב זייער מילך; שעפסען — פאר'ן וואל; הינער — צוליב די אייער, און אזוי ווייטער. און אזוי אויך יעדע גראז און בוים—ענטוועדער צוליב זייער נוצליכקייט צום עסען, אדער צו־ליב זייער מעדיצינישער וויכטיגקייט, וואס יעדער דור געפינט אלץ מעהר אויס פון זיי, אפילו די גיפטיגע פלאנצען, אויב ניט צום עסען, ברענגען זיי גרויסע נו־צען אין מעדיצין.

אין קורצען: אלעס אויף דער וועלט האט א צוועק: צו ברענגען נוצען דעם מין מענש; אבער וואס איז דער תכלית פון'ם מענשען גופא?

דער ענטפער איז: אלע באשאפענע האבען בלויז איין אויפגאבע: דער בוים, ארויסצוברענגען זיין ספעציעלען סארט פרוכט. די בין — צו פראדוצירען האניג; די שוואלב — צו בויען איהר נעסט פון בלאטע; די שפין — צו וועבען שפינ־וועבס. די איבעריגע אקציעס זיינען בלויז ביי־זאכען כדי צו קענען לעבען און טאן די ארבייט אויף וואס יעדער איז ספעציאליזירט.

דער מין מענש איז דער איינציגער וואס טוט פארשיידענארטיגע ארבייט. ער בויט און צעפיהרט, ער וועבט און צעררייסט, ער איז קלוג ווי א פוקס און אמאל נארישער פון'ם אייזעל, רחמנות'דיג ווי א לייב און אכזריות'דיגער ווי א טיגער. ער איז אלסדינג, באזיצט אלע כחות און אלע כשרונות און געברויכט זיי אלעמען.

נאך א סך קלעהרען זיינען די קדמונים געקומען צום באשלוס, אז דער מין מענש האט אויך, ווי אלע באשעפענישען, בלויז איין אויפגאבע, און די איבעריגע זיינען נאר כדי אויפצוהאלטען זיין עקזיסטענץ, וואס ער דארף, אום דורכצופיה־רען זיין מיסיע, אויף וואס ער איז באשאפען געווארען.

קומענדיג צו דעם באשלוס, מוזען מיר זאגען אז ניט אומזיסט איז ער באשאַנקען געוואָרען מיט שכל און לאָגיק, מעהר פון אַלע נבראים, נאָר כדי ער זאָל זיך אויסצייכענען דערמיט, אַזוי ווי יענע מיט זייערע גשמיות'דיגע פעהיגקייטען. עס וואָלט דאָך זיין אַן אבסורד צו גלויבען אַז דערפאַר איז ער באשאַנקען געוואָרען מיט שכל, כדי ער זאָל לעבען ווי אַלע חיות און בהמות אָהן שכל, נאָר צוליב עסען און טרינקען און תאוות.

שכל מיינט: לערנען — לערנען און דענקען ביז צו קענען פאַרשטעהן די איינהייט פון גאָט, דאָס איז דער תכלית פון'ם מענשען אויף דער וועלט.

אָבער ווי פריהער ערקלעהרט, קען דער שכל ניט פונקציאָנירען ריכטיג אייידער ער באַזייטיגט פון זיך די דערמאָהנטע פיר שטערונגען. דערפון קען מען פאַרשטעהן, אַז דער גוף מיט דער נשמה זיינען ווי רוים און ירושלים: איינער קען ניט אויפשטעהן סיידען דער צווייטער פאַלט. דער תקון פון נשמה קען ניט קומען, סיידען דער גוף ווערט שוואַך אין זיינע פאָדערונגען, און פאַרקערט.

אין קורצען: דער תכלית פון אַלע באשאַפענע איז, צו דינען דעם מענשען. און זיין תכלית איז, צו ענטוויקלען זיין שכל, כדי דורך איהם זיך צו דערהויבען ביז צו באַגרייפען די ריינע געטליכקייט (אחדות הבורא).

10

דער איבערמענש און זיין ווערט

דער מענש, אין וועמען עס זיינען צונויפגעזאַמעלט אַלערליי עמפּינדונגען און געפיהלען, גשמיות מיט רוחניות, תאוה'דיגע און שכל'דיגע, קען זיך בויגען אויף וועלכער זייט ער וויל: ענטוועדער זיך אָפּצושיידען פון אַלע חושים'דיגע תאוות, בלויז אָנהאַלטען גענוג צו דערהאַלטען זיין לעבען, און ווערען אַן איבערמענש, אָדער צו געבען תאוה די איבערהאַנט און ווערען ווי אַ בהמה וואָס לעבט בלויז צוליב'ן עסען, טרינקען און קינדער האָבען.

ס'איז דאָך אָבער אויך פריהער באוויזען געוואָרען, אַז אויב דעם מענשען'ס הויפּט אויפגאַבע זאָל זיין צו לעבען ווי אַ בהמה, וואָלט מען אין איהם אריינגעגעבען שכל ניט מעהר ווי אין בהמות, האָבענדיג מעהר שכל איז געדרונגען, אַז זיין מיסיע איז אויך אַנדערש ווי זייערע.

דער שכל מיט וואָס ער איז באשאַנקען מעהר ווי אַלע באשעפענישען, ווייזט אונז אָן זיין וועג אויף וועלכען ער דאַרף געהן, כדי צו דינען דעם אמת'ן תכלית.

אין קורצע ווערטער: דער צוועק פון אַלע באשעפענישען איז צו דינען דעם מענשען; זיין צוועק איז, זיך אויסצוצייכענען מיט אַ שכל'דיגען לעבען, ווייט פון תאווה און נאָהענט צו חכמה; קלעהרען אַזוי ווייט וויפיל מען קען דערגעהן מיט'ן שכל, און פראַקטיצירען גוטע מעשים, זיך איינגעוואוינען צו גוטע מידות און נעהמען פון דער וועלט נאָר אַזוי פיל וויפיל ס'איז נויטיג צו קענען לעבען.

אַזאַ מענש פאַרענדיגט מיט זיך דעם תכלית פון דער גאַנצער בריאה, און איהם האָט גאָט געמיינט, באשאַפענדיג די וועלט.

דער אמת איז באשטעטיגט, ניט בלויז פון אונזערע חכמים און נביאים, נאר אויך פון אמאליגע ניט־אידישע חכמים, וואס האבען אפילו ניט געהערט און ניט געוואוסט פון אונזערע נביאים מיט זייער חכמה. זיי האבען שוין אויך געוואוסט פון דעם כלל, און אויך זיי האבען געזאגט, אז דער מענש קען ניט זיין פאלשטענ־דיג, סיידען אין איהם ווערען פאראייניגט: דענקען און פראקטיצירען גוטע מידות; געגוג איז צו ציטירען די רייד פון דעם באוואוסטען פילאזאף אריסטאטעל: „דער ווילען פון גאט איז, אז דער מענש זאל זיין פארשטענדיג און א חסיד, ד.ה. פראק־טיצירען גוטע מעשים. דער חכם וואס דערווייטערט זיך ניט פון תאוה איז קיין חכם ניט, ווייל דער אלף־בית פון חכמה איז, צו נעהמען פון דער וועלט נאר די סאמע נויטיגסטע. חכם און בעל תאוה זיינען צוויי עקסטרימע באגריפען וואס קענען זיך ניט פאראייניגען אין איין מענשען בשום ענין ואופן".

דער נזיר, וואס איז ווייט פון תאוה, איז א בעל מידות, נאר ער טוט ניט אין חכמה, איז נאך אויך ווייט פון'ם אמת'ן וועג, כאטש אלץ נעהענטער ווי יענער וואס פילאזאפירט און איז א בעל תאוה; ווייל „אן עם הארץ קען קיין חסיד ניט זיין". דער וואס זאגט אויף זיך אז יא, וויל דערמיט אפלייקענען דעם כלל פון די חכמים.

דערפאר זאגט אן די תורה אין א סך ערטער „ולמדתם ועשיתם" — איהר זאלט לערנען און טאן — לערנען קומט פריהער, און דאס איז דער עיקר. פון חכמה קאן מען צוקומען צום „טאן", אבער דורך „טאן" קען מען ניט דערגרייכען ביז חכמה. דאס זעלבע זאגט די גמרא (קדושין דף מ') אז תלמוד איז גרוים, ווייל עס ברענגט צו מעשים; אבער מעשים קענען צו חכמה ניט ברענגען.

בלייבט איבער איין פראגע: מיר האבען באשטימט אז די געטליכע חכמה האט קיין זאך ניט באשאפען אהן א ציל, אז דער מענש איז דער תכלית פון'ם גאנצען באשאף, און זיין צוועק איז, זיך צו פארפאלקאמען אין חכמה און צו דער־גרייכען די ריכטיגע אמת'ן — טא ווארום זשע זעהען מיר אז די מערסטע באשא־פענע מענשען טראכטען גארניט, לעדיגע פון חכמה און להוט נאך תאוה, בעת וואס דער אמת'ער סוג מענש (לויט אונזער חשבון) געפינט זיך זעהר ווייניג, איינער פון א סך, אפטמאל גאר איין איינציגער אין א דור אדער דורות? דערויף קען מען ענטפערען צוויי תשובות:

א) וואס די מעהרסטע זיינען באשאפען מיט'ן צוועק צו באדינען אט דעם איינעם, אזוי ווי די מאסע בוימער, גראזען, חיות, בהמות און עופות זיינען בא־שאפען צו ברענגען נוצען דעם מענשען, ד.ה. אז שטענדיג עקזיסטירט די סך צו־ליב דעם איינצעלנעם.

ווען אלע מענשען זאלען זיך ארייגטאן אין חכמה און פילאזאפיע וואלט די וועלט חרוב געווארען אין א קורצער צייט.

דער מענש איז פעליג אין א סך זאכען. ער קען קיין גראז ניט עסען, נאקעט ניט ארומגעהן, אונטער'ן הימעל ניט שלאפען. ער מוז זייען תבואה, שניידען, דרעשען און מאהלען, באקען און קאכען, בויען הייזער, וועבען און נעהען בגדים, מאכען פארשיידענע כלים און געצייג. מתושלח'ס יאהרען וואלטען ניט גענוג געווען פאר דעם איינצעלנעם אויפצוטאן די אלע זאכען. פון וואנען זשע וועט ער נעהמען צייט צו לערנען חכמה?

דערויף זיינען די מאסען באשאפען געווארען זיי זאלען עס טאן די אלע זאכען, כדי דער איינצעלנער חכם זאל האבען פאר זיך א וועלט מיט כל טוב, און ער, האבענדיג אלסדינג פארטיג, זאל קענען זיך איבערגעבען צו חכמה.

ווי קלוג געזאגט איז: „ווען ניט די משוגעים וואלט די וועלט חרוב גע־ווארען".

און קיינער איז ניט אזוי משוגע ווי דער מין מענש! שוואך און שכל און נאך שוואכער קערפערליך, דאך באַרייזט ער די אלע זיבען וועלט־טיילען פון בערג ביז בערג, קרייצט איבער ימים אום ווינטער, טראפישע געגענדען אום זומער, און שטעלט זיך אין סכנה פאר חיות און רמשים — אלץ כדי צו פארדינען עטליכע דינרים (פארצייטיגע מטבעות). האבענדיג אפגעשפארט עטליכע רענדלאך, גיט ער זיי אפ צו בעלי מלאכות זיי זאלען אויסבויען פאר איהם א הויז פון קאלך און שטיינער, עס זאל שטעהן א סך יאהרען, טראץ זיין וויסען, אז איהם איז שוין ניט פיל יאהרען איבערגעבליבען צום לעבען — א צייט וואס א שוואךביידעלע וואלט איבערגענוג געווען. איז נאך פאראן א גרעסערע נארישקייט און משוגעת ווי דאס?...

דאס זעלבע זיינען אלע ערדישע תענוגים: בלויז משוגעת און נארישקייט, אבער נוצליך פאר'ן ישוב העולם. דערפאר רופען די חכמים אזא סארט מענשען „עם הארץ", ווייל זיין אויפגאבע איז אנצוהאלטען די ערד מיט אלעם וואס אויף איהר איז פאראן.

וועט אימיצער פרעגען: מיר זעהען דאך אזעלכע נארישע עמי־הארצים וואס לעבען רוהיג, בעת אנדערע, אפילו חכמים, ארבייטען גאר פאר איהם? נאר מען דארף פארשטעהן, אז באמת איז ער גאר ניט אזוי רוהיג, נאר ער ארבייט אויך פאר דעם איינעם וואס איז דער תכלית הבריאה: ער פארזאגט זיינע קנעכט צו בויען א פאלאץ און פארפלאנצען א פראכטפולען וויינגארטען. און אפשר וועט ווען עס איז א וואנדערענדער חסיד קומען דארט, זיך באשיצען אונטער'ן שאטען פון איינע פון די ווענט, און ניצל ווערען פון טויט, אדער מען וועט פון זיין וויינגאר־טען נעהמען א גלאז וויין צו געבען א חסיד, וועמען א שלאנג האט איינגעביסען, און דערמיט אפראטעווען זיין לעבען.

אונז דאכט זיך, אז דער נארישער עם הארץ רוהט, אבער ער רוהט ניט. זיין פארזאג צו די קנעכט איז אויך אן ארבייט — צוצוגרייטען עטוואס פאר דעם איינצעלנעם חסיד, דעם תכלית הבריאה. מיר זעהען דאס ניט, אבער דער בורא ברוך הוא זעהט עס פאראויס און גרייט עס צו דורך דעם דאזיגען.

אט דעם גאנצען געדאנק האט אויסגעדריקט בן זומא (ברכות דף נ״ח): שטעהענדיג אויפ'ן הר הבית און זעהענדיג די מאסען אידען וואס קומען עולה לרגל זיין אין ירושלים, האט ער אויסגערופען: „געבענשט זאל זיין דער וואס האט זיי אלע באשאפען מיר צו באדינען". ווייל ער האט געוואוסט זיין חשיבות אלס איינער פון זיין דור.

ב) דער צווייטער טעם אויף דער עקזיסטענץ פון די סך עמי הארצים, ווייל געלערנטע מענשען זיינען שטענדיג אין א קליינער צאהל, אזוי האט באשלאסען די געטליכע חכמה, אויף וועלכער מען קען ניט פרעגען „פארוואס איז אזוי", פונקט ווי מען קען ניט פרעגען: ווארום זיינען פאראן בלויז 9 גלגלים, 7 פיקס־

שטערען און 4 יסודות. מיר מוזען עס אננעהמען אין פאקט. דאס זעלבע איז אויך מיט דעם פאקט פון וועניג חכמים און א סך נאראנים, און אז די מערהייט איז באשאפען צוליב די עטליכע.

דאס זאגט רבי שמעון בן יוחאי (סוכה דף מ״ה): „איך זעה די אויבער־מענשען און זיי זיינען קליין אין צאהל. אויב צוויי, בין איך איינער און מיין זוהן דער צווייטער". און אויב ער האט עס געקענט זאגען אויף זיין דור, וואס איז באשטאנען פון א סך תנאים, א פשיטא שוין אין די איבעריגע דורות.

דערפאר איז דער פשוט׳ער המון באשאפען געווארען כדי די איינצעלנע זאל־לען ניט בלייבען איינזאם און אומעטיג . . .

דער רמב״ם אליין פיהלט די שוואכקייט פון דעם דאזיגען טעם, דארום זאגט ער: זאלסט ניט מיינען אז די נוצען זיינען אומבאדייטענד קליין, ווארים מיר זעהען דאך אז הקב״ה האט באשאפען רשעים אין ארץ ישראל און זיי דארט געהאלטען כדי צו פארהיטען אידען פון חיות (לא אגרשנו מפניך בשנה אחת פן תהיה הארץ שממה). און די חכמים זאגען עס אויף׳ן פסוק פון קהלת „כי זה כל האדם", אז אלע מענשען עקזיסטירען בלויז פון פרעהליכקייט וועגען פאר „אט דעם" איינעם.

נאך דער ערקלעהרונג אז די סך ברואים זיינען באשאפען צוליב מענשען, און אלע מענשען — צוליב דעם איינצעלנעם וואס לערענט חכמה און פראקטיצירט מדות (לערנען קומט פריהער, נאכדעם מעשים) איז שוין גרינג צו פארשטעהן דעם מאמר „אין לו להקב״ה בעולמו אלא ד״א של הלכה בלבד", ד.ה. אז נאר „הלכה" איז געווען דער הויפט תכלית פון דער גאנצער בריאה. די איבעריגע זיינען בלויז ביי־זאכען, ווי גשמיות ביים חכם.

ענדיגענדיג דעם געדאנק, קעהרט ער זיך צוריק צום ענין וועגען דער מעטאדע וואס ער האט אנגענומען אין זיין פירוש אויף משנה.

11

די דרייצעהן הויפט-פרינציפען פון אידישקייט

געענדיגט וועגען דעם חלק אגדה פון תלמוד, קעהרט ער זיך צוריק צום ענין וואס ער האט אנגעהויבען, דאס איז: צו ערקלעהרען ווי אזוי די משנה און איהר ברייטער פירוש, דער תלמוד איז צונויפגעשטעלט געווארען.

„די אלע פירושים אויף משניות האט רב אשי צונויפגעקליבען אין 35 בענדער־מסכתות. קיין תלמוד איז ניטא אויף סדר זרעים אויסער אויף ברכות, אויף גאנץ מועד איז פאראן תלמוד אויסער אויף שקלים. ניטא קיין תלמוד אויך אויף עריות און אבות פון סדר נזיקין, ניט אויף מסכת מדות און קנים פון קדשים, און אויף קיין מסכת פון טהרות אויסער אויף נדה אליין.

נאכ׳ן פארענדיגען דעם תלמוד בבלי איז רב אשי נפטר געווארען אין בבל.

אזוי האבען געטאן די חכמים פון ארץ ישראל, און רבי יוחנן האט מסדר געווען דעם תלמוד ירושלמי. דער לעצטער תלמוד באשטעהט פון גאנצע 5 סדרים, אבער אויף סדר טהרות אין קיין תלמוד ניטא אויף ביידע, אויסער אויף נדה.

„דערפאַר פאָדערט זיך גרויס אַרבייט און אַ סך מאַטעריאַל, נאָכצוזוכן אין תוספתא און ברייתות, דורכצוזיפּן ביידע תלמודים, צונויפנעמען אַלע צע־שפּרייטע הלכות פון דאָרטן כדי זיך צו שאַפן אַ וועג ווי דעם סדר טהרות צו פאַרשטיין".

אַז דאָס איז ניט איבערטריבן, איבערצייגט זיך יעדער תלמודיסט וואָס לע־רנט אַדורך דעם רמב״מ׳ס הקדמה צו סדר טהרות. און מיט רעכט ווערט גע־זאָגט, אַז בלויז מיט דער הקדמה אַליין וואָלט ער זיך געקענט מאַכן אומשטערב־ליך, ווי ער איז איצט, אין דער לומדישער וועלט.

די לעצטע חכמים זיינען געשטאָרבן (רבינא איז געווען איינער פון זיי) און פון דעמאָלט אָן האָבן די שפּעטערדיקע נאָכפאָלגער בלויז געמעגט זיך פאַרטיפן אין די אויפגעשריבענע, אָבער ניט צוצושטעלן און ניט אַרונטער־צונעמען.

אויפ׳ן תלמוד האָבן גאונים פאַרפאַסט פּירושים, אָבער בלויז אויף איינצעלנע מסכתות, קיינער האָט ניט באַוויזן צו פאַרענדיקן דעם פּירוש, ענט־וועדער צוליב פאַרשיידענע טרדות, אָדער מחמת זיין קורצן לעבן. אַנדערע האָבן פאַרפאַסט פאַרטיקע דינים, אין לשון קודש אָדער אין אַראַביש, ווי למשל: הלכות גדולות, הלכות קטנות, הלכות פּסוקות, הלכות רב אחא משבחא א.ד.ג.

די הלכות וואָס דער באַריהמטער רבינו יצחק האָט צונויפגעשטעלט, נעהמען אַריין אין זיך אַלע פריהערדערמאָהנטע חבורים, ווייל אין זיי איז פאַראַן אַלסדינג וואָס אַ איד דאַרף וויסען זייענדיג אין גלות. דאָרטען אַנאַליזירט ער אַלע פריהער־דיגע דינים, גע׳פּסק׳ענט פון די דערמאָנטע מחברים דערווייזענדיג זייערע טעותים, און מיט רעכט. „איך", זאָגט דער רמב״ם, „קען איהם בלויז כאַפּען אין איינינע טעותים, זייער צאָהל וואָס דערגרייכט אפילו ניט ביז צעהן".

אין די פּירושים אויף די סדרים: מועד, נשים, נזיקין, אויף חולין און נאָך פיר מסכתות האָט דער רמב״ם צונויפגעזאַמעלט און אַנאַליזירט די בעסטע פּירושים פון די פריהערדיגע, צוזאַמען מיט די וואָס ער האָט געהערט פון זיינע רביים, בפרט פון רב יוסף הלוי, „וועמעס שאַרפער שכל און טיפקייט אין לערנען וואַרפט אַ שרעק אויפ׳ן לערנער".

לערנען משניות אַליין אָהן דעם תלמוד, איז אַן אוממעגליכקייט, וואָרים דער תלמוד מעקט און שטעלט־צו ווערטער; ער באַווייזט, אַז די משנה איז געלערענט לויט איינעמס שיטה און די צווייטע — נאָך אַ צווייטענס מיינונג; די הלכה איז בלויז אין איין געוויסען פאַל, און אין אַנדערע פאַלען איז אַנדערש — אין קור־צען: קיין משנה קען ניט פאַרשטאַנען ווערען ניט האָבענדיג אויפ׳ן קאָפּ אַלעס וואָס די גמרא האָט גערעדט וועגען איהם אין פאַרשיידענע ערטער און ענינים.

דערפאַר האָט דער רמב״ם געשאַפען זיין פּירוש אויף משנה, האָבענדיג פאַר זיך פיר הויפּט צוועקען פאַר׳ן לערנער:

א) צו וויסען די ריכטיגע מיינונג פון דער משנה, לויט דעם תמצית פון דער גאַנצער תלמודישער שקלא וטריא וואָס ציהט זיך אַוועק אויף אַ צאָהל בלעטער און אָפטמאָל איבער עטליכע מסכתות — דאָס וואָס אַ מענש קען ניט האַלטען אויפ׳ן קאָפּ.

ב) צו וויסען דעם פּסק הלכה אויפ׳ן אָרט, דאָס וואָס אין תלמוד ווערט ניט בפירוש אַרויסגעבראַכט.

ג) די משנה לויט דעם פירוש זאל ווערן א קורצער אריינפיהר, וואס וועט שפעטער גוט צונוץ קומען אריינגעהענדיג אין תלמוד צו שטודירען יעדען עניז באריכות.

ד) עס זאל נוצען פאר א דערמאהנער צו יענע, וואס האבען שוין פון פריהער געלערענט דעם תלמוד און ווילען עס צונויפנעהמען בקיצור כדי צו גדענקען אויף שטענדיג.

האבענדיג די פיר פונקטען פאר זיך, האט דער רמב״ם גענומען נאר די קורצע און קלאהרע פירושים, אויסמיידענדיג די קאמפליצירטע און לאנגע, וועלכע זיינען, לויט זיין מיינונג, ווייט פונ׳ם אמת און אין תלמוד גופא שוין געווארען אפגעפרעגט. ער דערווייזט די אורזאכען וואס האבען ארויסגעבראכט א מיינונגס־פארשידענהייט צווישען די תנאים און ווי עס בלייבט דער דין.

איבערהויפט האט ער זיך געהיט צו רעדען קורץ ווי נאר מעגליך. די ווער־טער זיינען געמאסטען און געוואויגען.

צום סוף גיט ער א כראנאלאגיע פון אלע חכמי התלמוד, איינגעטיילט אין צעהן טיילען, און יעדען פון זיי אויסגערעכענט לויט זייער פארנעהם אין תלמוד.

די ארבייט אליין פאר זיך איז גענוג צו דערקענען דעם רמב״ם אין זיין גרוי־סער בקיאות און וואונדערבארער סיסטעם.

ניט שטענדיג האלט ער זיך אין קורצקייט, נאר ביי יעדער געלעגענהייט וואו עס קען אריינגעבראכט ווערען וועלכער עס איז צווייג פון אלגעמיינער וויסענ־שאפט, אדער צו ערקלעהרען אן עיקר פון אמונה, טוט ער עס גערן, מיט דער פולער האנט, ניט שרעקענדיג זיך פאר אריכות.

איינע פון יענע ערטער וואו ער געהט ארום זעהר ברייט, איז זיין פירוש אויף דער משנה „כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא״ (סנהדרין) — יעדער איד האט א טייל אין דער וועלט וואס קומט. דא האט דער רמב״ם געפונען פאר נויטיג גענוי צו באשטימען: מיט וואס איינער ווערט „איד״ און וואס מיר דארפען פארשטעהן אונטער׳ן טערמין „עולם הבא״.

וואס אנבאלאנגט די ערשטע פראגע האט ער אוועקגעשטעלט 13 הויפט פונק־טען (עקרים) אין וועלכע א איד מוז גלויבען, אנדערש איז ער ניט בארעכטיגט צום נאמען „ישראל״. דאס זיינען זיי:

1) צו גלויבען מיט׳ן פולען גלויבען, אז דער בורא האט באשאפען און קאנ־טראלירט אלע באשאפענע, און ער אליין האט געטאן, טוט און וועט טאן אלע מעשים.

2) צו גלויבען, אז דער באשעפער איז איינער, אז ס׳איז ניטא נאך אזא איינהייט ווי ער, און אז ער אליין, אונזער גאט, איז געווען, איז און וועט זיין.

3) צו גלויבען, אז ער איז ניט קיין קערפער, און דערפאר געהט ער ניט אונ־טער מאטעריעלער ענדערבארקייט, ווייל צווישען איהם און קערפערליכקייט איז קיין שום פארגלייך ניטא.

4) צו גלויבען, אז נאר צו איהם מעג מען מתפלל זיין, און ניט צו קיין אנ־דערען אויסער איהם.

6) צו גלויבען, אז אלסדינג וואס די נביאים האבען געזאגט, איז אמת.

7) צו גלויבען, אז די נבואה פון משה רבנו איז לויטער אמת, און אז ער איז דער גרעסטער פון די נביאים פאר איהם און נאך איהם.

8) צו גלויבען, אז די תורה וואס מיר האבען, איז די זעלבע וואס איז צו משה'ן געגעבען געווארען.

9) צו גלויבען, אז די תורה וועט ניט געענדערט ווערען, און אז גאט וועט קיין אנדער תורה ניט געבען אויף איהר ארט.

10) צו גלויבען, אז גאט ווייס יעדען מענשען'ס געדאנק.

11) אז ער באלוינט מיט גוטעס די וואס היטען אפ זיינע מצוות און באשטראפט יענע וואס איבערטרעטען זיי.

12) צו גלויבען, אז משיח וועט קומען, טראץ זיין פארזאמען זיך, דאך מוז מען יעדען טאג זיך ריכטען אויף איהם.

13) צו גלויבען, אז געשטארבענע וועלען צוריק לעבעדיג ווערען, ווען גאט וועט זיי וועלען לעבעדיג מאכען.

די זיינען עס די „גלויבענס ארטיקלען״, באוואוסט אונטער'ן נאמען „שלש עשרה עקרים״, וואס דער רמב״ם פארפליכטעט אידען צו גלויבען. ניט גלויבענדיג אין זיי איז א איד ניט בארעכטיגט צו דעם נאמען אפילו ווען ער לערענט תורה און איז מקיים איהרע מצוות.

שפעטער זיינען געקומען אנדערע חכמים וואס האבען געקריגט אויף איהם מיט זיינע עקרים, ווי למשל: ר' יוסף אלבו און זיין „עיקרים״, וואס שטעלט בלויז 3 עיקרים. אנדערע גדולים זיינען געווען מיט דער מיינונג, אז אידישקייט באשטעהט איבערהויפט פון פראקטיצירען מצוות מיט גוטע מדות, און האט ווייניג וואס צו טאן מיט'ן געדאנק. דער רמב״ם אליין זאגט עס אין זיין „שמונה פרקים״, אז „מאנכע זעהען קיין מצוה און קיין עבירה ניט אין שכל, נאר בלויז אין דעם כח המתעורר און כח המרגיש; אבער ער זעהט אין שכל אויך גוטעס און שלעכטעס: גוטס — גלויבענדיג, און שלעכטס — אין אומגלויבען אדער אין דעם ניט ריכטיגען גלויבען״.

דער רמב״ם איז ניט דער ערשטער ביי אידען צו רעדען וועגען עקרים, אבער ער איז געווען דער ערשטער צו שטעלען עקרים אויפ'ן גרונט פון פילאזאפישע אנשויאונגען, ווי למשל: אז דאס גלויבען אין א קערפערליכען גאט איז גלייך ווי ער זאל לייקענען אין גאט'ס עקזיסטענץ — געגען דער מיינונג וואס דער ראב״ד איז ארויסגעקומען מיט דער באמערקונג: „גרעסערע און בעסערע פאר איהם האבען אזוי געגלויבט״, און איז אויך געווען דער ערשטער צו געבען א פארמע פון פעסטגעשטעלטע הלכות צו די עקרים.

נאר די אלע חקירות און מיינונגס פארשיידענהייטען צווישען די גדולים, האבען ניט געשטערט די דרייצעהן עקרים זאלען אנגענומען ווערען פון אלע אידען וואס זאגען עס יעדען טאג נאכ'ן דאווענען.

ווייסען מיר שוין די דעפיניציע פונ'ם „ישראל״ באגריף. וואס איז „עולם הבא״?

וועגען דעם גיט דער רמב״ם א ברייטע ערקלעהרונג, נעמליך:

12

וואס איז עולם הבא?

— ווי צו דעפינירען באלוינונג און שטראף — זאגט דער רמב״ם — זיינען פאראן פארשידענע מיינונגען, דערפאר קען קיין מענש דאס ניט גענוי באגרייפען, אהן פארגרייזונג אין שכל. בדרך כלל ווערען זיי איינגעטיילט אין פאלגענדע כתות:

די ערשטע כתה גלויבט, אז דאס ארט פון באלוינונג פאר גוטע מעשים איז אין גן עדן — דארט איז פאראן צו עסען און טרינקען, ניט דארפענדיג ארבייטען ווי אויף דער וועלט. יעדער צדיק האט א הויז, געבויט פון עדעלשטיינער, בעטען אויסגעבעטע מיט זייד, און טייכען וואס פליסען וויין, בוימעל און שמעקעדיגע בשמים. מיט איין ווארט: א פלאץ וואו עס זיינען פאראן אלע ערדישע גוטקייטען... שטראף פאר עברות איז אין גיהנום, אן ארט וואו מען ברענט די גופים און מען פייניגט זיי מיט די גרעסטע ענוים.

די כתה באפעסטיגט איהר מיינונג מיט א צאהל פסוקים און מאמרים וועלכע, לערנענדיג בוכשטעבליך, ווייזען דערויף.

א צווייטע כתה מיינט, אז די צייט פון באלוינונג איז נאך משיח׳ס קומען. דאן וועלען מענשען לעבען אייביג און גליקליך. משיח וועט אויך לעבען אייביג. פון דער ערד וועלען ארויסוואקסען פארטיגע זיידענע בגדים, אויף די בוימער — אויסגעבאקענע בולקעס, און נאך אזעלכע אוממעגליכקייטען. די שטראף: וואס דער ניט־צדיק וועט עס ניט זוכה זיין צו זעהן. די כתה געפינט אויך פסוקים און מאמרים, וועמעס פשוט׳ער פשט ווייזט אן דערויף.

די דריטע כתה באהויפטעט, אז די באלוינונג וועט קומען נאך תחיית המתים, ווען מענשען מיט אלע זייערע קרובים, עלטערען און קינדער וועלען אויפשטעהן פון די קברים, עסען, טרינקען און לעבען אייביג. די שטראף באשטעהט: פון ניט אויפשטעהן „תחיית המתים" צוזאמען מיט די וואס ווערען יא לעבעדיג. די כתה האט אויך א צאהל ראיות פון פסוקים אויף איהר מיינונג.

די פערטע כתה איז איבערציוגט, אז באלוינונג פאר טאן מצוות באשטעהט פון גשמיות׳דיגע גוטסקייט, צו האבען אלסדינג וואס דער גוף פארלאנגט בשפע; א סך רייכקייט, הייזער, אן אייגען לאנד מיט אן אייגענעם קעניג, געראטענע קינדער, געזונט און שטארקייט, און הערשאפט איבער די וואס האבען זיי שלעכטס געטאן. די שטראף — דער געגענזאץ פון די פריהער אויסגערעכענטע מעלות, אזוי ווי מיר זיינען איצט אין גלות . . . די קללות פון ביידע תוכחות און נאך פסוקים באווייזען דערויף.

די פינפטע כתה, פאראייניגט אלע פריהערדיגע טובות צוזאמען: צדיקים וועלען דערלעבען משיח׳ן, וועלכער וועט לעבעדיג מאכען אלע געשטארבענע, און אלעמען אריינברענגען אין א גן עדן צו עסען און טרינקען, שטענדיג זיין געזונט און קיינמאל ניט שטארבען.

אבער קיינעם פון די פריהער דערמאהנטע פאלט ניט איין זיך צו פארטראכטען אויף דער פראגע: וואס איז עולם הבא? איז עס דער ענדליכער תכלית אדער בלויז א מיטעל צו א העכערען צוועק? מען פרעגט בלויז זייטיגע פראגעס:

צי וועט דאמאָלסט זיין קראַנקהייט, טויט, רייכקייט און אָרימקייט; צי וועלען די טויטע אויפשטעהן מיט שעהנע קליידער אָדער בלויז מיט אַזעלכע וואָס דעקען נאָר צו דעם קערפּער, אָדער גאָר נאַקעט.

שולדיג אין דער דאָזיגער איבערפלעליכקייט זיינען יענע לומדים וואָס נעהמען די מאמרים און פּסוקים אין בוכשטאַב, ניט וועלענדיג אריינדרינגען אין זייער באַהאַלטענער כונה. מאַנכע, ווייל זיי פעהלט פּשוט די חכמה, און האָבען ניט געהאַט וועך עס זאָל זייער אויפמערקזאַמקייט ציהען דערויף. אַט די לומדים, צווישען זיי דרשנים פאַר׳ן המון, מישען צענויף נויטווענדיגקייט מיט מעגליכקייט און אונמעגליכקייט אין איין קאשע, און דערלאַנגען דאָס פאַר׳ן פּשוט׳ן עולם. אויף די „אָרימע אין שכל" איז אַ ביטערער רחמנות, און נאָך מעהר צער איז אויף די טיפזיניגע מאמרים וועלכע זיי פאַרטונקעלען דורך זייער נאַרישען לערנען. אַנשטאַט צו זאָגען ווי משה רבנו: אַט די פעלקער, הערענדיג די תורה געזעצע, וועלען זאָגען: נאָר אַ גרויס און פאַרשטענדיג פאָלק קאָן האָבען אַזאַ תורה — וואָלטען די זעלבע זאָגען, הערענדיג זייער אויסטייטשונג: נאָר אַ קליין נאַריש פאָלק קען אַזוי דענ־קען און גלויבען.

אַנדערע ווידער, מיינענדיג אַז מעהר ווי פּשט איז אין די מאמרים ניטאָ, קומען זיי צו גרינגשעצונג, אָפּשפּעטענדיג פון די קלוגע ווערטער. אַ טייל פון זיי פאַסען דאָרט אריין זייער נאַרישע חכמה שטערענזעהעריי, ניט ריכטיגע פילאָ־זאָפיע. די זיינען נאָך ערגער פון יענע תמימים וואָס נעהמען די ווערטער און פּשט און גלויבען אין זיי בתמימות; אָבער ביידע דערנידעריגען די נביאים און חכמים. ביידע, סיי די דרשנים, סיי די זאָגענאַנטע חכמים וואָלטען פיל קליגער געטאָן שווייגענדיג.

אַ דריטער טייל, איז דער ריכטיגער, וואָס גרונטעוועט זיך אין מאמרים כדי ארויסצובאַקומען די אינוועניגסטע כונה. „און בלויז פאַר די" — זאָגט דער רמב״ם — „שרייב איך מיין ערקלעהרונג וועגען עולם הבא, ווייל נאָר זיי וועלען מיר קאָנען פאַרשטעהן". ער פאַנגט אָן מיט אַ משל:

אַ קינד איז אריינגעבראַכט געוואָרען אין חדר כדי צו לערנען תורה — דער הויפּט ציל פאַר אַ מענשען, מיט וואָס ער צייכענט זיך אויס העכער איבער אַלע ברואים.

אָבער דאָס קינד פאַרשטעהט איהם ניט. דערפאַר דאַרף דער מלמד איהם גע־בען ניס, פייגען אָדער צוקערקעס. ער לערענט — ניט צוליב דעם אמת׳ן תכלית — נאָר צוליב די נאַשערייען. ער אַרבייט שווער כדי צו באַקומען די נארישע הנאה, וואָס ער שעצט אַ סך מעהר ווי דעם גרויסען צוועק.

שפּעטער, ווען ער וואַקסט אריבער די נאַשעריי־תאוה, הויבט דער מלמד איהם אָן איינצורעדען: לערען, דערפאַר וועט מען דיר קויפען נייע בגדים׳לאַך, שיכעלאַך. שפּעטער מיט אַ יאָהר — קויפט מען איהם אָפּ מיט געלט. ווייטער — לערען, כדי דו זאָלסט ווערען אַ רב, וועסט קריגען כבוד פון אַלעמען... יענער לערענט צוליב די בייזאַכען, ניט פאַרשטעהענדיג אַז די אַלע הבטחות זיינען געקומען בלויז צוליב דעם אמת׳ן צוועק, וועלכען ער פאַרשטעהט ניט מיט זיין יונגען שכל.

יעדער מענש איז ווי אַ קינד אין דער הינזיכט. ער לערענט צוליב גן עדן,

וועלכען מען שטעלט איהם פאר מיט די רייכסטע פארבען, און צוליב די אלע גוטע זאכען וואס מען קריגט, זייענדיג א צדיק.

דאס איז אבער קינדיש־נאריש. מען זאגט איהם צו — און ער קריגט עס טאקע — צוליב זיין נארישען שכל און געוואוינהייט, ניט צו טאן קיין זאך פאר וואס מען ערווארטעט ניט צו קריגען באלוינונג.

דער ענטוויקעלטער מענש ווייסט, אז לערנען איז פאר זיך אליין דער צוועק גאר ניט דערווארטענדיג קיין אנדער באלוינונג דערפאר. דאס הייסט „תורה לשמה", לערנען צוליב איהר אליין, ניט צוליב אן אנדער פארדינסט. אזא מענש מאכט ניט פון דער תורה א קרוין זיך צו פוצען און א האק, דערמיט צו פארדינען זיין ברויט. דינען גאט דארף מען, דאס איז דער צוועק פון׳ם מענשענ׳ס לעבען, אבער ניט צוליב קריגען געצאהלט (לא על מנת לקבל פרס). דער צוועק פון קענען, איז דאס קענען אליין; דאס געצאהלט פאר א מצוה — איז די מצוה גופא. אויפ׳ן פסוק „ובמצותיו חפץ מאד", זאגט ר׳ אליעזר (ע״ז י״ט.) דער ריכטיגער מענש דארף גלויבען די מצות, ניט דעם שכר פאר די מצות. דער וואס זאגט: איך לערען תורה כדי צו זיין רייך, צו ווערען א רב אדער כדי צו האבען עולם הבא, איז א קינד אין שכל, ווייל דער דערוואקסענער מענש דארף עס טאן צוליב אהבה — ליבע צו גאט, צו זיין תורה און צו דער חכמה אלס דער צוועק אין זיך אליין (ספרי).

די אלע צוגעזאגטע און געגעבענע באלוינונגען זיינען נאר פאר די ניט־דערוואקסענע. די איינצעלנע גרויסע מענשען טראכטען אפילו ניט וועגען דעם.

מיט די הקדמות קומט ער צו זיין מיינונג וועגען עולם הבא, זאגענדיג:

זוי וויסען, אזוי ווי א בלינדער פון געבורט קען ניט באגרייפען דעם פארגעניגען פון פארבען־רייכקייט, און א טויבער — די שעהנקייט פון מוזיק, אזוי קען אונזער קערפער ניט באגרייפען דעם אמת גייסטיגען פארגעניגען.

זייענדיג קערפערליכע מענשען, קענען מיר זיך קיין אנדער תענוגים ווי קערפערליכע ניט פארשטעלען. מיר האבען פשוט קיין חושים ניט מיט וואס עס צו זעהן, פיהלען, טאפען, אדער שמעקען, סיידען נאד׳ן פארטיפען זיך דערין מיט׳ן שכל.

אז עס זיינען פאראן תענוגים אויסער יענע וואס מיר דערגרייכען מיט אונזערע חושים, ווייסען מיר. מענשען הארעווען און גיבען אוים מאסען געלט כדי צו קריגען כבוד. אנדערע ליידען גרויסע צרות, קעמפענדיג פאר פרייהייט; מענשען האלטען זיך צוריק מיט אלע כחות פון תאוה צו אן אשת איש כדי אויסצומיידען חרפה; מאנכע עסען ניט, טרינקען ניט און רוהען ניט ביז זיי געלינגט צו נעהמען נקמה פון זייער שונא — כאטש די געפיהלען פון כבוד, פרייהייט, בושה און נקמה האבען קיין שום שייכות ניט צום קערפער וואס באשטעהט פון פלייש, בלוט, ביינער און מוסקלען; זיי זיינען דערפאר ריין גייסטיגע עמפינדונגען. און אויב מיר קענען עס דורכלעבען זייענדיג פארבונדען מיט׳ן גוף, אפשיטא שוין וויפיל גייסטיגען פארגעניגען די נשמה ערווארטעט, זיך האבענדיג באפרייט פון איהם?

אט די גייסטיגע פארגעניגענס זיך באפרייענדיג פון גוף אפילו ביים לעבען, שטויסען אפ פון זיך אלע נארישע חושים פון תאות, אזוי ווי פונ׳ם מלך, זיצענדיג אויפ׳ן טראן, די קינדערשע תאוה זיך צו שפילען מיט א פילקע... יענע תענוגים

זיינען שטענדיגע, זיי ווערען קיינמאָל ניט מאוס, זיי ענדיגען זיך ניט מיט א קאַ־צעניאָמער, ווי נאָך שיכרות, און ניט מיט בויכוועהטאָג נאָכ׳ן איבערעסען.

ביי דעם אויבערמענשען ווערען פאַרשטאַנען די גוטע הבטחות פון דער תורה אזוי צו זאָגען: ועסטו טאָן די מצוות, וועל איך דיר מיטהעלפען, געבענדיג שלום און זאַטקייט, כדי צו קענען אָנגעהן דיין גוטען וועג. ועסטו אָבער נאָכגעהן די תאוות, וועל איך דיר שטעלען שטערונגען, דו זאָלסט אפילו דאָס ביסעל אויך ניט קענען אָפּהיטען.

גן עדן — דאָס איז א טייער פּלאַץ וואָס דער בורא וועט אָנווייזען צום מענ־שען, וואו דער קלימאַט איז וואונדערבאַר, געזונטע טייכען און וואונדערבאַרע נאָך ביז איצט פאַר אונז אומבאַוואוסטע פּרוכט און גרינס, וואָס וואַקסען אָהן פיל אַרבייט אַרום זיי. דאָס איז ניט אונמעגליך אפילו מיט שכל, בפרט נאָך ווען די תורה זאָגט עס צו.

דער היפוך דערפון איז גיהנום—א נאָמען פון׳ם צער און שטראָף וואָס רשעים באַקומען, נאָר אין תלמוד שטעהט ניט גענוי באַשריבען ווי אזוי די שטראָף ווערט דורכגעפיהרט.

תחיית המתים איז איינס פון די עקרים וואָס א איד מוז גלויבען, אַנדערש קען ער זיך ניט רופען מיט דעם נאָמען. נאָר צדיקים וועלען געניסען דערפון, ניט די רשעים, וועלכע ווערען גערעכענט ווי טויטע אפילו ביים לעבען.

שטאַרבען מוז א מענש. זייענדיג צונויפגעשטעלט פון פאַרשיידענע יסודות, מוז דער קערפּער ענדליך זיך צוריק צעטיילען אויף די זעלבע יסודות־חלקים.

ימות המשיח מיינט, די צייט ווען אידען וועלען צוריק קומען אונטער דער רעגירונג פון א אידישען מלך קיין ארץ ישראל. מיט זיין חכמה וועט ער אריבער־שטייגען שלמה המלך, דערפאַר וועט זיין אויטאָריטעט זיין איבער אַלע מענשען פון דער וועלט. ער וועט שאַפען גוטע געזעצען, אָפּשאַפען אונטערדריקונג און מלחמות, מענשען וועלען מאַכען א גרינג לעבען, זיין באַפרייט פון צרות און זאָרג, דערפאַר וועט דאָס לעבען פאַרלענגערט ווערען.

אָבער מיר דאַרפען ניט האָפען אויף יענער צייט צו ווערען רייך, רייטען אויף פערד, הערען אלערליי געזאַנגען, טרינקען די בעסטע וויינען און עסען די בעסטע מאכלים — אזוי ווי נאַראָנים דענקען; נאָר אז דעמאָלט וועט מען קענען לערנען און וויסען, און פאַרשטעהן, אז דער תכלית פון וויסען — איז דאָס וויסען, און אמת׳ע שמחה — דורך חכמה צו דערגרעהן דעם אמת.

איצט ווערט דער מענש קאָנטראָלירט, ווי דער פערד, מיט צוים און לייצעס, דורך באַלוינונג און שטראָף. פאַר די קומענדיגע מענשען וועלען די באַגריפען פון שלום, אמת און גערעכטיגקייט זיין זייערע קאָנטראָלירער.

אָט אזוי שטעלט זיך פאַר דער רמב״ם עולם הבא — די צוקונפטיגע וועלט.

13

פיזישע און פסיכישע קראַנקהייטען

זיין פירוש אויף אבות הויבט אָן דער רמב"ם מיט אַ גרויסער איינלייטונג, איינגעטיילט אין אכט פּרקים. אין דער הקדמה צו זיי זאָגט ער:

„ניט קוקענדיג וואָס די מאמרים אין אבות זיינען גרינג צו פאַרשטעהן, פיהל איך דאָך, אַז כדי ריכטיג צו באַגרייפען זייער טיפע כונה מוז מען האָבען פאַר זיך אַ לאַנגען פירוש מיט אַ צאָהל הקדמות.

„אונזערע חכמים זאָגען: ווער עס וויל זיין אַ חסיד, דאַרף מקיים זיין די הנהגות פון אבות. חסדיות ווערט נאָכגעפאָלגט פון נבואה — די העכסטע מדרגה צו וואָס אַ מענש קען דערגרייכען.

„דאָס האָט מיר באַוואויגען צו שאַפען די דאָזיגע איינלייטונג; און וויסען זאָלסטו, אַז אַלעס וואָס דו וועסט דאָ געפינען, זיינען ניט קיין אויסגעטראכטע זאכען, נאָר צענויפגעקליבענע פּערל פון תלמוד, מדרשים און פילאָזאָפיע, כאָטש איך דערמאָהן ניט די נעמען פון די מחברים און זייערע ספרים".

ערשטער פּרק, וועגען דער מענשליכער נשמה און איהרע פונקציעס: זאָלסט וויסען, אַז אַ נשמה איז נאָר דאָ איינע, נאָר איהרע פאַרשיידענאַרטיגע פעולות און פונקציעס האָבען געבראַכט געלערענטע צו גלויבען, אַז יעדער מענש האָט אין זיך עטליכע נשמות. גאַלינוס, למשל, וואָס איז דער ערשטער מעדיצינער, דענקט פון 3: איינע וואָס מאַכט וואַקסען דעם קערפּער; די צווייטע וואָס באַוועגט די חושים; די דריטע, וואָס גיט דענקונגס פעהיגקייט. אַנדערע געלערענטע רופען עס „נשמה־טיילען" — ניט אין דעם זין ווי עס טיילט זיך מאַטעריע, נאָר לויט די אַרבייטען וואָס די איין און איינציגע נשמה טוט.

אזוי ווי דער דאָקטאָר מוז וויסען אין וועלכען קערפּער־טייל עס ליגען די קרענקליכע סימפּטאָמען וואָס ברייגגען קראַנקהייט, כדי צו באַזייטיגען די סיבה וואָס רופט זי ארויס, אזוי דאַרף דער גייסטיגער דאָקטאָר זיך דערקונדיגען אין וואָס פאַר אַ נשמה־טייל די קראַנקהייט האָט זיך אריינגעכאַפּט, כדי צו וויסען ווי עס געזונט צו מאַכען דורך אינסטרוקציעס ווי צו דענקען, וואָס יאָ אָדער ניט צו טאָן א.אז.וו.

נשמה־טיילען זיינען פאַראַן 5: דער כח וואָס מאַכט וואַקסען דעם גוף און זיך ענטוויקלען, ערקענטנים, פאַרשטעלונגס קראַפט, עמאָציע און דענקונגס פעהיגקייט.

מען דאַרף אָבער וויסען, אַז דאָ ווערט גערעדט נאָר וועגען דער נשמה פון'ם מין מענש. וואָרים דער כח פון שפּייז, מיט וועלכער דער מענש ווערט געשפּייזט, איז ניט דער זעלבער ווי יענער כח וואָס שפּייזט דעם פערד אָדער אייזעל. יעדער מין קריגט זיין שפּייז דורך דער פאַרמיטלונג פון זיין נשמה־טייל, און די נשמות זיינען ניט גלייך אין פעהיגקייט, נאָר בלויז אין נאָמען אליין. דער משל איז, פון דריי באַלויכטענע ערטער: איינער ווערט באַלויכטען פון דער זון; דער צווייטער — פון דער לבנה, און דער דריטער — פון אַ ברענענדיגער ליכט. אַלע זיינען „באַלויכטען", אָבער די ליכטיגקייט איז פאַרשיידען, לויט די טבע פון דעם

באַלייכטער. דערפאַר איז דער כח פון שפייזען, צוזאַמען מיט די מיטלען פון עסען, טרינקען און פאַרדייען וואָס העלפען דעריין, ביים מענשען אַנדערש ווי ביים פערד, און ביי איהם אַנדערש ווי ביים אָדלער, מחמת זייערע נשמות זיינען ניט גלייך. דערמיט ווערט פאַרשטענדליך, ווי אומזיניג עס איז צו מיינען, אַז וואָס עס איז נוגע צום עסען, טרינקען, געבוירען, וואַקסען און אַלט ווערען, איז דער מין מענש גלייך מיט אַלע איבעריגע בעלי חיים.

1—די וואוקס און ענטוויקלונגס פעהיגקייט ווערט צעטיילט אויף 7 אַרבייטען; אריינבערענגען דאָס עסען אין אַלע גלידער און ביינער, פאַרדייאונג, איינצוהאַלטען אין זיך דאָס פאַרדייעטע, ארויסצוזוואַרפען דאָס אומנוצליכע, דאָס וואַקסען, געבוירען קינדער עהנליך צו זיך, דאָס אָפטיילען און איינהאַלטען די נוצליכע עסענצען און ארויסשיקען די אומנוציגע ליחות.

2—צו דער ערקענטניס (ערפאַהרונג) געהערען די 5 חושים: זעהן, הערען, פיהלען א טעם, שמעקען און אָנטאַפּען. דער לעצטער פונקציאָנירט מיט'ן גאַנצען גוף, ניט ווי די פריהעריגע פיר, וואָס ווערען געטאָן פון א ספעציעל באַשאַפענעם גליד: זעהן — דורך די אויגען; הערען — מיט די אויערען, א.אז.וו.

3—פאַרשטעלונגס קראַפט דאַרף איינהאַלטען אין זיך די איינדריקען פון זאַכען וואָס דער באוואוסטזיין האָט אריינגעקראָגען דורך די פינף חושים—נאָך זייער פאַרשווינדען, אָפטמאָל זיי צו באַהעפטען צוזאַמען, און אַמאָל גאָר פאַנאַנדערטיילען, און מאַנכעסמאָל גאָר צונויפצושמעלצען צוויי איינדריקען וועלכע קענען קיינמאָל ניט זיין צוזאַמען. צום ביישפיל: אַן אייזערנע שיף וואָס פליהט איבערלופט, אָדער א מענש מיט די פיס אויף דער ערד און קאָפּ ביים הימעל. די געגענשטאַנדען: „אייזערנע שיף", „לופט", „ערד", „הימעל" און „מענש" זיינען דאָך פאַראַן באַזונדערע, די פאַרשטעלונגס קראַפט האָט זיי בלויז צונויפגעשטעלט צוזאַמען, באַטש אין דער ווירקליכקייט קענען זיי צוזאַמען קיינמאָל ניט זיין.

דערמיט ווערט צונישט געמאַכט דער סאָפיסטישער כלל, אַז אַלעס וואָס מען קען זיך פאַרשטעלען אין געדאַנק, איז א מעגליכקייט — א פאַלשער כלל אויף וועלכען זיי האָבען געבויט זייער נאַרישע אָדער אָפּנאַרערישע איינטיילונג צווישען נויטווענדיגקייט, מעגליכקייט און אונמעגליכקייט.

4—עמאָציע. דאָס איז דער כח וואָס רופט ארויס שנאה אָדער ליבשאַפט צו א זאַך, נאָכצולויפען א נוצליכע זאַך און אַנטלויפען פון א שעדליכע, דערוועקען כעס, פאַרדרוס, אכזריות, גבורה, ענטוישונג און אַלע איבעריגע פסיכישע כחות. זיינע אינסטרומענטען זיינען אַלע גלידער: די אויגען צו זעהן די געפאַהר, די פיס צו אַנטלויפען, דאָס הארץ צו באַגרייפען, די הענט אָפּצושלאָגען דעם שאָדען, אַלע מוסקולען זיך אָנצונעהמען מיט אימפּעט, א.ד.ג.

5—דענקונגס פעהיגקייט אָדער אורטיילס־קראַפט, א טייל וואָס ווערט באַנוצט פאַר מאַטעריעלע זאַכען, ווי: צו ערלערנען פּראָפעסיעס, מלאכות און אויסצוטראַכטען די נויטיגע מעטאָדען ווי זיי צו מאַכען. א צווייטער טייל אויף לערנען חכמות, פאַרשטעהן וואָס אַנדערע האָבען געשריבען, און אויף יעדע קומט די אורטיילונגס קראַפט, צי איז עס מעגליך צו טאָן, אויב יאָ — ווי אזוי דאָס צו טאָן אויף'ן בעסטען אופן.

מיט די נשמה מיט אַלע אויסגערעכענטע אָפּטיילונגען אינאייינעם, בילדעט

דעם חומר (סובסטאנץ) פון גייסט און דער שכל איז איהר צורה (פארמע), אהן דעם שכל פונקציאנירט זי ניט, אזוי ווי זי זאל גארניט עקזיסטירען. אויף דעם זאגט דער פסוק (אין משלי י״ט) „גם בלא דעת נפש לא טוב", ד.ה. די נשמה אהן דעם שכל דערביי, טויג ניט.

צווייטער פרק: מצוה און עבירה, אדער גוט און שלעכט, קענען הייסען נאר אזעלכע מעשים וואס א מענש קען זיי יא טאן אדער ניט טאן. דערפאר קענען זיי נאר צוגערעכענט ווערען צו דעם כח וואס פיהלט, און זיין ברודער־כח וואס רופט ארויס עמאציעס; אבער ניט די פארשטעלונגס קראפט, אויך ניט דער כח וואס שפייזט דעם קערפער, זיי טוען זייער ארבייט געצוואונגען, כסדר, אפילו אין שלאף, און אהן באוואוסטזיניגקייט. דערפאר איז ניט שייך אויף זייערע פונקציעס צו זאגען: מצוה אדער עבירה.

וועגען שכל זיינען פאראן פארשיידענע מיינונגען; אבער דער רמב״ם דענקט אז ביי איהם איז אויך שייך גוט און שלעכט. דענקען ריכטיג איז א מצוה, פאלש — אן עבירה.

מעלות זיינען פאראן צווייערליי: זיטליכע (מעלות המדות) און זינליכע (מעלות השכליות). צו די זיטליכע געהערען פאלגענדע: אפגעהיטקייט פון א זינד, גוט־דערצויגענקייט, יושר, פשוט׳קייט, באנוגענען זיך מיט וויפיל ס׳איז דא, צוטרוי צו מיטמענשען, א.ד.ג. די זינליכע מעלות זיינען: חכמה צו פאר־שטעהן די דירעקטע און אומדירעקטע סבות פון ערשיינונגען, קלאהרער פארשטאנד, ריכטיגע באגרייפונג — באלד צי נאך א קורצער נאכדענקונג — וויסען די אק־סיאמען, ווי למשל, אז דאס גאנצע איז מעהר ווי א טייל דערפון, אז צוויי קאנ־טראסטען קענען זיך ניט געפינען אין איין געגענשטאנד אין איין און דער זעלבער צייט, דאס זיינען אלץ אפריארישע גרונט פרינציפען וואס דארפען ניט קיין בא־שטעטיגונג, שטענדיג אויסגעהאלטען, און דורך זיי מאכט מען אנאליטישע אדער סינטעטישע אויספיהרונגען.

זינליכע מעלות געהערען נאר צום שכל; אבער זיטליכע מעלות געהערען צום כח פון עמאציע, מיט דער ארויסהילף פון׳ם ערקענטניס כח (כח המרגיש).

די ענטוויקלונג און פארשטעלונגס כחות האבען דערין קיין חלק ניט, זיי־ענדיג בלויז אויטאמאטען וואס טוהען זייער ארבייט שטענדיג און אהן פרייען אויסוואהל.

דריטער פרק: א נשמה קען קראנק ווערען אזוי ווי א גוף. דער לעצטער, אויב זיינע כחות ארבייטען הארמאניש, איז ער א געזונטער. אבער ווען איינער פון די יסודות שטארקט זיך אריבער די אנדערע, ווערט געשטערט די הארמאניע און דער גוף ווערט קראנק.

ווען דער מאגען ווערט קראנק, פארלירט דער מענש די פעהיגקייט פון פיהלען דעם ריכטיגען טעם אין מויל. זיסע זאכען ווערען ביטער און פארקערט. אנדערע הויבען אן גלוסטען צו אזעלכע מאכלים וואס זיינען שעדליך פאר זייער געזונט. קינדער מיט געוויסע קראנקהייטען כאפען זיך צום עסען ערד, אש, קולען — זאכען וואס א געזונטער טראכט גאר קיינמאל ניט זיי צו נעהמען אין מויל.

די וואס ליידען אויף א הויך־קראנקהייט, פארלירען די אורטיילונגס פעהיג־קייט צו וויסען וואס איז פאר זיי נוצליך און וואס שעדליך.

אבער ערגער פאר אלץ איז, ווען דער קראנקער פארלירט די ידיעה אז ער איז קראנק. ער שפרינגט פון בעט, קלאגט זיך אויף די ארומיגע וואס לאזען איהם ניט, שרייענדיג: „איך בין דאך געזונט! לאזט מיך געהן צו מיין באשעפטיגונג, קונדען ווארטען אויף מיר".

אזא קראנקער פאדערט צווייערליי ארבייט ארום זיך: צום ערשטען, איהם צו איבערצייגען אין זיין קראנקהייט, נאכדעם איהם צו קורירען.

פונקט דאס זעלבע איז ווען די נשמה ווערט קראנק, ענטוועדער ווייל די פארשטעלונגס קראפט האט גובר געווען די איבעריגע נשמה פונקציעס, אדער ווערענדיג צו עמאציאנעל, אדער דער שכל איז אוועק אויפ׳ן פאלשען וועג. דאן הערט אויף די הארמאניע, דער שכל הויבט אן האבען האלוצינאציעס, שלעכטס באטראכט ער פאר גוטס, און פארקערט; מאנכעסמאל דערגעהט עס אזוי ווייט, ביז׳ן לייקענען אין דער מציאות פון שלעכטס.

די גוף־קראנקהייטען קורירט א דאקטאר, די נשמה־קראנקהייטען — א חכם.

די ערשטע ארבייט איז, צו געבען דעם קראנקען אקריטעריום, צו אונטערשיידען צווישען גוט און שלעכט. ווארים שלמה המלך אין משלי, זאגט: דרך רשעים באפלה, לא ידעו במה יכשלו", די רשעים געהען אין דער פינסטער, ניט וויסענדיג אין וואס זיי ווערען געשטרויכעלט. נאכדעם לערענט דער חכם ווי אזוי זיך צו פיהרען.

14

ווי אויסצומיידען עקסטרימען, נאר נעהמען דעם מיטעלוועג

פערטער פרק, וועגען די מיטלען צו קורירען נשמה־קראנקהייטען: גוטע מעשים זיינען בלויז יענע וואס האלטען אן דעם מיטעלוועג, אויסמיידענדיג די צוויי עקסטרימען: איינער פון זיי — שלעכט, דער צווייטער — צו גוט, און ביידע טויגען ניט, נאר דער מיטעלוועג איז דער בעסטער.

למשל: נאכלויפען תאוות אונטער אלע אומשטענדען, און אונטערדריקען יעדען קערפערליכען באגעהר — דאס זיינען ביידע עקסטרימען, און שלעכט עגאל. דער מיטעלוועג איז: זהירות, אפגעהיטקייט, געניסענדיג פון דער וועלט די פארשיידענע באגערען און תשיקות, אין עסען, טרינקען, סעקסועלען געברויך, און געלט פארדינען.

קארגקייט איז איין עקסטרים; פארשווענדעריי איז דער צווייטער — און ביידע טויגען ניט. דער מיטעלוועג איז: נדיבות, צו שענקען וואו און צו וועמען דארף, און איינשפארען וואו עס איז ניט גאנץ נויטיג.

גבורה איז דער מיטעלפונקט צווישען דער מידה פון איינשטעלען דעם לעבען איבער א נארישקייט, און שרעקעדיגקייט פאר יעדע קלייניגקייט.

זעלבסטרעספעקט איז דער געווינשטער וועג צווישען איבערטריבענע גאוה און בזיונות, ווען א מענש איז זיך אליין מבזה דורך אומ׳כבוד׳יגע מעשים.

שטעהן פאר׳ן פרינציפ אין וועלכען א מענש גלויבט, איז דער מיטעלוועג

צווישן איבערטריבענע עקשנות און פּרינציפּלאָזיגקייט, אַבי צו לעבן גוט מיט דער סביבה אַרום זיך.

גאוה איז אַ מאוס׳ע מידה. גייסטיגע שפלות איז אויך ניט שעהנער. דער מיטעל־פּונקט צווישן ביידע עקסטרימען איז, ענוה.

זיך באַנוגענענדיג מיט וואָס מען האָט, איז דער געווינשטער מיטעלוועג צווישען גלײַכגילטיגקייט און פוילקייט צו אַרבייטען און פאַרדינען.

די זיינען נאָר איינצעלנע ביישפּילען וועלכע קענען דינען פאַר וועג־ווייזער אין אַלע מדות און הנהגות: צו נעהמען דעם מיטעלוועג צווישען ביידע עקסטרימען.

צום באַדויערען זיינען ניטאָ אין העברעאיש קיין גענויע טערמינען אויף מדות, דערפאַר מאַכען זיך טעותים אין דער אָפּשאַצונג. למשל: שעהמעוודיגקייט ביי אַ מענשען ווערט פאַררעכענט פאַר אַ מעלה, דער געגענזאַץ עזות פּנים — אַ שלעכטע מידה. מען דענקט אַז זיין נאָמען איז „ביישן", אָבער בטעות; ווייל ביישן איז דער צווייטער עקסטרים פון „עז פּנים" אָדער „קפדן". דער עזות פּנים אָדער קפדן לאָזט ניט פאַלען אויף זיך קיין שפּרענקעלע, און איז גרייט יענעם צו זידלען און שטראָפען פאַר יעדער פּגיעה בכבוד. דאָס איז איין עקסטרים, בעת דער ביישן לאָזט זיך מבזה זיין פאַר גאָרניט און שווייגט. דאָס איז דער צווייטער עקסטרים. ער באַטראַכט זיך פאַר גאָרניט און יענעם פאַר אַלץ. אַזאַ „ביישן" קען אַליין ניט לערנען, אַזוי ווי דער קפדן קען ניט לערנען מיט אַ צווייטען. דער מיטעלוועג איז „בושת פּנים" און ער איז, לויט אונזערע חכמים, דער יעניגער וואָס וועט זיין אין גן עדן, בעת דער עז־פּנים וועט געהן גלייך צום גיהנם. אָבער ניט דער „ביישן" נאָר דער „בושת פּנים".

אָט דער מאַנגעל אין גענויע טערמינען ברענגט צו מאַסען טעותים און באַגריפען: רופען מיר איינעם „גוט האַרציגער", וואָס קען אוועקגעבען די לעצטע העמד פון זיך — דאָס וואָס עס איז גאָר אַ חסרון; דער צווייטער עקסטרים פון שלעכטקייט: ניט צו וועלען טאָן אַזאַ טובה וואָס איהם קאָסט גאָרניט, ניט קיין געלט און ניט קיין אַרבייט. ביידע טויגען ניט, נאָר דער מיטעלוועג, צו געבען בלויז ביז אַ פּינקטעל. אַן אַלטער, אָדער דער וואָס איז אַ בכבוד׳יגער מענש, טאָר זיך ניט באַמיהען אָפּצוטראָגען יענעמ׳ס אבידה, א.ד.ג. נאָר גוטהאַרציגקייט אויפ׳ן מיטעלוועג איז די געווינשטע.

רופען מיר גבורים אַזעלכע וואָס שטעלען איין דאָס לעבען אין געפאַהר צוליב נאַרישען כבוד, אַרויסצורופען באַוואונדערונג פון די צושויער; אַזאַ לויפער, שפּרינגער, רייטער, אונטערנעהמער פון געפעהרליכע ים רייזעס, וואו די שאַנסען צום אומקומען זיינען גאַנצע 99 פּראָצענט און בלויז איין פּראָצענט ניצל צו ווערען דורך אַ נס אָדער גליקליכען צופאַל — ערוואַרטעט באַקרוינט צו ווערען מיט׳ן נאָמען „העלד", גבור, בעת דאָס איז באמת עקסטרימע גאוה, באַריהמעריי — אַ שענדליכע מידה.

און אַזוי ווייטערדיגע טעותים: דער בזוי באַטראַכט זיך פאַר אַ סבלן, דער אַמביציעזלאָזער פוילער — פאַר אַ מסתפק במועט (באַנוגענט זיך דערמיט וואָס ער האָט) און דער פאַרשווענדער — פאַר איינעם ביי וועמען געלט האָט קיין ווערדע ניט.

דאָס זיינען טעותים, ווייל נאָר מיט׳ן מיטעל־וועג געהענדיג קען דער מענש זיך באַטראַכטען פאַר אַ בעל מעלה וואָס איז ווערט געלויבט צו ווערען.

צו ווערען אַ בעל מדות קען אַ מענש ניט דורך איין מאָהל טאָן, נאָר דורך אַ סך מאָהל טוענדיג, ביז ער ווערט איינגעוואוינט דערצו, און געוואוינהייט איז די צווייטע נאַטור. געהמענדיג איין עקסטרים — צו־גוט אָדער צו־שלעכט — אַ סך מאָל נאָכאַנאַנד, ווערט עס ביי איהם אַ צווייטע נאַטור, אַ פעהלערהאַפטע, אַזוי ווי ער קען ווערען אַ בעל מעלה זיך איינגעוואוינענדיג צום געלויבטען מיטעלוועג.

אין די איבעריגע פרקים זאָגט ער אַזוי:

ווען אַ מענש ווערט געבוירען, איז אין איהם ניטאָ קיין מעלות אָדער חסרונות, נאָר ער איז ווי אַ ריינע שטיק פּאַפּיר, וואָס ווערט שפּעטער פאַרשריבען פון זיין סביבה, פּריינט, ערציהער, געזעלשאַפט און לאַנד. יענע פאַרקירעווען איהם אמאָל צו איין עקסטרים, אמאָל צום צווייטען, און דערפון ווערט זיין נשמה קראַנק.

דער אופן פון קוראַציע איז, צו באַזינען די נייגונג און זיך אַנשטרענגען צום צווייטען עקסטרים, ווי למשל פון עקסטרימער קאַרגקייט צו עקסטרימע פאַרשווענדעריי, אַ סך מאָהל כסדר. דער ערשטער הרגל וועט ציהען צו קאַרגקייט, די צווייטע געוואוינהייט — צו פאַרשווענדעריי, ביז עס וועט זיך שטעלען אויף׳ן מיטעלוועג: אויף גוטהערציגקייט (נדיבות). און אַזוי מיט די איבעריגע מדות.

אָט דאָס האָבען געמיינט די גרויסע חסידים וואָס ווערען דערמאָנט אין אַלטע ספרים: דערפיהלענדיג אין זיך אַ נייגונג צו וועלטליכע תאוות מעהר ווי עס איז נויטיג, האָבען זיי זיך אַ וואָרף געטאָן צום צווייטען עקסטרים: אַוועק אין מדבר, געגאַנגען באָרוועס און נאַקעט, געגעסען נאָר צו דערהאַלטען די נשמה, און אַ סך טעג איינגאַנצען געפאַסט. די זיינען געווען זייערע נשמה־רפואות כדי זיך צו שטעלען אויף׳ן מיטעלוועג. נאָר ווען נאַראָנים האָבען געזעהן זייערע מעשים, ניט פאַרשטעהענדיג די אמת׳ע כונה, האָבען זיי געמיינט, אַז פאַסטען, זיך פּייניגען, אַרומוואַנדערען אין מדבריות זיינען גוטע מדות פאַר זיך אליין, און זיי גענינומען נאָכטאָן, מיינענדיג אַז דערמיט טוען זיי אַ נחת רוח צום באַשעפער, ניט פאַרשטעהענדיג אַז „ער" האָט ניט פיינט דעם גוף און ער האָט איהם ניט באַשאַפען כדי זיי, די נאַראָנים, זאָלען האָבען וועמען צו פּייניגען און פאַרניכטען.

צו וואָס זיינען זיי געגליכען? צו אַ נאַר וואָס האָט געהערט אַ דאָקטאָר פאַרזאָגענדיג אַ קראַנקען קיין זאַך ניט צו עסען, נאָר וואַסער צו טרינקען, און איהם געגעבען ביטערע רפואות צו נעהמען אַלע שעה אַ לעפעל, כדי יענער קראַנקער, וואָס איז געפעהרליך קראַנק פון עסען צופיל ביז ער האָט פאַרדאָרבען דעם מאַגען און געקראָגען אַ היץ־קרענק — זאָל געראַטעט ווערען פון טויט און געזונט ווערען. יענער נאַר האָט זיך אָבער געטראַכט: אויב אַ קראַנקען קענען די מיטלען געזונט מאַכען, וועלען זיי אַ געזונטען ווי מיר שטאַרק מאַכען ווי אַ ריז, און אָנגעגאַנגען אַ צייט מיט דעם דיעט און געטרונקען די רפואות. עס פאַרשטעהט זיך אַז ער איז געפעהרליך קראַנק געוואָרען; ניט פאַרשטעהענדיג די סיבה דערפון, האָט ער שפּעטער מבזה געווען דעם דאָקטאָר׳ס חכמה און קוראַציע.

אונזער גוטע תורה, „וואָס דערקוויקט די נשמה און מאַכט קלוג נאַראָנים" דערמאָהנט גאָרניט פון סגופים. זי הייסט עסען, טרינקען, הייראַטען, וואוינען

צווישען מענשען, האנדלען, ארבייטען, זייען און פלאנצען — אָבער אַלץ מיט אַ מאָס. זכריה הנביא, אויף דער פראגע צי זאָל ער פאַסטען, קריגט דעם ענט־פער: ניט אין פאַסטען באשטעהט די מעלה, נאָר אין פיהרען זיך מיט משפט, חסד און רחמים, ניט בארויבען דעם יתום און אלמנה, קיינעם קיין שלעכטס ניט טאָן און רחמנות האָבען איינער אויפ׳ן צווייטען. נאָכדעם זאָגט ער, אַזוי האָט גאָט געזאָגט: דער תענית פון פינפטען מאָנאַט (אב) און דער פון זיבעטען (תשרי) וועלען ווערען פאר אידען טעג פון פרייד, און אמת מיט שלום ליב צו האָבען. „אמת" מיינט, גייסטיגע מעלות, וועלכע עקזיסטירען שטענדיג און זיינען אונענדערבאר, בעת „שלום" ענטהאַלט אין זיך גוטסקייט פון מידות, וואָס ברענגען דעם הארמאָנישען לעבען צווישען די מענשען פון דער וועלט.

אנטלויפען פון דער וועלט טויג ניט, אַזוי ווי עס טויג ניט צו לעבען בלויז פאר איהרע תאוות אָהן אַ העכערען צוועק. די תורה וואָרענט געגען דעם צוויי־טען עקסטרים אַזוי שטאַרק ווי געגען דעם ערשטען.

אַ נזיר דאַרף ברענגען אַ קרבן כפרה, ווייל ער איז אַ „חוטא" מיט זיין מצער זיין זיך ניט טרינקענדיג קיין וויין; עסען דאַרפסטו, נאָר יענע ערלויבטע מאכלים; לעבען מיט אַ פרוי און האָבען קינדער מוזסטו, נאָר דורך חופה וקידושין, און ניט שטענדיג. פריוואַט אייגענטום מעגסטו האָבען, אָבער מעשר, לקט, עוללות, שכחה און פאה דאַרפסטו געבען; ביזט ניט מחויב זיך צו לאָזען טרעטען פון אימיצען מיט די פיס, אָבער דערוויטער זיך פון נקימה, נטירה, גאולת הדם (צו ערמאָרדען דיין קרוב׳ס מערדער), דו מוזסט זיך צווינגען צו העלפען דיין שונא אנלאָדען די משא אויף זיין אייזעל אָדער אויסלאָדען ווען זיין אייזעל ליגט אונטער דער משא; אָנהאַלטען זעלבסט־ווירדע און דאך רעספעקטירען עלטערען, עלטערע פון זיך, און אויספאָלגען שופטים; האָבען די מידה פון ענוה, אָבער ניט פאַרכטען פאר קיינעם ווען עס קומט צו אַ דין, און ניט מורא האָבען צו שטראָפען דיין חבר, זעהענדיג איהם טאָן שלעכטס.

די זיינען אַלץ ביישפּילען, צו פארשטעהן מיט זיי די גאַנצע תורה, ווי זי פאר־לאַנגט אין אַלעם דעם מיטעלוועג. אנטלויפען פון דער וועלט, ניט חתונה האָבען, פאַנאַנדערצוטיילען זיין גאַנצען פארמעגען צו אָרימע אָדער שוהלען און תלמודי תורה — זיינען ניט ווינשענסווערטע מעשים, זייענדיג דער צווייטער עקסטרים, און געגען דער מיינונג פון דעם וואָס האָט אונז די תורה געגעבען.

אַ קראַנקע נשמה דאַרף באהאַנדעלט ווערען ווי אַ קראַנקער גוף. איןביידע פאַלען מוז אָפּגעהיט ווערען די נויטיגע גלייכגעוויכט, און די דערוויטערונג פון ביידע עקסטרימען.

15

אַלע פאַרשיידענע מעשים מוזען געטאָן ווערען צוליב איין תכלית

ער ווייזט אָן ווי אַזוי צו שאַפען איין צענטראַלען פונקט פאַר אַלע פאַרשיידענע מעשים.

ווי עס איז פריהער ערקלעהרט געוואָרען, טאָר אַ מענש זיך ניט פאַררוקען אין איין ווינקעלע פון דער וועלט און דאָרט געניסען נאָר אַזוי פיל ווי צו דערהאַלטען דעם לעבען, נאָר ער מוז זיין אַ מענש פון דער וועלט, הנאה האָבען פון אַלס־דינג און זיין אַ גוטער און נוצליכער מיטגליד פון דער געזעלשאַפט אין אַלע פּרטים.

אָבער די אַלע הנאות, כאָטש ערלויבטע אויף׳ן מעסיגען אופן, דאַרפען האָבען איין און איינציגען ציל פאַר זיך, דאָס איז: צו ענטוויקלען דעם שכל אויף דער העכסטער מדרגה ביז צו דערגרייכען גאָטהייט אויף וויפיל אַ מענשליכער שכל קען דערגרייכען, און זיך צו פאַרפאָלקאָמען אין די ווינשענסווערטע מידות. יעדע הנאָה, יעדע אַקציע און יעדע באַוועגונג דאַרף געוואויגען און געמאָסטען ווערען מיט אָט דער מאָס: ברענגט עס דירעקט צו דעם פריהערדערמאָהנטען תכלית, אָדער ניט. אויב יאָ, דאַרף מען עס טאָן, אויב ניט — פאַרמיידען.

אַ ביישפּיל דערצו איז רפואות הגוף: אַ מענש דאַרף עסען כדי אָנצוהאַלטען אַ געזונטען קערפּער. אָבער ווען אַ קראַנקהייט האָט זיך ענטוויקעלט, און זיין רפואה איז פאַסטען — עסט ער ניט. דאָס זעלבע: ער דאַרף עסען גוטע מאכלים, ווייל דערפון האָט דער קערפּער די נויטיגע ערנעהרונג און פאַרשטאַרקונג, אָבער ווען דעם זעלבען ציל קען מען נאָר דערגרייכען דורך טרינקען ביטערע רפואות — דאַרפען זיי גענומען ווערען מיט דער זעלבער צופרידענהייט ווי די געשמאַקע מאכלים. וואָרים די אַלע זאַכען זיינען בלויז מיטלען וואָס דינען איין ציל: אָנצוהאַלטען אַ געזונטען גוף.

דאָס זעלבע איז אין רפואת הנפש: דאָס עסען, טרינקען, שעהנע בגדים, געלט פאַרדינען, באַזוכען פרעמדע מדינות, זעהן זעלטענע חיות, באַקוקען קונסטפולע בנינים, סטאַטועס אָדער בילדער — אַלעס דאַרף דינען דעם איין תכלית: צו האָבען אַ גאַנצע נשמה, אַ צופרידענע, כדי זיך צו קענען איבערגעבען מיט אַלע חושים צו שטודירען די הויכע אמת׳ן וועגען גאָטהייט און זיין הנהגה.

אָט דער איין גרויסער ציל באַרעכטיגט אַלע פאַרגעניגענס. דער איין תכלית קאָנטראָלירט און צייגט אָן וואָס אַ מענש דאַרף יאָ אָדער ניט טאָן.

וואָרים נאָר אַ בהמה, אָדער אַ מענש מיט איהר שכל, קען באַטראַכטען יעדען קערפּערליכען גענוס אַלס אַ ציל פאַר זיך אַליין. דערפאַר עסט זי אַזעלכע שפייזען און אין אַזאַ פּראָפּאָרציע וואָס שאַדעט איהר נאָכדעם. אָבער דער פאַרשטענדיגער מענש מוז וועגען און מעסטען יעדע הנאה אויב זי איז דירעקט נוצליך פאַר׳ן תכלית, דערפאַר וועט ער זיך פאַרמיידען פון שעדליכע הנאות, כאָטש געשמאַק פאַר דעם מאָמענט, און פאַרקערט, ניט אויסמיידען ביטערע, כאָטש זיי זיינען אומאָנגענעם פאַר דעם מאָמענט, צוליב דעם שפּעטערדיגען תכלית, וועלכען ער האַלט שטענדיג פאַר די אויגען.

נאָרהאַפטע און געשמאַקע מאכלים, שעהנע קליידער, אַ שעהנע הויז און די איבעריגע רחבת׳ן, זיינען ניט קיין צוועק פאַר זיך, נאָר מיטלען צו האָבען אַ רוהיג צופרידענעם גוף. אָבער די צופרידענקייט פון גוף איז אויך ניט קיין תכלית פאַר זיך, נאָר אַ מיטעל אָנצוהאַלטען די צופרידענהייט פון דער נשמה, זי זאָל זיך קענען איבערגעבען צו עבודת הבורא אויף דעם וועג ווי פריהער ערקלעהרט.

אַ בעל מלאכה, כאָטש ער ווייס גוט זיין אַרבייט, קאָן אָבער ניט פיל אויפטאָן, ניט האָבענדיג זיינע אינסטרומענטען אין אַ גוטען צושטאַנד. אַזוי קען די נשמה גאָרניט אויפטאָן אויף איהר געביט ווען דער גוף מיט אַלע זיינע גלידער און כחות זיינען ניט אין אַ גוטען מצב בנוגע געזונט און רוהיגקייט.

אָבער אַלעס מוז געהן דירעקט צום תכלית. עסען, רוהען און געלט פאַרדינען, כדי צו האָבען די נויטיגע רוהיגקייט. לערנען חכמות ווי: מאַטעמאַטיק, אַסטראָ־נאָמיע, מעכאַניקס און געאָמעטרישע צייכנונגען, כדי אויסצושאַרפען דעם שכל און איהם פעהיג צו מאַכען ער זאָל קענען גרינגער באַגרייפען די געטליכע חכמה. שפּאַצירען, אָנקוקען שעהנע גערטנער, פאַרשיידענע בנינים, קונסט מאַלערייען, סקולפּטור מאָנומענטען און אַנדערע פון דעם סאָרט, כדי פאַר אַ ווייַלע אָפּצורוהען דעם שכל, ער זאָל קענען שפּעטער מיט מעהר אימפּעט זיך איבערגעבען דער אמת׳ער חכמה מיט׳ן גאַנצען חשק און התמדה.

אין תלמוד ווערט דערמאָנט, אַז ווען די תלמידי חכמים פלעגען פאַרמאַטערט ווערען פון לערנען, פלעגט דער רבי זאָגען אַ גלייכווערטעל, כדי זיי צו צעשטרייען.

האָבענדיג דעם איין ציל שטענדיג פאַר די אויגען, דאַן הערען אויף צו עקז־זיסטירען אומנוציגע מעשים, נאָר אַלע ווערען הייליג, דינענדיג צו איין גרויסען תכלית. די צאָל מענשען וואָס קענען זיך דערהויבען צו אַזאַ מדרגה, איז זעהר קליין, אָבער די עטליכע יחידי סגולה דינען גאָט דורך אַלע זייערע ערדישע מעשים, זייער מדרגה דערגרייכט כמעט ביז צו די נביאים. אונזערע חכמים גיבען עס צו אין פסוק פון משלי „בכל דרכיך דעהו״ (אין אַלע זיינע וועגען זאָלסטו איהם ווּסען) און די גמרא (ברכות) באַמערקט דערויף: „אפילו ווען עס קומט אַרויס פון איין זייט אַן עבירה, אויב נאָר דאָס איז געצילט צום תכלית, הייסט עס לשם שמים. דאָס אַלעס ווערט אָנגעוואוּנקען אין די קורץ געזאָגטע אָדער פיל געמיינטע ווערטער פון אבות „וכל מעשיך יהיו לשם שמים״.

דער זעקסטער פרק, וועגען דעם אונטערשייד צווישען אמת׳ן חסיד פון דער נאַטור און יענעם וואָס געלוסט נאָך שלעכטעס, נאָר ער שטאַרקט זיך איבער׳ן יצר הרע: די פילאָזאָפען זיינען מיט דער מיינונג, אַז דער אמת׳ער חסיד מיט זיין נאַטירליכע נייגונג צו גוטע מעשים און עקעל צו שלעכטעס, איז חשוב׳ער פון יענעם וואָס איז להום נאָך תאווה נאָר ער אונטערדריקט זיין פאַרלאַנג. דער הסבר איז, ווייל דער לעצטער באַווייזט דערמיט די קראַנקהייט פון זיין נשמה, בעת דער נאַטירליכער חסיד איז געזונט סיי אין טהאַט סיי אין געדאַנקען. דער כובש את יצרו איז געוויס אַ בעל מדרגה, אָבער ער שטעהט נידעריגער פון חסיד אין מעלה.

אויבערפלעכליך ווייזט אויס פון אייניגע פסוקים אַזוי ווי די פילאָזאָפען באַ־הויפּטען. אין משלי קאַפּ. כ״א: נפש רשע אותה רע, פון דאָרט ווייזט אויס אַז בלויז מיט׳ן געלוסטען נאָך שלעכטעס — אפילו ווען ער טוט עס ניט — פאַרדינט דעם נאָמען רשע. דאָרט ווערט ווידער געזאָגט: „שמחה לצדיק

עשות משפט ומחתה לפועלי און״, ד.ה. דער וואָס טוט גערעכטיגקייט מיט שמחה, דער איז אַ צדיק און דער וואָס טוט דאָס יעלבע, נאָר אומצופרידענערהייט — איז אַ רשע. דערפון זעהט מען אז דער געדאנק ביים טאָן אַ מצוה, האָט אַ סך וואָס צו זאָגען.

פון דער אנדער זייט זעהען מיר מאמרי חז״ל וואָס שטעלען דעם כובש את יצרו איבער׳ן חסיד, ווייל „לפום צערא אגרא״, וואָס שווערער עס קומט איינעם אָן צו טאָן אַ מצוה, אַלץ מעהר געצאָלט קריגט ער פאַר איהר. עס ווערט אויך געזאָגט, אַז וואָס גרעסער דער מענש אַלץ גרעסער איז זיין יצר הרע. נאָך מעהר: אַ מענש טאָר גאָר ניט זאָגען: „איך וויל ניט עסען חזיר״, נאָר ער מוז זאָגען: „איך וואָלט זעהר וועלען, נאָר וואָס זאָל איך טאָן ווען גאָט הייסט ניט ?״

צו פאַרענטפערען די סתירה צווישען די מאמרים טיילט איין דער רמב״ם די מצוות אין צוויי טייל: מצוות שכליות, און מצוות שמעיות. די ערשטע זיינען פון דעם סאָרט וואָס דער שכל אליין איז געגען זיי, ווי: ניט צו גנב׳ענען, גזל׳ען, רויבען א.ד.ג. די צווייטע זיינען אַזעלכע וואָס זיינען פאַרבאָטען נאָר פון דער תורה, אָבער ניט מצד השכל, ווען ניט זי וואָלט קיינעם גאָר ניט איינגעפאלען אַז זיי זיינען אסור, ווי: ניט עסען קיין חזיר, ניט אָנטאָן קיין שעטנז א.אז.וו. איצט איז אזוי: בנוגע צו די ערשטע איז געווים בעסער ווען דער מענש גלוסט זיי גאָרניט. אָבער בנוגע די צווייטע, איז גלייכער זיי יאָ צו גלוסטען און דאָך אויס־מיידען, ניט צו טאָן, ווייל „דער פאָטער אין הימעל האָט גוזר געווען דאָס ניט צו טאָן״.

דערמיט ווערט רעכט, וואָס דער תנא ברענגט פאַר אַ משל נאָר די מצוות „איך וויל עסען חזיר און געהן אין שעטנז״ — אַלע מצוות שמעיות — און ניט „איך וויל גנב׳ענען, ראַבעווען״ און דאָס גלייכען מצוות שכליות, ווייל בנוגע דעם סאָרט איז טאַקע גלייכער אינגאַנצען ניט צו וועלען, ווי דער חסיד איז בטבע.

16

דעם מענשען׳ס פרייער אויסוואַל

אַ סך ווערט גערעדט אין אגדות, מדרשים און אפילו אין תלמוד וועגען די קאַטעגאָריעס פון נביאים: אַנדערע וואָס האָבען געזעהן גאָט דורך ווענינער מחיצות, און אַנדערע דורך מעהרערע. דערמיט האָט מען יעדען נביא׳ס ווייטקייט אָדער נאָהענטקייט צום השם יתברך באַצייכענט. דער וואָס האָט „געזעהן״ דורך ווענינער אַ מחיצה, איז העכער אין מדרגה פון נבואה ווי דער וואָס האָט געזעהן דורך אַ מחיצה מעהר.

אויף משה רבנו עליו השלום ווערט געזאָגט, אַז ער האָט געזעהן בלויז דורך איין קלאָהרע דורכזיכטיג־שיינענדיגע מחיצה (אספקלריא המאירה). אונטער דעם וואָרט „מחיצה״ דאַרף מען לויט דעם רמב״ם׳ס ערקלעהרונג פאַרשטעהן פאָל־גענדעס:

„מיר האָבען שוין פריהער ערקלערט די מענשליכע מעלות און חסרונות, זיט־ליכע און זינליכע. צום ערשטען מיר חסרונות געהערען: עקשנות, קרומער

שכל און ווייניג פארשטאנד; צום צווייטען מין געהערען: גאוה, תאוה, רוגז, עזות א.אז.וו. אט די חסרונות זיינען די מחיצות וואס זיינען מפסיק צווישען מענשען און גאט, ווי דער נביא ישעיה זאגט: „נאר אייערע זינד טיילען אייך אפ פון אייער גאט״.

„און וויסען זאלסטו, אז נאר דער וואס איז באגאבט געווען מיט אלע גייס־טיגע און קערפערליכע מעלות האט געקענט דערגרייכען די מדרגה צו נביאות. די גמרא (שבת צ״ב און נדרים ל״ח) זאגט: די נבואה קען ניט רוהען נאר אויף יענעם וואס איז רייך, קלוג און שטארק. אונטער דעםווארט „חכם״ דארף פארשטאנען ווערען יענע זינליכע מעלות וואס זיינען אויסגערעכענט אין צווייטען פרק; „עשיר״ דער וואס באנוגענט זיך מיט דאס וואס ער פארמאגט און דאס זיך ניט מצער זיין אויף דעם וואס אנדערע האבען יא און ער ניט. אזוי זאגט דאך דער תנא אין אבות: ווער איז רייך? דער וואס איז צופרידען מיט זיין חלק; „גבור״ — דער וואס האט גענוג שטארקייט צו באקעמפען דעם יצר הרע, צו קאנ־טראלירען זיינע מעשים, צו געהן נאר אויפ׳ן מיטעלוועג, ניט אריבערפאלענדיג צו איינעם פון ביידע עקסטרימען.

מיר קענען אבער ניט ערווארטען פאלקאמענהייט אפילו צווישען נביאים. ווארים „עס איז ניטא א מענש אויף דער וועלט וואס טוט נאר גוטס און זינדיגט ניט״. אין גבעון האט גאט זיך באוויזען צו שלמה׳ן, הייסט עס ער איז געווען א נביא, און דאך זאגט עדות אויף איהם דער פסוק פון נחמיה, אז ער האט געזינדיגט דורך דער תאוה צו פרויען (נחמיה י״ג), דאס זעלבע דוד המלך, א נביא, און דאך האט דער בית המקדש אין זיין צייט ניט געקענט געבויט ווערען, ווייל ער האט צופיל בלוט פארגאסען, כאטש אין נויטיגע מלחמות, בעת צו זיין פאלק איז ער געווען בארעמהערציג. אויף אליהו הנביא זאגט די גמרא (סנהדרין קי״ג), אז זיין צו־גרויסע „קנאת ה׳ צבאות״ האט גורם געווען, מען זאל איהם צונעהמען פון דער וועלט. ווארים מיט זיין אויסערגעוועהנליכען אייפער וואלט ער א סך אידען פארניכטעט, כאטש זיי זיינען עס ווערט געווען. דאס זעלבע שמואל, אין וועמען מען האט געפונען א חסרון זיין מורא האבען פאר שאול׳ן, און אין יעקב אבינו, זיין מורא פאר עשו׳ן.

אט די חסרונות זיינען עס די „מחיצות״ וואס זיינען מפסיק צווישען גאט און דעם נביא. זאלען זיי זיין גראבע חסרונות וואלט דער נביא אינגאנצען ניט געקענט ווערען וואס ער איז. די ראיה איז פון אלישע׳, וואס דורך כעס איז די נבואה אוועק פון איהם ביז א שפילער מיט זיין שפילען האט דעם כעס באזייטיגט. מחמת דעם צו גרויסען טרויער ביי יעקב׳ן אויפ׳ן פארלוסט פון יוספ׳ן איז די שכינה פון איהם אפגעטאן געווארען, ביז די בשורה פון יוספ׳ס לעבען, ווען די נבואה איז צוריק געקומען, לויט דעם תרגום אונקלוס׳עס אויסטייטשונג פון די ווערטער „ותחי רוח יעקב אביהם״.

יעדער חסרון איז א מחיצה, און אזוי פיל מחיצות ווי פיל חסרונות. דער איינציגער איז געווען משה רבנו, וואס האט קיין אנדער מחיצה ניט געהאט אויסער די פארבינדונג צווישען זיין נשמה מיט׳ן גוף. דערפאר ווען ער האט פאר־לאנגט צו זעהן דעם גאנצען אמת, די קלארע גאטהיים, ניט פארשטעלט פון מחיצות — דאס וואס איהם האט געקומט לויט זיין גייסטיגער פאלקאמענהייט — האט ער

געקראָגען דעם ענטפער: אַ מענש קען מיר ניט „זעהן״, און „לעבען״, פאַר דער זעלבער צייט. דער גוף, דאָס איז דיין מחיצה, דיין חסרון; אָבער דו קענסט יאָ זעהן מטושטש׳דיג, ניט קלאָר, אַזוי ווי מען זעהט אַ מענשען פון הינטען — יאָ קענטיג, אָבער ניט גענוג אריינצונעהמען אין זכרון צו געדענקען די געשטאַלט שפּעטער מיט אַ צייט, זעהענדיג אַ צווייטען מאָל; אָבער אַזאַ קלאָרע ראיה ווי מען זעהט אַ מענשען אין פּנים — קענסטו ניט דערגרייכען ביים לעבען.

אין קורצען: יעדער מענש האָט געקענט זיין אַ נביא, אַזוי ווי יעדער מענש קען זעהן די זון — אויב נאָר עס זאָלען ניט זיין די מחיצות וואָס פאַרשטעלען די ליכטיגקייט. און דערין זיינען פאַראַן מדרגות: א) די וואָס זיינען ניט צוגעגרייט סיי אין מדות סיי אין שכל, די ליגען ווי אין אַ תפיסה, פאַרשטעלט מיט דיקע ווענט און אַ דאַך, אָהן פענסטער, דורך וואַנען עס זאָל אריינדרינגען די גייסטיגע ליכטיגקייט. ב) די וואָס זיינען יאָ צוגעגרייט, נאָר מיט לייכטע חסרונות, זעהען יאָ, אָבער ניט קלאָר, און די אומקלאָרקייט איז לויט די צאָל מחיצות און גראָבקייט. צייטווייליגע חסרונות זיינען צייטווייליגע מחיצות, ווי פריהער ערקלערט.

די גרעסטע מדרגה האָט דערגרייכט משה רבנו עליו השלום, האָבענדיג בלויז איין מחיצה, אַ חסרון פון וועלכען קיין לעבעדיגער מענש קען זיך ביים לעבען ניט באַפרייען. די גמרא צייגט אויך אָן איינציגע תנאים וואָס די שכינה האָט געקענט רוהען אויף זיי ווי אויף משה רבנו, אָבער דאָס איז נאָר אַ שוואַכע עהנליכקייט. גלייך צו משה׳ן קען קיינער ניט זיין, אַזוי באַשטימט די תורה מיט די ווערטער: „ולא קם נביא עוד בישראל כמשה״.

דער אַכטער פּרק רעדט וועגען דער מענשליכער נשמה און דעם גאַנצען מענשליכען באַשאַף: עס איז אומזיניג צו גלויבען — זאָגט דער רמב״ם — אַז דער מענש זאָל געבוירען ווערען אינגאַנצען גוט אָדער אינגאַנצען שלעכט, אַזוי ווי עס וואָלט געווען נאַריש צו גלויבען אַז אַ מענש קען געבוירען ווערען אַ פאַרטיגער שניידער, סטאָליער אָדער מעכאַניק. אָבער עס איז יאָ מעגליך אַ מענש זאָל געבוירען ווערען מיט אַ געוויסע נטיה צו איין זאַך, און פעלערהאַפטיג אין אַ צווייטער. למשל: איינער איז געבוירען מיט אַ שאַרפען שכל, אַ גוטע תפיסה און אַ שטאַרקען זכרון. דעם דאָזיגען איז גרינגער צו לערנען ווי יענעם וואָס האָט די מעלות ניט, און דעם בעל זכרון וועט גרינגער זיין צו לערנען די זאַכען וואָס מען דאַרף געדענקען אויף אויסוועניג, אַזוי ווי דעם בעל שכל וועט זיין גרינגער צו לערנען שכל׳דיגע חכמות, וואו פאַרשטאַנד שפּילט אַ גרעסערע ראָל ווי זכרון. דאָס זעלבע: איינער איז געבוירען מיט אַ שטאַרקען כאַראַקטער, איז איהם גרינגער צו ווערען אַ גבור ווי יענעם וואָס איז פון דער נאַטור אַ פּחדן; אָבער אפילו אַ שוואַכער קען ענטוויקלען אין זיך די מדה פון גבורה, דער בעל זכרון — אַ שאַרפען שכל, און דער בעל שכל — אַ שטאַרקען זכרון. דער אונטערשייד איז נאָר אין דער ענטוויקלונגס ארבייט. דעם מיט דער געבוירענער נטיה וועט עס אָנקומען גרינגער און מיט ווייניגער ארבייט, בעת דער צווייטער וועט דאַרפען ארבייטען שווערער, אָבער קיין אונמעגליכקייט איז פאַר אַ מענשען ניטאָ.

זאָל עס יאָ זיין, דאַן קומט אויס, אַז אַ מענש איז געצוואונגען אין זיין אקציע פון אַ מיטגעבוירענעם כח וועלכען ער קען ניט ענדערען, און אויף אַזאַ אופן פאַלט ארונטער די גאַנצע תורה מיט די מצוות, באַלוינונג פאַר גוטעם און שטראָף פאַר

שלעכטעס; פאַרוואָס קומט דעם צדיק באַלוינונג פאַר גוטע מעשים ווען ער איז געבוירען דערויף און קען אַנדערש ניט טאָן? און ווי געשיקט זיך עס, אַז דער גערעכטער גאָט זאָל שטראָפען דעם רשע פאַר די שלעכטע מעשים וועלכע ער איז געצוואונגען צו טאָן מצד זיין נאַטור מיט וועלכער ער איז, פון דעם זעלבען בורא, באַשאַפען געוואָרען?

זאָלען מיר אויף אַ ווײַלע צוגעבען די אַסטראָלאָגער (שטערן־זעהער) וואָס ווי־לען אונז איינרעדען, אַז יעדער מענש ווערט געבוירען מיט זיין טבע וואָס דער שטערן, אין מאָמענט פון זיין געבורט, האָט איהם צוגעגעבען, און דאָס איז זיין מיטגעבוירענער מזל. דאָס מיינט דאָך פאַטאַליזם, וואָס באַהויפּטעט, אַז אַלסדינג וואָס אַ מענש טוט מוז ער טאָן, און וואָס מיט איהם פּאַסירט, מוז טרעפען— העמאָלט פאַלען אַרונטער אַלע געזעצען — רעליגיעזע, ציווילע און קרימינעלע: צו וואָס דער פאַרהיטונגס מיטעל פון מאַכען אַ „מעקה" (אַרומצאַם) צום דאַך, אום „אַ מענש זאָל ניט אַרונטערפאַלען", וויסענדיג אַז אויב דאָס וועט פּאַסירען, איז אַ באַוויז אַז אַזוי איז נגזר געוואָרען ער זאָל אַרונטערפאַלען? ווארום זאָל דעם רוצח קומען טויט־שטראָף אויב ס'איז נגזר געוואָרען פון אויבען אַז דער זאָל גע'הרג'עט ווערען און יענער זאָל דער מערדער זיין? פאַרוואָס זאָל מען באַ־שטראָפען דעם וואָס האָט יענעם באַרויבט אין געלט און אָפּגעשוואָרען פאַלש, אויב אַזוי איז באַשערט: איינער זאָל זיין געלט פאַרלירען און דער צווייטער זאָל עס באַקומען? מעגען מיר דען גלויבען אַז דער בורא איז גוזר אויף אימיצען צו טאָן אַן עבירה, וויסענדיג אַז אפילו צו טאָן אַ מצוה האָט דער מענש אַ פרייען אויס־וואַל יאָ אָדער ניט צו טאָן, לויט'ן כלל פון „הכל בידי שמים חוץ מיראת שמים" — אַלסדינג איז באַשטימט פון גאָט, אויסער די מורא פאַר גאָט?

אָבער אויב אַזוי, ווי מאַכט מען רעכט דעם „הכל בידי שמים"?

17

ווען מענש ווערט אַליין־הערשער

דעם דערמאָנטען מאמר ערקלעהרט ער אַזוי: אַלע נאַטירליכע פּאַ־סירונגען, סיי צו דער וועלט סיי צום מענשען, קומט פון גאָט. דער מענש קען ניט מאַכען רעגענען אָדער עס צוריקהאַלטען. ער קען ניט מאַכען וואַרים אָדער קאַלט, ער קען ניט רייניגען די לופט, מאַכען זיך צו וואַקסען הויך, נידעריג, ברייט־ביינינ אָדער שמאַלברוסטיג, אַזוי אויך די איבעריגע מעלות אָדער חסרונות וואָס האָבען צו טאָן מיט איהם, אויסער באַוועגונג און רוה. „חוץ יראת שמים" — דער שם הכולל פאַר גייסטיגע מעשים אָדער גוטע מידות — וועלכע זיינען אי־בערגעגעבען צום מענשענס בחירה אינגאַנצען.

דערמיט ווערט פעסטגעשטעלט דעם מענשען'ס פאַראַנטוואָרטליכקייט צו גאָט פאַר זיינע מעשים, זייענדיג דער פאַלשטענדיגער בעל הבית אויף זיך אַליין. דאָס מיינט דער פסוק וואָס ירמיהו זאָגט (איכה ג'): מפי עליון לא תצא הרעות והטוב", די אויבערשטע מאַכט דיקטירט ניט די גוטע ניט די שלעכטע מעשים,

נאר דער מענש אליין, דערפאר איז ער באלוינט פאר גוטע און באשטראפט פאר שלעכטע מעשים. דערום „נחפשה דרכינו", דארפען מיר אליין אכטונג געבען אויף זיך.

ספרים שרייבען, אז יעדע באוועגונג, דעם מענשען׳ס זיצען, שטעהן און געהן, אלעס איז פון דער השגחה פריהער באשטימט. דאס איז אבער ניט קיין סתירה צו אונזער פריהערדיגער באהויפטונג, ווען מיר זאלען עס ריכטיג פארשטעהן: דער עפעל, זיך אפרייסענדיג פון צווייגעלע, פאלט צו דער ערד, ווייל אזוי איז די נאטור — אלעס זאל פאלען צו דער ערד; אבער דאס איז גאט, וואס האט די וועלט מיט אזא נאטור באשאפען. הייסט עס, אז אויפ׳ן עפעל איז באמת נגזר געווארען אזוי — פון ששת ימי בראשית אן — צו פאלען, ווען עס וועט זיך אפרייסען.

אונזער ערדישע וועלט איז באשאפען געווארען פון גאט אין זעקס טעג. פון דעמאלט אן איז „קיין נייעס ניטא אונטער דער זון", וואס עס א י ז געווען, דאס ו ו ע ט זיין", איינע פון די עקזיסטירענדע גרונד געזעצען איז: סבה ומסובב — אורזאך און רעזולטאט. יעדע ערשיינונג, יעדע אקציע, האט הינטער זיך איהר אורזאך, איהר „פארוואס". ווען איינער האט זיך געזעצט, איז געוויס פאראן א סבה צו זיין זעצען זיך, דערפאר לאזט זיך זאגען, ווי דער אמת איז, אז אזוי איז געווען דער ווילען פון גאט. דאס איז איין ביישפיל אויף אלע פאסירונגען און באוועגונג. דער טעות איז נאר אין דעם מיינען, אז דער ווילען ווערט אויף דעם מאמענט אויסגעדריקט, בעת אין אמת איז עס געקומען באלד ביים אנפאנג פון דער בריאה. א קלוגער מענש קען פאראויס באשטימען, וואס עס וועט זיין אין עטליכע טעג ארום און נעהמען די נויטיגע שריט געגען דעם. דער קליגערער קען פאראויסזעהן נאך א לענגערע צייט, ווי מען זאגט: א חכם איז דער „הרואה את הנולד" — זעהט וואס ו ו ע ט נאך ערשט געבוירען ווערען. איז גאנץ נאטירליך צו גלויבען, אז דער בורא וואס איז דער „קוואל פון אלע חכמות", ביי וועמען ס׳איז ניטא קיין פארגאנגענהייט, געגענווארט און צוקונפט, אז ער זאל האבען אלסדינג פאראויסגעזעהן און באשטימט אין יענע נאטור געשאפענע געזעצען פון די ערשטע זעקס טעג.

אפילו וואס אנבאלאנגט די ניסים, ווי קריעת ים סוף, דאס פלאץ וואו קרח איז פארשלונגען געווארען, אז בלעמ׳ס אייזעל זאל קענען רעדען — האבען אונזערע חכמים צוגעשריבען צום „ערשטען תנאי", צו די זאכען וואס זיינען באשאפען געווארען „ערב שבת בין השמשות" — אלץ פון אנפאנג אן, כדי צו זיין גרייט פאר דעם פאסענדען מאמענט. בלויז קורצזיכטיגע מענשען זעהען דעריין א נייעם אויפטו, בעת די פארשטענדיגע ווייסען ווען דאס איז באשאפען געווארען.

אזוי דארף מען פארשטעהן דעם באגריף „באשערט" אדער „נגזר געווארען", טראץ דעם וואס צו יעדער פאסירונג איז פאראן א „פארוואס", ווייל ביידע זאכען: דער „פארוואס" מיט׳ן „דערפאר" זיינען באשאפען געווארען פון גאט, און אין דער הינזיכט קומט אלסדינג פון איהם, און נאר פון איהם.

אבער דער מענש קען זיך באוועגען ו ו ע ן ער וויל, רוהען ו ו י ער וויל, טאן ארבייט ו ו ע ל כ ע ער וויל — דערפאר מוז ער אויך ליידען די קאנסעקווענ־

צען פון זיינע שלעכטע מעשים וואס קומען לויט דעם שטרענגען נאטור געזעץ פון „אורזאך און רעזולטאט".

דאס, זאגט דער רמב״ם, איז אנגעוואונקען אין דער תורה, זאגענדיג: איצט, ווען דער מענש, נאכ׳ן עסען דעם פארבאטענעם עץ הדעת, האט אליין איבער־צייגט אין זיין פרייער בחירה צו טאן גוט און שלעכטס — א מעלה מיט וואס ער איז דער איינציגער צווישען אונז אלעמען, וויל מלאכים קענען קיין אנדער מעשה נים טאן אויסער די אויף וואס זיי זיינען באשאפען געווארען. די ערדישע ברואים ווידער מוזען אויך טאן נאר דאס וואס ליגט אין זייער טבע... און אויב אזוי קען ער דאך אויך אויסשטרעקען זיין האנט צו נעהמען פון דעם בוים וואס גיט אייביג לעבען — איצט איז די צייט איהם צו באשטראפען (ארויסטרייבען פון גן עדן) כדי ער זאל האבען די ערשטע לעקציע פון באלוינונג און שטראף פאר זיינע מעשים. איצט קען ער שוין נים זאגען: וואס בין איך שולדיג, אויב איך מוז זיך פיהרען ווי עס איז נגזר געווארען אויף מיר, וויסענדיג אז ער האט עובר געווען אויף א בפירוש׳ן פארבאט. איצט, נים שטרעבענדיג אליין צום גן עדן און צו אייביג לעבען, איז ער זיך אליין שולדיג אין זיין טויט.

פרעגען אנדערע: מיר געפינען דאך יא אזא גזרה פון הימעל, ווי ביי די מצרים וואס האבען געדארפט פייניגען אברהמ׳ס קינדער 400 יאהר, הייסט עס, זיי זיינען געווען געצוואונגען אזוי צו טאן, דאך זיינען זיי שפעטער באשטראפט געווארען? דער ענטפער איז: אמת, דאס איז געזאגט געווארען אויפ׳ן כלל, אבער יעדער מצרי באזונדער האט געהאט די בחירה נים צו זיין פון די פייניגער. אזוי ווי מיר ווייסען בדרך כלל, אז אויף דער וועלט זיינען פאראן צדיקים און רשעים, איבערלאזענדיג די בחירה צו יעדען איינצעלנעם מענשען אויסצוקלייבען וואס צו זיין. דאס קען אויך גילטען אלס ענטפער אויפ׳ן פסוק „וקם העם הזה וזנה", און דאך איז יעדער איינצעלנער נים מחויב צו זיין איינער פון די וואס וועלען דינען עבודה זרה. עס וואלט דאך געווען לעכערליך צו הערען איינעם זאַ־גענדיג: ווי באלד אין דער תורה זיינען פאראן אויסגערעכענט שטראפען פאר חלול שבת, רציחה, זנות א.אז.וו. מוז איך דאך עובר זיין כדי די אלע פארשרי־בענע עונשין זאלען נים זיין אומזיסט געשריבען. ווארים יעדער פארשטעהט, אז אין כלל וועלען זיך געפינען אזעלכע, אבער קיין איינצעלנער איז דאך נים מחויב צו זיין פונ׳ם כלל.

די פארמען פון שטראף, וואס קומען לאגישערווייז פונ׳ם פרייען אויסוואהל, זיינען פארשיידען. אמאל דורך יסורים, דורך פארלירען זיין פארמעגען, דורך צו־נעהמען די מעגליכקייט פון צו טאן די עבירה, ווי די סדום׳ער ביי די מלאכים — זיי מאכענדיג בלינד; פרעה׳ן פאר שרה׳ן — שטראפענדיג מיט שחין; ירבעמ׳ן — זיין האנט זאל אפגעליימט ווערען, און אמאל גאר צונעהמענדיג די בחירה, כדי ער זאל קיין תשובה נים קענען טאן, אויסמיידענדיג דערמיט די שטראף וואס איהם דארף קומען. דאס האט אליהו הנביא געמיינט מיט די ווערטער: „ואתה הסבות את לבם אחורנית" — דו האסט זייער ווילען פארדרעהט.

האבענדיג פעסטגעשטעלט און באפעסטיגט מיט ראיות פון פסוקים דעם מענשענ׳ס פרייען אויסוואהל, קומט דער רמב״ם צו דער שווערסטער פראגע וואס מאטערט יעדען דענקענדען מענשען. דאס איז „ידיעה ובחירה" — א פראגע

וועגן וועלכער עס זיינען שוין גאַנצע ספרים געשריבן געוואָרען. ער אַליין האָט עס, ווי עס ווייזט אויס, בלויז געוואָלט אָנריהרען אין דער הקדמה צו אבות, כדי ,,דערמיט זאָל פאַרענדיגט ווערען דער ציעל פון דער גאַנצער הקדמה'', דערפאַר שטעלט ער זי, און פאַרענטפערט בקיצור, אַליין שרייבענדיג, דאָס ,,אין עטליכע שורות קען מען די פראַגע ניט פאַרענטפערען'', נאָר ער איז מבטיח, זיך אומצו־קעהרען דערצו אין אַ צווייטען אָרט — דאָס וואָס ער האָט געטאָן שרייבענדיג זיין ,,יד החזקה'', אין ,,ספר המדע''.

די פראַגע איז אַזוי: אויב באַשטימט אַז דער בורא ווייסט דאָס וואָס עס וועט זיין, ממילא ווייסט ער אויך וועלכער מענש עס וועט זיין אַ צדיק און ווער אַ רשע, און אויב אַזוי, איז דאָך זיין ידיעה צווינגענד אויפ'ן מענשען ניט צו קענען ווערען אַנדערש. טאָ ווי אַזוי קען מען גלויבען גלייכצייטיג אין ,,ידיעה'' און ,,בחירה'' צוזאַמען?

דער ענטפער איז, ווי געזאָגט, קורץ, מיט אַ הבטחה צו שרייבען וועגען דעם אויספירליכער אין אַן אַנדער אָרט. דערווייל זאָגט ער:

,,טראַכט זיך אריין גוט אין מיינע ווערטער: מעטאַפיזישע חכמה האָט פעסטגעשטעלט, אַז השם יתברך ווייסט ניט דורך די מענשליכע ערקענטנים אינ־סטרומענטען ווי אַ מענש, לעבט ניט אין זיין לעבענס־מעטאָדע און דענקט ניט ווי דער לעצטער. וואָרים ביים מענשען קומען די דערמאָנטע אַקסידענטען (מקרים) נאָך אַ פּראָצעס פון פאַרשיידענע עמפּפינדונגען, וועלכע ער קריגט אריין אין זיך פון דער ערפאַהרונג דורך די חושים, זיי ווערען באַלויכטען מיט'ן באַוואוסטזיין און פאַרשטעלונגס קראַפט, דערנאָך צוריק ארויסגעגעבען אַלס די כלי, דער פורעם, אין וועלכען די ערקענטניש — חושים'דיגע אָדער גייסטיגע — ווערט אריינגע־גאָסען. אַזאַ באַגריף איז ווייט פון ,,מאַניזם'', אייניהייטליכקייט, און איז ממילא פרעמד פונ'ם בורא — די פשוט'ע איינהייט, אָהן שום צונויפזעצונג. ביים מענשען איז ,,פאַרשטאַנד'' אָפּגעטיילט פון ,,מענש'' און פאַרקערט, ד.ה. צוויי באַזונדערע זאַכען, אָבער גאָט איז: ער און לעבען, ער און וויסען, ער און פאַרשטעהן אַלץ איינס און די זעלבע. מיר קענען עס ניט וויסען, ניט באַגרייפען און ניט פאַרשטעהן, אַזוי ווי די מענשליכע אויג קען ניט אָנקוקען די זון אינמיטען טאָג. זאָלען מיר האָבען בכח צו באַגרייפען זיין ,,ידיעה'', וואָלטען מיר שוין אויך באַ־גריפען זיין מציאות — ווייל אַלע אטריבוטען און ער זיינען דאָך איין פשוט'ע איינהייט — און ווי דאָס צווייטע איז אונמעגליך, איז אויך דאָס ערשטע אונ־מעגליך''.

דאָס איז דער קורצער ענטפער, פון וועלכען מען קען בלויז ארויסנעהמען, אַז ווי מיר מאָלען זיך אויס ידיעה וואָלט זי געדאַרפט זיין ווירקענד אויף דער בחירה, אָבער דער רמב''ם באַווייזט, אַז זיין ידיעה איז אַנדערש, דערפאַר, מסתמא, איז זי אויך ניט צווינגענד.

דער ענטפער גופא איז אָבער ניט גענוגענד, און אַפילו דער ראב''ד האָט איהם אויפגעוואָרפען למאי ער דערוועקט פראַגעס, ניט האָבענדיג קיין איבערצייי־גענדען ענטפער.

אַזוי האָט מען דעמאָלסט פאַרשטאַנען זיין ענטפער, מיינענדיג אַז דערביי

באַנוצט זיך דער רמב״ם מיט׳ן סאָפּיסטישען סיסטעם, צו פאַרדעקען דעם מאַנגעל פון לאָגיק מיט קלינגענדיגע פראַזען און מליצות.

אָבער אין דעם איצטיגען יאָהרהונדערט, האָבענדיג פאַר זיך די געשריבענע ווערק פון בעקאָן, לאָק, יום און איבערהויפּט פון קאַנט, וועלכער האָט דערהויבען פילאָזאָפיע אויף דער גרעסטער הויכקייט וואס א מענשליכער מח קען פאָרטראָגען — ערשט איצט הויבען מיר אָן פאַרשטעהן די טיפקייט פון רמב״מ׳ס ענטפער אויף ידיעה ובחירה. ערשט איצט זעהען מיר ווי ווייט זיין געדאַנק איז געפלויגען, אריבערשפּרינגענדיג אַן אַכט הונדערט יאָהריגע תקופה, בעת ער אליין איז געשטאַנען אינמיטען פון אריסטאָטעל׳ס סכאָלאַסטישען סיסטעם, מיט זיין דור, וועלכער האָט נאָך גאָר קיין אהנונג ניט געהאַט פון דער טראַנסצעדענטאַלער פילאָסאָפיע און קריטיציזישען אַרט דענקען.

נאָר וועגען דעם אין אַ שפּעטערדיגען ארטיקעל, קומענדיג צום „ספר המדע״, וואו ער באַהאַנדעלט די פראַגע ברייטער.

II.

רמב״ם און הלכה

1

משנה תורה אָדער יד החזקה

מיט דעם אויסנאַם פון רב אלפס געפינען מיר נית פיל פון די חכמי ספרד וואס זאָלען האָבען געמאכט א פארזוך צו שאפען פון דער תורה, משנה און גמרא, איין גאנצע זאך פאר אלע אידען. יעדער איינער האָט זיך פארנומען צו ערקלעהרען א טייל פון דער תורה, אבער נית איהר אינגאנצען. דער איינציגער וואס האָט עס יאָ געטאָהן איז דער רמב״ם.

משמעות דער ציעל איז שוין געשטאַנען פאר זיינע גייסטיגע אויגען אָנפאנגענדיג דעם פירוש אויף משנה. שרייבענדיג יענעם פירוש איז שוין געוועזען דער „יד חזקה״ אין דער אידייע.

סיסטעם פאָדערט גאַנצקייט. האָבענדיג דעם גאנצען מאַטעריאַל קען איינער ברענגען אָרדנונג, אָפּצוגעבען יעדען סוג זיין געהעריגען פלאַץ און וויסען וואס עס קומט צוערשט און וואָס נאָך איהם.

אָט די שטרעבונג צו גאַנצקייט האָט איהם באוועגען ארויסצוקומען מיט זיין „מנין המצוות״ וועלכער האָט געפּאָדערט שווערע ארבייט, אפילו שוין האָבענדיג פאר זיך אייניגע ספרים וועגען דעם דאָזיגען ענין.

צעהן יאָהר האָט איהם געדויערט די ארבייט אויפצושרייבען משנה תורה. אבער די לומדים אפילו פון יענער צייט, האָבען צוגעגעבען אז לגבי די ארבייט וואָלט פינף מאָהל צעהן יאָהר אויך געווען צו ווייניג.

ווארום דער וואָס איז אליין קיין גרויסער למדן נית קען זיך גאָר נית פארשטעלען ווי שווער און טיף זיין קאָפּ האָט געארבייט און ווי קלאָר ער איז געווען אין תלמוד בבלי און ירושלמי, ספרא, ספרי תוספתא, תשובות הגאונים אלפס און נאָך ספרים, כדי פון זיי אלמען ארויסצונעהמען די עיקרים, לייטערען, אַנאַליזירען, סיסטעמאַטיזירען און ארויסקריגען דעם ריכטיגען דין, וועלכען ער האָט דערלאנגט צו אלע אידען אין א לייכטער משנה שפראך, יעדען דין אויף זיין אָרט, נית צו דארפען זוכען, און „נית צו דארפען אָנקומען צו אן אנדער ספר״, ווי ער אליין זאָגט.

און מיט רעכט באמערקט ער אליין אין א בריוו צו די חכמי לוניל, זאָגענדיג: „נאָר אזעלכע גרויסע מענשען ווי איהר, ווייסען וואס איך האָב אויפגעטאָהן אין דעם חבור (משנה תורה) צונויפנעהמענדיג אונטער איין סדר צעשפרייטע דינים איבער די תלמודים״.

וואס געפינט מען דאָרט נית! דער פשוטער איד, דעם דין וואס ער דארף וויסען אין זיין טאָג טעגליכען לעבען אָפּצוהיטען, צוזאמען מיט די עיקרים וואס ער מוז גלויבען, די מדות וואס א מענש מוז פראקטיצירען, די היגיענישע כללים אום צו האָבען א געזונטען גוף, דאָס אלעס איז געשריבען אין א לייכטער שפראך, גרינג צו פארשטעהן און א פארגעניגען צום לערנען.

און אין די זעלבע פשוטע ווערטער האבן גאונים געפונען פארבאהאלטענע חריפות, געוואלדיגע אויפטואונגען און זעלטענע הכרעות. פון יענער צייט אַן ביז היינטיגען טאָג זענען נאָך אַלץ זיינע ווערטער אַ מקור פאר הארשפּאלטענדע פּלפּולים, מיט וועלכע עס זיינען אויסגעפּילט געוואָרען הונדערטער חבורים. קיין גאון און רב פּלעגט ניט ארויפגעהן אויף דער בימה אָהן אַ שטעל פון׳ם רמב״ם, פרעגען אויף איהם קשיות, און נאָך שטונדען רייד באווייזען ווי זיינע רייד „לייכטען ווי דימענטען".

אין די לומדות האָט ער קיינמאָל ניט אויסגעלאָזען די געלעגענהייט צו באַקאַנען די לערנער מיט זייטיגע חכמות וואס געהערען צו דעם ענין. אַנפאַנגענדיג פון דער ערשטער משנה אין ברכות, וואו עס ווערט דערמאָנט דער „עמוד השחר", האָט ער געלערענט מיט זיינע לעזער דינים געמישט מיט אסטראָנאָמיע, אַנאַטאָמיע, היגיענע, מעדיצין, פילאָזאָפיע און נאָך אנדערע חכמות.

וועלענדיג אויפשטעלען איין גאַנצען בנין, וואו קיין זאַך זאָל ניט פעהלען, האָט ער קיין זאַך ניט אויסגעלאָזען. מיט דער זעלבער קלאָהרקייט וואס ער האָט איבערגעגעבען די דינים פון אַ ספר תורה, תפלין און מזוזות, גיטין און קידושין, וועגען שבת, יום טוב, סוכה און עירוב — האָט ער צונויפגעשטעלט די דינים פון מלכים, סנהדרין, ממרים, דינים וועגען סוטה, הלכות תרומה, כלי המקדש, ווי מען האָט מקריב געווען קרבנות, ווי די עבודה אין בית המקדש איז אָנגעגאַנגען — אין קורצען: קיין זאַך ניט אויסגעלאָזען און אַלץ אזוי קלאָהר און פשוט, שעהן און פארשטענדליך.

זיין „משנה תורה" איז איינגעטיילט אין 14 ספרים. דאָס איז אָנגעוואונקען אין „יד החזקה" (י״ד—14) לויט פאָלגענדען סדר:

1—מדע, די עקרים פון אמונה אין וועלכע אַ איד מוז גלויבען, דער ספר ענטהאלט: די יסודי התורה, עטהיקס, הלכות תלמוד תורה, ווי זיך צו דערווייטערען פון געצענדינסט, און דינים פון תשובה.

יסודי התורה פארהאנדעלט 5 ענינים: א) צו גלויבען אין איין גאָט. ב) ניט ארויפצוברענגען חס ושלום אופי׳ן געדאנקען אז ס׳איז פאראן אַן אנדערער אויסער איהם. ג) צו גלויבען אין זיין פאָלשטענדיגער איינהייט. ד) איהם ליב צו האָבען. ה) פאר איהם מורא צו האָבען. ו) מקדש השם צו זיין, ד.ה. זיך אָפּצוזאָגען פון געלט, גיטער און אָפטמאָל אפילו פון׳ם לעבען, ווען מען צווינגט אַ אידען עובר צו זיין עבירות אָדער זיך שמד׳ן. ז) אויסמיידען חלול השם. ח) ניט צו פארניכטען זאכען וואס טראָגען אויף זיך זיין הייליגען נאָמען. ט) אויסצופאָלגען דעם נביא וואס רעדט אין זיין נאָמען. י) ניט צו פּרואווען דעם ריכטיגען נביא.

דער צווייטער חלק — הלכות דיעות (עטהיקס) — ענטהאלט עלף מצוות: א) נאָכפאָלגען די וועגען פון בורא און זיינע פיהרונגען. ב) ליעב צו האָבען דעם געלעהרענטען. ג) צו רעספּעקטירען דייגים. ד) ליב צו האָבען גרים. ה) ניט פיינט צו האָבען איינענע ברידער. ו) צו שטראָפען אַ חבר וועלכער געהט ניט אויפ׳ן דרך הישר. ז) ניט צו פארשעהמען אַ מענשען. ח) ניט צו דריקען אומגליקליכע און שוצלאָזע. ט) ניט צו טרייבען קיין רכילות. י) ניט צו נעהמען קיין נקמה. י״א) ניט צו האלטען קיין שנאה.

הלכות תלמוד תורה — צוויי מצוות: א) צו לערנען תורה. ב) צו געבען כבוד די וואס קענען לערנען.

הלכות עבודת כוכבים ענטהאלט 51 מצוות. וועלכע נעהמען ארום אלע דינים ווי אזוי זיך צו דערוויטערען פון געצענדינסט, ניט אליין צו דינען, ניט צו לאזען אימיצען אנצורעדען א צווייטען דערצו, צו פארפאלגען א מיסיאנער, צו פארניכטען די שטאדט וואס איז געווארען געצענדינעריש. דערין קומען אריין די דינים ניט צו געברויכען קיין כשוף, ניט אנצופרעגען ביי טויטע, ניט צו טאטואירען דאס לייב, א מאנסביל זאל ניט טארען זיך קליידען ווי א פרוי, ניט צו רייסען דאס לייב קלאגענדיג אויף א געשטארבענעם, ניט צו גאלען די בארד און פאות — אלץ דערפאר ווייל דאס זיינען חקות הגוים, און אידען זיינען פאראגט ניט צו פיהרען זיך ווי זיי.

(באמערקונג: עס איז אוממעגליך אריינצוגעהן אין אלע פרטים אפילו פון׳ם אינהאלטס פארצייכנונג אליין. די ביז איצט געשריבענע זיינען גענוג צו דער־ווייזען דעם פשוט׳ען לעזער ווי ברייט יעדער ענין איז ארומגענומען. פון איצט אן און ווייטער וועלען מיר עס מאכען בקיצור).

—ספר „אהבה" און באהאנדעלט די מצוות וואס דערמאנען דעם אידען די ליבע צום בורא. זיי זענען: דינים פון קריעת שמע, תפילין, תפילה, ברכת כהנים, מזוזה און ספר תורה, ציצית, ברכות און מילה.

3—„זמנים". דאס זענען די מצוות וואס געהערען צו געוויסע צייטען: דינים פון שבת, עירובין, יום כפור, יום טוב, חמץ און מצה, שופר, סכה און לולב, שקלים, קדוש החדש, תענית, מגילת פורים און חנוכה.

4—„נשים", נעמט ארום אלע דינים וואס געהערען זיך אן צו דער הייראט, ווי: קידושין, גיטין, חליצה, סוטה, יבום און כתובה.

5—„קדושה", דאס זענען די מצוות וואס אידען דארפען אפהיטען, זייענדיג אן עם קדוש. דערין ווערען אריינגענומען די דינים פון פאמיליע לעבען, מיט וועלכע קרובים ניט צו טארען חתונה האבען, די פויגלען, בהמות און חיות, וועמענס פלייש מען מעג עסען.

6—„הפלאה", וואס דער מענש פארבינדט זיך אליין דורך א שבועה, א נדר אדער נזירות.

7—„זרעים", און ער באהאנדעלט די דינים פון תרומה, מעשר און די איי־בעריגע דינים וואס האבען צו טאן מיט פרוכט און געוויקסען אין ארץ ישראל.

8—„עבודה", די דינים פון בית המקדש, זיינע כלים, און מזבח. דאס איז א געביט אויף וועלכען דער רמב״ם אליין זאגט: דערין ווייסט קיינער ניט איצט אין גלות, רבנים אזוי ווי פשוט׳ע מענשען. לערנענדיג אין ספר עבודה שטעלט זיך אלסדינג פאר די אויגען און מען מאכט זיך א קלאהרען באגריף וואס דארט איז פארגעקומען.

9—„קרבנות" — וועלכע קרבנות און ווי מען האט זיי מקריב געווען.

10—„טהרה" — באהאנדעלט די דינים פון טומאה און טהרה, נגעים, מקואות.

11—„נזיקין" וואס האט צו טאן מיט אלע ציווילע געזעצען צווישען מענש און מענש.

12—קנין, וועגען אלערליי קנינים, דינים פון קויפען, ווי צו זוכה זיין א מתנה, אוועקשענקען, ווי אויך די דינים פון שותפות.

13—„משפטים" וועגען שכירות, הלואות, אן אנגעטרויטער פקדון, וואס זיינען די פליכטען פונ׳ם ארבייטער צום ארבייטסגעבער און פארקעהרט.

14—„שופטים" וועגען סנהדרין, זייער אויפגאבע, איינטיילונג אין גרויס און קליין סנהדרין, זייערע פליכטען צום פאלק און די פאלקס פליכטען צו זיי.

פון דער קורצער אינהאלט פארצייכעניש קען יעדערער זעהן ווי דער „יד החזקה" נעמט פאקטיש ארום אלעס וואס א איד האט געדארפט וויסען זיצענדיג אויף זיין לאנד האבענדיג זיין בית המקדש, זיין העכסטען געריכט אין לשכת הגזית און די קלענערע געריכטען אין די פראווינץ שטעדט.

2

מעשה מרכבה (מעטאפיזיק)

אין זיין הקדמה צו משנה תורה שטעלט ער פעסט די מסורה, באווייזענדיג אז די „פארשריבענע תורה" צוזאמען מיט די „מצוה" (תורה שבעל פה) זענען איבערגעגעבען געווארען פון רבי צו תלמיד 40 דורות כסדר, זינט משה רבנו האט עס געקראגען פון גאט אויפ׳ן בארג סיני ביז רב אשי, וועלכער האט פאר־ענדיגט תלמוד בבלי.

די אויסגערעכענטע באשטעהען פון נביאים, תנאים, ראשי דין, ראשי גליות, סנהדרי גדולה, אלע וועלכע האבען געלערענט — יעדערער אין זיין צייט — מיט טויזענדער און צעהן טויזענדער תלמידים, און זיי האבען עס איבערגעגעבען צו זייערע קינדער. זייערע חידושים, פירושים און סיגים שטעלען עס צונויף ביידע תלמודים, ספרא, ספרי און תוספתא, פון וואנען מיר דערוויסען זיך אלע דינים פון לעבען, וואס איז אסור און מותר, טהור צי טמא, חייב צי פטור.

פעסטשטעלענדיג די דירעקטע מסורה־ליניע וואס ציהט זיך פון משה רבנו ביז רב אשי, און אז אלעס קומט פון גאט אליין, ערקלעהרט ער דעם ציעל פון זיין ארבייט און די נוצען וואס דערפון וועט ארויסקומען צו אלע אידען. נאכדעם הויבט ער אן דעם ספר גופא, זאגענדיג:

דער יסוד פון די יסודות און זייל פון חכמות איז, דאס וויסען אז עס איז פאראן אן ערשטע אורזאך, וואס עקזיסטירט און ער איז עס וואס ברענגט ארויס דעם גאנצען באשאף אויפ׳ן הימעל, אויף דער ערד און וואס צווישען זיי. מיר קענען זיך ניט פארשטעלען עס זאל וואס קענען זיין, אויב ער אליין איז ניטא: אבער יא אז ער אליין קען עקזיסטירען אפילו ווען קיין זאך זאל ניט זיין. ווייל זיין עקזיסטענץ איז אומפארמיידליך, בעת זייערס איז בלויז מעגליך א דאנק זיין אנ־וועזענהייט.

אט די ערשטע אורזאך איז, דער גאט פון דער וועלט, ער איז וואס באוועגט דעם ספערען קרייז (גלגל) מיט אן אומענדליכען און אויפהערליכען כח. וואהום דער גלגל באוועגט זיך שטענדיג, און קיין באוועגונג קען ניט זיין אהן א באוועגער.

די אַרבייט טוט ער אָהן אַ האַנט, ווייל ער איז ניט קיין גוף, מיט גלידער וואָס אַ גוף דאַרף האָבען.

ער איז איינער. לייקענען אין זיין איינהייט מיינט אָפּלייקענען גאָט אינגאַנצען. די איינהייט פון איהם איז דער יסוד פון אמונה.

אָבער זיין איינהייט איז ניט ווי מיר שטעלען זיך פאָר רעדענדיג אויף קערפּערליכע זאַכען. ער איז ניט איינער אין מין — ווייסענדיג אַז מינים זיינען פאַראַן אַ סך; ניט איינער אין גוף, ווייל יעדער קערפּערליכע סובסטאַנץ איז באַגרענעצט מיט די אַקסידענטען פון הויך, ברייט און טיפקייט, און קען צעטיילט ווערען אויף פאַרשיידענע חלקים — נאָר איין איינהייט, אַן אומענדליכע, אומצעטיילבאַרע און אומפאַרמבאַרע איינהייט.

זאָלען זיין עטליכע געטער וואָלטען זיי אַלע געווען מיט גופים, וואָרום עטליכע גלייכע וועזענס ווערען בלויז אונטערשיידעט איינס פון׳ם צווייטען דורך פאַרשיידענהייט פון די אַקסידענטען און פאָרמען. זייענדיג מאַטעריעלע סובסטאַנצען וואָלטען זייערע כחות געווען באַגרענעצט מיט אַ ברעג, וועט עס הערט אויף. זעהענדיג דעם שטענדיג באַוועגליכען ספערען קרייז, איז אַ באַווייז אַז דער באַוועגער איז אומקערפּערליך, און פאָלגליך, נאָר איינער — אַן אומטיילבאַרער איינער, אָהן די ענדערונגען וואָס קומען פאָר אין אַ מאַטעריע־וועזען. ער געהט ניט דורך די ענדערונגען פון צוזאַמען און פאַנאַנדערגעטיילט, שטעהן און זיצען, אָרט און מאָס; צייט, אָנפאַנג און ענד, זיצען און שטעהן, לעבען און טויט, וואך זיין און שלאָף, נאַרישקייט און חכמה; ענדערונג פון כעס צו גוט, שמחה און טרויער, שווייגען און רעדען, באַשליסען און חרטה האָבען.

און אויב אַזוי, מוזען מיר פאַרשטעהן, אַז אַלע פּסוקים וואָס שרייבען צו צום בורא גלידער, ווי: הענט, פיס, אויגען, און פּסיכישע ענדערונגען, ווי: כעס, חרטה, שמחה, און נקמה — זיינען נאָר אין משל און מליצה, כדי מענשען זאָלען זיך מאַכען וועלכען ס׳איז באַטש שוואַכען און פאַרגרייזטען באַגריף פון זיין דאַזיין און מהות.

(באַמערקונג: אָט דעם ענין באַהאַנדעלט ער זעהר ברייט אין ערשטען טייל פון זיין „מורה נבוכים", וועגען וועלכען אונז וועט נאָך אויסקומען צו רעדען אין דער אָפּטיילונג „דער רמב״ם אלס פילאָזאָף").

אַלעס וואָס דער בורא האָט באַשאַפען אין זיין וועלט ווערען איינגעטיילט אין דריי טיילען: 1) באַשאַפענע מיט מאַטעריע און פאָרם (גולם און צורה), וועלכע ווערען און שטאַרבען, ווי למשל: מענשען, בהמות, געוויקסען; 2) באַשאַפענע פון מאַטעריע און פאָרם, וועלכע פאַרבלייבען אַזוי אויף שטענדיג. דאָס זיינען די הימעלישע קערפּערען: שטערען, קאָמעטען, און דער גלגל אין וועלכען זיי שטעהען און באַוועגען זיך דורך איהם (אַזוי האָט מען דאַמאָלט געגלויבט. איצטיגע אַסטראָנאָמיע האָט אַ גאַנץ אַנדער מיינונג וועגען דעם). 3) באַשאַפענע אָהן אַ גוף, בלויז אַ פאָרם, צורה אליין. דאָס זיינען די מלאכים.

די פּסוקים פון נביאים וואָס דערצעהלען ווי זיי האָבען געזעהן מלאכים פון פייער, מיט פליגלען, פון חשמל און אַנדערע געשטאַלטען, מוזען אויך פאַרשטאַנען ווערען אַלעגאָריש, אַזוי ווי יענע פּסוקים וואָס רעדען וועגען בורא אַליין.

ניט האָבענדיג קיין גופים קענען זיי דאָך ניט איינגעטיילט ווערען אין מינים.

טאָ וואָרום זשע וועלן זיי אָנגערופען מיט צוהנערליי נעמען? נאָר דאָס מוז מען פאַרשטעהן, אַז דער אונטערשייד איז נאָר אין זייערע מעלות, און אויף ווי ווייט עס דערגרייכט יעדענס השגה צו פאַרשטעהן זייער באַשעפערס גרויסקייט. לויט די פעהיגקייט ווערען זיי איינגעטיילט אין צעהן מדרגות צווישען אישים — די נידעריגסטע מדרגה, און חיות הקודש — די העכסטע.

אָבער קיינער קאָן איהם ניט משיג זיין ווי ער אליין זיך, זיין גרויסקייט חכמה, אומפאַרמיידליכקייט און איינהייטליכקייט.

וואָרים זיין וויסען איז ניט ווי אונזער וויסען, וואָס קומט פון אויסער אונז; ער לעבט ניט אונזער לעבען, נאָר ער, זיין וויסען און דאָס באַוואוסטע איז אלץ איינס. קיין מויל קען דאָס ניט אויסדריקען, קיין מח — ניט פאַרשטעהן, אפילו די העכסטע מדרגה פון מלאכים קענען עס ניט משיג זיין ביז ענד, ווי ער אליין.

— אָט די ענינים — זאָגט דער רמב״ם — זיינען זעהר טיף און ברייט, וואָס מיר האָבען דאָ געשריבען איז נאָר ווי אַ טראָפּען אין ים לגבי די נאָך ניט ארויסגעשריבענע. די חכמי התלמוד רופען עס „מעשה מרכבה", און האָבען פאַרזאָגט עס ניט צו דרש'ענען פאַר אַ סך מענשען, נאָר אַ רבי זאָל איבערגעבען צו זיין פאַרשטענדיגען תלמיד פון מויל צום אויער, און דאָס נאָר די ראשי פרקים, דער לעצטער זאָל אליין דערגרונטעווען דאָס איבעריגע וויפיל ער קען לויט זיין השגה.

דאָס גלויבען אין אחדות הבורא איז אַ חוב אויף יעדען אידען. אָהן דעם איז ער קיין איד ניט אפילו אַפּהיטענדיג אַלע מצוות.

פאַרשטעהענדיג אַז עס איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט איז מען מקיים אַ מצות עשה (אנכי ה' אלקיך); מיינענדיג אַז עס איז פאַראַן אַ צווייטער צו איהם, איז מען עובר אויף אַ לא תעשה (לא יהיה לך אלהים אחרים על פני).

דאָס וויסען אַז עס איז ניט קיין גוף איז אַ מצות עשה (שמע ישראל, ד' אלהינו ד' אחד) אין דער תורה גופא שטעהט „כי לא ראיתם כל תמונה" — איהר האָט אויף'ן באַרג סיני ניט געזעהן קיין קערפּערליכען געשטאַלט. און דער נביא ישעיה זאָגט „ואל מי תדמיוני"? זאָל ער זיין אַ גוף וואָלט מען איהם יאָ געקענט צוגלייכען צו אימיצען, צוגעבענדיג די מעלה, ווי למשל די העכערקייט פון'ם הירש אנטקעגען האָז, גרעסערקייט פון העלפאַנט לגבי פוקס אאא.וו. אַ צווייטער פסוק זאָגט „בשמים ממעל ועל הארץ מתחת אין עוד". זאָל ער זיין אַ גוף, קען ער ניט זיין אין צוויי ערטער פאַר איין און דער זעלבער צייט.

די עקזיסטענץ, איינהייט און אומקערפּערליכקייט פון גאָט איז ביים רמב״ם איינער פון די וויכטיגסטע עקרים „אויף וואָס אַלעס הענגט". עס זיינען פאַר איהם אויך געוועזן גדולים וואָס האָבען גערעדט וועגען עקרים אין דער אמונה. אָבער ער איז דער ערשטער וואָס האָט די פילאָזאָפישע קאָנצעפּציע קאָדיפיצירט, געמאַכט פאַר פעסטגעשטעלטע דינים און אפילו ארייגעפּאַסט אין עשהם און לא תעשהם. פאַר איהם איז נאָך געוועזן וועניג דאָס גלויבען, נאָר ער פאָדערט פון יעדען פאַרשטענדיגען מענשען זיך אָפּצוגעבען און שטודירען די פראַגען כדי צו פאַרשטעהן די עקרים מיט'ן שכל.

די דאָזיגע טענדענץ האָט אַרויסגערופן נגעגן איהם אַ שאַרפע קריטיק, דער ערשטער איז געווען רב אברהם, באַוואוסט אונטער׳ן נאָמען „הריטער ראב״ד", ווי דער לעזער וועט געפינען אין דער שפעטערדיגער אָפטיילונג „די קריטיק אויפ׳ן רמב״ם".

3

מעשה בראשית (קאָסמאָלאָגיע)

נאָך מעשה מרכבה ווידמעט ער צוויי פרקים צו מעשה בראשית, דאָס וואָס מיר רופען איצט קאָסמאָלאָגיע — די לעהרע וועגען וועלט־אַל — וועגען זיינע עלעמענטען און יסודות פון וועלכע ער איז צונויפגעשטעלט, און זיינע געזעצען.

גלגלים זיינען פאַראַן 9 און זיי זיינען עס וועלכע מיר רופען אונטער׳ן כלל נאָמען „שמים". אַ גלגל מיינט אַ ספערען־קרייז וואָס באַוועגט זיך כסדר אין איין באַשטימטען קיילעכדיגען מאַרשרוט, מיטציהענדיג דעם אָדער די שטערען וואָס געפינען זיך אין איהם. יעדער איינער פון די זיבען פּלאַנעטען (כבבי לכת: פיקס שטערען) שבתאי, צדק מאדים, חמה, נוגה, כבב, לבנה (איצט באַקאַנט אונטער די נעמען: יופיטער, סאַטורן, אוראַנוס, נעפטון, מערקורי, ווענוס און מאַרס. די שפּעטערדיגע אַסטראָנאָמער האָבען צוגעגעבען אַן אכטען: אונזער ערד) איז אריינגעפּאַסט אין אַ גלגל (ספערען־קרייז וואָס באַוועגט זיך כסדר), אַ באַזונדער גלגל פאַר די 12 מזלות, דאָס זיינען שטערען גרופּען וועלכע ווערען באַצייכענט לויט׳ן אויסקוק ערהנליך צו די פאָלגענדע געשטאַלטען: טלה, אַ שעפּס (אַריעס). שור, אַן אָקס (טאַרוס). תאומים, אַ צווילינג (געמיני). סרטן, אַ ראַק (קאַנסער). אריה, אַ לייב (לעאָ). בתולה, אַ מיידעל (ווירגאָ). מאזנים, אַ וואָגשאָל (ליבראַ). עקרב, אַן עקדיש (סקאָרפּיאָ). קשת, אַ בויגען (סאַגיטאַריוס). גדי, אַ ציגעלע (קאַפּריקאָרנוס). דלי, אַ סווירט, עמער־אויסהויבער פון אַ ברונים (אַקוואַריוס). דגים, פיש (פּיסקעס). דער ניינטער גלגל איז דער וואָס מאַכט זיי אַלע באַוועגען.

די אַלע גלגלים זיינען קלאָר און דורכזיכטיג, קאָלירלאָז און געוויכטלאָז. דאָס וואָס מיר זעהען דעם בלויען קאָליר איז עס צוליב דער ווייטקייט, ווען אונזער אויג הערט אויף צו דערגרייכען ווייטער, מחמת דער עטערישקייט פון דער אויבערשטער לופט. די ספערען זיינען נאָהענט איינע צו דער צווייטער. און אמאָל געהט איינע אַריין אין תחום פון דער צווייטער. קיין לעדיגער צווישען־אָרט איז ניטאָ.

דער נייענטער גלגל ענטהאַלט אין זיך די דערמאָנטע 12 שטערען־גרופּען, וועלכע מיר רופען „מזלות", און זיי באַוועגען זיך אויך, נאָר זעהר לאַנגזאַם. אַט דעם מאַרשרוט וואָס די זון אָדער לבנה מאַכען דורך אין איין טאָג, געדויערט ביי זיי נגענויע זיבעציג יאָהר.

צווישען די שטערען וואָס מיר זעהן מיט די אויגען זיינען פאַראַן אַנדערע קלענער פון אונזער ערד, און אַנדערע עטליכע מאָל גרעסער פון איהר. אונזער ערד איז 40 מאָל אַזוי גרויס ווי די לבנה, בעת די זון איז 170 מאָל אַזוי גרויס ווי די ערד. דאָס מיינט, אַז די זון איז אַרום 6,800 מאָהל גרעסער ווי די לבנה.

דער רמב״ם האט געגלויבט, אז די אלע גלגלים און שטערן זיינען באוואוסט־זיניג; יעדער איינער, לויט זיין מדרגה, האט א ידיעה פון זיין באשעפער און פון זיך אליין. זייער ידיעה איז קלענער פון מלאכים, אבער גרעסער ווי די מענשליכע.

דער שטאף פון וועלכן אונזער וועלט איז באשאפן האט קיין שום עהנליכ־קייט צו יענעם פון די גלגלים און שטערן. דער בורא האט פריהער באשאפן אן אור־מאטעריע און גלייכצייטיג אויך באשאפן פיר מינים צורות. דער לייכט־סטער טייל פונ׳ם שטאף איז פון דער שטענדיגער באוועגונג פארבליבן אין דער הויך, און האט זיך באהעפט מיט דער צורה פון פייער, בילדענדיג צוזאמען דעם יסוד האש (פייער עלעמענט). נאך איהם איז געבליבן שטעהן דער לופט־יסוד, דאס הייסט דער חלק שטאף, וואס איז עטוואס שווערער פון פייער, אבער גרינ־גער פון וואסער, וועלכער האט זיך פאראייניגט מיט דער לופט צורה, בילדענדיג צוזאמען דעם יסוד הרוח (לופט), אזוי האט געטאן דער שווערער, זיך פארבינ־דענדיג מיט דער וואסער צורה; צום לעצט דאס שווערסטע — די ערד, און אזוי זיינען זיי פארבליבן. די ערד גאר אונטען, וואס ווערט באדעקט מיט וואסער, אויף זיי קומט לופט, און העכער איבער אלעמען איז דער פייער. צווישען די פיר עלעמענטען איז קיין אנדער שטאף ניטא.

אט די פירערליי גופים זיינען אומבאוואוסטזיניג און ארבייטען אומבאוואוסט־זיניג. דאס ציהען זיך פון פייער אינדערהויך, דאס זעלבע די לופט; פונ׳ם וואסער — צו נידעריג, און אלעס וואס עס קומט פון דער ערד (ווי א שטיין, א שטיק האלץ א.ד.ג.) צו פאלען ארונטער, איז אויטאמאטיש, אהן מיינונג און אהן אויסוואהל. די פסוקים וואס שטעלען פאר ווי שניי, פייער, האגעל און דאמף זאלען לויבען גאט, איז ניט מעהר ווי א מליצה, אנצייגענדיג דעם מענשען ער זאל לויבען דעם באשעפער קוקענדיג אויף די שטומע אויטאמאטישע יסודות וועלכע טוען זיין ווילען, איבערצייגענדיג זיך דערמיט אין זיין שטארקייט צו באשאפען די אלע ווירקענדע כחות.

די פיר שטאפען שטעלען צונויף אלע געגענשטאנדען וואס מיר האבען אויף דער וועלט: ערד, בוימער, לעבעדיגע באשעפענישען און מענשען — יעדער מיט זיין באזונדערער צורה, אבער די זעלבע פיר יסודות; זיי בייטען זיך, לעזען זיך אויף איינס אין צווייטען, בילדענדיג א וואריאציע פון פארמען. דער שטאף איז איינס און דער זעלבער: א געמיש פון די פיר יסודות.

און דאס וואס עס איז צונויפגעשטעלט מוז ווען עס איז זיך פאנאנדער־טיילען. ווארים יעדער יסוד איז באשאפען מיט א נאטירליכען אינסטינקט צו לעבען אפגעזונדערט. ביי אנדערע געדויערט די קאמבינאציע א לענגערע צייט, ביי אנדערע א קירצערע — נאר א פאנאנדערטיילונג מוז קומען, די שטענדיגע באוועגונג מישט זיי צוזאמען און צייט לעזט זיי אויף.

אט דער ענדערונגס פראצעס הערט קיינמאל ניט אויף, שטענדיג קומען פאר בעמישע פארבינדונגען און אויפלעזונגען. די זעלבע יסודות, אבער מיט אנדערע צורות.

א מענש קען קיינמאל ניט זעהן שטאף אהן א צורה (פארמע) אדער פארמע אהן שטאף. שטענדיג קען מען זיי זעהן נאר דאן ווען זיי זיינעןביידע פארבונדען. דער שכל איז נאר יענער וואס טיילט זיי פאנאדער.

(באמערקונג: די איצטיגע פילאזאפען מיינען פארקעהרט, אז מיר זעהען בלויז די צורה, בעת מאטעריע אליין איז אוממעגליך צו זעהן. מיט דער דאזיגער מיינונג האלטען זיך די פילאזאפען פון דער שפעטערדיגער שולע וואס פאנגט זיך אן פון בעקאן, לאק, יום און קאנט).

אונטער צורה דארף פארשטאנען ווערען צווי מיינונגען: א) קערפערליכער אויסזעהן מיט וואס איינער אונטערשיידעט זיך פון צווייטען זיין גלייכען; ב) פסיכישע פעהיגקייט וואס מאכט איהם אנדערש דענקען און אנדערש האנדלען ווי יענער.

א מענש באשטעהט פון א חומר און א צורה אין קערפערליכען זינען פון ווארט. זיין צורה מאכט איהם צו קענען זיך אויסצייכענען צווישען די סך אנדערע מענ־שען. אין גייסטיגען זינען איז זיין צורה: דער לעבענסגייסט. און כדי איהם אפצוטיילען פון צווישען אנדערע לעבעדיגע באשעפענישען, האט מען אין זיין לעבענסגייט אריינגעגעבען שכל; דער שכל איז אלזא די צורה פונ׳ם לעבענס גייסט, און אויף איהר האט דער בורא געמיינט זאגענדיג: „נאמיר מאכען א מענשען אין אונזער געשטאלט".

בנוגע דעם לעבענסגייסט (נפש החיונית): זייענדיג גלייך אין אלע ברואים און זייענדיג אפהענגיג אן דעם חומר, מעג מען גלויבען אז ער ווערט פארלוירען צוזאמען מיט דער אויפלייזונג פון די פיר יסודות, ד.ה. ווען דער מענש שטארבט. אבער די נשמה, די צורה וואס איז געקומען אין דער פארמע פון שכל — ניט זייענדיג אפהענגיג אן גוף, ווערט זי קיינמאל ניט פארלוירען. און אויף דער צורה זאגט שלמה המלך: „דער קערפער געהט צוריק צו דער ערד פון וואנען זי איז געקומען, און צו גאט ווער עס האט איהם אריינגעגעבען".

(באמערקונג: לויט דער דאזיגער אויסטייטשונג ווייזט אויס אז דער רמב״ם האט שוין געהאט א געגויען באגריף פונ׳ם הינטערבאוואוסטזיין וואס איז לעצ־טענס אויסגעפארשט געווארען פון גרויסע פסיכא־אנאליטען ווי פרויד און זיינע נאכפאלגער).

ווען דער פארשטענדיגער מענש טראכט זיך אריין אין דעם אלעם, און דער־וויסט זיך די חכמה פון בורא, באשעפער פון די אלע הויכע ספערען פונ׳ם גלגל המזלות ביז די נידעריגסטע ברואים פון אונזער וועלט — באפאלט איהם א מורא צוערשט, דערנאך א הערצליכע ליבשאפט צו דעם גרויסען, אומבאגרייפליכען כח, און באשליסט איהם צו דינען נאר צוליב דעם, ניט ערווארטענדיג קיין שום אנ־דער שכר.

אט דער עניו, וועלכער פארנעהמט אין „ספר המדע" צווי גאנצע פרקים איז נאר א תמצית פון זיינע געשריבענע, און ער אליין זאגט, אז ער האט געשריבען בלויז אזוי פיל ווי „א טראפען פון עמער", וואס עס דארף געשריבען ווערען. ער רופט עס „מעשה בראשית", וואס ווערט דערמאנט אין תלמוד (חגיגה פרק אין דורשין).

מעשה מרכבה (מעטאפיזיק) און אפילו מעשה בראשית מעג א מענש לערנען נאר נאך דעם ווי ער האט פריהער אויסגעלערענט דעם תלמוד און ווייס אלע דינים פאר׳ן טאג־טעגליכען לעבען.

4

מדות און היגיענע

נאָכ׳ן ערקלעהרען די דינים בנוגע נבואה און נביאים, וואָס מיר האָבען אַרויס־געבראַכט אין די פריהערדיגע אַרטיקלען, ווידמעט ער גאַנצע צוויי פרקים צו עטיקס, אַחער ווי ער רופט עס „הלכות העות״.

דעם עיקר יסוד האָט ער שוין געלייגט אין זיינע אַכט פּרקים צו אבות, ווי אָנגעוויזען אין פריהערדיגע אַרטיקלען, באַווייזענדיג ווי אַ מענש מוז נעהמען דעם גאָלדענעם מיטעלוועג, בלויז אין געצעהלטע פאַלען זיך גויגען צום עקסטרים. נאָכ־דעם זאָגט ער:

אַ מענש דאַרף זיך איינגעוואוינען צו שפּאָרען ווערטער. ניט בלויז אין געוועהנליכע שמועסען, נאָר אפילו אין תורה אָדער חכמה. אַ רבי דאַרף לערנען די תלמידים דורך אַזוי וועניג ווערטער ווי מעגליך. אַ סך ווערטער ברענגען זינד. ריידען פיל איז דער סימן פון נאַרישקייט. יעדערער מוז זיך צוגעוואוינען צו דער מידה פון רעדען וועניג מיט אַ סך אינהאַלט.

דאָס ביסעלע דאַרף אויך זיין געלאַסען, אָהן געשריי, און ניט אייגלען זיך צו ענטפערען אָהן איבערלעגונג. זעלבסטפאַרשטענדליך אַז מען מוז אויסמיידען חניפה און אָפּנאַרעריי אפילו צו אַ גוי; ווען יענער פאַרלאַנגט פלייש פון אַ געשאַכטענע בהמה טאָר מען איהם ניט פאַרקויפען די פון אַ נבלה. מען טאָר ניט איינלאָדען צו עסען, וויסענדיג פאַראויס אַז יענער איז זאַט און וועט ניט עסען, ניט וועלען געבען אַ מתנה, זייענדיג זיכער אַז יענער וועט ניט נעהמען; ניט זאָגען: פאַר דיין כבוד וועגען עפען איך איצט אויף אַ ניי פעסעל, בעת ער דאַרף עס סיי ווי עפענען. מענשען רופען עס: דרך ארץ, איידעלקייט — ביים רמב״ם איז עס גנבת דעת, ליגען, אָפּנאַרעריי, געגען וואָס די תורה און נביאים וואָרענען אונז אין פיל ערטער.

איינער טאָר ניט זיין קיין שפּאַס מאַכער, קיין וויצען זאָגער און ניט קיין „אַריינזאָגער״, אויך ניט קיין פאַרטרויעטער, נאָר אַ צופרידענער, און באַגעגענען יעדען מענשען מיט אַ ליכטיג פנים און אַ פריינדליכען שמייכעל.

ניט יאָגען זיך נאָך רייכקייט און ניט וועלען די וועלט איינשלינגען, אויך ניט זיצען מיט פאַרלעגטע הענט און האָפען גאָט זאָל העלפען נאָר ניט אַרבייטענדיג — נאָר אַרבייטען וויפיל ס׳איז נויטיג, זיין צופרידען מיט דאָס וואָס ער האָט און פאַרטאָן די איבעריגע צייט אין לערנען תורה.

זיך דערווייטערען פון קריגערייען, פון קנאה, פון תאוה און יאָגעניש נאָך כבוד. די דאָזיגע חסרונות פאַרטרייבען דעם מענשען פון דער וועלט.

וועט איינער טראַכטען: אויב קנאה, תאוה און כבוד און אַנדערע באַגערען זיינען שלעכט, וועל איך זיך דערווייטערען פון זיי ביז׳ן צווייטען עקסטרים: ניט עסען קיין פלייש, ניט טרינקען קיין וויין, ניט חתונה האָבען, ניט וואוינען אין אַ הויז, נאָר געהן איינגעוויקעלט אין אַ זאַק און שלאָפען אונטער׳ן הימעל, פונקט אַזוי ווי די גוי׳אישע פּריסטער טוען. נאָר דאָס איז אויך ניט גוט. דער נזיר האָט געדאַרפט ברענגען אַ קרבן, ווייל ער האָט זיך צוריקגעהאַלטען פון וויין וואָס

די תורה האט ערלויבט צו טרינקען. דאס זעלבע איז מיט אלע אנדערע ערלויבטע הנאות. ווי זאגט דער תלמוד: ניט גענוג וואס די תורה האט פארבאטען, דארפסטו נאך צולייגען אייגענע?

אבער די ערלויבטע זאכען מוזען אויך געטאן ווערען מיט א מאס, און נאר מיט'ן ציל אנצוהאלטען א געזונטען גוף, כדי צו קענען דינען גאט און לערנען זיין תורה. דערפאר טאר קיינער ניט עסען יענע געשמאקע עסענס, אויב זיי שאדען צום געזונט, נאר נאר הפטע און ניט שעדליך פאר איהם. אין קורצען: קיין אקציע טאר ניט זיין פאר דער אייגענער הנאה, נאר וואס ס'קען דינען צום העכען צוועק.

אזוי טוענדיג דינט דער מענש צום תכלית עסענדיג, האנדלענדיג, שלאפענדיג און אפילו טוענדיג נאך פראסטערע זאכען, ווייל דער חשוב'ער ציל הייליגט די פשוט'ע מיטלען. שלמה המלך זאגט ארויס דעם געדאנק אין משלי: אין אלע דיינע וועגען זאלסטו איהם האלטען אין זינען, דאס וועט שוין אויסגלייכען אלע דיינע פיהרונגען (בכל דרכיך דעהו והוא משב אורחותיך).

א געזונטע נשמה אין א געזונטען קערפער. א מענש קען ניט לערנען זייענדיג הונגעריג אדער דארשטיג אדער פארקעלטערט, א קראנקער גוף לאזט ניט דענקען, דערפאר מוז מען זעהן איהם זאל קיין זאך ניט פעהלען, און אויסמיידען זאכען וואס קענען איהם קראנק מאכען.

און דא גיט ער איבער א פרק היגיענע, וועלכע מיר ציטירען נאר אין קורצען:

א מענש טאר ניט עסען, ביידען ער איז הונגעריג, און ניט טרינקען איידער ער׳ ווערט דארשטיג, ניט איינהאלטען זיך אפילו א רגע ווען עס רופט צו שטולגאנג.

מען טאר זיך ניט אנעסען צופיל, נאר איבערלאזען א פערטעל ניט דערעסען; טרינקען זעהר ווייניג וואסער אינמיטען עסען, און דאס אויך געמישט מיט עטוואס וויין. שפעטער, ווען דאס עסען פאנגט זיך אן צו פארדייען, מעג ער טרינקען, אבער נאר וויפיל עס פאדערט, ניט מעהר.

מען דארף זיך איינגעוואוינען צו האבען שטולגאנג פאר'ן עסען. און קיינער טאר זיך ניט זעצען עסען אויפשטעהענדיג פון שלאף, נאר ער זאל מאכען פריהער א לאנגען שפאציר, אדער טאן אן ארבייט, אדער האבען פיזישע איבונגען, ביז דער קערפער ווערט דערוואר׳מט. זיך אפרוהען אביסעל נאכ'ן עסען.

עסען מוז מען זיצענדיג רוהיג, ניט ליגען, ניט געהן, ניט רייטען און ניט טאן קיין ארבייט. אזוי דארף ער רוהען נאכ'ן עסען ביז דאס עסען פאנגט אן צו פארדייען. דער וואס מאכט צופיל באוועגונג באלד נאכ'ן עסען ברענגט אויף זיך שלעכטע און ערנסטע קראנקהייטען.

פון די 24 שעה אין מעת לעת דארף מען ארונטערנעהמען א דריטעל אויף שלאף, און אזוי אויסמארקירען אז די אכט שעה זאלען זיך ענדיגען פאר זונען-אויפגאנג. ניט שלאפען אויפ'ן פנים, ניט אויפ'ן רוקען, נאר אויף דער רעכטער זייט ענדע נאכט, און אויף דער לינקער פון אנפאנג. ניט לייגען זיך באלד נאכ'ן עסען, נאר אפווארטען דריי-פיר שעה, און ניט שלאפען בייטאג.

אנפאנגען עסען דארף מען מיט געוויקסען וואס מאכען א לויז-לייב, ווי פייגען, וויינטרויבען, פלוימען, בוריקעס, און אלע מינים אוגערקעס (קשועים), אפווארטען א ווײלע ביז זיי געהען דורך דעם אויבערשטען מאגען, נאכהער עסען דעם מאל-צייט. נאכ'ן עסען קען מען פארבייסען, מיט די וואס מאכען א הארטען מאגען

ווי: מילגרוימען, עפּעל, פּרישים און אַנדערע. קיין סך עסען פון זיי דאַרף מען ניט.

דער כּלל איז, צו עסען די גרינג פאַרדייענדע צוערשט, נאָכדעם די שווער פאַרדייענדע. דערפאַר קומט פריהער געפליגעל (בּשר עוף) פאַר בהמות־פלייש; אייער, פאַר געפליגעל; שעפּסענס, פאַר גסה־פלייש.

אין הייסען סעזאָן דאַרף מען עסען קאַלטע שפּייז, אויסמיידען געווירצען און געבּרויטען עסיג. אין קאַלטען סעזאָן דאַרף מען עסען פעטערע מאכלים, געווירצטע, זענעפט און אַלע עסענס וואָס גיבּען מעהר וואַרימקייט.

פאַראַן מאכלים וואָס טויגען קיינמאָל ניט: אַלטע איינגעזאַלצענע גרויסע פיש, געטריקענטע און געזאַלצענע קעז, איינגעזאַלצענער פלייש, שוועמלאַך, ניט קיין אויסגעשטאַנענער וויין, און אַלטע שפּייז וואָס האָט שוין אַ שלעכטען גערוך. די פאָלגענדע וועלכע זיינען ניט אַזוי שלעכט און מען מעג זיי עסען צייטענווייז און צו ביסלאַך: גרויסע פיש, קעז. מילך שפּעטער ווי 24 שעה נאָכ׳ן מעלקען, פלייש פון גרויסע אָקסען, פון גרויסע בּעק, באָב, לינדזען, גערשטען־בּרויט, מצות, קרויט, סאַלאַטע, ציבּעלע, קנאָבּעל, זענעפט און רעטאַך. פון די מעג מען עסען אַביסעל, נאָר אום ווינטער און גאַרניט אום זומער.

פאָלגענדע שפּייזען זיינען ניט גוט, אָבּער בּעסער ווי די פריהערדיגע: וואַסער־געפליגעל (גענז, קאַטשקעס) גאָר קליינע טייבעלאַך, טייטלען, בּרויט געפּרעגעלט אין פעטס, בּרויט פון מעהל וואָס ענטהאַלט ניט אין זיך קיין קלייען — די אַלע דאַרף מען אויסמיידען, סיידען פאַר אַ רפואה.

ס׳איז גלייכער אויסצומיידען פרוכט פון בּוימער, ניט עסען אפילו געטרי־קענטע; אומצייטיגע זיינען אָבּער ווי שווערדען פאַר׳ן גוף. באַקסאָרען זיינען קיינמאָל ניט גוט. זויערע פרוכט טויגען ניט צו עסען, נאָר אביסעל אום זומער און אין די וואַרימע געגענדען. פייגען, וויינטרויבּען און מאַנדלען זיינען אַלעמאָל גוט, אָבער שטענדיג עסען דאַרף מען אויך ניט, טראָץ דעם וואָס זיי זיינען בּעסער פון אַלע פרוכטען.

האָניג און וויין טויג ניט פאַר קליינע קינדער און זיינען גוט פאַר עלטערע, ספּעציעל אום ווינטער.

איבּערהויפּט דאַרף זיך אַ מענש איינגעוואוינען צו עסען ווענייגער אין הייסע טעג. דער כּלל איז, צו שניידען איין דריטעל אַרונטער פון שפּייז, וויפיל ער עסט אום ווינטער.

זעהר אינטערעסאַנט זיינען זיינע היגיענישע עצות ווי איינער זאָל זיך נוהג זיין אין עסען, טרינקען, שפּאַצירען, שלאָפען, געהענדיג אין מרחץ, און נאָך און נאָך זאַכען. מיר באַוואונדערען זיי, ווייסענדיג אַז טראָץ דעם גרויסער פראָגרעס וואָס מעדיצין און היגיענע האָבּען דורכגעמאַכט פון זיין צייט אָן, דאַרף קען מען נאָך היינט זיך באַנוצען מיט זיינע עצות אין די מעהרערע פאַלען.

דער וואונדער ווערט נאָך גרעסער, זעהענדיג די חשיבות פון קלייען, אין זיין צייט, ווען מען האָט נאָך קיין אהנונג ניט געהאַט פון דעם ניי געפונענעם „וויטאַמין״, צו וועלכען מען שרייבּט צו די העכסטע נאַהרונגס קראַפט פון יעדער געוויקס פאַר׳ן מענשען.

5

מדות און דרך ארץ

א כלל אין געזונטהייט: אזוי לאנג ווי א מענש האט גענוג פיזישע איבונג, ענטוועדער דורך ארבייט אדער שפאצירען ביז פארמאטערטקייט, האלט אן דעם מאגען רעגולער און אפען, און עסט זיך ניט איבער ביז צו זאט, וועט ער ניט קראנק ווערען אפילו עסענדיג שלעכטע און שווערע פארדייענדע מאכלים.

דערפאר דארף א מענש אכטונג געבען צו האבען שטולגאנג אין צייט. דער וואס האט עס ניט, אדער יא אבער מיט שוועריגקייטען, מעג זיך ריכטען אויף קראנקהייט.

צווישען זיינע רעקאמענדירטע אפפיהר מיטלען זענען פאראן מינים וואס מיר באנוצען איצט ניט, אבער זאלץ, בוימעל, האניג צעלאזענע אין ווארים וואסער פאר עלטערע מענען, זיינען נאך היינט אויך גוט אזוי ווי דאמאלסט.

א מענש דארף עסען נארהאפטע און לייכט פארדייענדע שפייזען. אבער דאס אליין איז נאך ניט גענוג אנצוהאלטען א גוטען מאגען. דער וואס איז פויל, זיצט כסדר אויף איין ארט, ארבייט ניט, אדער ער פאלגט ניט תיכף דעם נאטירליכען רוף צו שטולגאנג, אדער ער פארנאכלעסיגט א הארטען מאגען — וועט קראנק זיין אפילו זיך אפהיטענדיג מיט'ן עסען און זיך פיהרען לויט אלע כללים פון היגיעניע. עסען ביז צו זאט איז ווי סם המות פאר'ן גוף, און דערפון נעהמען זיך אלע קרענק. די מעהרסטע פון זיי וואס קומען ענטוועדער עסענדיג שלעכטע מאכלים אדער אפילו גוטע, נאר צופיל. דאס מיינט שלמה המלך זאגענדיג: שומר פיו ולשונו שומר מצרות נפשו, ד. ה. דער וואס היט זיין מויל עסענדיג און זיין צונג רעדענדיג, דער היט זיך אויס פון צרות.

א מענש דארף האלטען ריין זיין קערפער דורך וואשען און באדען יעדער וואך, דאס מיינט: איין מאהל אין זיבען טעג.

אין באד טאר מען ניט געהן באלד נאכ'ן עסען, ניט ווען מען איז הונגעריג, נאר ווען דאס עסען הויבט זיך אן צו פארדייען. דעם גאנצען קערפער דארף מען אנהויבען צו וואשען מיט גוטווארימע, ניט־בריהענדיגע וואסער, נאר דעם קאפ מיט עטוואס הייסערע. נאכדעם וואשען זיך מיט עטוואס קיהלערע, א דריטען מאהל מיט נאך קיהלערע, און ענדיגען מיט קאלט וואסער. אויפ'ן קאפ זאל מען אבער ניט געברויכען קיין לעבליכע און געוויס ניט קיין קאלטע. ניט וואשען זיך מיט קאלט וואסער אום ווינטער, ניט זיין צו לאנג אין מרחץ, נאר נאכ'ן ערשטען דורכשוויצען ארויסגעהן.

ארויסגעהענדיג פון שוויץ דארף מען אנטאן די בגדים אין פאדער הויז און צודעקען דעם קאפ כדי ניט צו כאפען א קאלטען ווינט. אפילו זומער דארף מען זיך היטען. זיך אפרוהען און אפקיהלען א ווילע, און ערשט נאכדעם ארויסגעהן. ניט עסען ביז גוט אפגעקילט. אביסעל שלאף נאכ'ן באד איז גוט.

באלד נאכ'ן באד טאר מען ניט טרינקען קיין קאלט וואסער, אין באד — אודאי ניט. אויב דער דארשט מאטערט איהם שטארק זאל ער מישען דאס וואסער מיט האניג אדער וויין.

דער סעקסועלער געברויך איז נאַטירליך און ערלויבט, אָבער נאָר מיט אַ מאָס און וויפיל עס איז נויטיג. דער איבערטעטריבענער געברויך איז שעדליך פאַר די אויגען, פאַר די האָר און ביינער און עס פאַרקירצט די יאָהרען. גרויסע דאָקטוירים באהויפּטען, אַז 999 פון טויזענט שטאַרבען פון דעם איבערגעטריבענעם געברויך און נאָר איינער פון אַנדערע קראַנקהייטען.

דעם וואָס פיהרט זיך לויט די דירעקציעס איז מבטיח דער רמב״ם אַז ער וועט אויסלעבען זיינע יאָהרען געזונט, ניט דאַרפענדיג אָנקומען צו אַ דאָקטאָר, סיידען ער איז געבאָרען געוואָרען אַ קראַנקער, אָדער ער האָט צו לאַנג און צופיל עובר געווען אויף די געזונדהייט געזעצען, אָדער אַן עפּידעמיע האָט אויסגעבראָכען. אָהן די זייטיגע סבות וועט ער לעבען לאַנג און זיין געזונט זיך פירענדיג אַזוי.

אָבער מען דאַרף געדענקען אַז דער האַזיגער צעטעל הנהגות איז געמאַכט נאָר פאַר געזונטע מענשען. קראַנקע האָבען גאָר אַנדערע וועגען ווי צו עסען, וואָס צו עסען, ווי צו ליגען און וואָס צום טרינקען. יעדער קראַנקער מיט זיין קוראַציע. אין די ערטער וואו קיין דאָקטאָר איז ניטאָ קען זיך דער קראַנקער נוהג זיין לויט די דאָזיגע פאַרשריפטען אַזוי גוט ווי דער געזונטער.

אין דער שטאָדט וואו עס זיינען ניטאָ פאָלגענדע צעהן זאַכען טאָר אַ תלמיד חכם דאָרט ניט וואוינען: אַ דאָקטאָר, אַ בלוט־לאָזער, אַ באָד, אַ בית הכסא, וואַסער פון אַ טייך אָדער פון אַ קוואַל, אַ שוהל, אַ מלמד, אַ שרייבער, אַ גבאי פון צדקה, און אַ בית דין וואָס האָט דאָס רעכט צו אַרעסטירען און באַשטראָפען.

צו אַ געזונטען גוף פּאַסט אַ געזונטע נשמה. דער וואָס באַזיצט אַזאַ נשמה הייסט חכם. אַזעלכען דאַרף מען דערקענען דורך זיינע מיינונגען און וויסען, ווי אויך דורך זיינע הנהגות.

אַ חכם טאָר ניט זיין קיין פרעסער, נאָר עסען כדי זאַט צו זיין, אין זיין אייגען הויז, ניט אין פרעמדע הייזער סיידען אויף אַ סעודה מצוה. ניט טרינקען קיין וויין נאָר אַביסעל וואָס איז נויטיג צום עסען, אָבער אויב ביז שיכרות מאַכט ער דערמיט אַ חלול השם.

דער וואָס וויל ווערט זיין דעם נאָמען מוז זיך איינגעוואוינען צו רעדען געלאַסען, ניט שרייען, אויפנעהמען יעדען מענשען פריינטליך, ניט בלאָזען פון זיך מעשה בעל גאוה, ניט רעדען וועגען קיינעם נאָר פון דער גוטער זייט, שטענדיג אויסגעפינען אַ זכות אויף יעדערען, ניט געהן צו האסטיג אין גאַס. ניט צופיל אויסגעבויגען ווי נזירים אָבער אויך ניט פאַרריסען דעם קאָפּ מיט גאוה, ער מוז זיך האַלטען ריין, קיין פלעק ניט אויף זיינע בגדים, ניט אַרויסגעהן מיט שיך אַ לאַטע אויף אַ לאַטע, באַהאַנדלען אָרענטליך זיין פרוי, און זאָרגען פאַר איהר און די קינדער מעהר ווי פאַר זיך אַליין.

אַ מענש מיט שכל דאַרף קודם כל זיך אויסלערנען אַ מלאכה וואָס קען איהם געבען פון וואַנען צו לעבען. נאָכדעם קויפען אַ הויז צום וואוינען, און ערשט נאָכדעם חתונה האָבען. נאָר נאַראָנים טוען פונקט פאַרקעהרט: באַלד צום ערשטען האָט מען חתונה, נאָכדעם זוכט מען צו קריגען אַ הויז, און ערשט נאָך דעם הויבט ער אָן צו זוכען אַ מקור פאַר פרנסה, אָדער צו לעבען פון צדקה.

אַ מענש דאַרף געבען צדקה, אָבער מיט אַ מאָס. ער טאָר ניט פאַנאַנדערשפּרייטען זיין גאַנצען פאַרמעגען און נאָכדעם אַליין פאַלען צו לאַסט אויף לייטען.

זיין האנדעל דארף זיין עהרליך; א ווארט, א צוזאג, מוז זיין הייליג; לעבען מיט חשבון, ניט נעהמען קיין זאך אויף באָרג. אויב יא — באלד באצאלען. ניט ערוב זיין פאר קיינעם, און זיך ניט מתחייב זיין מיט'ן גוטען ווילען כדי ניט צו דארפען שפעטער מאכען א חלול השם ניט קענענדיג האלטען קיין ווארט. ניט מאכען ענג יענעם, ניט ארויפקריכען אויף'ן צווייטענס פרנסה, און אויב איםיצער טוט איהם אזוי, זאל ער מוחל זיין און ניט טראגען קיין שנאה, ניט טראכטען פון נקמה; און נאר אויף אזעלכע זאגט דער פסוק אין נאמען פון בורא: „מיין קנעכט ביזטו, א ישראל, מיט וועמען איך קען זיך באריהמען".

די מענשליכע נאטור איז באאיינפלוסט צו ווערען פון דער סביבה אין וועלכער ער געפינט זיך, דערפאר דארף א חכם אויסזוכען א פיינע סביבה. ניט געפינענדיג אזעלכע איז בעסער צו זיצען אליין, אפגעזונדערט.

יעדער מענש איז מחויב ליב צו האבען יעדען אידען, און צו פארהיטען זיין געלט ווי אייגענס. דער וואס האט פיינט א אידען איז עובר אויף א לא תעשה. א גר מוז מען אויך אזוי ליב האבען, ווייל גאט אליין האט איהם ליב.

זעהענדיג א אידען ארפגעהן פון דרך הישר, איז א מצוה איהם צו שטראפען מיט ווערטער, אבער ניט אין דער עפענטליכקייט צו פארשעהמען, נאר אונטער פיר אויגען. אפילו ווען יענער פאלגט ניט צום ערשטען מאל, איז ער מחויב דאס צו ווידערהאלען א צווייטען מאל און א דריטען מאל, ביז יענער שלאגט איהם, ערשט דעמאלסט איז ער באפרייט פון דעם חוב.

יעדער מענש דארף זיין פארזיכטיג ניט צו דריקען קיין אלמנה און יתום. און און דערין איז קיין אונטערשייד ניט אויב זיי זיינען ארים צי רייך. אפילו די אלמנה אדער יתום פון א קעניג האט דעם זעלבען דין. אונטער דעם נאמען יתום ווערט פארשטאנען סיי א יתום פון א פאטער און א מוטער אדער גאר פון איינעם. בלויז א רבי מעג באשטראפען א יתום, אבער אויך א סך לייכטער ווי א קינד פון לעבעדיגע עלטערען. דער דין פארהיט אזעלכען ביז ער ווערט גרויס און קען שוין אליין פארדינען זיין פרנסה.

רכילות און לשון הרע זיינען שרעקליכע עבירות. עס שאדעט דריי: דעם וואס דערצעהלט, דעם וואס הערט צו, און אויף יענעם וואס מען דערצעהלט. רכילות קען חרוב מאכען א וועלט.

דאס איז א קיצור פון רמב"מ'ס עטיק, געקליבען פון תלמידים, מדרשים און אויסגעשטעלט אין זיין וואונדערבארען סדר.

6

ידיעה און בחירה

ערקלעהרענדיג די דינים פון תשובה לייגט דער רמב"ם די הנחה, אז יעדער מענש האט א פרייען אויסוואהל צו טאן גוטע אדער שלעכטע מעשים. זאל ער זיין געצוואונגען פון אירגענד וועלכער אורזאכע אויף זיין אקציע, וואלט ער ניט געדארפט באלוינט ווערען פאר א מצוה און ניט באשטראפט ווערען פאר אן עבירה. ממילא וואלט אוועקגעפאלען דער ענין פון תשובה און בעטען מחילה.

אַט דער געדאַנק פון פרייען אויסוואַהל (בחירה) איז אַ גרויסער עיקר און דער יסוד פון שכר און עונש (באַלוינונג און שטראָף). וואָרום אויב עס זאָל אמת זיין ווי פאַטאַליסטען זאָגען, אַז אַלסדינג איז פון פריהער באַשטימט, און קיינער קען ניט זיין אַנדערש ווי עס איז אויף איהם נגזר געוואָרען, פאַלען אַוועק די אַלע פאַרזאָגען פון דער תורה: „טו אַזוי, און דאָס זאָלסטו ניט טאָן", ניט האָבענדיג די דעה אויף זיך אַליין.

וועט איינער פרעגען: ווי אַזוי קען איך גלויבען אין מיין בחירה וויסענדיג אַז אָהן דעם בורא'ס ווילען טוט זיך קיין זאַך ניט? דער ענטפער איז: דאָס גופא, אַז אַ מענש זאָל האָבען אַ פרייען אויסוואַהל איז אויך זיין ווילען, כיון אַזא טבע האָט ער דעם מין מענשען באַשאַפען, פונקט אַזוי ווי ער האָט באַשאַפען פייער זאָל זיך ציהען אינדערהויך; וואַסער — צו נידעריג, און פּלאַנעטען זאָלען זיך באַוועגען אין אַ קיילעכיגען צירקעל.

וועט ער ווידער פרעגען: דער בורא ווייס דאָך אַלעס וואָס עס וועט זיין אַזוי ווי וואָס עס איז געווען, און אויב גאָט ווייסט אַז יענער וועט זיין אַ רשע, קען ער דאָך שוין ניט ווערען קיין צדיק (וואָרום זיין ידיעה קען דאָך ניט זיין פאַלש) דאָס מיינט, אַז די ידיעה רויבט אַוועק פון דעם מענשען די בחירה. זאָל איך ווידער גלויבען אין בחירה, מוז איך לייקענען אין זיין ידיעה. ווי אַזוי קען איך גלויבען אין ביידען צוזאַמען? צו פאַרענטפערען די האַרבע שאלה „ידיעה און בחירה" זאָגט דער רמב״ם אַזוי:

„זיי וויסען, אַז די פראַגע איז ברייטער פון דער ערד און טיפער פון ים, אַ סך עקרים און הויכע שכל'ען הענגען אָן איהר, אָבער דו דאַרפסט געדענקען אונזער ערקלעהרונג אין צווייטען פּרק פון הלכות יסודי התורה, אַז דעם בורא'ס וויסען איז ניט ווי די מענשליכע; זיי און זייער וויסען זיינען צוויי באַזונדערע זאַכען; אָבער ער און זיין וויסען איז איינס, מיר קענען עס ניט באַגרייפען אַזוי ווי מיר קענען זיין גאַנצען מהות ניט באַגרייפען. דאָס איז וואָס דער נביא זאָגט אין זיין נאָמען: ניט ווי אייערע געדאַנקען זיינען מיינע און ניט ווי אייערע וועגען איז מיין וועג. און אויך אַזוי קען קיינער ניט פאַרשטעהן ווי אַזוי ידיעה און בחירה זאָלען שטימען, אָבער מיר ווייסען אָהן אַ שום ספק, אַז אַזוי איז עס. און ניט בלויז דורך אמונה, נאָר אפילו דורך וויסענשאַפטליכע ראיות. אַז נאָר דער מענש איז פאַראַנטוואָרטליך פאַר זיינע מעשים".

דערויף באַמערקט דער ראב״ד: דער מחבר האָט זיך דאָ ניט נוהג געווען דעם מנהג פון חכמים, וואָס פרעגען ניט קיין קשיא איידער זיי ווייסען פאַראויס דעם תירוץ. צו וואָס איבערלאָזען דעם מענשען אין צווייפעל? וואָרום נאָך אַלע דערהעלאַך האָט ער דאָך געמוזט איבערלאָזען דעם ענין צו אמונה, טאָ וואָרום עס אינגאַנצען אויפוועקען? דער ראב״ד אַליין פאַרענטפערט, אַז נאָכ'ן איי־בערגעבען די בחירה צום מענשען איז זיין ידיעה ניט בינדענד, נאָר אַזוי ווי די ידיעה פון שטערנזעהעריי, וואָס דער מענש מיט זיין שכל קען אויסמיידען, און דער בורא וואָס ווייס דעם כח פון מזל, ווייס אויך דעם כח פון מענשענ'ס שכל, צי וועט ער קענען אויסמיידען אָדער ניט. ממילא שטעהט אַזא ידיעה ניט אין וועג פון דער בחירה.

אַ צייט מיט יאָהרען האָט די דענקענדע וועלט געהאַלטען מיט'ן ראב״ד

בנוגע דער דאָזיגער פראַגע, מיינענדיג אַז דער רמב״ם, ניט האָבענדיג קיין גענוי־גענדעז ענטפער האָט זיך באַהאַלטען אונטער די פליגלען פון אמונה, ביז איצט אין אונזער צייט, ווען קאַנט האָט אויפגעבויט זיין „קריטיק פון ריינעם שכל״ טעאָריע וואָס ווערט איצט נאָכגעפאָלגט און פאַרברייטערט. ערשט איצט אַנט־פּלעקט זיך דער רמב״ם אין זיין גאַנצער הויכקייט.

די פילאָזאָפען פאַר׳ן רמב״ם און נאָך איהם ביז נאָהענט צו אונזער צייט האָבען געגלויבט, אַז די מענשליכע ערקענטניש (הכרה) הן דורך די חושים הן דורך׳ן שכל זיינען ריכטיגע אמת׳ן, אין וועלכע קיינער קען ניט צווייפלען. אנהערע סקעפּטיקער האָבען אפילו געצווייפעלט אין די חושים׳דיגע ערפאַהרונגען, אָבער אַלע האָבען צוגעגעבען די עכטקייט פון דער שכל׳דיגער ערקענטניש. לויט זייער מיינונג איז די גאַנצע עקזיסטענץ איין שכל׳דיגער באַשאַף. שכל און באַשאַף איז איינס, דערפאַר איז דער מענשליכער שכל — אלס א טייל פון דאָס גאַנצע — בכח צו באַגרייפען אַלעס וואָס געפינט זיך אויף דער וועלט און איבער איהר. לאָגישע סך הכל׳ן זיינען אַזוי אמת ווי מאַטעמאַטיק, אונאָפּהענגיג פון דעם מענ־שען׳ס סובּיעקטיוויזם. קיינעם איז גאָר ניט איינגעפאַלען צו טראַכטען: אפשר איז אונזער שכל בלויז פאַנטאַזיע, אָפּהענגיג אַז אונז אליין און באַגרינדעט אויף חושים־ערפאַהרונג וואָס קענען זיין אָפּנאַרעריש? דער ראַציאָנאַליזם איז געווען זיכער אין זיין כח און זיך פאַרמאָסטען צו דערגרייכען יענע אמת׳ן וואָס האָבען צו טאָן מיט גאָט און דער וועלט איידער זי איז באַשאַפען געוואָרען.

די עמפּירישע שולע האָט דעם ראַציאָנאַליזם אַרונטערגעוואָרפען פון זיין גדולה, באַווייזענדיג די ניט אויסגעהאַלטענקייט פון דער מיינונג, אַז שכל, אָהן דער הילף פון ערפאַהרונג, קאָן אַרויסבּרענגען אבסאָלוטע אמת׳ן וועגען די וויכטיג־סטע פילאָזאָפישע שאלות, און אַז וואָס ווייניגער די חושים מישען זיך אַריין אַלץ מעהר שאַנסען זיינען פאַראַן צו דערגעהן דעם ריינעם אמת.

דזשאָן לאָק איז כמעט דער ערשטער געווען צו גרינדען די עמפּירישע שולע. אין זיין ווערק „וועגען דעם מענשליכען פאַרשטאַנד״, פאַרעפענטליכט אין 1690 שטעלט ער פעסט אַ כלל, אַז וואָס נעהענטער מיר שטעהען צו דער ערפאַהרונג דורך די פינף חושים און וואָס ווייניגער מיר פאַרלאָזען זיך אויף דעם שכל אַליין, אַלץ זיכערער ווערט אונזער ערקענטניש. זיין שיטה הייסט „סענסואַליזם״ און איהר גרונט געדאַנק איז: „ס׳איז נישטאָ אַזאַ זאַך אין פאַרשטאַנד, וואָס איז פריהער ניט געווען אין די חושים״. אפילו איינגעבוירענע אידייען (מושכלות ראשונות) קומען צו ערשט פון דער דרויסענדיגער סענסאַציע, וועלכע באַגעגענט זיך מיט דער אינווענינגכטער רעפלעקציע, און דערפון הויבען זיך אָן צו בילדען צונויפגעמישטע אידייען: וועלען, גלויבען, פאַרגלייכען, צונויפזעצען, צוריקוואַר־פען א.אז.וו.

דזשאָרדזש באַרקלעי, טרעטענדיג אויף לאָק׳ס וועג, איז געקומען צום „סוב־יעקט אידעאַליזם״, ד.ה. אַז עס איז גאָר ניטאָ קיין דרויסענדיגע מאַטעריעלע וועלט. אַלסדינג וואָס מיר זעהען איז ניט מעהר ווי אידייען וואָס ווערען באַשאַפען אין אונזער סוביעקט, אין אונזער „איך״.

דוד יום איז נאָך סקעפּטישער. ער דענקט אַז דער שכל איז זעהר באַגרע־נעצט. אַלעס וואָס מיר האָבען יאָ ערקלעהרט, שטאַמט פון דער ערפאַהרונג.

אבער די ערפאהרונג גופא האט אין זיך ניט קיין זיכערע פרינציפען מען זאל זיך אויף זיי קענען פארלאזען. דער באגריף פון קוזאליטעט (סבה ומסובב) אורזאך און עפעקט אויף וועלכען עס שטיצט זיך אונזער גאנצע וויסענשאפט, איז אויס־געוואקסען פון הרגל, איינגעוואוינטקייט, און זיין גאנצע טעארעטישע גרונטלאגע איז א מין גלויבען, אז ווען עס פאסירט איין זאך מוז דערנאך פאסירען אן אנדער זאך. דער שכל פארשטעהט ניט, פארוואס איז עס א „מוז'', אפילו האבענדיג די ערפאהרונג אז אזוי איז עס.

עמאנועל קאנט איז דער, וועמען דוד יום „האט אויפגעוועקט פון שלאף'', ווי ער אליין הריקט זיך אויס; אבער ער איז זיין רבי'ן ניט נאכגעגאנגען מיט פארמאכטע אויגען, נאר באשאפען גאר א נייעם סיסטעם וואס איז מבטל דעם דאגמאטישען ראציאנאליזם, צוזאמען מיט זיין רבי'נס עמפירישען סקעפטיציזם. לויט זיין מיינונג איז, אז יעדע טעארעטישע ערקענטניש מוז זיין געבויט אויף דער ערפאהרונג, אז דער מענשליכער שכל קען אין דער טעאריע ניט געהן ווייטער ווי זיין ערפאהרונג; אבער די ערפאהרונג גופא איז פאר איהם ניט א פשוט'ע אפשפיגלונג פון דער דרויסענדיגער וועלט אין די מענשליכע חושים, נאר א פרא־דוקט פון פאלגענדע צוויי פאקטארען: פראצעסען וואס קומען פאר אין דעם אביעקט, וועלכע ווירקען אויף אונזער זינליכקייט, און פון יענעם ארט ווי אזוי די ווירקונג ווערט אויפגענומען פון אונזער סוביעקט, ד.ה. יענע מענשליכע ער־קענטניש־פעהיגקייטען וועלכע באארבייטען דעם דרויסענדיגען מאטעריאל און מא־כען פון איהם מענשליכע ערפאהרונגען מיט דער הילף פון געדאנקליכע קאטעגא־ריעס און זינליכע פארשטעלונגען פון „ארט'' און „צייט''. אין קורצען: נאר יענע באשלוסען זיינען זיכערע אמת'ן, ווען דער שכל איז פאר דער ערפאהרונג אומ־באוואוסטערהייט אריינגעארבייט געווארען אין דער ערפאהרונג. בעסער גע־זאגט: מיר קענען טרויען אונזער שכל נאר אזוי ווייט, אויף וויפיל זיינע שלוסען זיינען אריינגעקומען אין דעם פראצעס וואס באשאפט ערשט דעם מענשען'ס ערפאהרונג.

קאנט אין זיין „קריטיק דער ריינער פערנונפט'', אנאליזירט אלע זייטען פון דער מענשליכער ערקענטניש, נישטערט אדורך אלע כחות פון אונזער אנשויאונג און קומט צום באשלוס, אז סיי די אנשויאונגס פארמען, סיי די דענקונגס פארמען זיינען נאר פאר אונז און אין אונז אליין, און האבען קיין עקזיסטענץ ניט אויסער אונז. די ערפאהרונג איז ארומגעוועבט פון ארט און צייט — א פריארישע אנשויאונגס פארמען וואס ציהען זייער יניקה פון אונזערע באגרענעצטע חושים און געדאנקען, דערפאר האבען מיר קיין רעכט ניט דערמיט צו וועלען פארשטעהן יענע זאכען וואס געפינען זיך אויסער אונז. די גאנצע מציאות איז איינגאנצען „א דינג פאר זיך'' און מיר ווייסען גארניט וואס דאס איז.

קאנט טיילט איין אלע אונזערע אורטיילס פארמען אין 4 קלאסען, און יעדערע פון זיי אין 3 אפטיילונגען — סך הכל 12, ווי פאלגט: 1) קוואנטיטעט וואס טיילט זיך אין: איינהייט, פילהייט און אלהייט. 2) קוואליטעט, נעגא־ציע, רעאליטעט און לימיטאציע (באגרענעצונג). 3) רעלאציע (שייכות), סובסטאנ־ציאליטעט, קויזאליטעט (אורזאך און רעזולטאט) און איינס וואס ווירקט אויף דאס

צווייטע. 4) מאָדאַליטעט, וואָס טיילט זיך אויף: מעגליך און אוממעגליכקייט, דאָ־זיין און ניט־זיין, צופעליגקייט און נויטוועדיגקייט.

די קאַטעגאָריען אַליין זיינען אָבער ניט ביכולת איינגאַנצען צו באַשטימען די גרונט געזעצען פון דער ערפאַהרונג, אפילו ווען מען זאָל צו זיי צוגעבען די אַנשויאונג, סיידען מיט דער הילף פון „איינבילדונגס קראַפט" וואָס ווירקט אויף דער ערקענטניש און פאַרבינדט די אַנשויאונג מיט דעם פאַרשטאַנד. ערשט ווען עס אַרבייטען צוזאַמען די אַלע דריי כחות פון דער טעאָרעטישער ערקענטניש, ערשט דאַמאָלט ווערט באַשאַפען מעגליכע ערפאַהרונג.

פון אַלע גרונט־זאַצען פון׳ם „ריינעם פאַרשטאַנד" וועלכע קאַנט האָט אַרויס־געבראַכט איז כדאי צו באַטראַכטען די, וועלכע ער רופט אָן „אַנאַלאָגיען פון דער ערפאַהרונג" זייער גרונט פּרינציפּ איז: ערפאַהרונג איז מעגליך נאָר אַ דאַנק דער פאָרשטעלונג אַז אַלע געוואוירוועררונגען זיינען נויטוועדיג פאַרבונדען איינע מיט די אַנדערע. פון דעם פּרינציפּ קומען אַרויס 3 גרונט זאַצען אויף וועלכע עס רוהט די גאַנצע נאַטור וויסענשאַפט:

1) ווי די ערשיינונגען זאָלען זיך ניט ענדערען, בלייבט די סובסטאַנץ אין איהר סכום, ניט פאַרמעהרט נים פאַרמינערט.

2) אַלע ענדערונגען קומען פאָר אין איינקלאַנג מיט׳ן געזעץ פון „אורזאַך און רעזולטאַט".

3) אַלע סובסטאַנצען אויף ווי ווייט מען קען זיי באַגרייפען אין די ראַמען פון „צייט און אָרט", ווירקען כסדר איינע אויף די אַנדערע.

באַטראַכט די 3 גרונט זאַצען וועט איהר געפינען אַז אין זיי איז ניטאָ דער קלענסטער שפור פון עמפּפינדונג, זיי קענען דעריבער ניט שטאַמען פון יענע ווירקונגען וואָס די דרויסענדיגע וועלט מאַכט אויף אונז, נאָר זיי זיינען צוזאַ־מענגעזעצט פון אַפּריאָרישע פאָרמען, קאַטעגאָריען און סכעמען וואָס דער ער־קענענדער סוביעקט ברענגט אַרויס פון זיך גופא, אונטער דער ווירקונג פון דער אַרומיגער וועלט. ד.ה. ניט דער שכל דרעהט זיך אַרום דער ערפאַהרונג און שפּיגעלט אָפּ איהרע געזעצען, נאָר די ערפאַהרונג דרעהט זיך אַרום שכל, און דיקטירט איהם ווי צו דענקען. דערפאַר פאַרשטעהען מיר וואָרום עס קומט אויס ביי אונז נאַטירליך־נויטוועדיג דאָס וואָס עס איז באַשאַפען געוואָרען אין אונזער טבע.

און אויב אַזוי — אויב אַלע ערשיינונגען און נאַטור געזעצען שטאַמען פון אונזערע ערקענטניש־פּראָצעסען, אויב די עמפּפינדונגען זיינען אויך ניט מעהר ווי אונזערע ענטפערט אויף די דרויסענדיגע ווירקונגען, ווי אַזוי קענען מיר ווי־סען פון דער דרויסענדיגער וועלט? ווי קענען מיר וויסען דעם ריכטיגען גע־שטאַלט, טבע און קאָליר פון דעם אָביעקט, פון דער זאַך ווי זי איז נאָכ׳ן אַרונ־טערוואַרפען פון איהר אַלע צוגעטראָגענע סכעמען פון אונזער סוביעקטיזם? איז די עקזיסטענץ אַן איינהייט אָדער אַ פילהייט? הערשט אין איהר דער געזעץ פון קויזאַליטעט, אורזאַך און עפעקט, אָדער זי איז פריי דערפון? איז איהר עקזיסטענץ אַ נויטוועדיגקייט אָדער בלויז אַ צופעליגע?

וויסענשאפט קען דערויף קיין פאזיטיווען ענטפער ניט געבען, ווייל „די זאך ווי זי איז" ליגט הינטער די גרעניצען פון אונזער ערפאהרונג. מיר קענען נאר וויסען די זאך ווי זי ערשיינט פאר אונז, אבער ניט ווי זי איז אין אמת'ן.

אט דאס איז זעהר בקיצור די ערקענטניש שיטה פון קאנט וואס איז איצט אנגענומען פאר א הונדערט פראצענטיגען אמת אין דער דענקענדער וועלט. און אויב אזוי איז דער געזעץ פון סבה און מסובב (אורזאך און עפעקט) אויך בלויז א מענשליכער באגריף ניט „ווי די זאך איז", ממילא פאלט שוין ארונטער די פראגע פון ידיעה און בחירה וואס איז אין עצם געבויט אויף דעם יסוד פון אור־זאך (ידיעה) וואס זאל ווירקען צו שטערען די בחירה.

צו דעם זעלבען באשלוס איז דער רמב"ם געקומען, כאטש פון אן אנדער שטאנדפונקט.

דעם רמב"מ'ס ערקענטניש איז אין דער פארמע פון א פשרה צווישען צוויי מיינונגען וואס האבען געהערשט אין דער אמאליגער דענקונגס וועלט. איין שולע, צו וועלכער עס האבען געהערט: עמפעדאקלעס, דעמאקריטאס, אנאקסאגאראס, סאקראטעס, פלאטא, אריסטאטעלעס און נאך, האט באהויפטעט, אז דער מענשלי־כער שכל מיט דער הילף פון לאגיק, מאטעמאטיק און געאמעטריע קען באגרייפען דעם גאנצען דא־זיין אנפאנגענדיג פון דער וועלט און ענדיגענדיג ביז די העכסטע ספערען, גאטהייט אריינגענומען.

די צווייטע שולע, געגרינדעט פון צענא, און אונטערגעשטיצט פון די באוואוס־טע פילאזאפען: העראקליטאס די העלאטען און נאך, באהויפטעט, אז אונזער באגריף פון אלעס וואס עקזיסטירט, איז נאר א פוסטע פאנטאזיע, א סארט מיראזש, א פאטא מארגאנא, וואס דער שכל און די חושים נארען אונז אפ. די גאנצע מציאות באשטעהט בלויז פון „זיין" און „ווערען", אהן שום ענדערונג, אהן קאליר, אהן טעם און אהן פארמע. צענא דרינגט נאך ארויס דורך פאקטען, אז קיין ענדערונג אין דער וועלט איז אוממעגליך, מיר ווערען בלויז אפגענארט דורך אונזערע חושים צו מיינען אז דאס איז פאראן. די יאניסטישע שולע געהט ווייטער צו באהויפ־טען, אז דאס „זיין" עקזיסטירט, בעת דאס ווערען איז נאר א פאלשע פארשטעלונג. די סקעפטישע שולע איז געגאנגען אזוי ווייט ביז צו צווייפלען אין אלעס, ניט נאר אין דער וועלט עקזיסטענץ, אפילו אין דער אייגענער אויך.

דער רמב"ם שניידט זיך דורך א וועג צווישען ביידע עקסטרימען, באהויפ־טענדיג, אז דער מענשליכער שכל קען יא דערגרייכען געוויסע אמת'ן אין וועלכע קיינער דארף ניט צווייפלען, נאר דער שכל גופא איז באגרענצט צו קענען משיג זיין בלויז איין טייל פון דער מציאות — אט דעם טייל וואו ער געפינט זיך, זעהט, פיהלט און האט די נויטיגע ערפאהרונג. אבער יענע מציאות וואס איז ווייט פון איהם, א פשיטא יענע ספערען וואס זיינען אומבאוואוסט צו איהם, און נאך מעהר די מעטאפיזישע אמת'ן — אהין האט דער שכל קיין צוגאנג ניט, דערפאר זיינען זיינע שלוסען אומגערעכטע און אומפארלעסליכע. אין ערשטען טייל מורה נבוכים פרק ל"א זאגט ער אזוי:

„זיי וויסען, אז דער מענשליכער שכל האט א גרעניץ וויפיל צו קענען דער־גרייכען און וואו זיך אפצושטעלען. די גרעניץ איז פארשיידען לויט'ן מענשען און זיין השגה, ווי אין פיזישע כחות למשל: איינער קען זעהן בלויז א פערטעל מייל,

איינער א האלב מייל און דער דריטער צוויי מייל; איינער קען טראגען צוויי לע־לעבלאך ברויט, דער צווייטער — פינף, דער דריטער — צעהן, אבער קיינער קען ניט זעהן פאר הונדערטער מייל אזוי ווי קיינער קען ניט אויפהויבען א גרויסען מויער. דאס זעלבע איז אין שכל׳דיגע זאכען: איינער קען פארשטעהן עניינים אליין, דער צווייטער מוז האבען ווער עס זאל איהם געבען צו פארשטעהן, דער דריטער וועט אפילו נאכ׳ן געבען צו פארשטעהן אויך ניט באגרייפען; אבער אפילו ביים קלוגסטען איז פאראן א גרעניץ וואס דער שכל קען ניט אריבערגעהן".

אט די באגרענעצונג פון שכל איז דער ארויסקום פון זיין ערקענטניש טעאריע, וועלכע איז עכט עמפּיריש. ער מיינט, אז אלע מענשליכע עמפּפינדונגען און דער־קונגס פארמען זיינען ניט מיטגעבארענע פון דער ערפאהרונג. די נשמה ביים געבורט איז נאר ווי א גלאט שטיקעל פאפּיר אויף וועלכען די ערפאהרונג שרייבט אן די כללים און דער שכל רעזומירט זיי. אונזער ערקענטניש איז אלזא א פּאסטע־ריארי (מהמאוחר אל הקודם) ניט ווי קאנט וויל האבען אז אלע אונזערע מושגים זיינען מיט־געבארענע — א פּריארי (מהקודם אל המאוחר). דערפאר מיינט דער רמב״ם, אז מיט אונזערע עטליכע געצעהלטע ערפאהרונגען וואס מיר האבען אנגעזאמעלט פון ארום אונזער קרייז קענען מיר זיך ניט שאפען א מיינונג וועגען דער וועלט וואס איז אויסער אונז. דעם געדאנקען, זאגט ער קלאהר ארוים אין דריטען טייל מורה נבוכים פרק כ״א, וועגען וועלכען אונז וועט נאך אויסקומען צו שרייבען.

נאך קלעהרער זאגט ער עס ארוים אין צווייטען טייל ביים ענד פון 24־טען פרק מיט דעם לשון:

„איך האב שוין דאס געזאגט און ווידערהאל איצט, אז אלץ וואס אריסטאטעל זאגט אין פארבינדונג מיט אונזער וועלט איז ריכטיג, וויסענדיג פון ערפאהרונג אז דא גילט דער כלל פון סבה ומסובב (עלה ועלול — אויף זיין לשון) צוזאמען מיט די איבעריגע כללים פון נאטירליכער לאגיק. אבער וואס עס טוט זיך אויסער איהר ווייס קיין מענש ניט, א חוץ וויפיל עס איז פארשריבען פון נבואה. אומזיסט מאטערט מען זיך דאס צו דערגעהן מיט׳ן שכל, דער קלוגסטער בלייבט דא מאכט־לאז. איך זאג אין דער מליצה: השמים שמים לה" והארץ נתן לבני אדם. דער מענש קען נאר באגרייפען די ערד, אבער דער הימעל בלייבט איבער נאר פאר׳ן בורא אליין".

אין צווייטען טייל פרק י״ז געהט ער נאך ווייטער, ער פּסל׳ט דעם שכל פון צו באשטימען די אור־סבות פון דער ענטשטעהונג לויט די געזעצען וואס רעגו־לירען די שוין עקזיסטירענדע. ער זאגט:

„יעדע געווארענע זאך, אפילו אויב נאר אין פארם, בעת די מאטעריע איז געווען פון פריהער, איז אנדערש אין טבע נאך דער ענטשטעהונג ווי זי איז געווען. דערפאר וואלט זיין א נארישקייט צו וועלען באשטימען פון שפּעטערדיגע ערפאהרונג ווי איהר טבע איז געווען פריהער. הער וואס טוט אזוי, מוז ארויסקומען מיט פאלשע שלוסען. למשל: א קינד מיט גלענצענדע פעהיגקייטען, וואס איז געבוירען געווארען אויף אן איינזאמען אינזעל, און אזוי ערצויגען געווארען ניט האבענדיג געזעהן א פרויענצימער זינט ער לעבט. שפּעטער פרעגט ער א דערוואקסנעם: ווי אזוי ווערט א מענש באשאפען? יענער גיט איהם צו פארשטעהן ווי אזוי א מענש

ווערט באשאפען ביי א פרוי אין די געדערים, (דערביי אויסמאלענדיג ווי א פרוי זעהט אוים) דארט האלט ער זיך אויף ניין מאנאטען, ווערט געשפייזט דורכ'ן נאפעל, ביז די צייט קומט, עס עפענט זיך א טויער אין קערפער און ער קומט ארויס, נעהמט אטעמען דורכ'ן מויל, עסען, טרינקען און ארויסווארפען דעם אפפאל דורכ'ן הינטערלייב. דער קלוגער קינד וועט נעהמען לאכען פון איהם: וועמען ווילסטו איינרעדען נארישקייטען! זאל איך דיר גלויבען אז א מענש קען ליגען פארשלאסען 9 מאנאטען אהן לופט און ליכט, אהן באוועגונג, און אהן עסען — און לעבען? אדרבא, זאל א מענש איינשלינגען דאס קלענסטע פויגעלע, וועט זי דען ניט באלד דערשטיקט ווערען? די און נאך און נאך אזעלכע פראגעס, וואס ער־פאהרונגען וועלען איהם ווייזען פאר גערעכטע, און דאך ווייסען מיר אז ער איז ניט גערעכט, ווייל, ווי געזאגט, מען קען ניט אורטיילען פון דאס געווארענע אויף די וואס האלטען נאך אין ווערען. און דא ליגט דער דורכפאל פון אריסטאטעלעס חקירות בנוגע דער וועלט פאר'ן באשאפען ווערען, געבויט אויף דער ערפאהרונג פון נאכ'ן באשאף.

אין דריטען טייל פרק ט״ו פארנעהמט ער זיך אפילו צו אטאקירען אריס־טאטעלס באוואוסטע פיר גרונט פרינציפען אויף וועלכע ער האט געבויט זיין לאגיק, באווייזענדיג דאס דער וויכטיגסטער אקסיאם, אז עס קענען זיך ניט צונויפקומען צוויי קאנטראסטען אין איין ארט און צייט איז גארניט אזוי אוממעגליך ווי יענער מיינט. און דאס האט ער געטאן בלויז צו ווייזען ווי אומזיכער אונזער שכל איז צו אורטיילען איבער זאכען וואס איז העכער פאר אונזער ערפאהרונג.

אין קורצען: זיין מיינונג איז, אז דער מענשליכער שכל בריה'ט זיך בלויז מיט זיין קליין פעקעלע ערפאהרונג וואס ער האט צונויפגעזאמעלט אין די עטליכע קורצע יאהרען ארום איהם, אין זיין באשרענקטען קרייז, דערפאר קען עס האבען א געוויסען ווערטה אין זיין קליין וועלטעל, אבער זיכער ניט גענוג דערמיט צו קענען באשטימען ווי אזוי גאט פיהרט זיין וועלט, וואס עס איז מעגליך און אומ־מעגליך, אדער ווי אזוי קענען זיך צוויי קאנטראסטען געפינען אין איין ארט און צייט, ווי למשל ידיעת און בחירה.

אין ערשטען טייל, פרק ל״א זאגט ער: מען מוז לערנען דעם המון, איבער־הויפט די יוגענט, אז דער בורא איז ניט קיין גוף, און אז צווישען זיינע ברואים און איהם איז ניטא קיין עהנליכקייט. ער לעבט, אבער ניט מיט זייער ארט לעבען, ער איז קלוג, ניט מיט זייער סארט חכמה. ער „איז״ — ניט מיט זייער עקזיס־טענץ . . . דער אונטערשייד פון זיי איז ניט קוואנטיטאטיוו, ד.ה. ווי מיר פאר־גלייכען א קליין זעגעפט קערנדעל מיט דער זון, אפילו ווען זי זאל זיין טויזענט־מאל־טויזענט־מאל גרעסער ווי זי איז, און דאס קערנדעל מיליאן מאל קלענער — נאר דער אונטערשייד איז א קוואליטאטיווער. דערפאר איז די גרעסטע נאריש־קייט צו פרעגען אויף'ן סמך פון אונזער געדאנק בנוגע מעגליך און אוממעגליכקייט: ווי אזוי טוט דער בורא דאס . . .

ווי מיר זעהן איז קאנט'ס מיינונג וועגען דער מענשליכער ערקענטניש אנדערש ווי דעם רמב״מ'ס. אבער ביידע קומען צו איין מסקנא, אז דער מענשליכער שכל איז געפענטעט מיט געוויסע רעגולאציעס, אורטייל־פארמען, אנשויאונגען און בא־טראכטונגען, איבער וועלכע ער קען בשום אופן ניט אריבערגעהן צו באגרייפען

ניט ווי ער זעהט, נאָר „ווי זיי זיינען פאַר זיך אַליין״. איינע פון די אורטיילס פּרינציפּען איז דער כלל פון אודזאך און עפעקט, און איבער דעם פרעגען מיר די קשיא פון ידיעה, אַלס אורזאך וואָס פיהרט אומפאַרמיידליך צום רעזולטאַט פון שטערען די בחירה. אָבער דער כלל גופא איז בלויז אונזערער, פון אונזער ערפאַהרונג גענומען — ווי יום באַמערקט — בעת די ידיעה וואָס קומט פון אויבען קען זיין זאָל גאָר ניט זיין אַזוי בינדענד ווי מיר שטעלען זיך פאָר.

און דאָס האָט געמיינט דער רמב״ם מיט זיינע געצעהלטע ווערטער: זיין ווּיסען איז ניט ווי אונזער וויסען״ . . . און „ניט דורך אמונה, נאָר אפילו דורך וויסענשאַפטליכע ראיות״. אין די ווערטער איז קאָנצענטרירט און אָנגעוואָנקען זיין גאַנצע ערקענטניש טעאָריע וועלכע ער האָט ארומגערעדט אין מורה נבוכים און אויך אין זיין „מלות ההגיון״, און געקומען צו דער זעלבער מסקנא וואָס די לעצטע פילאָזאָפען פון אונזער צייט האָבען דערגרייכט, כאָטש דורך אַ גאַנץ אַנדער וועג.

7

די השפעה פון משנה תורה אויף דער אידישער וועלט

מיר האַלטען איצט ביים ענד פון ספר המדע, אויסלאָזענדיג בלויז די ענינים וועלכע ער האָט אָנגעריהרט אין די אכט פרקים אויף אבות און דאָ פאַרברייטערט ער זיי.

דערביי מוזען מיר זיך אָפּשטעלען, ניט קענענדיג געהן ווייטער. די איבעריגע ספרים פאַרהאַנדלען די דינים מיט אַלע פרטים און פּרטי פרטים וואָס זיינען פון גרויס וויכטיגקייט פאַר׳ן למדן, אָבער ניט פאַר דעם דורכשניטליכען לעזער. דער שרייבער פון די צייל[ע]ן האָט אפילו געהאַט בדעה איבערצוגעבען בקיצור הלכות סנהדרין און הלכות מלכים, כדי צו באַווייזען ווי הויך אונזער קאָנסטיטוציע שטעהט איבער היינטיגע מאָדערנסטע, אָבער ער האָט אויפגעגעבען דעם געדאַנק צוליב מאַנגעל אין פּלאַץ, און איבערהויפּט מחמת מורא ארונטערצוגעהן פון הויפּט ציל: צו שרייבען בלויז וועגען רמב״ם און זיינע אויפטואונגען.

וואָס מיר ווילען יאָ זאָגען צום שלוס פון דער האַזיגער אָפּטיילונג, אַז זיין משנה תורה האָט געמאַכט אַ גרויסען רושם צווישען אַלע אידען פון דער וועלט, און איז שנעל פאַרשפּרייט געוואָרען אין אַלע אידישע קהלות פון נאָהענט און ווייט.

וואָרים אַזאַ ספר איז נאָך ניט געווען! דער „משנה תורה״ איז אַ פאָלשטענ־דיגער געזעץ בוך, וואו אַלע מעגליכע פראַגען פון עטיקס און געזעץ: רעליגיעזע, ציווילע און קרימינעלע, קאָנסטיטוציאָנעלע, ערציהערישע און וויסענשאַפטליכע, ווע־רען גרינדליך און אויספיהרליך באַהאַנדעלט. דער רמב״ם האָט קיין זאַך ניט אויס־געלאָזען, אפילו יענע געזעצען וואָס האָבען בלויז אַ טעאָרעטישען ווערט און האָבען איצט אין גלות קיין שום פּראַקטישע באַדייטונג ניט, ווי למשל: די דינים פון טומאה און טהרה, דינים פון מעילה, מלכים, סנהדרין, קרבנות, כלי המקדש א.ד.ג. גאַנץ אָפט ברענגט ער דאָרט אריין די מנהגים וואָס זיינען פּראַקטיצירט געוואָרען אין

פארשיידענע קהלות, ווי אויך די וואס ער איז זיך אליין נוהג, ווי למשל: דעם דין פון שרייבען א ספר תורה, וואו ער לאזט וויסען ווי ער האט זיין אייגענע געשריבען, אדער וועגען דער סעודה המפסקת ערב תשעה באב, ווי אזוי ער איז זיך נוהג.

און די לומדים וואס האבען געלערענט גמרא און ניט געקענט דערגרונטעווען א דין ווען ער איז געקומען צו דער האנט מקיים צו זיין, צוליב די ברייטע שקלא וטריא'ס וואס פארציהען זיך אויף גאנצע דפים און א סך מאהל איבער עטליכע מסכתות — זיי האבען זיך געכאפט אן דעם ספר ווי איינער וואס שווימט אין א גרויסען ים און געפינט א זאך אן וואס זיך אנצוהאלטען.

און אזעלכע זיינען געווען די מעהרסטע לומדים און די מעהרסטע קהלות. די זיינען געווארען זיינע אנהענגער און שטארקע פארערער, אנגעהויבען איהם צו באטראכטען שיעור ניט פאר א צווייטען משה רבנו. מען האט טאקע געזאגט אויף איהם: „פון משה'ס (משה בן עמרם) ביז משה'ן (משה בן מיימון) איז ניט אויפגעשטאנען אזא משה". קיין טיטל און קיין שבח איז אין די אויגען פון די דאזיגע אנהענגער ניט געווען צו גרויס פאר'ן רמב"ם; „די שעהנקייט פון דור", „די קרוין פון גלות", „דער מלאך פון גאט", „דער געטליכער מענש", „דער סימבאל פון חכמה" און נאך און נאך אזעלכע טיטולען.

די תלמודישע באהויפטונגען, אז אין דברי תורה קען יעדער סארט מענש געפינען דעם טעם וואס ער האט ליב, איז מקוים געווארען אויף'ן רמב"מ'ס משנה תורה. דער פשוט'ער פרומער איד האט דארט געפונען דעם דין פאר הלכה למעשה, געשריבען אין א פארשטענדליך פשוט'ע שפראך, אויף'ן ריכטיגען פלאץ; דער אסטראנאמער — א גענויע ערקלעהרונג פון תכונה אין קידוש החודש; דער עטיקער — א גאנצען שולחן ערוך וועגען מדות און דרך ארץ; די כהנים וואס האבען זיך געריכט יעדען טאג אויף ביאת המשיח (ווי דער דין איז) — גענויע פארשריפטען פון דעם בית המקדש, די כלי שרת, און ווי אזוי מקריב צו זיין קרבנות; יעדער איד — ווי אזוי זיך נוהג צו זיין — ווען די גוטע צייט וועט קומען — מיט די מעשרות, תרומה, בכורים, מעשר שני, מתנות כהונה און די איבעריגע מצוות התלויות בארץ.

און מעהר פון אלעמען האבען דארט געפונען תלמודיסטען. אריינטראכטענדיג זיך אין די פשוט'ע ווערטער האבען זיי אנטדעקט טיפזיניגע כונות, קונציגע סברות און זעלטענע הכרעות צווישען די פארשידענע מיינונגען פון תנאים און אמוראים וואס אין גמרא זיינען זיי פארבליבען ניט אפגע'פסק'ענט ווי דער דין איז.

א גאנצע ליטעראטור איז שוין אנגעשריבען געווארען איבער משנה תורה. זיינע ווערטער זיינען געצעהלט און געמאסטען, פארשיידענע ספרים זיינען באשעפטיגט צו מאכען כללים אויף זיין טערמינאלאגיע, א טייל פון זיי זיינען איצט געדרוקט אין אנפאנג פון „יד החזקה" און נאך מעהר זיינען פארשפרייט אין צעהנדליגער ספרים, וועלכע יעדער למדן מוז וויסען איידער ער וואגט אריינצוקוקען אין דעם ריזיגען ספר.

מיר גיבען דא איבער איניגע פון זיי אום דער לעזער זאל זיך מאכען א באגריף ווי די לומדישע וועלט האט אויפגענומען דעם יד החזקה:

1) דער וואס פסק'נט א דין פון רמב"ם, ניט וויסענדיג דעם מקור אין גמרא

פון וואנען ער האט איהם ארויסגענומען, קען גרינג מאכען א טעות מתיר צו מאכען וואס עס איז אסור און פארקערט. ווארים זיינע רייד זיינען טיף, יענער קען מיינען אז ער פארשטעהט, ווען ס'איז ניט אזוי (ריב״ש סי׳ מ״ד, רא״ש אין א תשובה סי׳ ל״א).

2) דער רמב״ם איז פון די גרעסטע מחברים (שיטה מקובצת, כובות פ. אלו נערות) און מיר האבען קיין רעכט ניט מדחה צו זיין זיינע רייד, אפילו ווען די סוגית הגמרא וואס מיר האבען פאר די אויגען ווייזט פארקערט, אין אזא פאל דארפען מיר עס אנהענגען אן אונזער קליינער השגה און פארשטאנד לערנענדיג די סוגיה (רלב״ם סי׳ י״ב).

3) אלעס וואס דער רמב״ם האט געשריבען איז דער עקסטרים פון פינקט־ליכקייט (בתכלית הדיוק) און מען קען מדקדק זיין און זיך מפלפל זיין אין זיינע ווערטער, אזוי ווי אין די ווערטער פון דער גמרא גופא (משפטי שמואל סי׳ ק״כ).

4) מען קען ניט פרעגען א קשיא פון א תוספות־סברא אויף'ן רמב״ם, אזוי ווי דער מנהג איז צו פרעגען פון א גרעסערען אויף א קלענערען, ווייל ער איז ניט קלענער ווי תוספות. (תשובות חות יאיר סי׳ קצ״ב).

5) אפילו זיין גרעסטער בעל ההשגות, דער ראב״ד, זאגט: דער רמב״ם האט אויפגעטאן א גרויסע ארבייט, אויפזאמלענדיג די אלע דינים וואס זיינען צושפרייט אין די תלמודים (פרק ו׳ פון כלאים). אין די כללי הראב״ד ווערט געזאגט: קיינער טאר חס ושלום ניט טראכטען אז דער ראב״ד מיט זיינע השגות האט געמיינט צו פארקלענערען דעם רמב״ם'ס כבוד. ער האט עס נאר געטאן כדי צו באווייזען אז ער איז אויך, אלס מענש, ניט ריין פון טעותים, און דאס וועט אפהאלטען א סך אידען צו באאיינפלוסט ווערען פון זיינע מיינונגען אין מורה נבוכים (רמעסי׳ כ״ח).

אויסער דעם זיינען פאראן כללים וועגען זיין לשון. אמאל רופט ער א דין „דברי סופרים״; אמאל — מדבריהם, און אמאל — הלכה למשה מסיני; דערפון קומען ארויס גרויסע נפקא מינה'ס אין דין; זיין ספק אדער ספק ספיקא, גאנצע פלפול ספרים זיינען שוין אנגעשריבען געווארען אויף דעם. זיינע פעסטגעשטעלטע שיטות וועגען די דינים וואס שטעהען ניט בפירוש אין דער תורה, נאר זיי ווערען אפגעלערענט דורך די שלש עשרה מדות, זיין מיינונג וועגען ספיקא דאורייתא לחומרא אז דאס איז נאר מדרבנן, בעת מן התורה גופא איז לקולא, ווי אויך זיין שטעלונג צו די „אם תמצא לומרס״, ווען דער דין איז יא אזוי און ווען ניט — דאס זיינען אלץ שווערע ענינים וואס האט געגעבען א סך ארבייט צו די גרעס־טע תלמודיסטען פון זיין צייט אן ביז היינטיגען טאג. עס איז פאקטיש ניטא קיין תשובה, קיין פלפול און חילוק, קיין שמועס אין דברי תורה און קיין רבנישער סיום אדער התחלה, וואו עס זאל א רמב״ם ניט ארייגעוועבט ווערען אינמיטען.

עס קענען זיך געפינען צווייפלער אין רמב״ם'ס מעדיצינישער גרויסקייט, מעג מען זיין אומצופרידען מיט זיינע חקירות פון מורה נבוכים אדער ספר המדע — דער יד החזקה איז אנגענומען פון אלעמען, אומעטום און אין אלע דורות, אלס די גרעסטע ווערק וואס א מענש האט ווען געקענט שאפען. דער פאקט איז, אז דער רמב״ם פון משנה תורה טראגט אויף זיך דעם רמב״ם פון מורה נבוכים, אנהאלטענדיג פאר איהם זיין חשוב'ען ארט אין אידישען לעבען פון אלע דורות.

אין פאָלק צירקולירט אַ געשיכטע וועגן דעם וואָס כאַראַקטעריזירט די אידישע שטעלונג צום רמב״ם:

צו רב טעוועלע מינסקער איז געקומען אַ יונגערמאַן נאָך סמיכה, און אין פאַרלויף פון שמועס האָט יענער זיך אַרויסגעזאָגט אַ פרייען געדאַנק. רב טעוועלע האָט איהם אויסגערעדט, אַז אַ איד וואָס קלייבט זיך צו ווערען רב טאָר אַזעלכעס ניט רעדען.

— רבי — האָט זיך יענער פאַרענטפערט — דאָס איז ניט מיינס, דער רמב״ם זאָגט אַזוי אין מורה נבוכים.

— איך וועל דיר דערצעהלען אַ מעשה, מיין קינד — זאָגט דער רב: — אַ פורמאַן האָט געבראַכט אַ גרויסען סוחר צו אַ גרויסע אַגולניע (האַלסייל געשעפט). יענער איז אַריין אין געשעפט, און דער פוהרמאַן איז געבליבען וואַרטען ביי דער טיר. דערזעהט ער ווי יענער, קלייבענדיג די סחורות, האָט זיך אַ שפּאַר געטאָן און אַרויסגעזעצט אַ שויב. איז באַלד דער אייגענטימער צוגעלאָפען און געפרעגט: זיך איבערגעשראָקען? שרעקט זיך ניט, וואָס איז אַ שויב? גאָרניט, אַבי איהר האָט זיך ניט קאַליעטשעט, אָט נאָט אייך אַ גלאָז וואַסער, געווים זיך דערשראָקען. ווייסט איהר גאָר וואָס? נאָט אייך אַ גלאָז וויין.

דער פוהרמאַן, זעהענדיג וואָס מען קריגט פאַר אויסברעכען אַ פענסטער, האָט גענומען זיין בייטש-שטעקעל און צעבראָכען די שוי־פענסטער. פאַרשטעהט זיך, אַז די אָנגעשטעלטע זיינען באַלד אַרויסגעלאָפען און איהם שטאַרק געשלאָגען. אויף זיין פראַגע: פאַרוואָס יענעם האָט איהר דערפאַר באַצאָלט מיט וויין און מיר מיט קלעפּ? האָבען זיי זיך פאַנאַנדערגעלאַכט: טפש איינער! וואָס גלייכסטו זיך צו יענעם? יענער גיט דאָך אַזוי פיל צו לייזען, איז מה רעש וואָס ער האָט אויסגעבראָכען איין שויב? אָבער צו וואָס ליידען פון דיר? וואָס האָסטו געגעבען צו לייזען?

— אַזוי — זאָגט דער רב — איז מיט דיר. דער רמב״ם האָט געגעבען צו לייזען דעם כלל ישראל מיט זיין פירוש המשניות, יד החזקה און נאָך; מילא, מוז מען ליידען פון זיין „מורה". אָבער וואָרום ליידען פון דיר? אַ סך געגעבען צו לייזען?...

די געשיכטע ערקלערט אָהן ווערטער ווי די לומדישע וועלט שאַצט אָפּ דעם „יד החזקה".

8

דער אַריינפיהר צום מורה נבוכים

דעם „יד החזקה" האָט דער רמב״ם געשריבען פאַר'ן גאַנצען כלל ישראל וואָס גלויבט בתמימות אין געשריבענעם וואָרט פון תורה און תלמוד. פאַר די אַלע אידען האָט ער איהם געשריבען, כדי זיי זאָלען וויסען ווי אָפּצוהיטען די דינים, דורכוואַרפענדיג באַמערקונגען דאָ און דאָרט צו פאַרפיינערען זייערע באַגריפען וועגען דעם מהות פון בורא, צו באַטאָנען זיין אחדות און אומקערפּערליכקייט.

עס זיינען אָבער שוין דאַן געווען אידען וועלכע האָבען ערענסט שטודירט

פילאָזאָפיע און אנדערע חכמות. זייער ריינער גלויבען איז געווען שטאַרק געשעדיגט, ספקות האָבען גענומען לעבערען דעם מח, און פאר די האָט דער רמב״ם געשאַפען דעם „מורה נבוכים" וואס מיינט: „דער לערער צו די וואס בלאָנדזשען".

דער אריינגאַנג (פתיחה) — אין פאָרמע פון א בריוו צו זיין באַליבטען תלמיד רב יוסף בן יהודה עקנין, וועלכער איז צו איהם געווען געקומען פון צפון אפריקע, פארבראַכט איין יאָהר און נאָכדעם אָפּגעפאָהרען קיין ארם צובא (אלעפּאָ), וואו ער האָט פראַקטיצירט מעדיצין — מאַכט קלאָר וואס איהם האָט געבראַכט צו שרייבען דעם חבור. פון דאָרטען דערוויסען מיר זיך אז דער „מורה נבוכים" האָט זיך ניט געשטעלט די אויפגאַבע צו געבען א פילאָזאָפישען סיסטעם פאר אָנפאַנגער, ער איז אויך נישט געשריבען פאר דעם גרויסען המון, אויך ניט פאר די וואס גלויבען שוין גאָר ניט, און אויך ניט פאר די וואס גלויבען אינגאַנצען, נאָר פאר יענע וואס זיינען רעליגיעז אבער פילאָזאָפיש געזאָנען און געפינען זיך אין א פארלעגענהייט, ניט קענענדיג ברענגען אין האַרמאָניע די פסוקים פון נביאות מיט דער לאָגישער פילאָזאָפיע.

דער וואָס איז רעליגיעז — אידיש רעליגיעז — ער איז מקיים די מצוות מיט דער ריכטיגער כונה, אבער ער לעהרענט אויך פילאָזאָפיע מיט פארשטאַנד, פארשטעהט ווי צו קלאַסיפיצירען ענינים און איז צוגעוואוינט צו לאָגישע סדר הכל׳ן — איהם ווערען שווער צו פארשטעהן יענע פסוקים פון דער תורה און משלים פון נביאות וואס זיינען אין געגענזאַץ מיט דער לאָגיק, און די ספקות קומען צו איהם מחמת דעם ביז איצטיגען גלויבען אין בוכשטאַבליכען זינען פון וואָרט — אָט פאר אזא מין מענשען איז דער „מורה נבוכים" באַשאַפען געוואָרען.

וואָרום אזעלכער געפינט זיך אין א מאָדנער פארלעגענהייט: גלויבען אין בוכשטאַב מיינט: זיך אָפּזאָגען פון חכמה, וואס פאראורזאַכט שפּעטער א שאָדען דעם גלויבען אזוי גוט ווי דער חכמה. סוף כל סוף וועט ער דאָך מוזען קומען צום באַשלוס אז תורה און חכמה זיינען צוויי באַזונדערע זאַכען. דאָס מיינט חס ושלום, אז דער גלויביגער מוז זיין א נאַר, און א קלוגער קען ניט גלויבען, בעת די זאַך איז ניט אזוי, מען דאַרף איהם נאָך ווייזען דעם וועג צום אמת.

דער אמת איז דאָס העכסטע צו וואס א מענש קען דערגרייכען, אויב נאָר עס איז פאַראַן דער ריכטיגער ווילען דערצו. צום אמת קען מען קומען דורך צוויי וועגען: דורך ענטפּלעקונג, אזוי ווי אונזער תורה וואס משה רבנו האָט באַקומען ווען דער בורא האָט זיך ענטפּלעקט פאר ששים רבוא אידען פון באַרג סיני, און דורכ׳ן שכל וואס דער מענש באַקומט א דאַנק די חושים׳דיגע ערפאַהרונג. דער מענשליכער שכל, זיך שטיצענדיג אויף די חושים און ערפאַרונג, איז דער העכסטער אינסטאַנץ בנוגע דעם אמת. דאָס וואָס עס איז קעגען זיי קען אמת ניט זיין. ענטפּלעקונג איז דאָך זיכער אמת, דערפאַר מוזען ביידע קאָנקלוזיעס שטענדיג שטימען, מען דאַרף נאָר וויסען ווי אזוי אויסצוגלייכען די סתירות צווישען זיי ביידען.

ווי גלייכט מען אויס ביידע אמת׳ן? ווי פאַראייניגט מען די תורה מיט דער פילאָזאָפיע? דער רמב״ם באַנוצט זיך דאָ מיט דעם זעלבען מיטעל וואָס די אַלעקסאַנדריער אידישע פילאָזאָפיע פון פילאָנ׳ס שולע האָט זיך באַנוצט, אָבער ער האָט עס אויסגעאַרבייט אין א פאָלשטענדיגען סיסטעם. דער מיטעל באַ־

שטעהט אין אויסטייטשען די סתירה'דיגע פסוקים אלעגאריש בדרך משל ומליצה, אויף אן אופן דאס זיי זאלען שטימען מיט דער פילאזאפיע. ער זאגט אין זיין פתיחה:

„זיי וויסען, אז צו פארשטעהן די רייד פון דער תורה, די מליצה פון נביאים און די מאמרים פון תלמוד, מוז מען זיך אריינטראכטען מעהר אין דער אינוועניגסטער כונה ווי אין דעם פשוט'ן פשט. א סך טעותים נעהמען זיך דערפון, וואס ניט אלע וויסען די אמת'ע באדייטונג פון די העברעאישע אויסדרוקען, און פארשטעהען ניט גענוג גרונטליך די אפשטאמונג פון זאכליבע און באגריפליכע נעמען. עס זיינען פאראן ווערטער וואס האבען לכתחילה מעהר ווי איין באדייטונג, אזא טערמין רופט זיך „שם משותף“. עס זיינען אויך דא טערמינען וואס ענטהאלטען אן איבערגעטראגענע באדייטונג „שם מושאל“. געהענדיג אויף דעם וועג איז גרינג צו פארשטעהן אלע פסוקים וואס ציינען אויף דעם בורא וואס האט כלומרשט גלידער, כעס, חרטה, און דאס גלייכען מדות וואס צייגען אז ער איז חס ושלום א קערפער מיט אלע מעלות און חסרונות וואס א קערפער באזיצט. אין דעם זין ווערען שוין גוט פארשטאנען די ווערטער־זאצען: גאט זיצט, גאט איז געשטאנען, ער צארענט, ער נעהמט נקמה א.ד.ג. לויט פילאזאפישע באגריפען, אהן א שום סתירה.

די משלים (אלעגאריען) ווערען איינגעטיילט אין צוויי הויפט טיילען: אזעלכע וואס יעדערווארט האט א באזונדער כונה און באזונדערען מיין, און אזעלכע וואס מען דארף פארשטעהן בלויז בדרך כלל, די פרטים זיינען ניט וויכטיג, זיי זיינען דארט אריינגעשטעלט, ענטוועדער שעהנער צו מאכען די בילדליכקייט, אדער בכיון צו פארבארגען די אמת'ע כונה. למשל: די געשיכטע מיט דעם לייטער וואס יעקב האט געזעהן אין חלום. ער געהערט צום ערשטען מין: „דער לייטער“ מיינט איין כונה, „שטעהט אויף דער ערד“ — א צווייטע כינה. „זיין שפיץ גרייכט ביז'ן הימעל“ — א דריטע כונה. אבער דער משל פון משלי מיט דער זונה איז פון צווייטען מין, און איז נאר בדרך כלל, די פרטים זיינען שוין ניט וויכטיג. עס איז בלויז א משל אויף'ן חומר (מאטעריע) וואס בייט זיינע פארמען (צורות) ווי א זונה די מענער, און פיהרט ארונטער דעם שכל פון דרך הישר.

זיבען אורזאכען זיינען פאראן וואס דערוועקען קשיות ביים לערנער: 1) אויב דער מחבר פון א ספר האט צונויפגענומען אין איין ענין צוויי מיינונגען פון צוויי פארשיידענע מענשען, ניט אנגעבענדיג ביידען'ס נעמען; דער תלמיד, מיינענדיג אז דער ענין קומט פון איין מענשען, געפינט ער א סתירה, ביז מען באווייזט איהם דעם אמת; 2) ווען דער מחבר אליין ענדערט זיין מיינונג אין א צווייטען ארט, ניט געבענדיג דערויף א באמערקונג; 3) ווען דער גאנצער ענין איז אויסגעמישט מיט פשוט'ע ווערטער און בילדליכע משלים; נעהמענדיג דעם גאנצען ענין בוכשטעבליך געפינט מען סתירות, אבער זיי פארשווינדען נאכ'ן אונטערשיידען דעם פשט פונ'ם משל. 4) מחמת א צווייךייטיגע טערמינאלאגיע, למשל: „הגדי ישחט ויצלה“, און „הגדי לא ישחט ולא יצלה“, דער ערשטער זאץ זאגט: די גדי ווערט געשאכטען און געבראטען. אין צווייטען: די גדי ווערט ניט געשאכטען און ניט געבראטען. אבער נאכ'ן דערוויסען זיך אז אין ערשטען פאל מיינט „גדי“ א ציגעלע, אין אין צווייטען: דער „מזל גדי“, איז שוין קיין סתירה ניטא. 5)

ווען מען דאַרף ערקלעהרען א טיפען ענין דורך א לייכטערען משל און דער משל גופא איז צו שווער — דאַן מוז מען דעם שווערען ענין ארונטערנידערען פון זיין ריכטיגער באדייטונג, איהם פארשטענדליכער מאכען, כדי אַנצורייצען דעם תלמיד׳ס פארשטאַנד; דורך איהם קומען צום משל, און ערשט נאָכדעם געבען די ריכטיגע ערקלעהרונג צום שווערען ענין — איינגאַנצען מיט אַן אנדער פשט ווי געווען פריהער אין „הוא אמינא״. 6) ווען צווישען צוויי גרונט־שכל׳ען (הקדמות) איז קיין סתירה ניטאַ, סיידען זיי פאַנאנדערטיילענדיג און צו יעדערע צוגעבען אַ צווייטע הקדמה, אָדער עטליכע הקדמות, ביז די סתירה ווערט בולט ארויס. אזא טעות קען געמאכט ווערען פון אַ מחבר, ענטוועדער דורך אויבערפלעכליכ־קייט ביים אַנאליזירען יעדע פון די צוויי צונויפגעפּאַרטע הקדמות, אָדער פאַר־געסענדיג די ערשטע ביים שרייבען די צווייטע. 7) ווען דער מחבר איז געצוואונ־גען ניט אַרויסצואָגען דעם גאַנצען אמת פאַר׳ן המון: אַט די פאַרדעקונגס אַר־בייט מוז אומבאַדינגט ברענגען סתירות צוליב דער ניט־עכטקייט, בעת דער פאַר־שטענדיגער נעהמט זיך אַנאַליזירען און געפינט עס אויס.

די תלמודישע סתירות קומען פון די ערשטע און צווייטע אורזאַכען (קשיא רישא אסיפא? און דער תירוץ איז: די רישא איז ווי איינער און די צווייטע ווי אַן אנדער מאַן דאמר, אָדער: אין דעם דין איז געפעלען געוואָרען רבי מאיר׳ס מיינונג, און אין צווייטען דין, רבי יהודא׳ס. צו דעם סאָרט געהערען אויך די תירוצים: „הדר ביה רבא מההיא״; רבי, שנית לנו בילדותנו „הכסף קונה את הזהב, ובזקנותנו: „הזהב קונה את הכסף״, און רבי ערקלעהרט עס).

די סתירות לויט׳ן פשוט׳ן פשט אין נביאים, געהערען צו די דריטע און פערטע אורזאכען, אין אגדה — לויט דער זעקסטער, דערפאַר דאַרף מען אויף אגדה קיין קשיות ניט פרעגען. געפינענדיג אַ סתירה אין נביאים לויט דער זיבעטער סבה מוז מען א סך קלעהרען ביז רעכט צו מאכען. צו דעם סאָרט געהע־רען די סתירות אין מורה נבוכים.

אַט די טייערע כללים פאַרזאָגט דער רמב״ם גוט צו פארשטעהן און שטענ־דיג צו געדענקען, לערנענדיג דעם „מורה נבוכים״.

ניט גרינג איז דעם רמב״ם אָנגעקומען דער באשלוס ארויסצוקומען מיט׳ן מורה נבוכים אין דער עפענטליכקייט. פון איין זייט האָט איהם געשראָקען דער המון וואָס האָט גאָרניט געלערענט קיין חכמות און מישט צונויף אומפאַר־מיידליכקייט מיט אוממעגליכקייט; פון דער צווייטער זייט, די טראַדיציאָנעלע חכמים וואָס נעהמען יעדען פסוק און יעדען וואָרט בוכשטעבליך — ווי אַלע חכמים פון בבל, דייטשלאַנד און פראנקרייך — און זייער גאַנצער כח איז אריינגעטאָן ארויסצוברענגען דעם ריכטיגען דין ווי צו פראַקטיצירען. ער האָט גאַנץ גוט גע־וואוסט, אַז זיין קהל, ערצויגען אויף תלמוד בבלי וירושלמי, איז ניט פילאָנ׳ס פון אַלעקסאנדריע — קליינע לומדים אָבער גרויסע פילאָזאָפען. וואָס יענער האָט זיך ערלויבט, קען ער דאָס ניט. אין דער פתיחה פאַרענטפערט ער זיך מיט די ווערטער:

„גאָט ווייסט, ווי איך האָב מורא געהאַט צו שרייבען אָט די דאָזיגע ענינים — אמת׳ע סתרי תורה — וואָס קיינער פון אונזער פאָלק אין גלות האָט נאָך ניט געשריבען. אָבער מיין באשלוס איז געמאַכט, זיך פארלאָזענדיג אויף׳ן פסוק „עת

לעשות לה׳ הפרו תורתך״ (אין א צייט ווען דארף טאָן פאר גאָט מעג מען פאר־בויגען די תורה), און איך טו עס פון זיינעטוועגן״, ווי אויך אויף׳ן מאמר „וכל מעשיך יהיו לשם שמים״ (אלע דיינע מעשים זאָלען זיין פון גאָט׳ס וועגען).

„ווארים עס זיינען פאראן מענשען וואס טראָגען זיך ארום מיט ספקות, קענען ניט אויסגלייכען ביידע אמת׳ן: פון דער תורה און פילאָזאָפיע. זיי וויל איך רעטען פאר׳ן אידענטום. און איך בין דער מענש, וואס ווען איהם ווערט ענג אין קאָפּ, ניט געפינענדיג קיין מיטעל ווי צו לערנען דעם אמת׳ן וועג צום חשוב׳ען מענשען אהן צו שאַדען דערמיט צעהן טויזענט נאראנים, קלייב איך אויס איהם צו ערקלעהרען, ניט קימערענדיג זיך פאר די טאדלונג פון יענע. איהם וויל איך לערנען, ארויספיהרען פון די צווייפלען, ביז ער וועט געהיילט ווערען, דאס ביידע אמת׳ן זאָלען הארמאָנירען״.

ווייסענדיג ווי ריזיקאַליש זיין פיאָנערען־וועג איז, זאָגט ער אָן צו די וואס לערנען דעם דאָזיגען ספר פיר זאכען: 1) צו לערנען כסדר, ניט באפענדיג איינ־צעלנע פרקים, ווייל יעדער פרק איז א פאָרבאַרייטונג צום צווייטען, אהן דעם ערש־טען קען מען דעם צווייטען ניט פארשטעהן. אהן צווייטען — ניט דעם דריטען, און אזוי כסדר. 2) ניט צו באנוגענען זיך בלויז מיט׳ן כלל געדאנק, נאָר דורכ־טראכטען יעדען וואָרט, ווייל דאָ איז קיין איבעריגער וואָרט ניטאָ, און נאָך מעהר וואס ס׳איז געשריבען איז געמיינט. 3) ניט צו לערנען לויפיג, און ניט השערה׳דיג, ניט איילענדיג צו פרעגען קשיות און אפּשלאָגען; געפינט ער נוצליכעס, זאָל ער דאנקען גאָט; ניט פארשטענדליכעס, זאָל עס זיין ווי גארניט געשריבען; שעדליכעס, ניט אקצעפּטירען און משפט׳ן דעם מחבר לכף זכות; 4) ניט צו שמועסען וועגען די ענינים מיט אזעלכען וואס קען ניט אדער וויל ניט פארשטעהן קיין חכמה.

און נאָך די אלע ערקלעהרונגען, התנצלות און אזהרות קומט ער צום עניין גופא, אָנפאנגענדיג מיט ערקלעהרען די תורה־טערמינאָלאָגיע.

9

דער רמב״ם אין אלעגאָריע

כמעט דער גאנצער ערשטער טייל פון מורה נבוכים איז געווידמעט צו ער־קלעהרען אלעגאָריש די פסוקים וואס ווייזען אין פשט אָז דער בורא איז א קערפער און האנדעלט ווי איינער וואס באזיצט קערפערליכע אייגענשאפטען. דערין ווייזט ער ארויס א טיפע ידיעה אין דער שפּראך, און אַן אויסגעצייכענטען חוש פאר פילאָלאָגיע. מיר וועלען א טייל פּרובירען איבערצוגעבען בקיצור.

פרק א׳. וועגען צלם און דמות אינ׳ם פסוק „נעשה אדם בצלמנו כדמותנו״, וועלכער מיינט בלויז די עהנליכקייט צום בורא מצד דעם שכל און געדאנקליכע אנשויאונגען וואס קומען ניט בלויז דורך די חושים־ערפאהרונג ווי ביי בהמות נאָר מיט דער פארמיטלונג פון שכל. ווי דער בורא אדער מלאכים וואס באגרייפען אינגאנצען אהן די חושים־פארמיטלונג.

פרק ב'. צו פארענטפערען דעם אויסדרוק „וחייתם כאלהים יודעי טוב ורע". שטעלט ער פריהער א קשיא וואס איינער האט איהם אמאהל געפרעגט: זאגי קומט עס וואס די באגריפען פון גוט און שלעכט מיט וועלכע א מענש איז באשאנקען בעסער ווי אלע אנדערע ברואים, האט ער געקראגען טוענדיג די עבירה צו עסען פון פארבאטענעם עץ הדעת? זיין ענטפער איז: דעם מענשענס גרעסטע מתנה פון'ם בורא איז דער שכל. אדם האט עס באלד נאך זיין באשאפען ווערען געקראגען, דערפאר האט מען איהם פארזאגט, ניט קיין חיות, ניט קיין בהמות. שכל'דיגע באגריפען געהערען אריין אין גדר פון „אמת און שקר". זאל ער זיך האבען געהאלטען אויף זיין שכל'דיגער הויכקייט וואלט דער שכל געקענט ארויסברייגנען די ריכטיגע אביעקטיווע אמת'ן, און דאס וואלט געמאכט זיין לעבען פאר א שטענדיגען גן עדן, וואו מען לעבט אייביג. ווארום ביים אויבערמענש עקזיסטירט נאר „אמת" און „שקר", דער געגענזאץ פון גוט און שלעכט, וואס קומט פון אייגענע פניות, שטעלענדיג דעם פאקט פאר זיך, און אורטיילענדיג אויף וויפיל דאס קען דעם סוביעקט אליין נוצען אדער שאדען. אבער איבערטרעטענדיג די אזהרה וויל „די פרוכט איז שעהן אנצוקוקען און געשמאק צו עסען". איז זיין ריינער שכל פארטונקעלט געווארען. ער קען איצט שוין מעהר ניט דענקען אין די ראמען פון „אמת און שקר", נאר צווישען „גוט און שלעכט". אט דער פניות'דיגער ארט דענקען האט געבראכט מיינונגס פארשידענהייטען, יעדער מיט זיינע סוביעקטיווע שכל'ען און באשלוסען, ווערענדיג אן אויטאריטעט (והייתם כאלהים תרגום אונקלוס „ותהון כרברבין" און ווי ער לייגט צו: דער זעלבער נאמען ווערט אויך געברויכט פאר מלאכים, שופטים און רעגירער איבער מדינות) איבער שכל'דיגע שלוסען וואס האבען קיין אביעקטיווע עקזיסטענץ ניט (אמת און שקר) נאר בלויז א סוביעקטיווע, זיך וויגענדיג צווישען זיין אייגענעם „טוב" און אייגענעם „רע", און דורכדעם האט ער פארלארען דעם גן־עדן לעבען.

פרק ג'. ותמונת ה' יביט. „תבנית" מיינט: פארמע פון א געגענשטאנד וואס מיר זעהען מיט די אויגען, דערפאר ווערט עס קיינמאל ניט דערמאנט אין פארבינדונג מיט'ן בורא. אבער „תמונה" האט דרייערליי באדייטונגען: 1) די פארמע פון א זאך וואס מען זעהט מיט די אויגען. 2) פארשטעלונג פון עטוואס וואס איז שוין איצט ניטא נאר דער דמיון האט עס באהאלטען ביי זיך אין זכרון. 3) א געדאנקליכער באגריף. און די לעצטע באדייטונג ליגט אין פסוק ותמונת ה' יביט", דאס מיינט משה, האט געקענט זיך מאכען א פולשטענדיגען באגריף פון דער גאטהייט.

פרק ד'. ויחזו את האלהים, ויראו את אלהי ישראל, כי ירא מהביט אל וכו'. די 3 פועלים: חזה, ראה און הבט, ווערען געברויכט אויך אויפ'ן געדאנקליכען פארשטעהן: וירא אלהים כי טוב — ער האט זיך איבערצייגט אין דער גוטסקייט. לא הביט און ביעקב — זיין געדאנק האט ניט אויסגעפונען קיין זינד ביי אידען (ווייל אומרעכט קען מען ניט זעהן, נאר באגרייפען, פארשטעהן) „והביטו אחרי משה" — ווי די גמרא ערקלערט: זיי האבען אויף איהם אויסגעטראכט חסרונות. „ולבי ראה הרבה חכמה", ד.ה. פארשטאנען (ווארום חכמה מוז מען פארשטעהן, ניט זעהן) און נאר אין דעם זינען דארף מען פארשטעהן די אויבענדערמאנטע פסוקים.

פרק ה'. כי ירא מהבט אל האלהים, אין געגענזאץ צו די אצילי בני ישראל:

„ויחזו את האלהים ויאכלו וישתו". באווייזען אין פריהערדיגען פרק אז דא שמועסט זיך וועגען א געדאנקליכען זעהן, ציטירט ער אריסטאטעל'ס מיינונג, אז פארטיפען זיך אין היכע ענינים דארף ניט באטראכט ווערען פאר אן עוות, נאר פארקעהרט: פאר א בריה'שקייט צו וועלען דערגרויבען מיט'ן שכל וואס א מענש קען דערגרויבען, און דאס זאל זיין א פארטיידיגונג צו יעדען פארשער, בתנאי ער זאל פריהער אויסלערנען די נויטיגע חכמות, ווערען א בעל מדות טובות, אפטויטען זיין תאוה, און וויסען אלע וועגען פון דענקען, זיך אויסהיטענדיג פון יעדען פאל וואס קען ברענגען צו טעות'ן. משה רבנו עליו השלום האט מורא געהאט צו טראכטען (הבט) וועגען די ענינים, ניט זייענדיג זיכער אויב ער באזיצט שוין די געפאדערטע מעלות. און דערפאר האט איהם דער בורא באשאנקען מיט אזויפיל פארשטאנד צו ווערען זיכער ביז ער איז געקומען צו דער דרייסטקייט פון מעגען קלעהרען (ותמונת ה' יביט) אבער די אצילי בני ישראל, וואס ווילען „זעהן" עסענדיג און טרינקענדיג, זיינען ווערט געווען א פסק, וועלכען אהרנ'ס זיהן, נדב און אביהו האבען געקראגען. און אזא „שרפת נשמה" קריגט באמת יעדערער וואס דענקט עסענדיג און טרינקענדיג ד.ה. זייענדיג אריינגעטאהן אין קערפערליכע פארגעניגענס וועלכע שטערען צו אורטיילען ריכטיג, און דער רעזולטאט איז: א געשעדיגטע נשמה...

פרק ו'. ה' איש מלחמה. דער געוויינליכער באגריף פון „איש ואשה" ביי מענשען איז איבערגעטראגען אויך אויף אנדערע ברואים (מכל הבהמה תקח לך שבעה, איש ואשתו) נאכדעם אויף יעדע זאך וואס דארף זיך באהעפטען צו א צווייטער (חמש היריעות תהיינה חוברות אשה אל אחותה) שפעטער איז עס געווארען איבערגעטראגען צו דער צורה (איש) וואס איז באהעפט מיט'ן חומר (אשה) און נאך אזוי דארף פארשטאנען ווערען דער דערמאנטער פסוק: דער בורא איז דער צענטער פון אלע קעמפענדע שטאפען וועלכע ענדערען זיך, טוען אן און טוען אויס זייערע פארמען, קריגענדיג פון אנדערע אדער אויפנעמענדיג איבערגעוואלט פון יענע ווי: דאס קערענדל, בארויבענדיג דעם באדען: די באשעפעניש, עסענדיג דעם גראז; דער מענש — עסענדיג פלייש א.ד.ג.

פרק ז'. צור ילדך, און אני היום ילדתיך. „ילד" אין דער אריגינעלער באדייטונג מיינט, א קינד וואס איז געבארען געווארען, דער באגריף ווערט איבערגעטראגען אויף א נייע ענטשטעהונג (בטרם הרים יולדו), וואס עס וואקסט ארויס פון דער ערד (והולידה והצמיחה); אויף נייע פאסירונגען (כי לא תדע מה יולד יום); אויף נייע געדאנקליכע באגריפען (וילד שקר) אדער ווי דער תרגום יונתן בן עוזיאל איבערזעצט די ווערטער „בילדי נכרים יספיקו", „ובנימוסי עממיא אזלין" (מיט די געזעצען פון פרעמדע פעלקער געהען זיי, ד.ה. זיי פארנעמען זיך אויף פרעמדע נייע געפינען וועגען) דערפאר ווערט באטראכט דער רבי צום תלמיד ווי א פאטער וואס האט איהם געבוירען און די תלמידים פון נביא—„בני הנביאים". וויסענדיג פון פריהער די באדייטונג פון „צלם" און „דמות" איז גרינג צו פארשטעהן וואס נאר ביים געבורט פון שת—דער איינציגער וואס האט געהאט די ריכטיגע באגריפען פון גאט—שטעהט: „ויולד בדמותו בצלמו". דאס מיינט, אז נאר שת איז געווען דער נייער אויבענגעבראכטער אין גייסט, וואס איז ספעציפיש אדמ'יש. ווארים מיר וויסען דאך, אז די געוועהנליכע מענשליכע צורה בארעכטיגט ניט צום נאמען „מענש", ווייל באמת איז ער בלויז א צוויי פיסיגע חיה, און נאך ערגער פון א חיה, האבענ־

די דעם שכל אויסצוטראכטען אזוי פיל רשעית'ן וואס קיין חיה מיט בלוין אינ־סטינקט קען עס ניט... אין דעם זין מוז מען פארשטעהן די פריהער געבראכטע צוויי פסוקים.

פרק ח׳. ברוך כבוד ה׳ ממקומו. מקום מיינט: אן ארט און איז איבער־געטראגען אויף א מדרגה (ממלא מקום אביו—ער שטעהט אויף זיין פאטער'ס מדרגה, אויף זיין פאטערס ארט) און אין תלמוד: עדיין מחלוקת במקומה עומדת, ד.ה. אויפ'ן זעלביגען מצב. אזוי מוז מען פארשטעהן דעם דערמאנטען פסוק און די איבעריגע, וואו „מקום" ווערט דערמאנט אין פארבינדונג מיט'ן בורא: זיין מדרגה און מעלה אין עקזיסטענץ. דאס זעלבע איז דערווארט „שם" ניט קיין זינליכער נאר א געדאנקליכער ארט ווי אין פסוק „וישם שם את האדם אשר יצר" — אויף זיין מדרגה. אין דעם זינען דארף מען פארשטעהן דעם „הנה מקום אתי ונצבת על הצור".

פרק ט׳. השמים כסאי, כסא, א שטוהל, און ווייל אויף איהר זיצען קע־ניגען, ריכטער און אנדערע מאכטהאבער, האט ער אליין אויך געקראגען א חשיבות (אין אנדערע שפראכען איז פאראן דערויף א באזונדער נאמען „טראן", אבער אין העברעאיש מיינט כסאביידע זאכען: א שטוהל און א טראן) דערפאר הייסט דער בית המקדש אויך כסא (כסא כבוד מרום מראשון מקום מקדשינו) אין דעם זין רופט מען דעם הימעל כסא (כה אמר ה׳: השמים כסאי) דער הימעל מענש וואס פארשטעהט דעם בורא אלס איינציגען באשעפער און באוועגער פון אלע הימעלשע קערפערשאפטען, דער באגרייפט אויך דעם מהות פון מיין „כסא". „כסא" אזוי ווי „שמים" זיינען אטריבוטען, וואס קומען פון איהם און טיילען זיך קיינמאל ניט אפ פון זיין וועזען, דאס מיינט משה רבנו זאגענדיג: „כי אשא אל שמים ידי" — צו גאט; מן השמים ירחמו, דאס הייסט: גאט וועט רחמנות האבען, „כי יד על כס יה" און אנדערע פסוקים פון דעם מין.

פרק י׳. ויעל מעליו אלהים די פעלים „עלה" און „ירד" ענטהאלטען אין זיך 5 באדייטונגען: 1) ווען א זאך ווערט איבערגעשטעלט אויף א העכערען ארט באצייכענט מען עס מיט „עלה". צו א נידעריגערען ארט ווי פריהער, מיט „ירד". 2) „עלה" — ווען איינער ווערט דערהויבען דורך רייכקייט אדער כבוד „ירד". ווען ער ווערט ארימער אדער ער פאלט ארונטער פון זיין כבוד. 3) ווען איינער דערהויבט זיך מיט זיין געדאנקען צו הויכע ענינים — עלה; ירד — ווען ער פארטוט זיך אין נידעריגע ענינים. 4) „עלה" ווען דער בורא בלייבט אומגעזעהן און אומבאגריפען פון דעם מין מענש, וועלכער קען איהם ניט זעהן מצד זיין קורצער השגה, און „ירד", ווען דער בורא דערנידעריגט זיך כביכול צו רעדען מיט א נביא, אדער זיך צו באווייזען פאר מענשען, אזוי ווי למשל ביי קבלת התורה. דאס מיינט דער פסוק זאגענדיג: וירד ה׳ על הר סיני. 5) „ירד", ווען דער בורא דארף פאראויסזאגען דעם נביא די שטראפען אויף א מענשען, א מדינה, אדער א גאנצען געגענט (וירד ה׳ לראות את המגדל, אדער נרדה ונבלה שם שפתם) ווארום לויט זיין גרויסקייט האט ער אפילו ניט געדארפט נאכקוקען וואס די מענשען דאר־טען אונטען טוען, און געוויס זיי ניט באשטראפען דערפאר, ווי דער פסוק זאגט: „מה אנוש כי תזכרנו". דאס איז כביכול א ירידה פון מדרגה, לויט דעם באגריף וואס מיר דארפען האבען פון זיין גרויסקייט. דערפאר, ווען די נבואה הערט אויף,

זאָגט דער פּסוק: „ויעל ה׳מעל אברהם". און אַזוי ווי ביי איהם שטעהט „וירד ה׳, איז עס לגבי משה׳ן „ומשה עלה אל אלקים". דאָס וואָס פאַר איהם כביכול הייסט „ירידה" איז ביי משה׳ן „עליה".

פּרק י״א. היושבי בשמים. די אָריגינעלע באַדייטונג פון „ישב" איז: זיצען, און דער טערמין איז איבערגעטראָגען אויף זיצען רוהיג אהן ענדערונג אין מצב. אַט די לעצטע באַדייטונג דאַרף פאַרשטאַנען ווערען ווען דאָס ווערט אָנגעווענדעט אויפ׳ן בורא, למשל: „אתה ה׳ לעולם תשב" — דו בלייבסט דער זעלבער, סיי ווען אידען זיינען אין לאַנד, סיי אין גלות. „כסאך לדור דור" — דיין כבוד בלייבט אויף שטענדיג. „היושב על חוג הארץ" — דער ערד-צענטער בלייבט אומגעענדערט מהמת די שטענדיגע נאַטור געזעצען וואָס הערשען דאָ׳ט. „ה׳ למבול ישב" — טראָצדעם וואָס די גאַנצע נאַטור האָט זיך דורכ׳ן מבול געענדערט, אָבער ער איז געבליבען זיצען, אומענדערליך.

(באַמערקונג: אין דעם פּרק ווינקט ער אָן וועגען השגחה פּרטית, אַז זי קומט בלויז אויפ׳ן מין, ניט אויף יעדען איינצעלנעם, אַזוי ווילען זיינע מפרשים ארויסדרינגען פון זיינע רייד. דער אברבנאל אָבער וויל עס איינלערנען אנדערש, נאָר מיר מיידען אויס דעם גאַנצען שמועס, האָבענדיג זיך געשטעלט די אויפגאַבע צו געבען נאָר א קורצע ערקלעהרונג פון דער טערמינאָלאָגיע. וועגען זיין גאַנצער שיטה וועלען מיר רעדען אין באַזונדערע אַרטיקלען).

פּרק י״ב. קומה ה׳ ויפוצו אויביך. קימה איז דער געגענזאַץ פון ישיבה. אַמאָל אויך אין מיינונג פון באַשטעטיגונג: „ויקם שדה עפרון" (די פעלד איז באַשטעטיגט געוואָרען אַלס אברהמ׳ס), „וקם הבית אשר בעיר" דאָס הויז פון שטאָדט זאָל באַשטעטיגט ווערען פאַר יענעם). „וקמה" בידך ממלכת ישראל" (די מלוכה איבער ישראל וועט באַשטעטיגט ווער-ען פאַר דיר). צו דעם ערשטען מין (קימה — ענדערען די באַציהונג און ישיבה — דער שטענדיגער שטילשטאַנד), געהערען די פסוקים: עתה אקום יאמר ה׳, אתה תקום תרחם ציון, וקמתי על בית ירבעם, קומה ה׳ ויפוצו אויביך און נאָך פון דעם מין.

פּרק י״ג. ועמדו רגליו ביום ההוא. „עמידה" האָט פיר באַדייטונגען: 1) שטעהן (אם יעמד משה ושמואל, בעמדו לפני פרעה, והוא עומד עליהם) 2) אויפהערען (כי עמדו ולא ענו, ותעמד מלדת). 3) איינשטעהן א לענגערע צייט (למען יעמדו ימים רבים, עמד טעמו בו, ויכלת עמוד). 4) בלייבען שטעהן אומגעענדערט (ואתה פה עמד עמדי — בלייב שטעהן מיט דיין הויכען געדאַנק וועסטו זיין מיט מיר). ועמדו רגליו על הר הזיתים" איז אויך פון דעם זעלבען מין, און די ערקלעהרונג זאָגט ער צו אין די שפּעטערדיגע פּרקים.

פּרק י״ד. אדם. דער נאָמען „אָדם" שטאַמט פון וואָרט „אדמה", ווייל דער מענש איז באַשאַפען געוואָרען פון ערד, און דערפאַר האָט דער ערשטער מענש געהייסען דעם נאָמען, דאָס הייסט: „שם עצם פרטי". אָבער ער ווערט אויך א שם המין, פאַר׳ן גאַנצען מין מענש, אין דעם פאַל קען ער אויך קומען מיט א הא הידיעה (דאָס וואָס א שם עצם פרטי קען ניט), דערפאַר קען שטעהן „ומותר האדם מן הבהמה", „ומי יודע רוח בני האדם", אָדער „לא ידון רוחי באדם", מיט א

קמץ אונטערן „ב״ וואָס שפּאַרט איין דעם „ה״, און דער נאָמען באַצייכנט דעם פּחות'דיגען מין מענש (גם בני אדם גם בני איש) מיט דער ערקלעהרונג, וואָס איז גענומען פון אברבנאל, באַווייזענדיג אַז אדם אויף אדם הראשון מיינט עס מעהר שם המין ווי שם עצם פּרטי, ווייל אדם גופא איז געווען איינער אַזוי ווי די זון איז איינע, פאָלגליך: אַ מין — פאַלט אַרונטער די פאַלשע כונה וואָס גרבוני און דער אפודי לערנען אַריין אין רמב״ם'ס רייד, וועלענדיג געפינען אַ רמז אויף „קדמות״, לויט דעם אבן עזרא'ס „סוד״. אונז וועט נאָך אויסקומען צו רעדען וועגען די סאָרט אַריינגעלעגטע כונות אין זיינע רייד וואָס זיינען באמת ניט ריכטיג.

פּרק ט״ו. והנה ה׳ נצב עליו. „נצב״ אָדער „יצב״ האָט אין ערשטער באַדייטונג „שטעהן״: ותתצב אחותו מרחוק, יצאו נצבים, יתיצבו מלכי ארץ; אָבער עס ווערט אויך באַנוצט צו באַצייכענען אַ שטענדיגען באַשטאַנד, ווי „דברך נצב בשמים״, ד.ה. דעם בורא'ס אונאויפהערליכע אַרבייט דורך זיין „וואָרט״, באַשטעטיגט דער אייביג באַוועגליכער הימעל־רוים. „סלם מצב ארצה״, דאָס זיינען די חכמות וואָס זיינען איינגעטיילט אין מדרגות, וועלכע די נביאים, וואָס רופען זיך מלאכים (וישלח מלאך ויעל מלאך ה׳ מן הגלגל, דאָס מיינט אַ נביא) מוזען דורכמאַכען, אָנפאַנגענדיג מיט ידיעת הטבע און ענדיגענדיג ביז די הויכע הויכקייטען, וואו „ה׳ נצב״. ערשט נאָכ'ן דורכמאַכען דעם גאַנצען פּראָצעס פון „עליה״, געהען זיי אַרונטער צום פאָלק, איהם צו לערנען די וועגען פון לעבען. אַזוי דערצעהלט אויך די תורה וועגען משה רבנו עליו השלום: „ומשה עלה אל האלהים״, דערנאָך „וירד משה מן ההר אל העם״.

פּרק ט״ז. הנה מקום אתי ונצבת על הצור. „צור״ האָט דריי באַדייטונגען: 1) אַ באַרג; 2) אַ האַרטער שטיין; 3) אַקוואַריום, דאָס פּלאַץ פון וואַנען מען האָקט אויס גוטע שטיינער. די לעצטע באַדייטונג געברויכט דער נביא זאָגענדיג: „הביטו אל צור הוצבתם״, באַטראַכטענדיג דעם מקור פון וואַנען איהר קומט אַרויס, ד.ה. אייער אָפּשטאַם (פון אברהם אבינו) וועט איהר פאַרשטעהן אַז איהר דאַרפט געהן אין זיינע גוטע וועגען, ווייל דאָס אַרויסגעהאַקטע מוז זיין גלייך צום „מקור״ פון וואַנען עס איז אַרויסגעהאַקט געוואָרען. דערפאַר רופען מיר אונזער בורא „צור ישראל״, מצד דעם חלק נשמה וואָס מיר האָבען פון איהם, און אויך — ווייל די גאַנצע וועלט איז בלויז פון איהם אַן אַטריבוט, אַן עמאַנאַציע און מיר קומען פון דער וועלט, דערפאַר איז אונזער חוב צו קלעהרען און זיך צו דערהויבען כדי צו דערגרייכען זיין מהות אויף וויפיל נאָר ס'איז אונז מעגליך צו דערגעהן. דאָס מיינט דער פּסוק: „הנה מקום אתי ונצבת על הצור״. אמת, עס איז אוממעגליך צו דערגרייכען מיין מהות (זאָגט דער בורא) מצד די הויכקייט און דינקייט פון דעם געדאַנק. אָבער איין שטיקעל אָרט איז יאָ פאַראַן דערויף. דאָס איז: זיך שטעלענדיג אויפ'ן „צור״, און די דערגרייכטע מדרגה וועט זיין לויט דיין שטעהן אויף איהם, ד.ה. לויט דיין באַגרייפען דעם אָפּשטאַם פון וואַנען דו קומסט, כדי זיך אויסצוגלייכען מיט זיינע מידות: אַזוי ווי ער איז אַ חנון, אַ רחום, אַזוי זאָלסטו אויך זיך באַמיהען צו זיין. דורך אברהם'ס „צור״ קען מען זיך פאַרפאָלקאָמען אין מידות און פון דעם צור ישראל — אין דעות.

דאָ שטעלען מיר זיך אָפּ פון נאָכגעהן יעדען פרק באַזונדער, צו ערקלעהרען די טערמינאָלאָגיע לויט דעם סדר פון „מורה נבוכים", וואָס ציהט זיך ביז כמעט דעם ענד פון חלק א׳. ערשטענס צוליב מאַנגעל אין פּלאַץ, צווייטענס, מורא האָבענדיג פאַר׳ן לעזער׳ס געדולד. אנשטאט דעם וועלען מיר געבען אַ גענויעם איבערבליק איבער דעם גאַנצען ספר אין אַ צאָהל אַרטיקלען, און פּרואווען צונויפנעהמען זיינע מיינונגען, וועלכע ער האָט בכיון צעשפּרייט אין אומאָרדנונג, כדי נאָר די גרויסע געלערנטע זאָלען עס קענען פאַרשטעהן.

אין זיבעצענטען פרק גיט ער דאָס צו פאַרשטעהן, און באַרעכטיגט זיין שטאַנדפּונקט דערמיט, אז אַפילו די אַלגעמיינע פילאָזאָפען האָבען זייערע רייד פאַרבאָרגען פון׳ם המון, בפרט מיר אידען, וועמעס חכמה איז געטליך, דאַרפען איהר געווים וויסען נאָר די וואָס האָבען פריהער זיך גוט צוגעגרייט מיט חכמה און ידיעות.

וואָרים דער בורא שטעהט אויפ׳ן שפּיץ לייטער, און דערגרויכען צו איהם קען מען נאָר, געהענדיג פון מדרגה צו מדרגה.

III.

רמב"ם און פילאָזאָפיע

1

די „מדברים" און רמבמ'ס קריטיק אויף זיי.

אין ערשטען חלק מורה נבוכים (פּרק ע"א) גיט דער רמב"ם אן איבערבליק איבער דער היסטאָריע פון רעליגיאָנס פּילאָזאָפיע אומגעפעהר אזוי:

אין אמאָליגע צייטען האָבען אידען פאַרמאָגט די אמת'ע פּילאָזאָפיע, און דעם ריכטיגען מיין פון אלע מצוות און אזהרות, ניט בלויז מצד קבלה, נאָר אויך מיט די אלע שכל'ען, אזוי ווי די גרויסע פּילאָזאָפיע פון אונזער צייט. אבער שפּעטער איז געבליבען נאָר דער פּסוק אליין, די פּילאָזאָפישע שכל'ען זיינען פאַרלאָרען געגאנגען: 1) מחמת'ן גלות וואָס האָט פאַרטונקעלט דעם שכל דורך די שטענדיגע רדיפות און צרות. 2) מחמת דער לימוד גופא וואָס געהער צום סוג „סתרי תורה" וואָס נאָר איינצעלנע האָבען געמעגט לערנען. 3) די לאַנגע צייט פון דאַמאָלסט ביז איצט, ווען די לערנער זיינען פאַרקלענערט געוואָרען, ביז מען האָט עס אינגאנצען אויפגעהערט צו לערנען. די פּילאָזאָפיע איז געבליבען אין גריכענלאַנד.

ווען דער איסלאם האָט פון די צעשפּרייטע נאָמאַדען שבטים איין גרויסען אראַבישען פאָלק געמאכט, וועלכער האָט שפּעטער איינגענומען א האלבע וועלט און געבילדעט א פּאַראייניגטען קאַליפאַט אונטער דער רעליגיעזער איבערהערשאפט פון קאָראַן, איז באַגדאַד געוואָרען די „אטהענס פון מיטעלאלטער". אהין האָט מען איינגעלאַדען די קריסטליכע סירישע געלעהרנטע, און דורך זיי איז דאָס אראַבישע פאָלק באַקאַנט געוואָרען מיט דער רייכער ירושה וואָס די אלטע גריכען האָבען איבערגעלאָזען אויפ'ן געביט פון פּילאָזאָפיע און וויסענשאַפט.

גאַנץ גיך איז דאָס אראַבישע פאָלק געוואָרען דער צענטער פון חכמה. אבער צוזאמען דערמיט האָט זיך אין די געבילדעטע קרייזען גענומען פּיהלען א שאַרפער ווידערשפּרוך צווישען די ריין־וויסענשאַפטליכע באַגריפען, פעסט־באַגרינדעטע כללים פון פּילאָזאָפיע, און די רעליגיעזע אַנשויאונגען וואָס געפינען זיך אין קאָראַן. דער קאָראַן מיט זיין בילדליכער שפּראַך, כאַראַקטעריסטיש פאַר'ן אָריענטאַל, רעדט אָפּט וועגען דעם־וועלט באַשעפער אַנטראָפּאָמאָרפיסטיש מליצה'דיג, ווי ער זאָל זיין א פּשוט'ער בשר ודם: וועגען גאָט'ס פּיס, הענט, נאָז; גאָט לאַכט, ער איז ברוגז, אין כעס, א.ד.ג. פּילאָזאָפיע קען דערויף ניט מסכים זיין, אבער דער קאָראַן איז דאָך און מוז דאָך זיין אמת... יעדער מאַהמעדאַנער מוז דאָך גלויבען אז דער קאָראַן איז געשריבען געוואָרען מיט רוח הקודש, אז ער איז אמת און דער נביא איז אמת — בכדי זיך צו ראַטעווען פון דער דאָזיגער סתירה האָט יעדער פּילאָזאָפיש געבילדעטער און גלויביגער מוסלמענער געמוזט זוכען אן אויסוועג, זעהן צו פאַרענטפערען, צו מאַכען א פּשרה צווישען גלויבען און דעם פרייען פאַרשער געדאַנק.

אַט דער דרוק האָט גורם געווען, וואָס שוין אין 9-טען יאָהר הונדערט האָט ביי אראבער געבליט א רעליגיעז פילאָזאָפישע שולע אונטער'ן נאָמען „קאלאם" (העברעאישע באדייטונג פון „מימרא" אדער „מאמר"). איהר אויפגאַבע איז געווען צו שיצען און פארענטפערען די עקרי הדת געגען דעם לאָגישען פועל יוצא פון פילאָזאָפישער חקירה; צווישען די פארטרעטער פון דער דאָזיגער שולע וואָס האָבען געטראָגען דעם נאָמען מוטאַקאלימון (לעהרער פון גאָט'ס וואָרט) איז מיט דער צייט פארגעקומען א שפאלטונג און עס האָט זיך אָפּגעטיילט א כתה פריידענקער „מאַטאַזאלימון" (מעתזולה). זיי האָבען געלייקענט אין מוסולמאנישען פאטאליזם, דאָס הייסט, אז יעדער מענש איז געצוואונגען פון הימעל איז זיינע מעשים סיי גוטע סיי שלעכטע. די לעצטע זיינען געוואָרען אָנגענענער פון „בחירה"-געדאנק, ד.ה. אז יעדער מענש איז פריי צו טאָהן מצוות און עבירות, דערפאר קען זיך אויסמאָהלען שטראָף און באלוינונג אויף יענער וועלט, אין געגענזאַץ פון די אָרטאָדאָקסישע אשיראיטען.

דער „קאלאם", די מוטאקאלימון און מאַטאַזאלימון האָבען אויסגעאַרבייט א גאַנצען סיסטעם פון א רעליגיעז-פילאָזאָפישער לעהרע. אין דעם רמב"ם'ס מורה נבוכים ווערען זיי גערופען אונטער דעם איין נאָמען „מדברים".

דער רמב"ם האַלט זעהר ווייניג פון די מדברים מיט זייער פילאָזאָפיע, און ביי יעדער געלעגענהייט באקעמפט ער זיי. ער מיינט, אז די ערשטע מדברים, סיי די גריכיש קריסטליכע סיי די מוסלמאנישע האָבען זיך ניט געלעכנט אין זייער פילאָזאָפיע מיט דעם וואָס עס איז, נאָר זיי האָבען זיך געקליגט אויסצוגעפינען ווי עס דאַרף זיין, כדי עס זאָל שטימען מיט זייער פאראויס באשטימטער מיינונג. זיי האָבען ניט געבויט די טעאָריע לויט די פאַקטען, נאָר פארדרעהט די פאַקטען כדי עס זאָל שטימען מיט זייער טעאָריע. דער פועל יוצא איז, דאָס זיי האָבען גענומען פון דער פילאָזאָפיע און לאָגיק יענע שכל'ען וואָס פאַסען זיך צו זייער אמונה, אדער לכל הפחות ניט אין געגענזאַץ צו איהר, פארוואַרפענדיג די איבעריגע וואָס זיינען אין געגענזאַץ. זיי, די מדברים, האָבען אַלעמען און אפילו זיך אליין געוואָלט איינרעדען, אז זייערע מסקנות זיינען ניט באאיינפלוסט פון רעליגיעזע איבערציינגונגען. אבער דער וואָס לערענט זייערע ספרים זעהט דעם שקר פון דער באהויפטונג: אומבאוואוסט פאר זיך אליין האָבען זיי אָנגענומען דאָס וואָס עס האָט זיך געפאַסט פאר זייער אמונה און פארוואַרפען דאָס וואָס עס האָט זיך ניט געפאַסט.

די מדברים האָבען לויט זיין מיינונג צונויפגעמישט אריסטאָטעלס פילאָזאָפיע מיט די שפּעטערדיגע אויסטייטשונגען, מיינענדיג אז אלסדינג קומט פון איהם. די אראבער האָבען אלזא ניט געקראָגען אין דער איבערזעצונג די ריין אריסטאָטעלישע פילאָזאָפיע (וואָס איז לויט זיין מיינונג דאָס לעצטע וואָרט פון אמת בנוגע אונטער וועלט: „למטה מגלגל ירח") וואָס די קריסטליכע גריכען און סיריאַנער האָבען זיי איבערגעגעבען. דער אמת איז טאַקע אַזוי: אין דער איבערזעצונג זיינען אריינגעקומען אריסטאָטעלעס פילאָזאָפיע געמישט מיט פלאַטאָנ'ס און אפילו מיט פיטעגאָראַסעס לעהרען, אפילו זיינע גרעסטע צוויי מפרשים: איבן-ראָשד און איבן-סינה זיינען ניט ריין דערפון.

די אידישע פילאָזאָפען פון רבנו סעדיה גאון ביז זיין צייט באַנוצען זיך מיט
די זעלבע באַווייזען בנוגע מציאות ה׳, אחדות הבורא און אנדערע עיקרים. דער־
פאר האלט ער פון זיי אויך גאנץ ווייניג. מעגליך אז דאָס איז די סבה וואס ער
דערמאָנט זייערע נעמען אפילו ניט, מיט דער אויסנאהם פון די „אַנדאַלוזיער״, אַ
אַ פילאָזאָפישע סיסטעם, ווארשיינליך וואָס שטאַמט פון זיין פאָרגעהער, רב אברהם
בן דאוד, מחבר פון אמונה רמה, און דער ערשטער אריסטאָטעליאַנער ביי אידען
אין געגענזאַץ צו די פריהערדיגע, ווי ר׳ שלמה בן גבירול, און אנדערע, וואס האָבען
זיך געהאלטען אָן פּלאַטאָנס שיטה.

„די גאַנצע פילאָזאָפיע פון די מדברים, זייערע באַווייזען און אַרגומענטען,
זיינען אפשר אָנגעפאַסט פאר מענשען וואס ווייסען ניט דעם אונטערשייד צווישען
דעם לאָגישען אָרט־דענקען געגרינדעט אויף פאַקטען, און פוסטע סאָפיזמען״. ער
אילוסטרירט עס אזוי:

זאָלען מיר קענען באַשטימען אַז די וועלט איז אַ באַשאַפענע (מחודש) וואָלט
מען גאָר קיין בעסער־ען באַווייז ניט געדאַרפט האָבען אויף דער עקזיסטענץ פון גאָט,
וויסענדיג דער הויפט כלל, אז קיין באַשאַפענע זאַך קען ניט זיין אָהן אַ באַשעפער.
אָבער דאָס קענען מיר ניט באַשטעטיגען דורך אומבאַשטרייטבאַרע באַווייזע, ווייל די
זאַך אַליין שטעהט העכער איבער דעם מענשענ׳ס שכל; דאָס מיינט, אַז אויף דעם
שוואַכען יסוד קענען מיר ניט שטעלען דעם באַווייז פון גאָט־עקזיסטענץ. עס ווערט
אויסקומען: אויב די וועלט איז אַ באַשאַפענע איז דאָ אַ גאָט, און חס ושלום ניט,
אויב די וועלט איז אַן אייביגע (קדמון). איך האלט דעריבער פאר אמת די באַוויי־
זען וואָס אריסטאָטעל און זיינע נאָכגעהער האָבען אָנגעגעבען אויף עקזיסטענץ און
אומקערפּערליכקייט פון גאָט, אפילו לויט זייער מיינונג, אַז די וועלט איז אַן איי־
ביג־עקזיסטירענדע. ניט ווייל איך גלויב ווי זיי אין איהר אייביגקייט — דערין
געה איך זיך מיט זיי פאַנאַנדער — אָבער איך באַנוץ זיך מיט זייערע אַרגומענטען:
אויב זי איז ווען עס איז באַשאַפען געוואָרען, מוז דאָך זיין אַ באַשאַפער — איז
דאָס איז גאָט; אויב די וועלט איז אַן אייביגע, דאַרף זי זיין דער אטריבוט פון אַן
אומקערפּערליכע, איין און איינציגע, אומפאַרענדערבאַרע ערשטע אורזאַכע פון
וואַנען עס שטראַהלט ארויס דער אטריבוט — און דאָס איז ווידער גאָט.

אַזוי האָט ער טאַקע געטאָהן, ווי מיר וועלען באַווייזען שפּעטער, רעדענדיג
וועגען דעם זעלבען ענין: פריהער פאר אלץ צו באַווייזען מיט אַזעלכע ראיות
געגרינדעט אויף דער נאַטור פון דער וועלט, ראיות אַלגעמיין־אויסגעהאַלטענע, אָהן
אַ שום סתירה, אַלע זאָלען דערויף מודה זיין, און וועלכע קומען ניט אין קאָנפליקט
מיט׳ן גלייכען שכל און אונזער־ע חושים — אויף זיין, עקזיסטענץ, קיין אונטער־
שייד ניט צי די וועלט איז אַזוי צי אַזוי עקזיסטירענד. די אריסטאָטעלישע באַ־
ווייזען האַלטען אויס לויט זיין מיינונג די אַלע אויבען אויסגערעכענטע תנאים.
פּאַרטיג ווערענדיג דערמיט, נעהמט ער זיך צו באַווייזען אַז די וועלט איז אַ באַ־
שאַפענע — אין געגענזאַץ צו אריסטאָטעלס מיינונג.

אין קומענדיגע קאַפּיטלען וועט דער לעזער זעהן די מדברים׳ס ראיות אויף
אחדות הבורא און דעם רמב״ם באַווייזען זייער ניט אויסגעהאַלטענקייט.

2

מציאת ה׳, עקזיסטענץ פון דער העכסטער אינסטאַנץ

דער אנטאָלאָגישער גאָט־באַוויז וואָס איז אויסגעאַרבייט געוואָרען גאָר אין די ערשטע צייטען זינט מענשען האָבען גענומען דענקען, איז אזוי:

מיר האָבען א פאָרשטעלונג וועגען אַן אומבאַגרענעצטער קראַפט וואָס איז אַל־פולקאָם, די העכסטע מדרגה פון אַל־מאַכט, אַל־וויסען און אַל־גוטסקייט. צווישען די מעלות פון „אַל־פולקאָמענהייט" מוז על פי נויטווענדיגקייט אריינגערעכענט ווערען „עקזיסטענץ". דער געדאַנקען־גאַנג איז אזא: לאָמיר פאַרגלייכען צוויי פאָרשטעלונגען פון צוויי אַל־פולקאָמענע וועזענס, איינע פון אזא וואָס האָט אַלערליי מעגליכע מעלות, אָבער וואָס עקזיסטירט ניט אין דער ווירקליכקייט, און דאָס צווייטע וואָס האָט אויסער יענע מעלות אויך די מעלה פון עקזיסטענץ. עס איז גאַנץ פאַרשטענדליך, אַז דאָס צווייטע וועזען איז נאָך פולקאָמענער איידער דאָס ערשטע. דערפון איז געדרונגען, אַז אויב „פולקאָם" מוז אויך ענטהאַלטען אין זיך די מעלה פון עקזיסטענץ.

אַט די פולקאָמענהייט אין איין וועזען רופען מיר גאָט, און ממילא מוז ער עקזיסטירען.

דער וועלט־כח איז גאָט. אויף דעם יסוד איז געגרינדעט דער באַגריף פון אמונה, און ווערט צוגעגעבען אפילו פון די גרעסטע פילאָזאָפען. ער איז דאָס ערשטע, די אור־סבה פון אַלעס וואָס עקזיסטירט, ער איז דער האַר פון דער וועלט, דער פיהרער פון אַלעס, און דער וואָס טרייבט אָן די שטענדיגע גלגלים־באַוועגונג אהן אויפהער.

אין די פרקים ס״ח און ס״ט פון „מורה", ערשטער טייל, ענטוויקעלט דער רמב״ם זיין געדאַנק פון מציאות ה׳. דעם תמצית פון זיי גיבען מיר דאָ איבער בקיצור:

דאָס וואָס מיר גלויביגע רופען „ה" באַצייכענען פילאָזאָפען מיט „די ערשטע אורזאַך פון אַלעס". אַנדערע באַצייכענען איהם מיט׳ן נאָמען „פועל" (איניציאַטאָר). דער אונטערשייד צווישען זיי ביידען איז: פון „אורזאַך" ד.ה. אַז די וועלט איז פאַראורזאַכט פון איהם, איז ניט געדרונגען דאָס ער איז פריהער פון דער באַשאַפענער וועלט, נאָר אַז זי געפינט זיך פון אָנפאַנג אָן אין זיין כח, זיינס אַן אייגענשאַפט, אַזוי ווי א מענש זאָל זיין מיט א האַנט אָדער א פוס. ד.ה. אַז ניט זי איז באַשאַפען געוואָרען דורך זיינעם א וואָרט, נאָר דורך זיין אייגענער עקזיסטענץ. דער געדאַנק דריקט אויס דעם ריכטיגען פאַנטעאיזם, וואָס זאָגט אַז ער איז די וועלט און די וועלט איז ער. אָבער אונטער „פועל" ווערט פאַרשטאַנען אַז ער איז אויסער איהר, פריהער פאַר איהר, און ער האָט זי באַשאַפען דורך זיינעם א מאמר, ווען אַזוי איז איהם אין א געוויסען מאָמענט געפעלען געוואָרען צו באַשאַפען. אין קורצען: „אורזאַך" קען מיינען אַן אייביג עקזיסטירענדע וועלט, בעת „פועל", אַז זי איז באַשאַפען געוואָרען פון גאָט אין א געוויסער צייט.

אָבער דער רמב״ם מיינט אַז מען קען איהם אויך אָנרופען „אורזאַך" אָדער „סבה". דער שכל איז, אַז אורזאַך קאָן הייסען אפילו ווען דער כח שאַפט, ניט

זייענדיג פארבונדען צו דאס פאראורזאכטע גאר אהן א דירעקטע סבה אדער פאר־מיטלונג, נייערט דורך א גאנצער קייט פון אורזאכען און סבות; אבער די לעצטע סבה אויף צוריק איז ער — דער „פועל" און פאראורזאכער צוזאמען.

און אזוי ווי עס איז באוואוסט אז יעדע זאך מוז האבען: מאטעריע, פארמע, א פארמירער און א צוועק, קענען מיר זאגען, אז די ערשטע אורזאך (גאט) איז דער פארמירער, אנהאלטער (צורה) און איז אויך איהר אור־סבה, באופן, אז אלס־דינג איז פון איהם און אלעס איז זיין אויפטו. ווארים יעדע צורה האט פריי־הער געהאט א צורה פאר זיך. די — נאך א פריהערע, און אזוי כסדר, פארמעס אין די הונדערטע טויזענטע — ביז די ערשטע אורזאך וואס האט געגעבען א צורה און ניט גענומען. און די איז עס די ערשטע אורזאך, אדער ווי די פילאזאפען דעפינירען: ניט אנטשטאנען פון עפעס און די אורזאך פון דאס גאנצע אנט־שטעהונג.

פונקט אזוי דארפען מיר פארשטעהן אונטער די ווערטער „גאט איז די אור־סבה פון דאס באשאפענע". ווארים יעדער ארויסגעבראכטער צוועק איז פאר־אורזאכט פון א פריהעריגען. למשל: וואס איז דעם סטאליער'ס צוועק זעגענדיג די ברעטער? דער ענטפער איז: צו מאכען א טראן. וואס איז דער צוועק פון טראן? אימיצער זאל זיצען אויף איהם. וואס איז דער צוועק פון זיצען? כדי צו באווייזען דעם זיצער'ס אויבערהערשאפט. וואס איז דער צוועק פון אויבער־הערשאפט? כדי צו האלטען אלע מענשען אין דער מורא. און וואס איז דער צוועק פון דער מורא? מען זאל פאלגען זיין פארזאג. וואס איז דער צוועק פון האלטען זיין פארזאג? כדי די וועלט זאל זיך פיהרען אין ארדנונג און האבען א קיום. וואס איז דער צוועק פון דער וועלט מיט'ן קיום אינאיינעם? דא מוזען מיר קומען צום לעצטען תירוץ, אז אזוי האט די „ערשטע אורזאך" געוואלט: צו באשאפען א וועלט וואס זאל האבען א קיום, און אזוי קומט אויס אז די אינדירעקטע סבות זיינען אלע פון איהם. סיי איהר רופט איהם „אורזאך" סיי „פועל", ניט דארפענדיג מיינען אז דער ערשטער נאמען ווייזט אויף דער וועלט'ס אייביגע עקזיסטענץ (קדמות העולם) אזוי ווי ער איז, בעת דער צווייטער ווייזט אויף דער באשאפענקייט (חידוש העולם).ביידע קענען זיין גוט באווייזענד אויף חידוש העולם, איינער אזוי גוט ווי דער צווייטער.

און דאך (כאטש ביידע נעמען האבען איין און די זעלבע מיינונג) מעגען מיר צוריקווייזען די „מדברים'ס" (מאטאקלימוניסטען, גרינדער פון דער אראבישער רעליגיאנס פילאזאפיע) אנרופען דעם „מצוי הראשון" מיט'ן נאמען „פועל", טראץ דעם וואס דער נאמען איז נעהענטער צו מאכען בולט דעם באגריף פון חידוש העולם, ווייל דערין שטעקט א חסרון: ווארים אונטער'ן נאמען „פועל" קען אי־מיצער א טעות האבען און מיינען, חס ושלום, אז דאס באשאפען די וועלט און גלגלים מיינט כלל ניט, אז ער עקזיסטירט נאך איצטער אויך. זעהען מיר דען ניט הייזער אדער מעבעל וואס שטעהען, בעת זייערע שעפער זיינען שוין לאנג אויף דער וועלט ניטא? אבער באצייכענענדיג מיט „אורזאך", אונטער דעם פאר־שטעהענדיג אז ער איז די אור־סבה פון אלע פארמען און ענדערונגען, די צורה, ד.ה. די עקזיסטענץ־אורזאך פונ'ם דא־זיין, פארשטעהען מיר שוין אויך גלייב־

צייטיג אויך זיין שטענדיגע עקזיסטענץ, ווארים אהן איהם וואלט דאך אויפגעהערט די באוועגונג, דער אנהאלט; די קייט פון ענדערונגען וואס קומען פאר אין דאס באשעפעניש וואלט זיך איבערגעריסען, און אלעס וואלט בטל געווארען. אין דעם נאמען „אורזאך" — עלה — ווערט פארשטאנען גלייכצייטיג, אז ער איז דער שאפער און אויך איהר באוועגער און פיהרער.

ווארים מיר קענען ניט זאגען, אז די באוועגונג איז בלויז אן אקצידענץ (מקרה) און איז ניט פאראורזאכט שטענדיג פון דעם ערשטען באוועגונגס־כח, ווייל דער כלל איז: וואס עס פאסירט צופעליג, מוז ענדליך אויפהערען, אפילו ווען די צווייטע באוועגונג קומט פון אן ערשטען באוועגער, יענע מאכט די צווייטע באוועגונג פון נאך א פריהעריגען, און אזוי כסדר, ווייל דער ערשטער איז דאך אויך נאר א צייטווייליגער. ווי מיר ווייסען, איז איין פועל יוצא פאראורזאכט פון אן ערשטען. דער — פון נאך א פריהערדיגען, ביז מיר קומען ענדליך צום ערשטען, וואס האט דעם ערשטען שטויס געגעבען דער באוועגונג. לאמיר אפילו זאגען, אז יעדע זאך האט אין זיך גופא א דינאמישע קראפט פון ענערגיע, ניט דארפענדיג אנקומען צו א דרויסענדיגען כח, קען דאך ניט זיין אז דער כח אין איהם זאל זיין שטארקער ווי ער אינגאנצען. טאמער וועט איינער זאגען: דער כח וואס באוועגט דעם גלגל איז אן אויבערער, נאר אריינגעגעבען אין איהם, אזוי ווי די נשמה אין מענשען, וואס קומט פון אויסער איהם און דאך איינגעגעבען אין איהם, און ער איז דאס וואס באוועגט איהם? דער ענטפער איז, אז דער כח איז ניט גלייך צו דער נשמה, וועלכע באאיינפלוסט דעם גוף, באוועגט איהם, אבער זי גופא ווערט באוועגען פונ'ם גוף אויך. זי באוועגט דעם גוף, אבער ווען ער רוהט, רוהט זי אויך, נעמליך: באוועגענדיג רוהט זי אמאל אליין, דאס מיינט: די באוועגונג איז על פי מקרה; אבער מיר זעהען דאך אז די הימעלשע גלגלים און פלאנעטען רוהען קיינמאל ניט — דאס מוז קומען פון א דרויסענדיגען כח, א באאיינפלוסער וואס ווערט אליין קיינמאל ניט באאיינפלוסט, דערפאר מוזען מיר לאגישערוויז מודה זיין אין דעם ערשטען כח, וועלכען מיר רופען „אורזאך", אדער גאט, באשעפער פון דער וועלט און איהר אנפיהרער, אלס דער ערשטער און שטענדיגער איניציאטאר פון דער וועלט, וועלכע שטעהט אויסער איהר.

נאך א באווייז אויף דער „מציאות":

מיר קענען זיך אויסמאלען די טבע פון אלע מעגליכע וועזענס אויף איינע פון די דריי אופנים: 1) אלע ניט געווארענע, און ממילא אויך ניט פארניכטבארע, 2) אלע געווארענע, מיט דער טבע צו ווערען ווען עס איז אויס, 3) אדער אז א טייל פון זיי זיינען געווארענע וואס קענען פארניכטעט ווערען, און א טייל וואס „זיינען" און קענען קיינמאל ניט פארניכטעט ווערען.

וואס אנבאטרעפט אונזער וועלט, קען מען דעם ערשטען פאל צו איהר ניט אנווענדען, זעהענדיג אז אלסדינג אויף איהר עקזיסטירט, און מיר אליין עקזיסטירען. דער צווייטער פאל קען אויך ניט זיין, ווייל אלעס וואס איז דא קען ווען עס איז אויפהערען צו זיין, מיינט עס אז ווען עס איז דארף יעדער עקזיסטירענדער בטל ווערען, ממילא קען דאך אויך אויפהערען צו עקזיסטירען דער וואס ברענגט ארויס עקזיסטענץ. מוזען מיר אנקומען צום דריטען פאל, און דער טייל וואס איז און קען קיינמאל ניט ווערען אויס, איז אומפארמיידליך עקזיסטירענד

פון זיך אליין, ניט מצד אן אויסערער אורזאך, און ער איז דאס וואס ברענגט ארויס דעם צווייטן טייל: עקזיסטירענדע וואס קענען ווען עס איז אויפהערען. אט האבען מיר א באווייז אז עס איז פאראן איינער וואס זיין מציאות איז אומפארמיידליך (מחויב המציאות) מצד זיין אייגענער טבע, אהן א זייטיגע אורזאך. אט דער שכל'דיגער באווייז איז שטארק ווי אייזען. איהם קען קיינער ניט אפלייקענען, כיידען דער וואס פארשטעהט איבגאנצען ניט ווי אזוי שכל'דיגע באווייזען (דרכי המופת) ווערען אויפגעבויט.

3

אחדות הבורא (איינהייט)

דעם פרק ע״ה פון ערשטען חלק מורה נבוכים האט ער געווידמעט צו דער פראגע פון אחדות הבורא. דארט ברענגט ער די פינף שכל'דיגע באווייזען פון די „מדברים" (זעה דעם ערשטען ארטיקעל פון אונזער דריטער אפטיילונג), אנאליזירט, באווייזענדיג זייער ניט אויסגעהאלטענקייט און ענדליך זאגט ער דארט ארויס זיין מיינונג:

1) דער ערשטער באווייז וואס ווערט געברויכט פון די מעהרסטע מדברים (רבנו סעדיה גאון באנוצט זיך אויך מיט איהם אין זיין „האמונות והדעות"): אויב עס זאלען זיין צוויי געטער, וואלט געקענט געמאלט זיין אז איין זאך זאל אין איין און דער זעלבער צייט קענען ענטהאלטען צוויי געגענזאצען: קאלט אוןווארים, טרוקען און פייכט, גרינג און שווער. ווייל איין גאט וואלט וועלען עס זאל זיין קאלט, דער צווייטער — ווארים; איינער — עס זאל רוהען, דער צווייטער — עס זאל זיך באוועגען. וויבאלד אז צוויי געגענזאצען אין איין זאך איז ניטא, און זעהענדיג אז א געגענשטאנד קען זיין אדער הייס אדער קאלט, אדער שווער אדער גרינג — ניט ניט־קאלט און ניט־ווארים, ניט ניט־שווער און ניט־גרינג צוזאמען — מוזען מיר זאגען אז אלעדינג ווערט געטאן פון איין איינציגען כח.

די כונה איז פשוט: זעהענדיג די שטענדיגע הארמאניע, די אויסגעהאלטענקייט פונ'ם כלל אז „עס קענען ניט זיין צוויי געגענזאצען אין איין און דער זעלבער זאך און צייט", מוזען מיר צוגעבען, אז אלעס ווערט געטאן פון איינעם און לויט זיין איין ווילען.

אבער דער רמב״ם איז אומצופרידען מיט דעם באווייז: ווארים דאס קען זיין אן ארגומענט זיך האלטענדיג אן דער אטאמען טעאריע, ד.ה. אז די גאנצע וועלט, צוזאמען מיט די גלגלים, זיינען באשאפען פון די זעלבע מיקראסקאפישע פינטעלאך (עצמים פרדיים), און דער אונטערשייד פון דער אונטערשטער וועלט ביז די העכערע ספערען איז געקומען בלויז דורך דער פארשיידענהייט פון פאזיציע און באוועגונג; ווי וועט אבער זיין ווען מיר נעהמען אן אריסטאטעל'ס שיטה, אז די גלגלים באשטעהען גאר פון אן אנדער מאטעריע, וואס נעהערט צו א פינפטען עלעמענט, איבגאנצען אנדערש פון אונזערע פיר יסודות. דאן קען מען דאך זאגען, אז עס זיינען פאראן צוויי געטער. איינער וואס רעגירט אויף אונזער

וועלט, באַשאַפֿען פֿון די פֿיר יסודות, דערפֿאַר איז דאָ פֿאַראַן דער געזעהענער סדר, און אַ צווייטער פֿיהרט די גלגלים, אויך אַליין, דערפֿאַר געפֿינט מען דאָרט אויך דעם וואונדערבאַרען סדר, כאָטש ביידע ווערען געפֿיהרט פֿון צוויי באַזונדערע כחות.

2) ווי באַוויזען פֿריהער, קען די עקזיסטירענדע האַרמאָניע ניט געמאָלט זיין אויב די וועלט זאָל געפֿיהרט ווערען פֿון מעהר ווי איין גאָט. קען איינער פֿרעגען: אפֿשר האָבען ביידע מסכים געווען צו איין מיינונג און אַרבייטען צוזאַמען? נאָר דאָס איז ניט קיין פֿראַגע, ווייל מיר קענען אַזוינס זיך אויסמאָלען בלויז אויף איינעם פֿון די צוויי וועגען: ענטוועדער באַשטימענדיג אַז די ביידע זיינען גלייך איינס צום צווייטען אין אַלע אופנים, און אויב אַזוי זיינען זיי דאָך אין פֿאַקט איינס, אָדער זיי זיינען יאָ פֿאַרשיידען אין עטוואָס, און גלייך אין עטוואָס; נאָר אויב אַזוי, מוזען מיר האָך זאָגען אַז ביידע באַזיצען אַ פֿאַרשיידענהייט פֿון כחות און אייגענשאַפֿטען, אַזאַ צונויפֿגעזעצטקייט קען ניט געמאָלט זיין אָהן אַ צוזאַמענזעצער, דאָס מיינט: אַן ערשטע אורזאַך וואָס איז אומפֿאַרמיידליך עקזיסטירענד מצד זיך אַליין (מחוייב המציאות מצד עצמו) און די ערשטע אורזאַך איז איינע, פֿאָלגליך איז עס דאָס, וואָס מיר רופֿען „גאָט".

געגען דעם באַווייז וואָס דער דערמאָנטער רבנו סעדיה גאון ברענגט אויך, טענה'ט דער רמב״ם: דאָס וואָלט געווען גוט לויט דער שיטה וואָס דרינגט אַז צום בורא קען מען ניט צושרייבען קיין פּאָזיטיווע אייגענשאַפֿטען (תוארים מחייבים למצוי הראשון) אָבער די מעטאַזוליסטען אַליין זאָגען דאָך, אַז מען קען צושרייבען צום בורא דריי פּאָזיטיווע אייגענשאַפֿטען; חכמה, מעגליכקייט און ווילען, קענען מיר דאָך ווידער זיך אויסמאָלען צוויי באַשעפֿער, נאָר איינער איז פֿאַרשידען פֿון דעם צווייטען דורך איינע פֿון די דריי אייגענשאַפֿטען, קען דאָס לויט זייער שיטה זיין דער צווייטער באַווייז אויף איינהייט?

3) אַ באַווייז ענליך צום פֿריהערדיגען: אַ טייל מדברים באַהויפּטען אַז די השפּעה פֿון בורא אויף אונזער וועלט קומט דורך דער פֿאַרמיטלונג פֿון זיין „ווילען", ניט קיין צוגעגעבענער כח צו איהם, נאָר אַ באַזונדער־עקזיסטירענדער, פֿון איהם אַ באַשאַפֿענער כח, און דער כח פֿיהרט די וועלט.

אָט דער כח מוז זיין בלויז איינער און פֿון איינעם באַשאַפֿען. אויב צוויי כחות פֿון צוויי געטער קענען זיי ניט טאָן איין און די זעלבע אַרבייט, סיידען זיי זיינען אויב אַזוי זיינען זיי דאָך פּאַקטיש איינער, נענדיג איינס אין אַלע פּרטים, און אויב אַזוי זיינען זיי דאָך פּאַקטיש איינער, פֿאָלגליך, צו קענען זיין באַשאַפֿען נאָר פֿון איינעם. טאָ ווער שפּאַרט אונז צו מיינען אַז ער איז באַשאַפֿען פֿון צווייטען, ווען פֿון איינעם איז פֿאַרשטענדליכער צו גלויבען?

דער באַווייז געפֿעלט איהם אויך ניט, ווייל די עקזיסטענץ פֿון „ווילען" איז נאָך ניט פֿון אַלע פֿילאָסאָפֿען פֿעסטגעשטעלט, אַנדערע פֿאַרשטעהען עס אינגאַנצען ניט און אַנדערע לייקענען אין איהם. אין בעסטען פֿאַל איז עס אונטער אַ סך פֿראַגען און ספקות, וועלכע מען קען ניט פֿאַרענטפֿערען. טאָ ווי אַזוי נעהמט מען זיך צו ערקלעהרען אומפֿאַרשטענדליכעס מיט אַ זאַך וואָס איז נאָך אומפֿאַרשטענדליכער? די אמונה פֿון אחדות קען ניט רוהען אויף אַזאַ שוואַכען יסוד.

4) דער קאָסמאָלאָגישער באַווייז: פֿון וואַנען נעהמען מיר אינגאַנצען דעם

באַווייז אויף גאָט'ס עקזיסטענץ? נאָר דערפון, וואָס „יעדעס באַשאַפענע מוז האָבן איינעם וועלכער עס האָט עס באַשאַפן". ווען מיר האָבן ניט, למשל, אַ באַשאַפענע וועלט פאַר זיך, וואָלטן מיר אינגאַנצן ניט געגלויבט אין אַ באַשאַפער'ס עקזיסטענץ. און דער שטאַרקער באַווייז ציַיגט אונז אָן נאָר אויף איין גאָט, ניט געדרונגען אויף מערער, ד.ה. ער צווינגט אונז צו גלויבן אין איין באַשעפער, ניט אין מערער, און דער איז אין זיין מציאות אַ נויטווענדיגקייט, (מחוייב המציאות). וועסטו פרעגן: אמת, דער איינער איז טאַקע אַ נויטווענדיגקייט, אָבער עס איז דאָך פאַראַן אַ מעגליכקייט פאַר צוויי? וואָרים דער כלל: „ס'איז ניטאָ קיין באַשאַפענע אָהן אַ באַשעפער" מיינט דאָך נאָר אויסצושליסן די מעגליכקייט פון איינעם אויך ניט. אָבער ניט אויסצושליסן די מעגליכקייט פון צוויי? דער ענטפער איז: אַזוי דענקענדיג איז דער ערשטער אַ „מחוייב המציאות" און דער צווייטער — אַ „אפשר המציאות"; ווי מיר האָבן שוין פריהער פעסטגעשטעלט קענען מיר זיך ניט פאָרשטעלן אַ בורא אַלס „אפשר המציאות", נאָר אַ „מחוייב המציאות", פאָלגליך: איז דער צווייטער קיין בורא ניט, בלייבט ווידער נאָר איינער, איין און איינציגער.

דעם רמב"ם געפעלט דער באַווייזט אויך ניט, ער זאָגט: הער כלל פון די מדברים דרינגט דאָך נאָר אַז מיט ווייניגער ווי איין בורא איז אוממעגליך, אָבער ניט אַז קיין צוויי אָדער מערער קענען ניט זיין. הייסט עס: אַז אויפ'ן ערשטענס עקזיסטענץ האָבן מיר אַ פאָזיטיווען באַווייז, בעת אויפ'ן צווייטען האָבן מיר בלויז אַ צווייפעלהאַפטען באַווייז: מעגליך יאָ, מעגליך ניט; אָבער דער ספק איז דאָך ניט אין זיין עקזיסטענץ, נאָר אין אונזער פעלערהאַפטן וויכן, ווי צו באַשטעטיגען זיין עקזיסטענץ. זאָלען מיר האָבן מערער ידיעה וואָלט ער אפשר אויך געווען אַזאַ געוויסהייט ווי דער ערשטער, און דערפאַר פאַסט זיך אויף איהם ניט דער נאָמען „אפשר המציאות". ממילא איז די פערטע ראיה אויף אחדות קיין ראיה ניט.

5) איינער פון די מדברים (רבנו סעדיה גאון באַנוצט זיך אויך מיט דעם מופת) זאָגט: מיר מוזען זאָגען אַז אַ בורא איז איינער. אויב צוויי, מוז זיין איינס פון די ביידע: אָדער מיינענדיג אַז איינער האָט ניט געהאַט בכח אַלעם צו באַשאַפען אָהן אַ צווייטענס מיטהילף, הייסט דאָך אַז אין באַשעפער'ס מעגליכקייטען איז פאַראַן אַ גרעניץ וואָס ער קאָן יאָ און וואָס ער קאָן ניט, און אַזאַ בורא קענען מיר זיך דאָך ניט אויסמאָלען. אָדער אַז איינער האָט אויך געקענט פאַשאַפען אַלעם, און דאַן איז דער צווייטער אַן איבעריגער. מוזען מיר זאָגען אַז נאָר איין בורא איז דער וואָס האָט אַלסדינג באַשאַפען.

אָבער דער רמב"ם האָט געגען דעם אויך אויסצוזעצען. וואָרים דער כלל אַז „עטוואָס ניט קענען מיינט: באַגרענעצטקייט" איז ניט קיין אויסגעהאַלטענער אפילו ביי איין בורא. קענען מיר דען זאָגען, אַז אונזער בורא איז באַגרענעצט אין כחות ווייל ער קען נאָך איינעם זיין גלייכען ניט באַשאַפען און קען זיך ניט אָפשאַפען? און אויב אַזוי, קענען דאָך טאַקע זיין צוויי, ביידע האָבן באַשאַפען, ווייל איינער קען דאָס ניט, און דאָך ניט זיין באַגרענעצט אין מעגליכקייטען.

ווי מיר זעהען, האַלט קיין טעם ניט אויס, און דערפאַר זאָגט דער רמב"ם אַז איידער אַזעלכע באַווייזען, איז שוין גלייכער צו גלויבען בתמימות ווי אלע

גלויביגע טוען, גלויבענדיג אין דער טראדיציע ווי ער האט איבערגענומען פון זיינע זיידעס און עלטער־זיידעס.

זיין באוויז אויף אחדות איז בקיצור אזוי: ווי פריהער ערקלעהרט אין פרק „מציאות ה׳״ אז פון אור מאטעריע איז אלסדינג באשאפען געווארען דורך דער שטענדיגער באוועגונג, וואס מוז האבען א באוועגער אזעלכען וואס איז אויסער איהר, אומאויפהערליך און אומאפהענגיג אן אימיצען; א באוועגער וואס בלייבט אליין אומבאוועגליך, אט דער כח קען ניט זיין קערפער און ניט קיין כח אין א קערפער, נאר א רוחני, און אלס אזעלכער, פאלט ער ניט אונטער א צאהל ווי מאטעריעלע זאכען, וואס קענען ענדערען זייער ארט און אייגענשאפט. דאס וואס מיר זעהען יא צורות אין א מערהייט צאהל, איז עס נאר מצד דעם חומר אויף וועלכען זיי רוהען. די פראגע: זעהען מיר דאך די גלגלים וואס ווערען פארעכענט אלס „שכלים נבדלים״, און דאך פאלען זיי ארונטער אונטער איינהייט און מערהייט? איז דער ענטפער, אז זיי קענען נאר אזוי באטראכט ווערען, מחמת איינער איז די אורזאך פון׳ם צווייטען, ד.ה. ווען איינער, דער פאראורזאכער איז פריהער אין צייט פא־׳ן צווייטען (דאס פאראורזאכטע). דער ערשטער באוועגער מוז דאך לויט דעם שכל זיין דער ערשטער אין צייט, און אויב מיר׳ן אננעהמען אז ס׳אין פאראן נאך א צווייטער באוועגער, מוז זיין איינס פון די צוויי: ענט־וועדער דער צווייטער איז א פאראורזאכטער, ממילא שוין קיין גאט ניט, אדער א פאראורזאכער, איז דער אנדע־ער דאס פאראורזאכטע — און קיין גאט ניט. מוזען מיר זאגען, אז דער ערשטער באוועגער וואס איז די אורזאך פון אלעס, קען זיין נאר איינער.

דאס איז די אמת׳ע ראיה אויף אחדות הבורא, אפילו אננעהמענדיג אריס־טאטעל׳ס מיינונג אז דער אור־שטאף איז געווען פון אייביג אן נאר דורך באוועגונג איז אלעס באקליידט געווארען מיט פארמען, און דאס מיינט באשאפונג.

נאר דער רמב״ם געהט ניט אזוי וויט, ער מיינט אז די בריאה איז געווען אפילו אויפ׳ן חומר אויך, און דער באוויז איז דאריום נאך אויסגעהאלטענער לויט זיין מיינונג.

4

די אייגענשאפטען, מיט וועלכע מען קען דעם בורא באצייכענען

דער רמב״ם, שרייבענדיג וועגען מציאות און אחדות הבורא האט ניט געהאט קיין צופיל ארבייט, ווייל די לערנער, סיי אידען, סיי אראבער, האבען עס שוין לאנג אנגענומען אלס אן אומבאשטרייטליכען אמת; אבער שווער איז איהם אנ־געקומען צו באקעמפען דעם מנהג פון לויבען דעם זעלבען מיט שבחים און מעלות, ווי: שטארקער, קלוגער, רחמנות׳דיגער א.ד.ג. פון איין זייט די אנטראפאמאר־פיסטען, וואס רעדען אין בילדע־ שפראך, און פון דער צווייטער זייט די פסוקים אין פשט וואס רעדען פון בורא ווי פון א מענשען וואס קען ווערען אין כעס, גוט ווערען, מוחל זיין, חרטה האבען.

נעגען די ביידע לאָגערען איז ער ארויסגעקומען מיט די שטאַרקע געוועהר פון אַריסטאָטעל'ס לאָגישע חקירה, וועלכע ער לייגט פאָר אין גאַנצע עלף פרקים פון ערשטען טייל מורה נבוכים (נ"—ס"א), דעם תמצית וואָס מיר גיבען דאָ איבער זעהר בקיצור.

אונטערן וואָרט „גלויבען" דאַרף פאַרשטאַנען ווערען: 1) דאָס ארויסצוזאָגען מיט'ן מויל. 2) אויסמאָהלען אין שכל, ד.ה. פאַרשטעהן וואָס מען זאָגט. 3) גלויבען אין דאָס באַגריפענע. 4) די פאַרשטאַנענע, געזאָגטע און געגלויבטע זאָלען שטימען מיט דערווירקליכקייט; אויספעהלענדיג איינע פון די פיר פונקטען קען דער יעניגער זיך ניט ריהמען מיט אמת'ן גלויבען. למשל: זאָגען אַז ער גלויבט, ניט פאַרשטעהענדיג, אָדער וואָס שטימט ניט מיט דער מציאות און לאָגיק איז גלייך ווי די קריסטען וואָס זאָגען אַז זיי גלויבען אין איין גאָט, וואָס איז באמת דריי — טראָץ דעם וואָס לאָגיק און ווירקליכקייט דרינגט, אַז איינס קען קיינמאָל ניט זיין דריי, און דריי — ניט איינס.

מילא קומט אויס, אַז ביים גלויבענדען אין דער אלזייטיגער איינהייט — אָהן א צוליינ, אָהן אַן ארונטערנעהם — קענען ניט געמאָלט זיין די צוגעשריבענע מעלות וואָס די פסוקים גיבען אָן, זיי לעיענענדיג אין פשוט'ען פשט, ווי מיר וועלען ווייטער זעהן. גלויבען אין די מעלות און אייגענשאַפטען פון איין זייט, און אין אחדות פון דער צווייטער, איז אזוי גלייך ווי צו זאָגען אַז דריי איז איינס, און פאַרקערט. דער שכל איז אזוי:

דאָס וואָס מיר רופען אייגענשאַפט (תואר) קען האָבען איינע פון די צוויי באַדייטונגען: א) אַטריבוט. ב) אקצידענץ. אין ערשטען פאַל גיט דער תואר בלויז א באַשרייבונג ווי דער מתואר (די באַצייכענטע זאַך) זעהט אויס, אָדער ווי זיין טבע איז. למשל: דער מענש (מתואר) איז א לעבעדיגע באַשעפעניש וואָס רעדט (תואר); אָט דער מין תואר קען גאָרניט צוגעבען צום מהות פון בורא, אזוי ווי דער דערמאָהנטער תואר גיט גאָרניט צו צום מענשען. פונקט ווי איינער זאָל זאָגען: א מענש איז א מענש, ווייל אויב ניט „לעבען" און „רעדען", איז דאָך דאָס קיין „מענש" ניט.

לויט דער דאָזיגער ערקלעהרונג מעגען מיר צושרייבען אַזעלכע מעלות צו דער ערשטער אורזאַכע וואָס דריקען אויס זיינע אַטריבוטען, ווייל מיר מעגען דאָך איהם רופען מיט וועלכען נאָמען מיר ווילען, אויב נאָר דאָס דריקט אויס דעם באַגריף פון בורא. אָבער צו וואָס נוצט עס? אזוי ווי אין ערשטען ביישפיל: „א מענש איז א מענש", ד.ה. דער זעלבער געדאַנק מיט אַנדערע ווערטער.

נאָר אויב מיר וועלען איהם צושרייבען אייגענשאַפטען וואָס געהערען צום צווייטען מין (אקצידענץ) ווי: קלוג, שטאַרק — מעלות וואָס זיינען צוגעקומענע צום „מתואר", וועט דאָס זיכער זיין א גרויסער טעות. א קלוגער קען זיך באַנאַרישען, א גבור — שוואַך ווערען. א כעסן — גוט ווערען. הייסט עס, אַז די מעלות קענען קומען און אַוועקגעהן. אין ערשטען פאַל א צוקומעניש, אין צווייטען פאַל — א דערמינערונג, און גלויבענדיג אין דער איינהייט פון בורא, מוזען מיר זיך אויסמאָלען: אַן איינהייט, די זעלבע אין אַלע צייטען, פון וועלכען שטיצפונקט קוקענדיג, א פשוט'ע, ניט קיין צונויפגעשטעלטע פון חלקים, אומטיילבאַר פון וועלכע ס'איז צד, קיין מאָל אין מעהייט, ניט אין דער מציאות, ניט אין שכל.

אין קורצען: תוארים־אטריבוטען זיינען ערלויבטע, אבער אומנוציגע. תוארים־אקצידענצען זיינען פאלש און ניט ערלויבטע מצד אחדות. די וואס דענקען אזוי זיינען גלייך צו יענע וואס זאגען „איינס" און מיינען „דריי".

מיר קענען זיך אין דעם ענין פארטיפען, און דאן געפינען מיר פיר־ערליי סארטען תוארים: 1) נאטירליכע אייגענשאפטען, ווי: „א מענש איז א לעבע־דיגע זאך וואס רעדט", גלייך ווי זאגענדיג: „א מענש איז א מענש", און ווי פריהער ערקלעהרט: כמעט ניט שעדליך, אבער אומנוציג. דאך נאך א גרינט־ליכער אריינטראכטונג געפינען מיר דערין אויך געוויסען שאדען. ווארים אין אונזער משל: „א מענש איז א לעבעדיגע זאך וואס רעדט", ווערט אפגעצאמט דער מתואר מיט באגרענעצונג:

ער איז „א לעבעדיגע זאך וואס רעדט", אבער ניט קיין מלאך, ניט קיין „שכל־נפרד", ניט קיין גאט. אזא באגרעניצונג פון „ניטס" קען זיין צוגעפאסט פאר'ן מענשען, אבער ניט פאר דער ערשטער אורזאך, אין וועמעס מהות עס געפינען זיך אלע מעגליכע מעלות און אייגענשאפטען. זאלען מיר קענען געפינען אזא נאמען וואס נעהמט אריין אין זיך אלע מעגליכע מעלות, וואלטען מיר עס געקענט זאגען אויף איהם. אבער אזא תואר איז ניטא אין אונזער שפראך. יעדער פאזיטיוו שלעפט נאך זיך א נעגאטיוו, און אזוי ווי קיין נעגאטיוו (חסרון) טארען מיר ניט צושרייבען, דערפאר זיינען אפילו אזעלכע תוארים־אטריבוטען אויך ניט ערלויבט, סיידען צו זאגען: די ערשטע אורזאך איז אן ערשטע אורזאך, און דערמיט ער־קלעהרען מיר דאך ניט מעהר ווי פריהער; ממילא, אן איבעריגע ארבייט.

2) אויב מיר זאלען איהם צושרייבען מעלות — אקצידענצען, ווי: ראובן היט זיך פון א זינד; שמעון איז א וויכהארציגער; אדער ראובן איז א טאלאנט־פולער מאלער, שמעון איז א גוטער דאקטאר. די ערשטע מעלות זיינען נאטיר־ליכע, די צווייטע ערווארבענע. אדער מעלות וואס זיינען שטענדיג אין מענשען, מיט וועלכע ער צייכענט זיך אויס געגען אנדערע, ווי ראובן איז א שטארקער, שמעון — א שוואכער. אדער פסיכישע מעלות און חסרונות; ראובן איז א כעסן, שמעון — א גוטהארציגער. אדער פיזיאלאגישע: ראובן איז א הויכער, שמעון — א נידעריגער. אט די אלע תוארים קענען זיכער ניט צוגעפאסט ווערען צום בורא, ווייל די אלע זיינען צוגעקומענע מעלות, און קענען געמאלט זיין בלויז ביי א מענשען וואס זיין גאנצע עקזיסטענץ איז צופעליג: ער קען יא זיין און ניט זיין. אבער דער בורא איז א מחוייב המציאות, אן אונפארמיידליכע עקזיס־טענץ, און איז דערפאר ניט „צופעליג" אין קיין פאל. די וואס ווילען צו איהם אזעלכע תוארים יא צופאסען, אנשטאט איהם צו לויבען דערמיט, לעסטערען זיי גאר שטעלענדיג איהם אויף דער זעלבער מדרגה פון מענשען, וואס איז אונטער־געווארפען אונטער מקרים, צופאלען און צוגעקומענע מעלות.

3) אפילו מיט תוארים־אטריבוטען טאר מען איהם אויך ניט לויבען, ווייל ווי פריהער געזאגט, האבען מיר ניט אזא תואר וואס זאל ארומנעהמען זיין גאנצע מציאות, און אויב ניט אינגאנצען בלייבט א טייל אויסגעגלאזען, און דאס הייסט שוין א באגרענעצונג, א צושפליטערונג — דאס וואס איינער וועלכער גלויבט אין אחדות הבורא טאר ניט צולאזען צום געדאנק.

4) פאראן תוארים וואס באצייכענען בלויז די שייכות פון איין זאך צו דער

צווייטער: ראובן וואוינט אין דער שטאָדט און אין דער גאַס. דערמיט ווערט באַוויזען ראובנ׳ס שייכות צו אַ געוויסען אָרט. דער פאַרט תואר ענדערט ניט דעם מתואר, לענט קיין זאַך צו איהם ניט צו און נעהמט ניט ארונטער. ווארים ראובן, למשל, קען זיין יעקב׳ס זוהן, שמעונ׳ס ברודער, לוי׳ס שותף, יהודה׳ס שוואָגער, וואוינען אין דער שטאָדט, אין יענער גאַס, אין יענעם הויז, און די אַלע שייכות־תוארים האָבען איהם ניט פאַרמעהרט, ניט פאַרמינערט און ניט פאַרענדערט. וואָלט אין פלוג זיך אויסדרוכטען אַז אַזעלכע תוארים קען מען יאָ צושרייבען צום בורא; אָבער עס איז ניט אַזוי:

וואָרים מיר טאָרען ניט צושרייבען צו איהם קיין שייכות צו אָרט אָדער צייט, ווי מיר טוען צו אַ גשמי (מאַטעריעלען וועזען). צייט ווערט געשאַפען דורך באַוועגונג — אַ צייט ווען די סובסטאַנץ איז דאָ פאַראַן און דאַרטען ניט, שפּעטער — דאַרטען יאָ און דאָ ניט. אָהן באַוועגונג איז ניטאָ קיין צייט. ענדערען די פּאָזיציע שאַפט צייט, ממילא דער וואָס ענדערט זיך ניט און באַוועגט זיך ניט, ווייל אומעטום איז ער פאַראַן אין איין און דעם זעלבען „זיין", האָט קיין שום שייכות ניט מיט צייט און אָרט. קיין רעלאַטיווע שייכות קען ביי איהם אויך ניט זיין, ווייל באַשאַפענע זיינען גאָר פון אַן אַנדער סוג (צופעליגע עקזיסטירענדע) און ער איז אַנדערש (מחוייב המציאות). זאָלען מיר יאָ וועלען געפינען אַ געוויסע שייכות צווישען איהם און זיי: על כל פנים איז ער דאָך זייער פאַראורזאַכער און זיי — זיינע פאַראורזאַכטע? דער ענטפער איז: יאָ, אַ שטיקעל שייכות פון דעם צד איז יאָ פאַראַן; אָבער מיר דאַרפען דאָ פאַרזיכטיג זיין ניט צו פאַרגעהן אין אַ טעות. ווארים זאָגענדיג: „יעקב איז ראובנ׳ס פאָטער", נויטיגט זיך דער ערשטער אין צווייטען אַזוי ווי דער צווייטער אין ערשטען. יעקב קען ניט זיין קיין פאָטער, ניט האָבענדיג ראובנ׳ען פאַר אַ זוהן, אַזוי ווי ראובן וואָלט קיין זוהן ניט געקאָנט ווערען, ניט האָבענדיג יעקב׳ן פאַר אַ פאָטער. זאָל ראובן, יעקב׳ס בן יחיד, שטאַרבען, הערט יעקב אויף צו זיין אַ פאָטער. מיינט עס, אַז דער זוהן גיט וואָס צו צום פאָטער; ניט אַזוי זיינען די באַשאַפענע צום באַשאַפער, זיי גיבען צו איהם גאָרניט צו מעהר נאָך׳ן באַשאַפען ווי דאָס וואָס ער איז געוועזען פריהער.

(דער געדאַנק ווערט אויסגעדריקט אין די ווערטער פון אדון עולם: „אדון עולם אשר מלך בטרם כל יציר נברא", און ווייטער: „ואחרי ככלות הכל לבדו ימלך נורא" ד.ה. אַז ער איז דער זעלבער איידער וואָס איז געווען באַשאַפען און דער זעלבער, ווען אַלעם וועט זיך ענדיגען).

דאָך מיינט דער רמב״ם, אַז די תוארים: „בורא", „יוצר", זיינען די פּאַסיגסטע פון אַלע; אָבער נאָר אונטער׳ן באַדינג, דאָס מיר זאָלען שטענדיג פאַרשטעהן אונטער זיי די ארבייטס רעזולטאַטען פון דער באַשאַפונג. אין אַזאַ אופן קומען ארויס די רעזולטאַטען אַ סך, בעת ער בלייבט איינער; די ארבייט — פאַרשיידענע, בעת דער אַרבייטער איז אומפאַרענדערליך, ווי למשל איין בוימייסטער קען בויען אַ סך הייזער מיט פאַרשיידענע גרויסען און פאָרמען. די ארבייט איז אַ סך, ער — איינער; פאַרשידען, דער בעל מלאכה — אומפאַרענדערט.

די פראַגע: ווי קען דאָס זיין דער איינער אומפאַרענדערליכער, איינהייטליכען, זאָל קענען שאַפען אַ סך מינים ארבייט? דער ענטפער איז אין פייער, וואָס

צושמעלצט, מאכט הארט, פארשווארצט, מאכט ווייס, קאכט און פארברענט. נאר דער וואס ווייס ניט די טבע פון פייער קען מאכען דעם טעות צו מיינען אז איז איהם זיינען פאראן פארשיידענע כחות, בעת א פארשטענדיגער ווייס אז די נאטור פון פייער איז איינס, דער אונטערשייד ליגט נאר אין די וואס נעהמען צו איהר ווירקונג אויף זיך. און אויב מען קען געפינען אזא ביישפיל אין אן אומבאוואוסטען כח, איז דאך דאס געוויס מעגליך אין בורא'ס באוואוסטזיניגע פעולות?

א צווייטער משל, צו באווייזען אז די מעלות מצד די פעולות זיינען ניט קיין צוגעזעצטע און באווייזען ניט אויף קיין ענדערונג, דערפאר קען מען אזעלכע תוארים צושרייבען צום בורא — איז דער מענשליכער שכל.

שכל איז איינער, אבער ארבייט טוט ער א סך. ער איז דער וואס ערמעגליכט דעם מענשען צו בויען, וועבען, שפינען, זייען, שניידען, נייען, לערנען די שווערסטע שפראכען און די טיפסטע חכמות. אוממעגליך אויסצורעכענען די אלע פעולות וואס ווערען געטאן דורך אט דעם כח, בעת ער אליין בלייבט איינער און אומפארענדערט. און אויב מיר זעהען דאס אין אונז, קענען מיר דאס זעלבע אויפ'ן בורא געוויס אויסמאהלען, אנהאלטענדיג פאר דער זעלבער צייט זיין פשוט'ע איינהייט און אומענדערבארקייט.

די „מדברים" אבער ווילען יא צושרייבען צו איהם פיר פאזיטיווע מעלות — ניט מצד די פעולות, נאר וואס זיינען אין זיין וועזען גופא. די זיינען: ער לעבט, ער קען, ער איז קלוג, און ער האט א ווילען. אט די 4 מעלות פארשטעהען ניט די דערמאהנטע אלס דער ארויסקום פון די פעולות, נאר אייגענהייטליכע מעלות, וואס באצייכענען זיין מהות. זיי זאגען: אויב דאס זאלען זיין פון איהם באשאפענע (ד.ה. זיינע פעולות) מיינט דאך אז ער האט באשאפען זיין לעבען, זיין חכמה, זיין מעגליכקייט און זיין רצון, פונקט ווי מיר זאלען זאגען אז ער אליין האט זיך באשאפען; איז ערשטענס, קיין לאגיק ניטא אין אזא זאג. צווייטענס, וואו האט ער גענומען לעבען, ווילען, מעגליכקייט און חכמה איידער ער האט זיי באשאפען, זיך צו באשאפען? דריטענס, מוזען מיר דאך אין דעם פאל צוגעבען אז עס איז געווען א צייט ווען ער האט נאך די 4 מעלות ניט געהאט — געגען דעם אנגענומענעם אמת, אז זיין עקזיסטענץ איז ניט אפהענגיג אין צייט און צוגעגעבענע מעלות. דערפאר ווילען זיי גלויבען אז די פיר מעלות זיינען ניט באשאפענע, נאר זיי קומען ארויס פון איהם גופא און ליגען אין זיין טבע אלס די ערשטע און העכסטע אינסטאנץ.

דער שכל'דיגער באווייז פון די „מדברים" איז אזא: ער לעבט, ווייל אנדערש קענען מיר דאך דעם בורא זיך ניט אויסמאהלען. אויב ניט „לעבען", מיינט דאס ער איז טויט. און אזוי ווי ער איז עס ניט—לעבט ער. דאס זעלבע בנוגע חכמה: ער איז ניט קיין נאר (דאס איז דאך א מושכל ראשון) מוזען מיר צוגעבען זיין חכמה; זיין מעגליכקייט און ווילען באווייזט די באשאפענע וועלט, וועלכע האט ניט געקענט שטעהן פאר אונז, סיידען ער זאל האבען זיין מעגליכקייט און ווילען צו באשאפען.

דער רמב״ם צוקלאפט אבער דעם גאנצען בנין, און באווייזט, אז אפילו די

אויסגערעכנטע תוארים קענען אויך אנדערש ווי דורך זיינע פעולות ניט פאר־שטאנען ווערען, ער זאגט אזוי:

קודם כל דארפען מיר פארשטעהן אז די צוויי מעלות: „לעבען" און „קלוג" זיינען בעצם בלויז איין מעלה. ווארים יעדער מענש וואס לעבט, פיהלט זיך דורך זיינע חושים. אבער דער בורא, ניט זייענדיג א בעל חושים, באגרייפט זיך, דאס מיינט ער „לעבט" אין דער בחינה פון זיין זיך אליין באגרייפען, און אין דער זעלבער בחינה איז ער אויך א „חכם", ווייל דער באגרייפענער אביעקט איז אויך ער אליין. ווארים זיין טבע איז דאך ניט ווי דעם מענשענ׳ס, וואו די נשמה באגרייפט דעם גוף און דער גוף איז דער באגרייפענער. ער איז דאך אליין סיי דער באגרייפער און באגרייפענער צוזאמען. ס׳איז קיין ספק ניט אז די מדברים, זאגענדיג אז ער איז א חכם, האבען דערמיט ניט געמיינט אז ער באגרייפט זיך, נאר אז ער פארשטעהט זיינע באשאפענע, און אויב אזוי געפינען מיר שוין דערין אויך א פעולה, אפילו לויט זייער געדאנק.

דאס זעלבע איז בנוגע די אנדערע צוויי מעלות: „רצון" און „יכולת". ווא־רים עס לאזט זיך דאך ניט זאגען: „גאט האט זיך געוואלט", אדער „ער האט זיך געקענט", דאס זיינען דאך ווערטער אהן א שום שכל, נאר אז דאס באווייזט די שייכות צווישען איהם און זיינע באשאפענע, דאס מיינט: ער „קען" באשא־פען די וואס ער האט באשאפען, און „געוואלט" די באשאפענע ארויספיהרען פון גארנישט אין עקזיסטענץ. און אויב אזוי זיינען די מעלות ניט אין איהם אליין, נאר מצד זיינע באשאפענע, דאס מיינט: זיינע פעולות, ווי מיר האבען שוין פריהער ערקלעהרט. און אזוי דארפען אויך פארשטאנען ווערען די צוגע־שריבענע מעלות פון שלש עשרה מדות: רחום, חנון, ארך אפים און בורא: רחום — זעהענדיג די מידה פון רחמנות אויף דער וועלט, וואס איז פון איהם באשאפען געווארען, דאס זעלבע זיינען די איבעריגע מידות וועלכע מיר געפינען אין זיין וועלט. ער איז א בורא, מצד די באשאפענע וועלט, דאס מיינט: די תוארים זיינען בלויז גענומען פון זיינע פעולות, אבער ניט אז ער האט צוגעגעבענע מעלות, וועלכע קענען אויך פארשווינדען אדער געענדערט ווערען.

(רעדענדיג וועגען דעם ענין, ווידמעט ער דעם פרק נ״ד אויף משה רבנו׳ס שאלה „הודיעני נא את דרכיך", און בכלל אויף די שלש עשרה מדות. מיר קענען לײדער ניט איבערגעבען אפילו דעם תמצית פון טיפזיניגען פרק, כדי ניט ארונטערצוגעהן פון ענין צו ווייט).

וועט איינער פרעגען: אנגענומען אז מיר דארפען אפווארפען אלע צוגע־געבענע תוארים. אבער מיר מוזען דאך מודה זיין אז ער איז א נמצא (עקסיזטי־רענדער) און דאס איז ניט בלויז א מעלה, נאר א צופעליגע זאך; ווארים עק־זיסטענץ גופא איז א צייטווייליגער צופאל צו יעדען עקזיסטירענדען. און אויב אזוי, ווי קענען מיר איהם צושרייבען דעם תואר „נמצא"? דער ענטפער איז: דער תואר איז א צופאל נאר ביי באשאפענע וואס קענען יא און ניט עקזיסטירען; אבער ניט ביים בורא, וועמענס עקזיסטענץ איז אומפארמיידליך (מחוייב המציאות). ביי יענע ווערט עס פארשטאנען: א צופאל האט געטראפען וואס זיי זיינען געקו־

מען צו עקזיסטענץ, ניט זייענדיג פריהער און ניט ווערענדיג שפּעטער. דער בורא אָבער עקזיסטירט ניט לויט די מענשליכע כללים פון עקזיסטענץ, אזוי ווי ער לעבט ניט לויט די כללים פון לעבען, ער ווייס — ניט לויט די מעטאָדען פון וויסען. ער קען — אויסער די נאָמען פון אונזער מעגליכקייט, ד.ה. אָט די פונקציעס ווערען ניט פאַראורזאַכט פון זייטיגע סבות ווי ביי מענשען, נאָר זיי קומען ארויס פון זיין מהות, ניט מאַכענדיג קיין ענדערונג אין איהם גופא, כאָטש גרויס ענדערונג קומט אויף די וואָס זיינען מקבל זיינע פעולות. אין זעלבען זין דאַרפען מיר פאַרשטעהען דעם תואר „קדמון" — ניט דער פריהעריגסטער, וואָס קען מיינען צופעליג פריהער געקומען פאַר אלעמען, נאָר אלס אזעלכער וואָס איז ניט אונטער צייט, און זיין עקזיסטענץ פאַלט בכלל ארויס פון דעם צייט־באַגריף. די אלע תוארים אויף איהם אין די נביאים און אפילו אין דער תורה גופא דאַרפען פאַרשטאַנען ווערען אין מליצה, אזוי ווי די פסוקים וואָס מען קען על פי טעות נעהמען, זיי לערנענדיג בוכשטעבליך, אז ער איז א קערפּער.

קומענדיג צו דעם געדאַנק, ווערט אונז ערקלעהרט זעהר א טיפער ענין: באמת קענען מיר זאָגען בלויז נעגאַטיווע תוארים אויפ׳ן בורא, און דער־מיט וועלען מיר גיכער קומען צום אמת, ניט אנריהרענדיג זיין כבוד, ניט צושרייבענדיג כחות און ניט אנווייזענדיג פעהלערען אין איהם, ווי מען קען נכשל ווערען דורך לויבען איהם מיט פּאָזיטיווע מעלות.

כדי דאָס צו באַגרייפען דאַרפען מיר פאַרשטעהן, אז א תואר, א באַצייכענונג, איז קיינמאָל ניט אזא, וואָס איז צוגעפּאַסט נאָר צו דעם איינעם זאַך וועלכען מיר רעדען, אָהן א שום צווייטענס שותפות דעריז. למשל: זעהענדיג פונדערווייטענס איינעם זיך באַוועגענדיג, ווערסטו פרעגען: ווער איז דער וואָס דערנעהענטערט זיך צו אונז? ווערט א צווייטער ענטפערען: דאָס געהט א לעבעדיגע זאַך. דער ענטפער איז אן אמת׳ער; אָבער דו ווייסט נאָך אלץ ניט ווער דאָרטען געהט, ווייל לעבעדיגע זאַכען זיינען פאַראַן א סך: מענשען און בהמות, חיות און פויגלען; אָבער דו ווייסט יאָ, אז דאָס איז ניט קיין שטיין און ניט קיין בוים, פון זיי כאָטש האָט יענער איהם אָפּגעזונדערט. דער ענטפער האָט געקענט זיין א נעגאַטיווער, און אויך מיט די זעלבע רעזולטאַטען, למשל, ווען ער ענטפערט: „ניט קיין שטיין און ניט קיין בוים", ווערסטו דערפון אויך וויסען דאָס וואָס דו ווייסט איצט. אויב דאָס איז א מענש, אדער א בהמה, ווייסטו ניט פון ביידע ענטפערס צוגלייך. דער אונטערשייד איז בלויז אין דעם, וואָס אין פּאָזיטיווען ענטפערס דאַרפסטו קיין הקדמות ניט וויסען בנוגע דער איינטיילונג פון די איבעריגע אין 3 מיילען: דומם, צומח חי (ערד, געוויקס, און לעבעדיגע ברואים) און אין נעגאַטיווען מוזסטו עס פריהער יאָ וויסען, אנדערש ווערט דיר נאָר קלאָהר ווערען וואָס דאָס איז ניט, אָבער בלייבענדיג ניט געוואוסט וואָס דאָס איז יאָ.

מיר ווייסען אויך אז דער בורא איז מחוייב המציאות, און נאָר ער, בעת אנדערע זיינען בלויז אפשרי המציאות, באופן אז דער נעגאַטיווער תואר איז נעהענטער צום אמת ווי דער פּאָזיטיווער. וואָרים אין דעם לעצטען תואר פאַרגלייכען מיר איהם דאָך מיט די איבעריגע ברואים, און ווי פריהער ערקלעהרט איז דאָס א לעסטערונג אנשטאָט לויבונג. דערפאַר, ווען מיר לויבען איהם מיט די מעלות:

ער איז נישט קיין קערפּער, נישט אַ צונויפגעשטעלטער פון אַ סך כחות, ער איז נאָר איין פּשוט׳ע איינהייט א.אז.וו. — האָבּען מיר שוין דערמיט גופא אַ קלאָהרע פאַרשטעלונג פון זיין מהות, נישט דאַרפענדיג צווייפלען: אפשר איז ער נישט דאָס און יענעס, נאָר עפּעס אַנדערש? ווייל מיר ווייסען קלאָהר, אַז יעדער אויסמאָהל וואָס דער מענשליכער שכל קען אויסגעפינען, איז נישט גאָט, ממילא בלייבט איינער, וואָס איז אינגאַנצען אַנדערש פון אַלע ברואים.

אַ משל דערצו גיט ער אין פּרק ס׳ ערשטען טייל: אַ מענש וויל זיך מאַכען אַ באַגריף פון אַ שיף, קיינמאָל קיין שיף נישט האָבּענדיג געזעהן. איינער וועט איהם ערקלעהרען אַז דאָס איז נישט קיין מינעראַל, דער צווייטער, אַז זי איז נישט קיין באַשעפעניש; דער דריטער, אַז זי איז נישט קיין בוים; דער פערטער, אַז זי איז נישט געבּוירען געוואָרען אין דער פאָרמע, נאָר אויפגעבּויט פון האָלץ; דער פינפטער — אַז דאָס איז נישט קיין פּראָם. דער זעקסטער, אַז זי איז נישט קיין פלאַכע... נישט קיין פירקאַנטיגע, און נישט קיילעכדיג ווי אַ ראָד. די לעצטע ידיעה, צוזאַמען מיט די פריהערדיגע האָבּען איהם שוין כמעט ערקלעהרט ווי די שיף קוקט אויס. דאָס באַווייזט, אַז דורך נעגאַטיווע תוארים, דורך „נישטס״ קען מען אויך באַגרייפען אַזוי גוט ווי דורך „יאָ׳ס״. ווי פריהער ערקלעהרט קען מען דעם בורא נישט אויסמאָלען מיט „תוארים חיוביים״, דערפאַר איז אַ סך בעסער מיט די „נישטס״; ער איז נישט „נישטאָ״, ער איז נישט קיין „נישט ווייסער״, נישט קיין „נישט קענער״ נישט קיין „נישט חכם״, נישט קיין „נישט באַשאַפער״, נישט באַגרענעצט אונטער צייט און אָרט און נישט באַגרייפליך אין זיין עצם מהות, נאָר באַוואוסט דורך זיינע פעולות.

ריכטיג זאָגען פילאָזאָפען: „ער איז שטאַרק, נישט ווייזענדיג זיין שטאַרקייט. פאַרבּאָרגען פון די אויגען דורך זיין אומעטומיגער אַנוועזענהייט, אַזוי ווי אונזערע אויגען קענען נישט אַנקוקען די זון ווען זי באַלייכט די גאַנצע וועלט אין אַ ליכטיגען זונען טאָג״. דער רמב״ם זאָגט דערויף דעם פּסוק „לך דומיה תהילה״ — שווייגען מיינט: דיר געלויבּט, וואָס מעהר געלויבּט אַלץ מעהר איהם פאַרגלייכען און באַהעפטען צו יענע ברואים מיט עהנליכע מעלות, דאַרום איז שווייגען דאָס בעסטע לויבּונג.

נישט קיין וואונדער וואָס אַט דער געדאַנק האָט געגען רמב״ם אַרויסגערופען אַ פאַרביטערטקייט מצד כמעט אַלע גרויסע אידישע געלערנטע וואָס גלויבּען אין פּסוק בוכשטעבליך, אין דעם פּסוק וועלכען דער רמב״ם קנייטשט און פּשטל׳ט ביז ער זאָל מסבים זיין צו אַריסטאָטעל׳ס מיינונג און דעם רמב״ם׳ס פילאָזאָפישער קאָנסעקווענץ. ער האָט געוויס געמיינט צו מאַכען אַן אויסגלייך צווישען ביידע אמת׳ן, און אַליין נישט באַמערקט ווי ער צווינגט פּשוט די תורה אַנצונעהמען די פילאָזאָפישע אויבערהערשאַפט.

דערפון נעהמט זיך זיין געגנערשאַפט צו אַלע פּיוטים, אין וועלכע ער געפינט חרוף ונדוף, און אַפילו כפירה, שוין נישט רעדענדיג פון פאַנטאַזיע און נאַרישקייט — אַ מיינונג וואָס איז געגען דעם באַגריף פון אַלע גדולי ישראל.

נאָר וועגען דעם מעהר באריכות אין דער אָפּטיילונג „די קריטיק אויפ׳ן רמב״ם״.

5

דער מאָניזם געפינט זיין העכסטען אויסדרוק ביים רמב״ם

דעם רמב״מ׳ס שכל׳דיגער שטרעבען צו דערגרייכען די לעצטע איינהייט אין בורא, טראָץ די פארשיידענארטיגקייט אין זיינע פעולות, האט ער אויך געברויכט אין זיין קאָסמאָגאָנישער ערקלעהרונג, בנוגע דער עקזיסטענץ פון אונזער וועלט מיט אלע הויכע ספערען צוזאמען.

ער, אזוי ווי יעדער טיפער דענקער, האט זיך אנגעשלאָגען אָן דער טאָפעלט־קייט וואס ערשיינט כמעט אין אלע צווייגען פון דער מענשליכער ערקענטניש. אין דער פיזישער איז עס א טאָפעלטקייט פון מאטעריע און גייסט, פון שטאָף און קראפט; אין פסיכאָלאָגיע — די סתירות צווישען גוף און נשמה; אין סאָציאָ־לאָגיע — דער געגענזאץ פונ׳ם יחיד צו דער געזעלשאפט; אין טעאָלאָגיע — די עקזיסטענץ פון גוטעס און שלעכטעס, פון ליכט און פינסטערניש, ערנעהרענדע פרוכטען און גיפטיגע. אט דער דואליזם, די טאָפעלטקייט פון ערשיינונגען, האבען שטענדיג דעם פארשענדען געדאנק געמאטערט, ניט לאָזענדיג געהן ווייטער, ביז עס געלינגט איהם צו פאראייניגען דעם דואליזם, די צווייהייט, אין איין מאָניזם (איינהייט).

דער „מאָניזם" שטרעבט אויסצוגעפינען איין סבה פארביידע ערשיינונגען, ענטוועדער לויט דעם נעגאטישען סיסטעם, ווי למשל אין געגענזאץ צווישען מא־טעריע און גייסט: 1) אז מאטעריע איז די סבה פון גייסט, דער פאטער וואס ברענגט ארויס גייסט אונטער געוויסע אומשטענדען, אָדער 2) גייסט איז דער פאטער פון מאטעריע, אָדער 3) אז גייסט און מאטעריע זיינען ביידע געקומען פון א דריטען געגענשטאנד וואס איז ניט גייסט און ניט מאטעריע — צי גאר דורכ׳ן סינטעטישען סיסטעם וואס באהויפטעט, אז גייסט און מאטעריע, פרט און כלל, גוטעס און שלעכטעס, ליכט און פינסטערניש, זיינען ניט מעהר ווי איין און די זעלבע זאך מיט צוויי זייטען, ווי די צוויי צורות פון ביידע זייטען מטבע, וועלכע קענען איינע פון די אנדערע ניט אפגעטיילט ווערען, אנווייזענדיג אויף דעם איין און די זעלבע זאך.

מיט די ביידע דערמאָהנטע סיסטעמען באנוצט זיך דער רמב״ם אין זיין צווייטען טייל מורה נבוכים צו ערקלעהרען דעם וואונדערבארען מאָניזם אין דער גאנצער בריאה, ער זאגט אזוי:

די גאנצע בריאה איז איין אָרגאנישע איינהייט, אזוי ווי ראובן און שמעון, 2 מענשען, וועמעס גרונט־יסודות זיינען גלייך, און דער אונטערשייד איז בלויז אין זייערע צורות (פארמען). ראובנ׳ס אנדערשקייט פון שמעונ׳ען איז ווי די אנדערש־קייט פון ראובנ׳ס קאפ לגבי די הענט, און זיי — פון די פיס; די פיס פון זיין לונג און אזוי ווייטער, אזוי זיינען אלע ברואים, די גרויסע חיות און קליינינקע רמשים, באשאפען געוואָ־ען פון די 4 יסודות: פייער, לופט, וואסער און ערד, אלעס איז באהעפט צוזאמען אין איין שטיק, קיין צווישען־לוידיגקייט איז ניטא.

דער צענטער־פונקט איז דער ערד קוגעל. וואסער איז איבער דער ערד, די לופט — איבער׳ן וואסער, און איבער איהר — דאס פייער.

(אט דער מאנ׳ס קען אנגעהן אפילו אין אונזערע צייטען וואס קופערניקוס׳ שיטה האט איבער־גענומען די ממשלה בנוגע די זעהבארע וועלטען, דער אונטער־שייד ווערט בלויז אין דער סבה פון די ערשיינונגען).

די הימעלישע קערפערס זיינען באשאפען פון א פינפטען יסוד, אינגאנצען אנדערש פון די דערמאנטע פיר יסודות; אט דער יסוד פאנגט זיך אן גלייך ווי אונזער ערדישער עטהער ענדיגט זיך, און פון איהם זיינען צונויפגעשטעלט אלע ספערען, קרייזען, איינס לעבען צווייטען און א י ן צווייטען, ווי רינגעלאך פון א קייט, אהן א שום צווישען־לעדיגקייט.

די אלע כדורים — ספערען קרייזען — זיינען באוועגליך אין א באשטימטען קרייז, איינער מאכט דורך א גרעסערען קרייז און איינער א קלענער׳ען; איינער באוועגט זיך לאנגזאם, איינער — שנעלער, דער צווייטער גאנץ שנעל; אבער שטענדיג גלייך ווי א גוט איינגעשטעלטער זייגער וואס ..קריכט ניט איין" און ,,לויפט ניט איין". דער הויפט יסוד זייערער פאראורזאכט ,,באוועגונג", נאר די שנעלקייט און לאנגזאמקייט קומט פון די פארשיידענע צורות.

דער פינפטער יסוד האט פון זיך אפגעטיילט א שטיק מאטעריע, פון וועלכען עס האבען זיך שפעטער געפארמירט אונזערע 4 יסודות. זיי זיינען טויטע יסודות, אהן ענערגיע, און אהן באוואוסטזיניגקייט. זיי באוועגען זיך קיינמאל ניט אהן דעם צוואנג פון א באוועגער. די באוועגונג אין אונזער וועלט קען זיין דורך איינע פון די פאלגענדע סבות: 1) א שטיין, א צווייג, א פרוכט, וואס פאלט ארונטער, איז מחמת די טבע פון יעדער זאך צוריקצופאלען צום נאטירליכען ארט פון וואנען זי קומט ארויס — פון דער ערד, אזוי ווי פייער, וואס קומט פון הימעל, ציהט זיך כסדר ארויף (אזוי האבען אמאליגע פארשער געגלויבט). 2) לעבעדיגע ברואים באוועגען זיך דורכ׳ן אינסטינקט וואס לערענט זיי ווי צו אנטלויפען פון א פייער, פון פארפלייצונג, פון הונגער צו זוכען שפייז ערגעץ אנדערשוואו, אדער פון א חיה וואס וויל פארצוקען. 3) ווען דער שכל טרייבט, ווי למשל: זיך צו זעהן מיט עלטערען, מבקר חולה זיין א פריינד, צו א לויה, אדער צו א שמחה, באופן אז די ערדישע באוועגונג מוז האבען א צווינג־סבה, און ווי דער צוואנג ענ־דיגט זיך, הערט אויף די באוועגונג.

אנדערש זיינען אבער די גלגלים, וועמעס באוועגונג איז ניט געצוואונגען פון קיין סבה (פון גראוויטאציע געזעץ האט מען נאך אין רמב״ם׳ס צייטען ניט גע־וואוסט, איהם האט דער שפעטערדיגער ניוטאן אין יאהר 1687 ענטדעקט). דערצו ציהען זיי זיך ניט צו א געוויסען פונקט און בלייבען דארט רוהען, נאר דרעהען זיך כסדר אין א באשטימטען קרייז, און דערפון דרינגט זיך ארויס, דאס זיי באזי־צען אין זיך א שכל, לויט וועמעס אנווייזונג זיי באוועגען זיך, אזוי ווי דער דריטער מין אין אונזער משל (צו געהן מבקר חולה זיין, זיך זעהען מיט עלטערען א.ד.ג.).

נאר מיר דארפען פארשטעהן, אז שכל ק ע ן באוועגען, אבער ער איז ניט מחייב באוועגונג, דאס מיינט: שכל ערמעגליכט דאס יענער קערפער זאל געהן פון איין ארט צום צווייטען, נאר דאן ווען ער ווערט ארויסגעהאלפען פון׳ם חשק

דערצו. ממילא, צוגעבענדיג אז די גלגלים ווערען באוועגט פונ׳ם שכל, מוזען מיר זיי אויך צוגעבען דעם געפיהל פון תשוקה, דער ווילען צו דערגרייכען עטוואס, דעם גלגל׳ס תשוקה איז צו דערגרייכען גאט, זיך צו פארגלייכען מיט איהם, אויף וויפיל עס איז מעגליך לויט זיין מדרגה. ווי באוואוסט איז דער בורא אומפאר־ענדערליך, שטרעבט דער גלגל אויך דערצו. ניט קענענדיג דערגרייכען יענע מדרגה, זייענדיג פון מאטעריע, אין אלע פרטים, האלט ער אן כאטש די אונאויפ־הערליכע באוועגונג.

נאר אין דעם זין דארף מען פארשטעהן דעם מאמר „גאט באוועגט די גלגלים". ניט מיט זיין כח ווי א מענש וואלט געטאן, נאר, אז ער איז די אורזאך פון זייער באוועגונג. דער משל איז, אן ארימאן וואס געהט צום גביר, האפענדיג צו קריגען א נדבה. אמת, דער גביר פאראורזאכט דעם ארימאנ׳ס גאנג, ווארים ווען דער לעצטער זאל ניט ווועלען די נדבה, וואלט ער ניט געגאנגען, דאך מיינט דאס ניט, אז דער גביר שטופט, אדער אפילו דער דערמאנטער זאל מיט זיין נדבה ווערען דער דירעקטער פאראורזאכער פון ארימאנ׳ס גאנג; אבער די אומדירעקטע סבה איז ער יא.

דער ערשטער גלגל ווערט אלזא באוועגט פון זיין שכל און זיין תשוקה זיך צו דערנעהענטער צו זיין פאראורזאכער, דאס איז דער בורא: דער צווייטער גלגל וואס איז ארויסגעקומען פונ׳ם ערשטען קריגט זיין באוועגונג פון ערשטען, ווי דער ערשטער פון בורא, און אזוי כסדר; יעדער נידעריגערער שטרעבט צום העכערען איבער זיך, מיט דער הילף פון שכל׳דיגען צאר אין זיך, צוזאמען מיט דער תשוקה. האבען מיר אזעלכע 9 גלגלים (טאג־גלגל, גלגל פון שטעהענדיגען שטע־רען, 7 גלגלים פון די 7 וואנדערענדע שטערען) און דער צעהנטער איז „שכל הפועל", וועלט־שכל, דורך וועמעס הילף אונזער מעגליכער שכל קומט ארויס אין דער ווירקליכקייט, דער וואס ברענגט ארויס אלע צייטווייליגע פארמען, וועלכע זיינען פריהער אין שטאף געווען בלויז אין דער מעגליכקייט.

ווארים אנדערש קענען מיר זיך קיין פראצעס ניט אויסמאהלען. דער פאר־אורזאכער מוז האבען אין זיין אידייע דאס וואס ער געהט ארויסברענגען אין דער ווירקליכקייט. דער פאראורזאכער פונ׳ם זאנג איז דאך א קארן, וועלכער האט אין זיך דעם מין זאנג בכח; ממילא, דער וואס גיט פארמע — אן אבסטראקטע פארמע, און דער ארויסברענגער פון אונזער שכל — אן אבסטראקטער שכל.

די דאזיגע טעאריע איז גענומען פון אריסטאטעלעס׳ן, מיט דער אויסנאם פון „דער דירעקטער באוועגונג" וואס אריסטאטעל שרייבט צו צום בורא, בעת דער רמב״ם זאגט, אז ער איז בלויז די סבה דערפון, די אינדירעקטע אורזאכע, מחמת אריסטוס מיינונג מיינט עטוואס א פגם אין בורא׳ס אומענדערבארקייט (זעה דעם פירוש „שם טוב" אויפ׳ן פערטען פרק, צווייטען טייל פון „מורה נבוכים"). אריס־טאטעל זאגט אויך, אז „די ערשטע אורזאך" קומט אין באריהרונג מיט די באַ־שאפענע, נאר באריען איהם ניט. דער רמב״ם מיינט ניט אזוי, ער זאגט:

דער כלל איז, דאס גאט באריהרט קיין זאך ניט דירעקט, נאר דורך א פאר־מיטלער, אזוי ווי ער פארברענגט דורך פייער, און דאס פייער קומט דורך דער באוועגונג פון גלגל, אזוי באוועגט זיך דער גלגל נאר מיט דער פארמיטלונג פון שכל, צוזאמען מיט תשוקה; דער העכערער גלגל באוועגט דעם נידעריגערען, און

אזוי כסדר״. ער וויל ניט זאָגן ווי אַריסטאָטעל, אַז דער בורא אַליין באַוועגט זיי אַלע, ווייל מיר מוזען דאָך צוגעבן די מיטהילף פון העכערן צום נידעריקערנס באַוועגונג, און אויב אַזוי ווערט ער דאָך אַרויסגעהאָלפן ביי די נידעריקע פון איטיכן אַנדערש, צוזאַמען מיט אַ געוויסע ענדערונג אין זיינע מעגליכקייטן, פאַרגלייכענדיק זיין אומפאַרמיטלבאַרע סבה אין ערשטן גלגל לגבי דער מיטהילף אין די איבעריקע?

ווי מיר זעהען, איז דעם רמב״מ׳ס „אחדות" אַ סך העכער פון אַריסטאָטעלס.

אַלעס ווערט באַוועגט — ניט דורך איהם דירעקט — נאָר פאַראורזאַכט פון איהם, אַזוי ווי ער איז די סבה פון דער גאַנצער בריאה. אַט די „סבה" וואָס פאַראורזאַכט די שפע פון עקזיסטענץ און באַוועגונג רופען די נביאים „מלאכים" און פילאָזאָפען — „אומבאַקערפּערטע שכל׳ען", אידייען (שכלים נפרדים), און ביידע זיינען איינשטימיג, אַז אַט די „שכלים נפרדים" זיינען די פאַרמיטלער צווישען איהם און דאָס באַשאַפענע. אין פסוקים, תלמוד און מדרשים זיינען פאַראַן אַהן צאָהל מאמרים וואָס באַווייזען, אַז יעדע פעולה ווערט גערופען „מלאך", און איבערהויפּט אויפ׳ן פסוק „הבה נרדה ונבלה שם שפתם", זאָגט דער מדרש: „כביכול, אין הקב״ה עושה דבר עד שמסתכל בפמליא של מעלה", וואָס שטימט ווערטערליך מיט פּלאַטאָנס געדאַנק: „די ערשטע אורזאַך קוקט אין דער אידייאישער וועלט, און פון איהר גיט ער די השפעה צו דער עקזיסטענץ".

זיין מאָניזם איז אַלזאָ דער העכסטער אויסדרוק פון אחדות וואָס פאַראייניגט די בריאה: די מלאכים, די גלגלים און אונזער וועלט, איינס איז די אורזאַך פון צווייטען. דער בורא איז משפיע אויף דעם גרעסטען אַזוי פיל, דאָס ער זאָל קענען איבערגעבן דעם נידעריגערען פון זיך; דער צווייטער — דעם דריטען, און אַזוי כסדר. די ערשיינונגען זיינען פאַרשיידען, זייער אורזאַכע — איין און איינציגער.

ביז אַהער איז דער רמב״ם געגאַנגען מיט אַריסטאָטעלעס׳ן צוזאַמען, אויסער אין איניגע פּרטים. אָבער אין דער פראַגע: צי איז די פון איין שטיק עקזיסטירענדע וועלט באַשאַפען געוואָרען, אָדער אַ שטענדיג עקזיסטירענדע, גיהט ער זיך איינגאַנצען פאַנאַנדער מיט זיין רבי׳ן.

6

צי די וועלט איז אַ באַשאַפענע, אָדער אַן אייביג עקזיסטירענדע

פעסטשטעלענדיג אַז אַלעס וואָס עס עקזיסטירט — פון די הויכע „שכלים נפרדים" ביז אונזער נידעריגער וועלט אויף וועלכע מיר וואוינען — איז דער דירעקטער אַרויסקום פון דעם איין בורא און זיין שטענדיגע שפע, שטעלט זיך די פראַגע: ווי אַזוי איז די וועלט באַשאַפען געוואָרען? דער רמב״ם ברענגט דערויף דריי מיינונגען:

1) די מיינונג פון דער תורה, אַז אַלץ וואָס עס עקזיסטירט, אויסער גאָט

אליין, האט ער ארויסגעבראכט פון אבסאלוטען גארנישט, ווען נאר ער אליין איז געווען און קיינער ניט — „ניט קיין מלאך, ניט קיין גלגל און ניט וואס אין גלגל". און באשאפען האט ער דאס וואס עס עקזיסטירט דורך זיין פרייען ווילען עטוואס פון גארנישט (יש מאין). אפילו „צייט" אליין איז אויך באשאפען געווארען. ווארים צייט איז דער אויסדרוק פון באוועגונג, און באוועגונג האט אויך קיין צייט ניט געקענט זיין. באוועגען דארף זיך אן „עטוואס", און איידער דער „עטוואס" האט עקזיסטירט איז ניט געווען ווער עס זאל זיך באוועגען, ממילא איז דאמאלסט נאך קיין צייט ניט געווען. און די חכמים וואס באהויפטען אז עס זאל האבען געווען א „סדר זמנים" פאר בריאת העולם, זענען אזוי גלייך ווי זיי זאלען גלויבען אין אן אייביג עקזיסטירענדער וועלט, אדער אין א קערפערליכען גאט וואס דארף זיך באוועגען, און זיין באוועגונג זאל האבען ארויסגעבראכט דעם באגריף פון צייט.

אט די מיינונג, אז די וועלט איז א באשעפענע, האט שוין אברהם אבינו ארויסגעזאגט פאר דער וועלט, און באשטעטיגט דורך זיין שבועה „קונה שמים וארץ".

2) א צווייטע מיינונג, וואס פלאטאן איז איינער פון איהרע אנהענגער, אז די וועלט איז אין א געוויסער צייט באשאפען געווארען; אבער זי האט ניט געקאנט באשאפען פון גאלע גארניט. דאס איז אן אונמעגליכקייט, אזוי ווי עס איז אונמעגליך, אז א זאך זאל אין איין און דער זעלבער צייט זיין און „ניט זיין", קאלט און הייס, אז דער אלכסון פון א קוואדראט זאל זיין אין דער זעלבער מאס ווי די גראדע ליניע פון איין זייט, די זיינען נאטירליכע אוממעגליכקייטען, וואס האבען א שטענדיגע טבע (לנמנע טבע קיים) און דאס מיינט בשום אופן ניט א באגרעניצונג אין גאט'ס מעגליכקייטען און קענען, אזוי ווי זיין ניט קענען זיך אפשאפען אדער צו באשאפען א צווייטען זיין גלייכען. די וואס זיינען מיט דער מיינונג, זאגען, אז עס האט עקזיסטירט אן אייביגע מאטעריע, אדער אור־מאטעריע (חומר קדמון) אזוי אייביג ווי גאט אליין, מיט דעם אונטערשייד וואס גאט איז זיין סבה, און דער חומר (אור שטאף) איז לגבי איהם ווי דער ליים אין די הענט פון טעפער, אדער דער אייזען אין די הענט פון שמיד, וועלכער קען איהם אויסמאכען אין פארשיידענע פארמען, לויט זיין ווילען: וויל ער, איז הימעל און ערד, און אויב ער וויל אנדערש וואס — קען ער אויך דערפון מאכען.

די מאטעריע איז אייביג, דערפאר קען זי קיינמאל ניט פארשווינדען. די ענטשטעהונג פון אלע געגענשטאנדען איז ניט געקומען פון גארניט, דערפאר קענען זיי ניט פארשווינדען אין גארניט. די הימלישע קערפערען זיינען אויך פארמירט געווארען פון דער זעלבער מאטעריע און זיינען דערפאר אויך ניט אונטערווארפען דעם פראצעס פון זיין און אונטערגעהן...

דער אונטערשייד צווישען דער תורה'ס מיינונג און פלאטאנ'ס איז נאר אין דער אור־מאטעריע. די ערשטע באהויפטעט, אז סיי די מאטעריע, סיי די פארמע, זיינען באשאפענע פון דעם איין אומבאשאפענעם בורא, בעת די צווייטע מיינט, אז דער בורא האט נאר געדארפט באשאפען די צורות און זיי צוגעבען צו דעם אייביג עקזיסטירענדען חומר.

3) די דריטע מיינונג קומט פון אריסטאטלען. ער האלט אויך ווי פלאטאן,

אַז די אור מאַטעריע איז אייביג, אָבער צוגעבענדיג אַז באַוועגונג און צייט זיינען אויך אייביג. די אויבערשטע און אונטערשטע וועלטען זיינען אַלזאָ אייביג און ניט אונטערוואָרפען דעם געזעץ פון זיין און פאַרשווינדען. די הימעלשע ספערען זיינען אייביג עקזיסטירענדע, צוזאַמען מיט זייערע פאָרמען. אַזוי זיינען זיי געווען און אַזוי וועלען זיי בלייבען. אונזער וועלט איז אַן אייביג עקזיסטירענדע, נאָר איהרע ברואים זיינען בלויז אייביג אין מאַטעריע, אָבער ענדערבאַר אין די פאָרמען. די מאַטעריע בייט כסדר איהרע פאָרמען, אויסטוענדיג איין צורה און אָנטוענדיג אַ צווייטע. אַט דער פּראָצעס איז אויך אַן אייביגער, וואָס געהט אָן שטענדיג לויט אַ געוויסען פעסטגעשטעלטען סדר, אָהן שום ענדערונגען אין משך פון צייט.

אַריסטאָטעל איז געקומען צום באַשלוס, אַז די וועלט איז אַן אייביג עקזיסטירענדע, מחמת זיין ניט וועלען צושרייבען צו דער ערשטער אורזאַך אַן ענדערונג אין ווילען ווען עס איז. זאָל די וועלט האָבען געווען אַ באַשאַפענע, וואָלט עס געמיינט, אַז דער בורא האָט פריהער ניט געוואָלט באַשאַפען, אָבער אין אַ געוויסען מאָמענט זיך יאָ פאַרוואָלט.

צו פאַרטיידיגען די מיינונג פון דער תורה און געגען אַריסטאָטלען האָט דער רמב״ם געווידמעט 19 פרקים פון צווייטען טייל מורה נבוכים (פון פרק י״ג ביז ענדע פרק ל״א) דער אמת איז אַז פּלאַטאָן איז אויך געגען אונזער טראַדיציאָנעלען גלויבען, דאָס די בריאה איז געווען אַ יש מאין אָדער ווי דער רמב״ם רופט עס: „לא — מדבר": נאָר זיינע קאַנאָנען זיינען אַנגעשטעלט הויפּט זאַכליך געגען אַריסטאָטלען, וועלכער וויל אַרויסדרינגען די אייביגקייט פון דער וועלט. זיין צוועק איז צו באַווייזען, 1) אַז די וועלט איז אין אַ געוויסען דאַטום באַשאַפען געוואָרען פון בורא; 2) אַז פאַר דער בריאה איז קיין שום מאַטעריע ניט געווען אין דער מציאות, אויסער דער בורא אַליין, און 3) אַז באַשאַפען עטוואָס פון גאָרניט איז ניט בלויז מעגליך פאַר'ן בורא, נאָר אפילו אומפאַרמיידליך (אינה מכת הנמנע, אבל יחשבו קצת אנשי העיון שהוא מחוייב מו״נ. ח״ב פרק י״ג)

די שטאַרקסטע ראיה, לויט דעם רמב״ם וואָס אַריסטאָטעל ברענגט אויף „קדמות", איז געבויט אויף אַ לאָגישער פאָרמולע אַזוי: יעדע אַקטועלע באַנייאונג איז פון פריהער געווען פּאָטענציעל מעגליך באַשאַפען צו ווערען. איהר נאַטירליכע מעגליכקייט צו ווערען געהט שטענדיג פריהער פאַר'ן ווערען. די פרוכט אין בוים איז מעגליך, איידער עס ווערט אַרויסגעוואַקסען בפועל, ניט האָבענדיג די מעגליכקייט וואָלט עס קיינמאָל ניט געוואָרען קיין ווירקליכקייט. און דערפון איז געדרונגען קדמות (דאָס אייביגע עקזיסטירונג) פון דער וועלט. טראַכטען וועגען אַ צוקונפטיגען באַשאַף קען מען נאָר אויף איינעם פון די הריי וועגען: ענטוועדער אומפאַרמיידליך, אָדער מעגליך, אָדער אוממעגליך. אין ערשטען פאַל איז די ראיה אויף קדמות געזיכערט. ווארים דאָס אומפאַרמיידליכע, ווען דאָס ז י י ן ליגט אין זיין טבע, קען דאָך ניט זיין אומעקזיסטירענד. אויב אוממעגליך — וואָלט עס קיינמאָל ניט געקענט באַשאַפען ווערען, לויט'ן כלל „לנמנע טבע קיים", ווי פריהער דערמאָנט. בלייבט דער צווייטער פאַל: מעגליכקייט, פרעגט זיך: ווער איז דער סובּיעקט וואָס ענטהאַלט די מעגליכקייט? סיידען מיר זאָלען זאָגען אַז די וועלט איז אַ קדמון. ווארים יעדע מעגליכקייט איז אַן אַדיעקטיוו (תואר) און

א פּרעדיקאַט (נשוא), וואָס מוז האָבען א סוביעקט (נושא), ווען דער אָד־יעקטיוו באַצייכענט (מתואר) אין אונזער פאַל, איז עס די וועלט, און דאָס מיינט איהר שטענדיגער זיין.

איינער פון די „מדברים"־פילאָזאָפען באַהויפּטעט, אז ער האָט אָפּגעפרעגט אַריסטאָטעל'ס באַווייז, מיט פאָלגענדען ענטפער: די וועלט איז טאַקע מעגליך באַשאַפענד, נאָר דער „נושא" פון מעגליכקייט איז דער באַשעפער. וואָס קען זי יאָ און ניט באַשאַפען. דעם רמב"ם געפעלט אָבער ניט דער ענטפער, ווייל יענער האָט פאַרמישט צוויי באַזונדערע מעגליכקייטען: 1) מעגליכקייט פון באַשאַפען מצד דעם באַשעפער, 2) מעגליכקייטען פון באַשאַפען ווערען מצד דאָס באַשאַ־פענע, ד.ה. אפשר דער בורא זאָל יאָ באַשאַפען, אפשר — ניט. אָבער עס איז אויך אפשר די זאַך זאָל באַשאַפען ווערען און אפשר ניט. דער „שם טוב" (חלק ב' פרק י"ד) ערקלערט דאָס מיט א משל פון א בויער וואָס קען בויען א הויז, און דאָך בויעט ער ניט, ווייל איהם פעהלען די ציגעל אָדער געהילץ; דאָס מיינט, אז די מעגליכקייט און פאַרמיידליכקייט ווענדעט זיך נאָר אין דאָס באַשאַפענע אַליין — געגען דעם חכם פון די „מדברים" וואָס וויל צום בורא (פּועל) צושרייבען די מעגליכקייט, כדי דערמיט אָפּצושלאָגען אַריסטאָטעל'ס לאָגישען באַווייז.

אַריסטאָטעל'ס צווייטער באַווייז: אויב די וועלט איז אין א געוויסען מאָמענט באַשאַפען געוואָרען פון „גאָרנישט", מוזען מיר דאָך זאָגען, אז איידער דאָס איז געווען באַשאַפען בפּועל (אַקטועל), האָט דער בורא עס געהאַט באַשאַפען בכח (פּאָטענציעל), און אויב אזוי האָט די בריאה געמאַכט אַן ענדערונג אין בורא, ווערענדיג איצט א בורא בפועל אַנשטאַט דעם ביז־איצטיגען בורא בכח. דען וועלען מיר דאָך פרעגען: פאַרוואָס ביז איצט ניט באַשאַפען? און פאַרוואָס ניט באַ־שאַפען מיט עטליכע טעג, מאָנאַטען אָדער יאָהרען שפּעטער? לאָז שוין זיין אַז אונז געלינגט יאָ צו געפינען א סבה וואָרום דוקא איצט, באַגרעניצען מיר דערמיט דעם כח פון בורא, צוגעבענדיג א סבה אויסער איהם, וועלכע האָט מיטגעווירקט צו דער בריאה. אויב קיין סבה ניט, נאָר זיין רצון איז געווען דוקא איצט, ניט פריהער, ניט שפּעטער — גיבען מיר דאָך צו, אז עס קומען פאָר ענדערונגען אין זיין ווילען — דער חסרון פון באַשאַפענע, וואָס קען ניט צוגעשריבען ווערען צו א באַשעפער. גלויבענדיג אז ער איז די העכסטע און ערשטע אורזאַך, נויטיגט זיך ניט אין זייטיגע אַרויסהעלפונג און איז אונענדערבאַר, מוזען מיר אויך צו־געבען אַז די וועלט איז אַן אייביג עקזיסטירענדע, און איהר שטענדיגע עקזיסטענץ קומט פון זיין שטענדיגער שפע אויף איהר. אין קלאָהרערע ווערטער: גאָט איז ניט איהר באַשעפער, אָבער יאָ איהר שטענדיגער אָנהאַלטער און שפּייזער פון זיין שפע.

זיין דריטער באַווייז: זעהענדיג אַז די וועלט איז פאַרזאָרגט מיט אַלע נויטיגע זאַכען, און וואָס א יאָהר ווייטער דערגעהען אַלץ מענשען מעהר מעלות אין איהר. און נאָך'ן באַווייזען אַז אין דער וועלט איז ניטאָ קיין זאַך איבעריגס און קיין זאַך פעהלט אין איהר ניט, דאָס הייסט: פולקאָם אין אַלע מעלות, און אַזוי־ווי צו זיין פולקאָם מוז מען אויך באַזיצען די מעלה פון שטענדיגקייט. דערפאַר מוזן מיר גלויבען אין דער וועלט'ס אייביגער עקזיסטענץ.

די זענען בקיצור אַריסטאָטעל'ס הויפּט ראיות אויף „קדמות". דער רמב"ם

קעמפט געגען זיי מיט געגען־ארגומענטען, און קומט ארויס ענדליך מיט א פאר־טיידיגונג פאר אריסטאטלען, אז אזוי ווי קיין אמת'ע ראיות מצד השכל אויף חידוש העולם איז ניטא, זיינען אויך ניטא קיין אומבאשטרייטליכע ראיות אויף קדמות. אלכסנדר הפרדוסי גיט עס אויך צו. די ראיות דאפיר און דאגעגען האל־טען דעם וואגשאל גלייך, און אריסטאטעל האט מכריע געווען לצד קדמות. אבער מיר, גלויביגע אין דער תורה, אויב נאר עס געלינגט אונז צו באווייזען די מעגליכ־קייט פון חידוש מעגען מיר מכריע זיין ווי די תורה הייסט אונז גלויבען.

איידער דער רמב"ם געהט אריין אין איינצעלהייטען אפצושלאגען אריס־טאטעל'ס ראיות אויף דער וועלטס אייביגער עקזיסטענץ (קדמות העולם) לייגט ער אוועק אן אלגעמיינעם כלל נעמליך:

יעדע נייע זאך וואס איז שוין באשאפען סיי אין שטאף, סיי אין פארמע, און אויב אפילו דער שטאף איז פריהער יא געווען, בלויז די צורה וואס ווערט איצט באשאפען — איז ניט גלייך אין איהר טבע נאכ'ן ווערען ווי זי איז געווען פריהער, איידער זי איז געווארען, און אפילו ניט ווי דאן, בעת זי האט געהאלטען אין פראצעס פון ווערען, דאס מיינט דריי מדרגות: 1) א זאך וואס איז נאך ניט באשאפען. 2) ווען עס האלט אין פראצעס פון באשאפען ווערען, און 3) ווען עס איז שוין פאלשטענדיג פארענדיגט. זעלבסטפארשטענדליך, אז עס איז ניטא קיין פארגלייך צווישען דער צווייטער און דריטער מדרגה, און ביידע זיינען ניט גלייך צו דער ערשטער. דערפאר איז נאריש צו ציהען שלוסען און ברענגען ראיות פון דעם דריטען סארט וואס זאל גילטען אויף די ערשטע צוויי. אט דער כלל איז נויטיג, ניט צו וועלען געפינען די זעלבע געזעצען פון דער פאל־קאם באשאפענער וועלט, וואס זאלען האבען געגאלטען אין צייט פון איהר באשא־פונג און פארפאלקאמונג. די וואס טוען עס יא קריגען פאלשע באגריפען און קרומע שלוסען וואס פאראורזאכען טעותים אין דענקען.

צו אילוסטרירען דעם כלל גיט ער א משל פונ'ם מענשען, וואס איז דער־צויגען געווארען אויף אן אינזעל, ניט זעהענדיג פאר זיך קיין פרוי, און ניט ווי־סענדיג פונ'ם געבורט פראצעס אין דער פראקטיק; זייענדיג דערוואקסען און פארשטענדליך, הויבט ער אן קלעהרען: ווי אזוי ענטשטעהען מענשען? און אי־מיצער דערקלעהרט איהם דעם גאנצען פראצעס פון זיין 9 מאנאטען אין א קערפער פון א פרוי, עסען וואס זי עסט, וואקסען און זיך ענטוויקלען לאנגזאם ביז די צייט קומט ארויסצוגעהן פון דארטען, אנפאנגען וואקסען, עסען דורכ'ן מויל, אטעמען לופט דורך דער נאז, א.אז.וו. אט דער „קלוגער" וועט זיך דאך אויסלאכען און פרעגען ריכטיגע פראגעס: ווי קען גאר א מענש לעבען איינגע־שלאסען אין געדערים אהן לופט און ליכטיגקייט? אהן עסען, אהן טרינקען און אהן שטולגאנג? די און נאך פראגען וועט ער פרעגען — פראגען וואס זיינען גע־גרינדעט אויף דער טבע פון ערפאהרונג. און דאך האט איהם יענער מענש ריכטיג ערקלעהרט און ער איז אומגערעכט. דער טעות קומט ארויס פונ'ם פארגלייכען די טבע פון מענשען נאכ'ן געבוירען ווערען צו זיין טבע פאר דעם.

אט דעם זעלבען טעות מאכט אריסטאטעל אין דעם ענין פון חדוש העולם: מיר, די גלויביגע אז די וועלט איז אין א געוויסען מאמענט באשאפען געווארען פונ'ם בורא'ס ווילען, מאהלען זיך אויס דעם באשאפונגס פראצעס לויט ווי עס

שטעהט געשריבען אין דער תורה. איהרע דערצעהלונגען זיינען פאר אונז אזוי באגלויבט ווי מיר זאלען עס האבען געזעהן מיט די אויגן. קומט ער, אריסטאטעל, און באווייזט אונז די אוממעגליכקייט פון אזא באשאפונג, לויט די איצט עקזיס־טירענדע וועלט געזעצען. מיר זאגען צו איהם: אמת, א י צ ט, נאכדעם ווי זי איז שוין באשאפען און איינגעשטעלט זיך צו פיהרען לויט פעסטגעשטעלטע נא־טור געזעצען, קען עס טאקע ניט געמאלט זיין; אבער עס איז קיין ראיה ניט אז די זעלבע נאטור געזעצען האבען געגאלטען אין יענער צייט פון באשאפונג און איהר ענטוויקלונג.

למשל: אריסטאטעל באשטימט, אז עס בייטען זיך נאר די פארמען בעת מא־טעריע בלייבט שטענדיג, און באווייזט עס פון אונזער פיזישער וועלט, ווי אזוי זא־כען ענטשטעהען און פארשווינדען. מיר זאגען: אמת, אזוי איז טאקע א י צ ט, ווען מאטעריע עקזיסטירט, אבער עס איז ניט קיין ראיה אויב זי איז ג ע וו א ר ע ן ווי דער זאנג פון קארען און פארשוואונדען ווי א איצטיגער מענש וואס שטארבט, מעגליך אז זי איז ג ע וו א ר ע ן לויט גאנץ אנדערע כללים, איינגאנצען אפגע־ראטען פון די איצט עקזיסטירענדע.

דאס זעלבע איז באצוג צום ערשטען שטוים פון דער שטענדיגער באוועגונג און ענערגיע: אמת, איצט, לויט די פעסטגעשטעלטע נאטור־געזעצען, קענען מיר זיך ניט אויסמאלען אירגענד וועלכע אקציע אהן א געוויסע אורזאך וואס שטעהט הינטער איהר. אבער מיר רעדען דאך וועגען יענער באוועגונג וואס האט עקזיס־טירט פריהער פ א ר דער איצטיגער נאטור, וועלכע איז ארויסגעבראכט געווארען דורך באוועגונג, און יענע קען זיין האט געהאט נאר אן אנדער טבע, אינגאנצען ניט עהנליך צו דער איצטיגער.

וועט אריסטאטעל פרעגען: צוגעבענדיג אז די וועלט איז ניט באשאפען געווא־רען לויט די איצט עקזיסטירענדע נאטור געזעצען. זאגט זשע מיר, איהר גלוי־ביגע, וועלכע כללים זיינען דאן געווען גילטיגע? אונזער ענטפער איז: מיר ווילען גארניט דרינגען אז די וועלט האט ג ע מ ו ז ט באשאפען ווערען, נאר אז איהר באשאפונג איז „מעגליך", כדי אונזער גלויבען זאל ניט דארפען צושטערט ווערען דורך אייערע ראיות פון דער איצטיגער טבע. און כל זמן איהר פילא־זאפען וועט אונז ניט איבערציינגען אין דער אוממעגליכקייט פון א באשאפענער וועלט, מעגען מיר זיך האלטען ביי אונזער גלויבען, אפילו ניט וויסענדיג די גרונט געזעצען פון איהר באשאפונג.

נאך דעם אלגעמיינעם כלל הויבט אן דער רמב״ם אפצושלאגען זיינע הויפט ארגומענטען איינציגווייז:

1) אריסטאטעל זאגט: אויב די וועלט זאל זיין א באשאפענע אין א געווי־סען דאטום, מוז דאך גאט׳ס אקציע ווערען צוטיילט אין צוויי טייל: פאר׳ן בא־שאפונג איז זי געווען פאטענציעל (בכח) און באשאפענדיג — אקטועל (בפועל). גלויבענדיג אז מען טאר צו איהם ניט צושרייבען קיינע ענדערונגען, מוזען מיר זאגען אז די וועלט איז א קדמון. אויף דעם ארגומענט ענטפערט דער רמב״ם אזוי:

דער גאנצער שכל איז געגרינדעט אויף דעם אונטערשייד צווישען „כח" און „פועל", וואס האט פיל צו זאגען ביי א מענשען און ביי יעדער זאך וואס קען געשטערט ווערען אין זיין טעטיגקייט פון פארשיידענע מניעות. דער משל איז

פון איינעם וואס וויל בויען א הויז: דער ווילען אלס אוואנגארד פון יעדער אקציע, שאפט דעם „בכח", שפעטער דארף דער מענש צוגרייטען די מאטעריאלען, דאס ארט און דאס געלט דורכצופיהרען זיין געדאנק; ערשט נאכ'ן צוגרייטען אלע מכשירים, ברענגט ער עס ארויס „בפועל". די צורה (פארמע) פון דער זאך ווערט פריהער באשאפען „בכח" און דאס פארקערפערען די צורה אין א חומר מאכט דעם „בפועל". אין קורצען: דער מענש וואס איז באגרענעצט אין זיינע מיטלען, צייט און מעגליכקייטען, ביי איהם פאסט זיך דער אונטערשייד צווישען פאטענציעל און אקטועל, אבער ניט ביים בורא, פאר וועמען קיין שטערונגען זיינען ניטא, יעדער „בכח" איז גלייכצייטיג אויך א „בפועל" און ער איז אויך ניט צונויפגעזעצט פון א חומר און צורה, דער לעצטער וואס דענקט און דער ערשטער וואס טוט, דערפאר איז דאס באשאפען די וועלט אין א געוויסען דאטום (דער ארויסברענגען „מכח אל הפועל") ניט קיין ענדערונג אין זיין מהות, ווי די זעלבע מדרגות ווערען באטראכט ביי א מענשען.

א צווייטער באווייז, עהנליך צום ערשטען, איז דער „שכל הפועל", וואס אריסטאטעל איז מודה אין זיין עקזיסטענץ:

לויט אריסטאטעל'ס סיסטעם, באשטעהט דער וועלט־אל פון א סך הימעלשע ספערען וואס געפינען זיך אין א שטענדיגער באוועגונג. די דאזיגע באוועגונג קען, נאך אריסטאטעל'ס מיינונג, אויף וועלכער דער רמב"ם איז מסכים, ארויסגעבראכט ווערען נאר דורך קערפערלאזע סובסטאנצען, דאס מיינט: דורך אייביגע אומשטערבליכע גייסטיגע קרעפטען, רופט זיי: שכלים נבדלים, זעלבסטשטענדיגע גייסטער אדער אינטעלעקטען. וויפיל גייסטער אזוי פיל ספערען (גלגלים). אריסטאטעל באהויפטעט דערפאר אז אויך די שטערען באזיצען גייסטיגע סובסטאנצען אין זיך, וועלכע פאראורזאכען זייער שטענדיגען באוועגונגס־מארשרוט. דער העכסטער אינטעלעקט וואס ברענגט אין באוועגונג און אונטערשטען פון זיך, הייסט „שכל נבדל". ער איז די אפשפיגלונג פון דער ערשטער אורזאך (עלת העלות). די שפע איז אזוי פיל אויפ'ן אויבערשטען, דאס ער האט גענוג איבערצוגעבען צום אונטערשטען פון זיך, און ער, צו נאך א נידעריגערען, אזוי כסדר, ביז דעם לעצטען, דער צענטער, וואס איז פארבונדען מיט אונזער וועלט, אונטער דער לבנה־ספערע (למטה מגלגל ירח) האט דער הייסט עס „שכל הפועל", און פון איהם קריגען מיר, באשאפענע, די געטליכע גייסטיגע שפע. ווען א מענש פארטיפט זיך אין וויסענשאפטען און שטודירט פילאזאפישע חקירות, באהעפט זיך זיין אינדיווידועלער שכל מיט דעם „שכל הפועל", און דערמיט פאסט ער זיך צו ארויפצוקריגען אויף זיך יענעמס השפעה.

אט דער באגריף וועגען „שכל הפועל" איז ארויסגעבראכט געווארען פון די אראבישע אריסטאטעליאנער, וועלכע האבען איבערגענומען — ווי שוין פריהער ערקלעהרט — די אריסטאטעלשע שיטה אין א נעא־פלאטאנישער אויסטייטשונג. דער רמב"ם האט אויך אזוי געהאלטען, און אויף דעם סמך פרעגט ער אויף אריסטאטלען א „מיניה וביה", זאגענדיג:

„אריסטאטעל איז דאך מודה אין דער עקזיסטענץ פון א „שכל הפועל", וועלכער לויט זיין טבע ווירקט אמאל יא און אמאל ניט, און דאך איז דעם זעלבען קיינמאל ניט איינגעפאלען צו זאגען אז דער שכל הפועל איז א „בפועל" ווען ער

ווירקט יאָ און אַ „בכח" — ווען ניט, וויסענדיג דעם אונטערשייד צווישען אַ קערפּערליכען פּועל און אַ גייסטיגען, און אַז ביים לעצטען זיינען דער „בכח" און „בפּועל" אַלץ איינס. צוגעבענדיג דאָס דאָזיגע בנוגע דעם שכל הפּועל, וואָרום זאָלען מיר ניט זאָגען, אַז די וועלט איז טאַקע אַ באַשאַפענע אין אַ געוויסער צייט און דאָך זאָל עס ניט ווייזען אויף אַ ענדערונג אין בורא'ס מהות?"

— מיר ווייסען — באַוואָרענט דער רמב"ם — אַז דער לעזער וועט אונז דאָ חושד זיין אין סאָפיזם. וואָרים אייגענטליך איז דער משל פון „שכל הפּועל" ניט גלייך צום נמשל (בורא). דער „שכל הפּועל" איז שטענדיג משפּיע, דאָס „ניט משפּיע זיין" קומט מצד דעם מענשען, וואָס איז ניט צוגעגרייט ארויפצונעהמען די השפּעה, דערפאַר קען מען טאַקע זאָגען אַז אין בורא איז די ענדערונג ניטאָ, נאָר אין די וואָס דאַרפען מקבל זיין די השפּעה. אונזער ענטפער איז: מיר האָבען באַוויזען נאָך אַ זאַך וואָס קען ווירקען, און כאָטש עס ווירקט ניט אַ געוויסע צייט, דאָך קענען מיר עס ניט באַטראַכטען אַלס אַ ענדערונג. די אַנגעגעבענע סבּה איז דאָך בלויז אַ ט ע ם פאַר'ן ניט ווירקען, ניט ענדערענדיג דעם פאַקט, אַז עס קען געמאָלט זיין דער בורא זאָל פריהער זיין אַ „בורא בכח" און שפּעטער — דורך אַ געוויסער סבּה, וואָס מיר ווייסען ניט — זאָל ער ווערען אַ „בורא בפּועל", ניט שטערענדיג דערמיט זיין אומפאַרענדערבאַרקייט. די טענה קעגען אונז וואָלט געווען שטאַרקער ווען מיר ווילען אויף דער הנחה בויען די געוויסהייט פון חדוש העולם. אָבער מיר ווילען דאָך בלויז צו באַווייזען אַז חדוש העולם ק ע ן זיין, און דאָך זאָל דער בורא פאַרבלייבען אונפאַרענדערפאַר. פאַר דעם באַווייז איז דער משל פון שכל הפּועל איבערגענוג.

2) די פראַגע: אויב די וועלט איז ווען עס איז באַשאַפען געוואָרען, ווייל אזוי האָט גאָט געוואָלט, און ביז דאַמאָלסט ניט, ווייל פריהער האָט ער נ י ט געוואָלט, באַווייזט דאָך אַ ענדערונג פון ווילען אין זיין טבע, און דערפון דרינגט אריסטאָ־טעל „קדמות העולם" — פאַרענטפערט דעם רמב"ם:

ענדערונג פון ווילען ביי אַ צייטמעסיגען באַשאַף, קען זיין נאָר ווען די פּעולה איז געווען צוליב אַ געוויסען ציעל וואָס יענער איז אויסען דערמיט; דערפאַר פרעגען מיר: פאַרוואָס האָט ער ביז איצט ניט געשאַפען און איצט יאָ? דער ענטפער דאַרף אָנווייזען אויף געוויסע שטערונגען ביז איצט, וואָס האָבען ניט דערלאָזען, און ווי אזוי איצט זיינען זיי באַזייטיגט געוואָרען. אָבער וויסענדיג אַז ביים בורא זיינען זיכער קיין שטערונגען ניטאָ, וואָס זאָלען איהם אָפּהאַלטען ארויסצוברענגען זיין באַשאַף „מכח אל הפּועל", דאַרף די צייטמעסיגע באַשאַפונג ניט באַטראַכט ווערען אַלס אַ ענדערונג אין ווילען.

7.

כונה און רצון

דער דריטער ארגומענט וואָס אריסטאָטעל האָט אָנגעגעבען פאַר דער אייביגער עקזיסטענץ פון דער וועלט איז אזוי:

זאָל די וועלט זיין אַ באַשאַפענע, האָט איהר דאָך „די ערשטע אורזאַך" באַ־שאַפען מיט זיין חכמה; ווי פריהער ערקלערט, איז זיין חכמה ניט קיין צוגע־

געבענע מעלה נאָר אזא וואס געפינט זיך א י ן איהם, און איז אזוי שטענדיג ווי ער אליין. דערפון דארף פאָלגען אז זיין חכמה האָט עס ארויסגעבראכט פאָלקאָם און פאר איין מאָל מיט אלע מעגליכע מעלות וואס עס קאָן זיין, מיט די מעלה פון עקזיסטענץ אריינגערעכענט. איז די פראגע: ווי קען זיין מעגליך זי זאָל באַשאַפען ווערען אין אַ געוויסען דאַטום, ניט פריהער עקזיסטירענד? מוזען מיר זאָגען, אז די וועלט איז אייביג, אזוי ווי ער מיט זיין חכמה, וואס האָט איהר ארויסגעבראכט. דעם ארגומענט שלאָגט אָט דער רמב״ם אזוי:

דאס באשאפען די וועלט אין א געוויסען דאטום, ניט פריהער, איז ניט קיין באגרעניצונג אין זיין חכמה און מעגליכקייטען, אזוי ווי זיין באשאפען 9 גלגלים און א געוויסע צאָל שטערן און קאָמעטען. ניט מער, אזוי האָט זיין חכמה באַשטימט, און אויך אזוי, אז די וועלט זאָל באשאפען ווערען אין דעם מאָמענט, ניט פריהער ניט שפּעטער.

דערפון איז צו פארשטעהן, אז זיינע ראיות זיינען ניט ענטשיידענד אויף „קדמות“ דערפאר מעגען מיר גלויבען אין „חידוש“, בפרט האָבענדיג ראיות נאָענט צום אמת דערויף, ווי דער רמב״ם דרינגט:

א) אריסטאָטעל אליין באהויפּטעט, אז די וועלט עקזיסטענץ איז אומפארמיידליך (מחויב המציאות) ווי גאָט אליין. הערפאר, אזוי ווי מיר פרעגען ניט, פון וואַנען איז ער באשאפען געוואָרען, ווי אזוי, און ווארום דוקא נאָר איינער און אומקערפערליך? קענען מיר ניט פרעגען אויף „דער אָרט און וויזע“ פון איהר באשאַפונג, ווייל לויט זיין מיינונג, מ ו ז זי אזוי זיין, פונקט ווי ז י י ן חכמה מוז זיין אזוי.

אריסטאָטעל אליין גיט צו, אז גאָט איז דער פאראורזאכער, און די וועלט — דאס פאראורזאכטע; אָבער לויט איהם איז זי ארויסגעקומען אָהן כונה פון זיין צד גאָר אלס רעזולטאט פון זיין חכמה, בעת מיר, גלויבענדיג אין חידוש, גיבען אויך צו א כונה, אַ ציל, וואס ער האָט געהאט פאר זיך באשאפענדיג, אבער ניט ווי ער, וואס גלויבט, אין א געוויסען ציל בנוגע סוגים און מינים, נאָר אויך א ציל אין באשאף פון וועלט־אל אלס א גאנצע.

ב) ווי מיר האָבען שוין פריהער ערקלערט אז דער וועלט שטאָף איז א צוזאַמענגעשטעל פון עטליכע געגענשטענדיגע עלעמענטען וואס נעהמען אויך אויף זיך ענדערונגען, און ס׳איז אוממעגליך די צונויפשטעלונג זאָל ווערען אָהן אַ זייטיגע סבה — אויסערהאלב דעם חומר — וואס טוט די גאנצע ארבייט.

איצט פרעגען מיר אריסטאָטלען: צוגעבענדיג ווי דו זאָגסט, אז אלע בּרואים מינים און סוגים זיינען באשאפען פון איין בשותפות׳ן חומר, ערקלער אונז די סבה פון זייער אנדערשקייט? זיין ענטפער איז: די ענדערונג איז ניט אין דער מאַטעריע נאָר אין די פאָרמען, א טייל מאטעריע האָט אָנגענומען אזא פאָרמע, און א צווייטער טייל — אן אנדער פאָרמע. דער חומר אין זיין אָריגינאַליטעט איז איינס און דער זעלבער ביי אלעמען.

פרעגען מיר ווידער: אויב די מאטעריע איז איינס און די זעלבע, ווי אזוי האָט איין טייל אָנגענומען די פאָרמע פון מינעראל, א צווייטער — פון וואסער, א דריטער — פון פייער, און א פערטער — פון לופט? זיין ענטפער איז: די ענדערונג קומט פון דער שנעלקייט אין באוועגונג, איהר לאנגזאמקייט, און פון ווייט־

קייט און נאָהענטקייט צום ערד־צענטער: פון נאָהענטסטען צום טאָג־גלגל איז געוואָרען פייער, אונטער איהם לופט, נאָך נידעריגער — וואסער א. א. וו.

פרעגען מיר: איז דער חומר פון אונזער ערד אויך דער זעלבער פון וועמען דער טאָג־גלגל איז באשאפען געוואָרען? זיין ענטפער איז א נעגאטיווער: ניין. ער איז פון אנדער שטאָף באשאפען, אפגעראָטען פון אונזער גשמיות'דיגען שטאָף.

מיר וויסען אויך, אז די איבעריגע 8 גלגלים זיינען פון זעלבען שטאָף באשאַפען ווי דער טאָג גלגל, ממילא איז אויך זייער פאָרמע אַן אנדערע. דאס ווערט ערקלערט לויט דעם אלטען כלל: „אַן ענדערונג אין דער ארבייט — אן ענדערונג אין צורות". עס איז אויך באוואוסט, אז די גלגלים־באוועגונג געהט אין א צירקל, בעת אונזערע גשמיות'דיגע געגענשטאנדען געהען אין א גלייכער ליניע: ענטוועדער פון אונטען ארויף (ווי פייער) אָדער פארקערט: פון אויבען אראָפּ (ווי א שטיין). אָט די ענדערונגען געפינען מיר אויך אין די הויכע גלגלים, ד. ה. אזוי ווי ערד און וואסער געהען פון אויבען אראָפּ, פייער און לופט פון אונטען ארויף — איז אין די גלגלים אויך אזוי; כאָטש זיך באוועגענדיג אין א קיילעכדיגען צירקל, דאָך געהט איין גלגל פון מזרח צו מערב, אנדערע — פארקערט: פון מערב צו מזרח. אנדערע לאנגזאמער און אנדערע שנעלער. אָט די אנדערשקייט צווישען די גלגלים, טראָץ זייער ניט קיין צוזאמענגעזעצטער חומר, שלאָגט דאָך אָפּ אריסטאָטעל'ס טעאָריע בנוגע אונזער ערדישע מאטעריע און איהר פארשיידנארטיגקייט?

קומענדיג צו דעם באשלוס, אז ניט די באוועגונג האָט פאאורזאכט די פארשיידענארטיגקייט אין די צורות און פעולות, בלייבט די פראגע: ווער דען האָט עס געטאָן? מוזען מיר ניט ווילענדיג מודה זיין, אז גאָט האָט עס געטאָן, און זיכער מיט כונה און צוליב א געוויסען ציל; ממילא איז דערפון געדרונגען אז די וועלט איז א באשאפענע, מיט א כונה און מיט א פאָראויס באשטימטען ציל, ניט בלויז ווי א פאראורזאכער און א פאראורזאכטע.

אריסטאָטעל האָט ווייזט אויס געפילט די קשיא, כאָטש זי ניט דערמאָנט. מיר פארשטעהען עס פון זיין מאטערען זיך אויסצואַרבייטען א גענויע טעאָריע פאר דער פארשיידענארטיגקייט פון גלגלים־באוועגונג, וואס אויב עס זאָל איהם געלינגען, וואָלטען מיר געקענט אָפּשלאָגען די ראיה אויף כונה און ווילען (ציל); אָבער דאס זיינען בלויז השערות. ניט נאָר זעהען מיר איצט זייער לעכערליכקייט לויט די לעצטע ענטוויקלונג פון דער אסטראָנאָמישער וויסענשאפט, נאָר אפילו ער אליין האָט דערין ניט געגלויבט. ער פארלאנגט נאָר פון זיינע לעזער מען זאָל זיין פארזוך ניט אויסטייטשען פאר עזות צו וועלען דערגרונטעווען אזא שווערען ענין, נאָר דוקא איהם באוואונדערען פאר'ן מוטיגען פארזוך.

מיר, די גלויביגע אין חידוש, דארפען זיך גאָר אזוי פיל ניט מאטערען, גלויבענדיג אז דער בורא האָט עס באשאַפען מיט א געוויסער כונה. וועלכע? — א נאַרישקייט פון'ם פרעגער, וויסענדיג פאָראויס אז דער מענשליכער באגרענצטער שכל קען אזוי ווייט ניט דערגרייכען. גענוג פאר אונז צו וויסען, אז איזוי איז עס — מסתמא דאַרף אזוי זיין.

און דערין ליגט דער גרויסער אונטערשייד צווישען אונז, גלויביגע אין חידוש, און אריסטאָטלען וואס גלויבט אין קדמות; יענער, גלויבענדיג אין א צופעליגען באשאף, בלייבט ביי א סך ניט פארענטפערטע פראגעס בנוגע די פארשיידענאַר־

מיגקייט פון די גלגלים, בעת מיר וואס גלויבען אין א צוועקמעסיגען באשאף, דאר־פען זיך גארניט מאטערען צו געפינען די סבות, וויסענדיג אז דער בורא האט געוויס א כונה, נאר מיר מענשען קענען זי ניט אויסגעפינען.

פון דער גאנצער חקירה באקומען מיר צוויי וויכטיגע עיקרים: 1) אז די פאר־שיידענארטיגקייט אין די גלגלים באווייזט אויף א געוויסער כונה וואס דער באַ־שעפער האט געהאט באשאפענדיג. 2) אז יעדער זאך וואס איז הארמאניש אויס־געהאלטען אין זיין פארשיידענארטיגקייט מוז זיין באשאפען, ניט צו־פעליג עקזיסטירענד.

ג) אבער דער כלל, אז די וועלט איז באשאפען געווארען פון בורא, מיט א געוויסער כונה און באשטימטען רצון, דארף גרינדליך פארשטאנען ווערען, ווייל אנדערע זאגען עם בלויז מיט׳ן מויל און מיינען עטוואס אנדערש.

ווארום עס זיינען פאראן אייניגע אריסטאטעליאנער וואס גלויבען אין דער אייביגקייט פון דער וועלט, און גלייכצייטיג אויך, אז גאט איז איהר פאראורזאכער; אבער זיי גלויבען ניט אין איהר צייטליכען אנפאנג. זייער טענה איז: אויב עס איז פאראן א געוויסער דאטום פון איהר אנפאנג ענטשטייאונג, וואס פאר איהם איז זי ניט געווען, מיינט עס א פעלער אין גאט פאר דער בריאה און צוגעקו־מענע מעלה נאך דעם. ניט וועלענדיג צושרייבען צו איהם מעלות מיט חסרונות, מוז מען זאגען אז די וועלט איז א קדמון.

אמת, דער רמב״ם פארענטפערט די קשיא; אבער יענע זאגען, מען דארף גאר ניט אריינגעהן אין אזא בדוחק׳ען תירוץ. לאמיר זאגען: דער בורא און די וועלט זיינען צוויי באזונדערע געגענשטאנדען. ער איז איהר באשעפער מיט א כונה און זי די באשאפענע; אבער קיינער צווינגט אונז ניט זיי אפצוזונדערען אין צייט, זאגענדיג, אז זיין ענטשטייאונג האט קיין דאטום ניט און איהר ענט־שטייאונג האט יא;ביידע זיינען שטענדיג עקזיסטירענדע, און דערמיט באזייטיגען מיר די אלע פריהער אויסגערעכענטע קשיות. אויף דעם ענטפערט דער רמב״ם אזוי:

אונזער באגריף פון „כונה" איז ניט ווי די פילאזאפען פארשטייען דעם זעל־בען ווארט. זייער „כונה" מיינט א געצוואונגענע, ד. ה. די בריאה איז אין איהם מחוייב, אזוי ווי די שטראלען „מוזען" ארויסקומען פון דער זון; אדער, זיין מציאות איז חם ושלום אוממעגליך אהן דער וועלט־מציאות; בעת מיר גלויבען, אז זיין כונה און רצון זיינען פרייע, יא אדער ניט צו וועלען, און אזא רצון האט ער געהאט באשאפענדיג די וועלט.

א שעהנער „רצון" איז אריסטאטעל׳ס, אונטער וועלכען עס ווערט פארשטא־נען א „מוז". . .

מיר אלע גלויבען צוזאמען מיט אריסטאטלען אין דער פראצעדור: דער ערשטער אינטעלעקט האט משפיע געווען אויפ׳ן צווייטען; דער צווייטער, אויפ׳ן דריטען, און אזוי כסדר ביז דעם „שכל הפועל", דער וועלט אינטעלעקט. נישט־מעהר וואס ביי איהם איז דאס אן אטריביוט בעת מיר גלויבען אין א כונה און רצון.

ווי מיר זעהען, זיינען אריסטאטעל׳ס באווייזען געוויס ניט שטארקער אויף קדמות ווי דעם רמבמ׳ס אויף חידוש. אמת, מען קען די לעצטע אפשלאגען; אבער

אריסטאָטעל׳ס ראיות שלאָגט דאָך דער רמב״ם אויך אָפּ. עס כל פּנים שטייען ביידע ראיות גלייך, און די אמונה מעג מכריע זיין „לצד חידוש״.

אין די לעצטע 3 פּרקים פון כ״ו ביז פּרק כ״ח ברענגט דער רמב״ם אַלע מאמרים וואָס זאָלען זיין בלומרשטע באַווייזען אויפ׳ן אור־שטאָף. ער פּאַרענטפערט זיי און ענדיגט, אַז די אמונה אין „חידוש העולם יש מאין״ איז דער יסוד פון אונזער גלויבען און וועלטליכען מאָראַל.

די שייכות צווישען וועלט מאָראַל און חידוש העולם לויט׳ן רמב״ם וועט דער לעזער געפינען אין די קומענדיגע קאַפּיטלען.

8.

זוכענדיג אַ תכלית אין דער בריאה

ווי מיר האָבען געזעהן פריהער, איז דער רמב״ם ארויסגעגאַנגען געגען אַריסטאָטעל׳ס מיינונג פון קדמות, אַנגעלאָדען מיט די שווערסטע שכל׳ען, און ניט אויפגעגעבען דעם קאַמף ביז ער האָט פעסטגעשטעלט דעם גלויבען אין חידוש העולם, וואָס איז דער יסוד פון יעדער פּאָזיטיווע אמונה בכלל און אונזער גלויבען בפרט.

מחמת דעם צוועק נעהמט ער ארום אַלע ערטער: פּסוקים און מאמרים, וועלכע קענען אויבענאויף לערנענדיג מיינען אויף קדמות, ווי דער פּסוק „והארץ לעולם עומדת״ פון קהלת און דער באַוואוסטער מאמר פון רבי אליעזר הגדול „שמים מאיזה מקום נבראו... ארץ מאיזה מקום״... (זעה וועגען דעם באריכות אין די פּרקים כ״ו, כ״ז און כ״ח פון צווייטען טייל מורה נבוכים).

דערמיט האָט ער געוואונען די וויכטיגסטע פּאָזיציע אויף וועלכע עס האַלט זיך אונזער אמונה. וואָרים גלויבענדיג ווי אַריסטאָטעל, אַז אַלעס וואָס עס איז, מוז אַזוי זיין מצד דעם מהות פון דער ערשטער אורזאַך, די טבע קען ניט געענדערט ווערען, און אַ נס קען קיינמאָל ניט געמאָלט זיין — פאַלט דערמיט ארונטער דער גלויבען אין ענטפּלעקונג, די פּאַסירונגען פון די אבות, די נסים פאַר יציאת מצרים, קריעת ים סוף נאָכהעם, די געשיכטעס פון מן, שלו, דער שטראָף פון קרח׳ן, און בכלל אַלע געשיכטעס פון דער תורה און נביאים. ממילא ווערט בטל דער גלויבען אין שכר ועונש (באַלוינונג און שטראָף), ווייל אין אַזאַ פאַל איז דאָך דער מענש אויך געצוואונגען אין זיינע מעשים ווי די ערד צו רוהען, ווי דאָס וואַסער צו פליסען און פייער צו ברענען.

זאָל דער מענש גלויבען, ווי פּלאַטאָן, אין דער עקזיסטענץ פון אַ חומר קדמון (אור־שטאָף) וואָס ציהט נאָך זיך דעם גלויבען אַז אויך די הימעלשע קערפּערן זיינען אונטערוואָרפען דעם פּראָצעס פון ענדערען די פאָרמען, וועט עס, אמת, ניט זיין געגען דער תורה און ניט געגען די נסים פון איהר דערצעהלט, אָבער על כל פּנים ניט אַזוי ווי דאָרט ווערט איבערגעגעבען.

אָבער גלויבענדיג אַז די וועלט איז פון בורא באַשאַפען געוואָרען, ווערען גלייכצייטיג דערמיט מעגליך אַלע ספּורים פון דער תורה מיט איהרע דערצעהלטע נסים

און עס פאַלען אוועק די פראַגעס וואָס אַ מענש קען פרעגן: וואָרום האָט גאָט דעם יאָ געמאַכט פאַר אַ נביא, און ניט קיין אַנדערן? וואָרום האָט ער דעם איי־דישען פאָלק אויסגעקליבען איהם די תורה צו געבען, און ניט צו קיין אַנדערע? וואָרום אין דעם דאַטום, ניט פריהער און ניט שפּעטער? פאַרוואָס האָט ער פאַר־זאָגט אָפּצוהיטען נאָר די מצוות, ניט קיין אַנדערע? פאַרוואָס האָט ער באַשאַפען אַ יצר הרע פון איין זייט, וואָס זאָל ניט דערלאָזען אָפּצוהיטען די מצוות, און פון דער אַנדער זייט פאַרזאָגט יאָ אָפּצוהיטען, אַנשטאָט בעסער צו באַשאַפען לכתחילה דעם מין מענש ער זאָל געלוסטען מקיים צו זיין די מצוות ווי ער געלוסט צו עסען? וואָס איז אין אַלגעמיין דער צוועק פון געבען אַ תורה? — וואָרים אויף אַלע פראַ־גען האָבען מיר איצט איין ענטפער: אַזוי האָט דער באַשעפער געוואָלט, אָדער: אַזוי האָט זיין חכמה באַשלאָסען צו באַשאַפען, אַזוי ווי ער האָט די וועלט בכלל באַשאַפען, ניט ווִיסענדיג פאַרוואָס איז אַזוי, פאַרוואָס האָט ניט געקענט זיין אַנדערש, ווייל מיר קענען בכלל ניט דערגרייכען ביז צו דער טיפקייט פון זיין חכמה.

דערמיט באַשטעטיגט דער רמב״ם אַלע נסים פון דער תורה, וועלכע געהען אַרויס פון דרך הטבע און דערפאַר קען מען זיי ראַציאָנאַליסטיש ניט ערקלעהרען. דאָ איז כדאי צו באַמערקען, אַז זיין ערקלעהרען די נסים איז גאַנץ אַנדערש ווי די חכמים פאַר איהם און נאָך איהם האָבען געגלויבט און גלויבען. זיי באַהויפּטען אַז דער בורא איז גרייט צו יעדער צייט, ווען עס איז נויטיג, צו ענדערען די עק־זיסטירענדע נאַטור וואָס איז איינגעשטעלט פון ששת ימי בראשית אָן, זאָגענדיג: נס מיינט, אַ צופעליגע טבע, און טבע — אַ לאַנג עקזיסטירענדער נס. דער רמב״ם וויל דאָס ניט, ווייל אַזאַ זאַך מוז ברענגען צו גלויבען אין דעם געענדערטען רצון, וואָס איז געגען זיין פילאָזאָפישער קאָנצעפּציע אין מהות פון בורא, נאָר אַז די בריאה לכתחילה איז געווען איינגעשטעלט, דאָס אין יענעם און יענעם געוויסען מאָמענט זאָל דער ים זיך שפּאַלטען, די ערד זאָל עפענען איהר מויל איינצושלינגען, פון הימעל זאָל רעגענען מיט מן און פון אַ שטיין זאָל רינען וואַסער. ער באַ־העלפט זיך מיט דעם פסוק „וישב הים לפנות בוקר לאיתנו״ און די חכמים באַ־מערקען דערויף „לתנאו הראשון״ — צו דעם תנאי וואָס דער בורא האָט אויס־גענומען מיט איהם ביים אָנפאַנג באַשאַפען. דעם צייכען וואָס דער נביא זאָגט פאָראויס ערקלעהרט ער, אַז דער בורא האָט איהם בלויז געלאָזט וויסען דאָס אין דעם מאָמענט וועט דער נס געשעהן. דער וואונדער איז אַלזאָ ניט אין דער פאַ־סירונג, וואָרים אַזוי איז דאָך לכתחילה געווען איינגעשטעלט, נאָר אין דעם נביא׳ס פאָראויסזאָגונג, וואָס שטעלט פעסט דעם גלויבען אַז ער איז דער אמת׳ער נביא, פון גאָט געשיקט. (זעה וועגען דעם אויך אין זיין פירוש אויף אבות, פינפטער פּ״ק אויף דער משנה „עשרה דברים נבראו בערב שבת בין השמשות״).

אין ענדע פון פרק כ״ט גיט ער אָבער אַ הנחה צו אַריסטאָטעלען, צוגעבענדיג די אייביגקייט פון דער איצטיגער עקזיסטירענדער וועלט. דערמיט באַגעגענט זיך די תורה מיט דער פילאָזאָפיע „האַלבוועגס״, אָדער ווי דער רמב״ם זאָגט: „נאות לאריסטו בחצי מדעתו״. אין דער צייט וואָס מיר האַלטען זיך אָן גלויבען אַז די וועלט איז אין אַ געוויסען דאַטום באַשאַפען געוואָרען, גיבען מיר צו, אַז איהר ווייטערדיגע עקזיסטענץ איז אָן אייביגע. וואָרים איהר ווערען איז ניט מחייב איהר אויפהערען צו זיין, און די פסוקים פון דער תורה צווינגען אונז אויך ניט צו

גלויבען אין דעם. מיט די פסוקים אין נביאים וואס ווייזען דעם געגענזאץ באַ־געהט ער זיך ווי מיט די פסוקים וואס ווייזען דעם בורא ווי ער זאל זיין מיט גלידער, כעס, נקמה, פאַרדרוס א.ד.ג. ווארים „די טויערען פון ארויסטייטשונגען זיינען קיינמאל ניט פאַרשלאָסען".

און אויב אזוי, איז די באַשאַפענע טבע אַן אייביגע, אומענדערבאַרע, סיידען דורך אַ פריהער איינגעשטעלטען תנאי ווי פריהער ערקלעהרט, כאָטש דער בורא קען איהר ענדערען אָדער אינגאנצען אָפּשאַפען ווען זיין ווילען איז גוזר. די ענ־דערונגען קומען נאָר אין איינצעלנע פּרטים, בעת די טבע אַלס אַ גאַנצע בלייבט שטענדיג אומפאַרענדערט.

ווערענדיג איבערצייגט אַז די וועלט איז באַשאַפען געוואָרען לויט אַ כונה און אַ רצון, מוזען מיר צוגעבען אַ מאָראַלישען צוועק אין איהר בריאה. דער רמב״ם זאָגט: יעהער שאַפער וואס האט געהאט אַ כונה שאַפענדיג, מוזען מיר ניט ווילענ־דיג גלויבען אין אַ תכלית וואס יענער האט געהאט אין געדאנק צוגעהענדיג צו דער שאַפונגס ארבייט". דערמיט ווערט געלייגט דער ווינקעלשטיין פאַר דער פאָזיטיווער רעליגיע וואס באַצוועקט צו געבען יעדען מענשען אַ מאָראַלישען ציל אין לעבען.

און דאָ ליגט דער טיפער אונטערשייד צווישען אריסטאָטלען און דעם רמב״ם. דער ערשטער, גלויבענדיג אין דער אומפאַרמיידליכקייט פון דער בריאה, געפינט בלויז דעם תכלית אין דער האַרמאָנישקייט פון איהרע פּרטים, איינס אין שייכות צו אַלע און אַלע אין באַצוג צו דעם איינעם. דער רמב״ם זאָגט דערויף, אַז דער דאָזיגער תכלית איז בעצם ניט קיין אָביעקטיווער, נאָר אַ געפאַסטע־לויט אונזער סוביעקטיווער אַנשויאונג, וועלכע מאַכט פון אונזער השגה אַ געוויסען תכלית. מיר, די גלויביגע אין חידוש העולם, קענען זיך מיט אַזאַ תכלית פון דער מעכאַנישער פאָרמע האַרמאָנישקייט ניט באַגנוגענען, נאָר מיר ווילען געפינען אַ מאָראַלישען תכלית, אַ פּריוויליגיען, ווי דער תכלית וואס דער מענשליכער געדאנק קריגט זיך פרעהענדיג נאָכ'ן טאָן אַ טובה אימיצען וואס לײַדעט, זאָט מאַכענדיג אַ הונגעריגען, באַקליידענדיג אַ נאַקעטען. דערמיט איז דער רמב״ם באַפרייט גע־וואָרען פון דעם פילאָזאָפישען מאַטעריאַליזם אָדער רעאַליזם, און זיך דערנעהענ־טערט צו דער רעליגיעזער השקפה, וואס זוכט אין דער בריאה אַ מאָראַלישען צוועק.

וואס איז לויט זיין שיטה דער תכלית פון וועלט באַשאַף? אַנדערע טעאָ־לאָגען האָבען עס געוואָלט געפינען אין דער ענטוויקלונג פונ'ם מענשען, דער רמב״ם וויל דאָס ניט אַננעהמען. אין דריטען טייל פרק י״ג זאָגט ער אזוי:

— זאל דער מענש זיך ניט נאַרען מיינענדיג, אַז אַלץ איז צוליב איהם באַ־שאַפען געוואָרען, אַלץ — אפילו די שכלים נבדלים, די גלגלים און די מלאכים! זאל ער נאָר פרואווען פאַרגלייכען זיין קליינעם באַגרענעצטען שכל מיט די גרויסע אינטעלעקטען פון די ספערען — וועט ער גלייך דעם אמת באַגרייפען און קלאָהר פאַרשטעהן ווי נאַריש ס'איז צו גלויבען, אַז אַלץ עקזיסטירט נאָר צוליב איהם, דעם נישטיגען מענשען. (שלא נאמין בנמצאות כולם שהם מפני מציאות האדם... ולא תטעה בנפשך ותחשוב שהגלגלים והמלאכים נבראו בעבורינו — הנה כבר

התבאר לנו מדרגת „הן גוים כמר מדלי״. ובחן עצמך ועצם הגלגלים והכוכבים והשכלים הנפרדים, ואז יתבאר לך האמת. מו״נ חלק ג׳ פרק י״ג).

דער רמב״ם, אפשלאגנדיג אנדערענס אנגענומענע תכליתים, קומט ענדליך צום באשלוס, אז אויף דער פראגע איז אוממעגליך צו געפינען אן אנדער ענטפער אויסער דעם „אזוי האט זיין חכמה באשלאסען״, אין אנדערע ווערטער הייסט עס: די פראגע איז אומלייזבאר פאר׳ן מענשליכען שכל, סיידען מיר זאלען ניט װעלען געפינען דעם תכלית אין די באשאפענע נאר אין באשעפער, ווי דער פסוק זאגט: „כל פעל ה׳ למענהו״, ד.ה. אין פועל גופא, און אזוי ווי מיר קענען ניט װעלען געפינען א תכלית אין זיין מציאות, דארפען מיר ניט װעלען געפינען א צוועק אין זיין בריאה.

9.

אפטימיזם און פעסימיזם

אריסטאטעל׳ס באהויפטונג, אז די וועלט איז אן אומפארמיידליכער אפשטראל פון דעם אונענדליכען כח וואס מיר רופען „גאט״, איז באפרייט פון זוכען א באשטימטען ציל פאר איהר באשאפונג, אזוי ווי מען זוכט דאס ניט אין זיין גאנצער מציאות. אויב יא צוגעפאסט, זיינען די פרטים פון איהר וואס איינער העלפט ארויס דעם צווייטען, ווערט דעם צווייטענס סבה, דערגאנצערען זיך איינער דעם אנדערען — אלץ צוליב דעם איין תכלית: עס זאל עקזיסטירען א וועלט ווי מיר זעהען זי פאר אונזערע אויגען. קיין תכלית פאר איהר עקזיסטענץ אלס א גאנצע, דארפען מיר ניט זוכען, ווייל ס׳איז נימא.

אבער דער רמב״ם, זאגענדיג אז די וועלט איז א באשאפענע פונ׳ם בורא, קען זיך ניט באנוגענען נאר מיט דער צופאסונג פון די פרטים כדי צונויפצושטעלען א גאנצע וועלט, נאר אויך צו געפינען א צוועק אין איהר עקזיסטענץ אלס א גאנצע, ווארים „קיין שאפער טוט ניט א זאך, ניט האבענדיג א צוועק צוליב וואס ער טוט עס״. ער מוז געפינען א געוויסען תכלית צו וועלכען די באשאפענע וועלט זאל זיך צופאסען.

אזא תכלית, זאגט דעם רמב״ם, איז געווים פאראן, כאטש מיר ווייסען עס ניט. וויסענדיג אז זי איז א באשאפענע, קומט דער לאגישער קאנסעקווענץ ממילא ארויס.

צוגעבענדיג אז זי איז א באשאפענע פונ׳ם בורא, און זעהענדיג די וואונ־דערבארע ארדנונג וואס עס הערשט אין דער גאנצער בריאה, אויסער אין מין מענש, פרעגט זיך א פראגע: ווארום הערשט אזא אומארדנונג אין זיין פיזישען, גײַסטיגען און פאליטישען לעבען? אין דריטען טייל, פרק י״ג־ט״ו־ט״ז, זאגט ער אזוי:

דער אלגעמיינער מענש טראגט זיך ארום מיט׳ן געדאנק, אז דאס מין מענש לעבט דורך א סך מעהר צרות ווי גוטעס, די מעהרסטע דיכטער און דענקער אין זייערע שריפטען ווילען באווייזען די שטענדיגע ליידעניש און די ווענינע גוטע

מאמענטען אין לעבען, וועלכע קומען ווי אן איבעראשונג. און ניט נאר דער דורכשניטליכער מענש, אפילו גרויסע געלערענטע טראגען זיך ארום מיט דעם פעסימיסטישען געדאנק, ווי למשל דער געלערענטער אלראזי (באריהמט אלס דאקטאר און דענקער, וואס האט געלעבט אין איין צייט מיט רבי סעדיה גאון. איצט ווערט ער פאררעכענט אלס דער ערשטער פעסימיסט לויט שאפענהייער'ס שיטה) האט פארפאסט א בוך, וואו ער רעכענט אויס אלערליי אומגליקען אויפ'ן מענשען, געגען וועלכע די גוטע מאמענטען זיינען ווי א טראפען אנטקעגען ים. און קומט צום באשלוס, אז ס וואלט גלייכער געווען גארניט געבוירען צו ווערען".

דער רמב"ם רופט די טענות „נארישקייט און משוגעת", דער הויפט טעות איז, צו אורטיילען פונ'ם פרט אויפ'ן כלל, דער פרט איז ער אליין, און אויפ'ן יסוד פון ענגען עגאאיזם בויענדיג מוז ארויסקומען א פאלשער פועל־יוצא.

פעסימיזם קומט פון עגאאיזם. דער פעסימיסט דענקט, אז די גאנצע וועלט איז באשאפען געווארען און דרעהט זיך נאר ארום איהם, אויסער איהם איז קיין מציאות גאר ניטא. דערפאר, ווען דאס לעבען איז געגען זיינע פארלאנגען, ווערט ער אין כעס, און באשליסט, אז די גאנצע וועלט טויג ניט.

זאל ער אבער זיך ארויסהויבען העכער פון זיינע פערזענליכע אינטערעסען און באטראכטען דעם גאנצען אוניווערס, דאן וועט ער דערזעהן זיין קליינקייט אין פארגלייך מיט'ן וועלט־אל, ער וועט איבערצייגט ווערען, אז זיינע צרות קומען ניט פון די קערפערלאזע אינטעלעקטען (שכלים נבדלים), ניט פון די שטערען און ספערענקרייזען (כוכבים וגלגלים), אויך ניט פון די וועלט־יסודות, נאר פון אייגענע נארישקייט, שלעכטקייט, אדער נאכלעסיגקייט וואס ער טוט, אליין זיך פאר־דארבענדיג, ווי דער פסוק זאגט: „אולת אדם תסלף דרכו ועל ה' יזעף לבו" (דעם מענשען'ס נארישקייטען פארקרימען זיינע וועגען און אויף גאט איז ער אין כעס). דערפאר הערשט אזא הארמאנישע גוטסקייט אין דער גאנצער מציאות, מחמת די אנדערע באשאפענע געהען אויף דעם גלייכען וועג פון גאט'ס באשאפענע נאטור. איינער איז דאס מין מענש מיט זיין פרייען אויסוואהל, און באגעהענדיג א פעהלער, צי מחמת נארישקייט, צי מחמת שלעכטקייט, ברענגט ער אויף זיך צרות.

דער בורא האט אלעמען באשאפען זוי זאל גוט זיין. פון איהם קומט קיין שלעכטעס ניט. פאראן צרות וואס קומען מצד דעם קערפער, באשאפען פון ער־דישע יסודות וואס בייטען די פארמען. אויף דעם יסוד איז געבויט די גאנצע מציאות: עס קען קיין נייע זאך ניט ווערען, סיידען דאס אלטע פארשווינדעט. דערפון קומט דער אומפארמיידליכער טויט, ווען ניט די פארשווינדונג פון די פרטים, וואלט ניט געקענט עקזיסטירען דער מין. א מענש וועלענדיג אויסמיידען דעם פראצעס פון „פארגעהן" איז אזוי ווי ער זאל וועלען ווערען א מלאך אהן א קערפער, ד.ה. דאס מין מענש זאל אויפהערען, ביידע זאכען צוזאמען זיינען צוויי קאנטראסטען אין איין געגענשטאנד (שני הפכים בנושא אחד).

עס זיינען פאראן נאטירליכע אומגליקען, ווי: געבוירען צו ווערען א בעל מום, אהן א האנט, אהן א פוס, אהן אויגען, אהן שפראך. אויך אזעלכע ווי: ערד־ציטערנישען, שרפות פון דונערען און בליצען א.ד.ג. אבער דאס זיינען זעל־טענע פאלען, אפילו ניט קיין טויזענטעל פראצענט פון דער אלגעמיינער צאהל וואס ווייסט דערפון ניט.

די אַפּטע און הויפּט צרות זיינען די וואָס מענשען טוען זיך אליין, און קענען אויסגעמידען ווערען לעבענדיג רעגעלמעסיג, זיך פיהרענדיג היגיעניש ביים עסען און טרינקען, ניט מקנא זיין, ניט יאָגען זיך צו פאַרכאַפּען די וועלט פאַר זיך, ניט צו בויען דעם אייגענעם גליק אויף אַנדערענס אומגליק, און בכלל זיך באַטראַכטען פאַר איין איינציג רינגעלע אין דער גאַנצער קייט וואָס מיר רופען „מציאות".

בעסטשטעלענדיג אַז איין בורא האָט אַלסדינג באַשאַפען לויט אַ פריהער באַשטימטען ציל, און אַז ער איז דער פיהרער פון אַלעם און אַלעמען, ווערט באַריהרט אַ וויכטיגע פראַגע וועלכע דאַרף קלאָהר ווערען צו יעדען גלויביגען.

די פראַגע איז: צי איז אַלסדינג פאַראויס באַשטימט אין דער פאָרמע פון אורזאַכע און עפעקט (סבה ומסובב), אָדער אַז דער מענש האָט אַ פרייע בחירה צו טאָן אַזוי און אויך פאַרקעהרט. אין ערשטען פאַל גלויבענדיג, פאַלט אַרונטער שכר ועונש (באַלוינונג און שטראָף), פלייסיגקייט און די איבעריגע פאַרזוכען פון׳ם מענשען בעסער צו ווערען אין מדות און למודים. אין צווייטען מוזען מיר באַגרענעצען דעם בורא׳ס כח איבער דעם מין מענש.

די שווערע און טיפע חקירה הויבט אויף אַ צווייטע פראַגע: ווי אַזוי קען מען צופּאַסען זיין פאָלשטענדיגע ידיעה פון אַלע פרטים, מיט אונזער פרייער בחירה? איז ווידער זיין ידיעה פאָלשטענדיג ארומנעהמענדיג, פרעגט זיך די אַלטע און נאָך ביז איצט ניט פאַרענטפערטע פראַגע פון „רשע וואָס איהם געהט גוט און צדיק וועמען ס׳איז שלעכט"? די אַלע פראַגען זיינען געקניפּט און געבונדען איינע מיט דער צווייטער וואָס לאָזען זיך באַזונדער ניט פאַרענטפערען.

אַט די האָזיגע פראַגע האָט געבראַכט זעהר פיל פאַלשע מיינונגען. די „פאַראירטע" זאָגען אַזוי: די פאַרפלאָנטערטע וועלט אָרדנונג קען זיין אויף איינע פון די צוויי אופנים: 1) ענטוועדער דער בורא וויים גאָרניט פון די אינדיווידועלע מענשען מיט זייערע טאָג טעגליכע פּאַסירונגען, דערפאַר איז אַלעס איבערגעלאָזען צום בלינדען צופאַל, אָדער 2) זיין ידיעה איז ארום אַלע סוגים און מינים מיט יעדען איינצעלנעם פרט באַזונדער, און אויף אַלעמען גיט ער אַכטונג.

צוגעגעבען אַז דער צווייטער פאַל איז מעהר צוגעפּאַסט צו זיין מהות; אָבער זעהענדיג ליידענדיגע צדיקים און טריאומפירענדע רשעים, די ערשטע ליידען הונגער און נויט, רדיפות און פאַרפאָלגונגען. בעת די צווייטע זיינען זאַט, צופרידען און מעכטיג, מוזען מיר זאָגען איינס פון די צוויי: ענטוועדער איהם אַרט ניט פאַר די איינצעלנע, זיי איבערלאָזענדיג אליין אויסצוקעמפען דעם לעבענס־קאַמף און דער שטאַרקערער זאָל בלייבען ביי אַלסדינג („כל דאלים גבר", אָדער ווי דער ענגלישער זאָגט „סהי סורוואיוועל אָף טהי פיטעסט") אָדער ער וויים יאָ, נאָר ער קען ניט איינשטעלען אַ בעסערע אָרדנונג.

נאָר ווימענדיג אַז צו איהם קען מען ניט צושרייבען קיין שוואַכקייט בנוגע איינצושטעלען אַ בעסערע אָרדנונג, און אויך ניט „דאָס ניט אַרען" דער רשע זאָל פאַרשלינגען דעם צדיק, מוזען מיר לאָגישערוויז קומען צום ערשטען באַשלוס, ד.ה. אַז זיין ידיעה האָט בלויז צו טאָן מיט׳ן כלל אָבער ניט מיט׳ן פרט, ער גיט אַכטונג עס זאָל עקזיסטירען דאָס מין מענש, כדי אין זיין וועלט זאָל קיין זאַך ניט פעהלען, אָבער איהם קימערט ניט דער איינצעלנער, און איז נאָך צופרידען מיט זיין פאַר־

שווינדונג, אויב נאר די אקציע העלפט צום פארזעצונג פון׳ם מין. אויף דער שיטה זאגט דעם רמב״ם:

— די וואס מיינען אזוי האבען קיין פארשטאנד ניט צו פיהלען, אז וועלענדיג אויסמיידען איין קליינע נארישקייט זיינען זיי אריינגעפאלען אין א פיל גרעסערע. ניט וועלענדיג צושרייבען צום בורא א געוויסע שוואכקייט אדער גלייכגילטיגקייט צו באגאנגענע שלעכטס פון איין מענשען צום צווייטען, זיינען זיי איהם חושד אין חסרון פון וויסען וואס אויף זיין וועלט געפינט זיך — דער גרעסטער חסרון וואס מען קען זיך אויסמאהלען. א טייל פון זיי האבען עס, אמת, דערפיהלט און פארענטפערט: ווייל גאט׳ס ידיעה איז א ריין־שכל׳דיגע, ניט ווי דעם מענשען׳ס חושים׳דיגע, דערפאר קען לאגישערוויין ניט געמאהלט זיין קיין ידיעה בנוגע פרטים, וועלכע ענטשטעהען און פארגעהען, ממילא אויך ברענגענדיג אן ענדערונג אין זיין ידיעה, בעת דאס מין איז אייביג אומענדערבאר — פונקט ווי זיין ידיעה.

אבער, גלויביגע, זיינען איבערצייגט אין זיין זעהן און וויסען. די טענה פון „ענדערונג" אין זיין ידיעה איז גארניט, ווייל די גאנצע וועלט איז דאך אמאל געווען „בכח" (פאר איהר באשאפונג) ערשט שפעטער, נאכ׳ן באשאפען, געווארען א „בפועל" און דאך פאלט קיינעם ניט איין צו טראכטען וועגען אן ענדערונג אין זיין ידיעה צוליב דעם. דער פרט גלייכט זיך אלזא אויס מיט דעם כלל.

דער ריכטיגער ענטפער אויף די דערמאהנטע פראגעס איז: די אלע אומ־ארדנונגען קומען ארויס, נאר ווען מען קוקט אויף זיי דורך אייגענע עגאאיסטישע ברילען; זאלען מיר קענען ווערען אביעקטיוו און גלייכצייטיג אויך צו קענען ארומנעהמען דעם גאנצען קאסמאס מיט איין בליק, וואלטען מיר געקענט געפינען א וואונדערבארע ארדנונג אין דער וועלט, ווי שפעטער ערקלעהרט.

אויסרעכענענדיג די אלע טענות לעגט ער פאר די פיר מיינונגען וועגען „השגחה" און זאגט ארויס זיין מיינונג, גלויבענדיג אז דאס איז די מיינונג פון דער תורה.

.10

השגחת כללית און השגחת פרטית

צו פארענטפערען די פראגע: אויף וויפיל גרייכט די ידיעה פון בורא אויף דער וועלט און ווי וויט ער גיט אכטונג אויפ׳ן גאנצען כלל און יעדען איינצעלנעם באזונדער. ברענגט דער רמב״ם פינף מיינונגען — פיר פון זיי פילאזאפישע, וואס זיינען ניט ריכטיג, און די לעצטע, פון אונזער תורה, וועלכע ער באשטעטיגט:

1) די עפיקורישע (דעת אפיקורס) אז עס איז קיין השגחה איבערהויפט ניטא, אלעס איז געווארען צופעליג, לויט דער צופעליגער באוועגונג פון די מיקראסקאַ־פישע אטאמען, אבער אהן א פלאן מאכער, אהן א פיהרער און אהן אן אכטונג געבער. דאס איז די מיינונג פון דעם גריכישען דעמאקריטוס, לויט ווי מיר וויסען פון זיינע שריפטען. דער רמב״ם שרייבט איהר צו צו עפיקור׳ן; נאר וועמעס מיינונג עס זאל ניט זיין, האט אריסטאטעל זי צוריקגעוויזען, ווייל די וואונדער־

בארע ארדנונג וואס הערשט אין דער בריאה לאזט ניט גלויבען אויף איהר צופעליגער ענטשטעהונג.

2) די אריסטאטעלשע, אז אויף מאנכע זאכען איז דא השגחה און אויף אנדערע ניט. די העכערע וועלטען, גלגלים און ספערען, וועמעס אינדיווידועלע עקזיסטענץ איז — ווי שוין פריהער ערקלעהרט — אייביג און אומענדערבאר לויט זיין שיטה, זיי זיינען שטענדיג אונטער גאט'ס אויפזיכט (אזוי האט אלעסאנדער אפראדיזיאס — אלכסנדר הפרדוסי, ווי דער רמב״ם רופט איהם — פארשטאנען פון אריסטאטעל'ס ערקלעהרונג). אין „השגחה" דארף לויט אריסטאטלען פארשטאנען ווערען „השפעה", ווארים ער זאגט דאך אז די וועלט איז פון איהם ניט באשאפען געווארען, נאר ארויסגעשטראהלט פון זיין מהות, ווי דאס פלאם פון פייער אדער דער רויך פון ברענענדיגע זאכען. פון דער „השפעה" נעהמען די אויבערשטע קערפערן צו גאר־איין, דערפאר זיינען זיי אונטער דער דירעקטער השגחה (השפעה) ניט נאר זייער כלל, נאך אפילו זייער יעדער פרט באזונדער, ממילא זיינען זיי אייביגע סיי אין מין, סיי אין איינצעלהייט, אזוי ווי זיין השפעה איז אייביג; אבער דארטען ענדיגט זי זיך. די וועלט וואס אונטער דער לבנה (למטה מגלגל ירח) איז אן אפשטראהלונג פון די גלגלים, דערפאר זיינען זייערע איינצעלנע אונטערווארפען דעם פראצעס פון קומען און פארגעהן, בעת דאס מין בלייבט אייביג און אומפארענדערט, אזוי ווי די הימעלשע קערפערן פון וואנען זיי קריגען די השפעה. למשל: די פלאנץ (צמח) ווערט נאר פארזארגט מיט דעם כח צו וואקסען, דאס איז נויטיג אנצוהאלטען העם מין, נאר יעדער פרט ווערט איבערגעלאזען צום צופאל. דאס לעבעדיגע (חי) עס זאל קענען וואקסען, וויסען וואו צו זוכען זיין עסען, פארשטאנד צו אנטלויפען פון שעדליכקייט, זיך באשיצען פון אנפאלער, האבען קינדער, זיי אויפהאדעווען א. א. וו. אפגעטאן דאס חאזיגע, ווערט עס איבערגעלאזען צום צופאל, ווייל דערמיט וועט שוין דער מין עקזיסטירען, און פאר די פרטים ארט קיינעם ניט. דאס זעלבע איז מיט'ן מין מענש (מדבר) ער זאל זיך ענטוויקלען אין שכל, אויסארבייטען גוטע געזעצען, ווייל דאס איז נויטיג אנצוהאלטען זיין מין, אבער ניט מעהר.

דער רמב״ם, אין דריטען טייל פרק י״ז, אילוסטרירט אריסטאטעל'ס מיינונג מיט פאלגענדע ביישפילען:

ווען עס ברעכט אויס א שטורם־ווינט, איז גאנץ נאטירליך ער זאל ארונטערבלאזען די בלעטער און אפברעכען צווייגען פון א בוים, ארונטערקייקלען שטיינער פון א בארג, מיטטראגען זאמד־כוואליעס און דערמיט פארשיטען געוויקסען, צעשטורימען דעם ים, די כוואליעס זאלען איבערקעהרען די שיף, איהר צוברעכען, און אלע, אדער טיילוויז פון די רייזענדע, זאלען דערטרונקען ווערען. אזוי איז די טבע פון א שטורם־ווינט און דאס זיינען זיינע רעזולטאטען, קיין אונטערשייד ניט צי עס ווערט צוטראטען א ווארים אדער עס ווערט דערטרונקען א מענש; צי א בהמה, זיך אויסרייניגענדיג אויף א מילבען נעבט און מיט איהר מיסט זיי אלעמען פארדעקען און צעקוועטשען אדער א ווינט האט איינגעווארפען א געבעטהויז, וואו הונדערטער פרומע מענשען האבען געהאלטען אין מתפלל זיין; קיין אונטערשייד ניט צי א קאץ האט פארצוקט א מויז, א שפין האט פארפלאנטערט א פליג, אדער א הונגעריגער לייב האט באגעגנט א נביא, איהם פארצוקט און

אויפגעגעסען, ווייל אלץ וואס עס פאסירט מיט דעם איינצעלנעם איז בלויז א צופאל, אדער געניער געזאגט: א פראצעס פון דער נאטור, א רעזולטאט פון אורזאך און עפעקט (סבה ומסובב).

עס איז איבעריג צו ערקלעהרען, ווי ווייט די מיינונג איז פון יעדען אמונה באגריף בכלל און דער אידישער אמונה בפרט.

3) דעם עקסטרים פון אריסטאטעל׳ס מיינונג האבען אנגענומען די אשי־ראיטען (כת האשעריאה מן הישמעאלים) זיי, וואס האלטען זיך אן בוכשטאב פון קאראן און זיינען געווען פארעכענט אלס די קאנסערוואטיווען פון דער מאטקאר־לימוזים שולע, אין געגענזאץ צו די פארטגעשריטענע מוטאליזיטען, מיינען אז אויף אונזער וועלט איז קיין שום צופעליגע זאך ניטא, נאר אלסדינג איז פון גאט פאראויס באשטימט. צוגעבענדיג דעם פריהערדיגען משל פונ׳ם רמב״ם לויט אריסטאטלען, זאגען זיי אבער אז דער ווינט וואס האט איינגעווארפען דאס געבעט הויז איז ניט געקוממען צופעליג, נאר ער האט געמוזט קוממען אין יענעם מאמענט, און האט גע מו זט צוברעכען די שיף, דערטרינקען די רייזענדע, ווייל זייער טויט איז אויך פון פריהער געווען באשטימט, און דער ווינט איז בלויז דער שליח געווען; ווארום א מענש שלאגט זיך ניט אן אפילו א פינגער אהן א פריהער באשטיממטען באשלוס, און די פיס פונ׳ם מענשען זיינען געשטעלט געווארען איהם צו ברענגען דארט וואו ער דארף שטארבען. איינער געהט — ווייל עס איז נגזר געווארען ער זאל ניט שטעהן, און פארקעהרט: איינער שטעהט, ווייל ער האט קיין פרייען ווילען צו געהן. דערפון קומט ארויס, אז קיין פרייער ווילען איז גאר ניטא, קיין צופאל קען גאר ניט געמאלט זיין, און קיין מענש האט קיין מעגליכ־קייט ניט יא צו טאן אדער ניט צו טאן, אפילו צו קענען טאן מצוות — אויב עס איז ניט באשטימט געווארען ער זאל זיין אזוי. וועט איינער פרעגען: און אויב אזוי, טא פארוואס קומט דעם זינדער צו שטראפען, ווען ער איז באמת געצוואונ־גען אין זיינע מעשים? ענטפערען זיי: דאס גופא איז אויך באשטימט פאר־אויס, דער געזעצגעבער זאל ווארנען, ער זאל טאן פארקערט, און דערפאר וועט מען איהם געבען א שטראף.

דער וועג איז ניט נאר געגען אמונה, נאר אויך געגען שכל און עטהיק, ווי יעדער איינער קען פארשטעהן, רעדען געגען דעם איז איבעריג.

4) די מאטוזאליסטען האבען גענוממען דעם מיטעלוועג אין דער טיפער פראגע: דער מענש איז פריי אין זיין אויסוואהל, דערפאר איז געמאלט באלוינונג און שטראף. אבער זיי גלויבען אויך אז גאט וויים אלסדינג און גיט אכטונג אויף אלעמען, ער ווייס ווען דער מילבען־נעסט ווערט צוטראטען און ווען דער בלאט פון בוים פאלט ארונטער. ער וויים אויך פאראויס דעם מענשענס פרייע בחירה, דערפאר איז דער מענש אונטערווארפען באלוינונג און שטראף. זעהענדיג ווי קינדער ווערען געבוירען מיט געוויסע פעהלערען, פון וועלכע זיי ליידען דאס גאנצע לעבען, נאר נאך ניט האבנדיג געזינדיגט, ענטפערען זיי, אז דאס איז אהן ספק פאר יענעמס טובה ווענען, כאטש מיר קענען עס ניט אויסגעפינען מיט׳ן שכל.

דערויף פרעגט דער רמב״ם: אויסער די אלטע פראגע: אויב אלסדינג ווערט געטאן מיט גאט׳ס צושטימונג און באשלוס, ווי אזוי קענען מיר זיך אויס־מאלען בחירה, פרעגט זיך נאך: אויב דעם צדיק׳ס יסורים זיינען פאר זיין טובה

וועגען, כדי אפצוקומען אויף דער וועלט און קומען א געלייטערטער אויף יענער — ווארום קריגט דער פאראורזאכער א שטראף? טוט ער דען דערמיט ניט גאט׳ס ווילען? אויב איינער דארף געשטראפט ווערען, מוז דאך זיין א שטראפער.

ווי מיר זעהען, קען ניט איינע פון די פיר מיינונגען צוגעפאסט ווערען צום גלייכען שכל, אויסער וואס זיי זיינען געגען אמונה. דער רמב״ם זוכט דערפאר א נייעם וועג אין השגחה, וואס זאל זיין לאגיש אויסגעהאלטען און אויך צושטימיג לויט דער מיינונג פון אונזער תורה בפרט און אמונה בכלל.

.12

די השגחה אויף׳ן מענשען

וואס מען דארף פארשטעהן אונטער „השגחה" ערקלעהרט דער רמב״ם אזוי:

די מיינונג פון אונזער תורה איז, אז דער מענש איז פריי אין זיין אקציע צו טאן וואס ער וויל, אויך אלעס וואס לעבט — ווי חיות, בהמות, עופות — קענען זיך באוועגען לויט זייער ווילען, נאר די פרייהייט פון באוועגונג און אקציע גופא איז מיט דעם בורא׳ס וויסען און צושטימונג, אזוי האט ער לכתחילה באשאפען דעם לעבעדיגען מין — דעם מענשען אריינגערעכענט, ער זאל זיין פריי אין זיין האנדלונג.

גלויבענדיג אין דער פאלשטענדיגער בחירה, ווערען בארעכטיגט אלע צרות וואס קומען אויף׳ן מענשען, אלס רעזולטאט פון זיינע שלעכטע אויסגעקליבענע מעשים. דער בורא האט קיין שלעכטעס ניט באשאפען, אזוי ווי דער וואס האט פאנאנדערגעלייגט א פייער האט קיין שלעכטעס ניט געטאן צום נאר וואס האט דארט אריינגעשטעקט זיין האנט און זיך אפגעברענט, אנשטאט דערויף אויסקאכען זיין עסען און האבען דערפון נוצען. ווארים דער מענש איז דאך פריי אין זיין אקציע און קען ביידע זאכען טאן, דערפאר האט ער נאר זיך אליין צו באשולדיגען אין זיינע צרות.

ווי מיר זעהען איז די מיינונג ניט ווי ארסטאטעל׳ס, וואס מיינט אז אלדינג איז בלויז צופעליג, ניט ווי די אשאיריטען־פאטאליסטען, אז אלעס קומט פון פאראוים באשטימט, אויך ניט ווי די מאטאזוליסטען וואס שרייבען עס צו צו זיין חכמה, אז אלעס איז אויסגערעכענט פאר דעם מענשענ׳ס טובה וועגען. די אלע שטעלען דאך אוועק דעם מענשען אן א זייט, ניט זיינע גוטע מעשים קענען איהם העלפען, ניט זיינע שלעכטע — שאדען. די איינציגע מיינונג איז פון דער תורה, וואס מאכט דעם מענשען גופא פאר דעם הויפט פאקטאר אין זיין שיקזאל, דערפאר, זייענדיג א בעל בחירה קען ער זיך גוטס טאן, און ניט האבען צו קיינעם קיין תביעה, אויסער צו זיך אליין, ווען איהם איז שלעכט.

וועט איינער פרעגען: אויב אלע לעבעדיגע ברואים האבען א פרייען אויסוואהל, הארפען זיי דאך אויך זיין אונטערווארפען שכר ועונש (באלוינונג און שטראף)? זיין ענטפער איז: די מאטאזוליסטען מיינען טאקע אזוי, און אפילו איינער פון אידישע גאונים (דא מיינט ער רבנו סעדיה גאון, כאטש ניט דערמאנ־

נענדיג זיין נאָמען) האלט אזוי, נאָר אין תורה, נביאים און חכמים, ווערט עס ניט דערמאָנט. דערפאַר מיינט דער רמב״ם, אַז בלויז דער מין מענש ציהט אויף זיך דעם בורא׳ס השגחה אויף יעדען פּרט באַזונדער, און נאָר די פּרטים פון דעם מין ציהען דעם ריכטיגען פּועל יוצא פון גוטע אָדער שלעכטע מעשים, אָבער ניט די איבעריגע ברואים אויף דער ערדישער וועלט. בנוגע זיי איז ער מסכים מיט אריסטאָטלען, אַז די השגחה איז נאָר אויפ׳ן מין, ניט אויף יעדען איינצעלנעם באַזונדער. אין דריטען טייל, פּרק י״ז זאָגט ער: איך הויב ניט אָן צו גלויבען אַז די השגחה האָט גוזר געווען אויפ׳ן בלאַט ער זאָל זיך אָפּרייסען פונ׳ם בוים, אַז ראובנ׳ס שפּייעכץ זאָל שוועבען אין לופט ביז צו דערגרייכען דאָס פליגעלע און איהם דערטרענקען, אָדער אז די פיש זאָל פאַנגען דאס וואסער־פליגל אויפ׳ן וואסער. די אַלע און אַנדערע ענליכע מעשים זיינען ניט מעהר ווי צופעליגקייטען, אַזוי ווי אריסטאָטעל זאָגט.

פון די רייד קענען מיר פאַרשטעהן, אַז דער רמב״ם איז מודה צו אריסטאָטלען אין צוויי זאַכען: א) אז גאָט׳ס השגחה אין די העכערע וועלטען הערשט אויפ׳ן גאַנצען כלל און אויך אויף יעדען איינצעלנעם פּרט באַזונדער, אָבער אין אונזער ערדישער וועלט הערשט זי נאָר אויף דעם כלל, ד.ה. די מינים, ניט אויף דעם פּרט, ער ווערט איבערגעלאָזען צום צופאַל. דער אונטערשייד צווישען זיי ביידען איז, וואָס לויט דעם רמב״ם איז אויפ׳ן מין מענש אויך די זעלבע השגחה ווי אויף די אויבערשטע וועלטען. ב) אַז השגחה קומט אין אַ רעזולטאַט פון השפּעה, און זי גופא קומט מצד די צוגרייטונג פונ׳ם שכל, אויפצונעהמען דעם אַלוועלטליכען שכל. פאַלגליך, די צוגרייטונגס ארבייט קען טאָן נאָר דער מין מענש, דערפאַר קען אויף איהם רוהען דעם בורא׳ס השגחה און השפּעה, און די ערשטע קאָנטראָלירט אלע זיינע אקציעס און רעזולטאַטען „פון באַלוינונג און שטראָף״. דאָס איז דער פּועל יוצא פון אריסטאָטעלס יסוד, געגען זיין שיטה.

דערפון קענען מיר פאַרשטעהן, אַז אין דעם מין מענש גופא זיינען פאַראַן עטליכע מינים השגחות און אזוי פיל מינים השפּעות. ביידע זאַכען קומען לויט דעם מענשענ׳ס הכנה ארויפצונעהמען די השפּעה פונ׳ם וועלט אינטעלעקט, און לויט דעם קומט די השגחה. זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז די נאַרישע מענשען וואָס זיינען נאָך דערצו שלעכט און ווידערשפּעניג אויך, וואָס פאַרשטעהען ניט מעהר ווי א חיה און טוען מער שלעכטס פון יענע — אזעלכע קריגען גאָרניט פון דער השפּעה און ממילא אויך ניט פון דער השגחה.

אָט דאָס זאָל זאָגען דער פּסוק: רגלי חסידיו ישמר ורשעים בחשך ידמו — ער גיט אַכטונג אויף יעדען טריט פון זיינע זיטליכע מענשען, אָבער די רשעים ווערען פאַרשניטען אין דער פינסטער, ניט קיינער זעהט זיי, ניט קיינעם אַרט פאַר זיי, פּונקט ווי די איבעריגע בעלי חיים וואָס זיינען אונטערוואָרפען דעם צופאַל, און מען וואָלט זיי אפילו געמעגט הרג׳ענען, נאָר די תורה האָט עס פאַר־באָטען כדי מענשען זאָלען זיך ניט לאָזען איינגעוואוינען פון דער מדה אכזריות, אזוי ווי דער פאַרזאָג פון צער בעלי חיים, שלוח הקן, און נאָך פון דעם מין — ניט פאַר זיי, נאָר פאַר אונז מענשען. זיך ניט איינצוגעוואוינען אין אכזריות, נאָר איינפלאַנצען אין הארצען די מידה פון רחמנות.

(באַמערקונג: אזוי דאַרף מען פאַרשטעהן זיינע ווערטער „ואמנם הסכלים

והממרים כפי מה שהתרו מן השפע ההוא, היה ענינם נבזה בסדר שאר אישי מיני בעלי חיים, נמשל כבהמות נדמו, ומפני זה היה קל להרגם אבל צוה בו לתועלת (מו״נ חלק ג׳ פרק י״ח) לויט די ערקלעהרונגען פון זיינע מפרשים: שם טוב, אפודי און קרקשקש, זאָל דער רמב״ם מיינען אז פראָסטע מענשען איז ניט נאָר ערלויבט זיי צו הרג׳ענען, נאָר אפילו א מצוה דאָס צו טאָן. אזא שטרענגען אורטייל אויף דער מעהייט פון׳ם מין מענש, וואָס פאַלט זיך פאַר די שטאָלצע פילאָזאָפען פון אריסטאָטעל׳ס שולע, אָבער ניט פאַר אַ אידישען דענקער, האָט געבראַכט גרויס געגנערשאַפט צום רמב״ם מיט זיין פילאָזאָפיע. דער אמת איז ווי מיר האָבען עס ערקלעהרט... און אפשר איז דאָס אין איינקלאַנג מיט זיין געדאַנק אין דער פתיחה צום פירוש המשניות אויף זרעים, וואו ער דערווייזט אז דער תכלית פון׳ם מין מענש איז דער איינצעלנער געלעהרטער, בעת די איבעריגע עקזיסטירען נאָר צוליב איהם, און אויב אזוי, קען דער „לתועלת" מיינען: די נוצען פון דעם איינצעלנעם וואָס קריגט אויף זיך די מעהרסטע השגחה און השפעה. דער געדאַנק, כאָטש ווייט פון׳ם אידיש טראַדיציאָנעלען געדאַנק, וואָס ווערט אויסגעדריקט אין די ווערטער „כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא", איז אבער לכל הפחות אויסגעהאַלטען זיין שיטה מיינענדיג דערמיט צו באַרעכטיגען זייער עקזיסטענץ.

דעם משל מיט דער אונטערגעגאַנגענער שיף ערקלעהרט ער אזוי: אריסטאָטעל איז גערעכט, זאָגענדיג אז דאָס אונטערגעהן פון אַ שיף אָדער דאָס איינפאַלען פון אַ הויז דורך אַ גרויסען שטורם, איז אַ נאַטירליכער צופאַל, און די אונטערגעגאַנגענע מענשען אין ביידע פאַלען זיינען ניט מעהר ווי נאַטירליכע רעזולטאַטען. אָבער ער גלויבט, אז גאָט׳ס השגחה איז יאָ געווען, אז דוקא די מענשען זאָלען בעת מעשה זיך געפינען אין יענעם הויז אָדער אין יענער שיף. יענע זיינען שוין פריהער געווען פאַראורטיילט צום טויט, און ער האָט זיי דאָרט געמאַכט צו קומען און שטאַרבען; ניט וויסענדיג דעם אורשפּרונג מיט דער גאַנצער קייט פון סבות, ווי איינס האָט דאָס צווייטע פאַראורזאַכט, מוזען מיר אָבער גלויבען, אז דער בורא איז עס געווען וואָס האָט געגעבען דעם ערשטען שטויס, ביז עס זאָל קומען צום ענדליכען רעזולטאַט.

אָט דער מין השגחה, זאָגט דער רמב״ם, איז אָנגעוויזען אין דער תורה דורך אומצעהליגע פסוקים, אין די ספורים וועגען די אבות, וועגען אדם און נח, יציאת מצרים, די אזהרות צו יעדען איינצעלנעם וואָס יאָ און ניט צו טאָן, מיט די שטראָפען „ונתתי פני באיש ההוא, והאבדתי את הנפש ההיא, כי אשר חטא לי אמחנו מספרי" און נאָך און נאָך אַזעלכע פסוקים וואָס ווייזען גאָט׳ס השגחה אויף יעדען איינצעלנעם באַזונדער. דעם פאַקט פון נבואה קען מען זיך דאָך אנדערש נישט ערקלעהרען.

אָבער בנוגע די פרטים פון אַנדערע בּרואים, לעבעדיגע און געוויקסען, איז זיכער אז זיי זיינען איבערגעלאָזען געוואָרען צום צופאַל, ווי אריסטאָטעל זאָגט. דערפאַר איז ערלויבט שחיטה און דאָס באַנוצען זיך מיט זיי צו אַלערליי שווערע אַרבייט. דער נביא חבקוק, זעהענדיג ווי מענשען רויבען און מאָרדען זייערע מענשען־ברידער, קלאָגט זיך: וואָרום האָסטו, גאָט, געמאַכט דעם מענשען הפקר ווי די פיש פון וואַסער, ווי אינסעקטען וואָס קיינער גיט אויף זיי ניט אַכטונג?

דאָ זעהט מען קלאָהר, דעם אונטערשייד צווישען דעם איינצעלנעם מענשען און די איינצעלנע בהמות: די ערשטע דארפען ליגען אונטער זיין פּערזענליכער השגחה און די ערשטע — אונטער'ן צופאַל.

די אַלע פסוקים און מאמרים ווי: פּותח את ידיך ומשביע לכל חי רצון, נותן לבהמה לחמה, און די מאמרים פון דעם סאָרט: יושב וזן מקרני ראמים עד ביצי כינים, לערענט ער איין אויף די גאַנצע מינים, און דעריין קומט ער זיך צוזאמען מיט אריסטאָטלען, לויט ווי אלכסנדר הפרדוסי פארשטעהט אין איהם. דאס וואס מיר זיינען פארזאָגט ניט צו פּייניגען קיין לעבעדיגע בהמות, ניט צוצונעהמען צוזאמען די מוטער־פויגעל מיט די אייער אָדער פויגעלאך, ניט פארבייצוגעהן אַן אייזעל וואָס ליגט אונטער זיין משא און נאָך אַזעלכע אזהרות, זיינען געצילט, ניט פאר זייער תועלת, נאָר פאר אונזערען, כדי מיר זאָלען זיך איינגעוואוינען אין דער מידה פון רחמנות.

אָבער גלויבענדיג דעריין טאָרען מיר ניט מיינען אַז דער בורא קען ניט געבען זיין השגחה אויף יעדען פּרט באַזונדער, דערפאר באַנוגענט ער זיך בלויז מיט די מינים אליין, וואָרים דערמיט וואָלטען מיר דאָך געמאַכט אַ גרעניץ אין זיינע מעג־ליכקייטען — דאס וואס עס איז ניטאָ. מיר זאָגען אָבער אַזוי, ווייל די השגחה געהט צוזאמען מיט דער השפּעה, וואָס איז, ווי דער בורא אליין, אַ ריין שכל'־דיגער, דערפאר קען עס קריגען נאָר דער וואָס האָט שכל, אַן וועלכען דער וועלט אינטעלעקט קאָן זיך באַהעפטען.

דער גאַנצער געדאַנק ווערט אויסגעדריקט אין אַכטען קאפּיטעל תהילים, וואו דער משורר קען אַנפאנגס ניט פארשטעהן ווי אַזוי איז דער מענש געשטעלט גע־וואָרען אויף דער זעלבער מדרגה מיט די אויבערשטע וועלטען, הימלען, זון און שטערען; נאָר געפינענדיג אין איהם דעם „מעט מאלהים", ד.ה. שכל, איז איהם קלאָהר געוואָרען זיין מעגען הערשען איבער אַלע חיות און פיש און בהמות. וואָרים ער, מיט זיין שכל, איז דער דעמאָנסטרירער פון גאָט'ס שכל אויף דער ערד.

פעסטשטעלענדיג די השגחה פּרטית אויף יעדען איינצעלנעם מענשען, ווערט אָפען דער ראַציאָנאַלער וועג צו נבואה, וואָס וועט ערקלעהרט ווערען לויט דעם רמב"מ'ס מיינונג אין די ווייטערדיגע קאפּיטלען.

.12

נבואה און נביאים

ווי מיר ווייסען פון פריהער, איז דעם רמב"מ'ס מיינונג וועגען השגחה גלייך צו אַריסטאָטעל'ס, מיט דעם אונטערשייד וואָס דער לעצטער דענקט, אַז אויף אונזער וועלט איז זי בלויז אויף'ן מין, אפילו ביי מענשען אויך, בעת דער רמב"ם דרינגט אַז יעדער יחיד פון'ם מין מענש שטעהט אויך אונטער גאָט'ס השגחה. זעלבסטפערשטענדליך נאָר אויף די יחידים וואָס האָבען דערגרייכט אַ הויכע מדרגה אין ענטוויקלונג פון'ם שכל, זיין הויפּט ארגומענט געגען אַריסטאָטעל'ס באַהויפּטונג איז פאָלגענדער:

לויט אַריסטאָטלען גופא מוז דער געטליכער שכל, בעסער געזאָגט: השפעה,

האָבען אויף וואָס צו רוהען, דאָס הייסט: דער געגענשטאַנד זאָל זיין אַן עקזיס־טעניץ, און מיר זעהען אַז נאָר די יחידים עקזיסטירען אין דער ווירקליכקייט, בעת דאָס „מין" איז בלויז אַ באַגריף, אַן אידייע, אַ פאָרשטעלונג אין אונזער שכל פון ערפאַהרונג, וואָס האָט זיך איינגעוואוינט צו קלאַסיפיצירען זאַכען אין מינים און סוגים. און אויב אַזוי, ווי קען גאָט׳ס השגחה זיין אויף אַ זאַך וואָס עקזיסטירט ניט? מוזען מיר אַלזאָ זאָגען, אַז די השגחה איז אויף יעדען איינציגלנעם באַזונדער. (ולא יתכן שנאמר: שהשגחה מינית לא אישית... אחר שאין נמצא חוץ לשכל בלתי האישים ובאלו האישים נדבק השכל האלהי, אם כן ההשגחה אמנם היא באישים האלה (מו"נ חלק ג׳ פרק י"ח).

אָט דער אַרגומענט איז ניט גאַנץ אויסגעהאַלטען, ווייל דאָס זעלבע קענען מיר פרעגען אויף דער איינטיילונג אין מינים פון אַנדערע לעבעדיגע ברואים, וואָס איז „בלויז אין אונזער שכל", און האָבען אויסער איהם קיין עקזיסטענץ ניט. עס עק־זיסטירען אָבער יאָ די יחידים, וואָלט נאָר אויף זיי געדאַרפט חל זיין די השפעה — געגען דעם רמב"מ׳ס און אַריסטאָטעל׳ס מיינונגען צוזאַמען? נאָר אונזער אויפ־גאַבע איז דאָ ניט צו פרעגען קשיות, נאָר צו איבערגעבען זיין שיטה, וועלען מיר מעהר ניט רעדען וועגען דעם ענין. גענוג פאַר אונז צו וויסען, אַז דער בורא אינטערעסירט זיך מיט דעם יחיד פונ׳ם מין מענש, ממילא קען שוין געמאַלט זיין באַלוינונג און שטראָף, פאַרזאָגונג ווי אַזוי זיך צו פיהרען, און וואָרנונגען געגען שלעכטע רעזולטאַטען פיהרענדיג זיך אַנדערש.

דערמיט פאַרדינען מיר די מעגליכקייט פון תורה מן השמים און נבואה. דאָס ערשטע וואו דער בורא האָט אָנגעוויזען יעדען יחיד דעם ריכטיגען וועג, און דאָס צווייטע וואָס האַלט אין איין וואָרנען געגען אוועקגעהן אויף שלעכטע וועגען, וואָס מוז זיך ענדיגען שלעכט אין דער צוקונפט.

נבואה איז אַ השפעה פון גאָט אויף דעם מענשליכען שכל, דורך דעם שכל הפועל (וועלט־אינטעלעקט), וועלכער איז אַן אָפּשטראַהל פון דעם בורא׳ס וויסען. און אַזוי ווי צו זיין וויסען איז קיין גרעניץ ניטאָ, ער קען וויסען וואָס עס וועט זיין אַזוי ווי דאָס וואָס עס איז שוין געווען, קען דער מענשליכער שכל — אויב נאָר גענוג צוגעגרייט — זעהן דעם עתיד אַזוי גוט ווי דעם עבר. די פראַגע איז נאָר: וואָס זיינען די נויטיגע הכנות כדי צו קענען ווערען אַ נביא? דערויף ענט־פערט דער רמב"ם אַזוי:

פאַראַן דריי פאַרשיידענע מיינונגען וועגען די אייגענשאַפטען וואָס אַ נביא דאַרף באַזיצען כדי צו זוכה זיין די מדרגה פון נבואה:

1) די מיינונג „פונ׳ם נאַרישען המון איבער דער וועלט, און אפילו אַ טייל פון אידען", אַז גאָט דערוועהלט וועלכען עס איז מענשען און שיקט איהם זאָגען נביאות. קיין אונטערשייד ניט צי איז ער אַ חכם צי אַ נאַר, יונג צי אַלט, אַבי נאָר ער האָט עטליכע גוטע מידות. קיינער, אפילו פון די שוטים, וואָגט ניט צו זאָגען, אַז ער קלייבט אויס פאַר אַ נביא אַ רשע, נאָר זיי זאָגען יאָ, אַז ער נעהמט אַ רשע, מאַכט פון איהם אַ גוטען מענשען כדי נאָכדעם צו קענען מאַכען פאַר אַ נביא.

אין קורצען: זיי דענקען, אַז נבואה קען מען ניט באַגרייפען מיט׳ן פאַר־שטאַנד, זי באַשטעהט פון לויטער נס, איבערנאַטירליכקייט, דערפאַר ווערט דאָ ניט געפאָדערט קיין תנאים און הכנות מצד דעם מענשען. נס קען זיין אומעטום

און אונטער אַלע אומשטענדען, פאַר איבערנאַטירליכקייט עקזיסטירען ניט קיין גרעניצען צווישען מעגליך און אונמעגליך (אַבּרבּנאל ח״ב, פּרק ל״ב).

2) די מיינונג פון פילאָזאָפיע, אַז נבואה איז אַ באַשטימטע פאַרפאָלקאָמענונג אין דער מענשליכער נאַטור. די דאָזיגע פאָלקאָמענהייט קען דערגרייכען נאָר יענער וואָס האָט אַ סך געלערענט, געשטודירט ביז ארויסצוברענגען די מעגליכע נשמה פעהיגקייט אין דער ווירקליכקייט.

לויט דער דאָזיגער מיינונג קען אַן אונוויסענדער קיין נביא ניט זיין, איינער קען זיך ניט לייגען שלאָפען אַ געוועהנליכער מענש און אויפשטעהן אַ נביא. ער מוז עס קענען ווערען, מצד זיין טבע און לעהרע, סיידען עס קומען אריין אנ־דערע מניעות, ווי: קראַנקהייטען, טרויער — וואָס שטערען די נבואה אפילו ביי די וואָס זיינען צוגעגרייט דערצו. אָהן די זייטיגע שטערונגען מוז דער פאַר־פאָלקאָמטער מענש זיין אַ נביא, אַזוי ווי דער פאָלקאָם געזונטער מענש עסענדיג מוז צוקריגען בלוט און מאַרך.

3) די מיינונג פון אונזער תורה, וואָס איז לויט דעם רמב״ם גלייך צו דער פילאָזאָפישער, מיט איין וויכטיגען אונטערשייד, דאָס עס קענען זיך געפינען אַזעלכע מענשען מיט אַלע געפאָדערטע מעלות און דאָך קיין נביאים ניט זיין אָהן גאָט׳ס אויסדערוועהלונג. די פאַרבּאַרייטונג אַליין איז נאָך ניט גענוג, עס דאַרף דערביי אויך זיין גאָט׳ס ווילען.

דער דאָזיגער תנאי איז אַ פאַקט, כאָטש מיר פאַרשטעהען ניט וואָרום. לויט דער נאַטור פון דעם ענין דאַרף יעדער מענש מיט די נויטיגע פאַרבאַרייטונגען קענען זיין אַ נביא.

דער נס איז אַלזאָ נאָכ׳ן רמב״ם ניט אין ווערען אַ נביא, ווייל דאָס איז דאָך דער נאַטירליכער רעזולטאַט פון דער פאַרבאַרייטונג אין לעהרע און מדות, נאָר אין דעם ניט קענען זיין אַ נביא, כאָטש זייענדיג מיט אַלע נויטיגע מעלות. פילאָזאָפיע זאָגט טאַקע, אַז אַזאַ זאַך קען ניט געמאָלט זיין, נאָר יעדער צוגעגרייטער מוז עס ווערען, ווייל די טבע איז אַזוי, פּונקט ווי אונטערצינדענדיג אַ שטיק האָלץ זאָל ווערען אַ פייער, און ארויפגיסענדיג דערויף וואַסער זאָל פאַרלאָשען ווערען; נאָר דער רמב״ם וואָס גלויבּט אינ׳ם נס, וועלכער רייסט זיך אָפּט אריין אין דער טבע און ענדערט דעם גאַנצען פּראָצעס — ער באַהויפּטעט עס אין נאָמען פון דער תורה, געבויט אויף איהרע אָנגעגעבענע פאַקטען.

1) וואָס „בני הנביאים" זיינען געווען אַ סך, גאַנצע גרופּען, וועלכע האָבען נאָכגעפאָלגט יעדען נביא („להקת נביאים" ביי שמואל׳ן וועלכע שאול האָט באַ־געגענט „בני הנביאים" ביי אליהו׳ן און אלישע׳ן) און דאָך זיינען פון זיי קיין נביאים ניט געוואָרען. אָט האָבען מיר אַ באַווייז, אַז טראָץ זייער צוגרייטונג האָבען זיי צו נבואה ניט דערגרייכט, מסתמא ווייל דערצו איז ניט געווען גאָט׳ס ווילען. דערפאַר געברויכט אויף זיי דער פּסוק דעם פּעל „התנבא" (זיך געמאַכט זאָגענדיג נביאות) ווי ביי אלדד ומידד „ויתנבאו ולא יספו", אין געגענזאַץ פון „הנבא" וואָס ווערט געברויכט אויף די עטאַבּלירטע נביאים.

2) ברוך בן נריה, וואָס איז געווען דער תלמיד מובהק פון ירמיהו׳ן, געוויס זיך צוגעגרייט מיט אַלעס וואָס ס׳איז נויטיג, און דאָך ניט געוואָרען קיין אנער־קענטער נביא, אויף וואָס ער האָט זיך שטאַרק באַקלאָגט, און ירמיהו האָט איהם

געדארפט זאָגנען אין נאָמען פון גאָט, דאָס ער זאָל קיין „גדלות" ניט זוכען (אונטער „גדלות" ווערט פאַרשטאַנען „נבואה").

ווע איינער פרעגען: ירמיהו הנביא איז דאָך באַשטימט געוואָרען צו זיין אַ נביא נאָך איידער ער איז געבוירען געוואָרען (בטרם אצרך מבטן ידעתיך... נביא לגויים נתתיך) דאָס מיינט דאָך זיכער איידער ער האָט געמאַכט די נויטיגע פאָר־באַרייטונגען? דער ענטפער איז, אַז דערין ווערט געמיינט די נאַטירליכע פעהיג־קייט אין איהם ער זאָל זיך קענען פאַרפאָלקאָמען אין די נויטיגע מעלות פון אַ נביא.

די פראַגע: ירמיהו הנביא האָט דאָך אליין געזאָגט „כי נער אנכי", און „יונג" מיינט: ניט צייטיג? דער ענטפער איז: „נער" אין העברעאיש קען אויך מיינען אַ דערוואַקסענער מענש וואָס איז שוין פאָלקאָם אַנטוויקעלט אין חכמה. יוסף הצדיק ווערט גערופען נער, זייענדיג דרייסיג יאָהר אַלט; „יהושע בן נון נער", אין דער עלטער פון לכל הפחות 57 יאָהר, דאָס זעלבע איז אויך מן הסתם ביי ירמיהו'ן, כאָטש מיר ווייסען ניט פינקטליך ווי אַלט ער איז געוועזען אָנ־פאַנגענדיג די נביאות.

און זאָל מען ניט מאַכען קיין טעות זעהענדיג דעם פסוק אין יואל „אשפך רוחי על כל בשר ונבאו בניכם ובנותיכם", וואָרים באַלד דאָרטען ערקלעהרט ער דעם אינהאַלט פון די נבואות: „חלומות" אילוזיעס (חזיונות), און אַזעלכע וואָס זאָגען מצד השערה, חלום אָדער כשוף, רופט מען אויך „נביאים", ווי למשל: „נביאי הבעל", „נביאי האשרה" און אין דער תורה גופא: „כי יקום מקרבך נביא או חולם חלום".

נאָך מעהר: אפילו ביי קבלת התורה, וואו אַלעם איז געוועזען נס, דאָך האָט יעדער־ער געזעהן בלויז לויט זיין מדרגה: ונגש משה לבדו — איין מדרגה — די העכסטע — האָט ער נאָר אַליין דערגרייכט, אהרן, מיט אַ מדרגה אַרונטער, נדב ואביהו, נאָך נידעריגער, די 70 זקנים, נידעריגער פון זיי, און צו לעצטען די מאַסען וואָס האָבען געזעהן בלויז דאָס פייער, געהערט דעם קול שופר — און די ווערטער גופא יעדער איינער לויט זיין מדרגה.

ביז איצט האָבען מיר גערעדט מכח אַ געוויסע פאָרבאַרייטונג אָהן וועלכע אַ מענש קען קיין נביא ניט ווערען. אָבער וואָס איז דאָס? וועלכע מעטאָדען דאַרף מען געברויכען און וואָס מוז מען דערגרייכען דורך דער פאָרבאַרייטונגס ארבייט?

.13

אנשויאונג און אורטיילס קראַפט

קומענדיג צו דער פראַגע: וואָס זיינען די מעלות דורך וועלכע אַ מענש קען דערגרייכען צו נביאות, שרייבט דער רמב"ם אַזוי:

„זיי ווייסען, אַז דער מהות פון ריכטיגע נבואה מיינט: אַ געדאַנקליכע שפע וואָס קומט פון בורא דורך דער פאָרמיטלונג פון וועלט־אינטעלעקט (שכל הפועל)

צוערשט אויף׳ן מענשענ׳ס לאָגישען געדאנק, נאָכדעם אויף זיין פארשטעלונגס קראפט (כח המדמה).

אונטער „פאָרשטעלונגס־קראפט" ווערט פארשטאַנען דער כח וואס ערקלעהרט די פשוט׳ע ארבייט פון אונזערע 5 חשים, בינדט צוזאמען ערשיינונגען, פארטיפט זיך אין זייער שייכות צווישען זיך, לערענט פון פארגאנגענע פאסירונגען די צו־קונפט, און באַלייכט געדאנקליך זיי אלעמען, געבענדיג איין געוויסען ציל און איין תכלית.

אַן אויבער־מענש, אָדער ווי מיר רופען איהם „נביא", איז נאָר יענער, ביי וועמען עס ארבייטען הארמאָניש דיביידע פריהער דערמאָהנטע כחות: לאָגיק (כח הדברי) און ריכטיג פארשטעלען (כח המדמה), דאָס איז די גרעסטע מדרגה וואס דער מין מענש קען דערגרייכען.

אָט די פאָלקאָמענהייט קאָן א מענש ניט קריגען בלויז דורך לערנען, דענקען און גוטע מידות; זייענדיג פאָלקאָם אין כחמה און לאָגיק קען יענער ווערען נאָר א חכם, אָבער ניט קיין נביא. אום צו ווערען א נביא מוז מען זיין ערוויף געבוירען (ווי ירמיהו הנביא למשל: „נאָך פאר זיין געבוירען ווערען איז ער שוין געווען באשטימט צו זיין א נביא". זעה ירמיהו אין ערשטען קאפיטעל).

ווארום דעם שכל קען מען ענטוויקלען דורך א סך לערנען און דענקען, בעת דער כח המדמה, די אורטייל און פארשטעלונגס קראפט וואס איז נויטיג פאר דער ערקענטניש, ווענדעט זיך אינגאנצען אָן די קערפערליכע חושים; דער מענשליכער מח, וואו עס קאָנצענטרירען זיך אלע חושים־ערפאהרונגען, מוז זיין אין בעסטער אָרד־נונג וואס מען קען זיך אויסמאָלען, כדי צו קענען זיי אלע ריכטיג אויפפאסען, צוזאמענשטעלען און ארויסציהען פון דאָס גאנצע דעם ריכטיגען אינהאלט, צוועק אָדער תכלית. אום ארויסצוקריגען די ריכטיגע פועל־יוצא׳ס מוזען אלע חושים ארבייטען הארמאָניש און דער מח טאָר ניט געשטערט ווערען פון נאַטירליכע סבות, ווי: גאוה, כבוד, תאוה, און אפילו ניט פון צייטווייליגע: כעס, טרויער, שברות הלב א. אז. וו.

איינער מיט איינגעבאָרענע שלעכטע אייגענשאפטען קען זיך אויסארבייטען דורך לאנגער פראקטיק צו ווערען א בעל מדות, אבער ניט צו ווערען א מוסטער־מענש — דערצו מוז מען זיין געבאָרען, פון גאָט באשאָנקען מיט דעם כח כדי צו קענען ווערען א נביא, ווען ער, דער באגאבטער, וועט פריהער אויסארבייטען זיין שכל דורך א סך לערנען און זיין הנהגה דורך פראקטיצירען גוטע מדות.

אין קורצען: צו זיין א נביא מוז מען געבאָרען ווערען, ער אליין קען בלויז אויסארבייטען און גיך דעם חלק־החכמה וואס איז נויטיג דערצו. דער וואס איז ניט געבאָרען געוואָרען מיט דער אייגענשאפט בלייבט א חכם, אבער ער קען צו נבואה ניט דערגרויכען (מו״נ ח״ב פרק ל״ו).

יעדער מענש באזיצט די מעלה פון ערקענטניש, אזוי ווי יעדער פון זיי קען דענקען. לויט עמנואל קאנט׳ס טעאָריע אין זיין „קריטיק פון׳ם ריינעם שכל", פון וועלכער דער רמב״ם האָט, ווי עס ווייזט אויס, שוין געוואוסט — זיינען זינליכ־קייט (וואס קומט פון די חושים) און פארשטאנד (פון׳ם שכל) צוויי פארשיידענע קוואלען און פון זייער פארבינדונג פליסט ארויס אונזער ערקענטניש (הכרה).

למשל איך זעה פאר זיך א מענשען־גרופע פון 5, און א צווייטע גרופע פון 6.

כל זמן איך „קוק" בלויז אויף זיי ביידען האב איך נאר אומבאוואוסטע פערצעפ־ציעס) ערשט דאמאלסט ווען איך דענק דערביי, אז דאס איז א גרופע פון 5", און אז „דאס איז א גרופע פון 6", ערשט דאמאלסט האב איך פארשטאנען וואס איך האב פריהער בלויז געזעהן. ווי אזוי האט עס פאסירט? אנאליזירענדיג דעם אינ־האלט פון מיין געדאנק, געפין איך אין איהם אמוועניגסטענס איין עלעמענט וואס שטאמט זיכער פון דער הושים־ערפאהרונג, דאס איז דער באגריף „זיין". ווארום איך קען זעהן, אנשויען בלויז געוויסע עלעמענטען פון דער זינליכקייט, אבער איך קען קיינמאל ניט זעהן דעם „זיין". איך זעה דעם מענשען, אבער איך זעה ניט דאס „זיין" פון איהם; דאס איז שוין א באגריף וואס איך מוז צוטראכטען. אריינטראכטענדיג זיך טיפער דערין געפין איך אויס, אז אויך די איבעריגע עלע־מענטען פון מיין געדאנק זיינען בעצם אויך ניט מעהר ווי באגריפען; „דאס" בכלל איז א באגריף. „גרופע" בכלל — א באגריף, „זעקס" — א באגריף און „מענש" — אויך נאר א באגריף.

לויט קאנט'ס „טראנסצענדענטאלער עסטעטיק", איז דער באגריף, אזוי ווי די אנשויאונג, א געוויסער סינטעטישער ארבייט־מעטאד פון אונזער ערקענענדען סוביעקט, וואס פארבינדט פארשיידענע עלעמענטען צו איין איינהייט אין דעם באוואוסטזיין. דער חילוק צווישען אנשויאונג (דורך די הושים) און באגריף (דורכ'ן שכל) איז נאר: וואס אנשויאונג האט אלע איינצעל־טיילען א י ן זיך, בעת דער באגריף האט איינע איינצעל טיילען א ו נ ט ע ר זיך. אנשויאונג זעהט דעם מענשען, זיין הויך און גרעב, זיין געזיכט און האר, קאליר און לייב, קליידער א.אז.וו., בעת דער „באגריף" מענש האט אלע איינצעל־טיילען א ו נ ט ע ר זיך: עס איז א מענש בכלל, וואס נעהמט אריין אין זיך אלע מענשען, פון פארשיידענע הויך און דיק, קאליר, ראסע, גלויבען, יונג און אלט, זכר צי נקבה. אין דעם פראצעס פון אנשויאונג האבען מיר צו טאן דירעקט מיט דעם איינצעל־מענש וואס שטעהט פאר אונזערע אויגען, אדער מיט דעם איינצעל־פארשטעלונג פון א מענשען וואס איז געבליבען אין אונזער זכרון. אבער אין פראצעס פון „דענקען" האבען מיר צו טאן ניט נאר דירעקט מיט דעם איינצעל־מענש. צווישען איהם און דעם פארשטאנד שטעהט דער ב א ג ר י ף „מענש", וואס איז כולל פריהער פאר אלץ אלע מינים מענשען פון דער וועלט, און ממילא „אינדירעקט" איז עס אויך כולל דעם איינצעל־מענש וואס שטעהט פאר אונזערע אויגען. דאס דענקען רעכענט זיך צום אלעמערשטען מיט דעם ב א ג ר י ף, דעם פ א ר ט ר ע ט ע ר פון אלע מענשען בכלל. ערשט דענקענדיג: „דאס איז א מענש", ד.ה. „דער געהערט צום באגריף מענש בכלל קומט ארויס די ערקענטניש; וואס איז אלזא דער תוך פון דער ערקענטניש? וואס ווערט דערביי געטאן פאלקאם צו מאכען דעם פראצעס? ער ווערט דערביי אריינגעארדענט אינ'ם באגריף אן איינצעל־אנשויאונג אדער אן איינצעל־פארשטעלונג, ביידע: די איינצעל־אנשויאונג און דער באגריף זיינען נויטיג כדי עס זאל ארויסקומען ערקענטניש. בלייבט די ערקענטניש שטעהן נאר ביי דער איינצעל אנשויאונג איז זי „בלינד", ניט האבענדיג פון דער זאך קיין שום באגריף. האלט זי זיך בלויז ביי דעם באגריף, אפלאזענדיג פון אויג די איינצעל אנשויאונג, איז זי „ליידיג".

אבער די אריינארדנונג פון דער איינצעל־אנשויאונג אין א באגריף איז נאך

ניט גענוג צו מאכען דערפון אַן ערקענטניש. וואָרים זי אַליין איז אַ פּראָצעס וואָס שפּילט זיך אָפּ אין „צייט" אַזוי ווי סובסטאַנץ (חומר) מוז זיך ארייןפּאַסען אין „אָרט". די צייט פליסט אָבער אָהן אויפהער. יעדער הרף־עין איז אַ צייט פאַר זיך, וואָס ווערט געבוירען אויפ'ן אָרט פונ'ם פאַרגאַנגענעם. יעדער הרף־עין איז אַ צייט פאַר זיך, וואָס ווערט געבוירען אויפ'ן אָרט פונ'ם פאַרגאַנגענעם הרף־עין, און שטאַרבט אָפּ, צו מאַכען פּלאַץ פאַר דעם קומענדיגען. ממילא ווערען געבוירען און פאַרשוואונדען מיט איהם אַלע ערקענטניש פּראָצעסען. די ערקענטניש איז אַלזאָ ניט איינער און דער זעלבער, נאָר אַ גאַנצע רייהע פון הרף־עינ'דיגע פּראָצעסען וואָס ווידערהאָלען זיך הונדערט מאָהל מיט דעם זעלבען אינהאַלט, אַזוי ווי אַ בילד פון אַ מענשען אין אַ באַוועגליכען שפּיגעל, אָדער ווי די בילדער אויף אַ פילם. האָט איינמאָל ערקענטניש אָנגענומען אַז דאָס איז אַ מענש, דאַרף די זעלבע פון צווייטען הרף־עין דאָס שוין ניט דורכמאַכען, זיך באַנוצענדיג מיט דעם פאַרטיגען רעזולטאַט. פרעגט זיך: ווי אַזוי איז דאָס מעגליך? פון וואַנען ווייס די פונ'ם צווייטען מאָמענט די רעזולטאַטען פונ'ם ערשטען מאָמענט, וועלכער איז שוין לאַנג פאַרביי און פאַרשוואונדען געוואָרען אויף אייביג? ווי ווייס די לעצטע וואָס די פריהערדיגע האָט אויסגעפונען און אָנפאַנגען ווּאו יענע האָט איבערגעלאָזען?

דער ענטפער איז: ס'איז דאָ אַ „איך" וואָס צעהלט, מעסט און באַהאַלט אין זיך די פריהעריגע ערפאַהרונגען. די צווייטע ערקענטניש קריגט פונ'ם „איך" די רעזולטאַטען וואָס פריהעריגע ערקענטענישען האָבען ביי איהם איבערגעלאָזען פאַר די קומענדיגע. ווער איז דער „איך"? רופט עס ווי קאַנט: „באַוואוסטזיין". אָדער ווי מקובלים: „יחידה" — דער רעזולטאַט איז איינס און דער זעלבער. אָט די „יחידה" איז דער צענטראַל־פונקט פון אַלע אידייען פאַרבינדונגען, אַנשויאונג, ערפאַהרונג און באַגריפען, און דער „איך" איז וואָס מאַכט מעגליך די ערקענטניש־רעזולטאַטען וועלכע ווערען „אויסגעאַרבייט" פון אַנשויאונג און דענקונג בשותפות.

דער רמב״ם געהט אויך אויפ'ן זעלבען וועג, אויך ער דענקט, אַז „ס'איז קיין זאַך ניטאָ אין שכל וואָס איז פריהער ניט געווען אין די חושים", דער „כח המדמה" געבּרויכט די געדאַנקליכע ציורים וואָס די חושים האָבען אָפּגעשטעמפּעלט אין דעם מענשענ'ס שכל און מוח. אָט די אַלע ציורים פאָרט ער צענויף און קריגט אַרויס נייע כללים אַלגעמיין גילטיגע בנוגע דער צוקונפט, געבויט אויף פאַרגאַנגענהייטס־ערפאַרינגען. דאָס איז דער וועג פון חכמה.

אָבער ס'איז פאַראַן נאָך אַ העכערע מדרגה: אָפּלייגענדיג אָן אַ זייט די חושים, נאָכ'ן אָפּטאָן זייער אויפגאַבע, און אָנפאַנגען די אַרבייט בלויז מיט לאָגיק אַליין. ערשט דאַמאָלט קריגט דער שכל די גרעסטע השפעה פונ'ם „שכל הפועל", יעדערער לויט זיין מדרגה. די חושים דאַרפען דאַמאָלסט אינגאַנצען אומטעטיג זיין: ענטוועדער פאַרמאָגענדיג אַ ריזיגע קראַפט פון עמאָציע, וואו געפיהל אַרבייט אַליין, אינגאַנצען ווערענדיג באַפרייט פון די חושים (דאָס וואָס מיר רופען: „התפשטות הגשמיות") אָדער ווען אַ מענש שלאָפט, און צוזאַמען מיט איהם אויך די חושים. אין ערשטען פאַל איז דער פועל יוצא נבואה, אין צווייטען פאַל: אַ ריכטיגער חלום וואָס האָט אין זיך, לויט חכמי התלמוד, אַ זעכציגסטעל פון נבואה.

אין נבואה אליין זיינען פאראן פארשיידענע מדרגות, יעדע מדרגה לויט דעם נביא'ס איינגעבוירענער הכנה און דערגרייכטע השלמה. ריכטיג האבען די חכמים באמערקט: „נובלת נבואה — חלום", ד.ה. אזוי: נובלת באטייט, א פרוכט וואס איז ארונטערגעפאלען פון בוים פאר'ן צייטיג ווערען, אזוי איז דער חלום ניט קיין צייטיגע נבואה.

ד"ר. שמעון בערענפעלד אין זיין „דעת אלהים" באמערקט דערויף: דער רמב"ם האט דא דערגרייכט די זעלבע מסקנות פון היינטיגע פסיכאלאגען. דער מיט ווערט באשטעטיגט די עדות פון גרויסע געלערנטע, אין וועמעס ריכטיגקייט קיינער צווייפעלט ניט, אז אין חלום זיינען זיי דערגאנגען אזעלכע שכל'ען וואס וואכעדיגערהייט האבען זיי בשום אופן ניט געקענט דערגרייכען. די וואונדערליכע ערשיינונג האט א טייל געלערנטע געמאכט פאר אנהענגער פון ספיריטואליזם; אבער היינטיגע פסיכאלאגען ערקלעהרען עס פשוט, אזוי ווי דער רמב"ם זאגט, דאס דער שכל רעאגירט אויף די חושים'דיגע ציורים, אויף זיי בויעט ער פרישע ציורים, געדאנקליכע, און קומט מיט ריכטיגע השערות בנוגע דער צוקונפט לויט די פריהערדיגע ציורים פון פארגאנגענהייט, גענומען פון ערפאהרונג. דאס קען דער שכל טאן נאר שלאפענדיג, ווען די חושים שטערען איהם ניט מיט כסדר־נייע ערקענטענישען.

דערמיט ווערט אפען דער וועג צו פארשטעהן דעם ענין פון נבואה און איהרע מדרגות.

11

נביא און נביאות

די העכסטע מדרגה אין נביאות איז, ווען דער נביא זעהט וואכענדיג, דאס וואס די איבעריגע זעהען אין חלום; דאס מיינט, אז זיינע חושים שטערען שוין מעהר ניט דעם געדאנק, צוברענגענדיג פרישע איינדרוקען. בלויז איינער האט דערגרייכט די הויכע מדרגה: משה רבנו, אזוי ווי די תורה זאגט אויף איהם עדות אין בהעלותך, וואו עס ווערען אויסגערעכענט די פארשיידענע מדרגות: „בחלום אתודע לו", „ומראה ולא בחידות", און זיין גרויסקייט איבער זיי אלע, ווי מיר וועלען שפעטער ערקלעהרען.

נאך די פריהערדיגע הקדמות קענען מיר זיך אויסמאלען דעם נביא'ס גייסטיגע געשטאלט; ווען א מענש ווערט געבוירען מיט א קלארען מח, וואו אלע געדאנק־ליכע פונקציעס ארבייטען אין פולער הארמאניע, און זיין קערפער האט די ריכ־טיגע גלייכגעוויכט, איין חוש ניט שטארקער פאר'ן צווייטען, ממילא איז ער שוין א מזג טוב, דערצו ליידעט ער קיין וועהטאג ניט פון א צייטווייליגע אדער א נאַ־טירליכע קראנקהייט וואס קומט פון א געבוירענעם פעהלער (אויב יא, קען ער קיין נביא ניט ווערען, ווייל עצבות מיט נבואה קענען ניט געהן צוזאמען: „אין הנבואה שורה מתוך עצבות") אזא מענש איז צוגעגרייט צו קענען ווערען א נביא. אויב ער ברענגט ארויס די איינגעבוירענע מעלות מכח אל הפועל — דורך א סך לערנען, איינגעוואוינען דעם שכל צו דענקען ריכטיג און קלאהר, זיך פארפאלקאָ־

מען אין מודה טובות, געהן אויפ'ן גאָלדענעם מיטעלוועג אין אלע הנהגות און זיי צו פּראַקטיצירען אין אַלטעגליכען לעבען.

האָבענדיג ארויסגעבראַכט די גייסטיגע גלייכגעוויכט מכח אל הפועל, פון טעאָריע אין דער פּראַקטיק, דאַרף זיין הויפּט שטרעבונג זיין צו דערגעהן די סודות פון דער גאַנצער עקזיסטענץ, איהרע געזעצען און סבות; מיט די הויכע ענינים דאַרף ווערען אויסגעפילט זיין גאַנצער געדאַנק, ביז ער דערגרייכט צו מציאות ה', זיין עקזיסטענץ מצד זיינע פּעולות אויף וויפיל אַ מענש קען שטרעבען צו דערגרייכען און וואו ער דאַרף זיך אָפּשטעלען, ווייסענדיג אַז ווייטער אַהין קען דער מענשליכער פאַרשטאַנד קיינמאָל ניט קומען.

וואָס אמבאַטרעפט די ערדישע וועלט, דאַרף זי מיט איהרע רייץ־מיטלען אינגאַנצען פאַררוקט ווערען אָן א זייט; קיין תשוקה צו בהמה'שע תאוות, קיין לוסט ניט צו באַריהמטקייט, כבוד אָדער נצחון, נאָר דער גאַנצער געדאַנק זאָל זיין פאַרנומען צו דערגרייכען די אמת'ן אין זייער גאַנצער קלאָהרקייט.

דערצו טאָר ער קיין בשותפות'קייט ניט האָבען מיט די מענשען ארום זיך. זייער כבוד זאָל איהם ניט הנאה טאָן, אזוי ווי זייער מבזה זיין זאָל איהם קיין צער ניט פאַרשאַפען. דעם נביא'ס באַציהונג צו זיי דאַרף זיין ווי דעם אַלגעמיינעם מענשען'ס באַציהונג צו בהמות און חיות; ענטוועדער צו קריגען נוצען פון זיי, אָדער זיך באַשיצען געגען זייערע אַנפאַלען.

אָט אַזאַ מוסטער־מענש, ווען ער טראַכט זיך אריין אין איין עניז, קען ער איהם געוויס דערגרייכען מיט זיין גאַנצער טיפקייט.

און ווייסענדיג אַז אַ נביא מוז זיין פאָלקאָם אין דריי מעלות: 1) מיט נאַטירליכע אייגענשאַפטען, וואָס קומט מיט דער געבורט; 2) אַ סך לערנען און דענקען; 3) גוטע מדות און אויפהערען טראַכטען וועגען אלע ערדישע ענינים, ווי למשל: תאוה, נצחון, באַריהמטקייט, כבוד א.ד.ג. — קענען מיר זיך פאַרשטעלען דעם אונטערשייד צווישען נביא און נביא, לויט די פאָלקאָמענהייט פון די דריי אייגענשאַפטען וואָס יעדער פון זיי באַזיצט.

דערמיט ווערט אויך פאַרשטענדליך די סיבה וואָרום נבואה קען ניט רוהען אויף דעם נביא וואָס איז אין כעס, אומעטיג א.ד.ג. וואָרים ווי פריהער ערקלעהרט, שפּילען דאָ די קערפּערליכע כוחות א וויכטיגע ראָל, און זיי ווערען אָפּגעשוואַכט דורך איינע פון די קערפּערליכע ליידענשאַפטען, דערפאַר פאַרשווינדעט נבואה פון דעם ליידענדען נביא.

ווי מיר האָבען שוין פריהער ערקלעהרט, ווערט נבואה ארויסגעבראַכט דורך דער מיטווירקונג פון צוויי כחות: לאָגיק, וואָס קומט פון אַ סך לערנען, און אימאַגינאַציע (פאַרשטעלונגס קראַפט) אַ מיטגעבוירענע פעהיגקייט. דערמיט ווערען מענשען איינגעטיילט אין דריי מדרגות: 1) חכמים, געלערענטע מענשען וואָס קענען דענקען לאָגיש, אָבער זיי פעהלט אימאַגינאַציע פון דער נאַטור, באופן, אַז די שפע פון שכל הפועל קען קומען אַ סך אויפ'ן שכל, אָבער גאַרניט אויפ'ן כח המיון; 2) נביאים, וואָס באַזיצעןביידע דערמאָנטע כחות און די שפע קומט אויף זיי ביידען צוגלייך; 3) פאַנטאַזיאַרען; וועמעס כח הדמיון איז גרויס מצד דער איינגעבוירענער פעאיגקייט, אָבער זיי פעהלט דער לאָגישער אַרט דענקען, צי מחמת זייער נאַטור־אומפעהיגקייט אָדער פון ניט לערנען. די דאָזיגע ווערען באַ־

הערשט נאָר פון דמיון, וועלכער פאַרטומעלט דעם שכל, דערפאַר זיינען זיי שטענ־דיג עמאָציאָנעל, פול מיט עקסטאַז, התפּעלות און התרגשות; פון אַזעלכע קומען אַרויס:

1) רעוואָלוציאָנערען, וואָס חלומ'ען וועגען אָפּשאַפן די אַלטע אָרדנונג און שאַפן נייע, ניט נעהמענדיג אין אַנבאַטראַכט די אוממעגליכקייט וואָס שטעלט זיך אינמיטען ווי אַ שטיין אין וועג.

2) דיכטער, וואָס חלומ'ען אויס וועלט אידעאַלען מיט אַ צייט פריהער איידער בעלי שכל הויבען נאָך גאָר אָן טראַכטען וועגען דעם. די פאַנטאַזיעס ווערען שפּע־טער די לייכט־טורעמס נאָך וועלכע די שפּעטער געקומענע לאָגישע דענקער פיה־רען דער וועלט־שיף צו אַ זיכערען האַפען, יורידיש, עקאָנאָמיש, פּאָליטיש, צי גע־זעלשאַפטליך.

3) שוואַרצקינסטלער, וואונדער־ווירקער און קונצענמאַכער דורך געוויסע פאַר־באָרגענע כחות וואָס נאָר אַ שטאַרקער בעל דמיון קען זיי אויסגעפינען.

4) מיסטיקער, דאָס זיינען אַזעלכע וואָס חלומ'ען וואַכעדיג און זעהען וואונ־דערליכע האַלוצינאַציעס אין שלאָף. אַ סך רעדען זיך איין אַז זיי זיינען פון דער השגחה געשטעלט צו ווערען משיחים, וועלט־ערלייזער, נביאים און שיעור האַלב־געטער. צו דעם סאָרט געהערען אַלע פאַלשע משיחים. מען דאַרף זיי אַלעמען ניט באַשולדיגען אין אָפּנאַרעריי, נאָר באַדויערען אַז זיי אַליין זיינען נעבאַך אָפּגע־נאַרטע... קיין מלאכים באַווייזען זיך צו זיי ניט אין חלום. דאָס איז בלויז דער פּראָדוקט פון זייער איבערגעטריבענעם דמיון, די אויבערהערשאַפט פון דמיון איבער'ן שכל, דערפאַר מישט זיך אויס ביי זיי נאַרישקייט מיט חכמה, חלומות מיט ווירקליכקייט און פאַנטאַזיע מיט מעגליכקייט.

5) געלערענטע, אָבער מיט אַ צו שטאַרקען כח הדמיון, און דערפון קומען אַרויס די פאַרשיידענע ספּיריטואַליסטען וואָס גלויבען אין פאַרבינדען נשמות מיט זייערע לעבעדיגע קרובים. מענשען זיינען געניגט דערין צו גלויבען, מחמת זייער באַרוף אַלס געלערענטע, דערצו אַלס אויפריכטיגע מענשען, ווען מען קען בשום אופן ניט חושד זיין אין רמאות; אָבער זייער לעהרע איז דאָך ניט אמת, טראָץ זייער אמת־מיינען, מחמת דער צו שטאַרקער דמיון האָט פאַרטו־מעלט דעם קאַלטען לאָגישען שכל און איהם אריבערגעוואויגען צו חלומות...

כדאי צו באַמערקען, אַז אַ גרויסע טייל פון דער טעאָריע איז אָנגענומען געוואָ־רען פון היינטיגע גרעסטע פּסיכאָלאָגען, ווי: פּירי, לאָמבראַזאָ, פּרויד און נאָך. אויף דעם סאָרט בעלי המיון זאָגט דער געלערענטער ליכטענבערג: „פאַראַן פאַנ־טאַזירער, אומגעלערענטע וואָס קענען איבערפיהרען די וועלט מצד זייער גרויסער השפעה אויף די אָרומיגע מענשען, און האָבען טאַקע אַ סך צרות געבראַכט אויף דער מענשהייט״. פּונקט אַזוי זאָגט דער רמב״ם.

מיר האָבען שוין ערקלעהרט די וועגען און מיטלען ווי צו שאַפען „ערקענ־טעניש״: דעם אָנפאַנג מאַכען די חושים: אויגען זעהען, אויערען הערען און פינגער טאַפען. דערמיט „פיהלט״ מען די זאַך; אָט די „פיהלונג״, „אַנשויאונג״ ווערט איבערגעטראָגען צום „איך״ וואָס באַהאַלט די ווירקונגען, די סכעמעס פון חושים, ערפאַהרונגען, און גיט זיי איבער צום שכל; דער לעצטער קלאַסיפיצירט זיי, נעהמט אַרויס נייע פועל־יוצא'ס פון די געמאַכטע קלאַסען וואָס האָבען זיך

צונויפגעקליבען פון די פריהעריגע און איצטיגע חושים־דערגרייכונגען. קומענדיג צו דער מדרגה קען שוין דער שכל ארויסציהען ריין געדאנקליכע באגריפען וואס האבען אינגאנצען ניט צו טאן מיט די חושים, ווי למשל: געאמעטרישע כללים, באגריפען פון „צייט און ארט״, מאטעריע און פארמע, א.אד.ג.

אבער די דריי כחות (חושים, דמיון און שכל) זיינען נאך ניט גענוג ארויס־צוברענגען ערקענטניש אהן דער הילף פון א דריטען כח, דאס איז דער „כח הדוחה״, דינאמישער כח, א מין טרייב־קראפט, אין דער פארמע פון „ווילען״. א מין „אונטערבאוואוסטזיין״ (ווי די היינטיגע פסיכא אנאליסטען פון פרויד׳ס שולע באהויפטען) וואס האלט אין כסדר׳דיגען שטופען די דריי ערקענטניש פראָ־דוצירער (חושים, דמיון און שכל) צו ארבייטען, אזוי ווי דער דינאמישער כח וואס טרייבט דעם בוים, גראז און לעבעדיגע באשעפעניש צו וואקסען, און נאר א דאנק דעם כח איז דער ערקענטעניש־פראצעס א שטענדיג־אויפאויפהערליכער. די פע־היגקייט צו קריגען פועל יוצא׳ס איז אין זיי דריי פאראן, נאר בלויז בכח. דער „ווילען״ טרייבט זיי אבער ארויסצוברענגען בפועל.

די מעהרסטע מענשען באזיצען א שוואכען „ווילען״, דערפאר איז זיי שווער צו שאפען אזעלכע ציורים, צו קענען זעהן די צוקונפט פון דער פארגאנגענהייט; אבער דער, ביי וועמען די דינאמישע קראפט איז שטארק, ער שאפט ציורים מיט אן ערשטוינענדע פלינקייט, ער בינדט צונויף איין ציור פון ערפאהרונג מיט א צווייטען, דער צווייטער אלס רעזולטאט פונ׳ם ערשטען, דער דריטער פון צווייטען, דער פערטער פון דריטען — און אזוי כסדר, ביז ער דערגרייכט די ענדע פון דער סבות־קייט... און דאס איז דער נביא, דער לעצטער פועל יוצא איז — נבואה.

ווי מיר זעהען, מאכט דער רמב״ם נביאות פארשטענדליך לויט דעם פסי־כאלאגישען נאטור געזעץ. דער וואונדער איז בלויז, ווי אזוי דער נביא קען אין א הרף עין דורכמאכען די אלע אורזאכען און עפעקטען כדי ארויסצוקריגען דעם ענדליכען פועל יוצא וואס מיר רופען „נבואה״.

.12

דער אונטערשייד צווישען משה רבנו און די איבעריגע נביאים

נביאים זיינען איינציגע, יחידי סגולה, און יעדער איינציגער שטעלט אויף א מין — זיין מין.

אויסער דער נביא בכלל, מצד זיינע וואונדערבארע כחות, מיטגעבוירענע און ענטוויקעלטע, ווי מיר האבען שוין פריהער ערקלעהרט, וועלכע ארבייטען אין א זעלטענער הארמאניע, וואס דער דורכשניטליכער מענש קען זיך גאר ניט פאר־שטעלען, ווערען די נביאים גופא צעטיילט אין מינים לויט יעדערענס מדרגה, אויף וויפיל יעדער האט געלערענט און ווי שטארק זיין כח המדמה ארבייט.

נאר די אלע נביאים, פאר׳ משה רבנו און נאך איהם (אויכער ער אליין) האבען געקריגען זייער נבואה ענטוועדער אין חלום אדער דורך א פארמיטלער (מלאך). די קלענערע מדרגה איז, ווען אויף׳ן נביא פאלט א שלאף, ד.ה. ווען די חושים־

פונקציעס זיינען אָפּגעשטעלט געוואָרען, די געטליכע שפע איז געקומען צוערשט אויף'ן אינטעלעקט (שכל), ער האָט עס איבערגעגעבען צום כח הדמיון, וועלכער האָט געמאַכט דערפון אַ ממש'דיגע בילד, וואָס דער נביא האָט געזעהן און דערצעהלט עס נאָכדעם איבער מיט די ווערטער „ראיתי", און דערפאַר רופט זיך טאַקע די נבואה „חזון" (אשר חזה) — דאָס זעלבע ווי „ראה" (זעהן); און די גרעסטע מדרגה איז, ווען דער נביא קומט אריין אין אַזאַ עקסטאַז, דאָס ער קען זיך באַפרייען פון די חושים אויף'ן וואָהר, און אין דעם וואָכעדיגען צושטאַנד קומט די שפע, אויך מיט דעם זעלבען סדר: פריהער אויפ'ן שכל, און פון איהם אויפ'ן כח המדמה.

דער כלל איז לויט'ן רמב"ם, אז ניט דאָס זעהן מיינט אַ גשמיות'דיגער זעהן, אַזוי אויך דאָס רעדען, נאָר עס מיינט אַ געמיטס צושטאַנד, אַ גייסטיגע פיהלונג, ווען דער כח המדמה שטייגט אַריבער די חושים: ער זעהט מיט פאַרמאַכטע אויגען און הערט אָהן אויערען, טראַץ דעם וואָס אין דער צייט וואָלטען די חושים געקענט אַרבייטען, ווען נאָר ער זאָל זיי וועלען געברויכען.

דער אונטערשייד צווישען חלום־נביאות און וואָכענדיגע, באַשטעהט נאָר דערין, וואָס אין חלום האָבען די חושים אויפגעהערט אַרבייטען דורך דעם זעלבען מיטעל וואָס ביי אַלע מענשען: איינשלאָפענדיג. דער וואונדער איז אַלזאָ ניט אין זייער שטילשוויגען, ווייל דאַן בלייבען זיי ביי אַלע שלאָפעדיגע מענשען אומטעטיג; נאָר דער וואונדער איז אין דער ווירקונג פון כח המדמה וואָס ווערט זעהר שטאַרק אין אַזאַ שלאָף, גאָר ניט אין פאַרגלייך מיט דעם זעלבען כח און דעם פשוט'ען מענשען; אָבער אין צווייטען פאַל, ווען דער נביא זעהט אויפ'ן וואָהר, זיינען פאַראַן צוויי וואונדער־אַרבייט: איינס, וואָס אַט דער כח המדמה איז אַזוי שטאַרק, צו קענען אומגעשלאָפען אָפּשטעלען די חושים־אַרבייט; צווייטענס, וואָס אָפּשטעלענדיג די חושים בלייבט ער אַלץ וואָכענדיג, ניט איינגעשלאָפען — אַ מצב וואָס דער געוועהנליכער שכל, וועלכער אורטיילט אַלסדינג פון פריהערדיגער ערפאַהרונג, קען עס ניט פאַרשטעהן.

די נבואה, קומענדיג צו דער פאָרשטעלונגס־קראַפט — אין חלום צי וואָכעדיג — ווערט פאַרוואַנדעלט אין אַ בילד, ווי למשל: אַ זידענדיגער טאָפּ מיט'ן פנים צו צפון זייט, אַ מאַנדעלשטעקען, שאָף פאַרשפּרייטע אויף די בערג ווי זיי זאָלען קיין פאַסטוך ניט האָבען, און דער שכל דאַרף דערפון ארויסנעמען דעם נויטיגען נמשל. דאָס רוב רעדט דער נביא גופא אין אַ בילדער שפּראַך, צו מאַכען דעם נויטיגען איינדרוק אויף די צוהערער, וויסענדיג די טבע פון איינפאַכע מענשען וואָס דער משל ווירקט אויף זיי שטאַרקער ווי בלויז אַ טרוקענער נמשל. צום צווייטען סאָרט געהערען די נביאות פון יחזקאל'ן, צו עסען שמוציגע שפּייז אָדער געבאַקען אויף שמוץ און צו ליגען אַ צאָהל טעג אויף איין זייט; אָדער דער פאַרזאָג צו הושע'ן, ער זאָל חתונה האָבען מיט אַן אוממאָראַלישער פרוי, ישעיהו'ן — אַרומצוגעהן נאַקעט און באָרוועס. קיין בר דעת קען ניט מיינען אַז דער בורא זאָל האָבען פאַרזאָגט יענע אויבערמענשען אַזעלכע זאַכען צו טאָן געגען זייער טבע און דערצו זיך מבזה זיין פאַר לייטען אין די אויגען. סיידען צו דענקען אַז דאָס זיינען נאָר רעטאָרישע משלים, מליצה'דיגע נבואה, וועלכע מען דאַרף נאָר נעהמען לויט אינהאַלט, איבערלאָזענדיג די פּרטים פון משל אויסצופילען די בילדליכקייט.

דאָס מיינען די חכמי התלמוד זאָגענדיג: אַלע נביאים פּלעגען אָנפאַנגען זייער נביאות מיט „כה״ (כה אמר ה׳), נאָר איין משה רבנו, וואָס האָט זיך באַנוצט אויך מיט דעם „זה״ (זה הדבר אשר צוה ה׳) ווארים „כה״ מיינט: עהנליך צו דעם, מיט דעם אינהאַלט, אָבער ניט מיט די זעלבע ווערטער, בעת „זה״ מיינט: אַט אַזוי פּינקטליך, סיי אין אינהאַלט, סיי אין וואָרט. דערפאַר ווערען אַפילו אותיות און נקודות, אַפילו תגין, גע׳דרשנ׳ט פון דער תורה, דאָס וואָס עס ווערט ניט געטאָן אין נביאים׳ס רייד.

דערמיט קומען מיר צו דער נבואה פון משה רבנו, וועלכער שטעלט אויף אַ באַזונדער מין צווישען אַלע נביאים צוזאַמען, „די פריהערדיגע פאַר איהם און די שפּעטערדיגע נאָך איהם״.

דעם פּרק ל״ה פון צווייטען טייל מורה נבוכים ווידמעט דער רמב״ם צו דער נבואה פון משה רבנו. קודם כל לאָזט ער וויסען אַז זיין פאַרזוך צו ראַציאָנאַליזירען נבואה זי זאָל ווערען צוגענגליך צום מענשליכען שכל, איז נאָר בנוגע די נבואה פון די אַנדערע נביאים אויסער משה רבנו. ז י י ן כח הנבואה אָבער לאָזט ער איבער אינגאַנצען צום נס, וועלכען דער שכל קען גאַרנישט ערקלעהרען, דערפאַר רעדט ער וועגען דעם ניט אָפען, ניט אָנגעוואונקען (אמנם נבואת משה רבנו לא אדבר בה באלו הפרקים אפילו מלה אחת, לא בביאור ולא ברמיזה). משה רבנו איז אַ נביא נאָר אין נאָמען, גלייך צו די איבעריגע נביאים, אָבער ער איז ניט מיט זיי אין איין גדר. באַלד אין אָנפאַנג נביאות האָט איהם הקב״ה דאָס ארויסגעזאָגט דורך די ווערטער: וארא אל אברהם אל יצחק ואל יעקב באל שדי ושמי יהוה לא נודעתי אליהם... ניט אריינגעהענדיג אין אַ פּינקטליכער ערקלעהרונג מכח דעם אונטערשייד צווישען ביידע שמות, איז אָבער קלאָהר, אַז מרע״ה האָט דערגרייכט אַ העכערע מדרגה אַפילו פאַר די פריהערדיגע אבות, אַפּשיטא פאַר די שפּעטערדיגע נאָך איהם.

ער אָנטזאָגט זיך צו ערקלעהרען דעם מהות פון זיין נבואה, אָבער ער רעכענט יאָ אויס 4 מעלות דורך וועלכע משה׳ס נבואה איז געווען העכער ווי די פון אַנדערע נביאים:

א) וואָס זיין נבואה איז געקומען פון הקב״ה אָהן אַ פאַרמיטלונג פון חלום אָדער עקסטאַז, נאָר דירעקט (פה אל פה אדבר בו).

ב) אַלע נביאים האָבען געדאַרפט פאַרגעסען אָן זייערע חושים: ניט זעהן ניט הערען, און ניט פיהלען; אָבער ער האָט געקענט זאָגען נביאות אַפילו געהענדיג, ווי אין פסוק שטעהט: ובבא משה.

ג) יענע זיינען געווען דערשראָקען (יראים ומתמוגגים) אין צייט פון נביאות, אָבער ער איז געווען רוהיג, אַזוי ווי איין מענש רעדט צו אַ צווייטען (כאשר ידבר איש אל רעהו).

ד) אַלע האָבען געדאַרפט געוויסע צוגרייטונג, צי דורך התבודדות אָדער דורך קינסטליכע מיטלען (ווי געבּרויכענדיג אַ פידעל) אָבער משה רבנו ע״ה האָט עס געקענט טאָן צו יעדער צייט ווען ער האָט נאָר געדאַרפט (עמדו ואשמעה מה ידבר ה׳) אויסער ווען די סיבה איז געווען מצד די אידען פאַר די זינד פון די מרגלים. האָט ער, לויט חז״ל, קיין נבואה ניט געקראָגען.

די אַלע מעלות קומען אייגענטליך פון איין סבה: זיין ניט דאַרפען די מיט־

הילף פון כח המדמה. דער שכל אליין (כח הדברי) האָט געטאָן די גאַנצע אַרבייט מחמת די גרויסע שפע אויף זיך, וואָס קיין אַנדער נביא האָט ניט געקראָגן. דערפאַר זיינען אויך די ווערטער און אפילו אותיות און נקודות געצעהלטע, ניטאָ קיין איבעריגער וואָרט, און ער האָט זיך ניט געדאַרפט באַנוצען מיט דער בילדער־שפּראַך, ווי אַנדערע, וועמענס נביאות עס ווערט אַרויסגעהאָלפען פון כח הדמיון.

נאָך אַ גרויסער אונטערשייד צווישען איהם און זיי, איז: דער מהות פון זיינע ניסים וואָס ער האָט געטאָהן, (לעיני כל ישראל) ד.ה. יעדער נביא האָט באַוויזען נסים נאָר צו פּרטים, ווי אליהו און אלישע מאַכען לעבעדיג די געשטאָרבענע קינדער, און נאָר די פּאַראינטערעסירטע דערין האָבען עס געזעהן. אָבער משה האָט באַוויזען נסים פאַר „אַלעמען אין די אויגען״: גוטע פריינט ווי שונאים, אָנהענגער ווי אין די אויגען פון די וואָס קריגען אויף זיין שליחות, גלויביגע און אומגלויביגע.

דער לעצטער אונטערשייד איז ניט אַזוי קלאָהר. וואָרים אין דער געשיכטע געפינען זיך אַ סך נסים פון נביאים וואָס זיינען געטאָן געוואָרען פאַר׳ן כלל, ווי: יהושע׳ס אָפּשטעלען די זון אין גבעון, אליהו׳ס אַרונטערברענגען פייער פון הימעל אויפ׳ן באַרג כרמל, דאָס איבערדרעהען דעם שאָטען פון זון־זייגער צעהן מעלות צוריק, ביי חזקיהו׳ן, און נאָך און נאָך. אַ טייל פון זיי זוכט דער רמב״ם צו ערקלעהרען, בדוחק, אַבי עס זאָל זיין כלל אויסהאַלטען, און אַ טייל פאַרשווייגט ער איינגאַנצען. פאַר אונז איז דאָס קיין נפקא מינה ניט, האָבענדיג די אויפגאַבע בלויז צו וויסען וואָס ער זאָגט, ניט צו פרעגען קיין קשיות.

קומענדיג צו דעם גרויסען אונטערשייד צווישען משה רבנו׳ס נביאות און די איבעריגע, ערקלעהרט ער דעם חשוב׳ען ענין פון „תורה מן השמים״ — די ערשטע און איינציגע פּאַסירונג אין דער מענשליכער היסטאָריע.

.13

תורה מן השמים

איינער פון רמב״ם׳ס דרייצעהן עקרי אמונה, איז „תורה מן השמים״.

אונטער דעם טערמין דאַרף פאַרשטאַנען ווערען אַ געזעץ בוך געגעבען פון גאָט, דורך משה רבנו, וואָס איז דער ערשטער און איינציגער אין דער וועלט.

וואָרים די גרויסע מענשען פאַר משה רבנו, ווי אברהם אבינו למשל, האָבען זיך פאַרטיפט אין דעם וועלט פּראָבלעם און זייערע דערגרייכונגען — צי דורך נבואה אָדער לאָגישערווייז — פלעגען זיי ערקלעהרען צו זייער קרייז חברים־תלמידים; אָבער קיינער פון זיי איז ניט געקומען מיט אַ שליחות פון גאָט צו מענשען, ווי משה רבנו. די דערמאָנטע פלעגען בלויז ערקלעהרען איינצעלנע ענינים, מדות און הנהגות וואָס זיינען נוצליך פאַר׳ן מענשען אַלס מענש און וועלטבירגער, בעת ער איז געקומען מיט אַ פאָלשטענדיגען געזעץ בוך וואָס ענטהאַלט אַ גאַנצע שיטה, אַרומנעהמענדיג די פליכטען פון איין מענשען צום כלל, פליכטען פון פאָטער צו זיינע קינדער און פאַרקערט, פונ׳ם מאַן צו זיין פרוי, ווי אויך אַ שיטה אויפ׳ן געדאַנקליכען געביט, ווי צו דענקען און וואָס צו גלויבען א.אז.וו.

אלעם אינאיינעם רופען מיר „חקים ומשפטים צדיקים״. אונטער די ווערטער „משפטים צדיקים״ דארף מען פארשטעהן פאלגענדעס: אריסטאטעל, אין זיין „ספר המדות״ האט שוין פעסטגעשטעלט, אז אין אלע הנהגות דארף א מענש נעהמען דעם מיטעלוועג, ניט געהן אין איין זייט ניט אין דער צווייטער, ניט רעכטס, ניט לינקס, נאר אינמיטען, ד.ה. קיין עקסטרים טויג ניט, אפילו צו גוט, צו פרום, טויג אויך ניט. די תורה אלס א גאנצע צילט מיט איהרע חקים אוועקצושטעלען דעם מענשען אויף דעם דערמאהנטען מיטעלוועג: פון איין זייט דערווייטערט זי איהם פון שכרות, זנות און אנדערע תאוות, ווי די פארשריפטען פון גריכישען גלויבען ערמוטיגט; ווידער, פון דער צווייטער זייט, פרעדיגט זי געגען דעם צווייטען עקסטרעם פון נזירות, זי הייסט איהם ניט צו אנטלויפען אין די בערג און זיך שפייזען נאר מיט גראז ווארצלען און קרייטיכער, זי פארלאנגט ניט ער זאל ניט הייראטען, ניט צו טרינקען קיין וויין און ניט צו עסען קיין פלייש און נאך אזעלכע סגופים וואס עקסטרימע נזירישע געזעץ־ביכער פאדערען פון זייערע נאכפאלגער, ווי אידישע אסיים, גריכישע סאפיאיסטען (צאב״ה) אדער די קריסטליכע און אינדישע נזירים־סעקטען. די חוקים וואס דערווייטערען דעם מענשען פוןביידע עקסטרימען מעגען מיט רעכט גערופען ווערען „משפטים צדיקים״.

דער הויפט צוועק פון דער געטליכער קאנסטיטוציע איז, צו פאראייניגען א געוויסע צאהל מענשען אין איין און דער זעלבער אקציע און אין איין איינהייטליכען ארט דענקען.

דער כלל איז: א מענש איז א געזעלשאפטליכע חיה, דאס מיינט: די מענשליכע טבע איז צו לעבען בחברותא מיט די איבעריגע, ניט ווי אנדערע לעבעדיגע ברואים וואס יעדערער קען לעבען אפגעזונדערט פאר זיך.

דא טרעפען מיר זיך אויף מיט א וואונדערבארער ערשיינונג: ברואים פון איין מין זיינען דאך אלע גלייך, ווי איינער דער צווייטער, אלע מיט איין טבע, מיט די זעלבע פעהיגקייטען, מיט די זעלבע מידות און דעם זעלבען סארט עסען. עס איז קיין אונטערשייד צווישען איין לייב און דעם צווייטען, אלע טיגערען עסען דעם זעלבען סארט שפייז, און אלע זיינען אכזרים, בעת אלע פוקסען זיינען כיטרע — און מצד זייער בשותפישער טבע האבען זיי דאך געקענט לעבען צוזאמען, דאך געהט זיך יעדער פון זיין מין באזונדער זיין וועג. דער מענש איז פארקערט: יעדער איינער א וועלט פאר זיך, יעדערער — א באזונדערע אינדיווידואליטעט, אזוי ווי זייערע צורות זיינען פארשיידען, זיינען זייערע מיינונגען פארשיידען, און דאך איז דער מענש געזעלשאפטליך, איהם איז אומעטיג צו זיין אליין, און מוליעט זיך דוקא צו די איבעריגע, טראץ זיין אנדערשקייט פון זיי אלעמען.

דער ענטפער איז: טאקע צוליב זייער אינדיווידואליטעט און מיינונגס פארשיידענהייט האבען זיי געמוזט געפינען א מיטעל ווי צו לעבען צוזאמען, און אויסארבייטען אזא פארמע פון לעבען, ניט צו קענען עקזיסטירען באזונדער, נאר מוזען אנקומען איינער צום צווייטענס הילף. ווען ניט דער צוואנג וואלט איינער דעם צווייטען פארשלונגען לעבעדיגערהייט. דער געזעלשאפטליכער אינסטינקט איז

איינער פון די סך מיטלען וואס זיינען נויטיג פאר דער עקזיסטענץ פון זיין מין — אן אינסטינקט וואס ווערט געטריבען פון׳ם דראנג צום לעבען.

ווייסען מיר די נוצליכקייט דערפון. פרעגט זיך איצט: ווי אזוי זיינען פארשיידענע מענשען מיט פארשיידענארטיגע נאטורען און מיינונגען געקומען צו איין איינשטימונג בנוגע איין ספר החקים פאר זיי אלעמען? דער ענטפער איז: מיר קענען זיך אנדערש ניט אויסמאלען סיידען צו גלויבען אז איינער א פיהרער איז געקומען און זיי באאיינפלוסט אנצונעהמען א קאנסטיטוציע וועמענס צוועק עס איז אויסצוגלייכען מיינונגען, ארונטערשניידען אינדיווידועלע עקסטרימען, איינעמס מיינונג פארקירצען און דעם צווייטענס פארלענגערען, וועמענס שארפען צו פארגלעטען און וועמענס פלאטשיגקייט אויסצוקארבען. אט די געזעצען, ווען אנגענומען מיט׳ן גוטען ווילען פון דעם המון, גלעטען אויס די קנייטשען, פאסען צו איינער צום צווייטען, מאכענדיג מעגליך איין גרויסע געזעלשאפט זיך צו פיהרען איינפארמיג, טראץ זייער נאטירליכער געגענארטיגע אריגינאליטעט.

דערפון נעהמט ארויס דער רמב״ם פאלגענדען באשלוס: די תורה, באמש ניט קיין נאטירליכע, האט אבער איהר אורשפרונג פון א נאטירליכע נויטווענדיגקייט (התורה, אף על פי שאינה טבעית יש לה מבוא בענין הטבעי), דאס איז אין געגענזאץ פון דער שפעטערדיגער מיינונג, אז אין א געוויסער צייט האבען מענשען זיך פארזאמעלט מיט׳ן צוועק צו שאפען א קאנסטיטוציע לויט וועלכער אלע מענשען, גרויס און קליין, יחסנים און בזוים, הארען און קנעכט, זאלען זיך פיהרען צוגלייך. און כדי זי זאל זיין בינדענד צו יעדערען, האבען מיוחסים אפילו מוחל געווען א טייל פון זייערע זכיות, איבערגעבענדיג די דעה איבער זיך צו איין הערשער. אויף דער השערה איז געבויט געווארען דער דעמאקראטישער סיסטעם, וואס פאדערט א פאלקס רעגירונג דורך זייער אן אויסגעקליבענעם פארשטעהער. דער רמב״ם ווארפט צוריק די מיינונג, נאר ער זאגט, אז א קאנסטיטוציע איז לכתחילה בשאפען געווארען פון א הערשער געגען ווילען פון פאלק, ענטוועדער א גבור, א זיגער, וואס האט די געזעצען ארויפגעצוואונגען מיט כח, אדער פון א גייסטיגען הערשער, אונטער וועמענס פערזענליכקייט די מאסען האבען זיך געבויגען איבערגעוואלט. אבער שפעטער האבען זיך די דינים ענטוויקעלט לויט נאטור פון יענעם קבוץ און זיין קלימאט, מיט די עקאנאמישע אומשטענדען פון זיין לאנד. אונזער תורה איז אויך לכתחילה געגעבען געווארען פון א העכערע קראפט (דער בורא) געגען דעם ווילען פון אידען, אבער שפעטער האט זי זיך אנטוויקעלט לויט די אידישע כחות און ארט לעבען.

דער אונטערשייד צווישען אלע געזעץ ביכער, פארפאסט פון מענשען, און אונזער געזעץ־בוך וואס קומט פון הימעל, באשטעהט דערין: יענע האבען געהאט דעם הויפט צוועק פאר זיך אפצושאפען ציווילע אומרעכטען צווישען מענש און מענש צו פארמיידען רויב, גנבה און געוואלדהאט, ניט האבענדיג אין זינען דעם קולטורעלען מצב פון פאלק, ניט וועלענדיג אויסצוגלייכען זיין ארט דענקען ווי ארויסצוקריגען לאגישע רעזולטאטען פון אמת׳ע ווערטען. אבער אונזער הימלישע תורה אויסער איהר שטרעבען אויסצוגלייכען סאציאלע גערעכטיגקייט צילט זי אויך צו מאכען איהרע אנהענגער ריכטיג צו דענקען וועגען גאטהייט, חכמה, וועגען דעם ציל פון לעבען און באשאפען ווערען. אין קורצען: די תורה איז א פאראייניגונג

פון ציווילע, פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און רעליגיעז־פילאָזאָפישע געזעצן צוזאַ־מען, און דערמיט איז זי אַנדערש ווי אַלע איבעריגע געזעץ ביכער וואָס האָבן צו טאָן נאָר מיט געזעלשאַפטליכע ענינים, ניט קימערענדיג זיך וועגן אמונה און דעות.

אַזאַ תורה קען אַ מענש ניט שאַפן, נאָר איינער וואָס האָט דעם מענשען מיט אַלעם וואָס אַרום און איבער איהם באַשאַפן. די תורה איז פון גאָט — אַ מחבר וואָס איז ווייט פון זוכען דערין אייגענע פניות, הערשאַפט אָדער גאוה.

דעם בוים דערקענט מען לויט זיין פרוכט, און די תורה זאָגט עדות אויף איהר באַשאַפער.

וויסענדיג אַז אַפּהיטען די מצוות אַליין, ניט פאַרשטעהענדיג זייער טעם איז ניט גענוג, ווייל דאַן וואָלט די תורה געקראָגען דעם ווערט בלויז פון אַן ערדישען געזעץ בוך, וועמעס ציל איז נאָר צו קאָנטראָלירען די מעשים, ניט דעם געדאַנק — בלייבט אונז צו דערגרונטעווען דעם טעם פון יעדער מצוה באַזונדער.

צום לעצטען באַשלוס קומט ער אין פּרק כ״ה דריטען טייל מורה נבוכים, און אין די ווייטערדיגע פרקים גיט ער טעמים אויף די מעהרסטע מצוות.

14.

צוועקמעסיגקייט פון מצוות

דער רמב״ם, וועלענדיג ערקלעהרען די טעמים פון מצוות און אַז זיי אַלע צילען צו איין ציל: פאָלקאָמענהייט אין מעשים און דעות, ווידמעט ער דעם פרק כ״ה פון דריטען טייל מורה נבוכים צו ערקלעהרען דעם כאַראַקטער פון פעולות בדרך כלל, ער זאָגט:

יעדע אַקציע מוז געהערען צו איינע פון די 4 קאַטעגאָריעס: 1) צוועקלאָזע; 2) שפּילעריי; 3) אומזיסטע; 4) נוצליכע. צוועקלאָזע אַקציעס זיינען: די האַנט, פיס אָדער שטערן באַוועגונגען ביי אַ מענשען וואָס לערענט אָדער דענקט. בעת מעשה אויסציהענדיג די פינגער, שאָקלענדיג די פיס און קנייטשענדיג דעם שטערן. ער טוט גאָר עפּעס אַנדערש מיט׳ן מח און די דערמאָהנטע אַקציעס טוט ער אָהן כונה און אָהן אַ שום תכלית. צום צווייטען סאָרט געהערען: טאַנצען, איבערקרימען יענעם, מאַכען באַוועגונגען, ניט צוליב געזונטהייט אָדער צו העלפען פאַרדייען דאָס עסען, נאָר סתם פאַר שפּילעריי. „אומזיסטע" זיינען יענע אַקציעס וואָס איינער האָט געטאָן וועלענדיג דערגרייכען אַ געוויסען צוועק, נאָר מחמת זיי־טיגע מניעות ניט געקענט דערגרייכען. הערען מיר מענשען זאָגען: „אומזיסט געגאַנגען, יענעם אין הויז ניט געטראָפען", „אומזיסט געאַרבייט, גאָרניט אַרויס־געקומען". צו „נוצליכע" געהערען יענע פעולות וואָס זיינען גוט באמת און דער טוער האָט דעם תכלית דערגרייכט דורך זיין אַרבייט.

יעדער פאַרשטענדיגער מענש וועט צוגעבען, אַז די פעולות פון הקב״ה געהע־רען ניט צו די ערשטע דריי קאַטעגאָריעס, נאָר צו דער פערטער, צי מחמת זייער נוצליכקייט אָדער נויטווענדיגקייט: אַלע גלידער טוען נוצליכע אַרבייט אין לע־

בעדיגען אָרגאַניזם אַלע שפּייזען האַלטען אָן דעם מעכאַניזם, די חושים — אום די בהמה, חיה און מענש זאָל זיך מיט זיי באַנוצען צו באַקומען דאָס נויטיגע און אויסמיידען שעדליכקייט, און אַזוי ווייטער.

אין קורצען: יעדע נאַטירליכע פונקציע איז גוט, דינט צו אַ נוצליכען צוועק, קיין אונטערשיד ניט צי מיר ווייסען פון איהם יאָ אָדער נאָך ניט. ווארים פון אַ צאָל גלידער און נאָך אַ גרעסערע צאָל גראָזען און קרייטיכער, וואָס מיט יאָהרען פריהער האָט מען קיין אהנונג ניט געהאַט פון זייער נוצליכקייט, ווייסען מיר איצט יאָ, און אַזוי וועט מן הסתם זיין מיט די וואָס ווייסען נאָך ביז איצט ניט. אין דעם אמת קומען זיך צונויף גלויביגע מיט פילאָזאָפען,ביידע זיינען מסכים אין דער שכל'דיגקייט פון דער גאַנצער בריאה.

פאַראַן אָבער אַ כתה וואָס האַלט זיך פאַר עקסטרים פרום, וועלכע מיינט, אַז קיין שכל'דיגער צוזאַמענהאַנג איז גאָר ניטאָ, נאָר אַלץ קומט פון'ם בורא'ס רצון: מצד זיין מעגליכקייט דאַרף גאָר די זון ניט באַלייכטען די ערד, אַזוי ווי אַ מענש מוז בכלל ניט זעהן מיט די אויגען אָדער הערען מיט אויערען, נאָר ער קען הערען מיט אויגען און זעהן דורך אויערען; עס קען זיין ליכטיג אָהן דער זון, נאָר דאָס אַלעס וואָס מיר זעהען פאַר זיך איז דער רעזולטאַט פון זיין ווילען, אָהן שום שכל און אָהן אַ שום צוועק. אָנהענגער פון דער דאָזיגער שיטה ברענגען ארונטער דעם בורא'ס פעולות אונטער דער קאַטעגאָריע פון „צוועקלאָזיגקייט", אליין ניט פיהלענדיג די לעסטערונג פון אַזאַ געדאַנק. ווארים אויב אַ מענש טוט אַזוי — פאַר וועלכעם ער ווערט געטאַדעלט — העגקט ער לכל הפחות בעת מעשה גאַרניט וועגען אַ תכלית־זאַך, בעת דער בורא דענקט יאָ, און טוט דעם היפך, בלויז אויס־צופיהרען זיין רצון.

די דאָזיגע האָבען זיך, אמת, אויף וואָס צו שטיצען: ווארים אויף אַלע פראַ־געם וואָס פילאָזאָפען פרעגען מכח דעם תכלית פון'ם וועלט באַשאַף האָבען מיר נאָר דעם איין ענטפער: „אַזוי האָט גאָט געוואָלט". הייסט דאָך, אַז מיר אַליין גיבען צו דאָס ניט ווייסען דעם תכלית פון דער בריאה אויסער זיין ווילען? זייער טעות נעהמט זיך אָבער אורטיילענדיג די חלקים ווי דעם כלל. מיר ווייסען ניט פון קיין אַנדער תכלית אין דער גאַנצער בריאה אויסער זיין „ווילען", אָבער מיר ווייסען יאָ דעם שכל'דיגען צוזאַמענהאַנג פון איהרע טיילען, אורזאַכען און עפעקטען, ווירקונגען פון שפּייז אויפ'ן קערפּער, פון פיזישע איבונגען אויפ'ן געזונט א.אז.וו. באופן, אַז זיין „רצון" קומט ניט אין געגענזאַץ מיט דעם חכמה'דיגען צוזאַמענהאַנג וואָס הערשט אין דער גאַנצער מציאות.

די זעלבע מיינונגס פאַרשיידענהייט איז אויך פאַראַן בנוגע דעם מהות פון די מצוות אין דער תורה. אַ טייל גלויביגע זאָגען, אַז דאָרט הערשט נאָר זיין „רצון". אַזוי ווייל ער מיר זאָלען טאָן, אָהן אַ שום צוועק האָבענדיג דערביי, בעת אַ צווייטע טייל — דאָס רוב בעלי תורה און חכמה — גלויבען אין דער צוועקמע־סיגקייט פון יעדער מצוה, ענטוועדער איינע אלס אורזאַכע פון דער צווייטער, ווי למשל ציצית: „וראיתם אותו וזכרתם" — קוקענדיג אויף די ציצית וועט איהר געדענקען אַלע מצוות מקיים צו זיין — אָדער אלס אַ צוועק פאַר זיך אַליין, צו

קאָנטראָלירען די מעשים און דעות. אפילו „חקים" ווי שעטנז, בשר בחלב, פרה אדומה א.ד.ג. אויף וועלכע די חכמים זאָגען: „דו טאָרסט ניט נאָכטראַכטען צו וועלען דערגעהן זייער טעם", גלויבען אָבער אויך אונזערע חכמים אַז זיי האָבען אַ געוויסען צוועק, נאָר דער בורא האָט משער געווען אַז אונזער באַגרענעצטער שכל וועט עס בשום אופן ניט דערגרונטעווען, דערפאַר איז גלייכער איינגאַנצען ניט צו קלערען.

דעם געדאַנק ווינקען אָן די חכמים אין די ווערטער פון תורה „כי לא דבר רק הוא מכם"—קיין ליידיגע, צוועקלאָזע מצוה איז ניטאָ, אויב יאָ—איז עס „מכם", פון אייער צד, פון אייער קליינער השגחה און ווייניג חכמה משיג צו זיין.

די מצוות בכלל ווערען איינגעטיילט אין 4 טייל: 1) דער צוועק וואָס איז צו אַלעמען פאַרשטענדליך, ווי די מצוות פון צדקה, גמלות חסד, ליב האָבען דעם צווייטען ווי זיך אליין, ניט צו גנב'נען, ניט צו רויבען, מאָרדען, ניט געלוסטען יענעמס אייגענטום — אַלע מיט איין צוועק: צו מאַכען דעם איינצעלנעם מענשען פאַר אַ גוטען מיטגליד אין רעד מענשליכער געזעלשאַפט, צום בענעפיט פון אַלעמען און פאַר זיך אַליין. 2) אַזעלכע מצוות וואָס דער צוועק איז ניט פאַרשטענדליך צום המון, ווי: ערלה, שעטנז, כלאי הכרם,א.ד.ג. 3) מצוות וואָס האָבען אַ טעם, נאָר די תורה האָט עס ניט ארויסגעשריבען בכיון, כדי זיי זאָלען ווערען בעסער אָפּ־געהיט. די ראיה איז פון שלמה המלך מיט די צוויי מצוות: געגען פיל־ווייבעריי און ניט צו שאַפען אַ סך פערד. די ערשטע אזהרה „מחמת זיי וועלען אָפּקערען זיין הארץ פון מצוות", די צווייטע „כדי ניט צו האָבען צו טאָן מיט מצרים". שלמה ,וויסענדיג דעם טעם, האָט געזאָגט: איך וועל יאָ טאָן ביידע פאַרבאָטענע זאַכען, אָבער מיר, דעם קלוגען, וועלען זיי ניט שאַטען — און זיי האָבען יאָ געשאַדט. דערפון קען זיך יעדער מענש, וואָס אַזוי ביי זיך אין די אויגען אַ צווייטער שלמה אָפּלערנען, ניט נאָכצוגעהן דעם טעם און פאַרלאָזען דעם פאַרזאָג. 4) אַזעלכע מצוות וואָס האָבען ניט קיין טעם און מענשען זיינען פאַרזאָגט ניט צו זוכען, ווי פרה אדומה למשל — דעם טעם פון איהר וואָס אפילו שלמה המלך האָט ניט געוואוסט, ווייל אַ מענש מיט זיין באַגרענעצטען שכל קען עס ניט דערווייסען. כאָטש אַ טעם און אַ צוועק איז יאָ פאַראַן.

אָט דער געדאַנק צו געפינען אַ געוויסען טעם אין יעדער מצוה, ווערט אומ־פּלוק איבערגעוואָרפען פונ'ם מאמר אין מדרש רבה: „וואָס אַרט הקב"ה צי מען קוילעט אַ בהמה אין האלז אָדער אין אַקען? מוזען מיר זאָגען, אַז דער צוועק פון אַלע מצוות זיינען ניט מעהר ווי צו דיסציפּליניזירען מענשען". דער וואונדער־באַרער מאמר, וועלכער איז אין גענצען צו אַלע מאמרים וואָס זוכען צו געפינען פאַרשטענדליכע טעמים, מאַכט דעם איינדרוק ווי צו וועלען אַנהענגען יעדע מצוה בלויז אָן „רצון", ווייל ער וויל אַזוי, און מענשען מוזען איהם זיין געהאָרכזאַם. דער רמב"ם ערקלעהרט איהם אָבער באופן ער זאָל שטימען מיט די איבעריגע, אַזוי:

„מיר דאַרפען וויסען, אַז דעם טעם פון יעדער מצוה קענען מיר נאָר געפינען אין כלל, אָבער ניט אין איהרע פּרטים; די לעצטע האָבען נאָר אַ דיסציפּלינאַרען ווערט (לצרף בהן את הבריות). דערפאַר דאַרפען מיר זוכען אַ טעם אויף קרבנות

בכלל, אויסצוגעפינען דעם תכלית פונ'ם קרבן, און איבערלאָזען די פּרטים צום פאַרזאָגער אליין. דער וואָס נעהמט זיך גריבלען צו געפינען אַ טעם פאַרוואָס איז דער קרבן אַ שאָף, יענער אַ באַראַן, יענער אַן אָקס אָדער גאָר אַ ציגעלע — קוקט אויס אין מיינע אויגען ווי „משוגע אויף שטענדיג", אַנשטאָט איין ספק ברענגט ער זיך אריין אין אומצעהליגע ספקות. דאָס זעלבע איז אויך מיט שחיטה: מיר דאַרפען געפינען אַ צוועק אין דעם היתר צו טויטען אַ לעבעדיגע באַשעפעניש כדי צו עסען איהר פליייש, און אויך אַז דער טויט זאָל קומען וואָס שנעלער און גרינגער. דערויף באַשטעהט די הלכות שחיטה. נאָר טאָמער וועט אימיצער דערווייזען, אַז שחיטה פון אָקען (עורף) איז נאָך בעסער, נאָך שנעלער און נאָך גרינגער, דאַרף אונ:ער ענטפער זיין: דאָס איז דיסציפּלין, אַזוי וויל דער בורא מיר זאָלען טאָן, און מענשען דאַרפען פאָלגען".

מיר דאַרפען פאַרשטעהן, אַז דער בעל המאמר האָט גענומען שחיטה בלויז פאַר אַ משל, כאָטש ניט זעהר גלייך צום נמשל, ווייל באמת האָבען שוין גרויסע געלערנטע פון אונזער צייט באַוויזען דעם יתרון פון שחיטה איבער אַלע מעטאָדען פון טויטען בעלי חיים, באופן, אַז אין דעם ענין האָבען די פּרטים אויך אַ געניגענ־דען טעם. דער עיקר איז, לויט דעם רמב"ם, צו באַווייזען, אַז אַ טעם דאַרף מען זוכען נאָר אויפ'ן כלל פון יעדער מצוה, און ניט אויף די פּרטים פון איהר.

בדרך כלל, איידער ער געהט אריין אין די פּרטים, ד.ה. אין יעדער מצוה באַ־זונדער, געפינט דער רמב"ם אין דער גאַנצער תורה די כונה צו געבען מענשען אַ תקון הנפש און אַ תקון הגוף. אונטער „תקון הגוף" ווערט פאַרשטאַנען: פּראַק־טישע מעשים, מדות און דרך ארץ, אָרענטליך האנדלען און פריינדליכקייט צו מענשען. „תקון הנפש" ענטהאַלט אין זיך אַ ריכטיגען אַרט דענקען, קריגען ריכ־טיגע באַגריפען פון אַבסטראַקטע ענינים בנוגע גאָט און די גאַנצע מציאות.

תקון הנפש איז געוויס פריהער אין מעלה, אַזוי ווי נשמה אליין קומט פריהער און איז דער חשוב'סטער טייל אינ'ם מענשען. אָבער תקון הגוף קומט פריהער אין צייט און אָרט. דער מענש, אַלס אַן איינוואוינער אויף אונזער ערדישער וועלט, מוז קודם כל זיין פאַרזאָרגט מיט אַלע גשמיות'דיגע באַדערפעענישען כדי צו קענען זיך אָפּגעבען צום דענקען. דער הונגעריגער, דאָרשטיגער און נאַקעטער קען ניט דענקען. דער וואָס איז אין אַ שטענדיגער סכנה און שרעק פאַר גנבים און רויבער, קען זיך ניט פאַרטיפען אין מושכלות.

דערפאַר באַשטעהט די גאַנצע תורה פון אַזעלכע דינים וואָס האָבען צו טאָן מיט איינאָרדענען די מענשליכע געזעלשאַפט עקאָנאָמיש, סאָציאַל און פּאָליטיש, אָפּצושאַפען גנבה, גזלה און אַנדערע אומרעכטען וואָס איינער קען טאָן געגען דעם צווייטען. זעהען מיר דאָך, אַז גרויסע מדינות וואָס האָבען איינגעאָרדענט דעם מאַטעריעלען לעבען עקזיסטירען, אפילו זייענדיג אַ סך הינטערשטעליג אין אמונה ענינים, בעת ירושלים וואָס האָט נעהאַט די רוחניות'דיגע מעלות איז חרוב געוואָ־רען, ניט האָבענדיג דעם ריכטיגען תיקון הגוף (זע שם טוב, פּרק כ"ז דריטער טייל) — און דוקא דער עיקר — תקון הנפש — איז פאַרקירצט און ווערט דערמאָנט בקיצור אָדער גאָר ברמיזה.

.15

דער קאמף געגען געצענדינסט

ווי פריהער ערקלעהרט, ענטהאלט די גאנצע תורה בכלל אלע גוטע מדות און דעות וואס א מענש דארף האבען פאר זיין גוף און נשמה.

פאר דער נשמה, געבענדיג א צאהל מצוות וועלכע קאנטראלירען דעם ארט דענקען און אין וואס צו גלויבען. צו דעם מין מצוות געהערט דער פארזאג: ואהבת את ה׳ — זאלט ליב האבען גאט, און ווי דער רמב״ם ערקלערט אין „י״ד החזקה״ קען מען קומען צו דער מדרגה ערשט נאכ׳ן ארומגעהמען גרדאנקליך די גאנצע מציאות, דעם גאנצען אוניווערס צווישען ערד און די העכסטע ספערען, אלע לעבעדיגע ברואים, גראזען און פלאנצען מיט זייער סטרוקטור, לעבען און וואקסען — ערשט דאן קריגט מען א יראת הרוממות וואס ענדיגט זיך מיט אומ־ענדליכער ליבע צו דעם גרויסען באשעפער וואס האט זיי אלע ארויסגעבראכט און האלט אן.

די מצוות וואס געהערען צו דעם דערמאנטען מין קומען בלויז אין פארמע פון א פארזאג „אזוי און אזוי צו טאן״, אויסמיידענדיג ערקלעהרונגען, פארמולאר און הקדמות, וועלכע דער המון וועט סיי ווי ניט קענען באגרייפען און די יחידי סגולה וועלען דאס סיי ווי דערגעהן מיט׳ן אייגענעם שכל.

צו די מצוות וואס זיינען געצילט געגען טאן שלעכטעס און זיך איינגעוואוינען צו גוטע מדות, געהערען די שכל׳דיגע פארזאגען פון לא תגנב, ואהבת לרעך כמוך, לפני עור לא תתן מכשל, א.ד.ג. זיי קומען פאר׳ן תקון הגוף און זיינען איינגעטיילט, ווי געזאגט, אין צוויי טייל: 1) ניט צו טאן קיין אומרעכט, ווייל גאט וויל עס ניט ליידען און וועט דערפאר באשטראפען. 2) צו טאן גוטעס, ווייל איהם געפעלט עס און וועט דערפאר באלוינען. א גרויסע טייל פון זיי זיינען קלאר. קיינער פרעגט ניט ווארום האט מען אונז אנגעזאגט צו גלויבען אין איין גאט, איהם ליב האבען, אזוי ווי קיינעם פאלט ניט איין צו פרעגען אויף׳ן פארזאג געגען גנבה, רציחה, נקמה און ליב האבען איינער דעם צווייטען — האבענדיג דעם צוועק קלאהר פאר די אויגען. אבער עס זיינען פאראן מצוות וואס האבען ניט די בונה אויבענאויף, און קענען זיך דערפאר ניט ארייןפאסען אין איינעם פון די דריי פריהער אויסגע־רעכענטע סוגים. אט די מצוות ווערען ערקלערט פון רמב״ם, אנגעבענדיג דעם טעם פון יעדער באזונדער, באופן אלע זאלען פארשטעהן דעם תכלית פונ׳ם אפהיטען. נאר פריהער גיט ער א גענויע באשרייבונג פון דעם סאבעאיזם־גלויבען (פארגעטע־רונג פון זון, לבנה און שטערען). דער רמב״ם רופט עס „אמונת הצאב׳ה״. איןביידע פרקים כ״ט און ל׳, דריטער טייל מורה נבוכים, שרייבט ער אזוי:

„עס איז באוואוסט, אז אברהם אבינו איז דערצויגען געווארען אין אמונת הצאב׳ה. די אנהענגער פון דער אמונה גלויבען אז קיין איין באשעפער־גאט איז ניטא, די וואס רעגירען די וועלט זיינען: די שטערן און מזלות. יעדער מזל איז א גאט אויף א געוויסען געגענד און רעגירט א געוויסע שעה, נאכדעם געהט איבער די ממשלה צו א צווייטען, פון איהם צו א דריטען, און אזוי כסדר. איבער זיי

הערשען צוויי גרעסערע: די לבנה, און איבער איהר די זון, וועלכע רעגירט אויף דער ערד און די הימלען צוזאמען.

„אין זייער אלטער היסטאריע ווערט דערמאהנט אברהם אבינו, וואס האט רעוואלטירט געגען דער אנגענומענער אמונה, וועלענדיג באווייזען די עקזיסטענץ פון איין־איינציגען גאט, וועלכען קיינער קען ניט זעהן, און ער איז עס וואס האט די זון, לבנה און שטערען באשאפען. עס ווערט דערצעהלט ווי נמרוד־קעניג האט מיט איהם דעבאטירט, ענדליך ארעסטירט און זעהענדיג זיין עקשנות, האט ער געהייסען קאנפיסקירען זיין פארמעגען און איהם פארשיקען אין ווייטען מזרח. דארט ווערט פינקטליך איבערגעגעבען דעם קעניג׳ס ארגומענט און זעהר שוואך אברהמ׳ס, כדי צו שאפען דעם איינדרוק, אז דער קעניג האט איהם באזיגט אין וכוח.

„קיין ספק ניט״, שרייבט דער רמב״ם, „אז אברהם איז דעמאלסט געווען פארעכענט פאר אן אפיקורס אין גאנצען געגענט ארום, מחמת זיין ארויסקומען געגען דעם סאבעאיזם, וואס איז דאמאלסט געווען פארשפרייט איבער דער גאנצער וועלט. ער האט זיכער געהאט אויסצושטעהן גרויסע צרות און פארפאלגונגען פון די מאסען אומוויסענדע און פארנארטע, אזוי ווי יעדער גדול וואס קומט ארויס מיט א נייע און אמת ווארט צו דער וועלט. ער האט אלסדינג געדולדיג אריבערגעטראגען, וויסענדיג אז ער וועט ניט זיין דער לעצטער צו ליידען פאר׳ן אמת איצט; אבער האפענדיג אויף דער צוקונפט, ווען אמת וועט זיגען, וועלען איהם אלע בענשען, שעלטען זיינע שעלטער, זיין נאמען וועט ווערען באריהמט און מיט זיינע קינדער וועלען זיך אלע פעלקער פון דער וועלט בענשען. און אזוי איז טאקע געווארען: פון דעם זעהר פארשפרייטען גלויבען איז געבליבען גארנישט, בלויז איינצעלנע אומות אין פארווארפענע געגענטען גלויבען נאך דעריין, בעת די גאנצע וועלט גלויבט איצט אין׳ם גאט פון אברהם.

„סאבעאיסטישע פילאזאפען האבען זיך ערקלעהרט די מציאות אזוי: די וועלט איז אן אייביג עקסיזטירענדע ווי די געטער אליין; די געטער, ד.ה. די שטערן, זיינען אייביג און באשטעהען, ווי מענשען, פון א גוף מיט א נשמה. דער גוף איז וואס מיר זעהען פון זיי מיט אונזערע אויגען, די נשמה וואס שאפט זייער שטענדיגע באוועגונג איז דער כח וואס מיר רופען גאט, און האט קיין עקזיסטענץ ניט אויסערהאלב דעם גוף.

„די זעלבע ריידען זיך איין אז אדם איז אויך ווי יעדער מענש, געבוירען פון געטאדעלט. אזא „אפיקורס״ איז אויך געווען שת, געהענדיג מיט׳ן פאטער׳ס פאר האט ער טאקע שטענדיג געפרעדיגט מען זאל צו איהר דינען. זייער געשיכטע שרייבט איהם צו עטליכע חבורים וועגען ערד ארבייט: נח זאל האבען געווען א געגנער פון סאבעאיזם און אויף זיין לעבען צו קיין צלם ניט געדינט, דערפאר איז ער באשטראפט געווארען. אין זייערע ספרים ווערט ער זעהר שטארק געטאדעלט. אזא „אפיקורס״ איז אויך געווען שת, געהענדיג מיט׳ן פאטער׳ס לבנה־דינסט.

„בכלל איז זייער היסטאריע פול מיט שקרים און לעכערליכע נארישקייטען. למשל: אדם, וואנדערענדיג פון „תשאם״ — לעבען אינדיע — צו בבל, האט ער מיטגעבראכט פון דארט וואונדערליכע זאכען: א בוים וואס בליהט און וואקסט

ווי אַלע בוימער, נאָר זיינע צווייגען, בלעטער און וואָרצלען זיינען פון גאָלד, נאָך אַזאַ בוים — פון שטיין; צוויי מיטגעבראַכטע בלעטער, וואָס יעדערער האָט גע־קענט פאַרדעקען צוויי מענשען; ער האָט דערצעהלט פון אַ בוים, וואָס אַליין איז ער אַ מאָן הויך, אָבער אונטער זיינע צווייגען קענען זיך באַשיצען טויזענט מענ־שען. די און נאָך אַזעלכע נאַרישקייטען, וואָס ווערען נאָך גרעסער פאַר די וואָס זאָגען אַז די וועלט איז אַן אייביג עקזיסטירענדע לויט שטענדיג איינגעשטעלטע נאַטור־געזעצען, געפינען זיך אין זייער גלויבען: וואונדער וואָס זיינען נאַטיר־ליכערוויז אוממעגליכקייטען.

„פעסטשטעלענדיג די שטערן־הערשאַפט איבער דער וועלט, האָבען די נאַרי־שע אַנהענגער זיך באַטראַכט צו בויען הילצערנע געצען פאַר די שטערען, זילבערנע געצען פאַר דער לבנה און גאָלדענע פאַר דער זון, איינגעטיילט טעריטאָריעס פאַר יעדען שטערן, געבויט טעמפּלען, דאָרט אַריינגעשטעלט די געצען און געגלויבט, אַז דורך זיי וועלען די געטער־שטערן משפיע זיין אויף דער וועלט, אָדער דורך זיי לאָזען וויסען די צוקונפט פאַר אַלעמענס נוצען. אויסער דעם האָבען זייערע פּריסטער אַנגעצייגט אויף געוויסע בוימער, וואָס זיינען כלומרשט פאַרמיטלער צווישען מענשען און שטערען; מען דאַרף יעדערען נאָר דינען „אַזוי און אַזוי", וועט ער משפיע זיין אויף דער וועלט צום גוטען, זיך באַווייזען אין חלום אויסצוזאָגען וואָס עס וועט זיין, און אַרויסהעלפען אין נויט.

„אין אַזאַ נאַרישע וועלט אַנשויאונג איז אברהם געבוירען און דערצויגען גע־וואָרען. קומענדיג צום ריינעם שכל איז זיין ערשטע אַרבייט געווען צו רופען אין נאָמען פון גאָט, גאָט פון דער וועלט — ערקלעהרענדיג דערמיט די צוויי הויפּט יסודות פון אמונה: מציאת ה׳ און חידוש העולם. דאָס מיינט די תורה דער־צעהלענדיג: „ויקרא בשם ה׳ אל עולם".

„אַט דעם קאַמף וואָס אברהם אבינו האָט אָנגעפאַנגען אַרגומענטירענדיג, האָט די תורה געענדיגט מיט מעשים, פאַרזאָגענדיג צו פּראָוויסטען די עבודה זרה בילדער, צו צוברעכען די אשרה בוימער און פאַרניכטען די בשוף מאַכער, בויך־ריידער, מתים־אָנפרעגער און איבעריגע כשוף־קונצען מיט וועלכע די סאַבעאיסטען האָבען זיך אויסגעצייכענט."

דערמיט ווערען פאַרשטענדליך יענע שטרענגע אזהרות צו פאַרניכטען אַלע עבודה־זרה׳ס מיט זייערע ערטער, אַלע זייערע מזבחות און בילדער; די אזהרות געגען מעונן, נחש ומכשף חובר חבר, שואל אוב וידעני, דורש אל המתים, א.א.וו. דער וואָס שטודירט דורך די סאַבעאיסטישע רעליגיאָנס־ביכער געפינט. אַז די אַלע זיינען פּראַקטיצירט געוואָרען צווישען די אַנהענגער.

די סאַבעאיסטען האָבען קאָנצענטרירט אַלע ריטועלען אויף בהמות און ערד אַרבייט, ווייל די זיינען געווען די הויפּט יסודות פון מענשענס עקאָנאָמישע עקזיס־טענץ. אַזוי ווי יעדער מענש ווייס פון ערפאַהרונג די גוטע ווירקונג וואָס זונען־שטראַהלען ברענגען צו פרוכטען און געוויקסען, ער האָט געזעהן אַז אין די לבנה־נעכט וואַקסען בעסער אַלע תבואות, איז ניט שווער געווען צו איבערצייגען די מאַסען אין זייער געטליכקייט. דערפאַר האָבען זיי איינגעפיהרט פיל פּראַצעסיעס צערעמאָניעלע גאָטעס־דינסטען און אַלערליי תפילות צו בעטען די געטער אויף גערעטעניש און דורך די פּראַצעסיעס אויסבעטען אַ גוט יאָהר. געוויינטליך ווע־

לען די געטער באוויליגען דעם פארלאנג ווען מען דינט זיי ווי אנגעזאגט, אבער זיי וועלען שיקען א קללה אויף די פעלדער ווען מענשען ווידערשפעניגען זיי. דער הימעל וועט קיין רעגען ניט געבען און די ערד — איהר פרוכט.

די ערד און בהמות זיינען אלזא געווארען די פארמיטלער צווישען געטער און מענשען, דערפאר האט מען געדינט צו הויכע בערג, און אויך צו שאף און רינדער. די לעצטע זיינען געווען הייליג אין מצרים. דער „הייליגער" אקס אזירים איז געווען שיעור א האלבער גאט. שאף האט מען ניט געטארט שערען, ניט קוי־לענען פאר פלייש, ניט געברויכען זייער מילך, אפילו קעז און מייז זיינען געווען פארהייליגט. אין ארץ כנען איז יעדער בארג געווען באטראכט פאר הייליג.

כדי אפצוגעוואוינען אידען פון דער אמונה האט די תורה פארזאגט צו שעכ־טען א שאף פאר׳ן קרבן פסח, און אז אלע קרבנות זאלען זיין פון אקסען, שאף און ציגען. קומענדיג אין ארץ ישראל זאל מען פארניכטען אלע עבודה זרה׳ם פון די בערג.

און דוקא טוענדיג פארקערט ווי געצעגדינסט פאדערט, וועלען די תבואות וואקסען גוט און די ביימער וועלען געבען זייער פרוכט; אבער דינענדיג עבודה זרה כדי צו קריגען גערעטעניש, וועט זיין פונקט פארקערט: קיין גראז פאר בהמות וועט ניט וואקסען, דער הימעל וועט פארהאלטען ווערען ניט צו געבען קיין רעגען, אויף די פעלדער וועט קיין תבואה ניט וואקסען, די יאהרען וועלען פארקירצט ווערען און פון דעם גוטען לאנד וועלען די דינער פארטריבען ווערען.

מיט דער הקדמה ערקלעהרט דעם רמב״ם בדרך כלל אלע אזהרות געגען עבודה זרה. שפעטער וועט אונז נאך אויסקומען צו שרייבען וועגען דעם, קומענדיג צו געוויסע אזהרות אויף וועלכע אויבענאויף טראכטענדיג זעהט מען קיין טעם ניט; אבער וויסענדיג די צייט ווען די תורה איז געגעבען געווארען און ווי אזוי די צבא״ה פריסטער פלעגען פראווען זייער גאטעס דינסט, ווערען זיי פארשטענדליך.

.16

קרבנות

דעם פרק ל״ב ווידמעט ער צו ערקלעהרען דעם טעם פון קרבנות בכלל, און הויבט אן מיט דעם לשון:

ווען דו באטראכטעסט די קינסטלערישע ארבייט פון בורא באשאפענדיג דעם לעבעדיגען ארגאניזם און זיינע גלידער, וועסטו דערפון פארשטעהן ווי דער שכל דארף ארבייטען.

„די צענטראלע סטאנציע, פון וואנען עס קומט ארויס באוועגונג צו אלע גלידער איז דער מארך אין מח, וועלכער איז זעהר וויך, מאסע־פארמיג. ווייטער אראפ צו ווערט ער הארטער, דער חוט השדרה — נאך הארטער, און וואס ווייטער פון׳ם צענטער אלץ הארטער איז ער. די חושים־מוסקולען זיינען פארשיידענע: גאנץ איידעלע, ווי למשל די וואס באוועגען די אויגען דעקלאך, די אין די באקען וואס מאכען דעם שמייכעל, און די איבעריגע פון דעם סארט — קומען ארויס פון

מארך; אָבער די גרעבערע, וועמעס אַרבייט עס איז צו באַוועגן די פיס, הענט, פליינצעס און אַנדערע שווערע גלידער — קומען ארויס פון חוט השדרה. אזוי ווי די מוסקולען; באַטש ארויסגעקומען פון חוט השדרה, זיינען נאָך אַלץ שוואַך צו באַוועגן די שווערע גלידער, האָט די געטליכע חכמה איינגעריכט אין זיי אָדערען, וועלכע ווערען פאַרהאַרטעוועט כמעט ווי כּראַמשקע, אזוי ציהט זיך דער מוסקול ווייטער ביז דעם ברעג פון צווייטען גליד וואו ער איז באַהעפט. דאָרט ווערט ער ווידער ווייך, עלאַסטיש־בויגזאַם — און דורך דעם סאָרט מוסקול ווערען ביידע אברים באַהעפט און איינער קען דעם צווייטען איינבויגען און אויסבויגען. דער משל איז גרינג צו פארשטעהן פאַר יעדען מענשען, ווייל עס פאָדערט זיך דערצו קיין שכל ניט, מען זעהט עס פאַר די אויגען.

א צווייטער משל: יעדע באַשעפעניש, פון דעם מין וואָס מוז זויגען די ערשטע צייט נאָכ'ן געבוירען ווערען, מחמת די ווייכקייט פון אַלע איהרע פאַרדייאונגס אַפּאַראַטען וואָס לאָזען ניט פאַרדייען סאָלידע מאכלים, זיינען פאַר איהר צוגעגרייט מילך וואָס זי קריגט פון איהר מוטער ביז די אָרגאַנען ווערען ביסלאַכווייז האַרטער, צו קענען פאַרדייען סאָלידע מאכלים.

דאָס זעלבע איז בנוגע גייסטיגע שפּייז, וועלכע אונזער תורה האָט צוגעגרייט פאַר'ן מענשען ווען זיין באַגריף איז נאָך ווייך, ניט איינגעוואַקסען און ניט פעסט־געשטעלט. ניט מיט איין מאָהל האָט מען דעם אידישען פאָלק געקענט אריבער־טראָגן פון געצענדיענסט צום ריינעם גלויבען, נאָר ביסלאַכווייז: איינגעוואוינען, מדרגות'ווייז.

די געצענדינער האָבען קאָנצענטרירט זייער עבודה זרה דינסט אויף קרבנות פון בעלי חיים: שעפּסען, שוואַנען, ציגען, אפילו מייז און פלעדערמייז, עקדישען און שילדקראָטען, און דערויף זיינען געווען אָנגעשטעלט פּריסטער וועלכע האָבען פּרעטענדירט צו וויסען ווי אזוי מקריב צו זיין און וועלכע כונות צו האַלטען בעת מעשה כדי ארונטערצוקריגען די עכטע און ריכטיגע השפּעה פון דעם שטערען אָדער מזל. האָט די תורה ניט געוואָלט קומען פּלוצלונג און זאָגען: הערט אויף מיט קרבנות, ווייל דער עיקר איז דאָס ריינע הארץ, די ריכטיגע כונה און גוטע מידות. קיינער וואָלט עס ניט אָנגענומען, מענשען וואָלטען געקוקט אויף יענעם נביא ווי עס זאָל היינט קומען אַ נביא צו אונז און פּרעדיגען געגען דאַוונען, מתפלל זיין און פאַסטען, ווייל גאָט דאַרף ניט די מעשה נאָר די מחשבה. דער איבערגאַנג פון איין עקסטרים (מעשה אָהן מחשבה) צום צווייטען (מחשבה אָהן מעשה) איז צו ווייטלויפיג אַז מענשען זאָלען קענען נאָכפאָלגען. דערפאַר האָט די תורה ניט מבטל געווען דעם קרבנות געדאַנק, נאָר איהם פאַרקירעוועט אויפ'ן גוטען וועג: ניט צו עבודה זרה, נאָר צום אמת'ן גאָט; ניט אונטערצוקויפען, די געטער נאָר דעם איינענעם רעיון אויפהויבען צום באַשעפער. אנשטאָט די פאַלשע כונות, אריינגעטאָן אין זיי די ריכטיגע. די אָנגעוואונקענע כונות האָט ער איבערגעגעבען צו די כהנים, וועלכע זיינען מקריב די קרבנות, און כדי זיי זאָלען זיך קענען אָפּגעבען מיט יענע פאַרבאָרגענע כונות און מיט דער ריינער גאָטעס דינסט האָט דער בורא פאַרזאָגט אויף תרומות, מעשרות און איבעריגע מתנות כהונה, דערפון זאָל זיין זייער פּרנסה.

דער רמב״ם פיהלט, אז דא האט ער אנגעריהרט איינעם פון די וויכטיגסטע עקרים אין דער תורה, געבענדיג א טעם אויף קרבנות, וועלכער רוקט זיי אוועק פון דער ערשטער מדרגה ארונטער צו דער צווייטער. אין קרבנות, לויט זיין טעם, איז ניטא קיין הויפט כונה, קיין תכלית, נאר א מיטעל כדי דערמיט צו דערוווייטער־רען דעם אידישען פאלק פון עבודה זרה מיט איהרע קרבנות; טראץ דעם וואס דער פסק „ולא יזבחו את זבחיהם לשעירים וגו״ און איינינע מאמרים אין תלמוד וואס ווינקען אן דערויף, איז אבער די אידישע מיינונג געגען אזא אויס־טייטשונג, אוועקצונעהמען צוועקמעסיגקייט פון קרבנות און זיי געבען בלויז א מיטעל־באדייטונג. דערפאר גיט ער דאס צו ערקלעהרען מיט די ווערטער:

„איך וויים״, שרייבט ער צו זיין תלמיד, איך וויים ווי שווער עס וועט דיר זיין צו פארדייען מיינע רייד, און דו וועסט פרעגען: אין קרבנות זיינען דאך פאראן אזוי פיל עבודות, חלוקי דינים, צייטען וואו און וויפיל מקריב צו זיין — און די אלע זיינען ניט פאר א תכלית־זאך, נאר בלויז אלס א מיטעל צום ציל? ווער האט דען דעם בורא געשטערט מיט'ן דירעקטען וועג אונז אוועקצורייסען פון עבודה זרה? מיין ענטפער איז, דאס אין דער תורה גופא האבען מיר אן עהנ־ליכען פאל, ערקלעהרענדיג דעם פאקט פון פארקירעוועון די אידען דורכ'ן מדבר — א שווערער וועג און א ווייטער, אנשטאט דעם גרינגען און נאהענטען, דורך דעם פלישתים וועג. דער טעם פון אזא פארדרעהעניש איז, ווייל די אויבערשטע חכמה האט זיך משער געווען, אז מענשען וואס האבען ביז איצט געשקלאפט ביי ציגעל און ליים קענען פלוצים ניט ווערען העלדען צו קעמפען געגען ריזען. פחדנות איז דאך אריין אין זייער בלוט און געווארען אלס א צווייטע נאטור. דערפאר האט די געטליכע חכמה זיי גענומען אויפ'ן לאנגען מדבר־וועג, וואו זיי וועלען זיך שטארקען אין מוט, לעבענדיג אין פרייהייט, און דערצו וועלען די מדבר שווע־ריגקייטען פארהארטעווען דעם כאראקטער, ווי עס איז באוואוסט, דאס א לוקסוס־לעבען ברענגט שוואכקייט און א שווערער לעבען פלאנצט אריין מוט און בראווקייט.

וועט איינער פרעגען: ווארום דעם גאנצען געדרעהע, ווען דער „כל יכל״ האט געקענט לכתחילה אין זיי אריינגעבען די נויטיגע מוט? די זעלבע שאלה ווי אויף די קרבנות, און א דריטע פראגע: צו וואס זיינען נויטיג די גוטע הבטחות פאר'ן אפהיטען די מצוות און די שטראפען אויפ'ן עובר זיין, ווען ער האט לכתחילה גע־קענט באשאפען דעם מענשען מיט א ווילען צו טאן גוטס און מיט א ווידערווילען געגען שלעכטעס?

איין ענטפער אויף אלע דריי קשיות: דער בורא וואס קען אלץ האט טאקע געקענט געהן גלייך צו דער ערשטער כונה, גלייך פון מצרים אין ארץ ישראל דורך פלישתים און אויך צו שאפען א נאטירליכען באגעהר צו טאן מצוות. נאר דאן וואלט דאך נויטיג געווען צו ענדערען די טבע פון אלע מענשען, און דאס וויל די השגחה ניט. וויוזען א נס ביי איין געלעגענהייט אדער ביי איין מענשען — יא, אבער ניט אן אלגעמיינעם נס! וואס מיינט: ענדערען די גאנצע וועלט.

דערמיט ערקלעהרט זיך די באגרענעצונג אין קרבנות: אין א געוויסען ארט, אויף א מזבח געבויט אין א געוויסער פארמע (מזבח אדמה) און נאר דורך איין

מענשען (כהן) — אינגאנצען אפגעראטען פון תפילה אומעטום, צו יענער צייט איז וואס פאר א לשון און מיט וואס פאר א נוסח. ווייל תפילה איז די כונה ראשונה, בעת קרבן איז נאר דער מיטעל צום ציל: ערשטענס צו דערוועקען דערמיט די ריכטיגע כונה, צווייטענס — צו דערווייטערען פון עבודה זרה.

דערפאר זיינען נביאים געווען שטארק געגען קרבנות. שמואל האט געזאגט צו שאול׳ן: איז דען גלייך גאטעס פארלאנג פאר עולות און זבחים צו דעם פאר־לאנג פאר געהארכזאמקייט? ישעיה זאגט: וואס דארף איך אייערע פיל זבחים, זאגט גאט. ירמיה הנביא זאגט אין נאמען פון גאט: איך האב ניט גערעדט מיט אייערע עלטערען זיי ארויסנעהמענדיג פון מצרים מכח עולה און זבחים, נאר איך האב זיי אנגעזאגט מיר צו פאלגען, וועל איך זיין זייער גאט און זיי — מיין פאלק. און א סך פרעגען: באשטעהט דען ניט א גרויסער טייל פון דער תורה פון קרבנות אנזאגונגען? דער ענטפער איז: „איך האב מיט זיי ניט גערעדט וועגען קרבנות אלס א תכלית פאר זיך, נאר אלס א מיטעל צו דערווייטערען פון עבודה זרה און גרויכען צו געהארכזאמקייט. אבער ווי עס האלט איצט: עבודה זרה דינט איהר סיי ווי און מיינע מצוות היט איהר ניט — און אויף קרבנות אלס א ציל פאר זיך האב איך אייך קיינמאל ניט אנגעזאגט.

דער רמב״ם ערקלעהרט נאך אנדערש דעם פסוק פון ירמיהו, נאר מיר גיבען עס ניט איבער, ווייל די כונה איז די זעלבע ווי די פריהערדיגע ערקלעהרונג.

דער טעם אויף קרבנות האט יענע צייט אנגעמאכט א גרויסען רעש אין טראַ־דיציאנעלען אידענטום. די מפרשים מאטערען זיך שטארק איהם צו ערקלעהרען באופן עס זאל עטוואס כאטש שטימען מיט דער אידישער קאנצעפציע. ר׳ משה הגרבוני, וועמעס מיינונג מיר האבען אריינגעפלאכטען אין אונזער ערקלעהרונג, איז נעהענטער צום אמת ווי די איבעריגע. דער „שם טוב" פארענטפערט זיך: איך האב בלויז ערקלעהרט דעם רמב״מ׳ס ביאור און זיין טעם. אבער איך פאר זיך האב אינגאנצען אן אנדער מיינונג ווי זיינע און גאט ווייסט... אפילו דער מוטיגס־טער מפרש „גרבוני" זאגט: איך אלס מפרש בין מחויב בלויז צו ערקלעהרען וואס דער רמב״ם שרייבט, אבער ניט פעסטצושטעלען צי אזוי איז דער אמת".

זייער התנצלות קען אויך גילטען פאר דעם וואס שרייבט די דאזיגע צייל...

17.

דער קאמף געגען געצענדינסט

פונקט ווי די קרבנות האבען — לויט זיין מיינונג — געצילט געגען געצענ־דינסט, אזוי האבען אלע דינים בנוגע הנהגות פונ׳ם מענשען דעם ציל צו קאנטראַ־לירען זיינע תאוות, ניט זיך ארייננצולאזען אין עסען, טרינקען און געשלעכטליכע תאוות, ווארים ווי די ערשטע שעדיגט דעם געדאנק, שעדיגט די צווייטע דעם איינצעלנע מענשען פיזיש און גייסטיג, מיט׳ן רעזולטאט פון א פארדארבענער געזעלשאפט, פאר־וויקען אין ניט דערפילטע באגערען וואס ציהט נאך זיך זיפצען און קרעכצען, זארג און קנאה, שנאה און מלחמה; דאס אלעס קומט פונ׳ם מאכען די הנאות, אנשטאט א מיטעל צו קענען רוהיג זיך אפגעבען צום גייסטיגען לעבען, אלס א תכלית פאר זיך (זעה פרק ל״ג ח״ג מעהר באריכות).

אין פרק ל״ד ערקלעהרט ער, אז די אלע רעגולאציעס, דינים און טעמים זיינען צוגעפאסט צו דער מאיאריטעט, ניט נעהמענדיג אין אכט דעם איינצעל־נעם, וואס ניט נאר בענעפיטירט ניט, אבער ליידעט דערפון. למשל: דער פארזאג „על פי שנים עדים יקום דבר", ווייסענדיג אז צוויי מענשען וועלען זיך ניט צו־נויפרעדען צו זאגען א ליגען, און האם דארף ממילא זיין דער פרואוו צו באשטע־טיגען אן אמת. אבער עס קען טרעפען מיר זאלען דארפען פאראורטיילען איין מענשען דורך צוויי פאלשע עדות, ווען בית דין האט דורך אויספארשונג ניט גע־קענט אויסגעפינען זייער פאלשקייט, דארף דער פאראורטיילטער ניט זאגען „די תורה איז (חס ושלום) פאלש, ווייל דער דין איז געגעבען פאר דעם כלל, פאר אלע צייטען און דורות און קען דערפאר ניט געענדערט ווערען פאר׳ן יחיד אדער מחמת א געוויסען מאמענט. ווען מיר זאלען יא אזוי טאן, פאלט אוועק פון דער תורה איהר געטליכע אייביגקייט.

נאך די צוויי נויטיגע הקדמות — איבערהויפט די צווייטע — וואו עס ווערט אנגעוואונקען אז קיין מצוה קען ניט בטל ווערען אפילו ווען אין א געוויסען דור אדער ביי א געוויסען מענשען האלט זיין אנגעגעבענער טעם ניט אויס — געהט ער אריבער צו די מצוות בפרט, פריהער (אין פרק ל״ה) זיי איינטיילענדיג איז 14 טייל, נעמליך:

1) דעות: צו וויסען אז הקב״ה איז איינער, אומטיילבאר, אומקערפערליך, אומענדערבאר, אייביג עקזיסטירענדער, דער וואס האט געגעבען די תורה דורך משה רבנו זיין שליח, אנזאגענדיג צו גלויבען אין אמת׳ן נביא, צו רעספעקטירען תלמידי חכמים און עלטערע פון זיך, און לערנען תורה — די אלע מצוות זיינען גוט פאר־שטענדליך פאר יעדערען: אהן גלויבען אין איין בורא איז אומגעמאלט די תורה, אומגעמאלט א נביא, אוים אויטאריטעט און אוים מדות מיט דרך ארץ. אהן רעספעקט צו תלמידי חכמים וועט קיינער זיי ניט פאלגען; אהן גלויבען אין גאט וועט מען קיינמאל ניט קענען ארויסקריגען דעם אמת (ווי איצט: דורך א שבועה); אהן תפילה צו א העכערער קראפט אין עת צרה וואלט דער מענש דערדריקט גע־ווארען פון זיינע נאטירליכע צרות, און מיינענדיג אז זיי קומען צופעליג וועלען עס מענשען ווידער פראקטיצירען אז די צרות וועלען זיך טאפלען, שלעפענדיג נאך זיך די פועל יוצא׳ס פון שטראף (אזוי טייטשט ער דעם פסוק „אם תלכו עמי קרי והלכתי אף אני עכמם בחמת קרי); אזוי איז אויך דער ענין פון תשובה נויטיג פאר׳ן פארשטענדיגען צו וויכען, אז יעדער מענש האט זיינע שוואכע מאָ־מענטען, צי מחמת תאוה, צי כבוד, צי פרנסה, וואס ברענגט צו זינדיגען. זאל דער זינדער ניט האבען דעם תשובה־אויסוועג וואלט ער פארצווייפעלט געווארען נאכ׳ן זינדיגען, א מאך טאן מיט דער האנט: „סיי ווי א פארלוירענער" און ווידער זינדיגען; אבער דורך תשובה קען ער שפעטער זיך ווידער קאנטראלירען. דער טייל איז זיכער פארשטענדליך מיט די גרויסע נוצען וואס דאס מין מצוות ברענגט.

2) אזהרות געגען עבודה זרה און כשוף — אלע מיט איין ציל: אפצוברעכען אידען פון דער געצענדינסט (עבודת כבבים ומזלות) וואס האט זיך פראקטיצירט צווישען סאבעאיסטען (צאב״ה) אין כשדים, מצרים און כנען, דורכמאכענדיג גע־וויסע ריטואלען, אין וועלכע זיי האבען געגלויבט צו קענען העלפען איינצעלנע

מענשען און אפילו גאנצע מדינות, ווי למשל נעהמען א געווויסע פלאנע אין א געווויסע צאָהל (3 צו 7 אָדער 10) ארויסגעהען אויף א פעלד אין א געוויסע צייט, גוען „דער און דער" מזל שטעהט „דאָרט און דאָרט", אָדער נעהמען עטליכע האָר פון א געוויכער בהמה, אָנשאָפען שטויב פון א קוה'ס האָרן, די און נאָך אזעלכע אר־טיקלען פון באשעפעניששען, גראזען אָדער בינערעלען, טאנצען ארום דעם, שרייען, קוויטשענען, וויינען אָדער לאַכען, זאָגען געוויסע שפּרוכען, און נאָכדעם אונטער א געוויסער פייערליכער צערעמאָניע אויסרויכערן, אָדער פארברענען און לאָזען די אַש צעבלאָזען לויט א באשטימטער צערעמאָניע. בעת מעשה זאָלען שטעהן א געוויסע צאָהל מיידלאך אָנגעטאָן אין רויטע מאנספּילשע קליידער און די זעלבע צאָל מאנספּילען אָנגעטאָן אין פרויען קליידער, אָדער צעהן מיידלאך, אָנגעטאָן אין רויטס, זאָלען געהן א געווויסען שטח פעסט צוגעדריקט איינע צו דער צווייטער, און געהן צוריק דעם זעלבען שטח הינטערוועדטס... אוממעגליך אויסצורעכענען אַלע ווילדע צערעמאָניעס וואָס זיי פלעגען טאָן. דערצו וואָלט נויטיג געווען אי־בערצוזעצען אלע זייערע ביכער וועלכע דערגרייכען אין די הונדערטער.

און אין דער גאנצער פראצעדור האָבען פרויען פארנומען דעם הויפּט פּלאץ. דערפאר קומט דער פארזאג „מכשפה לא תחיה", ניט „מכשף". די אלע ווילדע צערעמאָניעס, טענץ, פּראצעסיעס, רויכערונג און ברענעניש פון אלערליי שרצים און בהמות, פיש און פלעדערמויז, בלעטער און קרייטיכער — וואָס איז בלויז נאַ־רישקייט, אָהן א שום שכל דערין — פלעגען די פּריסטער פּראווען, איינרעדענדיג די מאסען, אז דאָס וועט העלפען געגען קראנקהייט, פרויען זאָלען ניט מפּיל'ן, קיין האָגעל זאָל ניט מזיק'ן די פרוכט, ניט דער פּראסט די תבואות, קיין חיות זאָלען ניט פארצוקען קיין בהמות און מענשען, עס זאָל רעגענען אין צייט, ווײנגערטנער זאָלען ניט פארווערימט ווערען און אזוי ווייטער — צרות וואָס קומען אויפ'ן מענשען אָדער אויף זיין פארמעגען.

געגען דעם איז די תורה ארויסגעקומען מיט'ן שטרענגען פארזאג: ניט צו דינען צו דער זון, לבנה אָדער שטערען, ווייל זיי קענען ניט משפּיע זיין, ניט די־רעקט, ניט דורך די בוימער, ניט דורך די געצעס, ווי אויך ניט דורך די ווילדע אָרגיעס, שפּרוכען, טענץ און רויכערונגען. טוענדיג אזוי וועלען קומען פארקערטע רעזולטאטען: קיין רעגען וועט ניט זיין, היישעריקען וועלען פארדארבען די פעל־דער, מענשען וועלען קראנק ווערען, שלאנגען און חיות עפּידעמיס, הונגער און דאָרשט, מיט אלע פגעים רעים, וואָס געצענדינסט פארמעסט זיך צו פארמיידען. וועלען דווקא קומען אין א גרויסער מאָס — ניט אוים נקמה. וואָס מען טאָר צו הקב"ה ניט צושרייבען — נאָר צו באווייזען די נישטיגקייט פון געצענדינסט.

דערפאר זיינען געקומען די אזהרות געגען יעדער אקציע פון געצענדינערײ, וואָס האָט קיין צוגאנג ניט צום שכל און זייער נוצליכקייט וועט ניט באשטעטיגט פון ערפאהרונג, ווייל זיי קומען נאָר פון נארישען אבערגלויבען, פון וואָס דער עם חכם ונבון מוז זיין דערווייטערט, אָבער די זאכען וואָס זיינען שכל'דיג אָדער נוצ־ליך מעג מען פּראקטיצירען, ווי למשל דער כלל פון תלמוד: אלעס וואָס קען זיין א רפואה, אפילו ווען געצענדינער טוען עס, איז ערלויבט (כל דבר שיש בו רפואה אין בו משום דרכי האמורי). דער רמב"ם, אין פּרק ל"ז, ברענגט א סך מאמרים וואָס באשטעטיגען זיין מיינונג.

דערין געהט אריין דער איסור פון פארשניידען די ברעגעס פון קאפ און באָרד (הקפת פאת ראש ופאת זקן), דער איסור געגען שעטנז, ווייל דאס פאראייניגען פלאַקס און וואָל פון א שעפּס אין איין בגד איז געווען איינע פון זייערע צערעמאָניעס. דאָס זעלבע דער איסור פון בייטען קליידונג, אויסער דעם פריהער־דערמאָנטען טעם, ווייל אין זייער „טמטם" בוך געפינט זיך א סגולה געגען א געוויסער קראַנקהייט, א פרוי זאָל זיך אָנטאָן אין מאַנכבילשע קליידער מיט געווער און זיך שטעלען מיט'ן פנים אַנטקעגען מזל מאדים (מאַרס) און א מאַנסביל, אין פרויען־קליידער געפארבטע, שטעהענדיג מיט'ן פנים צום מזל נוגה (ווענוס).

דער איסור הנאה פון עבודה זרה ערקלעהרט זיך דערמיט, כדי דער איד זאָל עס ניט זשלעווען צו פארניכטען, אפילו צוברעכען אָדער איבערגיסען, אפילו אריינמישען אין היתר איז פאַרבאָטען, צוליב די איינרעדעניש. אז איין טייל פון עבודה זרה געמישט אין אַנדערע, ברענגט מזל ברכה, אזוי ווי מ'האָט זיך איינגערעדט אין מזל'דיגע הענט; אויב ער דינגט איבער א בהמה וועט זי געבען מעהר מילך; אריינציהען אינ'ם הויז וואו דער „מזל'דיגער" האָט געוואוינט, וועט ברענגען גליק. צו דערווייטערען פון דער נאַרישקייט האָט די תורה פאַרזאָגט דורך א כריתת ברית, שטעלענדיג עדות הימעל און ערד אין באשווערונג, קיין זאך פון עבודה זרה ניט צו נעהמען (ולא ידבק בידך מאומה מן החרם), און אָנגעזאָגט: נעהמענדיג פון דעם זאָלסטו ניט דענקען צו ווערען רייכער, פאַרקעהרט — דורך דעם ביסעל וועסטו דיין כל פארלירען (ולא תביא תועבה אל ביתך — והיית חרם כמוהו).

אינטערעסאַנט צו באמערקען, אַז די פריסטער, מעהר ווי זיי אליין זיינען געווען פאַרנאַרט, האָבען זיי געזוכט אריינצונארען די פשוט'ע אָנהענגער, אַנשרעקענדיג, אויב יענער וועט ניט טאָן די סגולה, וועט דער בוים אָפּגעדארט ווערען, אָדער ניט געבען זיין פרוכט, אָדער דאָס הויז וועט אָפּברענגען אָדער דאָס קינד וועט שטאַרבען. און עס קען דאָך טרעפען איינמאָל אין א שטימה זייער פאָראויסזאָגונג זאָר פאַרווירקליכט ווערען, וואָס איז באמת געווען בלויז א צופאל — פלעגען זיי עס אויספּויקען אומעטום און דערמיט ארויפוואַרפען א שרעק אויף לייכטזיניגע, ספּעציעל אויף פרויען, דערפאַר פלעגען זיי אַלעמען באאיינפלוסען פון זייער דינסט.

איינער פון די מיטלען איז געווען, דאָס צווינגען עלטערען דורכצופיהרען די קינדער דורך פייער, אַנשרעקענדיג אַז דער קינד וואָס קריגט עס ניט, וועט דעם יאָהר מוזען שטאַרבען. וואָס טוען ניט באַרעמהערציגע מוטערס פאַר זייער קינד? בפרט ווען דאָס איז ניט פאַרבונדען מיט געלט און אויך ניט מיט ליידען. אָט געגען דער פארשפּרייטער נאַרישקייט איז די תורה ארויס מיט א שטרענגער שטראָף; געגען „מעביר בנו ובתו באש" — שטרענגער ווי געגען אַנדערע עבודה זרה צערעמאָניעס, מחמת איהר פּאָפּולאַריטעט וואָס די געצענדינסט האָט געוואונען צווישען די עלטערען.

נאָך אין רמב"מ'ס צייטען איז געווען די מאָדע אפילו ביי אידען, דאָס די באָבע פלעגט מאַכען א רויך פון געוויסע קרייטיכער וואָס גיבען ארויס זעהר א מיאוס'ן ריח, און דערויף שאָקלען דעם ניי געבוירענעם קינד פון סגולה וועגען. ער מיינט אַז דאָס איז נאָך דער שפור פון אמאָליגע פייער־דינסט. פראַטעקטירענדיג

גענען דעם מיאוס׳ען מנהג באמערקט ער: מערקווירדיג, וואס נאך צוויי טויזענט יאהר זינט די תורה האט געעפענט א קאמף געגען דער געצענדינסט, איז נאך איהר שפור געבליבען.

די אשרה איז גע׳אסר׳ט געווארען, ווייל יענע געצענדינער פלעגען איהר דינען, כדי די תבואות זאלען ניט צעשלאגען ווערען. פלעגען זיי שניידען תבואה אביסעל מקריב זיין צו איהר און די איבעריגע עסען אין טעמפעל. ניט טוענדיג אזוי, וועט כלומרשט קיין תבואה ניט וואקסען און די פרוכט פון די ביימער וועלען געשלאגען ווערען.

.18

טעמים אויף ערלה און כלאים

די געצענדינער פלעגען ארונטערנעהמען די ערשטע פירות פון א בוים און זיי עסען אין זייער טעמפעל מיט גרויס צערעמאניע, דערפאר האט די תורה גע׳אסר׳ט „ערלה" — די ערשטע דריי יאהר פירות, ניט צו עסען און ניט הנאה האבען. פארוואס דריי יאהר? ווייל פלאנצען א בוים קען מען דורך נטיעה, הברכה, און הרכבה. מאנכע גיבען ארויס די ערשטע פרוכט צום ערשטען יאהר, מאנכע צום ענד פון צווייטען, און אנדערע — ענדע דריטען, דערפאר האט די תורה גע׳אסר׳ט די גאנצע דריי יאהר. כאטש די וואס פלאנצען ניט, נאר פאר־זייען דעם קערענדעל, געדויערט מעהר ווי דריי יאהר, נאר דאס רוב פלאנצען בוי־מער, קוקט די תורה ניט אויף די איינצעלנע קערנער־זייער; צו איבערצייגען אז עס איז ניט אמת וואס געצענדינערישע פריסטער סטראשען אז אויב מען טוט ניט אזוי ווי די געצענדינסט פאדערט, וועט דער בוים אפדארען ענדע ערשטען יאהר, דעמאנסטרירען מיר געגען זייער שקר מיט נטע רבעי „צו עסען די פרוכט פאר גאט" — ניט פאר עבודה זרה.

א צווייטע אורזאך פאר איסור ערלה: די ערשטע עבודה זרה פריסטער פלע־גען הייסען זייערע אנהענגער צונויפצוזאמלען געוויסע זאכען, זיי לאזען פאר־עפושט ווערען, און ביים פלאנצען א בוים, זאל מען אפווארטען א געוויסע מינוט, ווען די זון שטעהט אויף א באשטימטען פונקט, און דורך א סך כשוף און שפרוכען דעם עפוש׳דיגען מיסט באשיטען ארום איהם, דערפון וואקסען די פרוכט זעהר גוט. כדי אפצעווענדען אידען דערפון האט מען אנגעזאגט די ערשטע דריי יאהר די פרוכט ניט צו עסען, וועלען אידען ניט דארפען אונטערטאיילען די פרוכט דורך יענע געצענדינערישע סגולות.

הרכבה, האס הייסט צונויפפארען איין מין בוים מיט א צווייטען, פלעגט געטאן ווערען דורך א העסליכע צערעמאניע, ווען א שעהן מיידעל ווערט געשלעכט־ליך פארבונדען מיט א מאן, און בעת מעשה דארף זי ארייננשטעלען דעם נייעם בוים אין אלטען שטאם. דערפאר איז עס פון דער תורה גע׳אסר׳ט געווארען, צוזאמען מיט כלאים פון זרעים — אויך מחמת די עבודה זרה צערעמאניעס וואס

פריסטער פלעגן טאָן, זייענדיג פינפעריליי זרעים, מאַכענדיג בעת מעשה הקפות צום כבוד פון די פינף קלענערע פיקסשטערן, און אַנדערע מאַכענדיג זיבען הקפות צו אַלע זיבען שטערן. דער איסור איז דער זעלבער געווען: צו דערווייטערען אידען פון די עבודה זרה צערעמאָניעס.

3) מדות און דרך ארץ; אַנהאַלטען די מידות פון רחמנות, ליב צו האָבען חברים, צו באַהאַנדלען פריינדליך גרים, צו שטראָפען (מיט גוטע רייד) חברים וואָס פיהרען זיך אויף ניט אָנשטענדיג, באַהאַנדלען מיט רחמנות אלמנות, יתומים — און נאָך עהנליכע מידות טובות, וועלכע מען דאַרף ניט דערקלעהרען, ווייל יעדער מענש פאַרשטעהט זייער נוצליכקייט פאַר דער מענשליכער געזעלשאַפט.

4) די דינים פון מתנות כהונה: ווייל זיי האָבען ניט קיין חלק אין ארץ ישראל, מוז מען דעם גאַנצען שבט לוי שטיצען מיט תרומות ומעשרות. ווערענדיג באַפרייט פון פיזישע אַרבייט, וועלען זיי זיך קענען איבערגעבען צו הימעלשע זאַכען, צו ערקלעהרען די תורה, צו פסק'ענען דינים און „צו אונטערשיידען פון טמא און טהור".

דערפאַר ווערט דער שבט לוי שטענדיג אריינגערעכענט צווישען יענע קלאַסען וואָס מוזען אויסגעהאַלטען ווערען אויף קהל'ס חשבון (הלוי, הגר, היתום והאלמנה).

אָבער מעשר שני, ווייל מען קען עס נאָר פאַרברויכען אויף שפייז, אָדער פאַר זייער אויסלייז געלט נאָר קויפען שפייז וואָס מען מעג עסען נאָר אין ירושלים, וועט דערפון שוין זיין גרינג צו געבען צו נויטבאַדערפטיגע, וויסענדיג אַז אַזוי פיל קען ער ביי ווי ניט אויפעסען אין דער וואָך זייענדיג דאָרטען. ממילא דאַרף ער ניט שפאָרען פון אָרימעלייט.

דער חיוב עולה לרגל צו זיין דריי מאָל אין יאָהר: פסח, שבועות און סכות, איז כדי צו פאַרזאַמלען אַלע אידען פון אַלע קלאַסען, שבטים און יחוס, אין איין פלאַץ; דערפון ווערט פאַרשטאַרקט די נאַציאָנאַלע איינהייט, און מענשען ווערען נעהענטער באַפריינדעט איינער מיט'ן צווייטען.

נטע רבעי (די פרוכט פון פערטען יאָהר) וואָס מען דאַרף פאַרברויכען נאָר אין ירושלים, כאָטש האָט קען עהנליך זיין צום געצענדינערישען מנהג, ווי פריהער ערקלעהרט ביים ענין פון ערלה — אָבער די תורה האָט עס פאַרהייליגט ווי תרומה, חלה און בכורים; ראשית הגז (די ערשטע אָפגעשאָרענע וואָל) וואָס מען מוז אָפגעבען צום כהן און באַצוועקט אָפצוגעבען יעדע „ערשט" צו גאָט, כדי זיך איינצוגעוואוינען אין דער מידה פון נדיבות, צו פאַרקלענערען די תאוה פון אכילה און געלט זאַמלונג, די מידה ווערט אויך אָנגעוואונקען אין מתנות כהונה פון שלמים-קרבנות: זרוע, לחיים וקיבה; די לחיים (באַקען) — דער אָנפאַנג פונ'ם בהמה'ס גוף, זרוע (דער רעכטער אָרים) דאָס וואָס שיילט זיך אָרויס צוערשט פונ'ם קערפער ווערענדיג פאַרמירט אין מוטער'ס בויך, און קיבה (מאָגען), דער ערשטער אָרט פונ'ם פאַרדייאונגס אָרגאַניזם, סימבאָליסטיש מיינט עס: פריהער פון אַלץ קומט הימעל, בעת די אַליין קומסט נאָכדעם.

בכורים, אויסער דער פריהער דערמאָהנטער טעם, ענטהאַלט אין זיך די מידה פון ענוה, ניט צו ווערען פאַרריסען ביי זיך, זעהענדיג תבואה וואַקסען און בוימער געבענדיג זייער פרוכט. אין אַזאַ מאָמענט מוז יעדער זיך דערמאָהנען דעם אַמאָל,

ווען זיינע עלטערן, אָרימע היימלאָזע אַראַמייער, קליין אין צאָהל און מאכט, זיינען געקומען אין מצרים, וואו מען האָט זיי געפּייניגט דורך שווערע שקלאַפּישע אַרבייט, און נאָר א דאַנק גאָט, צו דעם וואָס מען ברענגט איצט די ערשטע צייטיגע פרוכט (בכורים) זיינען זיי אויסגעלעזט געוואָרען, א לאנד וואס פליסט מילך און האָניג געקראָגען, און איצט דאַנקען אָפּ זייערע אייניקלאַך דעם גוטהאַרציגען באַשעפער פאַר די געטאַנענע גוטעס מיט׳ן קערבעלע צייטיגע פרוכט אויף די פּלייצעס, וואָס אַלע, רייך און אָרים, אפילו אַגריפּוס דער מלך, מוז אליין טראָגען אויפ׳ן פּלייצע, גלייך צום כהן.

דער פאַרזאָג ניט צו פאַרגעסען אַז „אַ קנעכט ביזטו געווען אין לאַנד מצרים״ ווידערהאָלט זיך ביי יעדער געלעגענהייט. צו דעם מין געהערען אויך די דינים פון בכור, דעם ערשטען געבוירענעם מענשען און בהמה, אָפּצוגעבען צו גאָט דורכ׳ן כהן, אויסער וואָס דאָס איז אויך „ערשטע״, ליגט דערין דער טעם פון „דערמאָנונג״, אַז פּרעה האָט דיר ערשט פריינעלאָזען, ווען גאָט האָט דערשלאָגען יעדען ערשט־געבוירענעם אין מצרים. פון מענשליכען מין, דאַרף מען אויסלייזען, געבענדיג דעם כהן 5 שקלים. בכורים פון שטוב־בהמות: קיה, שעפּסען און ציגען, נעהמען פאַר אַ קרבן; די דריי מינים זיינען שטענדיג געווען בנמצא אין ארץ ישראל ביי אידען פון אַמאָל, אַלס אַ פאָלק פון רועי צאן. אָבער ווענינ האָבען געהאט פערד און קעמלען. די ראיה איז פונ׳ם רויב־צעטעל וואָס אידען האָבען געבראכט פון מדין, וואו קיין פערד און קעמלען ווערען ניט דערמאָנט, נאָר רינדער און „צאן״ וואָס נעהמט אריין שעפּסען און ציגען צוזאַמען, אויך חמורים (אייזלען) אַלס דער איינציגער מין צו רייטען און אריבערטראָגען משא אויף איהם. דערפאַר איז דער דין פון בכור ניט שייך ביי פערד און קעמלען, נאָר ביי בשר׳ע בהמות און אויך ביים אייזעל, וועלכען מען קען ניט מקריב זיין, נאָר אויסלייזען, און כדי דער איינענטימער זאָל זיין געצוואונגען אויסצולייזען מיט געלט, וועלכע געהער צום כהן, האָט די תורה פאַרזאָגט „עריפה״ (אָרונטערהאקען דעם קאָפּ). דערפאַר זאָגט דער דין: די מצוה פון אויסלייזען קומט פריהער פאַר עריפה, ווייל דער צווייטער איז לכתחילה געקומען מחמת דעם ערשטען.

די דינים פון שמיטה און יובל נויטיגען זיך ניט אין ערקלעהרונג. יעדער פאַרשטייט ווי נויטיג פאַר א מדינה עס איז דאָס עס זאָלען זיך ניט קאָנצענטרירען די נאַטירליכע רייכטימער אין יחידי׳שע הענט, איבערלאָזענדיג די מעהרסטע אין שטענדיגע אָרימקייט, וואָס וועט זיי שפּעטער צווינגען צו ווערען שקלאַפען ביי דער מינאָריטעט רייכע. זאָל די וועלט אויספאָלגען די תורה פּרינציפּען: „באַדען קען ניט פאַרקויפט ווערען אויף אייביג״, „אַ קנעכט קען זיך פאַרקויפען נאָר אויף אַ צאָהל יאָהרען״, און „איין מאָל אין זיבען יאָהר מוזען אָפּגעווישט ווערען אַלע חובות״ — וואָלט זי איצט געהאט גאָר אַן אַנדער פּנים.

די דינים פון חרם (אָפּגעבען א פעלד צו הקדש) און ערכין (אָפּצושאַצען זיין, אָדער קינד׳ס ווערט און דאָס געלט אָפּגעבען צו הקדש), זיינען געצילט איינצוגעוואוינען יעדען מענשען נאָכצוקומען די פליכטען וואָס ער איז מחוייב צו זיין גאָט, בית המקדש און רעליגיע פאַרשטעהער (כהנים) און ניט טראַכטען נאָר וועגען זיך אַליין.

צו דער מידה פון החמנות, מענשליכקייט און יושר, געהערען די אזהרות וואָס

יאָ און ניט צו נעהמען פאַר אַ משכן (לא יחבל רחיים ורכב, כסות יום וכסות לילה, פחות שבכלים א.ד.ג.) די אַלע דינים וועגען קנעכט, אפילו עבדים כנענים, וואָס מען טאָר ניט שלאָגען מיט אכזריות, און אויב אויסגעבראָכען אַ צאָן, און ווער רעדט נאָך אָפהאַקענדיג אַן אבר וואָס וואַקסט מעהר ניט אָפּ, מוז ער איהם, אַלס שטראָף פאַר זיין אכזריות, פריי לאָזען. טאָמער שלאָגט ער איהם ביז טויט, ווערט דער בעל הבית גע׳משפט אזוי שטרענג ווי ער זאָל האָבען געטויט אַ ציווילען מענ־שען; ניט איבערגעבען צום שלעכטען בעת הבית אַן אַנטלאָפענעם קנעכט, נאָר איהם העלפען זיך צו באַזעצען, און איהם ניט דריקען — אין גענענזאַץ צום ציווילען מענשען וואָס איז באַגאַנגען אַ פאַרברעכען געגען אַ צווייטען מענשען און וויל זיך באַשיצען אונטער די פאָלעס פון זיין יחוס, אָדער זיך אָנהאַלטענדיג „אָן די ווינקלען פון מזבח״, אַזעלכע זאָלסטו פון מזבח ארונטערנעהמען צום שטאַר־בען, וויל רחמנות אויף אַ רוצח איז אכזריות צו דער געזעלשאַפט. דער וואָס מיינט, אַז ראַטעווען אַ מענשענס לעבען, קיין אונטערשייד צי ער איז אַן אָרענט־ליכער צי אַ רוצח, איז אַ מעלה — דער איז אַ נאַר, און אַ שעדליכער נאָר דערצו.

.19

טעמים אויף ציווילע געזעצען און נאַציאָנאַל־רעליגיעזע ימים טובים

5) דער פינפטער טייל איז „נזיקין״, און רעכענט אוים אַלע דינים וואָס האָבען צו טאָן צווישען מענש און מענש, זיין פאַראַנטוואָרטליכקייט פאַר יעדען שאָדען וואָס ער, זיין בהמה, זיין פייער, זיין גרוב אָדער יעדע אייגענטום זיינע טוט צום צווייטען, סיי אין געלט סיי אין געזונט.

דאָ זעהט מען די שכל׳דיגקייט פון געזעץ, וואָס האָט איינזעהעניש מיט׳ן פאַראורזאַכער אַזוי גוט ווי מיט דעם געשעדיגטען. למשל: שן און רגל (דעם היזק וואָס זיין בהמה טוט מיט די ציין — עסענדיג יענעמס תבואה, אָדער מיט די פיס, צוטרעטענדיג), אויב אין רשות הרבים, וואו אַלע מענשען געהען און מע־גען געהן, איז דער מזיק פטור, ערשטענס וויל דאָרט איז אוממעגליך איינצו־היטען דער בהמה, צווייטענס וואָס דער געשעדיגטער איז אליין שולדיג למאי ער האָט עס דאָרטען אוועקגעלייגט; אָבער דער מזיק איז יאָ חייב אויב זיין בהמה איז אריינגעדרונגען אין רשות פון ניזק, וואו דער לעצטער האָט געמעגט האַלטען און דער ערשטער האָט געדאַרפט איינהיטען זיין בהמה זי זאָל דאָרט ניט אריינגעהן. אָבער פאַר׳ן שאָדען פון קרן (דורכ׳ן שטעכען, א.ד.ג.) איז דער מזיק חייב אפילו ווען דאָס טרעפט אין גאַס אויך, מחמת ער דאַרף וויסען דאָס ער האָט אַן אָקס וואָס שטעכט זיך און איהם היטען, בעת די פאַרבייגעהער, וואָס מעגען דאָרט געהן, וויסען ניט זיך צו היטען.

און אין דעם שאָדענערזאַץ איז אויך פאַראַן אַן אונטערשייד צווישען אַ תם

מיט א מועד: דער ערשטער באצאהלט בלויז א האלבען שאדען, ווייל זיין שלעכ־טע נייגונג איז נאך ניט פעסטגעשטעלט געווארען, מעגליך זיין שטעכען איז בלויז א טראף, איין אדער צוויי מאל; אבער ווען דריי מאל כסדר טרעפט, איז עס שוין א פאקט און דער בעל הבית האט איהם שוין געדארפט גוט היטען; פאר׳ן ניט היטען ווי עס באדארף צו זיין, איז ער מחוייב צו באצאהלען א גאנצען שאדען. טאמער האט די זעלבע בהמה דער׳הרג׳עט א מענשען, מוז דער בעל הבית באַ־צאהלען פאר יענעמ׳ס לעבען; דעם אקס דארף מען טויטען און אפילו פון זיין פלייש ניט הנאה האבען, כדי דער שאדען זאל זיין וואס גרעסער, צו מאכען דעם בעל הבית געגנוג פארזיכטיג אום ניט שפעטער צו ליידען אזא גרויסען געלט־שאדען.

די נוצען פון אפגעבען א מציאה צום פארלירער דארף מען ניט ערקלעהרען. ווארים אויסער וואס דאס איז יושר׳דיג בנוגע דעם פארלירער, איז עס נויטיג פאר׳ן געפינער, אין פאל שפעטער ווערט ער א פארלירער, וועט מען איהם אפגעבען. (דעם זעלבען געדאנק זאגט ער ארוים אויף דער משנה „אלו דברים שאדם אוכל פירותיהן בעולם הזה והקרן קיימת לעולם הבא״).

די מצוה פון אפשטעלען דריי ערי מקלט צו אנטלויפען אהין ווער עס האט גע׳הרג׳עט א מענשען ניט ווילענדיג און ער איז אין געפאהר גע׳הרג׳עט צו ווערען פון גואל הדם, וועמענס כעס עס וועט ניט דערלאזען צו גלויבען פארענטפערונג — דארף אויך קיין ערקלעהרונג ניט, יעדערער קען עס פארשטעהן.

די גרויסע פראצעדור פון ברענגען אן עגלה ערופה פון דער נאהענטסטער שטאדט, וואו דער ערמארדעטער געפינט זיך, איז געצילט ארויסצורופען אויפמערק־זאמקייט ביי די דארטיגע איינוואוינער, צווישען וועלכע עס געפינט זיך געוויס דער רוצח, אדער לכל הפחות איינער, וועמ עס האט א חשד אויף איהם. די פעלד וואו די עגלה ערופה ווערט געבראכט קען מעהר שוין ניט געזייהט ווערען אויף אייביג, און דאס וועט מאכען דעם בעל השדה צו זוכען דעם רוצח מיט אלע מעגליכקייטען כדי אפצוראטעווען זיין פעלד, וויסענדיג אז אזוי גיך ווי מען דער־וויסט זיך פונ׳ם רוצח, ברענגט מען שוין ניט קיין עגלה ערופה, און אזוי וועט פאר־נאסען בלוט ניט פארשוויגען ווערען און א רוצח וועט מעהר ניט וואגען איינצו־שטעלען זיך אין א סכנה, וויסענדיג אז מען וועט איהם געוויס שפעטער אויסגע־פינען און באשטראפען.

6) עונשין, דאס איז, צו באשטראפען דעם פארברעכער. די נוצען דערפון איז צו יעדערען פארשטענדליך.

דער הויפט כלל איז, אז די שטראף מוז זיין לויט דעם פארברעכען. אויב מארד — קומט דעם רוצח צו שטארבען, נאר אויב דער שאדען אין געלט — דארף ער דעם שאדען גוט מאכען.

(כדאי ארייצוקוקען אין מו״נ פרק מ׳ ח״ג וועגען דעם עניז „עין תחת עין, שן תחת שן״, ווי ער ערקלעהרט, און וואס דער שם טוב זאגט דערויף).

א צווייטער כלל: א זינד וואס איז גרינגער צו באגעהן איז דער שטראף שווערער, כדי מענשען אפצושרעקען. דערפאר איז דער גזלן מחויב בלויז צו אפ־געבען נאר דעם קרן (ווי פיל די גזלה איז ווערט געווען) ווייל גזלנים זענען פא־ראן ווייניג, דער בעל הבית זעהט איהם און קען זיך שטעלען אנטקעגען, אפילו

ווען ער אנטלויפט, ווייס מען ווער ער איז און בית דין קען איהם אפזוכען. את די שווערינקייטען מאכען דעם מין גזלן ווייניג בנמצא. אנדערש איז אבער מיט'ן גנב, איהם קומט אן די ארבייט גרינגער, דער בעל הבית זעהט איהם ניט צו קענען זיך שטעלען אנטקעגען, און ווען ער אנטלויפט קען איהם קיינער ניט געפינען, דערפאר דארף ער שוין באצאהלען כפל (צוויי מאל אזוי פיל). נאך גרינגער איז צו גנב'ענען שעפסען, ווייל זיי געפינען זיך שטענדיג אין פעלד מיט א קליינע צאל פאסטוכער, קיין זייטיגע מענשען ווי אין שטאדט זיינען ניטא. דערצו האבען די גנבים א טבע באלד זיי צו פארקויפען אדער אליין צו שעכטען, כדי עס זאל זיין אומעגליך אויסצוגעפינען, דערפאר דארף אזא גנב, נאכ'ן פארקויפען אדער שעכטען, באצאהלען פיר מאל אזוי פיל. נאך גרינגער איז צו גנב'ענען רינדער. ווייל שעפסען, צוליב זייער טבע שטענדיג צו געהן איינס לעבען דער צווייטער, איז די פאסטוכער גרינגער זיי אויפצוהיטען און דעם גנב שווערער צו גנב'ענען. אבער רינדער געהען ארום צושפרייט, גנב'ענען איז זיי גרינגער, דערפאר דארף דער גנב, פארקויפער אדער שעכטער, באצאהלען פינף מאל אזוי פיל. (דאס איז ניט ווי דער טעם פון תלמוד אויף ארבעה וחמשה).

בכלל ווערען אויסגעטיילט שטראפען לויט פאלגענדע כללים: א) לויט די גרויסקייט פון זינד און דעם היזק וואס קומט ארויס דערפון; ב) די וואס זיינען מעהר בנמצא און מענשען פראקטיצירען זיי מעהר, פאדערט זיך א גרעסערע שטראף אפצושרעקען דערפון; ג) די וואס נאר א גרעסערע שטראף קען אפשרעקען דעם זינדער, און ד) די וואס מען קען טאן אין געהיים, מענשען זאלען זיך ניט דערוויסען, דאס געריכט זאל איהם ניט דערגרייכען. פאר אזעלכע עבירות מוז מען געבען א גרויסע שטראף, כדי דער הונדערטסטער פאל פון געכאפט ווערען זאל זיין גענוג אפצוהאלטען פון טאן די עבירה.

מיט די הקדמות ערקלעהרט ער די פארשיידענע עונשים: ארבע מיתות בית דין, כרת, מיתה בידי שמים, מכת מרדות, מלקות, וואס קומען אויף עבירות פון פארשיידענע מינים, אנווייזענדיג ווי יעדער עונש איז צוגעפאסט לויט די גרויסקייט פון דער עבירה, אין איינקלאנג מיט די אנגעגעבענע פיר הקדמות. מיר לאזען אויס די איינצעלהייטען, ווייל דאס וואלט אונז ארויסגענומען פון די ראמען וואס מיר האבען געשטעלט פאר זיך אין דעם ספר.

7) די אפטיילונג איז אינגאנצען געווידמעט ציווילע געזעצען, וועגען ירושות און קרובה'שאפט, וועלכע מען דארף גארניט ערקלעהרען, זייענדיג גוט פארשטענדליך צו יעדער מענשען.

8) זמנים. וועגען ימים טובים וואס ווערען געפייערט אין באשטימטע צייטען פון יאהר. דער ערשטער קומט שבת, אויסער דעם טעם פון דער תורה, „ווייל זעקס טעג האט גאט באשאפען הימעל און ערד און אלעס וואס אין זיי, און גערוהט דעם זיבעטען טאג — אויסער וואס דאס באווייזט אויף חידוש העולם, דער ווינקעלשטיין פון דער גאנצער אמונה — איז פאראן נאך א טעם: כדי צו באפרייען מענשען פון זייער ארבייט א זיבעטעל פון לעבען, צו געניסען רוה און קענען זיך פארטראכטען אין העכערע ענינים.

יום כפור, דער טאג פון פארגעבען, א טאג ווען דער מענש געניסט גארניט פון דער וועלט און גיט זיך אפ מיט גאטעס דינסט.

פסח, וואָס האַלט אָפּ זיבן טעג, אַנטקעגן די זיבן כּכבי לכת, ווען מיר פייערן דעם יציאת מצרים יום טוב.

שבועות, דער טאָג פון מתן תורה. מיר פיהרען זיך אַזוי ווי דערוואַרטענדיג אַ גוטען ליבען גאַסט, צעהלענדיג די טעג ווען ער וועט שוין קומען. דאָס איז אונזער ספירה צעהלען. מתן תורה האָט געדויערט נאָר איין טאָג, דערפאַר איז שבועות אויך איין טאָג. אָבער ווען פּסח זאָל זיין איין טאָג, וואָלט ער פאַר־איבער אומבאַמערקט... ראש השנה, דער יום הדין, און יום כּפּור, דער טאָג פון תשובה.

דערפאַר איז סכות גאַנצע זיבן טעג, די ענדע פון אַרבייטס סעזאָן, אַזוי האָ־בען אַלע פעלקער געפייערט דעם ענדע סעזאָן, ווי אַריסטאָטעל דערמאָהנט. דער זעלבער יום טוב לערענט אונז אַז מיר זאָלען זיך דערמאָהנען אין די גוטע טעג די אַמאָליגע וואַנדערונגען, זיצענדיג אין ביידלאַך — און דאַנקען גאָט פאַר איצ־טיגע הייזער און פעלדער מיט וויינגערטנער, אַנשטאָט מדבריות. די צייט, ווען די היץ איז קלענער און קיין רעגען נאָך ניטאָ — איז די בעסטע צייט צו זיצען אין סכות. דערויף ווייזען אויך די 4 מינים, ארץ ישראל איינגעבוירענע, וואָס האַלטען אָן זייער גרינקייט גאַנצע זיבען טעג; זיי דערמאָהנען ווי גליקליך דער מדבר־פאָלק האָט זיך געפיהלט דערזעהענדיג פאַר זיך, אַנשטאָט דעם גרויען מדבר־זאַמד, גרינע פלאַנצונגען.

שמיני עצרת איז דער קליטאַקס פון'ם יום טוב, דערפאַר האָט מען איהם געמאַכט אויפ'ן אַכטען טאָג, ווען מען דאַרף שוין ניט זיצען אין סוכה, וואו מען קען זיך ניט אַזוי משמח זיין ווי אין הויז.

20

פאַרברעכען און פאַרברעכער

דער איסור פון עסען בלוט איז אויך געצילט — ווי די איבעריגע פון דעם מין אזהרות — זיך צו דערווייטערען פון געצענדינער וועלכע פלעגען האָם בלוט טרינקען און דעם קרבן אָפּגעבען צו די פריסטער. און מחמת גרויס רגילות זאָגט אין די תורה: „רק חזק לבלתי אכול הדם" — שטאַרק זיך אריבער דעם אַלגעמיין אָנגענומענעם מנהג צו עסען בלוט.

דער כּרת־עונש פאַר'ן עסען חלב, חמץ אום פסח, פאַר'ן ניט פאַסטען יום כּפּור און אַנדערע פון דעם סאָרט „לאוין" (ניט־צו־טאָן פאַרזאָגען) האָבען אַלע איין צוועק: צו קאָנטראָלירען דעם אידענס מעשים, ענטוועדער די וואָס דעמאָנס־טרירען היסטאָרישע פאַסירונגען, אָדער דערווייטערען פון געצענדינסט און באַ־שטעטיגען דעם גלויבען אין אַ באַשאַפענע וועלט דורך איין בּורא וואָס איז פון אייביג ביז אייביג, און אומענדערבאַר.

דער זעלבער עונש צו די וואָס עסען נותר, מאַכען פּגול אָדער צו דעם טמא וואָס עסט קדשים, באַצוועקט צו געבען וואָס גרעסערע חשיבות צום קרבן.

אָבער מיתת בית דין קומט נאָר אויף די גאָר גרויסע עבירות, ענטוועדער אינטערגראָבענדיג די אמונה־יסודות אָדער די יסודות פון מענשליכקייט, ווי:

עבודה זרה, גלוי עריות, שפיכת דמים, חילול שבת, זאגען פאלשע נביאות, זקן ממרא — די לעצטע צוויי געהענדיג געגען דער תורה, ענטוועדער פרעדיגענדיג געצענדינסט (פאלשער נביא) אדער צושטערענדיג די גאנצקייט פון דער תורה (זקן ממרא) ווי מיר וועלען שפעטער ערקלעהרען.

די זעלבע עונשין קומען צו די וואס באזיצען די גרויסע עזות, ווי: שלאגען אדער אפילו בלויז שעלטען פאטער און מוטער — אן אקציע וואס צושטערט דעם יסוד פון פאמיליען לעבען, וועלכער איז דער ערשטער יסוד פון דיסציפלין אין דער מענשליכער געזעלשאפט. בן סורר ומורה — וועמענס תאוה צום פרעסען און זויפען וועט ברענגען צו גנבה און רציחה. דער זעלבער טעם איז אויך פאר דעם וואס גראבט אונטער א הויז צו באגנב'ענען (בא במחתרת) און גונב נפש ומכרו (ווען איינער כאפט א אידען און פארקויפט איהם פאר א שקלאף). דער ערשטער, האבענדיג א כונה צו הרג'ענען דעם בעל הבית ווען יענער וועט זיך איהם שטעלען אין וועג, און דער צווייטער — אין קאמף מיט דעם געכאפטען, אדער יענעם איבערגעבענדיג צום טויט פון זיין קויפער'ס האנט.

ניט אלע עריות (געשלעכט פארקערען) ווערען געשטראפט מיט מיתה, נאר די וואס זיינען גרינגער צו טאן, מעהר צוגענגליך און מיאוס'ער. די איבעריגע קומען אפ נאר מיט כרת־שטראף.

אויך ניט אלע עבודה זרה דינסט זיינען באשטראפט מיט מיתת בית דין, נאר די עקרים־עבודות: מתפלל זיין צו איהר, אדער נביאות זאגען אין איהר נאמען, אדער געברויכענדיג כשוף.

אכטונג צו געבען אויפ'ן פאלק דארף מען האבען שופטים און שוטרים. די ערשטע צו באשטימען די שטראף, די לעצטע — עס דורכצופיהרען. איבער די לאקאלע שופטים פון יעדער שטאדט, דארף זיין א בית דין הגדול אין ירושלים, וועלכער האט דאס לעצטעווארט בנוגע א פסק דין. דערביי מוזען שוין זיין פעסטגעשטעלטע דינים בנוגע עדות, ווי זיי אויסצופרעגען, און ווי זיי צו באשטראפען פאר פאלש עדות (עדים זוממין) זאגען.

דער מלך וואס אידען מעגען אויפנעהמען, דארף זיין איינער פון אידישען אפשטאם, ער זאל אליין קענען די תורה און געבען מעהר אויטאריטעט דעם בית דין צו קענען צווינגען דעם פאלק אויסצופאלגען וואס ער זאגט ארויס.

וויסענדיג אז די תורה איז אן איביגע, אבער אז צייט שטעהט ניט אויף איין ארט, זי ענדערט באגריפען און ארט לעבענס: פון א מדבר וואנדערענדען פאלק וועט ווערען א פאלק פון ערד באזיצער: פון קאלאניסטען — געשעפטס־לייט; פון בירגער אין אן אייגען לאנד — פארטריבענע אין פרעמדע לענדער: און כדי אויסצומיידען די מעגליכע ענדערונג וואס איינעם אדער מעהרערע וועט זיך פארגלוסטען ביי געוויסע געענדערטע אומשטענדען, האט די תורה שטרענג פארזאגט: לא תוסיפו ולא תגרעו ממנו — ניט צולייגען און ניט ארונטערנעהמען דערפון. זאל דאס האבען געווען ערלויבט וואלט עס מענשען געבראכט צו טראכטען, אז די תורה איז ניט פון גאט געגעבען, נאר פון מענשען געמאכט, דערפאר איז זי ניט קיין איביגע.

די תורה איז אבער יא איביג, דערפאר מעגען בתי דינים פון יעדען דור מאכען סייגים כדי די מצוות זאלען אפגעהיט ווערען און די סייגים גופא בלייבען.

אייביגע. די זעלבע מעגען אויך מבטל זיין א געוויסע מצוה, אין דער פארמע פון א הוראת שעה (נאר פאר איין מאל, צייטווייליג) אבער ניט אויף שטענדיג (לדורות).

אט די אויטאריטעט, צייטווייליג מבטל צו זיין א מצוה אדער א טייל פון איהר, איז געגעבען נאר צום בית דין הגדול — די העכסטע אינסטאנץ — אבער ניט צום יחיד, מעג ער אפילו זיין דער גרעסטער אין לערנען ביי אידען. אויב האט וואלט געווען ערלויבט צו יעדען יחיד, וואלט בטל געווארען דער גאנצער ציל וואס די תורה האט זיך געשטעלט: צו מאכען פון אלע איינצעלנע אידען איין גאנץ פאלק מיט איין תורה.

דערמיט ווערט פארשטענדליך די שווערע שטראף (מיתה) אויף א זקן ממרא. ד.ה. ווען איינער פון בית דין הגדול (סנהדרין) גוהט ארויס מיט זיין מיינונג אנט־קעגען דעם פסק דין פון זיי אלעמען, אדער די מאיאריטעט פון זיי, עובר זייענדיג דערמיט אויף דעם „אחרי רבים להטות".

עובר זיין אן עבירה קען א מענש דורך איינע פון די 4 אומשטענדען: זייענ־דיג געצוואונגען דערצו פון אימיצען (אנוס), ניט וויסענדיג אז דאס איז אן עבירה (שוגג), וויסענדיג קלאר די עבירה נאר ניט קענענדיג איינהאלטען די תאוה (מזיד). אדער גאר צו להכעים טאן, דעמאנסטראטיוו (ביד רמה).

דער אנוס ווערט ניט באשטראפט און האט אויף זיך קיין זינד ניט, ווי למשל דער דין פון נערה המאורסה וואס איז פון אימיצען פארגוואלטיגט געווארען זייענ־דיג אין פעלד, וואו איהרע געשרייען האבען ניט געקענט געפינען קיין אפקלאנג אין מענשליכע אויערען זיי זאלען איהר קומען צו הילף. דערפון לערענט מען אפ אומעטום, אז דעם אנוס קען מען ניט באטראכטען פאר א בעל עבירה.

דעם שוגג קען מען שוין יא באטראכטען פאר א בעל עבירה. ווארים ווען א מענש זאל איבערטראכטען גוט איידער ער טוט וואס, וואלט ער קיין פארזעהן ניט געמאכט. דאס איז אלזא נאר א נאכלעסיגקייט, אהן א שלעכטען ווילען דערביי. דערפאר קומט איהם ניט קיין שטראף, נאר א קרבן דארף ער יא ברענגען.

דערין איז דער חילוק צווישען יחיד און פארשטעהער פון רבים, דער בית דין: אויב א יחיד פיהרט זיך אדער פסקנ'ט צו אנדערע זיי זאלען זיך פיהרען לויט זיין אויסטייטשונג, געגען דער מאיאריטעט, ווערט ער א מזיד אפילו זייענדיג א שוגג. דערפאר קומט מיתה דעם זקן ממרא, כאטש זיין פסק'ענען איז ניט געווען געגען דער תורה, לויט זיין מיינונג; נאר דער בית דין הגדול, האבענדיג א טעות אין דין, ווערט באטראכט פאר א שוגג, אבער אזא שוגג וואס איז קרוב למזיד. פאר וועלכעם דער יחיד הדיוט ווערט יא באשטראפט און דער בית דין הגדול—ניט.

מזיד איז שוין פריהער ערקלעהרט, און זיין שטראף איז לויט די עבירה: צי מיתת בית דין, צי מלקות — אויף א לאו שיש בו מעשה, אדער מכת מרדות — אויף א לאו שאין בו מעשה, אדער א געלט פארגיטיגונג.

ערגער פאר אלעמען איז דער וואס טוט להכעים, באווייזענדיג דערמיט אז ער צילט נאר עובר צו זיין אויף דער תורה, אהן שום הנאה דערפון. ווי עבודה זרה למשל, וואס מיינט צו באווייזען „קדמות", און אזוי אויך אנדערע עבירות, פאר וועלכע די שטראף וואלט ניט געווען זעהר גרויס, נאר אויב ער טוט עס דעמאנסט־ראטיוו, קומט איהם מיתה בית דין. אין אזא פאל קען קומען מיתה אפילו פאר

עסען פליישיגס און מילכיגס צוזאמען, אנטאן שעטנז אדער פאר׳ן ארונטערשניידען די פאות. פאר די עבירות קומט נים קיין מיתת עונש (מיתה אלס נאטירליכע שטראף) נאר מיתת כפירה (טויט־שטראף פאר׳ן לייקענען). די ראיה איז פון די שבטים וואס זיינען פארבליבען אויף יענער זייט ירדן און געבויט א מזבח, האבען די איבעריגע שבטים דאס געהאלטען פאר א גרויסע זינד, מיינענדיג אז דאס מיינט זיך צוריקציהען פון דער תורה, און שפעטער זיך בארוהיגט, דערוויסענדיג זייער אמת׳ע כונה.

דאס איז דער טעם פארוואס עס קומט טויט־שטראף צו אן עיר הנדחת פאר׳ן בלויז זאגען „לאמיר געהן און דינען עבודה זרה״. אזוי דארף אויך זיין דער דין אויב א אידישע עדה באשליסט עובר צו זיין אויף א געוויסער מצוה. אט די שטראף איז נים קיין מיתת העונש נאר א מיתת כפירה.

עמלק׳ס שטראף איז נים מחמת נקמה, נאר אנצושרעקען די ארומיגע פעלקער זיי זאלען נים וועלען נאכפאלגען זיין ביישפיל: איבערצופאלען פון הינטען א פארמאטערט פאלק כדי אויסצומיידען זיין שטראף. טאמער געפינט זיך יא איינער א שלעכטער, זאלען די ארומיגע מורא האבען איהם מיטצוהעלפען דעריין.

עמלק האט אנגעגריפען אידען מיט׳ן שווערד, איז זיין שטראף אויך מיט׳ן שווערד. עמון און מואב וואס האבען זיך דערווייטערט פון זיי מחמת קאלטקייט און פרעמדקייט, איז די שטראף זיי זאלען נים קענען אריינקומען אין כלל ישראל.

.21

די חיה אינ׳ם מענשען

די פארזאגען בנוגע דעם מיליטערישען לעבען אין לאגער זיינען גאנץ פארשטענדליך, וויסענדיג וואס עס מיינט ריינליכקייט אין יענע געגענדען, ווען א גאנצע ארמיי וואוינט איינגעשטיקט צוזאמען.

די וועלטליכע ציוויליזאציע האט פאר זיך איין ציל: צו צאמען די חיה אין דעם מענשען.

ווארים מצד זיין נאטירליכער נטיה באזיצט דער מענש די ערגסטע און אכזריות׳דיגסטע מידות. ער איז גרויזאמער פונ׳ם טיגער און גיפטיגער פון שלאנג, קיין חיה פארצוקט נים זיין אייגענעם מין, נאר דער איינציגער מין מענש. קאניבאליזם געפינען מיר ערגעץ נים, אויסער מענשען־קאניבאלען.

צום גליק האט דער בורא אריינגעגעבען אין איהם א נשמה, מיט א נייגונג צו טאן גוטעס און חרטה האבען אויף געטאנענע שלעכטעס. אט דער געפיהל, וועלכען די היינטיגע פילאזאפען רופען „קאטעגארישער אימפעראטיוו״, האט געלעגט דעם ווינקעלשטיין פאר דער ציוויליזאציע און עטיק — געזעצען וואס זיינען אנגענומען געווארען פון דער געזעלשאפט, און זי איז דאס דער פאליציימאן, וואס צווינגט דעם יחיד צו צאמען זיינע נאטירליכע נטיות, אונטער דעם דרוק פון יוסטיץ און עפענטליכע מיינונג.

אט די „חיה אינ׳ם מענשען״ וואס ווערט געהאלטען אונטער די אייזענ-

שטאַרקע גראַטעס, רייסט זיך אַרויס פריי אין מלחמה־צייט, ווען די זעלבע עפענטליכע מיינונג איז אָנגעשטרענגט, און דער מלחמה־העלד ווערט דער ליבלינג פונ׳ם כלל. דער סאָלדאַט ווערט דאַמאָלסט באַפרייט פון אַלע הומאַנישע געזעצן. בלוט ווערט בלייכער ווי וואַסער, עטיק ווערט צעטראַמפּעלט אונטער די שווערע סאָלדאַטסקע פיס. לעבענס ווערן הפקר. גרעניצן — אָפּגעווישט. מיינס און דיינס — אָפּגעמעקט, אַלעס איז מיינס.

אפילו היינטיגע צייטן ווערן פאַרקוקט אַלע מאָראַלישע געזעצן אין דער ארמיי. אין אַמאָליגע צייטן איז דער סאָלדאַט געווען ערגער פון אַ חיה, אַ דאַנק זיין שכל און כלי זיין, וואָס די חיה האָט ניט, און ער האָט יאָ.

צו קאָנטראָלירן דעם דאָזיגן איבעל, האָט די תורה אָנגעזאָגט געוויסע דינים, אַלע מיט׳ן צוועק צו דערמאָהנען „כי ה׳ אלהיך מתהלך בקרב מחניך״ (גאָט געהט־מיט צווישען דיין אַרמיי), דער סאָלדאַט זאָל קיין טעות ניט האָבען, מיינענדיג, אַז גאָט איז פאַרבליבען אינדערהיים, אין טעמפּעל, און דאָ ביזטו פריי צו טאָן וואָס דיין חיה׳שע נאַטור גלוסט, ניין — והיה מחניך קדוש — אינדערהיים זענט איהר פאַרזאָגט צו זיין קדושים, און אַזוי זאָלט איהר זיין אין מחנה אויך... געדענקט, אַז ניט אייער קראַפט און כח ברענגט דעם זיג, נאָר גאָט׳ס הילף, ווייל ער האָט אייך ליב מחמת יחוס־אבות און אייגענע מעשים טובים. דערפאַר זאָלט איהר זיך היטען „ולא יראה בך ערות דבר ושב מאחריך״ — זעהענדיג ביי דיר שענדליכע אויפפיהרונג, וועט ער דיר פאַרלאָזען.

צו פאַרשטאַרקען אין זכרון דעם פּרינציפּ קומט דער פאַרזאָג פון האָבען אַ באַשטימטען אָרט פאַר אַ בית הכסא און באַלד פאַרדעקען דעם אָפּפאַל. דערפון זיך איינגעוואוינען אָפּצוהיטען אַלע היגיענישע מיטלען — די פאַרנאַכלעסיגונג וואָס פלעגט ברענגען חלי־רע און אַנדערע עפּידעמישע קראַנקהייטען אין לאַגער. אַ בעל קרי האָט געמוזט פאַרלאָזען די מחנה ביז מאָרגען נאָך זון־פאַרגאַנג, דערמיט פאַרמיידענדיג דעם געשלעכטליכען איבעל וואָס בושעוועט נאָך אפילו אין היינטיגע אַרמייען, בפרט אין די אַמאָליגע. ניט פאַרדאַרבען די פרוכט בוימער — כדי צו פאַרמיידען דאָס פאַרניכטען דעם שונא׳ס אייגענטימער, ניט פאַר׳ן ציל פון מלחמה נאָר בלויז שאָדען צו טאָן.

דער דין פון יפת תואר — כאָטש מיט׳ן ערלויבען צו נעהמען אין געפענגניש אַ שעהנע פרוי (אפילו אַן אשת איש) פאַר זיך, האָט די תורה געגעבען פרייהייט דעם יצר הרע, דאָך איז אפילו די געגעבענע פרייהייט אויך אַרומגענומען מיט אַ צאָל גוטע מידות: 1) ניט אין לאַגער, נאָר ערשט נאָכ׳ן ברענגען צו זיך אין הויז; 2) נאָר דעם ערשטען מאָל צו באַפרידיגען דעם יצר הרע; 3) איהר ניט צו באַלעסטיגען מיט זיין ליידענשאַפט כל זמן זי איז ניט באַרוהיגט. און דער טרויער איז נאָך פריש אין האַרצען, באַוויינענדיג פאָטער און מוטער. ערלויבענדיג צו וויינען אויף דאָס פאַרלוירענע מיט טרעהרען און אַנדערע טרויער צייכענס, באַרוהיגט זי זיך. דאָס וואָס זינגען און טאַנצען טוט פאַר אַ פלוצלונגע שמחה, איז טרויערען ביי דעם וואָס איז איבערגעפאַלען געוואָרען פון אַ גרויסען אומגליק, געבענדיג דערמיט עמאָציע אַן אויסדרוק ווערט דער געמיט באַרוהיגט. 3) אינ׳ם טרויער־חודש מעג זי זיך פיהרען ווי זי וויל, אפילו דינען צו איהר עבודה זרה אין זיין הויז (אַ זעלטענע טאָלעראַנץ וואָס האָט זיין גלייכען ניט אפילו היינט.

טויזענטער יאָהרען שפּעטער) ; 4) שפּעטער, אַפילו ווען ער ליבּט איהר ניט מעהר, טאָר ער זי ניט פאַרקויפען און אַפילו פאַר זיין אייגענער שקלאַפין ניט מאַכען, „ווייל זי איז געוועזען זיין פרוי" — כאָטש אַלס געפאַנגענע, געגען איהר ווילען, אָבּער אַ פרוי זיינע איז זי, און אַלס אַזעלכע האָט זי דעם דין ווי איינע פון זיינע איבּעריגע פרויען : באַפרייען, אָבּער ניט פאַרקויפען.

(דער זיבּעטער און אכטער כלל (דיני ממונות און ימים טובים) זיינען שוין ערקלעהרט געוואָרען אין די פריהערדיגע קאַפּיטלען. צום לעצטען סוג געהערט אויך דער נייַנטער כלל (אהבה).

10—אַלע דינים וואָס האָבּען צו טאָן מיט'ן בית המקדש, זיינע כלים און באַדינער (כהנים און לויים).

אין דער מענשליכער טבע ליגט צו בּויען טעמפּלען און שטעלען מאָנומענטען מיט סטאַטוען אויף די העכסטע בּערג, זיי זאָלען זיין אָנגעזעהן און געהערט פון אַלע מענשען, וועלכע קוקען אויף זיי פון אונטען אַרויף. אַזוי פלעגען טאָן די געצענדינער, דערפאַר האָט אברהם אבינו אויסגעקליבּען דעם בּאַרג מוריה. וואָרים אויב נאָר עס קען ניט שאַטען די ריכטיגע כונה, מעג מען איבּערלאָזען אַ געצענדינערישע שעהנע פאָרמע.

(ווי עס ווייזט אויס לערענט דער רמב"ם דעם פשט פון „על אחד ההרים אשר אומר אליך", אַז הקב"ה האָט איהם געגעבּען די ברירה אויסצוקלייבּען „איינעם פון די פילע בּערג", און אברהם אבינו האָט אויסגעקליבּען דעם העכסטען פון זיי — דעם הר המוריה, פון דאָרטען צו פּראָקלאַמירען אחדות און אַלמעכטיגקייט פון בורא).

דערפאַר אָבּער האָט דער געלבּער אברהם אבינו פאַרהייליגט דעם מערב זייט אַנשטאַט די געצענדינער'ס פאַרהייליגען דעם מזרח זייט. זיי האָבּען דערמיט געוואָלט באַווייזען דער זון'ס אויבּערהערשאַפט און אַלמעכטיגקייט וואָס באַווייזט זיך בּיים אויפשיינען, בּעת ער האָט געדאַרפט ווייזען איהר שוואַכקייט און צייטווייליגקייט, וואָס מען זעהט בּיי איהר אונטערגעהן אין מערב זייט ; איבּערלאָזענדיג דעם מזרח הייליג, וואָלט שוין געשאַדעט זיין כונה.

אַ ראיה, וואָס יחזקאל הנביא האָט געזעהן די זינדיגע פון ירושלים אין זיין צייט, ווי זיי בּוקען זיך צום מזרח זייט פון דער זון, מיט'ן הינטען צום היכל. דאָס באַווייזט, אַז ווי נאָר אַוועק פון ריינעם גלויבּען און זיך געקעהרט צו געצענדינסט, איז דער מזרח, אַנשטאַט מערב, געוואָרען הייליג.

דאָס וואָס די תורה האָט ניט אַרויסגעזאָגט בּפירוש דעם נאָמען פון בּאַרג מוריה, נאָר אָנגעוואונקען אין די ווערטער „אל המקום אשר יבחר ה'", איז צוליבּ פאָלגענדע דריי כונות : 1) ווייל די אומות, וויסענדיג וואָס דאָס פּלאַץ מיינט פאַר אידען, וואָלטען אויף איהם קאָנצענטרירט אַלע זייערע קריגס קרעפטען דעם בּאַרג ניט צו דערלאָזען אַריינפאַלען אין אידישע הענט ; 2) ניט קענענדיג אָנהאַלטען וואָלט איהם דער אייגענטימער פאַרוויסט און פאַר אידען וואָלט ער געבּליבּען אַ חרוב'ער אָרט ; 3) און דאָס איז די שטאַרקסטע, וואָס יעדער שבט וואָלט געפאָ-

דערט ער זאָל אריינפאַלען אין זיין חלק, דערפון וואָלט געוואָרען מחלוקה צווישען די שבטים. דערפאַר איז דער סוד אַרויסגעקומען ערשט נאָך׳ן אויפנעהמען אַ מלך, וועמענס וואָרט עס איז געוואָרען געזעץ פאַר אַלעמען, און זיין פאַרזאָג האָט אַלע מחלוקות באַזייטיגט.

געצענדינער פלעגען בויען טעמפּלען אויפ׳ן נאָמען פון אַ געוויסען שטערען אָדער מזל, און דאָרטען אריינשטעלען זיין סטאַטוע, אַנטקעגען דעם איז דער פאַרזאָג געווען צו בויען אַ בית המקדש אויפ׳ן נאָמען פון אמת׳ן בורא, און אהין אריינטאָן די צוויי לוחות אין וועלכע ס׳איז פאַראַן „אנכי״ און „לא יהיה לך״, וואָס ענטהאַלטען דעם גאַנצען באַגריף פון אחדות הבורא.

עס איז באַוואוסט, אַז דער ווינקעלשטיין פון גלויבען אין נבואה איז געלייגט געוואָרען פריהער פאַר דער תורה, וואָרים אָהן נבואה איז ניט געמאָלט קיין תורה, און דער נביא קריגט זיין נבואה נאָר מיט דער פאַרמיטלונג פון אַ מלאך. דער גלויבען אין מלאכים קומט אַלזאָ פריהער פאַר׳ן נביא. די ערשטע נבואה צו משה רבנו ביים סנה איז געקומען דורך אַ מלאך. און ווייל מלאך קומט צוערשט, נבואה — צום צווייטען, און תורה — צולעצט, דערפאַר, כדי צו געהן אַנטקעגען סאַבעאיסטען (עובדי כככבים ומזלות) וואָס שרייבט צו מזלות און בוימער געטליכקייט (ווי פריהער ערקלעהרט) און אַז קיין גאָט אויסער די נמצאים איז ניטאָ — האָט די תורה געדאַרפט באַווייזען די עקזיסטענץ פון גאָט וועלכער איז ניט קיין גוף און ניט קיין כח אין אַ גוף, נאָר דער וואָס האָט אַלסדינג באַשאַפען, און שטעהט אויסער אַלעמען. נאָך איהם זיינען פאַראַן שכלים נבדלים, ניט באַקערפּערטע אידייען, זיי קריגען אויף זיך דעם איינציגען גאָטס׳ שפע, אָבער זיי זיינען ניט ווי ער — איין פשוט׳ע איינהייט — נאָר איינגעטיילט אין גרעסערע און קלענערע, באופן דאָס זיי פאַלען אונטער צאָהל און מאָס, און זיי זיינען עס די וואָס ברענגען נבואה צום נביא — ניט קיין אשרה און ניט קיין מזל אָדער שטערען.

דאָס איז דער טעם פון די צוויי כרובים אויפ׳ן ארון העדות, וואו עס געפינען זיך די צוויי לוחות. (כרובים—מלאכים, און צוויי — דער אָנפאַנג פון מעהרצאָל).

כדי אַרויסצורופען דעם נויטיגען עהרען געפיהל צום בית המקדש, קומען די שעהנע טישען, כלים, די קערפּערליכע שעהנקייט פון די כהנים (אַ בעל מום איז פסול), די שעהנע געזאַנגען און כלי שיר, אויך די קטורת וואָס האָבען פאַרשפּרייט אַן אַנגענעמען ריח (אַזש ביז יריחו לויט׳ן תלמוד). דערצו זאָגט ער אַ צווייטען טעם. דאָרט וואו מען שעכט און מען ברענט פליישען אויף פייער, מוז קומען אַ שלעכטער ריח, און די קטורת האָבען איהם באַזייטיגט.

אַזוי געהט אָן דער רמב״ם, געבענדיג די זעלבע אורזאַכע אויף אַלע כלים און גאַנצע עבודה אין בית המקדש, אויסער דעם לחם הפנים אויף וואָס ער ניט צו, אַז ער האָט קיין טעם ניט.

.22

טעמים אויף קרבנות בכלל

11—דער טעם אויף קרבנות, וויפיל עס לאָזט זיך ערקלעהרען יעדען פּרט באזונדער.

נאָך׳ן תרגום אונקלוס אויף דער תורה, פלעגען די אַלטע מצריים דינען צום מזל טלה. דערפאר איז ביי זיי שטרענג פארבאָטען געוועזען צו שעכטען א שעפּס. און האָבען פּאראכטעט די וואָס פיטערען שאָף, שערען זייער וואָל און מעלקען זייער מילך. דערמיט ערקלעהרט זיך דער פסוק: הן נזבח את תועבת מצרים ולא יסקלונו? (קען דען זיין זאָלען אונז ניט פארשטיינען זעהענדיג ווי מיר שעכטען די היילינקייט פון מצרים?)

מיר ווייסען אויך, אז עס זיינען פאראן כתות פון געצענדינער (צבא״ה) וואָס דינען צו שדים, און מיינען דאָס יענע באווייזען זיך צו מענשען אין דער צורה פון ציגען, דערפון האָט זיך גענומען דער בשותפישער נאָמען „שעירים״ אויף ציגען און שדים (ולא יזבחו עוד את זבחיהם לשעירים, און נאָך אמאָל אין האזינו „יזבחו לשדים״). אָט די כתות געצענדינער האָבען דערפאר געהאַלטען פאר א גרויסע זינד צו שעכטען ציגען, עסען זייער פלייש, געברויכען זייערע האָר און זייער מילך.

מיר ווייסען אויך אז כמעט אַלע געצענדינער האָבען געהאַלטען פאר א גרויסע עבירה צו שעכטען רינדער, און ביז היינט געפינען זיך נאָך כתות אין אינ־דיע וואָס שעכטען ניט קיין רינד און קיין בהמה גסה, אפילו צווישען די וואָס שעכטען יאָ שעפּסען און ציגען...

דער בעסטער באווייז, אז שעכטען שעפּסען איז ניט לעבענס־געפעהרליך (ווי די מצרישע פריסטער פלעגען איינרעדען זייערע נאָכפאָלגער) האָט די תורה פארזאָגט, אז מען זאָל שעכטען א שעפּס פאר׳ן קרבן פסח, אַנשמירען דאָס בלוט אויף דער טיר פון אויסווענינג, דערמיט צו באווייזען — אז זיין שעכטען איז נאָר א מיטעל צום לעבען, דערמיט האָלט מען גאָר אָפּ „דעם משחית פון אריינ־קומען אין הויז צו פלאָגען״ . . . ווערענדיג באפרייט פאָליטיש און עקאָנאָמיש פון די מצרים האָבען די אידען געהאַרפט באווייזען אז זיי ווערען אויך פון יענע באפרייט גייסטיג.

די געצענדינער, וועלענדיג געבען צו זייער עבודה וואָס מעהר חשיבות, האָ־בען פארגעשריבען מקריב צו זיין לייבען, בערען און אַנדערע ווילדע חיות, אזוי ווי עס איז באשריבען אין זייער „טמטם״. די אידישע תורה האָט געפאָדערט נאָר א ריינע מחשבה און גוטע מידות, דערפאר האָט זי די עבודה פארגרינגערט, אָנ־זאָגענדיג צו ברענגען קרבנות נאָר הויז־בהמות, די מינים וואָס זיינען גרינג צו באַ־קומען; ווייל ניט יעדער איד איז פארמעגליך צו מקריב זיין א קרבן, האָט מען איהם ערלויבט צו ברענגען אן עוף — אויך פון גרינגסטען סאָרט וואָס מען קען קריגען, און איז דער שעהנסטער אין דעם מין, דאָס איז די טויב (מחמת אפשר איהר געשלעכטליכע צניעות, ווי די חכמי התלמוד זאָגען). אויב נאָך אָרימער,

אין גענוג געבעקס פון יענע סאָרטן וואָס מען פלעגט באַקן אין יענער צייט: צי געבאַקן אויפ׳ן אויוון אָדער אין אַ בעקן. דער נאַר אַרימער קען מקריב זיין סלת. דער וואָס קען דאָס אויך ניט, איז זיין עצה ניט צוצוזאָגן כדי ניט צו דאַרפן זיין געבונדען צום וואָרט, וועלכן ער קען ניט מקיים זיין.

אין דעם זעלבן בוך (טמטם) ווערט באַשריבן, מען זאָל מקריב זיין נאָר „שאור" און די פלייש איינשמירן מיט האָניג, דערפאַר זיינען אידען פאַר־זאָגט געגען געברויכען די ביידע מינים (כי כל שאור וכל דבש לא תקריבו). די תורה האָט יאָ פאַרזאָגט צו געברויכען זאַלץ ביי יעדען קרבן (על כל קרבנך תקריב מלח) — אין געגענזאַץ צום געצענדינערישען פאַרבאָט געגען זאַלץ געברויך פאַר אַ קרבן.

ווייל דער עיקר איז אַ גוט האַרץ און ריכטיגע מידות, דערפאַר מוז קומען דער קרבן פון אַ גוטען אָרט — ניט פון אתנן זונה אָדער מחיר כלב, ביידע מנהגים ביי געצענדינער, ווען אַ פרוי פלעגט זיך פאַרדינגען פאַר אַ פרייז און דאָס געלט אָפּגעבן צום טעמפעל, און אויך ניט פון גע׳גזל׳טע אָדער גע׳גנב׳עטע, נאָר אייגענע, פון דער אייגענער סטאַדע אָדער טויבען־נעסט; פון אַ ריין האַרץ — דערפאַר טאָר דער קרבן ניט זיין קיין בעל מום, און ניט קיין אויסגעביטענער פון אַ שלעכטען אויף אַ גוטען און פאַרקערט, ווייל טועגדיג אַזוי קען זיך אריינ־כאַפּען אַ מחשבה פון רמאות. די זעלבע כונה איז אויך אין פאַרזאָג מוסיף צו זיין אַ חומש ביים אויסלייזען הקדש, ווייל דאָ מישען זיך אריין אייגענע אינטע־רעסען, צו וועלען איינשפּאָרען, און שאַצען הקדש וועניגער.

איינצוגעוואוינען דעם מענשען אין ריינליכקייט און צו קוקען מיט חשיבות אויפ׳ן קרבן, האָט מען אָנגעזאָגט אַלסדינג ריין צו וואַשען (והכרעים ירחץ במים) טראָץ דעם וואָס די טיילען ווערען סיי ווי פאַרברענט אין פייער אויפ׳ן מזבח. פאַרברענענדיג פלייש און אינגעווייד מוז ווערען אַ רויך און פאַראורזאַכען אַ שלעכ־טען גערוך. כדי דאָס אויסצומיידען, וואָס קען ברענגען צו בזיות, האָט מען פאַרזאָגט צו ברענגען ווייררויך דערמיט, וואָס פאַרטרייבט דעם שלעכטען גערוך. אַזוי ווי קטורת בכלל, וואָס האָט געהאַט דעם זעלבען ציל אין בית המקדש. די זעלבע כונה איז פאַראַן אין די איבעריגע הזהרות: נאָר מיוחסים זאָלען עס קע־נען עסען, נאָר אַ כהן, און דאָס אויך ניט קיין טמא און ניט קיין ערל, עס זאָל ניט זיין דערביי קיין שלעכטע כונה (צו עסען אויסער צייט און אָרט), און דאָס פלייש זאָל זיין פריש. דערפאַר מעגען זבחים פלייש געגעסען ווערען נאָר איין טאָג און נאַכט, און שלמים (מיט אַ מדרגה נידעריגער, קדשים קלים) צוויי טעג און איין נאַכט אַלט. דער קרבן מעילה וואָס אַ „זר" דאַרף ברענגען, עסענדיג קודש — האָט אויך דעם זעלבען ציל. צו געבען מעהר חשיבות צו הייליגקייט.

די מנחת כהן מוז מען פאַרברענען. אויב ניט, וואָלט דער כהן געבראַכט די מנחה, זי אַליין אויפגעגעסען, און עס וואָלט אויסגעקומען ווי ער זאָל גאָרניט האָבען געטאָן.

די אַלע דינים פונ׳ם קרבן פסח זיינען פאַרשטענדליך, וויסענדיג אַז דערמיט

האָט די תורה געוואָלט אידען זאָלען דעמאָנסטרירען די פאָרמע פון איילעניש, אָנצייגענדיג דורך מעשים דעם „בחפזון" פון יציאת מצרים.

וואָרים בראָטען געדויערט ווענינער ווי קאָכען. אַלע אין הויז זאָלען עסען, אזוי ווי מענשען וואָס גרייטען זיך אין וועג אריין, די לענדען ארומגעגארטעלט און די שטעקענס אין די הענט און ניט פאַנאַנדערגעשניטען, נאָר גענומען פון גאַנ־צען, ניט צוברעכען קיין ביין — אַן ארבייט וואָס מען טוט האָבענדיג גענוג צייט, און מען קען ארויסקריגען אַלע פאַרבאָרגענע שטיקלאַך פלייש, אויך ניט שיקען פון איהם אין אַן אַנדער הויז און קיינער זאָל פון הויז ניט ארויסגעהן, כדי די מאַסען פון דרויסען וואָס זיינען צעטראָגען און אויפגערעגט, מחמת דער מגפה פון מכת בכורות זאָלען איהם ניט מזיק זיין.

די אזהרה זיך פריהער אויפצוצעהלען אויפ'ן קרבן פסח, איז כדי איינער זאָל זיך ניט פאַרלאָזען אויפ'ן צווייטען, טאָמער וועט איהם אימיצער איינלאַדען, און ניט האָבענדיג קיין איינלאַדונג וועט ער בלייבען אָהן אַ קרבן פסח...

קיין ערל טאָר פון איהם ניט עסען, ווייל די מצות מילה איז געווען איין סבה פון די וואָס האָבען געבראַכט די גאולה. וואָרים די אידען פון יענער צייט זיינען געווען נעהענטער צו די מצריים און זייער געצענדינסט. אַ גרויסער טייל האָט אפילו די מצוה פון אברהם אבינו אויפגעהערט מקיים צו זיין, כדי אינגאַנ־צען זיך אויסצוגלייכען מיט בירגער פון לאַנד. די בלוט פון קרבן פסח איז געווען דער ערשטער שטוים צו דער גאולה, באַווייזענדיג דערמיט די גייסטיגע באַפרייאונג און די בלוט פון מילה — צו באַווייזען זייער צוריקקעהר צום אידישען אָפשטאַם. דאָס איז אָנגעוואונקען אין די ווערטער „בדמיך חיי" (צווייערליי בלוטען אנשטאט „בדמך" אין איינצאָל, ווי אַ שם החומר דאַרף קומען).

בלוט איז געווען פאַרעכענט ביי די געצענדינער אַלס אַ שפייז פון שדים, צו וועמען זיי האָבען געדינט. עסענדיג בלוט איז געווען פאַרעכענט ווי צו עסען מיט די געטער ביי איין טיש, ווערענדיג דורכדעם חבר'יש מיט זיי, דערמיט גע־ווינט מען זייער צוטרוי ארויסצוקריגען עתידות און נביאות. אַ טייל ווידער האָ־בען געהאַלטען דאָס בלוט עסען פאַר אַ זינד, דערפאַר פלעגען זיי נעהמען דאָס בלוט אין אַ כלי, אוועקשטעלען פאַר די שדים און דאָס פלייש אליין עסען. אַט די איינטיילונג גלייך אויף גלייך דאַרף עס מאכען גוטע פריינדשאַפט צווישען מענשען און זיי, די לעצטע, וועלען זיך צו די נאָכפאָלגער באַווייזען אין חלום און פאָראויסזאָגען די צוקונפט. מחמת דעם אַבערגלויבען איז געקומען דער שטרענ־גער פאַרזאָג געגען בלוט עסען (ואני נתתי את פני בנפש האוכלת דם) דאָס בלוט פון קרבן מוז מען שפריצען און פון חולין אויסגיסען, אָבער אין קיין פאַל ניט אריינגעהמען און האַלטען אין אַ כלי, ווי געצענדינער טוען.

לא תאכלו על הדם איז געווען געצילט געגען דעם געצענדינערישען מנהג ארומזעצען זיך אַרום דעם פאַרגאָסענעם בלוט פון קרבן און דאָרטען מאַכען די סעודה.

.23

טעמים אויף קרבנות בדרך פרט.

די מאָדע פון פראוועגען א בשותפישען מאהלצייט מיט די שדים איז געווען זעהר פאָפולאר ביי די אמאליגע געצענדינער. אויף׳ן אָרט וואו עס איז געשטאַנען די אריינגענומענע בלוט אין א כלי פלעגען זיך ארומזעצען די מענשען און עסען דאָס פלייש פון דעם קרבן. דער פסוק לא תאכלו על הדם, און דער איסור ניט אריינצונעמען דאָס בלוט נאָך דער שחיטה אין א כלי אָדער אין א גריבעל, איז געצילט געגען דעם געצענדינערישען מנהג.

ארויסגעהענדיג פון מצרים איז נאָך די איינגעוואוינטקייט געווען שטאַרק צווישען אידען דערפאר האָט די תורה אינגאנצען גע׳אסר׳ט בשר תאוה. קוילענען א בהמה פאר זיך האָט מען ניט געטאָרט, נאָר מקריב זיין שלמים, ממילא האָט מען עס געמוזט ברענגען צום משכן, דאָס בלוט איז געגאָסען געוואָרען אויפ׳ן מזבח, און דער מיאוסער מנהג האָט ניט געקענט דורכגעפירט ווערען. די תורה זאָגט עס ארויס בפירוש: למען אשר יביאו בני ישראל... ולא יזבחו עוד את זבחיהם לשעירים אשר הם זונים אחריהם.

אָבער עס זיינען געבליבען די מינים חיות און עופות וועלכע זיינען ניט ראוי פאר א קרבן אָבער עסען מעג מען זיי יא, קיין שלמים פון א הירש אָדער א הון. א גאַנץ אָדער א קאטשקע טאָר מען ניט ברענגען, דערפאר האָט די תורה אָנגעזאָגט זייער בלוט מכסה צו זיין באלד נאָך דער שחיטה כדי אוועקצונעמען די געלעגענהייט דורכצופיהרען דעם דערמאָנטען מנהג... (ווייזט אוים אז כסוי הדם ביי טויבען איז, כדי אָנצוהאלטען די גלייכקייט פון דין ביי אלע עופות אָהן אונטערשייד).

דער איסור אויף בשר תאוה האָט אָנגעהאלטען נאָר כל זמן אידען זענען געווען אין מדבר. אויסער דעם טעם פון דער אוממעגליכקייט דאָס דורכצופיהרען ווען אידען געהען ארוים פון דער מחנה וואו דער משכן איז געווען אין צענטער און צוצוקומען אהין איז ניט שווער געווען, בעת זיצענדיג פאַרשפרייט אין ארץ ישראל, וואָלט דער פארזאָג געווען אוממעגליך אָפצוהיטען, סיידען אידען זאָלען אינגאַנצען זיך אָנטזאָגען פון פלייש עסען — איז פאראן א צווייטער טעם, ווייל לויט דער געצענדינערישער אמונה געפינען זיך די שדים נאָר אין די מדבריות אָדער אין געדיכטע וועלדער, וואו קיין מענשען זענען ניטאָ. זעהען מיר דאָך אז די יעניגע וואס ווילען פראוועגען די שגעונות, צו וועלען זיך פאראייניגען מיט זיי, געהען ארוים פון ישוב און וואנדערען אין מדבר אָדער אין די פוסטע וועלדער. א דריטער טעם: קומענדיג אין ארץ ישראל זיינען שוין די אחדות באַגריפען געווען מעהר געלייטערט, די אָנהענגערשאַפט — שוואכער, דערפאר האָט מען שוין געקענט מתיר מאכען בשר תאוה, וועניגער מורא האָבענדיג פאר׳ן לא תאכלו על הדם.

דער גאַנצער געדאַנק ווערט אויסגעדריקט אין דעם פסוק פון האזינו „יזבחו לשדים לא אלוה", האָט מיינט: ניט נאָר דינען זיי צו נמצאות (געגענשטאַנדען וואס מען זעהט פאר די אויגען), נאָר אויך צו אזעלכע זאכען וואס בלויז די פאר־

גרייזטע פאנטאזיע מאָהלט אוים, ווי דער ספרי ערקלערט עס: „לא דיין שהם עובדים חמה לבנה וכוכבים ומזלות אלא שעבדו בבואה שלהם". און „בבואה" מיינט „שאָטען", די רעפלעקציע פון א גענענשטאנד, און ממילא, איז אין איהר קיין ממשות ניטאָ.

דאָס זענען די שדים, געגען וועמענס דינסט עס זענען געצילט די אלע פרי־הערדערמאָנטע דינים.

דעם כלל וועגען די מינים פון קרבנות גיט דער רמב"ם אזוי:

„זאָלסט וויסען, אז וואָס גרעסער די עבירה אלץ פון א פראָסטערען מין איז דער קרבן. דערפאר איז דער קרבן פון שגגת עבודה זרה א ציגעלע נקבה אליין. בעת יעדער חטאת יחיד איז א לאָם אָדער ציגעלע נקבה. ווייל די נקבה איז שטענדיג דער פראָסטער פון יעדען מין, און די גרעסטע עבירה איז עבודה זרה. צו פארגרעסערען די חשיבות פון א מלך איז זיין קרבן אויף דער עבירה בשוגג א שעיר (זכר). אבער פון כהן גדול און צבור, וואָס זייער שגגה געהט ניט אריין במעשה נאָר פון הוראה — אנווייזענדיג א פאלשען דין פאר אנדערע — דערפאר איז זייער קרבן: פרים — א חשוב'ער מין, און אויף עבודה זרה — שעירים...

וויסענדיג אז די חטאים וואָס פאָדערען אן אשם זיינען גרינגער ווי חטאים וואָס פאָדערען א חטאת און דערום איז זייער קרבן חשוב'ער, וואָס קומט פון איל אָדער כבש (ביידע זכרים). דערפאר איז די עולה, וועלכע איז אינגאנצען פאר'ן מזבח, אהן וועלכען ס'איז חלק פאר די כהנים — בלויז פון כבשים.

לויט דעם כלל ערקלערט זיך דאָס פעהלען פון ריח (לבונה) און פעטס (שמן) אין די קרבנות פון מנחת חוטא און קרבן סוטה. דאָס איז ווי מען זאָל דעם זינדער זאָגען: דיינע מעשים זענען מיאוסע דערום איז דיין קרבן אויך אהן די שעהנקייטס מיטלען. מחמת דעם איז דער קרבן סוטה נאָך וועניגער באפוצט, זייענדיג בלויז פון גערשטען מעהל (ניט קיין סולת ווי אין אלע אנדערע קרבנות)".

האלטענדיג ביי דעם ענין וויל ער זאָגען, אז די אלע קרבנות פון דעם מין שעירים ווי די שעירי ראשי חדשים, של מועדות, שעיר של יום הכפורים, און שעירי עבודה זרה — געהען אלע אונטער איין טעם: כדי צו דערמאָנען די שענדליכקייט פון דער שעירים עבודה זרה, און דאָס וועט אפווישען דעם געצענדינערישען שפור פון אידישע הערצער.

די חכמים גיבען יאָ א טעם אויף דעם שעיר של יום הכפורים: צו פארגעבען די זינד פון מכירת יוסף, וועלכע האָט זיך געענדיגט מיט'ן שעכטען א יונג ציגעלע איינצוטונקען אין דעם בלוט יוסף'ס כתונות הפסים (וישחטו שעיר עזים וכו'). דאָס זעלבע אויפ'ן עגל בן בקר פון די ימי המלואים, ווי אויך אויפ'ן פר בן בקר פון יום כפור, אז זיי קומען צו פארגעבען די זינד פונ'ם עגל... דערויף זאָגט דער רמב"ם:

„זאָלען די טעמים ניט זיין גרינג אין דיין אפשאצונג, ווארום דער צוועק פון פעולות אין ענין פון קרבנות, איז כדי אנצורעגען די הערצער פון די זינדיגע, זיי זאָלען זיך אריינטראכטען אין דער שלעכטקייט פון זייער אקציע און באשליסען מעהר אזוינס ניט צו טאָהן. דאָס געהט אריין אין דער כונה פון „וחטאתי נגדי תמיד"... דער געשטרויכעלטער דארף געדענקען אז ער האָט געטאָן אן עבירה דערפאר מוז ער דורך דער כונה פון קרבן ווירקען אויף זיך, אויף זיינע קינדער און קינדס־קינדער ביז סוף כל הדורות, די מעשה זאָל זיך מעהר ניט ווידערהאָלען.

דעם זעלבען געדאנק פארברייטערט דער רמב״ם אין הלכות דיעות. דארט באווייזט ער ווי יעדע תשובה מוז זיין צוגעפאסט צו די באגאנגענע עבירה. אויב זי איז געקומען דורך קארגקייט דארף די תשובה זיין פון פזרנות אין צדקה. אויב דורך צופיל נאכגעבען די תאוות פון גוף, מוז די תשובה זיין דעם זעלבען צו פייניגען דורך פאסטען און אויף זיין דורך די נעכט. אויב דורך פאלש קלערען, דארף דער בעל תשובה זיך אויסטאהן פון אלע עניני עולם הזה און שטודירען די תורה מיט׳ן ריינעם שכל כדי צו בלייבען שטעהן אין אמונה אויף א פעסטען באדען. אויף דעם זעלבען וועג געהען די כפרות פאר׳ן זינד פון עגל, וועלכען אהרן האט געהאלפען ארויסצוברייגנען, און אויף מכירת יוסף וואס אלע שבטים זענען שולדיג. ביידען האט מען אנגעזאגט צו ברענגען דעם פאסיגען קרבן, זיי, זייערע קינדער און קינדס קינדער, כדי די עבירה זאל שטענדיג שטעהן פאר די אויגען אין איהר גאנצער שרעקליכקייט, און דערמיט זיין געזיכערט פון איהר אויף שטענדיג.

האלטענדיג ביי דעם ענין גיט ער אויך א טעם, פאר וואס ווערט נאר ביים שעיר של ראש חודש אליין דערמאנט „חטאת לה״ ניט ביי די איבעריגע שעירי מועדות? זיין ענטפער איז, וואס די אנדערע, וועלכע ווערען געברויכט נאר אין מוספים פון יעדען יום טוב, צוזאמען מיט די עולות, פון פרים, וועלכע ווערען אינגאנצען פארברענט, בעת דער שעיר, אלס חטאת, ווערט געגעסען ביי די כהנים. דערפאר שטעהט ביי די פרים, וואס זענען עולות, „עולה לה״. אבער ניט ביי חטאת, ווייל די כהנים האבען אויך דערין א חלק. אבער דער שעיר פון ראש חודש, ווייל די געצענדינער פלעגען אויך מקריב זיין א ציגעלע אין דער נאכט פון לבנה מולד, א צייט וואס איז אנזיכטיג פאר יעדען מענשען׳ס אויג, איז כדי צו מאכען דעם אונטערשייד צווישען אידען און געצענדיגער האט די תורה באמערקט מיט די ווערטער, חטאת לה״ — ניט צו דער לבנה.

דערמיט ווערט פאשטענדליך דער אויסדרוק „ריח ניחוח לה״ וואס איז שווער צו פארשטעהן אין ווערטערליכער מיינונג. דאס מיינט: טוענדיג אזוי, און ניט צו עבודה זרה, וואס איז ניט אנגענעם פאר ה׳ ווערט פון דעם ריח א „ניחוח לה״. דאס איז אלץ ביי עולה, אבער די חטאות וואס ווערען פארברענט, דארט שטעהט ניט קיין „ריח ניחוח״, זייער פארברענען צייגט אן אז די עבירה ווערט דערמיט אינגאנצען פארברענט, און וועט מעהר ניט עקזיסטירען. אזוי ווי דער חטאת וואס איז אוועק מיט׳ן רויך. אזעלכע חטאות ווערען פארברענט חוץ למחנה.

א באווייז אויף דעם גאנצען כלל איז דער נאמען פון קרבן סוטה „מנחת זכרון, מזכרת עון״, ניט „מנחת כפרה״ וואס וואלט מיינען אז דער קרבן איז מכפר, נאר „מזכרת עון״ וואס דערמאנט די זינד מיט׳ן צוועק מעהר דאס ניט צו טאהן.

דערפאר איז דער חטאת הצבור פון שעיר לעזאזל פריי פון שחיטה, הקטרה און אפילו פון פארברענען, נאר לעבעדיגערהייט אוועקגעפירט צו ווערען — נאך ווייטער ווי מחוץ למחנה, נאר אין דער מדבר — אל ארץ גזרה. יעדער מענש פארשטעהט אז מען קען די ווערטער „ונשא אתו את כל עונות בני ישראל״ ניט פארשטעהן אין פשט, ווייל עבירות איז ניט דער מין וואס קענען טראנספערירט ווערען פון איינעמס פלייצעס אויפ׳ן צווייטענס. נאר דאס מיינט, אפצעווישען די זינד

דורך די מעשי הקרבנות מיט׳ן מוסר השכל וואס דערין איז פארבאהאלטען. דער־פאר איז בעסער צו פארשטעהן דעם ווארט „כפרה" אונטער דער מיינונג פון „אפווישען" (אכפרה פניו במנחה) איידער ווי כפרת עון — פארגעבען.

דעם געברויך פון וויין אויפ׳ן מזבח, קען דער רמב״ם ניט ערקלעהרען, נאר ער זאגט א געהערטען טעם: אלעס וואס איז חשוב און מלכים מיט שרים ווערען דערמיט באעהרט, דארף מען עס אויך געברויכען צום קרבן. דערין געהען אריין: וויין, קטורת, און כלי שיר.

דאס איז אין קורצען די ערקלעהרונג פון טעמים אויף קרבנות בדרך פרט.

.24

טעמים אויף כשר און טרפה, טומאה און טהרה

12—די דינים פון טומאה און טהרה. איידער ער געהט אריין אין די פרטים גיט ער אן אלגעמיינע הקדמה מיט די ווערטער:

„זיי וויסען, אז די דינים פון אונזער תורה באצוועקען נאר גרינגער צו מאכען אויף מענשען די הנהגות. אויב אימיצער געפינט שוועריגקייטען אין אייניגע פרטים, דארף ער נאר זיך דערוויסען די דעות און מנהגים פון יענער צייט און פארגלייכען מיט די דינים פון דער תורה. זעה דעם אונטערשייד צווישען פאר־ברענגען אן אייגען קינד פאר א קרבן ביז מקריב צו זיין א טייבעלע אדער א הויפען זעמעל מעהל. דאס איז נאר א ביישפיל אויף די אלע איבעריגע זאכען אין פאר־גלייך. די נביאים זאגען עס ארום אין די ווערטער: „עמי מה עשיתי לך ומה הלאיתך", אדער „המדבר הייתי לישראל אם ארץ מאפליה, מדוע אמר עמי רדנו, לא נבא עוד אליך", אדער „מה מצאו אבותיכם בי עול כי רחקו מעלי" — די און נאך פילע פסוקים וואס באווייזען, אז די תורה איז ניט געקומען באשווע־רען, נאר פארגרינגערען. די הנהגה מוז א מענש שטענדיג געדענקען לערנענדיג די דינים פון טומאה און טהרה". נאר דער הקדמה זאגט ער אזוי:

געוואוינהייט ברענגט צו גלייכגילטיגקייט. זאל דער וועג צום קעניג׳ס פא־לאץ זיין אפען פאר א פראסטען מענשען צו יעדער צייט, וואלט ער דערין אריינ־געקומען גאר אהן התפעלות, דערפאר האט די תורה אנגעזאגט אפילו דעם כהן גדול „ואל יבא בכל עת אל הקודש", בפרט דעם הדיוט. דאס איז עהנליך צום אנזאג „הוקר רגליך מבית רעך", וואס ווייניגער אריינקומען אין דיין פריינד׳ס הויז אלץ מעהר גאסט ווערסטו זיין.

דערפאר קומען די פארבאטען צו טמאים ניט צו טארען אריינקומען אין בית המקדש, ווארים טומאות זיינען פאראן א סך: ענטוועדער אנריהרענדיג א נבלה, אדער איינעם פון די אכט שרצים וואס זיינען מטמא; די זיינען שטענדיג פאראן אין און ארום הויז, און פאלען אפט אריין אין מאכלים אדער משקה, אדער נדה, זבה, מצורע, קרי, בעילה, און נאך און נאך מינים טומאות וואס טרעפען אפט, און מאכען די מעהרסטע צייט אוממעגליך פאר איינעם אריינצוגעהן אין בית המקדש נאר זעהר זעלטען, דערפאר אריינקומענדיג קריגט ער די ריכטיגע התפעלות און דעם עכטען עהרען־געפיהל.

צוליב דעם טעם איז איינגעאָרדערט, אַז וואָס אָפּטער די טומאה, איז די טהרה אַ שווערערע און אַ לענגער געדויערענדע. דאָס געפינען זיך מיט אַ מת אונטער איין דאַך, בפרט מיט מתים־קרובים, קען טרעפען זעהר אָפּט, דערפאַר איז די טהרה מיט די אַש פון פרה אדומה, וואָס דאָס גופא איז שווער צו קריגען, און דאָס ערשט נאָך'ן וואַרטען זיבען טעג. דאָס אָנריהרען אַ נדה אָדער אַ זבה, איז אָפּטער ווי פרעמדע טמאים, דערפאַר געדויערט די טהרה 7 טעג, בעת די לעצטע געדויערט בלויז איין טאָג, און די טהרה פון זב, זבה און יולדות ענדיגען זיך מיט אַ קרבן, ווייל די קומען זעלטענער ווי נדות. די אַלע: זב, זבה, נדה, מצורע, מת, נבלה, שרץ און שכבת זרע, זיינען ברודיגע זאַכען און טרעפען אָפּט. די דערווייטערונג פון זיי זיינען נוציג פאַר פאָלגענדע פיר זאַכען: א) אויסצומיידען דאָס אָפּטע אַריינקומען אין בית המקדש, ווי פריהער ערקלעהרט; ב) אויסצומיידען מיאוס'ע געגענשטאַנדען, וועלכע דער עסטעטישער געפיהל קען ניט פאַרטראָגען: ג) צו ווערען איינגעוואוינט אין ריינליכקייט, וועלכע ווערט אַ צווייטע נאַטור, וועלכע איז שווער אָפּצוברעכען; ד) אויב יאָ טמא געוואָרען, זאָל דער מענש ניט ווערען אָפּגעשלאָסען פון דער וועלט און פון זיין טאָג־טעגליכער אַרבייט.

וואָרים די געצענדינער מאַכען פון טומאה אַ גרויסע זאַך. אַ נדה האָט געמוזט זיין די גאַנצע צייט אין אַ באַזונדער הויז, מען פלעגט אויסברענען דאָס אָרט וואו זי איז דורכגעגאַנגען, דער וואָס פלעגט צו איהר אויסרעדען אַ וואָרט פלעגט טמא ווערען, און אפילו ווען אַ ווינט האָט געבלאָזען פון איהר אויף אימיצען אַנטקעגען, איז יענער טמא געוואָרען. ביי זיי איז געווען פאַררעכענט פאַר טמא אַלסדינג וואָס קומט אַרויס פון'ם קערפּער: אָפּגעשאָרענע האָר, נעגעל און בלוט. דערפאַר איז אַ צירולניק געווען טמא, ווייל ער ריהרט זיך אָן האָר און בלוט (פאַרצייטען איז דער זעלבער געווען אויך אַ בלוט־לאָזער). דער וואָס גאָלט זיך איז געווען טמא און געדאַרפט זיך טובל זיין אין קוואַל וואַסער.

אַזוי איז געווען דער מנהג אַמאָל. אַ מנהג וואָס האָט געבראַכט געוואוינהייט, כמעט אַ צווייטע נאַטור. די דינים פון טומאה האָבען ניט געקענט איגנאָרירט ווערען. אָבער ווי לייכט זיינען אונזערע דינים אין פאַרגלייך מיט זייערע:

די נדה דאַרף ניט זיין אָפּגעשלאָסען באַזונדער, אַלע מלאכות וואָס אַ פרוי טוט פאַר איהר הויז און מאַן, מעג אַ נדה אויך טאָן, אויסער, נאַטירליך, דער געשלעכטליכער פאַרקער, וואָס איז טאַקע אומגעזונט. זי, ווי אַן אַנדער טמא, דאַרף זיין גאָר אָפּגעהיט ניט אָנצוריהרען הייליגע זאַכען און אין בית המקדש ניט אַריינצוקומען. ביידע דאַרפען זיך פיהלען ווי מענשען, קענען עסען חולין בטומאה, און מעגען אַזוי פאַרבלייבען לענגער ווי געוועהנליך, ניט וועלענדיג ווערען ריין.

דער פאַרזאָג ,,והתקדשתם והייתם קדושים'' איז ניט קיין סתירה צו די פריהערדיגע רייד, ווייל דאָס געהט גאָר ניט אויף קערפּערליכע קדושה און טומאה. נאָר אויף גייסטליכע, אַזוי זאָגט דער ספרי: ,,קדושה, זו מצוה''. מקיים זיין אַ מצוה הייסט קדושה, און פאַרקערט: עובר זיין — טומאה. די ראיה איז פון עבודה זרה: ,,כי מזרעו נתן למולך למען טמא את שם קדשי ולחלל את שם קדשי'': ביי גלוי עריות, ,,אל תטמאו בכל אלה'': ביי שפיכת דמים, ,,ולא תטמאו את הארץ''. דאָ זעהען מיר דעם לשון טומאה אויף די 3 הויפּט עבירות, און ,,טומאתה בשוליה'' וואָס געהט אויף אַלע עבירות בדרך כלל. דער געגענזאַץ פון היטען

מצוות וואָס הייסט קדושה, און די באַמערקונג פון תלמוד „אין דברי תורה מקבלים טומאה".

די דינים פון טומאה זיינען געשטעלט כדי צו מאַכן דעם אריינגאַנג אין בית המקדש שווערער. אָבער כהנים מוזען האָך שטענדיג זיין אין בית המקדש. דערפאַר האָט מען זיי פאַרזאָגט געגען זיך מטמא צו זיין, אויסער צו קרובים, ווייל דער פאַרזאָג געגען די דערמאָנטע וואָלט שווער געמאַכט אַפּצוהיטען, זייענדיג געגען דער נאַטור פון׳ם מענשען בנוגע דעם טויט פון זיינע עלטערען, שוועסטער און ברידער. אָבער דער כהן גדול, וואָס דאַרף נאָך שטענדיגער זיין אין בית המקדש, איז פאַרזאָגט געוואָרען אפילו פון די דערמאָהנטע קרובים. דערפאַר זיינען די כהנים פרויען, וועלכע דאַרפען ניט מקריב זיין, ניט פאַרזאָגט געוואָרען געגען מטמא זיין זיך צו קרובים.

די טומאה פון צרעת און נגעים — אויסער וואָס די חכמים זאָגען, אַז זיי קומען מחמת די זינד פון לשון הרע — איז דער נאַטירליכער טעם וואָס קרעץ זיינען דאָס רוב אַנשטעקענד, דערפאַר מוז דער קרעציגער זיין אַפּגעשלאָסען פון מענשען. די סמנים פון טומאה קענען אויך ערקלעהרט ווערען דורך דער דרך הטבע. אָבער די קאָמבינאַציע פון ארז, אזוב און שני התולעת מטהר צו זיין ווייס איך ניט (זאָגט דער רמב״ם) קיין טעם דערויף, אויסער דעם וואָס איז אָנגעגעבן אין מדרשים.

13 — כשרות. מיר דאַרפען וויסען, אַז אַלע מאכלים וואָס די תורה האָט פאַרבאָטען, זיינען ענטוועדער עקעלדיג, אָדער אומגעזונט.

חזיר־פלייש איז צו פעט, און ער, לעבעדיגערהייט, עסט אַלערליי מיאוס׳ע מאכלים, אפילו צואה. ווייסען מיר דאָך ווי די תורה איז מקפיד אויף ריינליכקייט אפילו אין מלחמה־לאַגער, אַפּשיטא אין שטאָדט, זאָלען אידען מעגען עסען זיין פלייש, וואָלטען חזירים ארומגעגאַנגען איבער די גאַסען, ווי אין „ארץ הצרפת" (דאָס מיינט די קריסטליכע לענדער, אין געגענזאַץ פון די מאַכמעדאַנישע, וואו ער האָט שטענדיג געוואוינט, וועלכע עסען ניט קיין חזיר פלייש) און אומעטום וואָלט געוואָרען ערגער ווי א בית הכסא.

דער איסור פון חלב איז מחמת דאָס מין פעטס איז שווער צו פאַרדייען און פראָדוצירט קאַלט און געדיכט־קלעפּעדיג בלוט. כדאי׳ער עס צו פאַרברענען איידער צו עסען.

(דאָ מוז ער מיינען דעם פּראָטעאין און גלוקאָז, וואָס איצטיגע שפּיז עקספּערטען האָבען אויסגעפונען אין חלב, וועלכע מאַכען צו געדיכט דאָס בלוט און ברענגען צו פאַרהאַרטעוועטע אַרטעריעס און הויכען בלוט דרוק מיט האַרץ און נירען קראַנקהייטען).

מיר דאַרפען אויך וויסען, אַז די סימנים „סנפיר" און „קשקשת" ביי פיש און „מעלת גרה" מיט „מפרים פרסה" ביי בהמות, זיינען ניט די סבה פון היתר אַזוי ווי זייער אָפּוועזענהייט איז ניט דער טעם פון איסור, נאָר די תורה האָט מיט זיי געגעבען סימנים וועלכע מינים גיבען גוטע, נאַרהאַפטע און לייכט פאַרדייענדע פלייש.

דעם טעם אויפ׳ן איסור פון גיד הנשה גיט די תורה אליין. דער איסור פון נבלה איז פאַרשטענדליך: דער טויטליכער גיפט וואָס האָט געבראַכט מיתה צום

בעל חי קען אריבערגעהן צו דעם וואס עסט זיין פלייש, און טרפה איז דער אנפאנג פון נבלה, לויט דעם כלל פון „טרפה אינה חיה״.

דער איסור אבר מן החי איז געצילט געגען געצענדינערישען מנהג אפצושניידען א געוויסען גליד פון א לעבעדיגע בהמה און עסען. אויסער דעם, געוואוינט מען זיך איין דערמיט אין דער מידה פון אכזריות זייענדיג גלייכגילטיג צו אימיצענס ליידען.

דער איסור פון בשר בחלב, כאטש לויט דאקטאריע איז אזא עסען פון פליישיגס מיט מילכיגס צוזאמען, שווער צו פאהדייען, איז ניט ווייט זיך משער צו זיין, אז אפילו דערין איז אויך פאראן א ריח עבודה זרה; ענטוועדער ס'איז האמאלסט געווען אזא געצענדינסט צערעמאניע, אדער אזא מנהג צו עסען אין זייערע ימים טובים. די השערה ווערט פארשטארקט, זעהענדיג ווי צוויי מאל אין דער תורה קומט די אזהרה פארבונדען מיט א יום טוב: „שלש פעמים בשנה יראה כל זכורך״, און עס ענדיגט זיך „לא תבשל גדי בחלב אמו״; און אפילו דאס דריטע מאל אויך אזוי: „ולא ילין חלב חגי עד בוקר.. ראשית בכורי אדמתך תביא... לא תבשל גדי בחלב אמו״.

25.

דיעטארי און מאטרימאניע

אדם הראשון האט געמעגט עסען נאר תבואה, פרוכט און גרינסען. ערשט שפעטער, אין נח'ס צייט, האט מען ערלויבט צו עסען פלייש.

דאס באווייזט, אז דער מענש בטבע איז א וועגעטאריאנער, זיין נאטירליכע שפייז איז דאס וואס עס וואקסט פון דער ערד ארויס. פלייש עסען דארף ער ניט, און די תורה האט עס בלויז ערלויבט, טאלערירט. דעריז גלייכט זיך אויס דאקטאריע מיט דער מיינונג פון דער תורה.

ערלויבענדיג דאס פלייש עסען וואס ציהט נאך זיך דעם פראצעס פון טויטען א בעל חי, האט די תורה אויסגעקליבען די גרינגסטע פון די מיתות, דאס איז שחיטה, און גע'אסר'ט אלעס וואס קען ברענגען צו צער און פייניגונג, ווי: שניידען אן אבר פון א לעבעדיגע בהמה, נחירה (איבעררייסען, אנשטאט איבערשניידען די סימנים) און אפילו ניט מיט א שלעכטע שחיטה (שהיה, דרסה, חלדה, הגרמה און עיקור). אזוי האט מען אונז אויך פארבאטען געגען שעכטען דעם קינד פאר דער מוטער אין די אויגען, אנזאגענדיג „אותו ואת בנו לא תשחטו ביום אחד״. ווארים דער צער איז זעהר גרויס, קיין אונטערשייד ניט צווישען א מענשען און א בהמה, מחמת דער געפיהל קומט ניט פון שכל (וואס די בהמה האט ניט) נאר פון כח המדמה — פארשטעלונגס קראפט — א געפיהל וואס אלע בעלי חיים באזיצען צוגלייך. דער איסור איז דערפאר נאר אויף די מינים שור ושה, די מינים וואס מיר מעגען עסען, דאס קינד דערקענט זיין מוטער, און פארקעהרט: זי דערקענט איהם.

דער זעלבער טעם איז אויך אין שילוח הקן. ווארים די אייעלאך אויף וועלכע זי זיצט, און די יונגע פויגעלאך וואס דארפען איהר נאר, זיינען דאס רוב ניט

ראוי צום עסען. אוועקשיקענדיג די מוטער און זיי צונעהמענדיג וועט זי ווענינער ליידען ווי טוענדיג פארקעהרט און איבערלאזען די יונגע פויגעלאך אהן א שפייזערין. דער מענש, ניט קענענדיג געבדויבען די אייעלאך און אויך ניט די נאך יונגע פויגעלאך, וועט עס א צווייטען און א דריטען מאל אינגאנצען איבערלאזען. נאכ׳ן באפרידיגען זיין נייגעריגקייט געפיהל אויסלויידיגענדיג א נעסט. דער מוסר השכל וואס איינער קען דערפון ארויסקריגען: אויב די תורה פארהיט בהמות און עופות פון אומנויטיגען צער, אפשיטא ווי די זעלבע וויל ניט ליידען ווען איר מיצער פארשאפט צער א מענשען.

דער טעם פון שילוח הקן איז געגען תלמוד „האומר על קן צפור יגיעו רחמיך משתקין אותו", ווייל דערמיט מאכט מען פון די תורה־דינים רחמים, אין דער צייט וואס זיי זיינען בלויז גזירות. דער רמב״ם וואס פסק׳נט אזוי אפ להלכה אין „יד החזקה" פארענטפערט זיך דא, אז די הלכה געהט אין דער שיטה וואס מאכט פון אלע דינים נאר „רצון", בעת זוכענדיג דעם טעם נעהמען מיר דעם וועג פון שכל,ביידע שיטות זיינען פון איהם אויספיהרליך ערקלעהרט געווארען אין אנפאנג פון די טעמי המצוות. אויסער דעם, איז זיין שטייגער, אפילו אין הלכה אויך, צו געבען אסמכתות פון אנדערע פסוקים ווי דער תלמוד. די וואס זיינען בקי אין זיינע ספרים און די פילע פירושים אויף זיי, קענען אנצייגען א סך ערטער וואו ער איז זיך אזוי נוהג. די אלע אנגעגעבענע טעמים זיינען אויך נאר לויט׳ן פשט פון פסוק, און אמאל גאר געגען דער תלמודישער אויסטייטשונג.

דעם ציל פון צער בעלי חיים זעהט ער אויך אין די דינים פון כסוי הדם ביי חיות און עופות.

די זעלבע כונה פון איסור מאכלים זעהט דער רמב״ם אין נדרי איסור. ווען א מענש זאגט: זאל דאס ברויט אדער פלייש זיין אסור צו מיר, ווערט טאקע אסור. ביידע האבען איין כונה: צו קאנטראלירען דעם מענשענ׳ס באגעהרען, צו צוימען זיינע תאוות און צו ערלאבערען די מידה פון הסתפקות בנוגע עסען און טרינקען. זאגט טאקע די משנה: „נדרים סיג לפרישות".

פרויען זיינען עמפפינדליך, יעדע קלייניגקייט ברענגט זיי אריין אין כעס און דערפאר כאפען זיי זיך ארויס מיט נדרים. זאלען זיי קענען פריי זיין מיט נדרים, וואלטען אויפגעוואקסען מחלוקת אין הויז, דאס וואס ער מעג יא עסען, טאר זי ניט, אדער די מוטער מעג יא און די טאכטער — ניט. דערפאר האט די תורה געשטעלט דער פרוי אונטער אימיצענ׳ס רשות: פריהער אונטער׳ן פאטער׳ס און שפעטער אונטער איהר מאנ׳ס רשות. מחמת דעם, ווען זי איז פארהייראט געווען און געווארען אן אלמנה אדער א גרושה, האט זי א רעכט אויף נדרים ווי א מאנסביל.

דער טעם פון נזירות איז נאך פארשטענדליכער: ווארים וויין איז דאס שעדליכסטע פאר׳ן מענשענ׳ס געבעריך. דער וואס ציהט זיך צוריק דורך א נדר פון וויין, ווערט א קדוש אזוי ווי דער כהן גדול, וועלכער טאר זיך ניט מטמא זיין אפילו צו פאטער און מוטער.

14—מאטרימאניע, און בכלל וואס עס איז נוגע צום פאמיליען לעבען.

„א מענש איז א געזעלשאפטליכע חיה", ער נויטיגט זיך שטענדיג אין פריינד ארום איהם. אזוי זאגט אריסטאטעל אין זיין ספר המדות: א מענש, זייענדיג

געזונט און רייך, האט הנאה פון מענשליכע געזעלשאפט. אין א צרה — נויטיגט ער זיך אין זיי, און ווען ער ווערט אלט און שוואך, האפט ער צו ווערען פון זיי ארויסגעהאלפען. אט די ליבשאפט ווערט שטארקער צווישען קרובים. נאך מעהר צווישען עלטערען און קינדער, ביז דער נאטירליכער דראנג צו א קרייז ארום זיך קריגט זיין אויסדרוק אין׳ם משפחה פארבאנד וואס איינער העלפט זיך ארויס מיט די איבעריגע אין פריידען און ליידען, מיטגעפיהל, סימפאטיע און ארויסהעלפונג.

די תורה האט געזוכט צו פארשטארקען וואס פעסטער די פאמיליע בענדער צווישען די מיטגלידער. דערפאר איז דער שטרענגער פארבאט געגען „קדשה״, ווייל דאס אומגעזעצליך קינד בלייבט פרעמד צו זיין פאטער, ס׳קען קיינעם ניט, און ווערט פון קיינעם ניט אנערקענט.

א צווייטער טעם, וואס געוואוינהייט ברענגט גלייכגילטיגקייט. מענשען ווערען גלייכגילטיג צו אייגענע פרויען, אבער ווערען אויפגערעגט צו א פרעמדע. זאל מען מעגען געברויכען זנות, וואלט דער מענש פארצעהנפאכט דעם געשלעכטליכען פארקעהר, וואס איז, ווי באוואוסט, זעהר שעדליך.

א דריטער טעם: ווען איינע איז צוגענגליך פאר אלעמען גלייך, וואלטען מענשען, זיך אויפטרעפענדיג אלע אין איין צייט, זיך צעשלאגען אדער גאר דער־הרג׳עט, ווי דער נביא זאגט: ובית זונה יתגודדו.

כדי צו פארמיידען די אלע שטרויכלונגען האט די תורה פארזאגט צו הייראטען א פרוי אין דער עפענטליכקייט, דערמיט ווערט זי אסור צו אלעמען, און דערויף בויט זיך דער משפחה־בנין, וואס איז דער יסוד פון דער געזעלשאפט. אין וועלכער יעדער מענש נויטיגט זיך.

כדי אויסצומיידען צייטווייליגע הייראט, ווען דער מאן וועט אריינגעהמען א פרוי, זאגען דאס דערמיט ווערט זי ז י י ן פרוי, און נאך א קורצער צייט, ווע רענדיג איבערדריסיג, וועט ער זי ארויסשיקען — האט מען אנגעזאגט צו דורכגעהן א געוויסע פראצעדור דורך אירוסין און נאכדעם מאכען איבעראל באוואוסט, דורך חתונה, וואס פאדערט צו זיין צעהן מענשען דערביי. מיט די אלע זאכען ווערט דער הייראטס־בונד פארשטארקט.

טאמער שטימען זיי ניט, מעגען זיי זיך פאנאנדערגעהן. נאר ניט מיט ווערטער אליין. זאל אזוי זיי דער מנהג, וואלט זי שטענדיג אויסגעזוכט א זינד אדער אן אויסרייד אוועקצוגעהן, זאגענדיג דאס זי איז שוין געג׳גט. אדער ווען מען געפינט איהר מיט א נואף זינדיגענדיג וועלען זיי זאגען אז זי איז שוין אפגעג׳גט פון איהר ערשטען מאן. דערפאר האט די תורה געשטעלט דעם דין פון „שרייבען״ א גט, און נאר דער געשריבענער דאקומענט זאל זיין איהר איבערצייגונג.

אייפערזוכט אין א געפעהרליכער געדאנק. דאס קען ברענגען איהר און איהם צו די ערגסטע צרות. כדי ארויסצונעהמען דעם ספק פון חשד, האט די תורה אנגעזאגט דעם דין פון מים המאררים. דאס איז פין גרויס נוצען פארביידען: איהם, ארויסנעהמענדיג דעם חשד פון זיין הארצען אויף איהר, און איהר — באווייזענדיג דעם אמת, פאר וועלכען עס לוינט זיך איהר אפילו דורכצומאכען אזא שווערע צערעמאניע. טאמער טראגט זי זיך טאקע ארום מיט זינדיגע געדאנקען, וועט די

מורא פון מים המאררים איהר צוריקהאלטען פון זינד, דערמאָנענדיג זיך ווי זי וועט שפעטער דארפען געבראכט ווערען אין בית המקדש, און פאַר בית דין הגדול און אַלעמען אין די אויגען אויפדעקען איהר האריז, פאַנאַנדערלאָזען די האָר און דורכמאַכען אַ שוידערליכע צערעמאָניע אין דער עפענטליכקייט. דערמיט ווערט פאַרמיטען די צרה וואָס ברענגט איין אַ סך משפחות און פאַמיליע לעבענס.

אַ מיידעל שטעהט חתונה צו האָבען. דערפאר איז דער „מפתה" מחוייב, ענטוועדער זי צו הייראטען — וואָס פאַר איהר איז דאָס געוויס לרצון — אָבער אויב זי וויל איהם ניט, אָדער איהרע עלטערען ווילען ניט, צו צאָהלען שאָדענ־ערזאַץ „כמוהר הבתולות".

דערפאר האָט דער „מאנס", דער פאַרגוואַלטיגער, נאָר איין וועג: זי צו הייראטען און קיינמאָל ניט קענען אָפּ׳גט׳ן.

דער טעם פון יבום שטעהט אן דער תורה: אָנצוהאלטען דעם נאָמען פון געשטאָרבענעם ברודער אויף זיין נחלה. אזוי האָט מען זיך געפיהרט פאַר מתן תורה און די תורה האָט דעם מנהג איבערגעלאָזען, מיט׳ן צולייג פון חליצה: צו פאַטשען דעם שוואָגער מיט׳ן שוך און אָנשפּייען אין פנים, פאַר׳ן ניט וועלען אויפשטעלען דעם ברודער׳ס נאָמען. מעגליך ער זאָל זוכען אויסמיידען די חרפה און זי מיבם זיין.

אין דעם זעלבען פרק מ״ט פון דריטען טייל שמועסט ער אַרום באַריכות די אלע דינים וואָס געהערען זיך אָן מיט קרובים־הייראַט, מוציא שם רע, כלאי בהמה, מצות מילה, לא תחרש בשור וחמור יחדו, אָנגעבענדיג טעמים אויף יעדער זאַד באַזונדער, און ענדיגט אזוי:

„דער כלל איז, אַז יעדע מצוה האָט אַ טיפע כונה, ענטוועדער איינצופלאַנצען א גוטע מידה אדער דעה, אדער אויסצומיידען די שלעכטע מידות וואס געהען מיט דער געצענדינערייי. אפילו אויף די וואס מיר וויסען אויבענאויף ניט קיין טעם, איז זיכער דאָס עס איז יאָ פאַראַן, און מיינט געווים אַ רפואה פאַר דער נשמה".

26

רמבמ׳ס מיינונג וועגען די היסטאָרישע ספורים אין תורה

פון היסטאָריע אַלס אַ צוועק פאַר זיך אליין, האָט דער רמב״ם ניט געהאלטען. אַנשטאַט וואָס זיין פאָרגעהער רב יהודה הלוי האָט דעם יסוד פון חקירה אין „כוזרי" געבויט אויף היסטאָרישע ענטוויקלונגען, האָט דער רמב״ם געשטעלט זיין מעטאַפיזישען בנין צו ערקלעהרען די תורה, מעשה בראשית און אפילו יחזקאל׳ס מעשי מרכבה נאָר על פי פילאָזאָפיע.

זיין מיינונג איז, אַז די תורה וואָלט אינגאַנצען געהאַרפט אויסענלאָזען די היסטאָרישע זייט פון בריאת העולם ביז אידישען אריינקום אין ארץ ישראל, ווען דערין גופא זאָלען ניט זיין באַהאַלטען געוויסע כונות: ענטוועדער פעסטצושטעלען אמונה, אָדער לערנען א גוטע מידה צום וואוילזיין פון׳ם מענשען, אָדער גאָר צו ערקלעהרען איינעם פון די עקרי התורה.

די דערצעהלונגען פון בראשית זיינען אלזא געקומען כדי פעסטצושטעלען דעם ווינקעלשטיין פון אמונה, אז די וועלט איז ניט קיין אייביג עקזיסטירענדע, נאר א באשאפענע, פון איין בורא, און דער זעלבער האט באשאפען נאר איין מענשען (דער היפוך פון דעם געצענדינערישען גלויבען אין אן אייביג עקזיסטירענדער וועלט, און ממילא אויך אין דער שטענדיגער עקזיסטענץ פון א גרויסע צאהל מענשען), און די שפעטערדיגע ספורים באצוועקען פעסטצושטעלען, אז צווישען אדם הראשון ביז משה רבנו איז א משך פון צוויי טויזענט פינף הונדערט יאהר.

זאל קומען די געשיכטע אהן אייגצעלהייטען, וואלטען מענשען ניט פארשטאנען ווי אזוי זיינען ארויסגעקומען פון איין אדם הראשון אזוי פיל פארשיידענארטיגע משפחות מיט פארשיידענע שפראכען און דיאלעקטען, וואס וואוינען אין אלערליי לענדער און קלימאטען. אנגעבענדיג די משפחות פון אדם, נאכדעם פון נח׳ן מיט זייער פארצווייגונג, און ענדליך די מעשה פון דור הפלגה וואס האט געבראכט צו פיל־שפראכיגקייט, און אנגעבענדיג די גרעניצען פון יעדער משפחה און נאמען פון יעדען שפעטער ענטוויקעלטען פאלק — ווערט דאן פארשטאנען די אמונה אין חידוש העולם אהן דער קשיה: ווי אזוי ווערען קינדער פון איין פאטער אזוי פארשיידען אין רעיען.

די געשיכטע פון מבול און שפעטער די איבערקעהרונג פון סדום, איז פעסטצושטעלען די אמונה אין שכר ועונש. אבער די מלחמה צווישען די 5 און 4 מלכים וואו דער מלך סדום איז געפאנגען געווארען און אברהם מיט א קליינע צאהל מענשען האט דעם רויב צוריקגעבראכט, באווייזט ערשטענס, אז גאט קען מאכען שטארק די הענט פון יענע וואס גלויבען אין איהם; צווייטענס — אונז, אברהמ׳ס קינדער, צו לערנען ווי ווייט איין קרוב דארף זיך מקריב זיין ארויסצוהעלפען זיינעם א קרוב וואס איז אין נויט. דריטענס, צו באווייזען די גייסטרייכקייט פון אברהמ׳ען, אפגעבענדיג דעם רויב וואס האט איהם באמת געהערט, נאר אויסשליסליך כדי דער מלך סדום זאל נאכדעם זיך ניט ארומגעהן באריהמען „איך האב אברהמ׳ען רייך געמאכט״. דערפון זאלען זיך אידען אפלערנען ניט צו באגעהרען דעם געלט, וואס קומט ניט בדרך כבוד.

דער גאנצער יחוס־צעטעל פון עשו׳ס משפחות מיט אלע אייגצעלהייטען, איז צוליב דער שפעטער אנגעזאגטער מצוה, אפצומעקען דעם זכר פון עמלק. ווארים עמלק איז געווען דער שטארקסטער פון דער משפחה. און די בני עשו האבען שפעטער פארשלונגען אין זיך דעם פאלק שעיר החורי, וועמענס לאנד זיי האבען ערווארבען. ווען ניט אט דעם יחוס־צעטעל, דורך וועלכען יעדע משפחה ווערט געשטעלט באזונדער, וואלטען אידען געדארפט פארניכטען אלע עשו׳ס משפחות, פון ספק אפשר איז עס איינער פון עמלק׳ס ארויסקום. אבער איצט, קענענדיג יעדע משפחה באזונדער, זיינען די איבעריגע, אויסער עמלק, פארהיט געווארען פון דער גזרה.

דער ליסט פון אלע מלכים וואס האבען געקעניגט איבער אדום, נאך איידער אידען האבען געהאט א מלך, מיינט צו באווייזען דעם אונטערשייד צווישען אידישע מלכים און זייערע: ווארים מיר זיינען פארזאגט געווארען ניט אויפצונעהמען אויף זיך א מלך פון א פרעמד פאלק, בעת דער גאנצער צעטעל מלכים באווייזט, אז קיינער פון זיי איז ניט געווען קיין אדומי, נאר אלע פון פארשיידענע

לענדער און פעלקער. דערמיט זאָגט די תורה: זעהט און נעהמט זיך אראָפּ א מוסר פון אייערע ברידער, די בני עשו, וויפיל צרות יעדער פרעמדער קעניג האָט זיי אָנגעטאָן (וואָרים דעמאָלסט זיינען נאָר די טיראַנערייען פון יעדערען געווען באוואוסט צו אלעמען) און דאָס זאָל אייך לערנען די לעקציע ניט ארויפצונעהמען דעם יאָך פון א פרעמדען אלס קעניג איבער זיך. כדאי צו באמערקען אז דוקא אין דעם ענין זיינען אידען נכשל געוואָרען, זיך לאָזענדיג פאַריאָכען פון דעם אדומי, אנטיפטר, הורדוס׳עס פאָטער.

דער רמב״ם אליין פיהלט אז מיט דער מעטאָדע קען מען ניט דורכגעהן אלע היסטאָרישע ספורים פון דער תורה, דערפאַר גיט ער איין כלל מיט דעם לשון:

„זיי ווייסען, דאָס אַזוי ווי איך האָב ערקלעהרט אין די פריהערדיגע פרקים וועגען געצענדינערייי, פון וועלכע מיר ווייסען בלויז פון זייערע ביכער עטוואָס, אָבער ניט גאָר, זייענדיג ווייט פון דער ריכטיגער תקופה א משך מיט יאָהרען, דערפאַר קענען מיר ניט געפינען אין א סך פון די מצוות די סתירה געגען זיי, אָבער ווען מיר ווייסען יאָ אלע זייערע פאַלשע וועגען און מנהגים וואָלטען א סך מצוות געוואָרען פאַרשטענדיגער, אַזוי ווייסען מיר אויך ניט די גאַנצע היסטאָריע וויפיל מיר וואָלטען געדאַרפט צו וויסען כדי די תורה אָנגעגעבענע פאַקטען צו פאַרשטעהן, זייערע אורזאַכען למאי זיי זיינען פאַרשריבען און וואוהין זיי צילען, לויט אונזערע אָנגעגעבענע כללים״.

א צווייטער כלל וואָס מען דאַרף געדענקען:

עס איז ניט גלייך די איבערלעבונג פון א היסטאָרישען פאַקט פערזענליך, צו דעם זעלבען וואָס מען דערוויסט זיך פון שריפט. וואָרים דאָס אויג און דער געדאַנק נעהמען אַרום ניט אין פאַרגלייך ברייטער ווי פיל מען קען פאַרשרייבען. זאָל מען עס פריהער זעהן מיט די אויגען נאָכדעם לעזען פון בוך, וואָלטען מיר געוואוסט ווי נויטיג עס זיינען די פרטים און די ווידערהאָלונג אין דער דערצעהלונג — דאָס וואָס דער וואָס וויים עס בלויז פון לעזען אליין קען ניט פאַרשטעהן און פרעגט נאָר דיוקים מיט קשיות.

לויט דעם צווייטען כלל ווערען פאַרשטאַנען די ווידערהאָלונג פון רבקה׳ס פּאַסירונג ווען אליעזר האָט פון איהר פאַרלאַנגט אביסעל וואַסער, און זיין איבער־דערצעהלען דאָס זעלבע פאַר איהר משפּחה; די ווידערהאָלונג פון די נשיאים׳ס קרבנות, און אויך איבעראַנייעס ארויסשרייבענדיג די מסעות אין פרשת מסעי, דאָס וואָס מיר ווייסען שוין פון פריהער.

די לעצטע ענטהאלט אין זיך נאָך א צווייטען טעם און זעהר א וויכטיגען.

וואָרים א מופת וואָס קומט דורך א באוווּנעם נס, איז וויכטיג נאָר פאַר דעם צושויער, וועלכער מוז גלויבען וואָס עס שפּילט זיך אָפּ פאַר זיינע אויגען. דער צווייטער האָט בלויז דערפון א פאַרשריבענע ערצעהלונג, און די ברירה איז ביי איהם יאָ און ניט צו גלויבען. דערפאַר איז נויטיג אָנצוגעבען וואָס מעהר פאַקטען און באווייזען, וואָס פאַרשטאַרקען דעם גלויבען און מאַכען שווערער די אומגלויבונג.

צוליב דעם צוועק האָט די תורה א צווייטען מאָל — איז מסעי, ווען דער ערשטער דור וואָס האָט עס אלעס אליין דורכגעמאַכט איז שוין געווען אויסגע־שטאָרבען און דער איצטיגער דור האָט נאָר א טייל דערפון געזעהן — אויסגערע־

כענט די מסעות־ערטער אין דער מדבר וואָס זיינען אין יענער צייט געווים באַוואוסט געווען צו אַלעמען, אַנגעבענדיג די פּאַסירונג פון יעדען אָרט באַזונדער, און דערמיט פאַרשטאַרקט דעם גלויבען אין די הערצער פון דעם נייעם דור.

דער גרעסטער שטענדיגער נס איז געווען די וואַנדערונג גאַנצע פערציג יאָהר אין אַזאַ מורא'דיגען מדבר, וואָס שווימעלט מיט ברענענדיגע גיפטיגע שלאַנגען און עקדישען, אָהן וואַסער, אָהן ברויט און אָהן ישוב. אפילו די בעדואינער — געבוירענע אין דעם מדבר — מוזען צייטענווייז ארויסקומען צו אַ ישוב, צו עטער פון „זייען תבואה, וואו עס וואַקסען פייגענבוימער, וויינשטאָקען און מילגרויימען" — דאָס וואָס אידען האָבען ניט געקענט, זייענדיג פאַרזאָגט מיט עמון מואב און אדום ניט צו פאַרפיהרען קיין קריג, און מיט גוטען האָבען יענע זיי ניט אַריינגעלאָזען אין לאַנד.

ווען אפשר די שפּעטערדיגע דורות וועלען ערקלעהרען דעם נס על דרך הטבע: די בני ישראל האָבען געוואַנדערט נאָהענט צו ישוב, וואו מען קען פאַרגעלט אָדער דורך רויב קריגען די נויטווענדיגקייטען, אָדער זיי פלעגען זיך אָפּשטעלען אין אָאזיס'ן, וואו מען קען קריגען פרוכט און וואַסער, און אפילו תבואה, פאַרזייענדיג און וואַרטען ביז עס וואַקסט אויף, ווי עס טוען ביז היינטיגען טאָג די בעדואינער; אָדער אפשר האָבען זיי געוואַנדערט אין אַזעלכע ערטער וואו דער מן געהט כסדר יעדע נאַכט ביז איצט. אָדער אפשר זיינען זיי גאָר ניט געגאַנגען, נאָר געבלאָנדזשעט ווי די מצריים האָבען טאַקע געוואָלט מיינען (נבוכים הם בארץ) און ווי די היינטיגע אַראַבער וואַנדער־ער רופען ביז איצט דעם מדבר סאַהאַראַ „די בלאָנדזשענדע וויסטעניש" (מדבר התעיה).

צו באַזייטיגען די אַלע טעותים האָט די תורה אין מסעי געגעבען אַ פולען חשבון פון די מסעות, וואו זיי זיינען געווען, גערוהט און וואוהין ווייטער געצויגען. די באַקאַנטע געגענטען צו יענע מענשען פון יענעם געגענט, זיינען באַוואוסט געווען פאַר וויסטע, ניט קיין וואַסער, ניט וואו צו זייען, ניט קיין פרוכט בוימער. דאָרט געהט ניט דער מן און איז ניט געגאַנגען אויסער די 40 יאָהר בעת די בני ישראל זיינען דאָרט געווען. סטאַנציעס זיינען ווייט פון ישוב, און געבלאָנדזשעט האָבען זיי אויך ניט, נאָר פּלאַנמעסיג געוואַנדערט, לויט דער אָנווייזונג פון וואָלקען־זייל, אַמאָל געשטאַנען אין איין אָרט בלויז איין נאַכט, אַנדערשוואו נאָר איין טאָג, און אין עטליכע ערטער אַ יאָהר, אַ חודש, ביז גאַנצע 18 יאָהר אין איין אָרט. אויסער דעם איז דער וואַנדערונגס אָרט געווען אַ קליינער: סך הכל 11 טעג גאַנג צווישען דעם באַרג חורב ביז קדש ברנע „געהענדיג אויפ'ן וועג צום באַרג שעיר". אין דעם געגענט איז אוממעגליך אפילו פאַר די וואָס וויסען ניט דעם געגענט, צו בלאָנדזשען גאַנצע 40 יאָהר. דאָס וואָס זיי האָבען יאָ פאַרזאַמט די יאָהרען איז געווען צוליב דער אורזאַך וואָס די תורה גיט אָן.

מיט דעם שכל, צו וועלען געבען דעם נס אַ שטענדיגע עקזיסטענץ און גלויבען ביי שפּעטערדיגע דורות, ערקלעהרט דער רמב״ם דעם איסור פון צוריקבויען יריחו, כדי די צעפאַלענע פעסטונגס ווענט זאָלען אָנהאַלטען דעם גלויבען אין נס פון דער איינגעפאַלענער פעסטונג פון דורות.

אַזוי ערקלעהרט דער רמב״ם די נוצליכקייט פון יענע היסטאָרישע ספורים אין תורה.

27

השגחת הבורא

אין פרק נ״א פון דריטען חלק מורה נבוכים, ווידערהאָלט דער רמב״ם בקיצור זיין גאַנצע השקפה איבער השגחת ה׳ פון וויסענשאַפטליכען שטאַנדפּונקט.

ווי אַזוי קען דער מענש דערגרייכען צום תכלית פון זיין באַשאַף אויף דער וועלט און אומשטערבליכקייט נאָכ׳ן לעבען? דעם ענטפער גיט ער דורך פאָלגענדען משל:

דער מלך זיצט אין זיין פּאַלאַץ, און זיינע אונטערטאַנען זיינען אַ טייל אין שטאָדט און אַ טייל אויסער איהר. אַ טייל פון די וואָס אין שטאָדט שטעהען פון הינטער דעם פּאַלאַץ און פאַרגעהן גאָר אויף אַן אַנדער וועג זיך צו דער ווייטערען פון איהם, און אַ טייל וואָס ווילען יאָ אַריינקומען אינוועניג צו זעהן דעם מלך, נאָר זיי האָבען ביז איצט ניט גענעהן אַפילו די אויסוועניגסטע זייט פון פּאַלאַץ, און די טיילען זיך אין כתות: מאַנכע וואָס טרעפען ניט די טיר, נאָר רינגלען אַרום דעם מויער געהענדיג, אַנדערע וואָס זיינען שוין דורכגעגאַנגען דעם טויער און פאַרבלייבען אין פאָדער־צימער, בעת אַנדערע האָבען זיך דערשלאָגען אין זאַל וואו דער מלך געפינט זיך, און די גאָר קלוגע וואָס דערשלאָגען זיך ביז׳ן מלך, צו שטעהן פאַר איהם און צו הערען זיינע רייד. איצט צום נמשל:

די וואָס אויסער׳ן שטאָדט, זיינען יענע פאַרגרעבטע מענשען וואָס האָבען גאָר קיין רעליגיע ניט — ניט בקבלה, און ניט מצד השכלה. דאָס זיינען יענע נעגערס וואָס וואוינען אַרום עקוואַטאָר און יענע עסקימאָסען פון׳ם ווייטען קאַלטען נאָרד. זיי קענען גאָר ניט באַטראַכט ווערען פאַר מענשען, נאָר אַלס דער מיטעל־רינג צווישען מאַלפּע און מענש: עטוואָס העכער פאַר די ערשטע און נידעריגער פון די לעצטע.

נאָך ערגער זיינען יענע וואָס שטעהען מיט׳ן הינטען צום פּאַלאַץ, און געהען וואָס אַמאָל אַלץ ווייטער אַוועק פון איהם. דאָס זיינען די געצענדינער, וואָס זיינען ענטוועדער פאַרפיהרט געוואָרען פון אייגענעם שכל, אָדער אימיצער האָט זיי פאַרפיהרט. דער איז דער ערגסטער מין, קענענדיג פאַרנאַרען אַנדערע, און אַמאָל איז אַפילו נויטיג זיי אײנגאַנצען צו פאַרניכטען כדי אַנדערע צו רעטען פון זייער טעותדיגען גלויבען.

די וואָס ווילען אַריין אינוועניג נאָר געפינען ניט דעם פּאַלאַץ, זיינען פרומע אָבער פּראָסטע אידען — דער איינפאַכער המון. העכער פאַר זיי זיינען יענע וואָס זעהען יאָ דעם פּאַלאַץ, נאָר געהען אַרום איהם, דאָס זיינען יענע אידען וואָס גלויבען, און לערנען ווי מקיים צו זיין די מצוות מצד קבלה, אָהן שכל. די וואָס זיינען פאַראינטערעסירט אין פאַרשטעהן די עיקרי אמונה מיט׳ן שכל, זיינען שוין אין פאָדערצימער; אָבער די וואָס האָבען זיך פאַראינטערעסירט אין אַלעס וואָס מען קען פאַרשטעהן צו דערגרייכען מיט׳ן שכל, און אַרבייטען מיט אַלע מעגליכע פעהיגקייטען צו דערגרונטעווען דעם אמת — די זיינען שוין אינוועניג, זיי שטעהען פאַר׳ן קעניג, און זיינען אַזוי נאָהענט צו איהם ווי אַ שטערבליכער מענש קען זיך דערנעהענטערען צו גאָט.

„און זיי וויסען מיין קינד — לעגט צו דער רמב״ם — אז די זעלבע חלוקים קען מען מאכען צווישען די וואס ווילען דערגרייכען דעם אמת׳ן אמת מצד פילאָזאָפיע: 1) די וואס האלטען נאָך אין לערנען חכמה און לאָגיק — די אינסטרומענטען וואס זיינען נויטיג צום דענקען; אָבער דערמיט אליין האָבען זיי זיך דערנעהענטערט בלויז צו דער אויסווענינגסטער זייט פון׳ם פלאַץ. 2) פארשטייענדיג די גאַנצע פיזישע וועלט, קומט מען אריין אין פאָדערהויז. 3) אָבער אָנפאַנגענדיג מעטאַפיזיק קומען זיי אריין אין זאַל וואו דער מלך איז, און וואס טיפער אין דער חכמה, אלץ נעהענטער ווערט מען צום בורא.

העכער פון אלע קאַטעגאָריעס איז דער יעניגער וואס האט זיך איבערגעגעבען מיט׳ן גאַנצען געדאַנק צו מעטאַפיזישע פּראָבלעמען, נעהמנדיג יעדע פיזישע ערשיינונג פאַר אַ באַווייז אויף דעם בורא׳ס עקזיסטענץ און אויך אויסצוגעפינען דעם אופן פון זיין השגחה אויף אלע באַשאַפענע. די זיינען עס די נביאים — העכער פון אלע חכמים, סיי תלמודיסטען, סיי פילאָזאָפען — און אויף אַזעלכע פאסט זיך דער אויסדרוק „ויהי שם עם ה׳".

(באמערקונג. אזוי לערנענדיג דעם פרק נ״א, פאלען ארונטער אלע טענות געגען רמב״ם, למאי ער האט געשטעלט דעם גלויביגען למדן און גאָן נידעריגער ווי דעם פילאָזאָף־מעטאַפיזיקער. זיינע פארטיידיגער האָבען געזוכט צו באַווייזען, אז דעם פרק האט ער גאָר ניט געשריבען, נאָר א תלמיד טועה האט איהם ארייגעשמוגעלט, בעת די באַשולדיגער האָבען געפאָדערט מען זאָל איהם פארברענען, און אין בעסטען פאַל אויסמעקען; ווי דער „אפודי" לערנט עס איין, איז די זאַך פשוט, ווייל ער מאַכט דאָ באמת קיין פארגלייכען ניט צווישען דעם מאמין און פילאָזאָף, נאָר ער צייכענט אָן ביידענס וועגען ביז צו דער פאָלקאָמענהייט, שטעלענדיג דעם אידישען חוקר אין מעשה מרכבה העכער ווי דעם וואס איז עוסק אין הלכות. דאָס איז אין איינקלאַנג מיט זיין מיינונג אין משנה תורה הלכות יסודי התורה פרק ד׳, זיך שטיצענדיג אויפ׳ן תלמודישען מאמר: דבר גדול זה מעשה מרכבה, דבר קטן — זה הוויות אביי ורבא).

דער הויפּט פונקט פון תורה און מוסר, איז לויט דעם רמב״ם, זיך צו דערנעהענטערען ווי ווייט מעגליך צום קוואַל פון גאָט׳ס איינהייט און צו פארשטעהן זיין הנהגה. די אלע „חובות האיברים" (פּראַקטישע מצוות, וואס מען טוט מיט די גלידער) פיהרען נאָר צו דעם דאָזיגען ציל.

ווארים מיר, ערדישע מענשען, קענען קיין שייכות ניט האָבען צום בורא סיידען דורך דער פארמיטלונג פון׳ם שכל, וועלכען ער האט משפיע געווען אויף אונז. דאָס וויסען איז אלזא א חוב אויף יעדען מענשען, און ווערט אָנגעזאָגט אין א סך ערטער, ווי למשל: וידעת היום והשבות אל לבבך, דעו כי ה׳ הוא אלהים, אתה הראת לדעת, און אזוי האט דוד המלך פארזאָגט זיין זוהן שלמה: דע את אלהי אביך ועבדהו. וויסען איז בעסער ווי בלינדער גלויבען. די וואס גלויבען בלינדערהייד זענען געגליכען צו יענע, וואס דרעהען זיך ארום דעם פּאלאַץ, וועלכע ווילען דעם מלך קיינמאָל ניט זעהן; ניט געברויכענדיג דעם שכל וואס פארבינדט אונז מיט איהם, האָבען מיר נאָר א גאָט אין דמיון, וואס קען שפּעטער שוואכער ווערען, אָבער קיינמאָל ניט שטאַרקער ווערען. אָבער וועלענדיג משיג זיין מיט׳ן שכל, ווערט די השגה גרעסער פון רגע צו רגע; וואס גרעסער

די השגה אַלץ מעהר דבקות, און וואָס מעהר דבקות אַלץ ברענענדיגער ווערט די אהבה צום בורא, און דאַן קען אַזעלכער מקיים זיין „ואהבת את ה׳ אלהיך" מיט אַלע פּרטים און דקדוקים.

אָט די אהבה, וואָס קומט נאָך דבקות, פאַראורזאַכט פון שכל׳דיגער השגה, שטעלט דעם מענשען אין דער דירעקטער פאַרבינדונג מיט זיין באַשאַפער. אַזוי איהם זוכענדיג וועט ער זיך צו דיר באַווייזען; אַפּלאָזענדיג דעם פאַרבינדונגס־פאָדים וועט ער דיר פאַרלאָזען.

און דערין איז דער מענש פריי צו טאָן ווי ער וויל; ענטוועדער שטאַרקער צו מאַכען דעם בונד אָדער איהם אַזוי שוואַך צו מאַכען ביז אינגאַנצען איבערצורייסען.

דער בונד ווערט אָנגעהאַלטען, ניט מיט מעשים טובים אַליין, אויך ניט שטודירענדיג חכמה, נאָר אָנהאַלטענדיג צוגעבונדען שטענדיג דעם געדאַנק אַן א י ה ם. מעגסט זיין דער גרעסטער חכם צווישען מענשען — די רגע וואָס געדאַנק איז פאַרנומען געוואָרען מיט דער אכילה אָדער געשעפט, האָסטו איבערגעריסען די פאַרבינדונג מיט איהם; דו ביזט ניט מיט איהם — איז ער ניט מיט דיר.

דערפאַר פלעגען די „חסידים הראשונים" מקפיד זיין אויף יעדער רגע, זי זאָל ניט אַוועקגעהן לבטלה, און פלעגען שטענדיג זאָגען „אל תפנו אל מדעתכם", און דוד המלך האָט געזאָגט: „שויתי ה׳ לנגדי תמיד, כי מימיני בל אמוט", ד. ה. איך שטעל זיך פאָר גאָט שטענדיג פאַר מיר, און פאַרגעס איהם ניט, אַזוי ווי איך פאַרגעס ניט מיין רעכטע האַנט, דאָס העלפט מיר איך זאָל ניט פאַלען נידעריג. און אפילו טוענדיג אַ געוויסע אַרבייט, אָדער רעדענדיג מיט ווייב און קינדער, זענען די זאַכען געווען אָהן כונה, ווייל זי איז געווען שטענדיג פאַרנומען מיט׳ן געדאַנק וועגען גאָט׳ס השגחה.

דעם דאָזיגען געדאַנק געפינט דער מפרש „שם טוב" אין מדרש תנחומא מיט דעם לשון: הקב״ה האָט צו אידען געגעבען די תורה כדי זיי מזכה צו זיין מיט עולם הבא, דערפאַר האָט ער אין יעדער אַרבייט אריינגעפאַסט אַ מצוה: בויט ער אַ הויז — אריינצושטעלען אַ מזוזה און מאַכען אַ מעקה; געהט ער ארום אַקערען — ניט איינצושפּאַנען אַן אָקס מיט אַן אייזעל; צו זייען — ניט צו זייען כלאים; צו שניידען — איבערצולאָזען לקט שכחה און פאה; באַקען ברויט — אָפּצושיידען חלה. דאָס איז געגליכען צו אַ מענשען, וואָס איז אריינגעפאַלען אין וואַסער, דער שיפסקאַפּיטאַן האָט איהם צוגעוואָרפען אַ שטריק און געזאָגט: האַלט זיך פעסט אָן איהר, ווייל דערמיט ביזטו גערעטעט. אַזוי זאָגט הקב״ה: כל זמן אידען זענען באַהעפט אין די מצוות האָבען זיי לעבען. ווי אין פסוק שטעהט: ואתם הדבקים בה׳ אלהיכם חיים כלכם היום. דער געדאַנק איז אין איינקלאַנג מיט דעם רמב״ם׳ס מיינונג.

דאָס איז, אמת, אַ שווערער וועג, ניט מיט איין שפּרונג קען איינער אהינצו דערגרייכען; אָבער „בני עליה" בכלל זענען וועניג. נאָר דער וואָס דערגרייכט די מדרגה, הייסט אַן „אויבערמענש", ער האָט די השגחה אויף זיך שטענדיג, אַזאַ צדיק איז שטענדיג צדיק וטוב לו, אַזוי ווי דעם רשע גמור איז שטענדיג רע לו; נאָר דעם צדיק שאינו גמור און רשע שאינו גמור קען אמאָל זיין גוט —

אין די מאָמענטען ווען זיי האַלטען ניט אָן די דבקות פונ׳ם שכל מיט׳ן בורא, און אַמאָל שלעכט, ווען זיי האַלטען יאָ אָן.

און לויט דער ערקלערונג ווערען פאַרשטאַנען די באַגריפען פון שכר ועונש אויף דער וועלט, אפילו וויסענדיג, אַז אין בורא איז קיין ענדערונג ניטאָ.

דאָס איז דעם רמבמ׳ס מיינונג וועגען עבודת ה׳ זעהר בקיצור. מיר ראָטען מבינים דורכצולערנען דעם פּרק נ״א מיט דער הערה צוזאַמען, לויט דעם פירוש פון „שם טוב" און דער באַמערקונג פון רב חסדאי אבן קרשקש. דאָס וועט איהם דערלייכטערען די אויגען צו זעהן דעם רמב״ם אין זיין אמת־פרומען געשטאַלט, טראָץ זיין באַמיהונג אין גאַנצען „מורה נבוכים" צו פיגורירען אַלס קאַלטער פילאָזאָף וואָס ווערט רעגירט נאָר פונ׳ם שכל און אומ׳רחמנות־שניידענדער לאָגיק.

ליידער קענען מיר ניט ארויסגעבען אפילו אַ טייל פון דעם גאַנצען בריליאַנטענעם פּרק, צוליב מאַנגעל אין פּלאַץ. מיר האָפען אָבער אַז לומדים וועלען עס קענען אליין דורכלערנען, לויט אונזער אויסטייטשונג, איבערהויפּט אין משל.

28

השארת הנפש לויט׳ן רמב״ם

מיר בעטען אַלע טאָג אין דאַווענען מיט די ווערטער „יהי חסדך ה׳ עלינו כאשר יחלנו לך", ד.ה. זאָל דיין חסד זיין אויף אונז לויט דער מדרגה פון אונזער האָפען צו דיר.

אָט דער פּסוק באַווייזט די ריכטיגקייט פון דעם פריהער־געשריבענעם געדאַנק אין דעם פריהערדיגען קאַפּיטעל, אַז די השגחה קומט מיט אַזאַ שטאַרקייט אָדער שוואַכקייט ווי אונזער אויסנוצען דעם שכל זיך צו האַלטען פאַרבונדען מיט דעם בורא.

לויט דעם רמב״ם זיינען פאַראַן 4 מדרגות וואָס אַ מענש דאַרף דורכמאַכען ביז ער קומט צו דער העכסטער, אויף וועלכע די אבות און משה רבנו זיינען געשטאַנען. 1) זיך איינגעוואוינען צו האָבען די ריכטיגע כונה ארויסזאָגענדיג אַ פּסוק פון תפילה; 2) אַ העכערע מדרגה, לערנענדיג אָדער הערענדיג תורה, ארייננצוטאָן די גאַנצע מחשבה דערין. די מדרגה פאָדערט שוין אַ סך אָנשטרענגונג און געוואוינהייט. 3) צו פאַרקירעווען דעם געדאַנק אין די ליידיגע צייט, אפילו ניט בעת׳ן דאַווענען אָדער לערנען, ער זאָל כסדר טראַכטען וועגען יראת ה׳ און דעת ה׳. די זעלבע קאָנצענטראַציע דאַרף דער מענש אויך געברויכען ביים טאָן וועלטליכע זאַכען וואָס איז נוגע זיין פּרנסה, משפּחה און געזונטהייט. דערמיט קריגט מען די ריכטיגע קאָנטראָל איבער׳ן געדאַנק ער זאָל ניט ארומלויפען פריי און ציללאָז ווי אַ חיה אין וואַלד און ווי אַ פויגעל אין לופט. 4) און די איז די העכסטע. זיין מחשבה זאָל זיין שטענדיג באַהעפט מיט׳ן בורא אפילו ארבייטענדיג, אָדער רעדענדיג מיט זיין ווייב און קינדער, אפילו זיצענדיג אין געזעלשאַפט, און רעדענדיג צו מענשען אָדער הערענדיג זייערע רייד. דאָס איז ווי די מליצה פון שיר השירים: „אני ישנה ולבי ער קול דודי דופק". צו דער הויכער

מדרגה האָבען אפילו ניט אַלע נביאים דערגרייכט, נאָר איין משה רבנו, און דער־ רויף ווינקט אן דער פסוק „ונגש משה לבדו אל ה׳", און אַ צווייטער פסוק „ויהי שם עם ה׳", און אַ דריטער: „ואתה פה עמוד עמדי". צו דער הויכער מדרגה, ווען דער גוף איז צווישען מענשען, זאָל זייער נשמה זיין ביי גאָט, האָבען דער־ גרייכט די 3 אבות, דערפאַר געפינען מיר זייערע נעמען פאַראייניגט (אלהי אברהם, אלהי יצחק ואלהי יעקב). אויף דעם פעסטען, קיינמאָל ניט צוטיילבאַרען בונט זאָגט גאָט: וזכרתי את בריתי יעקב, את בריתי יצחק, את בריתי יעקב, ווייל זיי האָבען די פאַרבינדונג אָנגעהאַלטען שטענדיג: עסענדיג, אַרבייטענדיג, פאָהרענדיג און אפילו שלאָפענדיג. שטענדיג איז זייער געדאַנק געווען מיט איהם, איהם צו דינען און אויפצושטעלען אַ פאָלק וואָס איהם דינען ווי זיי דינען איהם. דאָס זאָגט דער פסוק: „כי ידעתיו, למען אשר יצוה את בניו ואת ביתו אחריו", און מחמת דעם ציל האָבען זיי געלעבט, געפיטערט בהמות, געאַקערט פעלדער, געזייט און געשניטען, געמאַכט פאַרמעגען, ווי אַלע מענשען פון דער וועלט, אָבער אויסגענומען יעדע מניעה וואָס קען מפסיק זיין צווישען זיך און בורא, ווי דער נביא זאָגט: עוונותיכם היו מבדילים ביניכם לבין אלקים.

דער חסד קומט אין פראָפּאָרציע פון האָפנונג, און די השגחה ווערט אויך איינ־ געטיילט אין 4 קאַטעגאָריעס: 1) דער נאַטירליכער שכל, וואָס יעדער דורכשניט־ ליכער מענש באַזיצט, זיך אויסצוהיטען פון נאַטירליכע שלעכטעס, הן מצד טבע הן מצד אַ צווייטען מענשען וואָס איז פריי אין זיין האַנדלונג. דער נאַטירליכער־ שכל ווערט אָנגערופען פונ׳ם וועלט שכל („שכל־הפועל" אויפ׳ן רמבמ׳ס לשון אָדער „דער אומוואָסטזיניגער שכל", ווי היינטיגע פסיכאָלאָגען רופען עס) אויסצומיידען אַלע שטרויכלונגען.

2) דער וואָס האַלט אָנגעבונדען זיין געדאַנק ביים דאַווענען אָדער לערנען, דער קריגט אַן עקסטרא השגחה צו קענען פאַראויסזעהן אומגעוועהנליכע צרות און זיי אויסמיידען.

3) דער וואָס האַלט אָן כבדר צוגעבונדען זיין שכל מיט מושכלות, נאָר מפסיק זייענדיג צום צוגרייטען זיין פרנסה — ער ווערט אויסגעהיט פון אַלע צרות גאָר ניט טראַכטענדיג, אָבער נאָר ווען זיין געדאַנק איז באַהעפט, ניט ווען ער איז באַשעפטיגט מיט ערדישע זאַכען.

4) דער איבערמענש וואָס הערט ניט אויף טראַכטען ריכטיג אפילו עסענדיג, טרינקענדיג און האַנדלענדיג — ער איז אונטער דער השגחה שטענדיג, און אויס־ געהיט פון אַלע צרות.

אין קורצען: די ערשטע קאַטעגאָריע קריגט אַזוי פיל השגחה ווי פיל זי אונטערשיידעט זיך פון אַ בהמה אין סוג מחשבות. די צווייטע און דריטע קריגען מעהר, אָבער נאָר ווען די מחשבה אַרבייט אויפ׳ן ריכטיגען וועג. אַוועק די מחשבה — אַוועק די השגחה, אָבער ניט אינגאַנצען ווי ביי דער ערשטער, נאָר אַזוי ווי די זון ביינאַכט, וואָס ווערט פאַרשטעלט פון אַ וואָלקען. ער איז דאַמאָלסט געגליכען צו אַ פלינקען שרייבער וואָס שרייבט איצט ניט, די השגחה איז יאָ פאַראַן, אָבער נאָר בכח. דער רמב״ם זאָגט, אַז די אַלע צרות וואָס טרעפען דער צווייטער און דריטער קאַטעגאָריע, קומען אין די לעדיגע מאָמענטען, ווען שכחה אָדער עסקים פון עולם הזה האָבען זיין מחשבה צוגענומען פון חכמה און דעות. די דריטע א.נ־

טערשיידעט זיך נאָר פון דער צווייטער אין פּראָפּאָרציע פון שכחה, וואָס ציהט נאָך זיך דעם ערך פון פאַרלאָזענער השגחה.

דערמיט פאַלט אַרונטער די פילאָזאָפישע באַהויפּטונג, וואָס רויבט אַוועק השגחה פּרטית פון׳ם מין מענש, די ראיה זייערע איז פון יענע סך חסידים און צדיקים וואָס לײַדען צרות — אַ סימן אַז צדקות ציהט נאָך זיך ניט קיין באַלוינונג. אָבער לויט דער ערקלעהרונג ווערען די צרות פאַרשטענדליך, דערפאַר קענען מיר שוין גלויבען אין השגחה פּרטית, און ניט אָנקומען צו דער באַהויפּטונג אַז מענשען שטעהען אויך אונטער׳ן צופאַל ווי אַלע בעלי חיים.

אַט דער געדאַנק, אַז ניט דער צופאַל ברענגט די צרות, נאָר זיי קומען אַלס רעזולטאַט פון׳ם מענשענ׳ס מחיצה צווישען איהם און די השגחה, ווערט קלאָהר אַרויסגעזאָגט אין די ווערטער „והסתרתי פני מהם והיה לאכל, ומצאוהו רעות רבות וצרות. ואמר ביום ההוא. הלא כי אין אלהי בקרבי מצאוני הרעות האלה״ (און איך וועל פאַרבאַרגען מיין השגחה פון זיי, וועלען זיי טרעפען אַ סך שלעכטעס און צרות, וועט ער זאָגען: איז דאָך דאָס מחמת גאָט איז ניט אין מיר, דערפאַר טרעפען מיר די צרות). דאָס באַווייזט קלאָהר אונזער פאַראורזאַכען דעם „הסתרת פנים״, ווייל מיט אונזערע ערדישע האַוועניש מאַכען מיר די מחיצה צווישען זיך און זיין השגחה, ווי דער פּסוק זאָגט: ואנכי הסתר אסתיר פני ביום ההוא על כל הרעה אשר עשה (איך וועל פאַרבאַרגען מיין השגחה מחמת די שלעכטעס וואָס ער האָט געטאָן).

דער צבור געהט אונטער דעם זעלבען דין ווי אַ יחיד, און איז ווי דער לעצטער אונטערוואָרפען אַלע צרות וואָס קומען דורך מאַכען אַ מחיצה צווישען זיך און זיין באַשעפער.

אָבער די פערטע קאַטעגאָריע וואָס איז „שטענדיג מיט גאָט" אפילו בעת עסען, האַנדלען און פאַרהרענגען מיט ווייב און קינדער, איז לויט׳ן רמב״ם פאַרזיכערט פון אַלע צרות. זיין מיינונג שטיצט ער אונטער מיט אַ גרויסע צאָהל פּסוקים, און איבערהויפּט מיט׳ן קאַפּיטעל יושב בסתר עליון, וואו עס ווערען אויסגערעכענט אַלערליי צרות וואָס קענען קומען דורך חיות, קראַנקהייטען און מענשען — פון וועלכע די השגחה וועט איהם מציל זיין, אָנגעבענדיג דעם טעם: כי בי חשק ואפלטהו, אשגבהו — כי ידע שמי.

דעם קאָנטראָל איבער מחשבות איז זעהר שווער צו קריגען, נאָך שווערער איז עס אין די יונגע יאָהרען, ווען די געבליטען זיינען שטראָמיג, שטורמיש, און עס ווערט גרינגער אויף דער עלטער, ווען דער תאוה־פייער ווערט שוואַכער, דאַמאָלסט שטאַרקט זיך דער שכל, זיין ליכט ווערט קלאָהרער, די מחשבה — געלייטערט, ער קען זיך שוין מעהר קאָנצענטרירען און זיך פרעהען מיט זיין השגה. ביי אַזאַ מענשען, קומענדיג אין די לעצטע מאָמענטען פון לעבען, ווערט די אהבה און השגה אַזוי שטאַרק, ביז פרייווילליג צו פאַרלאָזען דעם גוף אום זיך צו באַהעפטען מיט׳ן וועלט־שכל, ווי די מבע פון׳ם קליינעם פלאַם זיך צונויפצוגיסען מיט׳ן גרויסען פייער.

דאָס איז די מיתה נשיקה, מיט וועלכער אהרן, משה און מרים זיינען געשטאָרבען, לויט עדות פון די חכמים, וואָס געפינען עס אַרויסגעזאָגט אין די ווערטער „על פי ה׳״. ביי מרים׳ען שטעהט עס ניט, מדרך כבוד. ווייל זי איז אַ אשה.

ניט אַלע צדיקים האָבען דערגרייכט זייער מדרגה ביים לעבען, דערפאַר האָבען זיי די מיתה נשיקה ניט דערגרייכט ביים שטאַרבען; אָבער פאַרפאַרציאָנעל האָט יע־דער דערגרייכט גרעסערע השגות דורך וועלכע ער איז באַהעפט געוואָרען מיט׳ן מקור־השכל, און אויף אַזעלכע זאָגט דער פסוק: והלך לפניך צדקך, כבוד ה׳ יאספך. אַט דער גוט ענטוויקעלטער שכל בלייבט אויף אייביג, ווייל ניט האָבענדיג אויף זיך דעם גוף מיט זיינע ערדישע הצטרכות, איז אויף שטענדיג באַזייטיגט די מחיצה וואָס טיילט איהם אָפּ פון זיין בורא.

דעם פרק ענדיגט דער רמב״ם מיט דעם לשון: נעהם זיך אריין אין זינען דעם גאַנצען ענין, און באַמיה זיך מיט אַלע מעגליכקייטען צו מעהרען די צייטען פון׳ם לעבען וואָס דו ביזט מיט דיין באַשעפער, און פאַרקלענערען וואָס וועניגער די צייטען ווען דו ביזט פאַר׳עסק׳ט מיט אימיצען אַנדערש און דערווייטערט פון איהם, ווייל אויסער אומשטערבליכקייט נאָכ׳ן טויט איז אַזאַ הנהגה דער זיכערס־טער פאַנציר געגען אַלע צרות פון דער וועלט.

כדאי צו באַמערקען, אַז גוט אריינטראַכטענדיג זיך אין די ווערטער פון דעם פרק זעהט מען דאָ דעם רמב״ם שיטה מכח השערת הנפש, וואָס איז אַ סך אַנ־דערש ווי די אָנגענומענע מיינונג פון כמעט אַלע חכמי ישראל פאַר איהם און נאָך איהם, און די מיינונג איז געוועזן איינע פון די פילע געגען טענות וואָס גרויסע רבנים האָבען געהאַט צו איהם נאָך אפילו ביים לעבען.

נאָר וועגען דעם וועט דער לעזער געפינען אין דער אָפּטיילונג „די קריטיק אויף׳ן „מורה נבוכים״.

29

מורא און ליבע

א מענש רעדט אַנדערש און פיהרט זיך אויף אַנדערש זיצענדיג פאַר א מלך, ווי ער וואָלט געטאָן די זעלבע זאַכען זיצענדיג אליין אָדער צווישען זיינע אייגענע חברים. דערפאַר האָבען גייסטרייכע מענשען שטענדיג געפיהלט ארום זיך גאָטס אַנוועזענהייט, און געלעבט אַזוי מאָראַליש און זיטליך אויסגעהאַלטען זיצענדיג אליין אין אייגענע פיר ווינקעלאַך, אַזוי ווי זיצענדיג פאַר׳ן מלך מלכי המלכים.

ווארים דער פאַקט אַליין, וואָס איינער קען דענקען וועגען דעם, באַווייזט אויף דער עקזיסטענץ פון זיין שכל, וועלכער איז דער אָפּשטראַהל פון׳ם וועלט־שכל (שכל הפועל), וואָס קומט דירעקט פון דעם סבת כל הסבות, דאָס איז גאָט.

און וואָס ברייטער אַ מענש קען ארומנעהמען אַט דעם געדאַנק, און וואָס בולט׳ער די פאַרשטעלונג קומט ארויס אין דער פאַנטאַזיע, אַלץ נעהענטער געפינט ער זיך אין דער סביבה פון׳ם מלך מלכי המלכים, ווי דער פסוק זאָגט: „באורך נראה אור״ — דורך ד י י ן ליכטיגקייט זעהען מיר די ליכט, און פאַרקערט. וואָס ווייטער אונ׳ער בליק איז פון איהם, אַלץ קלענער איז זיין השגחה אויף אונז.

וויסענדיג פון דער פאַרבינדונג צווישען גאָט און מענש דורכ׳ן שכל, ווערט אומעגליך דער לעצטער זאָל זיך קענען באַהאַלטען פון איהם, אַזוי ווי ס׳איז אומ־

מעגליך צו אנטלויפען פון זיך אליין. דאס זאגט דער נביא אין גאט׳ס נאמען: „אם יסתר איש במסתרים ואני לא אראנו נאם ה׳?" — זאל איינער זיך וועלען פארבארגען אין באהעלטעניש, וועל איך איהם דען ניט זעהן?

דער פועל יוצא דערפון איז, ניט ווי דער המון געצענדינער פלעגען באטראכטען זייערע רעליגיעזע צערעמאניעס אלס א קאנטריבוציע צו די געטער, ענטוועדער זיי איבערצובעטען, אונטערצוקויפען, אדער אונטערצו׳חנפ׳ענען, כדי ארויסצוקריגען פון זיי א טובה פאר זיך, נקמה אין זייערס א שונא א.ד.ג. — נאר אלס א פאקטאר צו דער עטישער פאלקאמענהייט פון יעדען יחיד, אלע וועלכע וועלען שפעטער צונויפשטעלען א בעסערע וועלט מענשען מיט בעסערע באגריפען, מעהר גוטעס און גאר ניט קיין עולות.

„איהם" צו זעהן פאר זיך שטענדיג, ברענגט צו דרך ארץ, צו בושה, ניט צו טאן אין באהעלטעניש דאס וואס קיינער וואלט ניט געטאן אין דער עפענטליכקייט, מחמת מורא פאר דער עפענטליכער מיינונג אדער פאר׳ן געזעץ.

דערפאר האבען די אמאליגע חסידים אזוי פיל געוויכט געלעגט אויף צניעות און דרך ארץ ביים טיש אזוי ווי אין בעט, אין בית הכסא אזוי ווי אויף דער גאס — אלץ כדי איינצעווארצלען אין געדאנק דעם „שויתי ה׳ לנגדי תמיד".

דער געדאנק, אז ער איז שטענדיג מיט און ארום אונז, האט געפאדערט ניט צו געהן פאררופען דעם קאפ, ניט צו געהן בגלוי ראש, און די איבעריגע הנהגות וואס צניעות דיקטירט.

אין דעם זינען דארף מען פארשטעהן אלע מצוות עשה׳ס (יא טאן) און לא תעשה׳ס (ניט צו טאן) — ניט אזוי ווי דער בורא זאל האבען נחת פון די ערשטע און צער פון די לעצטע, ווייל אין איהם אליין איז קיין שנוי ניטא, ווי מיר האבען שוין פריהער ערקלעהרט — נאר כדי ארויסצורופען דעם געדאנק, אז ער איז שטענדיג מיט אונז, דערפאר דארפען די מעשים זיין קאנטראלירט. דער פסוק זאגט עס קלאהר: „אם לא תשמר לעשות את כל דברי התורה הזאת הכתובים בספר הזה ליראה את השם הנכבד והנורא", ד.ה. אויב דו וועסט ניט מקיים זיין די מצוות פון דער תורה, וועמענס צוועק עס איז דיך צו מאכען מורא האבען פאר דיין גאט.

די מידה פון מורא האבען צו טאן עברות און דעם מוז צו טאן מצוות קריגט יעדער מענש אפהיטענדיג אלע מצוות עשה און לא תעשה.

פאראן א העכערע מידה וואס הייסט „אהבה". דא רעדט זיך שוין ניט פון א באציהונג צום בורא ווי א קנעכט צו זיין האר, נאר ווי א קינד צו זיין פאטער, וועלכער קומט פון דער נשמה טיפעניש, נאר אהן א כונה פאר באלוינונג און אהן מורא פון שטראף, נאר אלס א צייכען פון ליבשאפט צום אלערהעכסטען און אליין קענענדען.

און די הויכע מידה קריגט דער מענש זיך פארטיפענדיג אין דעות, זוכענדיג ווי צו דערגעהן „זיין" אחדות, „זיין" אומקערפערליכקייט און שטענדיגקייט.

דערמיט האט דער רמב״ם געענדיגט דעם נמשל צום משל פון יענע וואס זוכען דעם וועג צום מלך, און ווער עס איז באמת דער נעהענטסטער צו איהם.

דעם זעלבען אויספיהר באפעסטיגט ער אין פרק נ״ד, וואס איז דער לעצטער פונ׳ם „מורה נבוכים", זאגענדיג:

פילאָזאָפען זאָגען אַז עס זיינען פאַראַן פירערליי קנינים מיט וואָס אַ מענש באַריהמט זיך. דער ערשטער — און דער שוואַכסטער פון זיי, טראָץ דעם וואָס דער דערמאָנטער פאַרשווענדעט דערויף זיין גאַנצע צייט און ענערגיע — איז, פאַרמעגען: געלט, הייזער, בהמות, קנעכט א.ד.ג. ער איז דער שוואַכסטער, ניט האָבענדיג קיין פעסטע פאַרבינדונג מיט'ן מענשען. עס גיט צייטווייליגע הנאה זאָגענדיג. דאָס איז מ י י ן געלט, מ י י ן הויז, מ י י ן פעלד; אַפילו אַ מלך וואָס קען זאָגען: מ י י ן מדינה, מ י י ן ארמיי — ווייסט, אַז די אַלע קנינים זיינען אויסער איהם, ער אַליין איז דער זעלבער ווען ער האָט עס און בלייבט דער זעלבער זיי פאַרלירענדיג. ביידע זיינען לייכט זיך פאַנאַנדערצוטיילען; דער אָרימער קאָן ווערען רייך, און דער רייכער — אָרים. דאָס באַווייזט, אַז דער אויסדרוק „מיינס" איז בלויז אַ דמיון אין פאַרגלייך פון ווירקליכקייט.

דער צווייטער קנין איז, קערפּערליכע שטאַרקייט, מיט ענטוויקעלטע מוסקולען, גלייכער וואוקס און סימעטרישע גלידער. אָבער דאָס איז אויך ניט אַ ריין מענשליכע מעלה, נאָר אַ בישותּפישע מיט אַלע אַנדערע ברואים, ווי למשל דער לייב, וואָס קען זיך באַריהמען מיט זיין הדרת פנים, דער הירש — מיט זיינע שעהנע הערנער, די גאַזעל — מיט איהר שעהנעם קערפּער און גראַציעזע באַוועגונגען, די פאַווע מיט איהרע שעהנע פעדערען; צום מענשען אַלס אַזעלכער גיט עס גאָרניט צו. אויסער דעם זיינען זיי ניט פאַלקאָם. דער שטאַרקסטער מענש קען ניט איבערשטייגען דעם לייב און העלפאַנט אין גבורה, ניט דעם הירש אין געשווינדקייט און ניט דער גאַזעל אין גראַציע. אין בעסטען פאַל איז עס אַ מעלה אַלס אַ לעבעדיגע באַשעפעניש, אָבער גאָרניט צום מענשען א י ן איהם.

דער דריטער קנין איז, גאַנצקייט אין כאַראַקטער און אויסגעהאַלטענקייט און האַנדלונג מיט זיינע חברים־מענשען. אָבער דאָס איז נאָך אַלץ ניט קיין תכלית פאַר זיך אַליין, נאָר אַ פאָדערדע צום עצם תכלית. די גוטע מדות און עהרליכע האַנדלונג זיינען בלויז נוצליך זייענדיג אַ מענש צווישען מענשען. אַזעלכער דאַרף זיין אָפּגעהיט פון גנבה, גאוה, פון לשון הרע און רכילות, צו האָבען אַ ריכטיגע וואָג און מאָס, ניט צו דריקען קיין יתום, ליב צו האָבען זיין מיטמענש — ווייל אַזוי פאָדערט זיין גליק און דאָס גליק פון דער מענשליכער געזעלשאַפט. זאָלען מיר זיך פאָרשטעלען איין מענשען אויף דער וועלט, אָדער איהם איינעם אויף אַן איינזאַמען אינזעל, וואו קיין אַנדערע אויסער איהם זענען ניטאָ, האָבען די אַלע מדות קיין ווערט ניט. הייסט עס, אַז דער דריטער קנין האָט נאָר אַזאַ מין ווערט וואָס איז נויטיג צווישען איהם און אַנדערע, אָבער ניט פאַר איהם און אין איהם אַליין.

דער פערטער קנין — און דער איז פון אמת'ן ווערט פאַר איהם אַליין, וואָס איז ניט אָפּהענגיג פון אויסוועניגסטע קנינים און נויטיגט זיך ניט אין אַנדערע מענשען — איז די ענטוויקלונג פונ'ם שכל צו קענען זיך פאַרטיפען אין מושכלות, צו וועלען און צו דערגרייכען מעטאַפיזישע אמת'ן — די אמת'ן וואָס ברענגען צו אהבת הבורא און האַלטען אַן די דירעקטע פאַרבינדונג פון איהם צו גאָט דורך'ן שכל הפועל.

אַזוי באַהויפּטען פילאָזאָפען. דער רמב"ם געפינט עס אין פסוק פון ירמיהו: „כה אמר ה'": אל יתהלל חכם בחכמתו — דער חכם אין תורה מעשית קען זיך

ניט באריהמטען זיך מיט זיין חכמה (דאָס איז דער בעל הקנין 3) ואל יתהלל הגבור בגבורתו (בעל קנין 2) ועל יתהלל עשיר בעשרו (בעל קנין איינס) כי אם בזאת יתהלל המתהלל השכל וידוע אותו — זיך צו קליגען און מיר צו דערוויסען... אָבער דאָס מיינט ניט צו פאַרקלענערען דעם ווערט פון קנין 3, ווייל „איך אַליין טו אויך חסד, משפט און צדקה אויף דער ערדישער וועלט", דאָס איז נויטיג פאַר אונזער וועלט; אָבער „באלה חפצתי נאם ה'", דעם קנין 4 וויל איך אינ'ם מענשען אַלס זיין מענשליכע מעלה, אָפּגעזעהן פון דער ערד מיט די מענשען אויף איהר.

(אין פריהערדיגען פרק נ״ג ערקלעהרט ער די טערמינען חסד, משפט, צדקה און אין פרק נ״ד דעם טערמין פון חכמה, באופן די 4 אויסגערעכענטע קנינים מיט זייערע מדרגות און חסרונות זאָלען קענען זיך אריינפאַסען אינ'ם דערמאָהנטען פסוק.)

דערמיט האָט ער באַשטעטיגט דעם פריהערדיגען געדאַנק, אַז דער וואָס פאַרטיפט זיך אין מושכלות איז העכער אין מדרגה ווי דער וואָס לערענט די תורה און היט די מצוות אין זיין ווערטערליכער באדייטונג ניט געהענדיג ווייטער מיט'ן שכל.

מיר האָבען שוין פריהער באוויזען, אַז דער געדאַנק איז שפעטער ביטער באַקעמפט געוואָרען פון כמעט אַלע חכמי צרפת ואשכנז, בבל, און פון אַ סך אין ספרד אַפילו.

דעם „מורה נבוכים" ענדיגט ער מיט די ווערטער: „איך האָף אַז דו, מיין תלמיד (דאָס איז רב יוסף עקנין, פאַר וועמען ער האָט דעם ספר געשריבען) וועסט זיך אריינטראַכטען אין די באַשריבענע ענינים, און מיר וועלען אַלע זוכה זיין עס זאָלען מקוים ווערען די פסוקים: אז תפקחנה עיני עורים, און העם ההולכים בחושך ראו אור גדול, יושבי בארץ צלמות אור נגה עליהם".

30.

אַן אַלגעמיינער איבערבליק אויפ'ן מורה נבוכים

די וואָס האָבען געלערענט דעם מורה נבוכים אין אָריגינאַל ווייסען, אַז מיר האָבען ניט איבערגעגעבען דעם גאַנצען ספר, נאָר איינצעלנע ענינים, אויסשליסענדיג די מעהרסטע פון זיי, ענטוועדער מחמת זייער טיפקייט וואָס איז ניט צוגענגליך צום דורכשניטליכען לעזער, וועלכער האָט זיך ניט צוגעגרייט מיט די נויטיגע עלעמענטאַרע ידיעות וואָס דער למוד פון פילאָזאָפיע פאָדערט, אָדער מחמת די ענינים זיינען געבויט אויף פסוקים און מאמרים ערקלעהרט פון איהם אַלעגאָריש אָדער פילאָזאָפיש; אַ טייל ענינים זיינען אויסגעשלאָזען פשוט, מחמת זייער אינהאַלט קען אַ פשוט'ן אידענס אמונה אָנגרייפען. דער רמב״ם אַליין רופט זיי כתרי תורה און באַטאָנט אומצעהליגע מאָל זיי ניט איבערצוגעבען צו אַלעמען, נאָר צו איינצעלנע יחידי סגולה.

נאָר כדי דער לעזער וואָס ווייס דעם „מורה" נאָר פון אונזערע אַרטיקלען זאָל האָבען אַ געגויעם באַגריף פון זיין גאַנצען סדר און אַלע ענינים, גיבען מיר דאָ איבער זיין אינהאַלט פאַרצייכנונג מיט אַן ערקלעהרונג פון דון יצחק אברבנאַל, וואָס זאָגט פאָלגענדעס:

דער מורה נבוכים באַשטעהט פון דריי טיילען. דער ערשטער טייל איז איינ־
געטיילט אין 75 פּרקים, דער צווייטער אין 48, און דער דריטער — 54, צוזאַמען
177 פּרקים.

אין ערשטען טייל, ביז'ן 49־טען פּרק, ווערען ערקלעהרט יענע העברעאישע
ווערטער וואָס ענטהאַלטען פילדייטיגע מיינונגען. פון דאָרטען ביז'ן 70־טען פּרק
— 21 פּרקים — רעדט ער וועגען די „תוארים", מיט וועלכע תנ"ך־פּסוקים באַ־
צייכענען דעם בורא. די איבעריגע 6 פּרקים דערצעהלען: 1) פון די גרויסע
חכמות וואָס די אידישע אומה האָט געהאַט און פאַרלוירען מחמת געוויסע סבות;
2) אַז עס הערשט איין וואונדערליכע איינהייט צווישען אַלעם וואָס עקזיסטירט
אין אוניווערס; 3) איבערגעבענדיג די הקדמות פון די „מדברים" דורך וועלכע
זיי דרינגען אַרויס די פיר הויפּט עיקרים פון אמונה: די עקזיסטענץ פון גאָט, זיין
איינהייט, אַז ער איז ניט קיין קערפּער, און אַז די וועלט איז אַ באַשאַפענע (ניט
פון אייביג אָן עקזיסטירענדע). דערמיט ענדיגט זיך דער ערשטער טייל.

דער צווייטער טייל הויבט זיך אָן באַהאַנדלענדיג די שכל'דיגע באַווייזען
וואָס פילאָזאָפען (די אַראַבישע, לויט נעאָ־פּלאַטאָנישען סיסטעם) האָבען אָנגעגעבען
אויף די דריי עיקרים. מציאות ה', אחדות הבורא, און זיין אומקערפּערליכקייט —
זיי אַלעמען אָפּשלאָגענדיג און באַווייזען די ריכטיגקייט פון ז י י ן מופת (שכל'־
דיגען באַוויז). פון דאָרט ביז צוועלפטען פּרק — אינגאַנצען 10 פּרקים — רעדט
ער אַרום פאַרשיידענע ענינים וועגען דער עקזיסטענץ פון מלאכים, די טבע פון
גלגלים (קרייז ספערען) אויף וויפיל די תורה קען זיין איינשטימיג מיט פילאָ־
זאָפיע. דאָס האָט געדאַרפט זיין אַ פאָרבאַרייטונג צו דער מעשה המרכבה לויט
יחזקאל הנביא'ס נביאות. פון דאָרטען ביז'ן 32־טען פּרק — 19 פּרקים — געהט
אַוועק אַ לאַנגער און טיפער וכוח מיט אַריסטאָטעלען, וואָס איז מיט דער מיינונג,
אַז די וועלט איז אָן אייביג עקזיסטירענדע אַ.ז.וו. ווי איהר באַשעפער. דער רמב"ם
באַווייזט דאָרט מיט זעלטענע חריפות, אַז די וועלט איז אַ באַשאַפענע, און דערביי
ערקלעהרט ער די ערשטע פּרשה פון בראשית (מעשה בראשית, וואָס געהער צום
מין „סתרי תורה"); די לעצטע 15 פּרקים זיינען געווידמעט צו ערקלערען נבואה,
איהרע מדרגות און די העכסטע מדרגה פון משה רבינו עליו השלום.

די ערשטע זיבען פּרקים פון'ם דריטען טייל באַהאַנדלען מעשה מרכבה (נאָך
טיפערע „סתרי תורה") פון דאָרטען ביז 16־טען פּרק ווערען באַהאַנדעלט פאָל־
גענדע ענינים: 1) אַז אַלע צרות און פאַרניכטונגען קומען מצד דעם קערפּער
פון'ם מענשען; 2) אַז דער קערפּער שטעהט ווי אַ וואַנט געגען חכמה־השגות; 3)
אַז די מעהרסטע צרות קומען אַלס רעזולטאַט פון מענשליכער נאַרישקייט און אומ־
פאָרזיכטיגקייט; 4) אַז אָפּטימיזם איז נאַטירליך און פּעסימיזם איז אומנאָרמאַל;
5) צי קען אַ מענש געפינען אָן אַלגעמיינעם תכלית פאַר דער גאַנצער בריאה; 6)
אַז דאָס מין מענש איז ניט דער צענטער אַרום וועלכען די גאַנצע בריאה דרעהט
זיך; 7 אַז אוממעגליכקייט איז אַ שטענדיג אויסגעהאַלטענער כלל. פון דאָרטען
ביז ענדע 25־טען פּרק באַהאַנדעלט ער די פראַגע פון נסיון, ידיעת הבורא, זיין
השגחה און אָן איבערבליק איבער'ן ספר איוב. גאַנצע 25 פּרקים זיינען אָפּגע־
געבען אויף טעמי המצוות און די פון פּרק 50 ביז ענדע, ערקלערען ווי וויכטיג עס
זיינען די תורה דערצעהלונגען און ענדיגען מיט דער ערקלעהרונג ווי אַזוי אַ מענש

קען זיך באהעפטען אן דעם גרויסען וועלט שכל וואס קומט פונ'ם בורא כדי צו דערגרייכען די גרויסע אמת'ן, ווי אויך אומשטערבליכקייט פאר זיין נשמה.

דון יצחק אברבנאל פרעגט 11 פראגעס אויפ'ן גאנצען סדר, און דעם תמצית פון זיין ענטפער גיבען מיר דא איבער בקיצור:

לויט זיין מיינונג איז דער גאנצער מורה נבוכים א לענגערע ערקלעהרונג אויף די 13 עיקרים וואס דער רמב״ם האט אויסגערעכענט בקיצור אין סנהדרין פרק חלק ביי דער ערשטער משנה „כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא". די עיקרים זיינען 1) די עקזיסטענץ פון גאט (מציאות ה'); 2) זיין איינהייט (אחדותו; 3) אז ער איז ניט קיין קערפער און ניט קיין כח אין א קערפער (ווי געצענדינער באהויפטען); 4) אז ער איז אן אייביג עקזיסטירענדער, בעת אלע אנדערע זאכען וואס מיר זעהען זיינען פון איהם באשאפענע; 5) דינען דארף מען נאר איהם, ניט צו קיין מלאך, גלגל א.ד.ג.; 6) אז ער שטעלט אן נביאים צו זאגען מענשען ריכ־טיגע ווערטער. 7) אז משה'ס נבואה איז די העכסטע אין מדרגה פון נבואה; 8) אז די תורה וואס מיר האבען איז געגעבען פון גאט דורך משה רבנו ע״ה; 9) אז די תורה איז אן אייביגע, זי וועט קיינמאל ניט פארביטען ווערען אויף א צווייטע; 10) אז דער בורא ווייסט אלע ענינים פון מענשען מיט אלע איינצעלהייטען; 11) באלוינונג צו צדיקים, און שטראף צו רשעים, דערין געהט אריין די אמונה אין גאט'ס השגחה; 12) אז משיח וועט קומען, ווי די נביאים האבען פאראויס־געזאגט; 13) אז ס'וועט קומען א צייט ווען אלע געשטארבענע וועלען צוריק לעבעדיג ווערען.

לויט זיין מיינונג האט דער רמב״ם באזייטיגט אין ערשטען טייל אלע ספקות וואס קענען קומען מצד די פסוקים פון תורה און נביאים, ווי אויך די ספקות וואס די „מדברים'ס" מופתים קענען ברענגען. דעם צווייטען טייל האט ער געווידמעט צו די פעולות פון בורא אין דער פארגאנגענהייט, בעת דער דריטער טייל ערקלערט אלע זיינע פעולות וואס זיינען שטענדיגע.

נעהענדיג מיט דעם סיסטעם געפינט דער אברבנאל אז אויסגעהאלטענע ער־קלעהרונג אין ספר אויף די דרייצעהן עיקרים על פי שכל, אנשטאט וואס ביי דער משנה זיינען זיי קאדעפיצירט אין דער פארמע פון געזעצען, אהן שום שכל'דיגע ערקלעהרונג, ווייל דארט האט ער געשריבען פאר אידען וואס גלויבען אין אלע ווערטער פון דער תורה. זיי דארף מען ניט ערקלעהרען „ווי צו גלויבען", נאר „אין וואס צו גלויבען". אויסשטעלענדיג די עיקרים בקיצור איז די אויפגאבע געענדיגט. דורך דעם מורה נבוכים רעדט ער אבער צו א קלאס מענשען וואס זיינען היבש געשעדיגט אין גלויבען. זייער געדאנק וואקעלט זיך אהין און אהער, דער שכל בלאנדזשעט צווישען אמונה און פילאזאפיע. יענע באנוגענען זיך שוין ניט מיט'ן „וואס", אויב דערביי איז ניטא דער „פארוואס".

דערמיט ווערט ערקלעהרט וואס ער האט אינגאנצען אויסגעלאזען דעם עיקר פון „ביאת המשיח", כאטש אין זיין פירוש המשניות רעדט ער עס ארום באריכות, אין ערגעץ ניט דערמאנט דעם עיקר פון תחיית המתים, כאטש ער שטעלט עס אריין אין די 13 עיקרים, אין וועלכע יעדער איד מוז גלויבען. לויט דעם אברבנאל זיינען די צוויי עיקרים אומפארמיידליך נאכ'ן דערווייזען על פי שכל, אז דער בורא ווייס אלע פרטים פונ'ם מענשענ'ס מחשבות און מעשים, און אז ער באלוינט

פאַר גוטעס און באַשטראָפט פאַר שלעכטעס. וויסענדיג „השגחה״ על פי שכל קומען די צוויי עיקרים — ביאת המשיח און תחיית המתים — אַלס לאָגישער קאָנסעקווענץ פון באַלוינונג פאַר די טויזענטער וואָס זיינען אומגעקומען זייענדיג אין גלות אויף קדוש השם. דאס וואס ער האָט פון זיי פאַרט געמאכט צוויי באַזונדערע עיקרים, איז כדי איינצעוואָרצלען די האָפנונג אין די הערצער פון די אידישע מאסען, וועלכע פאַרטיפען זיך ניט צופיל אין אַבסטראַקטע ענינים, און אַזעלכע, ניט האָבענדיג די צוויי אויסגעשריבענע עיקרים בפירוש, וועלען גאָר אויפהערען צו גלויבען אין השגחה, זעהענדיג פאַר זיך די מאסען קדושים, אומגעקומענע אויף קדוש השם.

אָבער אויסער זיין ענטפער, קען מען עס ערקלעהרען איינפאַך: ווי פריהער געזאָגט, איז דער מורה נבוכים געשריבען צו ערקלעהרען די עיקרים וואָס קענען ערקלעהרט ווערען על פי שכל. די פאַקטען זיינען פאַראַן, די מעשים האָבען שוין פּאַסירט, נאָר עס פעהלט די ערקלעהרונג. אַנדערש זיינען די צוויי דערמאָנטע עיקרים וואָס ליידען פון צוויי חסרונות: 1) דאָס דאַרף נאָך ערשט זיין; 2) קיין שכל איז דערויף ניטאָ, זיי באַשטעהען פון לויטער אמונה. דער ערשטער (ביאת המשיח) קען נאָך עטוואָס ראַציאָנאַליזירט ווערען, און אַזוי האָט ער טאַקע געטאָן אין הקדמת זרעים, צו דער אומצופרידענהייט פון די מאסען פרומע גלויביגע, אָבער דער צווייטער (תחיית המתים) לאָזט אינגאַנצען קיין שכל ניט צו, פאַרקערט; ער איז נאָך נגד השכל, אַ סאָרט אוממעגליכקייט, און ווי ער אליין שטעלט פעסט, אַז אוממעגליכעס קען קיינמאָל ניט ווערען קיין מעגליכעס (לנמנע טבע קיים) בלייבט ניט מעהר ווי צו גלויבען, אַז דער זעלבער בורא וואָס האָט געקענט באַשאַפען אַ „יש מאין״ (עטוואָס פון גאָרניט) ביי בריאת העולם, כאָטש הייגט, לויט דרך הטבע, קען אַזאַ זאַך ניט זיין — ווייל ער קען אַלץ, און זיין קענען איז אומבאַגרענעצט — מעגען מיר אויך גלויבען אין תחיים המתים, כאָטש מיט׳ן שכל קענען מיר ניט באַגרייפען.

דאָס איז אייגענטליך דער תמצית פון זיין „מאמר תחיית המתים״, און דאָס ערקלעהרט זיין אויסענלאָזען דעם עיקר פון מורה נבוכים, וואָס האָט צו טאָן נאָר מיט׳ן שכל.

די עיקרים זיינען ניט אויסגעשטעלט כסדר, ווי אין משנה. דער אַרבּנאַל ערקלעהרט עס (וועלענדיג אויסמיידען צופיל אריכות לאָזען מיר עס אויס) אַזוי למשל איז דער פינפטער עיקר, אַז „נאָר איהם דאַרף מען דינען״ ערקלעהרט גאָר צום ענד פון מורה נבוכים, ווייל באמת איז ער דער צענטראַלער עיקר אַרום וועלכען אַלע איבעריגע קאָנצענטרירען זיך.

IV.

קריטיק אויפ׳ן רמב״ם

1

די השפעה פונ׳ם רמב״ם אויף דער דענקענדער וועלט

דאָס אידישע פאָלק איז רייך אין גייסטיגע ריזען וואָס פלעגען ערשיינען דא און דאָרט, באַלייכטענדיג דעם האָריזאָנט מיט זייער גאונות אויף פאַרשיידענע געביטען: ווער אין תורה, ווער איז חכמה, אפילו אין שטאַטמאַנשאַפט, דאָקטאָריע, אַסטראָנאָמיע א.אז.וו. קיינער האָט אָבער ניט פאַראייניגט אין זיך אַלע מעלות צוזאַמען און זיכער ניט אַזוי גרינטליך און ברייט ווי דער רמב״ם.

דער גרויסער תלמודיסט, גלענצענדער סטיליסט, וואונדערבארער ערקלעהרער, פּעדאַנטישער מכדר, געניאַלער דענקער, טיפזיניגסטער אַסטראָנאָמער, פראַקטישער דאָקטאָר, גריגטיגסטער פילאָזאָף, דער פאָטער פון לאָגיק און פרוכטבאַרסטער פאָרפאַסער — האָט צייט געהאַט צו זיין דער פיהרער פון זיין געמיינע און פון אַלע גלות אידען — אָנהויבענדיג פונ׳ם פאַרוואָרפענעם תימן, ארומנעהמענדיג די קהלות פון אפריקע און געהענדיג גלייך איבער אייראָפּע, איבערהויפט איבער שפּאַניע, פּאָרטוגאַל, דייטשלאַנד, פראַנקרייך און איטאַליע. ער איז געוואָרען דער צענטער וואוהין די פאַרצווייפעלטע אידען פון תימן האָבען זיך געווענדעט, ווען מען האָט זיי געצוואונגען צו שמד; אַפריקאַנער — ווען אַ פאַלשער משיח איז אויפגעשטאַנען און צעמישט די פשוט׳ע מחות, און צו איהם האָבען זיך געווענדעט גאַנצע קהלות פון פראָוואַנס, פון איטאַליע און פון גאַנץ אייראָפּע, זוכענדיג אַ מיטעלוועג צווישען תורה און פילאָזאָפיע, כדי זיי זאָלען קענען שטודירען חכמה, ניט דאַרפענדיג פאַרלאָזען די תורה, וואָס איז ביי זיי געווען הייליג און טייער.

עס זיינען געווען גענוג גרויסע גאונים ביי אידען, וועלכע האָבען גע׳שמ׳ט מיט זייער גרויסקייט; זיי האָבען געשריבען ספרים וואָס האָבען געבראַכען מחות; אָבער יענע האָבען געלעבט נאָר פאַר זייער דור. דער צווייטער דור האָט שוין קוים פון זיי געהערט, און די ספרים זיינען געווען פאַרבליבען אין מאנוסקריפט ערגעץ וואו פאַרשטעקט אין אַ ביבליאָטעק, אָדער גאָר פאַרלוירען געגאַנגען. דער רמב״ם איז איינער פון די געציילטע וואָס איז געבליבען לעבעדיג ביז היינטיגען טאָג, זיינע ספרים זיינען איבער־געזעצט אויף אַלע ציוויליזירטע שפּראַכען, און ווערען נאָך היינט אַזוי פלייסיג שטודירט ווי מיט הונדערטער יאָהרען צוריק.

וואָרים אין רמבמ׳ס ספרים האָט די אידישע מיטעלאַלטערליכע פילאָזאָפיע דערגרייכט די העכסטע אַנטוויקלונגס מדרגה. זיין „מורה נבוכים״, אָט דער פעלזען שטאַרקער גרונטשטיין פון דער אידישער טעאָלאָגיע אויף פילאָזאָפיש־ראַציאָנאַלע יסודות — האָט אויף לאַנגע דורות באַפעסטיגט איבער דעם אידישען געדאַנק די שליטה פון דער אריסטאָטעלישער אידייענוועלט. דער רמב״ם האָט מעהר פון אַלע איבעריגע אידישע דענקער גורם געווען דאָס אידען זאָלען ווערען די פאַר־

מיטלער, דער פארבינדונגס־רינג צווישען דער גריכיש־אראבישער פילאזאפיע און דער מיטעלאלטערליך־קריסטליך־לאטיינישער וועלט. דער „מורה נבוכים", וואס איז אויפ׳ן באפעהל פונ׳ם באריהמטען קייזער פרידריך דעם צווייטען איבערזעצט געווארען אויף לאטיין (דאמאלסט די קריסטליכע קולטור שפראך) נאך אין די ערשטע צעהנדליגע יאהרען פונ׳ם דרייצענטען יאהרהונדערט, האט געהאט א געוואל־דיגע השפעה אויף די מיטעלאלטערליכע קריסטליכע דענקער (די סכאלאסטיקער). אזוי באהויפטען די געלערנטע: מ. שטיינשניידער (אין המזכיר); י. קויפמאן (אין זיין בוך „די סכאלאסטיק" און אין זיין „דער איינפלוס דער מיימונישען פילאזאפיע אויף דאס קריסטליכע אבענדלאנד", געדרוקט אין זאמעלבוך „מאזעס ב. מיימון"); ד. קויפמאן אין זיין „פיהרער מיימונים אין דער וועלט־ליטעראטור" (געזאמעלטע שריפטען צווייטער טייל, 152־189), און נאך פילע אנדערע וואס האבען געשריבען וועגען רמב״ם.

דער באריהמטער „אלבערט דער גרויסער" ברענגט אין זיינע ווערק גאנצע פרקים פונ׳ם רמב״ם, וועמען ער רופט „משה המצרי", ווי אלע סכאלאסטיקער פון יענער צייט רופען איהם. נאך א גרעסערע השפעה האט דער „מורה נבוכים" געהאט אויף טאמאס פון אקווינא—דער צווייטער גאונישער פילאזאף פון דער מי־טעלאלטערליכער סכאלאסטיק. דער דערמאנטער האט אין די וויכטיגסטע פילא־זאפיש־טעאלאגישע פראבלעמען זיך באנוצט מיט׳ן רמב׳ם ראיות און זיינע לא־גישע סברות. אזוי באווייזט י. גוטמאן אין זאמעלבוך „מאזעס ב. מיימון" (153־175); מ. יואל אין „פארהעלטניס אלבערט דעם גראססען צו מאזעס מיימאנידעס" (1876) און אין זיין „עטוואס איבער דען איינפלוס דער אידישער פילאזאפיע אויף די קריסטליכע סכאלאסטיק" דער פראנצויזישער פארשער עמיל סעססעי אין זיינעם א בוך וואס איז ארויסגעגעבען געווארען אין 1886, שרייבט צו א געוואל־דיגע השפעה וואס דעם רמבמ׳ס ספרים האבען אויסגעאיבט אויפ׳ן אייראפעאישען געדאנקענגאנג.

אין דער נייערער צייט האט דער מורה נבוכים געמאכט א גרויסע ווירקונג אויפ׳ן פילאזאף לייבניץ. מיט גרויס התפעלות דערצעהלט ער אין זיינע שריפטען, אז אין דעם בוך „פון אויסגעצייכענטען פילאזאף, מאטעמאטיקער, מעדיצינער און ביבעל־ערקלעהרער רבי משה בן מיימון" האט ער געפונען פיל מעהר פילאזאפישע טיפקייט ווי ער האט זיך געקענט פארשטעלען".

גרויס איז אויך געווען די השפעה פון מורה נבוכים אויף דער מוסולמאנישער וועלט. נאך ביים רמבמ׳ס לעבען האט שוין זיין דערמאנטער ספר געהאט מוסול־מאנישע מפרשים, און אינ׳ם פערצעהנטען יאהרהונדערט פלעגט מען אין פעץ און אין אנדערע קולטור־צענטערן אין מוסולמאנישע היכשולען פלייסיג שטודירען דעם רמבמ׳ס פילאזאפישע ווערק. יוסף אבן כספי דערצעהלט עס מיט דעם לשון: „וכל שכן הישמעאלים בפאס ובשאר ארצות אשר קבעו שם מדרשות ללמוד את ספר „המורה" מפי ספרים יהודים" (טעם זקנים, 53).

ביי אידען גופא האט דער רמב״ם געשאפען א גאנצע תקופה, און דערפאר געלויבט און כמעט פארגעטערט געווארען. מיר גיבען דא איבער איניגע אפאריז־מען וואס דר. י. צינבערג ברענגט אין זיין וואונדערבארען בוך „די געשיכטע פון דער ליטעראטור ביי אידען".

1—אז אויפשריפט אויף דער מצבה פונ׳ם רמבמ׳ס קבר וואס אן אומבא־קאנטער דיכטער האט אויסגעקריצט לייענט זיך אין אריגינאל אזוי:

אדם — ולא אדם.
ואם אדם היית —
ממלאכי רום אמך הרתה.
או אומרה לאל. באין אשה ואיש
מלאך בעולם התחתון בראת.

(אידישע איבערזעצונג: א שטערבליכער מענש — און דאך ניט צו מענשען געגליכען; ביזטו א מענשען־קינד, איז דיין מוטער פון א מלאך פון הימעל שוואנגער געווארען; אדער איך זאג צו גאט: דו האסט אהן א מאן און פרוי פאר דער אונטערשטער וועלט א מלאך באשאפען).

„עס איז כמעט אונמעגליך — באמערקט דר. ציננבערג — אז א אידישע האנט זאל אויפשרייבען אזעלכע פארגעטערונגס ווערטער צו א מענשען פון פלייש און בלוט״.

2—דער באוואוסטער משורר אלחריזי, אין זיין בריוו צום רמב״ם שרייבט:

„מלאך אלהים אתה ונבראת בצלם אל.
ואם אתה בתבניתנו,
בגללך אמר אלהים:
„נעשה אדם בצלמנו כדמותנו״.

(א געטליכער מלאך ביזטו, און נאך גאט׳ס געשטאלט ביזטו באשאפען געווארען. און אויב דו ביזט מיט אונזער געשטאלט, האט דיר גאט געמיינט זאגענדיג: לאמיר באשאפען א מענשען לויט אונזער פארם).

3—א דיכטער, וועמענס נאמען מיר ווייסען ניט, שרייבט:

משה במקום צור נאמן הוא —
על קו יושר העמיד דתות.
גם עמו שם במקום מטה —
ויעש בו את האותות.

(משה איז באגלויבט אין באשעפער׳ס הויז, מיט׳ן שנור פון עהרליכקייט האט ער אוועקגעשטעלט די רעליגיע. אויפ׳ן ארט פון שטעקען האט ער די פען געברויכט, און מיט איהר באוויזען וואונדער.)

4—א שפעטערדיגער דיכטער, יעקב בן עזרא גבאי, רופט אוים מיט באגייסטערונג:

מה אערוך אליו, ולמי ידמה!
כי אין עלי ארץ ברום ארכו.
אם אעלה מעל לשרפי רום —
שם אמצא לו אח בחין ערכו.

(צו וועמען קען מען איהם גלייכען, אז אויף דער ערד איז צו איהם קיין גלייכען ניטא! אפשר אין די הימלען צווישען די דארטיגע שרפים קען מען פאר איהם א ברודער געפינען וואס האט זיין ווערט).

5—דער רמב״ן, אין זיין באקאנטען בריוו צו די רבנים פון צרפת וועגען

רמב״ם שרייבט אזוי: והנני מעיד עלי לפני רבותי שמים וארץ כי שמענו ממגידי אמת, שבכל ארצות מלכות תימן, קהלות רבות עוסקים בתורת . . . והיו מזכירים שם הרב בכל קדיש וקדיש „בחייכון וביומיכון ובחיי דרבנא משה בן מיימון", אשר האיר עיניהם בתורה והעמידו בקרן אורה.

(איך שטעל פאר אייך, רבותי, הימעל און ערד פאר עדות, אז מיר האבען געהערט פון באגלויבטע מענשען, דאס די פילע קהלות פון תימן (יעמאן) לערנען תורה, און אין יעדען קדיש דערמאנען זיי דעם רמבמ׳ס נאמען, ווייל ער איז עס וואס האט זייערע אויגען באלויכטען צו פארשטעהן די ליכטיגע תורה.)

דאס איז א היסטארישער פאקט; און ניט נאר אין תימן אליין, אין א סך קיבוצים פון די מזרח לענדער פלעגט אין תפילה קדיש דערמאנט ווערען דעם רמבמ׳ס נאמען, און אין די שוהלען פלעגט מען זאגען ספעציעלע פ.מונים וואס זיינען פארפאסט געווארען פון זיין כבוד וועגען.

2

דער רמב״ם און די „חכמי לוניל"

דעם רמב״ם׳ס נאמען איז געווען גרויס איבער דער וועלט, אבער מעהר ווי אומעטום איז ער פארהייליגט געווארען אין פראוואנס (פרובינציה), דרום פראנקרייך; יענער טייל פראנקרייך וואס געפינט זיך צווישען די אלפען־בערג און די פירענעען האט נאך אנגעהאלטען אין זיך פארבליבענע רעשטלאך פון אמאליגער רוימישער, איבערהויפט גריכישער קולטור. די איינוואוינער וואס זיינען געווען פריי, אפילו פיינדליך צום פאפסטליכען איינפלוס, האבען נאך אין׳ם טיפען מיטעלאלטער אנגעהויבען זיך צו אנטוויקלען אויפ׳ן געביט פון ליטעראטור און קונסט, און איבערהויפט אין פאעזיע, א דאנק דער פאראייניגונג צווישען ראמאנישע, לאטיינישע און שפאנישע עלעמענטען און די אריענטאל אראבישע.

אין אט דעם ליכטיגען ווינקעל וואס איז, אגב. מאטעריעליש אויך געווען גוט באזארגט, האבען זיך צעבליהט אידישע קהלות, אויף די געביטען פון תורה און חכמה. דער בארימטער רייזענדער בנימין פון טודעלא באשרייבט די אידישע קהלות אזוי:

„איך בין אנגעקומען אין נארבאנע, דארט פאראן א אידישע קהלה וואס שמ׳ט שוין פון גאר אלטע צייטען מיט איהרע חכמים. איך האב דארט געטראפען פילע חכמים און אנגעזעהענע מענשען, בראש פון זיי שטעהט רבי קלונימוס, דער זוהן פון׳ם באקאנטען נשיא, ר׳ טודרוס, וואס שטאמט פון דוד המלך. דער דערמאנטער פארמאגט פיל גיטער, הייזער און פעלדער, וואס די הערשער פון׳ם לאנד האבען איהם אוועקגעשאנקען אויף אייביג. דארט געפינען זיך ר׳ אברהם ראש ישיבה, ר׳ מכיר, ר׳ יהודה און נאך א גרויסע צאהל חכמים... צוויי טעג רייזע פון דער שטאט בידריש (בעזיע) געפינט זיך די שטאט הר־געש (מאנפעליע), וועהר

א באקוועמער האנדעלס פלאץ. עס קומען דארט זיך צונויף סוחרים פון אדום און ישמעאל (קריסטליכע און מוסולמאנישע) פון פארשידענע לענדער: פון אל־האמבריע, לאמבארדיע, פונ'ם אלטען רוימישען לאנד, פון עגיפטען, פאלעסטינע, גריכענלאנד, פראנקרייך, ענגלאנד, און נאך סוחרים פון אלערליי מדינות וואס ציהען זייערע מסחרים ביז פיזע און גענוע... אין מאנפעליע וואוינען א סך גרויסע חכמים, בראש פון זיי שטעהט ר' ראובן ב"ר טודרוס. יענע אידען זיינען גרויסע עשירים און בעלי צדקות וואס שטיצען גערן יעדען וועלכער עס ווענדעט זיך נאך הילף... פיר מייל פון דארט געפינט זיך די שטאט לונעל, וואו עס געפינט זיך א זעהר גאנץ שפארבטיגע קהלה, מען זיצט דארט טאג און נאכט אויף תורה און חכמה. דארט האט געלעבט דער בארימטער ר' משולם, און איצט זיינען דארט פאראן זיינע 5 זיהן: ר' יוסף, יצחק, יעקב, ר' אהרן און דער פרוש ר' אשר, וועלכער איז אינגאנצען אויסגעטאן פון דער וועלט, זיצט יומם ולילה איבער ספרים. פאסט תעניתים און עסט קיין מאל קיין פלייש ניט... דארט וואוינט דער דאקטאר, רב יהודה איבן תיבון פון שפאניע; אלע יונגעלייט וואס קומען אהין לערנען תורה פון ווייטע לענדער האלט מען אויס אויף קהלה חשבון מיט עסען און קליי־דונג און די איבעריגע הצטרכות די גאנצע צייט וואס זיי האלטען אין לערנען. ניטא נאך אזא גאסטפארבטיגע קהלה ווי די פון לונעל, און איהרע געלערנטע זיינען באוואוסט אונטער'ן נאמען „חכמי לוניל"... צוויי מייל ווייטער געפינט זיך די שטאט פותייקיר (באקער) א כרך גדול. דארט געפינט זיך א גרויסע ישיבה אונ־טער דער השגחה פון דעם בארימטען רב ר' אברהם בן דוד (באוואוסט אונטער'ן נאמען „ראב"ד" אדער „ר' אברהם פון פאסקיעראַ) וועלכער האט א וועלט נאך־מען אלס א גרויסער תלמודיסט און בקי. צו זיין ישיבה קומען לערנען תלמידים פון די ווייטסטע לענדער, און אלע ישיבה לייט וואוינען ביי איהם אין הויז, ווייל ער אליין איז זעהר רייך און קען זיך פארגינען זיי אלעמען אויסצוהאלטען אויף זיין אייגענעם חשבון... 3 מייל פון דארט געפינט זיך די שטאדט נוגיש, אדער ביגיסען־זשיל. א גרויסע שטאדט מיט א סך חכמים. גרויסע מסחרים ווערען דארט געפיהרט. בראש פון דער קהלה געפינט זיך דער נשיא ר' אבא מארי בר יצחק, קייפט פארוואלטער פון גראף ריימונדס אלע גיטער און הויפען".

אט דער אויסצוג פון „מסעות רב בנימין מטודילה" צייגט ריכטיג ווי הויך עקאנאמיש און גייסטיג עס זיינען געשטאנען די קהלות פון פראווינציה (פראוואנס). די דארטיגע לומדים און חכמים האבען אין רמב"ם דערזעהן דעם ליכטיגען שטער־רען וואס באוויזט זיך אויפ'ן אידישען הימעל איינמאהל אין טויזענט יאהר. א דאנק ר' אברהם אבן עזראס פארוויילען אין יענעם לאנד זיינען די דארטיגע לומדים באקאנט געווארען מיט דער שפאניש אידישער ליטעראטור און חכמה. יהודה אבן תיבון און זיין זוהן, שמואל אבן תיבון, צוזאמען מיט דער פאמיליע קמחי האבען עס פארבריייטערט דורך אריגינעלע ספרים און איבערזעצונגען פון „כוזרי", „האמונות והדעות", „חובת הלבבות", „הרקמה" און אנדערע. שמואל אבן תיבון האט געהאט א גרויסע ביבליאטעק וואס זיין פאטער האט איהם איבער־געלאזען, דאס צוזאמען מיט זיינע וויסענשאפטליכע גרויסע פארדינסטען איז ער געווארען דער גרעסטער אויטאריטעט און אנערקענטער גייסטיגער פיהרער, און ער האט עס פארשפרייט דעם נאמען פון רמב"ם ווייט און ברייט.

גיך איז דער בעל „יד החזקה" און בעל „מורה נבוכים" באריהמט געווארן אלס דער גרעסטער גאון, דער עמוד האש וואס באלייכט דער אומה דעם וועג אין גלות. דער דערמאנטער רב אהרן, זוהן פון רב משולם שרייבט אויפ'ן רמב"ם: „פון ים פון אומוויסען האט ער (דער רמב"ם) זיין פאלק ארויסגעפירט און זיין תורה אין זייער הארצען אריינגעקריצט, זינט רבינא און רב אשי איז ביי אידען נישט געווען קיין גלייכען צו דעם משה'ן (אין העברעאישען אריגינאל: ומים הסכלות עמו משה (מאשא) ונתן תורתו בלבם כתובה וחרותה... כי אמנם מימות רבינא ורב אשי לא קם עוד בישראל כמשה). ביי יעדער וויכענשאפטליכער פראגע פון גרויס וויכטיגקייט האט מען זיך גלייך געווענדעט שריפטליך קיין מצרים צום רמב"ם, און זיין ענטפער איז געווען דער „אורים ותומים", די העכסטע אינסטאנץ.

למשל: איינגע אידישע קהלות האבען זיך געווענדעט צום רמב"ם מיט דער פראגע, צי האט אסטראלאגיע (שטערנזעהעריי) א וויסענשאפטליכען ווערט, און צי איז טאקע אמת אז די מזלות קענען ווירקען אויפ'ן מענשענס שיקזאל. א צאהל חכמי לוניל מיט יונתן הכהן בראש האבען זיך געווענדעט צום רמב"ם ער זאל זיי ערקלעהרען איניגע שווערע ערטער אין „משנה תורה", און דערהערענדיג אז עס איז ערשינען דער „מורה נבוכים" האבען זיי געשיקט א ספעציעלען שליח מיט דער בקשה ער זאל זיי צושיקען זיין ווערק, אויב מעגליך אין א העברעאישער איבערזעצונג אדער לכל הפחות אין אראבישען אריגינאל. קריגענדיג דעם אריגינאל איז דארט געווארען א גרויסע שמחה, זיי האבען זיך געווענדעט גלייך צו רבי שמואל אבן תיבון — גרינטליכער קענער פון דער אראבישער שפראך — ער זאל איהם פאר זיי איבערזעצען אין העברעאיש. דער זעלבער, האבענדיג זעהר פיעל יראת הכבוד פאר'ן רמב"ם, האט אנפאנגס מורא געהאט זיך אונטערצונעהמען אזא פאראנטווארטליכע אויפגאבע. אבער נאך לאנגען בעטען איז ער מרוצה געווארען און זיך גענומען צו דער ארבייט.

שמואל אבן תיבון, וועלענדיג טאן זיין ארבייט ווי עס געהער צו זיין, האט זיך פריהער פאר אלץ געווענדעט צום מחבר גופא נאך נויטיגע אנווייזונגען. דער רמב"ם, וואס האט שוין פון לאנג זיך ארומגעטראגען מיט'ן געדאנק איבערצוזעצען אלע זיינע אראבישע ספרים אין העברעאיש. האט זיך זעהר דערפרעהט מיט דער ידיעה. ער האט איהם באלד געענטפערט און אנגעוויזען ווי ער דארף זיך נוהג זיין ביי אזא שווערע ארבייט.

שווער צו זאגען, צי מחמת דעם וואס דער איבערזעצער האט זיך פארהאלטען מיט אן אומגעהויער גרויסען רעספעקט צום מורה נבוכים, אדער אנדערע אורזאכען זיינען געשטאנען אין וועג. דער פאקט איז אז די איבערזעצונג האט געדויערט א לאנגע צייט — לענגער ווי די געדולד פון די חכמי לוניל האט געקענט אויסהאלטען. דערפאר האבען זיי זיך ווידער געווענדעט צום רמב"ם ער זאל עס טאהן פאר זיי. דער רמב"ם האט געענטפערט, אז ער טראכט שוין לאנג וועגען דעם, און ניט נאר דעם מורה נבוכים — אלע ספרים זיינע, געשריבענע אין אראביש, געלוסט ער איבערצוזעצען אין העברעאיש. איהם פעהלט אבער די צייט, און ענדיגט: „עס געפינט זיך אבער צווישען אייך דער חשוב'ער זוהן פון יהודה אבן תיבון (שמואל) און ער איז דער פאסיגסטער מאן צו דער דאזיגער ארבייט".

גראד אין אין יענער צייט געקומען קיין דרום-פראנקרייך דער דיכטער יהודה

אלחריזי, אַן אויסגעצייכנטער סטיליסט און אַ בענטש מיט פילאָזאָפישע ווייסן. ער איז געווען זעהר געוואונשען אלס איבערזעצער, און באַלד האָט זיך טאַקע צו איהם געווענדעט דער דערמאַנטער יונתן הכהן אין נאָמען פון אלע אידען אין מאַר־סאלער קהלה מיט דער בקשה איבערצוזעצען אלע רמב״מ׳ס ווערק געשריבען אין אראַביש. אלחריזי איז מרוצה געוואָרען, און טאַקע איבערזעצט דעם רמב״מ׳ס פירוש המשניות און דעם מורה נבוכים. מיר האָבען איצט ביידע איבערזעצונגען. אלחריזי׳ס איז לייכטער צום לערנען, אָבער ווייניגער גענוי ווי אבן תיבונ׳ס, דער־פאַר איז דעם לעצטענס געוואָרען מעהר פאַרשפּרייט צווישען אידען.

ביידע איבערזעצונגען זיינען באַלד איבערגעשריבען געוואָרען אין הונדערטער קאָפּיעס און חכמים האָבען „מיט דורשט געטרונקען די וואַסער פון דעם חכמה קוואַל".

אָט דאָס לאַנד וואו דעם רמב״מ׳ס נאָמען איז באַריהמט געוואָרען, האָט אויך ארויסגעגעבען פון זיך איינעם וואָס האָט זיך פאַרמאַכטען צו דערנידעריגען זיין נאָ־מען. דאָס איז רב אברהם בן דוד, באַוואוסט אונטער׳ן נאָמען „דער ראב״ד בעל ההשגות".

3

השגות הראב״ד אויפ׳ן רמב״ם

דעם רמב״ם שטאַרקסטער געגנער איז געווען רב אברהם בן דוד (ראב״ד) אָבער נאָך פריהער פאַר איהם זיינען שוין געווען אויפגעשטאַנען מתנגדים געגען איהם און זיין תורה.

רבי שמואל בן עלי, ראש ישיבה פון באַגדאַד, איז געווען דער ערשטער וואָס איז ארויסגעגאַנגען געגען רמב״ם. דער וואָס האָט געפיהרט זיין נשיאות מיט גרויס פּאָמפּ און גלאַנץ, געזעסען אויף אַ גאָלדענע קאַטעדרע און באַדינער ארום אויסצופאָלגען זיינען באַפעלען — האָט ניט געקענט דערטראָגען ווייסענדיג אַז איי־נער וואָס האָט ניט געקראָגען זיין תורה פון בבל זאָל ווערען דער איינציגער אויטאָ־ריטעט איבער׳ן גאַנצען גלות — דער כבוד וואָס איהם קומט, זייענדיג דער „גאון יעקב".

יענעמס תלמידים און אָנהענגער האָבען געזוכט צו פאַרקלענערען דעם רמב״מ׳ס ווערט אין תורה, און אויך צו חושד זיין די ספרים אין פאַרשמעלטע „מינות".

אין אלעקסאַנדריע האָט זיך אויפגעהויבען אַ רעש, ווען אַ דאָרטיגער דיין האָט אָנגעוויזען, אַז דער רמב״ם פּסק׳נט אין זיין „משנה תורה", דאָס אַ בעל קרי איז ניט מחויב צו געהן טבילה פאַר׳ן דאַווענען; געגען דעם דין איז שטאַרק ארויסגעטרעטען רבי פנחס בן משולם פון פּראָוואַנס, דיין אין אלעקסאַנדריע, און אויסער דעם טומעל צווישען די פּשוט׳ע אידען, האָט ער זיך געווענדעט מיט אַ בריוו צום רמב״ם אליין. אגב, רעכענט ער אויס נאָך חסרונות אין „משנה תורה":

1) וואָס דער רמב״ם האָט ניט אָנגעגעבען די מקורים פון וואַנען ער האָט די

דינים גענומען, און דערפון קען זיך נעמען א טעות, ניט פארשטעהענדיג דעם רמב״מ׳ס, און דערביי ניט האבענדיג דעם מקור איינצוקוקען כדי דורכדעם זיך קלאר צו מאכען דעם דין.

2) וואס ער דערמאנט ניט די נעמען פון תנאים און אמוראים, די בעלי ההלכות, און דאס קען ברענגען זייערע נעמען זאלען אינגאנצען פארגעסען ווערען.

3) דער גרעסטער חסרון וואס דער רמב״ם האט ניט געווארענט די לערנער פון זיין משנה תורה זיך ניט פארלאזען אויף זיינע הלכות, נאר צו לערנען א סך גמרא, כדי אליין צו קענען אורטיילען אויף ווי ווייט ער האט צוגעטראפען צום אמת אין די פסקי הלכות.

קריגענדיג דעם בריוו איז דער רמב״ם געוועז קראנק און ניט געקענט ענטפערען. יענער האט געשריבען א צווייטען בריוו און געפאדערט תשובה, דאן האט דער רמב״ם איהם געענטפערט, און באוויזען זיין גערעכטיגקייט מיט זעלטענע קאלטקייט, טאלעראנץ, אבער ביי דער זעלבער צייט בלייבענדיג שטעהן אייזען־שטארק פאר דעם אמת.

דער דערמאנטער ראש ישיבה פון באגדאד האט ניט אויפגעהערט צו זוכען אויפ׳ן רמב״ם, און ווי מען איז זיך משער האט ער אנגעשטעלט תלמידים צו פרעגען שאלות, אפשר וועט דער רמב״ם ארויסזאגען א פאלשען דין. איינע פון די פראגען איז געווען, וועגען דער עיקר פון תחיית המתים וועלכען דער רמב״ם באהאנדעלט דורך אגב און זייער בקיצור, וואס לאזט איהם חושד זיין אז ער אליין איז ניט זיכער דערין. א צווייטע שאלה, צי מעג מען געהן אויף א שיף וואס שווימט אויף איינעם פון די גרויסע טייכען ווי; פרת אדער הדקל. דער רמב״ם האט געפסקנ׳ט להיתר, און דא האט רב שמואל בן עלי געקראגען אן ארט צו דערווייזען אז ניט נאר איז ער פריי אין דעות — נאר א פשוט׳ער עם הארץ וואס ווייס קיין דין ניט, און טאקע וועגען דעם געשריבען א בריוו צום רמב״ם. אויף ביידע שאלות האט דער רמב״ם געענטפערט, מאכענדיג קלאהר זיין מיינונג וועגען תחיית המתים, און צושלאגענדיג יענעמס סברות צו אסר׳ן דאס געהן אויף א שיף, דערביי איהם געבענדיג אזא לעקציע וואס איהם האט אפגענומען דעם חשק ווייטער ארויסצוגעהן אפען אקעגען זיינע פסקים. דאס האט געהאלפען, אבער אינדערשטיל האבען זיי ניט אויפגעהערט צו אינטריגירען געגען איהם און זיין „משנה תורה".

נאך א געגנער האט זיך אפגעזוכט פון ארם צובא (אחלב) ביים נאמען זכריה, וועלכער האט זיך גענומען רודפ׳ן דעם רמב״מ׳ס תלמיד, רבי יוסף אבן עקנין פאר זיין וועלען עפענען א ישיבה צו לערנען מיט די תלמידים דעם רבינ׳ס ספרים. דער, מיט רב שמואל בן עלי, האבען צוגעצויגען צו זיך די דאמאלסדיגע צוויי נשיאי הגולה, געגען איהם, אבער דער רמב״ם האט איהם אפגערעדט דערפון. דער בריוו צו זיין תלמיד מובהק ווארפט א ליכט אויף דער זעלטענער פערזענליכקייט פון רמב״ם, און איז אינדירעקט א פארטיידיגונג געגען אלע באשולדיגונגען וואס שונאים פלעגען פארשפרייטען צווישען אידען געגען איהם. צווישען אנדערש שרייבט ער אזוי:

...און וועגען דיין שטרעבונג צו גרינדען אין באגדאד א ישיבה צו לערנען דעם „משנה תורה", ערלויב איך דיר, אבער איך ראט דיר ניט, אויס מורא דו

זאָלסט אויף זיך ניט ארויפציהען קיין צרות און דעם תכלית ניט דערגרויכען. דערצו, זייענדיג פארנומען מיט די תלמידים וועסטו ניט קענען אָנגעהן מיט דיין מסחר, און איך ראט דיר אָפּ פון צו וועלען עטוואס ארויסקריגען פון די ראשי גולה. ווארום ביי מיר איז חשוב'ער דאָס ביסעל געלט וואס דו פארדינסט פון וועבען, סטאָלעריי, אָדער שניידעריי, ווי די גרויסע פארדינסטען דורך דער גוטסקייט פון די ראשי גולה. פון יעדער עסק מיט זיי, וועסטו דערנידעריגט ווערען; נעמסטו וואס פון זיי, ווערסטו מבוזה. דערפאר איז מיין עצה דו זאָלסט האנדלען פאר פרנסה, שטודירען חכמת הרפואה און לערנען תורה אויפ'ן אמת'ן דרך (ד.ה. לויט דעם רמבמ'ס שיטה) צוזאמען מיט'ן אלפס. געפינענדיג אן אונטערשייד צווישען איינעמס הלכה און דעם צווייטענס, טראכט זיך אריין אין דער גמרא פון וואנען ביידע האָבען גענומען און דאָרט וועסטו אויסגעפינען ווער עס איז גערעכט; אבער פארברענג ניט קיין צייט אויף פירושים וואס זוכען צו ערקלעהרען די אומפארשטענדליכע ענינים פון תלמוד, ווייל די רעזולטאטען ברייננגען קליינע נוצען און א סך אבוד זמן''.

אָט דער בריוו ווייזט קלאָהר ווי ריין ער איז געווען פון דער באשולדיגונג, אז זיין כונה איז געווען צו דערווייטערען לומדים פון תלמיד. דאָ גיט ער דעם תלמוד דאָס לעצטע וואָרט בנוגע א ספק ווי ווער איז דער דין. אבער מיר דערוויסען זיך יאָ אז ער האָט ניט ליב געהאט דעם פילפול וואס געהט ניט דירעקט קלאָהר צו מאכען די הלכה.

די קלאגען אז ער איז ניט קיין גרויכער מאמין א'ן תחיית המיתים האָבען ניט אויפגעהערט, און בריוו פון שונאים און גוטע פריינט האָט ער גענומען קריגען, פאָדערענדיג ער זאָל ארויסזאָגען קלאָרע ווערטער וועגען דעם עיקר. דאָס האָט איהם באוועגט צו שרייבען זיין באוואוסטען „מאמר תחיית המתים'' — דעם תמצית וואס מיר האָבען שוין איבערגעגעבען אין די פריהערדיגע ארטיקלען.

אבער דער שטארקסטער געגנער זיינער איז געקומען פון פראוואנס — פון'ם זעלבען ארט וואו ער האָט געקראָגען אזוי פיל אָנהענגער. דאָס איז געווען רב אברהם בן דוד. ער האָט זיך ניט באגנוגענט ווי די פריהערדערמאָנטע אָנצוגרייפען איינצעלנע ענינים פון רמבמ'ס משנה תורה, נאָר צו געבען אַ פאָלשטענדיגע קריטיק אויף דעם גאנצען ספר. וועלכער דין נאָר עס געפעלט איהם ניט באמערקט ער דערויף און דאָס רוב מיט שניידענדע באמערקונגען, ווי: „ער וויים ניט וואס ער רעדט'', „ער האָט דאָ פארפלאָנטערט'', „ס'איז א טעות'', „קינדערשע רייד'', „איך שווער ביי מיין קאָפּ אז דער מענש האָט דעם דין ניט פארשטאנען'' א. אז. וו. ביי אנדערע דינים אבער לויבט ער איהם „גוט געזאָגט'', „ריכטיג גע'פסקנ'ט'', אָדער „דער מענש האָט געטאָהן א גרויסע ארבייט אויפזאמלענדיג אלע דינים''. דערפון איז צו פארשטעהן ווי פאלש עס איז די באשולדיגונג פון רמבמ'ס אָנהענגער, אז דער ראב''ד האָט זיך אויך פארטראָגען מיט קנאָה צום רמבמ'ס גרויסקייט. גיכער איז צו זאָגען אז ער האָט עס געטאָהן אויס גרויס ליבשאפט צום אמת, און זייענדיג א „בעל מלאכה אחת'' האָט ער זיך געפילט בכח אויסצוזוכיגען דעם „משנה תורה'' פון טעותים וואס קענען ברייננגען שאָדען צו די וואס לערנען איהם און פסק'ענען דינים פון איהם.

דער באווייז איז, וואָס באלד אין אָנפאנג פון הלכות קידוש החודש לאָזט

וויסען דער ראב״ד אז ער ציהט זיך צוריק פון מאכען השגות, וויסענדיג אז דער מחבר געהט דא אריין אין אזא ענין פון וועלכען ער, דער ראב״ד, איז פרעמד.

(באמערקונג: דעם גאנצען ענין פון השגות הראב״ד באהאנדעלט גרינט־ליך דער גרויסער געלערנטער א. ה. ווייס אין „תולדות הרמב״ם, געדרוקט אין בית תלמוד, ערשטען יאהר, זייט 659, און אין זיין „דור דור ודורשיו", 6־טער חלק, זייט 266).

פון זיינע איינצעלנע השגות אין ספר המדע, ספעציעל וועגען אחדות הבורא" אז „ער איז ניט קיין גוף", ווי אויך ביי דער פראגע פון „ידיעה און בחירה", קען מען זיך מאכען א באגריף פון דעם מאטיוו אדער מאטיווען וועלכע האבען געצוואונגען דעם ראב״ד ארויצוקומען מיט זיינע השגות.

1) למאי דער רמב״ם האט געמאכט א פארזוך צו ראציאנאליזירען די אידישע אמונה, און זי צעגלידערען אויף ספעציעלע דאגמען (עיקרים) וואס קריגען די הסכמה פון דער אריסטאטעלישער פילאזאפיע.

2) זיין ארייננברייגנען פילאזאפישע מיינונגען אונטער׳ן לביש פון מאמרי חז״ל און פסוקים.

3) די זעלבע מורא פאר וועלכע די חכמים פון בבל האבען זיך געשראקען: משנה תורה זאל ניט מאכען למוד פון תלמיד פאר אן איבעריגס.

דער לעצטער חשש האט איהם געצוואונגען צו באווייזען אז דער מחבר פון משנה תורה האט א סך מאהל געמאכט טעותים פארזעהענדיג א מאמר אדער ניט דערגרונטעווענדיג דעם דין ווי געהעריג איז—דערפאר טאר מען זיך אויף איהם בלינדערהייט ניט פארלאזען. אין זיין ערשטע השגה (הגהה) זאגט ער. „דער רמב״ם האט געמיינט מתקן צו זיין און ניט מתקן געווען. ווארום אפטמאל פאר־לאזט זיך דער דיין מתיר צו מאכען אדער צו אסר׳ן, מחמת א ראיה פון איין ארט, אבער ווען ער זאל וויסען די צווייטע מיינונג וואלט זיין פסק דין געווען אנדערש. דער רמב״ם אבער, ארויסזאגענדיג איינעמס מיינונג, גארניט אנגעבענדיג די מיי־נונג פון דעם אנדער מאן דאמר אדער גאון ברייגנט דעם דיין צו דעם מכשל".

די השגות הראב״ד האבען שפעטער געעפענט א ברייט פעלד פאר לומדים זיך מפלפל צו זיין, כדי גערעכט צו מאכען דעם רמב״ם — פונקט פארקעהרטט פון זיין כונה מאכענדיג דעם משנה תורה, כדי אפצושאפען דעם אומנוציגען פלפול.

פון דער אנדער זייט איז דער ראב״ד געווען דער ערשטערע אנזאגער פון דעם היסטארישען אידעען־קאמף וואס האט צעשפאלטען דעם אידיש־קולטורעלען לאגער אויף צוויי טיילען מיימוניסטען און אנטימיימוניכטען.

4.

דער קאמפס-אויסברוך געגען מיימאניזם

דעם ראבד״ם שארפער ארויסטריט געגען רמב״ם האט געגעבען דעם ערשטען שטויס צום היסטארישען אידייען קאמף וואס האט זיך געענדיגט קאטאסטראפאל פאר ביידע צדדים, ווי מיר וועלען זעהן ווייטער.

דא האבען זיך באגעגענט צוויי גייסטיגע ריזען פון צוויי באזונדערע וועלטען: דער רמב״ם מיט זיין אלוויסען אויפ׳ן געדאנקליכען געביט, און דער ראב״ד, דער

„בעל מלאכה אחת" וואס האט זיך געהאלטען פונדערווייטענס די אנדערע געביטען פון וויסען, נאר זיך קאנצענטרירט אין תלמוד.ביידע האבען געצויגען א סך אנ־הענגערשאפט. ווען דער ראב״ד איז געשטארבען האבען כהנים געגראבען זיין קבר און מיט איהם זיך מתעסק געווען, באווייזענדיג דערמיט אז אקעגען אזא גרויסען נפטר ווערט בטל די קדושה פון כהונה. דערפון זעהט מען ווי פארהייליגט ער איז געווען צווישען אידען בכלל און זיינע טויזענטער תלמידים בפרט.

ער איז געווען דער ערשטער אנצוגרייפען דעם רמב״ם פאר זיין מקצר זיין אין ענין פון תחיית המתים. און כאטש דער לעצטער איז שפעטער ארויסגע־קומען מיט'ן „מאמר תחיית המתים", וואו ער ענטפערט מיט אויפרעגונג און גרוים בטול די יעניגע וואס האלטען זיך פאר חכמי ישראל און פאקטיש זיינען זיי „די נארישסטע מענשען, זיי בלאנדזשען מעהר ווי בהמות און זייערע מוחות זיינען פול מיט משוגענע מעשיות פון אלטע ווייבער" — איז דער חשד ביי זיינע געגנער אויף איהם ניט פארקלענערט געווארען. און ניט נאר „די נארישסטע צווישען מענשען" — אפילו אויף אזא אנגעזעהענעם מענשען און אמת'ן תלמיד חכם ווי ר' מאיר אבולפיה האט דער ענטפער ניט געווירקט צו בארוהיגען.

ר' מאיר אבולפיה פון טאלעדא איז געווען זעהר א בארימטע פערזענליכקייט; א גרויסער יחסן — דער זוהן פון'ם „נשיא", טודרוס אבולפיה און אליין א גרויסער תלמיד חכם מיט א סך וויסען און וועלטליכע חכמות. דער פריהער־דערמאנ־טער אהרן בן משולם רופט איהם „דער וואס האט ליב חכמה", „גרויסער געלערנ־טער", דער „אויגען דערלייכטער" (אוהב חכמה וראש התעודה... מאיר עיני חכמים לתורה ולתעודה). אפילו דער דיכטער אבן חסדאי דעם רמב״מ'ס גרעס־טער אנהענגער, וועלכער האט אויך געקענט פערזענליך ר' מאיר'ן, רעדט וועגען איהם ווי פון „דעם שטאלץ פון זיין דור", און טיטולירט איהם מיט „שארפען פאר־שטאנד" (מופת הדור ופלאו, רום השכל ושיאו). אין יענער צייט פון זיין ארויס־טריט איז ער שוין בארימט געווען מיט זיין תלמודישען ספר „יד רמה", און אין חכמה מיט זיין „מסורת סיג לתורה", וועגען דער מסורה צום ביבלישען טעקסט. זיין בארימטקייט האט ער געקראגען נאך ניט זייענדיג 22 יאהר אלט.

אט דער אבולפיה האט זיך געווענדעט מיט א בריוו צו דעם רמב״מ'ס שטארק־סטע פארעהרער, צו די „חכמי לוניל" אקעגען דעם רמב״ם. דער עיקר תביעה איז, וואס דער „בעל משנה תורה" שרייבענדיג וועגען עולם הבא פארשווייגט די פראגע פון תחיית המתים. דער בריוו האט שטארק אויפגעבראכט די חכמי לוניל און אין זייער נאמען האט איהם אפגעענטפערט אהרן בן משולם מיט זעהר א בייזען בריוו. נאך בייזער איז ארויס אקעגען אבולפיה'ן דער בארימטער מעצענאט ששת בר יצחק בנבנשתא (בנוועניסטי) פון שפאניע. דעם בריוו ענדיגט ער מיט דער בייסיגער עפיגראם. „מיינע פריינד פרעגען מיר: פארוואס הייסט ער מאיר — געהענדיג אין פינסטערע וועגען? איך ענטפער זיי: צי ווייסט איהר ניט, אז נאכט ווערט ביי די חכמים גערופען „ליכט", אזוי ווי דעם בלינדען — סגי נהור" (חעם וואס איז שטארק ליכטיג).

אבולפיה'ן האבען די בייזע בריוו ניט אפגעשראקען. ער האט געענטפערט אהרן בן משולם מיט זעהר א לאנגען בריוו, און ניט ווארטענדיג אויף אן ענטפער האט ער זיך געווענדעט צו זיבען אנגעזעהענע רבנים פון פראנקרייך, אויספירליך

דערציילט פון זיין וכוח מיט די חכמי לוניל און בעט זיי, אלס די אמת׳ע אידישע פירער (רועי ישראל) און אנערקענטע אויטאָריטעטען, ארויסצוזאָגען זייער מיינונג. די רבני צרפת האָבען דאַן געפיהרט אַ גאַנץ אָפּגעזונדערטען שטייגער לעבען, האָבען בכלל געהאַט אַ גאַנץ קליינעם באַגריף פון די חכמי ספרד בכלל און פון׳ם רמב״מ׳ס פילאָזאָפיע בפרט. אין דעם נאָמען פון די רבינו צרפת האָט אבולפיה׳ן געענטפערט דער באַקאַנטער בעל התוספות, רב שמשון משאַנץ. דער ענטפער איז אין תוך מסכים מיט אבולפיה׳ן און דאָך האָט דער לעצטער קיין קלאָרע תשובה ניט באַקומען. דער בריוו, געשריבען פון׳ם שאַרפען בעל התוספות, איז פול מיט פלפול וואָס האָט קיין דירעקטע שייכות מיט׳ן ענין ניט, אָבער וואָס אָנבאַלאַנגט דעם רמב״ם גופא, זאָגט ער: איך קום דאָ ניט אָפּצופרעגען דעם געשטאָרבענעם לייב (ולא להשיב את הארי הגדול לאחר מיתה באתי). ביידע בריוו, די פראַגע מיט׳ן ענטפער זיינען פאַרעפענטליכט געוואָרען אין רב מאיר׳ס אַראַבישען ספר „כתאב אלרסאייל", און לויט די דאַטומס איז צו זעהן, אַז דער ערשטער בריוו איז נאָך געשריבען געוואָרען ביים רמב״מ׳ס לעבען, בעת דעם ענטפער האָט רב שמשון פון סאַנץ געשריבען נאָך דעם רמב״מ׳ס פטירה.

אָט דער בריוו־וועקסעל האָט געמאַכט אַ שטריך צווישען די אָנהענגער פון דעם רמבמ׳ס מאָדערניסטישע לעהרע און די פשוט תמימות׳דיגע לעהרער פון׳ם ראב״ד׳ס חדר, וואָס איז אויך געווען דער דרך פון אלע רבני צרפת; אָבער צו אַן אָפענעם קאַמף איז ניט געקומען ביז דעם יאָהר 1232, ווען רב שלמה פון מאָנפּעליע (שלמה מהחר) מיט זיינע צוויי תלמידים, דוד בן שאול און יונה בן אברהם גירונדי, זיינען ארויסגעטראָטען מיט אַ האַרבען חרם אנטקעגען די וואָס פאַרנעמען זיך מיט פילאָזאָפיע, און ארויסגעלאָזען אַ ספּעציעלען פאַרזאָג מען זאָל ניט לערנען דעם רמב״מ׳ס צוויי ספרים: דעם „מורה נבוכים" און דעם ערשטען טייל פון משנה תורה, „ספר המדע", ווייל „אין זיי שטעקט אַ סכנה וואָס קען וואַקעלדיג מאַכען די יסודות פון אונזער אמונה".

צום גליק פאַר אונזערע דורות איז גאַנץ געבליבען רב שלמה׳ס אַ בריוו, געשריבען צו איינעם אַ שפּאַנישען תלמיד חכם, שמואל בן יצחק. פון דעם בריוו קענען מיר זיך מאַכען אַ מעהר ווייניגער קלאָרען באַגריף וועגען דער היסטאָרישער פערזענליכקייט, וואָס האָט ארויסגערופען אַזאַ שטורם אין דעם קולטורעלען טייל פון דאַמאָלסדיגען אידענטום. מיר גיבען דאָ איבער זיין אינהאַלט אויף וויפיל דאָס איז נוגע דעם אויסברוך פון דער מחלוקה:

„נעמענדיג אין אָנבאַטראַכט", שרייבט רב שלמה, „אונזער אלטע פריינדשאַפט, האַלט איך מיט מיינע תלמידים פאַר נויטיג אייך צו באַקענען מיט די סבות וואָס האָבען ארויסגעבראַכט די קריג. מיר, וועלכע האַלטען ליב און טייער די תורה, געגעבענע פון גאָט, האָבען צוגעזעהן ווי אלטע און יונגע האָבען אָנגעהויבען צו פאַרשפּרייטען געדאַנקען און מיינונגען וואָס ניט מיר, ניט אונזערע עלטערען האָבען ווען געהערט פון זיי. מיר האָבען געזעהן זיי געהענדיג אין שלעכטע וועגען און פאַרפירענדיג אַנדערע, זיי צושטערען אלעס וואָס מיר האָבען בקבלה, זיי פאַרדרייען דעם פשט פון דער תורה, אלץ ווערט ביי זיי אַ משל: מעשה בראשית, די געשיכטע פון קין און הבל, יעדער פסוק ווערט אלעגאָריע, און אויסגעטראַכטע זאַך; מיר האָבען אליין געהערט פון׳ם איבערזעצער׳ס מויל (געמיינט שמואל אבן

תיכון) ווי ער האט מגלה געווען פאר אלעמען דאס וואס זיין רבי (דער רמב״ם) האט געהאלטען פאר נויטיג צו האלטען פארבארגען, ווי ער האט ערקלערט פאר אלעמען, אז אלע ספורים פון תורה, אלע מצוות און געבאטען — אלץ איז בלויז א משל. איך האב פיל מאל געהערט זיי חוזק מאכענדיג פון מאמרי חז״ל — און א שרעק איז מיך באפאלען.

„איך האב פיל מאל זיך ארייגעלאזט מיט זיי אין הייסע וכוחים, מיר פלעגען זיך אפט מתוכח זיין, אבער צו שנאה און קריג איז ניט געקומען, ביז די פינסטערע שעה ווען די חכמים פון בדרש (בעזיע) האבען זיך אריינגעמישט. זיי זיינען ארויס אקעגען אונז (איהם מיט זיינע תלמידים) מיט גדלות און גאוה ווי אמת'ע שונאים וואס ווילען פארטיליגען; ווערלענדיג אונז מאכען צו שאנד און שפאט פאר אלעמען אין די אויגען, האבען זיי אויף מיר א בלבול געמאכט אז איך האב געלעסטערט גאט'ס הייליגע מענשען, און אז איך האב געהאט די העזה צו זעהן דעם אנדענק פון דעם גרויסען גאון וואס האט פארשפרייט תורה צווישען דעם פאלק ישראל, דעם רבי משה בן הרב הדיין רבינו מיימון ז״ל. דאס האבען זיי געטאן כדי אונז מבזה צו זיין פאר אלעמען, און אז אלע אידען זאלען זיך אפקערען פון אונז.

„דערהעהענדיג אין וואס פאר א שווערע לאגע מיר געפינען זיך, האבען מיר באשלאסען זיך צו קערען צו די רבינו צרפת, וואס זיינען דאך פון לאנג באקאנט אלס די אמת'ע מרביצי תורה בישראל. באקומענדיג אונזער בריוו האט זיי אויך אנגעכאפט א שרעק, און געשיקט א שטראף בריוו צו די דאזיגע מענשען און זייערע אנהענגער. אויך האבען זיי געשיקט א שליח אויפ'ן ארט צו מאכען א חקירה ודרישה, אויך האבען זיי באקומען אן עקזעמפליאר פון „מורה נבוכים". אויסגעפינענדיג, אז אונזערע רייד זיינען אמת'ע, האבען זיי אנגעגורט די לענדען און ארויסגעקומען אלע ווי איין מאן פאר גאט און זיין תורה מיט קללות און חרמות, מיט באפעלען און געשרייען, אז אלע ארום — און איך אויך צווישען זיי — זיינען נבהל ונשתומם געווארען.

פון דעם בריוו זעהען מיר: ערשטענס, אז קריגענדיג אויפ'ן רמב'ם דרך האבען אפילו די פארביסענסטע געגנער ניט פארגעסען אונטערצושטרייכען זיין פערזענליכע גרויסקייט. צווייטענס, אז דעם קריג האבען אנגעהויבען דעם רמב״מ'ס אנהענגער. דער בריוו ווערט אויך באשטעטיגט פון א סך בריוו, געשריבען פון אנדערע וועגען דעם ענין, וועלכע זיינען פארעפענטליכט געווארען אין „גנזי נסתרות" אונטער די נומערען 9-12, טעקסטער טייל.

5

חכמי צרפת סטראשענען מיט חרם רמבמ'ס אנהענגער

פאר היינטיגע היסטאריקער איז קלאהר, אז כאטש די גרויסע מחלוקה אין לכתחילה געקומען פון צוויי פארשיידענע אנשויאונגען אין דער אידישער מחנה, איז אבער א סך אונטערגעהיצט געווארען פון איינצעלנע מחרחרי ריב מיט פערזענליכע פניות דערביי.

די ערשטע זיינען געווען די „חכמי בדרש", ווי פריהער דערצעהלט; זיי האבען ארויסגערופען רב שלמה מההר און זיינע צוויי תלמידים מאכענדיג אויף איהם א בלבול אז ער האט מבזה געווען דעם רמבמ׳ס נאמען, ער ווידער האט געמוזט זוכען שוץ פון די רבני צרפת. יענע, זייענדיג פארטאן אין די „דלד אמות של הלכה" און גאר ניט געוואוסט פון דער נייער שטרעמונג וואס געהט אן אין לאנער פון די חכמי ספרד און פראוואנס, האבען גענדארפט זיך באקענען מיט די פאקטען, כדי צו קענען ארויסזאגען זייער מיינונג, און צוליב דעם האט רב שלמה אהין געשיקט איינעם פון זיינע געטרייע תלמידים, רב יונה גירונדי, דער שפעטערדיגער מחבר פון „שערי תשובה", א פאפולערער ספר וואס איז גיך פארשפרייט געווארען צווישען אידען פון אלע לענדער און איבערזעצט געווארען אפילו אין אידיש.

די חכמי בדרש — גיכער איינער אדער עטליכע פון זיי — האבען געזוכט צו דיסקרעדיטירען דעם שליח, און ארויסגעלאזען א קלאנג אז זיין משפחה שטאמט פון ממזרים. עס זאל הייסען, אז איינע פון זיינע עלטער באבעס האט זיך גע׳גט מיט איהר מאן, זי האט חתונה געהאט מיט א צווייטען מאן און געהאט קינדער, נאכדעם האט זיך אויסגעפונען א פסול אין גט, די רבנים האבען איהר ערקלערט פאר אן אשת איש און די קינדער פאר ממזרים. די פאמיליע גירונדי איז געווען פארעכענט פאר איינע פון חשוב׳סטע אין לאנד, זי האט ארויסגעגעבען א צאל גרויסע רבנים, געלערענטע — צווישען זיי אויך דער רמב״ן. דערמיט ערקלעהרט זיך דער שטרענגער אורטייל פון רבנו יונה אין שערי תשובה, אז דער וואס ברענגט ארויס א פגם אויף א משפחה האט אייביג קיין כפרה ניט (ואמרו רז״ל: המוציא שם רע בדברי פגם משפחה אין לו כפרה עולמית).

מיט אזא צעוועהטאגט הארץ איז גירונדי געפאהרען אין פראנקרייך, און זיך געווענדעט צום עלסטען פון די רבני צרפת, רב יחיאל בן יוסף, כדי דורך איהם קלאהר צו מאכען זייער שטעלונג אקעגען דעם רמב׳ס לעהרע.

אין דער זעלבער צייט האט רב שלמה מההר געקראגען נאך א טיכטיגען ארויסהעלפער אין דער פערזאן פון דיכטער משולם בן שלמה עדווידאש דאפערא.

דאפערא איז געווען איינער פון די גרויסע פערזענליכקייטען וואו תורה, חכמה און יראת שמים האבען זיך פאראייניגט און שלום געשלאסען. אליין געווען א דיכטער, ליב געהאט די נאטור און גערן פארבראכט מיט חברים ביים שווערדיגען וויין־בעכער, דער וואס האט באזונגען וויין און נאטור מיט וואונדערשעהנע פערזען — איז אויך געווען א נאהענטער פריינט פון רב משה בן נחמן (רמב״ן) און א הייסער אנהענגער פון די מקובלים עזרא און עזריאל — די ערשטע מקובלים פון שפאניע.

זיין ראמאנטיש דיכטערישע נשמה האט ניט געקענט פארנעמען דעם קאלטען ראציאנאליזם פון רמבמ׳ס מורה נבוכים, דערפאר האט צו איהם מעהר אפעלירט רב שלמה׳ס ארויסטריט, און ער איז ארויסגעקומען שריפטליך אקעגען די ראציאנאליסטען, לויבענדיג רב שלמה׳ן פאר זיין מוט ארויסצוטרעטען געגען זיי.

אין א צווייטען בריוו מאכט ער א שטארקען אנגריף אויף אלחריזי׳ן, ווייל יענער מיט זיין איבערזעצען דעם מורה נבוכים אויף העברעאיש, האט געהאלפען נאך מעהר פארדארבען דעם פארדארבענעם דור (נתן מוקש, אל דור עקש — לא

יוכל על זאת נקיון) און ער ווענדעט זיך צו די רבני צרפת זיי זאָלען נעהמען אַ שטאַרקע שטעלונג געגען די חכמי בדריש בפרט און גאַנץ פּראָוואַנס בכלל, וואו מען לערענט דעם רמבמ׳ס ספרים.

די אויפפאָדערונג איז ניט פאַרלאָרען געגאַנגען. די רבני צרפת, נאָכ׳ן דורכשטודירען דעם מורה נבוכים און ספר המדע זיינען פאַרציטערט געוואָרען, און גלייך זיך געווענדעט מיט אן אויפרוף צו אלע קהלות פון פּרובינצאַ, סטראַשענדיג מיט דעם הארבסטען חרם יענעם וואס וועט זיך אונטערשטעהן צו לייענען אַזעלכע אַפּיקורסישע ספרים ווי דעם „מורה" און דעם „מדע".

דאָס אַרויסטרעטען פון שלמה מההר, זיינע תלמידים און אַרויסהעלפער, וועלכע האָבען איצט געקראָגען די רבני צרפת אויף זייער זייט—האָט אַרויסגערופען זעהר גרויס אויפרעגונג אין אלע אינטעליגענטע קרייזען, איבערהויפט אין די דריי גרויסע קהלות פון פּראָוואַנס: לונעל, בעזיע און נאַרבאָנע. דער רמב״ם איז דאָך זייער „אורים ותומים", וועמענס וואָרט עס איז געווען הייליג, וועמענס חכמה — געטליך און לויטער אמת, און דאָ קומען מענשען וואס טרעטען אַרויס אקעגען איהם מיט אַזעלכע באַשולדיגונגען.

מיט גרויס צאָרען זיינען זיי אַרויסגעטרעטען קעגען די „נידערטרעכטיגע מענשען" וואס קעמפּפען געגען דעם רמב׳ס דעות און האָבען זיך געווענדעט מיט אַן אויפרוף צו אלע קהילות פון פּראָוואַנס, קאַטאַלאָניע און קאַסטיליע זיי זאָלען זיך אַנעהמען פאַר דעם פאַרשוועכטען כבוד פון דעם גרויסען גאון און לעהרער, און אַריינוואַרפען אין חרם די עזות׳דיגע לעסטערער (געמיינט רב שלמה מההר׳ס אַנהענגער).

אין דער זעלבער צייט האָט איינער וועמענס נאָמען עס איז געבליבען אומבאַקאַנט, אָנגעשריבען זעהר אַ שאַרפען בריוו צו די רבנים פון צרפת. דער בריוו איז געדרוקט געוואָרען צום ערשטען מאָהל אין „כרם חמד" פינפטער טייל, און מיר גיבען איהם דאָ איבער אין דער אידישער איבערזעצונג לויט דר. י. צינבערג׳ס „די געשיכטע פון דער ליטעראַטור ביי אידען", צווייטער טייל, זייט 155, ווייל ער איז זעהר כאַראַקטעריסטיש און ווייזט אָן גאַנץ בולט ווי די דאַמאָלסדיגע אידיש ראַציאָנאַליסטישע אינטעליגענציע האָט זיך פאַרהאַלטען צו די רבנים און לומדים וואָס זיינען געווען גרויס נאָר אין לערנען און ניט באַהאַוועגט אין וועלט חכמות. ער שרייבט אַזוי:

„איידער איהר, רבנים פון צרפת זייט אַזוי שאַרף אַרויסגעטראָטען געגען דעם גרויסען גאון און זיינע ספרים, זענט איהר געווען מחוייב צום אלעם ערשטען גוט ווי עס געהער צו זיין באַקאַנט צו ווערען מיט זיינע ווערק. איהר אָבער, ווי עס שיינט האָט אפילו קיינמאָהל אין די אויגען ניט אָנגעזעהן ניט דעם „מדע" ניט דעם „מורה", און דאָך האָט איהר אַרויסגעטראָגען אייער פּסק און דעם אומגערעכטערעכטען אורטייל. עס איז דאָך קלאָהר אַז אַזעלכע ווי איהר, וואָס האָבען די גאַנצע יאָהרען פאַרבראַכט נאָר אין „דלד אמות פון תלמודישען פּלפּול, זענט גאָר ניט אין דער מדרגה משיג צו זיין פילאָזאָפישע פּראָבלעמען און פאַרשטעהן מיט אייער כח די וואונדערליכע ווענען פון דער וויסענשאַפט. וואָרום זענט איהר אַרויסגעטראָטען פון אייער גדר און אונטערשטעהט אויך אָנצונעהמען באַשלוסען אין אַזוינע הויכע ענינים וועלכע איהר קענט גאָר ניט משיג זיין? און ווי קומט

איהר צו דער העזה אונז, וועלכע געהען נאך דעם אמת'ן וועג פון חכמה, ווי עס האט געלערנט אונזער רבי רבנו משה מן מיימון — צו ערקלעהרען פאר מינים און אפיקורסים? איהר, וואס אלע מעשיות פון דער תורה אפילו די אגדות פון מדרשים — נעהמט איהר אן אין זייער ווערטערליכען באגריף, אפילו גאט דעם באשעפער שטעלט איהר זיך פאר אין געשטאלט פון א בשר ודם, מיט אלע אברים פון א מענשען!... צי זיינען דען נאך דא צווישען אלע אומות העולם, מיט אלע זייערע נארישקייטען און ווילדקייטען — אזוינע געצענדיגער ווי איהר זענט (אין העברעאישען אריגינאל: היש בחבלי הגוים מגשימים...) און איהר האט נאך די העזה, אונז, וואס מיר באשיצען די ריינקייט פון דער הייליגער תורה, צו באשולדיגען און אפיקורכות און ערקלעהרען זא מיר לייקענען אין גאטס ווארט?

„איך שווער ביי גאט, אז עס זענען צווישען אונז ניטא קיין פארפיהרער, קיין פאלשע נביאים און קיין אפיקורסים וואס לייקענען אין גאט. איהר זענט אין טעות, איהר האט בלינדערהייט זיך פארלאזען אויף ליגנערס און רכילות טרייבער, וועלכע האבען אייך פארפיהרט. איהר זענט ארויס קעגען אונז מיט קללות און חרמות, איהר האלט זיך פאר גדולי הדור און אונז פאר קליינע נישטיגע מענשען. דאס אלץ וואלטען מיר אייך מוחל געווען, נאר איינס קענען מיר ניט און טארען ניט פארשוויגען; איהר האט זיך אונטערשטאנען צו רעדען מיט בטול און פאראכטונג קעגען אונזער שטאלץ און קרוין, קעגען גרויסען גאון רבנו משה בן מיימון, וואס זינט רב אשי איז ניט געווען אזא גדול בתורה. איהר שטעלט זיך אונזער צו מבזה זיין א מדריך, אזא רבי און וועגוויזער...״

פון דעם בריוו זעהט זיך ארויס קלאהר ווי נידעריג ביי די מיימוניסטען אין די אויגען זיינען געשטאנען די גדולי התלמוד פון פראנקרייך, בלויז פאר זייער ניט אפגעבען זיך מיט פילאזאפיע און אנדערע חכמות. מיר, היינטיגע מענשען, זעהן אין דעם סארט בריוו און בייסענדיגע אפאריזמען וואס זיינען אונז פארבליבען דעם בעסטען באוויי אויף דער גערעכטיגקייט פון די אנטי ראציאנאליסטען אין זייער קאמף געגען דעם שעדליכען ראציאנאליזם.

6

דער רמב״ן זוכט א פשרה צווישען מיימוניסטען און אנטי - מיימוניסטען

אין יענער צייט ווען די פראוואנסער קהלות זענען ארויסגעטראטען פאר'ן מיימאניזם האט רב שלמה מהר מיט זיינע חברים צוגעקראגען נייע קרעפטען.

דער ערשטער איז איהם געקומען צו הילף דער באוואוסטער גאון און מקובל רב משה בן נחמן (רמב״ן), רב יונה גירונדים, א נאהענטער קרוב, ביידע זיינען געווען שוועסטער־קינדער, און איז דערפאר אויך געווען אין כעס אויף די חכמי בדרש (בעזיע) למאי זיי האבען זיך באנוצט מיט'ן שם רע מיטעל אויף דער משפחה גירונדי.

אין זיינע פריוואטע בריוו צו איינצעלנע מענשען און אין זיין אפענעם בריוו צו אלע פראוואסלאוונע קהלות „פון נארבאנע ביז מארסעל״ רופט ער אן די בעזיער

מיט אלע שענדליכע נעמען, ווי: רכילות טרייבער, א באנדע פון רשעים (קשר־רשעים), פארפלוכטע באנדע (כת הארורה) און פארערט זיי צו אן עהרען געריכט, ענטוועדער פאר פארשטעהער פון רבני צרפת אדער פאר רב מאיר אבולפיה. און ווען די „חכמי בדרש״ האבען איגנארירט די אויפפאדערונג און גאר גענומען אגיטירען מען זאל אין חרם ארייגלעגען „שלמה׳ן פון מאנפעליע״ מיט זיינע תלמידים און מיטהעלפער, האט דער רמב״ן זיך געווענדעט שריפטליך צו די קהלות פון אלע 3 שפאנישע מלוכות: נאווארע, אראגאניע און קאסטיליע, זיי צו ווארנען, אז „עם פאהרען ארום שליחים פון זינד מיט פאלשע כתבים פול מיט חניפה און שווינדעל וואס פארשטעלען זיך פאר רודפי שלום, בעת זיי זענען די אמת׳ע מחרחרי ריב, דעריבער בעט ער פון אלע קהלות, זיי זאלען זיך ניט לאזען פארפיהרען דורך די רייד פון די דאזיגע פאלסיפיקאטארען, און ניט געבען זייער הסכמה איידער ביידע צדדים ווערען אויסגעהערט ביים עהרענס־געריכט.

רב מאיר אבולפיה האט זיך באלד אפגערופען אויף׳ן רמבנ׳ס בריוו. ווי מיר ווייסען איז ער דאך געווען דער ערשטער זיך צו ווענדען צו די רבני צרפת מכח דעם רמבם׳ס ספרים, וועלכע זענען איהם ניט געפעלען געוועזען. פון יענער צייט זענען ביי איהם פארבליבען א כך בריוו און זיי האט ער איצט איבערגעשריבען און פאנאנדערגעשיקט צו אלע קהלות פון פראוואנס.

אין זיין בריוו וואס ער האט איצט געשריבען, אלס ענטפער אויף׳ן רמבנ׳ס אויפרוף, אנטפלעקט ער אלע איגוועניגסטע מאטיווען וואס האבען געצוואונגען די געגנער ארויסצוגעהן אין אפענעם קאמף אנטקעגען דעם רמבמ׳ס לעהרע. צווישען אנדערעם שרייבט ער:

„זינט די לעהרע איז פארשפרייט געווארען צעוואקסט זיך אלץ מעהר די צאל פון יענע, וואס האקען אפ די זאפטיגע צווייגען פון די רעליגיעזע געזעצען און פלייסען זיך על פי שכל צו דערווייזען, אז די אלע מצוות און דינים זענען בלויז מיטלען דערמיט צו קומען צום הויפט ציל, דאס איז: דערמיט משיג צו זיין די ידיעה פון גאט׳ס מהות און די חכמה פון זיין באשאפונג. דעם באשעפער אליין קימערט גארניט צי איז דער גוף טהור צי טמא, צי ער לאזט זיך וואוילגעהן אדער ער פייניגט זיך מיט תעניתים און סיגופים. זיי בלאנדזשען אויף קרומע וועגען און דעם קרומען שכל זייערען ערקלעהרען זיי פאר דעם איינציגען זיכערען וועגוויזער, פוסט און וויסט מאכען זיי די נשמות, וואס שמאכטען נאך מצוות און מעשים טובים, זיי לעשען אויס דעם פייער פון די בענקענדיגע הערצער, און זוכען צו טויטען דעם אומשטערבליכען גייסט״.

אבולפיה איז ניט׳ן גאנצען הארצען מכבים אויף דעם רמבם׳ס גרויסע פארדינסטען, ער רופט איהם „איש אלהים״, דער „וואס האט אלעמען די אויגען געעפענט מיט זיין משנה תורה״ אבער ער טרעט ארויס שארף געגען רמבם׳ס „מורה נבוכים״, וועגען איהם שרייבט ער:

„בלאט נאך בלאט האב איך פלייסיג שטודירט דעם דאזיגען ספר און האב מיר איבערצייגט, אז טראץ זיין גוטען ווילען צו באפעסטיגען דיווארצלען פון אמונה, שניידט ער אבער מיט זיין ארבייט די צווייגען פון איהר. ער פרובירט טאקע אויסקלעפען און גאנץ מאכען אלע שפאלטען און לעכער, נאר דערביי צושטערענדיג אלע איהרע צוימען. טויט און לעבען צוזאמען ענטהאלטען די בלע־

טער פון דעם דאָזיגען ספר. (אין העברעאישען אָריגינאַל: וארא, והנה יונקתו מחזקת שרשי הדת — ומסעפת פארותיה. מחזקת בדקי יסודותיה — והורסת גדרותיה. רוממות אל בגרונה — ומות וחיים בלשונה.)

דר. י. צינבערג זאָגט דערביי: אינטערעסאַנט צו באַמערקען, אַז די זעלבע מיינונג וועגען דעם מורה נבוכים האָט אויך ארויסגעזאָגט אַן אַראַבישער געלערנטער פון יענער צייט: אבדיל־לאַטיף דערצעהלט אין זיין אויטאָביאָגראַפיע: „איך האָב דעם דאָזיגען בוך (מורה נבוכים) געלייענט און געפונען, אַז ער איז שעדליך, ווייל ער איז מסוגל מעהר צו צעשטערען די זעלבע גרונט יסודות פון דער אמונה, וועלכע ער זוכט צו באַפעסטיגען".

די מחלקה האָט זיך צעפלאַקערט, יעדער צד האָט צוגעקראָגען נייע אָנהענגער. די מיימוניסטישע פראָפּאַגאַנדע האָט מעהר אַפּעלירט צו די געלערנטע אין וועלט חכמות, וועלכע האָבען שוין באמת געבלאָנדזשעט צווישען גלויבען און דענקען. פאַר זיי איז דער חכם געוועזן דער ריכטיגער „מורה", לעהרער און וועגוויזער. די רייכע אידען, הויף־אידען און מעדיקער, וועלכע האָבען זיך געקענט פאַרגינען צו געניסען פון עולם הזה מיט'ן פולען הויפען, ווען נאָר זיי זאָלען ניט זיין פאַרבונדען מיט א סך דינים און מנהגים — פאַר זיי האָבען די שפּעטערדיגע מיימוניסטען געעפענט א פרייען וועג, דריגגענדיג, אַז דער עיקר זענען ניט די מצוות נאָר די כונות וואָס אין זיי שטעקט, דערפאַר, זיי האָבענדיג, קען מען טאָן וואָס דאָס האַרץ גלוסט. די לעהרע, באַטש ווי מיר ווייסען, איז אַזוי ווייט פון רמבם'ס געדאַנק ווי מזרח איז ווייט פון מערב, איז פּראָפּאַגאַנדירט געוואָרען פון די „תלמידים הרעים" און דערמיט געגעבען יעדען רייכען עם־הארץ צו פיהרען א פריי לעבען. דער רמב"ן אליין שרייבט אין זיין בריוו צום קעניג יעקב פון אַראַגאָניע: „אָט די רייכע אידען וואַרפען פון זיך אַרונטער אַלע מצוות פון דער תורה, זיי דאַוונען ניט, בענטשען ניט, זענען ניט אָפּגעהיט מיט זייער ווייַן און מאכלים, היטען ניט דעם שבת און פיהרען זיך ווי עכטע מוסולמאַנער . . . וואו איז דאָס געהערט געוואָרען אַז אן עם־הארץ גמור און א בור זאָל גאָר ווערען א רב און אויטאָריטעט אין אמונה זאַכען?

די זילבערייען זענען געווען געצילט געגען די צוויי ברידער — בחיי און שלמה אלקאָנסטאַנטיני, וועלכע האָבען פאַרנומען גרויסע שטעלעס ביים דערמאָנטען קעניג. שלמה איז דערצו באַשטימט געוואָרען פאַר נשיא און הויפּט־ריכטער איבער אַלע אידישע קהלות פון אַראַגאָניע. ער מיט נאָך צעהן מיט־גלידער פון דער קהלה האָבען אריינגעלעגט אין חרם שלמה מהחר און זיינע ארויסהעלפער, און גלייך נאָכדעם זיך געווענדעט מיט אן אויפרוף צו אַלע אַראַבישע קהלות אויפצושטעהן און באַשיצען „משה'ן און זיין הייליגע תורה", זיך אָנצונעהמען פאַר דעם גרויסען מאן „וואָס האָט אונז ארויסגעצויגען אוים'ן זומפּ פון ווילדקייט און אָבערגלויבען". דער אויפרוף פאָדערט אויך אויף אַלע איבעריגע קהלות צו געבען זייער הסכמה אריינצולעגען אין חרם „די דאָזיגע דריי פרידענשטערער און פאַרדאַרבער" (שלשה חדשי משחית, והם מסיתום את העם ומדיחים).

אויף דער אויפפאָדערונג האָבּען זיך גלייך אָפּגערופען 4 אראגאָנער קהלות: הועסקא, מאָנצאָן, לערידאָ און קאַלאַטיוד, אַז מען דאַרף מחרים זיין אָט „די קליינע פּיקסעלאַך", די „דריי פּושעי ישראל", דעם „נידערטרעכטיגען" שלמה און זיינע תלמידים פאַר דער העזה צו לעבּטערען דעם מאור הגולה רבּי משה בּן מיימון.

אינמיטען מחלוקת־בּרען איז דער רמבּ"ן ווידער ארויסגעטראָטען מיט אַ בּריוו, צו פּרוּבּירען מאַכען שלום צווישען די פיינטליכע צדדים.

דער רמבּ"ן, לויט זיין געדאַנקען־אַנשויאונג האָט געמוזט זיין אַ געגנער צום ראַציאָנאַליזם, אָבּער זיין אידעלער שכל און גרויסקייט האָבּען גע־פאָדערט פון איהם צו פיהלען דעם גרעסטען רעספּעקט צום מחבּר פון משנה־תורה, וועלכען ער האַלט צווישען די גרעסטע גאונים אויפ'ן תלמודישען געבּיט. אָבּער די פילאָזאָפישע אידייען פון „מורה נבוכים" איז איהם לחלוטין פרעמד געווען — און עס האָט אַנדערש גאָר ניט געקענט זיין, וויסענדיג די התלהבות־טרוימערישע נשמה זיינע, וואָס האָט איהם געמאַכט פאַר דעם ערשטען גרינדער פון דער מיסטישער לעהרע „תורה שבּלב", וועלכע פּרעדיגט צו פ י ה ל ע ן אמונה מעהר ווי צו דענקען . . .

כדי צו שטילען דעם קאַמף האָט ער זיך געווענדעט מיט אַ לאַנגען בּריוו צו די רבּני צרפת געלאַסען נאָר פול מיט זעלבּסטבּאַוואוסטזיין וויזט ער אָן די פרומע רבּנים, זייער דורכפאַל פּאַשולדיגענדיג אין אַפּיקורסות אַזאַ גרויסען גאון ווי דער רמבּ"ם איז. ער ציינט אויך אָן, אַז פאַרבּאָטענדיג דעם רמבּ"ם ספרים און אַלע פילאָזאָפיע ספרים בּכלל וועלען זיי נאָר פועל'ן אַזוי פיל, צו פאַרשטאַר־קען דעם לוסט דערצו. וואָרים צו גרויס איז דעם רמבּ"מ'ס אויטאָריטעט און צו ווייט זענען די שפּאַנישע קהלות אריין אין פילאָזאָפיע. מיט דעם חרם וועלען די קהלות זיך ניט רעכענען, דערפאַר וואָלט גלייכער געווען גאָר צו פאַרשווייגען.

כאַראַקטעריסטיש פאַר'ן רמבּ"ן איז די ענדע פון זיין בּריוו, וואו ער ראַט די גרויסע רבּנים: „מיט פרידען און ליבּע דאַרפט איהר, ריעי ישראל, פיטערען אייער טשערדע. וואָרים מען קען ניט צווינגען אַלע אידען צו זיין לויטער חסידים און פּרושים".

וועד איז גערעכט? — דאָס האָט דער רמבּ"ן ניט געזאָגט. ער לויבּט דעם רמבּ"ם אָבּער ער רעדט אויך מיט גרויס כבוד פון רב שלמה אויס מאָנפּעליע. ער שלאָגט פאַר די רבּני צרפת זאָלען מתיר מאַכען צו לערנען דעם „מדע", אָבּער פאַרבּאָטען צו פאַרשפּרייטען דעם „מורה" צווישען עולם.

די פּשרה האָט בּיידע צדדים ניט צופרידענגעשטעלט, זי האָט בּלויז גע־האָלפען אויף אַזוי פיל: אָפּצושטעלען די רבּני צרפת. פון יענעם בּריוו אָן זענען זיי אָפּגעשטאַנען פון דער מחלוקה.

אָבּער אין פּראָוואַנס האָט זי זיך נאָך מעהר צעפלאַקערט.

7

רב דוד קמחי (רד״ק) מאַכט אַגיטאַציע־רייזע געגען אַנטי מיימוניסטען

אין דער צייט וואָס די רבני צרפת זיינען איינגעשטילט געוואָרען, האָבען די פּראָוואַנסער מיימוניסטען אויפגעבלאָזען אַ גרעסערען פייער פון מחלוקה אנטקעגען שלמה מהחר. די זעלבע האָבען אָוועקגעשיקט דעם אַלטען דוד קמחי (באַוואוסט אונטער'ן נאָמען רד״ק מיט זיין פּירוש אויף תנ״ך) קיין שפּאַניע ער זאָל דאָרט אַגיטירען פאַר זיי אין די חשוב'ערע קהלות. אויף איהם קלאָגט זיך שלמה מהחר מיט די ווערטער:

„זיי, די מיימוניסטען, האָבען געשיקט אַ ספּעציעלען שליח, ער זאָל נאָך מעהר פאַרגרעסערען די מחלוקת און אויפהויבען אייערע קהלות (פון שפּאַניע) געגען אונז; זיי פאַרשפּרייטען צווישען אייך פאַלשע קלאַנגען וועגען מיר, און טראַכטען אויס אויף אונז, אַז מיר האָבען פוגע בכבוד געווען אין דעם אָנדענק פון'ם רמב״ם. גאָט איז מיין עדות, אַז איך האָב זיך קיינמאָל ניט ערלויבט אָנצוריהרען מיט אַ שלעכטען וואָרט דעם כבוד פון'ם גרויסען גאון און זיין תורה; וואָרים הויכגעשעצט און טייער זיינען ביי מיר זיינע רייד, און איך דערמאָן תמיד מיט גרויס יראת הכבוד זיינע פּסקי הלכות. און עס איז מיר גרינג צו גלויבען, אַז דער מענש מיט דער לאַנגער באָרד (געמיינט: דוד קמחי) וועט ביי אייך אויך טאָן דאָס אייגענע, וואָס זיין חברה האָט זיך ביי אונז ערלויבט צו טאָן. זיי האָבען געפעלשט מיין אויפרוף צו די רבני צרפת און האָבען אויסגעטראַכט אויף מיר, אַז איך האָב פאַרגעשלאָגען מען זאָל אריינלייגען אין חרם אַלע רמב״מ'ס אָנהענגער".

רב שלמה האָט זיך געשראָקען אומזיסט, דעם רד״ק'ס אַגיטאַציעס האָבען געהאַט אַ שוואַכען ערפאָלג. אין פילע קהלות האָט מען איהם גאַנץ קאַלט אויפגענומען, ווייל די רבני צרפת זיינען אין זייער אויפרוף זעהר שאַרף אַרויסגעטראָטען געגען זיין ראַציאָנאַליסטישען פּירוש אויף „מעשה בראשית" און „מעשה מרכבה". אין דער שטאָדט בורגאָס האָט מען איהם אַזוי פיינדליך באַגעגענט, דאָס ער האָט געמוזט גלייך פון דאָרט אַפּפאָהרען. איינער פון די אָנגעזעהענע פאָרשטעהער פון יענער קהילה, יוסף בן טודרוס הלוי, איז גלייך נאָכדעם אַרויסגעטראָטען מיט אַ ספּעציעלען אויפרוף צו די קהלות פון פּראָוואַנס. דער אויפרוף איז באַזונדערס אינטערעסאַנט, ווייל אַלע האָבען געוואוסט, אַז דער אויפרופער געהער ניט צו איינע פון די קעמפּענדע צדדים, ער איז בלויז אַ זייטיגער עדות וואָס האָט צוגעזעהן די גרויסע מחלוקה, דערפאַר האָבען זיינע ווערטער געמאַכט אַ גרויסען רושם אין זיין צייט, און אפילו איצט האָבען זיי אַ גרויס היסטאָרישען ווערט. ער שרייבט:

„זעהר טרויעריגע זאַכען קומען איצט פאָר אין גאָט'ס הייליגער מחנה. די עלטערען צעלייגען דאָס פייער, די קינדער וואַרפען אונטער ברען־שטאָף, און דאָס פלאַם ווערט אַלץ גרעסער, ביז אַרומצוכאַפּען די יסודות פון'ם אַלטען גלויבען און

צו צושטערען זיינע פעסטע מויערען. עס זיינען געקומען מענשען וואָס צוברעכען די צוימען פון דער הייליגער תורה. יעדערער קומט מיט זיינע איינפאַלען, מיט נייע המציאות, און אַלע טראַכטען נאָר וואָס גיכער אָפּוואַרפען אַלע פאַרבאָטען און זיך צו באַפרייען פון אַלע באַגרענעצונגען; אַלע ווערטער פון דער תורה, אַלץ וואָס מיר האָבען בקבלה פון אונזערע אבות, ווערט ביי זיי בלויז אַ משל, אַן אַלעגאָריע. די נסים און מופתים וואָס ווערען געבראַכט אין דער תורה ווערען ביי זיי צו שפּאָט און געלעכטער. זיי מאַכען פון טאָג — נאַכט, און פון פינסטערניש — ליכט. זיי באַשפּאָטען די רייד פון די הייליגע חכמים און האָבען נאָך די העזה זיך צו שטיצען אויף אַ גרויסען אויטאָריטעט. זיי ערקלעהרען זיךפאַר תלמידים און נאָכפאָלגער פון איינעם פון אונזערע גרעסטע גאונים, וואָס זיין גלייכען איז ניט געווען זינט רבינא און רב אשי — רבנו משה בן מיימון; דעם מאור הגולה מאַכען זיי פאַר זייערע שידעם, זיי שטיצען זיך אויף זיין גרויסען נאָמען און מאַכען זיך ניט ווייסענדיג פון דעם אמת, אַז איינער גרויסער לעהרער האָט געשאַפען זיין „מורה נבוכים" נאָר פאַר די יחידי סגולה וואָס זיינען אריינגעדרונגען אין אַלע סודות פון דער גריכישער פילאָזאָפיע. אָט פאַר די איז דער „מורה" געוואָרען דער פעסטער אָנהאַלט, דער אמת'ער וועגווייזער, וואָס האָט זיי געלערנט, ווי אַזוי פעסט צו האַלטען די אייביגע אמת'ן פון אונזער תורה אַנטקעגען די טיפענישען פון פילאָזאָפישען געדאַנק — און דערביי ניט געשטרויכעלט צו ווערען, ניט אַרונטער צו גיין פונ'ם דרך הישר.

נאָר אפילו צו די עטליכע אויסדערוועהלטע האָט דער גרויכער גאון געגעבען בלויז אָנצוהערענישען, ניט מעהר ווי רמזים, און דערביי שטאַרק געוואָרענט מען זאָל זיין ספר ניט אַריינגעבען אין די הענט צו אַזעלכע וואָס זיינען ניט ראוי דערצו.

זיי האָבען אָבער דעם רבינ'ס רצון ניט דערפילט. עס זיינען געקומען מענשען מיט גאַנץ קנאַפּען וויכען און האָבען דעם רמב"מ'ס פילאָזאָפיש בוך געגעבען אין די הענט פונ'ם ערב רב, פון פשוט'ע עמי הארצים. זיי האָבען פאַרשפּרייט תיבונס איבערזעצונג, און אפילו אלחריזיס, וואָס האָט אָפּט פאַרדאָרבען דעם מחבר'ס געדאַנק, אַריינלייגענדיג אין זיין מויל ווערטער וואָס ער האָט קיינמאָל ניט געזאָגט (בשנותו טעמי המחבר, לאשר לא צוה ולא דבר).

דער פועל יוצא: יעדער גראָבער יונג האַלט זיך פאַר אַ מבין, יעדערער טאַפּט מיט זיינע מגושמ'דיגע הענט די גאַנץ איידעלע מאַטעריע, יעדער נאַר, אַ ליאַדע גאַרנישט, האַלט זיך פאַר אַ גאַנצען פילאָזאָף, קריטיקירט אַלץ וואָס אויפ'ן הימעל און אויף דער ערד, זיי מאַכען דעם אָנשטעל אַז זיי ווייסען אַלץ וואָס גאָט טראַכט, אַלע סודות זיינען פאַר זיי אָנטפּלעקט, ניטאָ קיין הייליגע זאַכען" — אַלץ איז איינפאַך און וואָכענדיג: דאַווענען, תפילין לייגען, האַלטען זיי פאַר נאַרישקייטען און לאַכען אָפּ דערפון (לנהג בדברים של קודש מנהג חולין, ופטורין מן התפילה ומן התפילין, ומורידין בקודש ולא מעלין).

דער רמב"ם האָט זיין ספר אַ נאָמען געגעבען „מורה נבוכים" — דער וועגווייזער פאַר די בלאָנדזשענדיגע. אָבער זיינע קליינע תלמידים האָבען פון איהם געמאַכט אַ „נבוכת המורים" — די פאַרבלאָנדזשעניש פון די ווידערשפּעניגע."

די ראַציאָנאַליסטישע מיימוניסטען טיילט איין דער דערמאָהנטער יוסף בן

טודרוס הלוי אין צוויי הויפט טיילען: 1) כת החנפים, די גרופע פון צבועקעס, וואס פארשוועכען די היילינע ווערטער פון דער תורה און דעקען צו זייערע נידע־ריגע תאוות מיט דעם מאנטעל פון וויסענשאפט, כדי די עבירות וואס זיי פלעגען אמאל מוזען טאן בצנעה, קיינער זאל ניט זעהן, זאלען זיי איצט קענען טאן בפרהסיה, זיך ניט שעהמענדיג פאר קיינעם. 2) כת העשירים, די רייכע, וואס זיינען פעט געווארען פונ׳ם ארימאנ׳ס שוויים און ווילען זיך אנטאן אלע תענוגים פון דער וועלט, זיינען זיי זעהר צופרידען וואס זיי קענען אויף א ראציאנאליסטי־שען אופן זיך באפרייען פון רעליגיעזע מצוות און געבאטען.

ער ענדיגט זיין אויפרוף מיט די הארציגע ווערטער:

„ניין! די ווערטען פון אמונה ווערען ניט געוואויגען אויף די וואגשאלען פונ׳ם קאלטען שכל. די תורה פארלירט דערביי איהר גאנצען געשמאק און ריח, און איהר קומט אויף אזא אופן צו פאלשע הנחות.

„איהר, קהילות פון פראוואנס, מוזט וואס גיכער אננעהמען מיטלען געגען דער וואקסענדער געפאהר. טרייסט אייך ניט דערמיט וואס אייער לאנד איז נאך דערוויל אן אכסניה של תורה, אז איהר זענט בקי אין אלע פארבארגענע ווינ־קעלאך פון חכמת היהדות און אפען זיינען פאר אייך אלע וועגען פון גאט׳ס געזע־צען — געדענקט דעם קומענדיגען טאג: הנה ימים באים, עס וועלען קומען טעג ווען איהר וועט שוין זיין ניט זיין צווישען די לעבעדיגע, און קומען וועלען אייערע קינדער און זייערע הערצער וועלען זיי דורכגעפרעסען מיט׳ן גיפט פון אט דעם נייעם מין אפיקורסות, וואס איז פיל געפערליכער פון יענעם, וועלכער האט אין די אלטע צייטען צעשפאלטען די אידישע מחנה אין צוויי׳ען און איבערגעלאזען אייז טייל אלס קראאימער; ווארים יענע, די קראאימער, לייקענען נאר אפ א טייל פון אונזער תורה, דאס איז דעם תלמוד און די תורה שבעל פה, בעת דעם אנדערען טייל וואס איז געגעבען געווארען בכתב פון בארג סיני האבען זיי איבערגעלאזען און היטען איהם אפ אין בוכשטאב, בעת אייערע איצטיגע אויפגעקלעהרטע ווארפען אפ אלץ און ווילען גארניט אנערקענען, ביי זיי איז נאר פאראן בלויז משל און מליצה".

דער אויפרוף האט אבער דעם ציל ניט דערגרייכט וואוהין ער האט געצילט. די פראוואנסער האבען די געוועהר ניט אוועקגעלייגט און אפילו דער רד״ק, ניט קוקענדיג אויף זיין דורכפאל אין שפאניע, איז נאך אלץ געפאהרען וויטער. זיין ציל איז געווען צו דערגרייכען די גרעסטע קהילה, טאלעדא, טראכטענדיג, אויב איהם זאל געלינגען יענע קהילה צו באוועגען מחרים צו זיין רב שלמה מהחר, וועט דאס אליין שוין זיין א גרויסער מאראלישער געווינס; נאר — אויפ׳ן וועג אהינצו, ניט ווייט פון טאלעדא, איז ער שטארק קראנק געווארען און זיך געמוזט אפשטע־לען אין דער שטאדט אווילא.

אבער דאס האט איהם ניט אפגעהאלטען פון קאמף. אויפ׳ן בעט ליגענדיג האט ער געשריבען בריוו, דערמיט צו אויפטאן וואס ער קען ניט פערזענליך, מחמת זיין קראנקהייט.

8

יהודה בן יוסף אלפאכער קומט ארויס קעגן מיימוניסטען

זייענדיג קראנק האט דוד קמחי אוועקגעשיקט א בריוו צום עלטסטען פון דער טאלעדאר קהילה, צום העכסט געלערנטען דאקטאר יהודה בן יוסף אבן אלפאכער.

קמחי האט דא ווידער געמאכט א טעות מיינענדיג, אז יענער געלערנטער וועט ארויסטרעטען מיט איהם געגען די אנטי־מיימוניסטען. ארויסגעוויזען האט זיך אז ער האט דערמיט אויפגעוועקט געגען זיך א שארפען געגנער.

פון דעם בריוו־וועקסעל צווישען דיביידע דערמאנטע קען מען זיך איבערצייגען ווי פאלש עס איז די ביז איצט אנגענומענע מיינונג, אז די אנטי מיימוניסטען זיינען געווען „פינסטערלינגע און לויטער עמי הארצים מיט מגושמ׳דיגע באגריפען פון דער געטליכקייט ווי אמאליגע געצענדינער". ווארים אלפאכאר איז אויסער זיין גרויסקייט אין תלמוד — אויך געווען א באריהמטער געלערנטער אין אנדערע חכמות פון זיין צייט. דערצו איז ער נאך געווען געבענשט מיט א שכל הישר, מיט א טאלאנט צו אנאליזירען יעדען געדאנק. און א דאנק די פעהיגקייט האט ער געהאט די מעגליכקייט אויפצודעקען די אלע שוואכע זייטען פון רמב״ם׳ס פילאזאפישען סיסטעם, ניט קוקענדיג דערויף, וואס אלפאכאר האט זעהר געשעצט דעם רמב״ם אלס שטארקען דענקער און ערשט־קלאסיגען תלמוד־פארשער.

שוין אין זיין ערשטען ענטפער צו קמחין ערקלעהרט אלפאכער באשטימט, אז ער איז מסכים מיט שלמה מההר. ער שרייבט צו קמחין: דו בעטסט מיך איך זאל אויכווירקען ביי די פארשטעהער פון אונזער קהילה זיי זאלען געבען זייער הסכמה אויפ׳ן חרם מיט וועלכען איהר זענט ארויסגעטראטען געגען דעם גאטספארכטיגען שלמה׳ן און זיינע טרייע תלמידים. גאט זאל מיר היטען איך זאל אזוינס טאן קעגען דעם דאזיגען גאטספארכטיגען מענשען, וואס איז ווערט דעם גרעסטען שבח דערפאר, ווייל זיי אלע האבען געהאט דעם מוטה אפען ארויסצוטרעטען אין גאט׳ס נאמען געגען די וואס זיינען עובר אויף די געזעצען פון דער תורה און צושטערען די יסודות פון אונזער אמונה... נאר וואס אנבאטרעפט צו דיין בקשה ארויסצוזאגען מיין מיינונג וועגען דעם רמב״מ׳ס „מורה" איז גלייכער זיך צו האלטען אין תלמודישען ווערטעל: רעדען איז ווערט א טאלער, און שווייגען — צוויי (מלה בסלע ושתיקא בתרי).

אבער אין איינעם פון זיינע שפעטערדיגע בריוו צום זעלבען קמחי פארגעסט ער זיך פון דעם כלל און געהט ארויס גאנץ אפען געגען דעם „מורה נבוכים", אין וועלכען ער זעהט א געפאהר צו דער אמונה, און נאך מעהר מחמת די ראציאנאלע הנחות, וואס ווערען אויסגענוצט פון זיינע פלאכע, מיטעלמעסיגע נאכפאלגער.

אין א זאפטיגען סטיל אבער מיט שארפע ווערטער באווייזט אלפאכאר, אז דעם רמב״מ׳ס גרונט טעות באשטעהט אין דעם, וואס ער וויל פאראייניגען צוויי וועלט־אנשויאונגען, וועלכע האבען צווישען זיך קיין שום שייכות ניט, און זיינען גאר אין תוך סותר איינער דעם אנדערען. „ער, דער רמב״ם, וויל אלץ צונויפ־

פֿאַרען די תורה מיט דער גריכישער פילאָזאָפיע, ער איז זיך מטריח צו באַווייזען, אַז זיי זיינען ווי צוויי קערענדלאך פון איין נוס, און איינס צום אַנדערען זיינען ענהליך ווי צוויי צווילינג־שעפעלאך — אומזיסט איז אָבער זיין גאַנצע מיה. עס קען צווישען זיי קיין שלום ניט ווערען. צו פֿאַרשיידען זיינען זיי, צו קענען אמאָל ווערען צוויי צווילינג־שוועכטער. אַ טיפער אָפּגרונט טיילט זיי פֿונאַנדער, דאָס זיינען פֿאַרשיידענע וועלט־מיינונגען און יעדערע פון זיי טענה׳ט, ווי די ווייבער פון שלמה המלך׳ס משפט: נאָר דער לעבעדיגער איז מיין זוהן און דיינער איז דער טויטער. מען דאַרף ניט און מען טאָר ניט רעדען וועגען שלום דאָרט וואו קיין שלום קאָן ניט זיין.

„דער רמב״ם פֿאַרקוקט אָט דעם גרויסען אומצוווייפעלהאַפטען אמת. ער וויל אַלץ שלום מאַכען צווישען די יסודות פון אונזער אמונה מיט די הנחות פון דער אַריסטאָטעלישער פילאָזאָפיע. דאָרט וואו ער רעדט וועגען קדמות העולם (אַז די וועלט איז אַן אייביג עקזיסטירענדע) איז ער דאָך אליין מודה, אַז ווען ער זאָל ביי אריסטו׳ן געפינען לאָגיש־איבערצייגענדע ראיות אויף דער וועלט׳ס אייביגער עקזיסטענץ וואָלט ער שוין געוואוסט ווי אויסצוטייטשען די ערשטע פסוקים פון בראשית כדי זיי זאָלען האַרמאָנירען מיט אריסטו׳ס מיינונג.

„ביי רבנו משה בן מיימון איז די העכסטע אויטאָריטעט די שכל׳דיגע המציאות דער פילאָזאָפּיִם פון דער גריכישער פילאָזאָפיע. ער פֿאַרגעסט אָבער, אַז ריינע לאָגיק איז באמת ניטאָ. און די לאָגישע באַווייזען אויף וועלכע פילאָזאָפיע איז זיך סומך זיינען ניט פריי פון דעם פסולת וואָס טראָגט אין גריכיש דעם נאָמען „סאָפיזם״, און באַשטעהט פון קונצענמאַכעריי, וואָס פֿאַרבלענדעט דעם אָרענטליכען פֿאַרשטאַנד מיט שאַרפזיניגע אויבערשפיצלאך און איינפאַלען, און פיהרען איהם אַרונטער פון׳ם גראָדען וועג צו גאָר פאַלשע סברות.

„אמת, מיר זיינען אַלע מחוייב זיך צו פֿאַרהאַלטען מיט גרויס כבוד צום אָנדענק פון רבנו משה בן מיימון, מחבר פון׳ם אונפֿאַרגלייכליכען „משנה תורה״, צו וועלכען קיין גלייכען איז ניטאָ. איך ווייס אויך זעהר גוט, אַז נאָר אַ שטאַרקער און שאַרפער דענקער האָט געקענט שאַפען אַזאַ ווערק ווי דער „מורה נבוכים״ איז. איך ווייס אָבער אויך וואָס פאַר אַ געפאַהר עס שטעקט אין דעם דאָזיגען חבור. אַ פרעמד פייער האָט ער אָנגעצונדען אויף גאָט׳ס מזבח, פיינדליכע געדאַנקען ברענגט ער אריין אין תורת משה, און נאָך גרעסער ווערט די געפאַהר דורך די וואָס רופען זיך „דעם רמב״מ׳ס תלמידים״, און רעדען אין זיין נאָמען. עס וואַקסט אַלץ די צאָהל פון די כלומרשט געבילדעטע און האַלב אויפגעקלעהרטע וואָס ערקלעהרען זיך פאַר מיימונ׳ס אָנהענגער און אויפ׳ן סמך פון זיינע הנחות און זייערע פאַלשע אויסטייטשונגען אין זיינע ווערטער וואָס זיי קענען גאָר ניט פֿאַרשטעהן, וואַרפען זיי אָפּ גאָט׳ס וואָרט. דער „מורה״ איז געוואָרען דער פאַנציר און שוצמאַנטעל פאַר אַלע אָפּטריניגע און כופרים. שטיצענדיג זיך אויף דעם „מורה״ לייקענען זיי אָפּ די אַלע מופתים און ניסים, אַלץ איז ביי זיי אַ משל, אַ מליצה, און די טייערע פסוקים מיט זייער מאָראַל און באַלעהרונג — טייערער פון גאָלד און פערל — האָבען זיי צו די גריכען פאַרקויפט (וכל מקראיה היקרים מפנינים, מכרו לבני היונים).

„ איך ווייס״, שרייבט אלפאכאר — אַז צווישען אייך, מיימוניסטען, זיינען

אויך פאראן מענטשן פון ברייטע, אלזייטיגע וויסען. און טאקע צו אייך ווענדע איך זיך מיט דער שאלה: זינט ווען איז ערשינען די תורה פון מצרים, ניט פון ציון? (אן אנצוהערעניש אויף דעם רמב״מ׳ס וואוינארט) און גאט׳ס ווארט קומט מעהר ניט פון ירושלים? ביי אייך איז דער „מורה" א נייע תורה. איהר ערקלעהרט, אז דאס איז די לעהרע וואס משה (משה בן מיימון) האט אונז געגעבען! העכער פון די נביאים ווילט איהר דעם רמב״ם שטעלען. טא זייט וויסען, אז גאט איז ניט אין אייער לאגער, באטראכט אייך, כל זמן ס׳איז נאך ניט צו שפעט. טוט אפ פון אייערע געצעלטען די פרעמדע געטער און מאכט ריין אייערע הערצער... געדענקט, אז איהר צעווארפט מיט די אייגענע הענט אייער שוצוואנט, איהר אליין צושטערט די יסודות פון אייער אמונה — און אט וועלען קומען די טעג פון נסיון, שרעקליכע, פינסטערע טעג! אייערע אייגענע קינדער וועלען זיך אפקערען פון אייך, זיי וועלען זייער גלויבען פארבייטען, צוליב די נייע וועלען זיי די אלטע לעהרע פארגעסען. און איהר, וואס אויפ׳ן סמך פון „מורה" טוט איהר פארפיהרען די קינדער פונ׳ם פאלק, און ברענגט אריין מיטווילינקייט אין דער הייליגער מחנה — איהר וועט דאמאלסט וועלען זיך אומקעהרען צוריק, נאר עס וועט שוין זיין צו שפעט. צום פעסטען לאנד וועט איהר וועלען צורודערען, נאר די ווידערשפעניגסטע כוואליעס וועלען אייך פארפלייצען, און ארום וועט איהר הערען נאר דאס קאלטע געלעכטער פון גלייכגילטיגע, און דאס חוצפה׳דיגע געשפאט פון די פרעמד־געווארענע קינדער".

דער גאנצער בריוו פון אלפאכאר׳ן איז דורכגעדרונגען מיט דער פעסטער איבערצייגונג, אז דער פאלקס גלויבען מיט די פון זינט־דורות־לאנג־פעסטגעשטעלטע מסורה און טראדיציעס, איז דער איינציגער פארבינדונגס־מיטעל פאר דעם נאציאנאלען קבוץ וואס איז פארשפרייט איבער דער גאנצער וועלט און אלע מדינות. די טראדיציאנעלע אפהיטונג פון אונזערע מנהגים אין בוכשטאב האלטען צונויף אלע דורות, יונג און אלט, עלטערען מיט קינדער.

אבער דער ראציאנאליזם וואס שטיצט זיך אויפ׳ן קאלטען שכל איז ניט צוגענגליך צו אלעמען גלייך, ער מאכט א שטריך צווישען אלט און יונג, צווישען געלערנטע און פראכטע, און גיט די גאנצע דעה צום איינצעלנעם יחיד, צו דעם גייסטיג־הויך־ענטוויקעלטען מענשען, וועלכער ווערט דער איינציגער אויטאריטעט איבער אלעמען, און אזוי ארום ווערט צושטערט די נאציאנאלע איינהייט, ספעציעל נאך ווען צווישען צוויי אזעלכע אויטאריטעטען וואקסט אויס א מיינונגס־פארשיידענהייט.

די אידישע היסטאריע אין די שפעטערדיגע יאהרען האט באוויזען די גערעכטיגקייט פון דעם הויך־געלערנטען און פיין פיהלענדיגען אלפאכאר; אבער אין יענער צייט זיינען די צוויי לאגערען צופיל געווען פארקאכט אין דער מחלוקה צו קענען באנעהמען שכל׳דיגע ווערטער. ביז זיי האבען געהאט די ביטערע ערפאהרונג וואוהין מחלוקה קען פארפיהרען.

9

די מסירה. רמבמ'ס ספרים ווערען געברענט אויפ'ן שייטערהויפען

וואס א טאג ווייטער איז די מלחמה געווארען שטארקער און פארביסענער. בריוו פאר די מיימוניסטען און דאגעגען האבען געפלייצט אהן און אויפהער, גאנצע ביכער קען מען אנפילען מיט זיי.

אויסער די פאלעמישע בריוו וואו איין לאגער גרייפט אן דעם צווייטען, האבען די געגנער אין מלחמה־ברען אויסגענוצט א מעהר גיפטיגע געוועהר. דאס איז די בייסיגע עפיגראם. צו מעהרסטען האבען זיך מיט איהר באנוצט די מיימוניסטען, צווישען וועלכע עס זיינען געווען בכלל מעהרער העבראישע קינסטלער. אן ערך פון 80 זיינען דערגאנגען צו אונז אין שפעטערדיגע זאמעלביכער. מיר וועלען באקאנען די לעזער מיט איניגע פון זיי אין אידיש ווערטערליכע איבערזעצונג, גענומען פון דר. י. צינבערג'ס „די געשיכטע פון דער ליטעראטור ביי אידען" צווייטער טייל.

דער באוואוסטער דיכטער משולם דאפערא ווענדעט זיך צום רמבמ'ס „מורה" מיט פאלגענדער עפיגראם:

„שוויג דו, מורה נבוכים! פארשלים דיינע לעפצען! ניט געהערט זיינען ווען געווארען אזעלכע רייד! עס זינדיגען אלע וואס מיינען — א משל איז דאס ווארט פון דער תורה, און א חלום בלויז איז די זעהזיכטיגקייט פון'ם נביא".

די דאזיגע עפיגראם האט שטארק אויפגעבראכט די מיימוניסטען און פון אלע זייטען האבען זיך גענומען שיטען עפיגראמען קעגען דעם פאנאטישען דיכטער. מיר ברענגען בלויז איניגע פון זיי:

„מרי במורה יאמרו מורים — ימירון מור במי מרים. יתמרמרו וימרדו מרים — מאור ויורים בו ומאירים (איבערזעצונג: זיי, די ווידערשפעניגע, וואגען דעם „מורה" א קאמף צו ערקלעהרען! דעם טרעגער פון ליכט טוען זיי פלוכען און שענדען. דעם דופטיגען ווייראך ווילען זיי אלס גיפט פארשרייען).

א צווייטע לויטעט אזוי:

„ראו מורה ובינו מעלתו — ותראו בשחקים בית נבאות. שמו מורה למורים וסמכהו — ומורה הוא במרום גאותו. ואם תתבוננו תדעו בביאור — בספרי הגאונים אין כמותו" (אידיש: באטראכט גוט דעם מורה, זיין ווערט לערענט זיך שעצען, דאן ערשט וועט איהר באגרייפען, אז זיין געצעלט שפארט אין די הימעלשע הויכען. דער וועגווייזער פאר פארשטענדיגע, טוט ער די ווידערשפעניגע מיט זיין שטאלץ צושמעטערען. ווער עס האט נאר פארשטאנד, דער זעהט און באגרייפט אז צווישען אלע ספרי גאונים איז ניטא זיין גלייכען).

א דריטע זאגט אזוי

„פתי! במתג סום עדי סבלך בלום, של נעליך, עול, ואל תקרב חלום! משל להבין אין לך שכל, ואיך תוכל להבין אם במראה או בחלום. (דו נאר! מיט א פערד'ס צוים פארשלים דאס מויל פון דיין טפשות, די שיך טו אויס, דו

בעל עילה, און האָב ניט קיין העזה דאָ צו שטעלען דיין פּוס! דו ביזט ניט אימשטאַנד צו באַגרייפען אין וואָס אַ משל באַשטעהט. ווי קענסטו אונטערשיידען, וואָב הייסט אַ חלום און וואָס — ועהזיכטיגקייט?)

אַן עפּיגראַם וואו דער „מורה“ רעדט וועגען זיך אליין:

„אני שרף, תלאוני עלי נס ידי משה להחיות בו נשבים, להשכיל בו ויהיל אחרי מות. הבי יקרא שמי „מורה נבוכים“. (איך בין אַ ברענענדיגע שלאַנג, וואָס משה האָט אינדערהויך אויפגעהויבען צו היילען אַלע געביסענע. איך מאַך ליכטיג די אויגען, און אומשטערבליכקייט שענק איך די מענשען. אַט דערפאַר איז דאָך מיין נאָמען „דער לעהרער צו פאַרבלאָנדזשעטע“).

דער דיכטער, יעקב בן עזרא, גבאי, ערקלעהרט מיט שטאָלץ:

„הורות נבוכים חן ולקח טוב — אך לא לערלי לב ולקשים. הם לא יבינום עד יבא גואל — כנאמר: השע והשמן לב. סורר ומורה, סור ואל תקרב — צדיק ומורה סוד ותשים לב. (די בעסטע לעהרע איז דער מורה נבוכים — ניט אָבער פאַר די פאַרשטאָפּטע הערצער און שטומפּיגע מחות. ניט פאַרשטעהן וועלען זיי איהם ביז משיח וועט קומען. זאָלען די פאַרדאָרבענע זיך דערווייטערען פון איהם — בלויז גערעכטע און פאַרשטענדיגע וויסען ווי איהם שעצען).

די מיימוניסטען, וואָס צווישען זיי זיינען געווען מענשען פון זעהר הויכער געזעלשאַפטליכער שטעלונג, האָבען ארויסגעוויזען פיל מעהר אַקטיוויטעט פון זייערע געגנער. די לאַגע פון רב שלמה מההר און זיינע תלמידים איז געוואָרען אַ גאַנץ קריטישע. די רבני צרפת זיינען געבליבען זייטיגע צושייער, אויף זיי קוקענדיג זיינען די איבעריגע סימפּאַטיזירער אויך שטיל געבליבען, איהם מיט די תלמידים איבערלאָזענדיג אליין אין קאַמף, מיט דער מעגליכקייט פון אַ חרם. דערמאָלט, אין זיין העכסטער נויט, האָט ער אָפּגעטאָן אַ פאַרברעכען וואָס האָט זיין נאָמען פאַרדעקט מיט שאַנד פאַר אַלע קומענדיגע דורות. ער מיט זיינע אָנהענגער זיינען געקומען צו די פראַנציסקאַנער און דאָמיניקאַנער גלחים, אָנידערגעלייגט פאַר זיי דעם רמב״ם „מדע“ און „מורה“ און אַזוי געזאָגט: איהר זוכט אַלץ ביי אייך אפּיקורסישע ביכער און פאַרטיליגט זיי. ווייסט זשע אַז אויך ביי אונז זיינען פאַראַן אַזעלכע שעדליכע ביכער, די וואָס משה פון מצרים האָט אָנגעשריבען. פאַרטיליגט זיי אויך.

געראָדע איז דאַמאָלסט געווען די צייט ווען דער פאַנאַטישער פּויבסט אינאָצענטיע דער דריטער, האָט געוואָרפען אַ חשד אויף וויסענשאַפט און איבערהויפּט אויף אריסטוס׳עס ביכער און געלעגט אַ פאַרבאָט זיי צו לערנען און צו האַלטען. אין מאָנעפּעליע איז געווען אַ דאָמיניקאַנער קלויכטער וואָס האָט זיך אויסגעצייכענט מיט העכסט פאַנאַטישע מאָנאַכען. דעם רמב״מ׳ס השפּעה האָט זיך גענומען פיהלען אפילו צווישען די קריסטען פון רוים, און אין וואַטיקאַן גופא האָט אַ גרופּע געלערנעט דעם „מורה נבוכים“ אין אַ לאַטיינישער איבערזעצונג. די גלחים וואָס האָבען פיינט געהאַט וויכענשאַפט בכלל און אידען בפרט, האָבען זיך דערפרעהט מיט דער געלעגענהייט. די אָרטיגע גייסטיגע אינקוויזיציע האָט גלייך באַשטימט מען זאָל פאַרברענען דעם רמב״ם׳ס צוויי ספרים. מאָנאַכען זיינען געגאַנגען פון הויז צו הויז, צונויפגענומען דעם רמב״ם׳ס עקזעמפּלאַרען און זיי אַלע פאַרברענט

אויפ׳ן שייטערהויפען. שלמה׳ס מיטקעמפער, יונה גירונדי, האט דאס זעלבע גע־פּועל׳ט אין פּאריז, מען זאל פארברענען די דערמאנטע ספרים.

א פאלקס מסורה דערציילט, אז דעם שייטערהויפען פון פּאריז האט מען אנגעצונדען מיט א ליכט וואס עס איז גענומען געווארען פונ׳ם אלטאר אין דער באריהמטער נאטר דאם קירך. דאס האט די גלחים געגעבען א באזונדער פאר־געניגען און פאר אידען געמאכט דעם צער נאך גרעסער.

דאס עפענטליכע פארברענען פון דעם רמבמ׳ס ספרים האט געמאכט א גע־וואלטיגען רושם. דער יונגער שמואל בן אברהם ספורטה האט זיך געווענדעט צו די רבני צרפת מיט א לאנגען בריוו און זיי געבעטען זיי זאלען זיך אננעהמען פאר דעם כבוד פון די פארשוועכטע ספרים פון דעם גרויסען גאון, און זיי, מיט זייער גרויסער אויטאריטעט, זאלען עפענטליך ערקלעהרען אז דעם רמבמ׳ס גע־רודפ׳טע ווערק זיינען ריין פון וועלכער ס׳איז אפיקורסות.

אן אומבאקאנטער דיכטער — אנדערע זיינען זיך משער אז דאס איז אברהם, דעם רמבמ׳ס זוהן — האט באוויינט די דורך פייער אומגעבראכטע ספרים, אין א שעהן קלאג־ליד:

וויי נאריש זיינען די, וואס מיינען: מען קען מיט פייער\
פארטיליגען ווערטער ווי גינגאלד טייער,\
זיי זיינען דאך אליין ברענענדיגער פייער,\
ווי קענען דען זיי אין פלאמען אונטערגעהן?\
זייט וויסען איהר, וואס האבען גורם געווען\
און מיטגעהאלפען די שרעקליכע טאט זאל געשעהן:\
ווי דער נביא פון תשבי זיינען זיי אין פלאמען געשטויגען,\
אויף פליגעל פון שרפים אין הימעל געפלויגען.

אין דער זעלבער צייט האט אימיצער זיך פאר׳גנב׳עט צום רמבמ׳ס קבר, און אויף זיין מצבה אויסגעקריצט די ווערטער: „אט דא ליגט דער מין און אפיקורס, משה בן מיימון פון מצרים״.

און ווען אידען פון אלע שיכטען האבען געטרויערט אויף דער מורא׳דיגער פאסירונג איז אין פובבסטליכען לאגער געווען פרעהליך. ענדליך איז זיי געלונגען זיך נוקם צו זיין אן אידען דורך א אידען.

ווי האט געפיהלט דאמאלסט רב שלמה מההר? איז ער געווען צופרידען מיט זיין אויפטו, אדער איהם האט שוין פארדראסען זעהענדיג ווי ווייט ער איז פאר־קראכען? וועגען דעם שווייגט די היסטאריע. אבער מיר וויסען יא, אז אלע זיינע גוטע פריינט האבען זיך נאך דער מעשה פון איהם אפגעסערט. בלויז צוויי זיינען פארבליבען, וואס האבען איהם ניט פארעכטינט, נאר באדויעט.

10

תלמוד ווערט פאַרברענט אויף׳ן זעלבען אָרט וואו מען האט געברענט דעם „מורה״

דער ערשטער וואָס איז ארויסגעקומען פאַרטיידיגען שלמה מהחר איז געווען יהודה אלפאַכאַר. אין זיינעם אַ בריוו צו דוד קמחי שרייבט ער: רב שלמה איז באַגאַנגען אַ גרויסע עולה מיט זיין מסירה; אָבער דאָס האָט א י ה ר איהם גע־בראַכט דערצו מיט אייערע רדיפות. מען טאָר ניט ברענגען אַ מענשען ביז צו דער לעצטער מדרגה פון פאַרצווייפלונג. איצט באַקומט איהר געצאָהלט פאַר אייערע מעשים.

— אמת — שרייבט ער ווייטער — איבערצוגעבען אונזערע גייסטיגע אוצרות אין די הענט פון אונזערע שונאים איז אַ גרויס פאַרברעכען, נאָר אין דעם זענט איהר די מיטהעלפער. איהר האָט איהם גע׳רודפ׳ט, איהר האָט איהם אין חרם אריינגעוואָרפען, איהר האָט איהם געיאָגט און פאַרביטערט דאָס לעבען, קיין רוה ניט געגעבען . . . נאָר וואָס עס האָט געדאַרפט געשעהן, א י ז געשעהן. זעהט, מאַכט באַטש איצט אַ סוף צום מחלוקת, דערוווייטערט ניט דעם אָרימען שלמה׳ן מיט ביידע הענט (ואל תתנו לבעלי המחלוקת לדחות את הדל בשתי ידים).

נאָר צו שטאַרק איז שוין געווען פאַנאַנדערגעבלאָזען דער פלאַם פון מחלוקת, מען זאָל עס קענען איינשטילען מיט פאַרנונפטיגע רייד. אויסער דעם, האָט קמחי דערצעהלט, אַז די מסירה האָט זיך ניט באַנוגענט בלויז אויף אפיקורסישע ספרים (דעם רמבמ׳ס „מורה״ און „מדע״) נאָר עס האָט אָנגעגריפען די אפיקורסים גופא. לויט דוד קמחי׳ס באַהויפטונג זאָל שלמה האָבען געזאָגט צו די דאָמיניקאנער אַזוי: זייט וויסען אַז אין אונזער קהילה האָבען זיך שטאַרק פאַרמעהרט די צאָהל אפי־קורסים וואָס לייקענען אין גאָט, זיי האָבען דאָ אריינגעבראַכט די לעהרע פון משה בן מיימון אויס מצרים, וועלכע האָט געשריבען אפיקורסישע ביכער (זיין לשון: „ויאמר להם: ראו כי בני עמנו רובם מינים וכופרים, כי נפתו לדברי רבנו משה כמצרים אשר כתב להם ספרי מינות״).

די שפּעטערדיגע צרות האָבען מיטגעהאָלפען קיינער זאָל אין אַכט ניט נעהמען אלפאַכאַר׳ס פאַרטיידיגונג און אויך ניט די ווייכע רייד פון יוסף בן טודרוס הלוי, וואָס ער האָט געשריבען צו די אָנפיהרער פון דער מחלוקת. וואָרים די אינקווי־זיציע האָט אָנגעהויבען צו זוכען אידישע פריידענקער, און אויף וועמען עס איז געפאַלען אַ חשד, איז באַלד אַרעסטירט געוואָרען. עס איז קיין ספק ניט, אַז אַ סך מיימוניסטען זיינען דעמאָלסט געשטאַנען אין גרויס געפאַהר.

מיר מוזען געדענקען אַז דעמאָלכט האָט געהערשט „לודוויג דער הייליגער״, און אונטער זיין רעזשים האָט דער אינקוויזיטאָר ראָבער פאַר׳משפט צו פאַרברע־נען אויפ׳ן שייטער הויפען 222 מענשען אין פאַרלויף פון 5 יאָהר (צווישען 1234-39) בלויז פאַר דער חוצפה צו האָבען אייגענע מיינונגען.

די מיימוניסטען אָבער, צווישען וועלכע עס זיינען געווען אַ סך מענשען, וואָס האָבען פאַרנומען זעהר חשוב׳ע פּאָסטענס אין דער רעגירונג, איז געלונגען צו

דערוויזן ווי ווייט די מסירה איז פון אמת. איצט האט זיך דאס רעדל איבער־געדרעהט: די מיימוניסטען זיינען באפרייט געווארען בעת די מוסרים האט מען ארעסטירט פאר'ן זאגען פאלש עדות און נאכדעם באשטראפט. נאך אלעמען איז עס פאר די דאמיניקאנער אלץ עגאל וועלכע אידען צו באשטראפען — אבי אידען זאלען פאראורטיילט ווערען.

אויסהערענדיג די אנקלאגע האט דער שטרענגער ריכטער גע'משפט אז דער תליון זאל ביי יעדען מוסר די צונג אויכשניידען. אזוי האט מען געטאן.

שרעקליך איז אזא אורטייל. אבער נאך שרעקליכער איז, זיך דערוויסענדיג, אז די פארקאכטע בעלי מחלוקת, אנשטאט חרטה צו האבען זעהענדיג ווי ווייט די מחלוקות האט געבראכט, זיינען זיי דערביי געשטאנען און געשפאט איבער די פארבלוטיגטע קרבנות, ווען יענע האבען זיך נאך געצאפעלט אונטער דעם תליון'ס הענט. איינער פון די מיימוניסטען — מען זאגט אז דאס איז דער טאלאנטפול־לער איבערזעצער פון „בן המלך והנזיר", אברהם אבן חסדאי — האט ארויסגע־לאזען פאלגענדע עפיגראם אויף דער דאזיגער פאסירונג, וואו ער שרייבט מיט גרוים הנאה:

די פינסטערע פיהרער האבען באשלאסען:
דעם „מורה", דעם לעהרער פון ליכט, אויסצוראטען.
האט גאט זיין צארן אויף זיי אויסגעגאסען,
ס'האט א בראך נאך א בראך זיי געטראפען.
קענען די הימלען האבען זיי זייערע מיילער דערהויבען,
איצט טרעט מען זייערע צינגער אין שטויבען.

מיר לעזען די דאזיגע פאסירונג און גאפען, ניט וויסענדיג אויף וואס פריהער זיך וואונדערען: צי אויף דעם רוצחישען ריכטער ארויסצוגעבען אזא שטרענגען אורטייל אויף מענשען וואס האבען קיינעם קערפערליך ניט געשאדעט, צי גאר אויף די מיימוניסטען, וואס האבען גאר פארגעסען, אז די פארהאסטע זיינען סוף כל סוף אייגענע ברידער, אייגען בלוט און פלייש. ווען ניט די עפיגראם און אנ־דערע באווייזען אויף זייער טריאומף איבער'ן „שונא" וואלטען מיר זיכער גע־מיינט אז דער מיימוניכטישער לאגער האט געטרויערט, ניט ווייניגער ווי דוד המלך אויף אבשלום'ען זיין זוהן — כאטש דער לעצטער איז געגאנגען אויף זיין לעבען; נאר די עפיגראם זאגט אנדערש. דערצו געפינט זיך עס פארעפענטליכט אין דעם אויפרוף פון אברהם יהודה אבן חסדאי, און אין „מלחמות השם" פון רב אברהם, דעם רמבמ'ס זוהן. דאס באווייזט, אז אפילו די גרעסטע און איידעלסטע פון דעם לאגער האבען עס אויפגענומען מיט צופרידענהייט . . . ווי שעדליך איז דער כח פון מחלוקת, צו קענען פארוואנדלען די בעסטע מענשען אין ווילדע חיות!

וואו איז שלמה מההר אהינגעקומען? פון יענעם מאמענט אן ווערט ער פון דער היסטאריע אינגאנצען פארשוויגען. בלויז אין איינציגע בריוו פון עטליכע תלמידי חכמים ווערט גערעדט פון איהם ווי פון א געשטארבענעם מיט'ן טיטול „קדוש", וואס באצייכענט אזעלכען וועלכער איז ניט געשטארבען מיט א נאטיר־ליכען טויט. דערפון נעהמט זיך די השערה, אז ער איז אויך געווען צווישען די פאר'משפט'ע. העכסט ווארשיינליך האט מען איהם אויך די צונג אויסגעשניטען.

ס'איז א סברא, אז דער פריהערדערמאהנטער בחיי אלקאנסטאנטיני איז גע־וועזן דער יעניגער וואס האט פאראורזאכט די מוסרים זאלען קריגען דעם שוידער־ליכען פסק. ווייל ער איז דאך געווען זעהר אנגעזעהן ביים ארגאנישען קעניג יאקאב דער ערשטער, צו וועמען עס האט געהערט די שטאדט מאנפעליע.

נאך דעם משפט, ווען די אנפיהרער זיינען באשטראפט געווארען, האט זיך די מחלוקה איינגעשטילט אויף א שטיקעל צייט.

אין אייניגע יאהר ארום איז אין פאריז פארגעקומען דער בארימטער ויכוח וועגען דעם תלמוד, און אויף דעם זעלבען פלאץ וואו מען האט ערשט ניט לאנג געברענט דעם רמבמ'ס ספרים, האט מען איצט געבראכט גאנצע פוהרען מיט מסכתות פון גמרא, וואו זיי זיינען פארברענט געווארען ווי יענע.

דאס האט געמאכט א שוידערליכע ווירקונג אויף אלע אידען. דער קלאנג איז פאראייביגט געווארען אין דעם קלאג־ליד „שאלי שרופה באש", וואס איז איצט אריינגעשטעלט אין קינות פאר תשעה באב און ווערט געזאגט מיט טרעהרען אין די אויגען בכל תפוצות ישראל.

יונה גירונדי, שלמה'ס געטרייער תלמיד, וועלכער איז געווען אין פאריז די גאנצע צייט און ניצל געווארען פון יענעם משפט, האט דערין געזעהן גאט'ס שטראף למאי מען האט איבערגעגעבען ספרים פון א גרויסען גאון צו פארברענען, און ער איז געווען איינער פון די הויפט אנפיהרער. דער געדאנק האט איהם ניט געלאזט רוהען, און ער האט אנגענומען אויף זיך א תשובה צו פאהרען קיין ארץ ישראל, דערגרייכען צום רמבמ'ס קבר וואס געפינט זיך לעבען טבריא און איהם בעטען מחילה.

אבער דעם נחת איז איהם אויך ניט געווען באשערט צו האבען, ווייל מאכ־ענדיג די הכנות צו דער נסיעה איז ער געשטארבען.

אין משך פון זיינע תשובה טעג האט ער פארפאסט זיין ספר „שערי תשובה" וואס איז זעהר פאפולער צווישען אידען ביז היינטיגען טאג.

אין יענער צייט האט מען אפגעמעקט פון רמבמ'ס מצבה די ווערטער „פה טמון משה בן מיימון המוחרם והמין" און צוריק ארויפגעשטעלט דעם ערשטען נוסח „פה טמון רבנו משה בן מיימון מבחר האנושי".

די מחלוקה איז איינגעשטילט געווארען, אבער ניט פארלאשען. אייגענטליך געהט אן די מלחמה ביז היינט צו טאג. דער רמב"ם פון „יד החזקה" איז שטענ־דיג געשטאנען הויך אין אלעמענס אויגען, סיי פון זיינע פארעהרער סיי פון זיינע געגנער. אבער דער „מורה" מיט'ן ערשטען חלק פון משנה תורה דער „מדע", זיינען געבליבען היינט אזוי שווער צו פארדייען ביי א גרויסען טייל אידען, ווי אמאל.

איך וויל אפילו קיין פארזוך ניט מאכען נאכצופאלגען דעם אידייען־קאמף דורך די דורות ביז היינט, ווייל א גאנצע ביבליאטעק קענען פארנעהמען די ספרים וואס זיינען שוין פארשריבען געווארען וועגען דעם. דער רמב"ם ווערט נישט פארגעסען, וואוהין מען קעהרט זיך — אין הלכה, אין אגדה צי אין פילאזאפיע — מוז מען זיך טרעפען מיט זיינע געדאנקען אדער מיט די געדאנקען פון זיינע געגנער.

אבער כדי כאטש צו געבען דעם לעזער עטוואס א באגריף פון דער היינטיגער

מיינונג וועגן רמבמ׳ס פילאָזאָפישען סיסטעם און אויף ווי ווייט זי איז צונענג־ליך צו דער אידישער רעליגיע, וועל איך איבערגעבען די מיינונג פון אחד העם, אין זיין מאמר „שלטון השכל״, וואָס ער האָט פאַרעפענטליכט צום רמבמ׳ס זיבען הונדערטס יאָהריגען יאָהרצייט אין „השלח״ תרס״ה און שפּעטער אין „פרשת דרכים״ פערטער טייל.

11

אחד העם וועגען רמב״ם

אין זיין מאמר „שלטון השכל״ האָט אחד העם זיך געשטעלט די אויפגאַבע אויסצוגעפינען דעם הויפּט געדאַנק פון׳ם רמב״מ׳ס רעליגיעזע און עטישע אנ־שויאונג, וועלכע האָבען אויפגעטרייסעלט די דאַמאָלסטדיגע מחות — ביי געגנער ווי ביי פאַרעהרער — און איבערגעלאָזען אַ טיפען איינדרוק אינ׳ם געדאַנקענגאַנג פון די שפּעטערע דורות ביז היינטיגען טאָג.

איז דער רמב״ם געווען אַ באַשאַפער פון אַ נייער שיטה? די פראַגע וואָס אַ סך האָבען זיך געשטעלט און געוואָלט פאַרענטפערען, לאָזט אחד העם איבער צו יענע וואָס האָבען אַ נטיה צו דעפיניציעס. ער מיינט, אַז ווי מיר זאָלען איהם ניט אָנרופען קען קיינער ניט לייקענען, אַז זיינע גרונט־יסודות האָט דער רמב״ם גענומען אינגאַנצען פון אריסטו׳ן, לויט דער אַראַבישער איבערגעבונג, וואו עס זיינען פאַרמישט געוואָרען אַ סך יסודות פון די נייפּלאַטאָנער. פון דער אַנדער זייט מוז מען צוגעבען, אַז דער רמב״ם איז געגאַנגען ווייטער און טיפער ביים אַרויס־קריגען די זיטליכע פּועל יוצא׳ס וואָס קומען אַרויס פון זייערע הנחות — פיל טיפער פון די גריכען און אַראַבער, די בעלי הנחות אליין. און דעריין איז דער רמב״ם אַן אָריגינעלער באַשעפער, אַרויסברענגענדיג נייע „אויספיהרען״ וואָס אַנדערע האָבען ניט אַרויסגעזאָגט, כאָטש לאָגישערווייז זיינען זיי געלעגען אין זייערע הנחות.

כדי צו פאַרשטעהן זיין שיטה מוז מען פריהער זיך באַקענען מיט זיינע מעטאַפיזישע הנחות וואָס אויף זיי איז זי געבויט. אין יענער צייט זיינען די הנחות געווען איבער אַלע ספקות, אַקסיאָמען וואָס מען טאָר ניט איבערפרעגען. דער רמב״ם אַליין, פאַרמירענדיג אין צורה פון הלכות, האָט געגלויבט, אַז זיי זיינען דאָס העכסטע וואָס אַ מענש קען דערגרייכען, און זייענדיג אמת און אויס־געהאַלטען וועלען זיי קיינמאָל ניט געענדערט ווערען.

די הויפּט יסודות זיינען פאָלגענדע:

א — יעדער געגענשטאַנד וואָס געפינט זיך אויף אונזער וועלט באַשטעהט פון אַ חומר און אַ צורה (מאַטעריע און פאָרמע) נאָר דאָ דאַרף מען ניט פאַרשטעהן „צורה״ ווי דער המון פאַרשטעהט דעם וואָרט: „פאָרמע״, ד.ה. ווי די זאַך קוקט אויס — נאָר „אייגענשאַפט״ וואָס דער געגענשטאַנד באַזיצט און וואָס עס האָט פון איהם געמאַכט אַן אַנדער מין, אין פאַרגלייך מיט אַנדערע מינים וואָס אַרום איהם אויף דער וועלט (מו״נ חלק א׳ פרק א׳).

ב — מען קען קיינמאָל ניט זעהן אַ חומר אָהן אַ צורה אָדער אַ צורה אָהן אַ

חומר, ס׳איז נאָר דער שכל וואָס טיילט זיי פאַנאַנדער אין צוויי געגענשטאַנדען. וואָרים ווי באַלד די „צורה" גיט די פאָרמע צום „עצם" צו ווערען דאָס וואָס ער איז, מוז זי דאָך זיין עקזיסטירענד אַקטועל, ניט נאָר אין שכל אליין. ווידער דער חומר אָהן אַ צורה, איז דאָך אומגעמאָלט, ווייל דאַן איז ניטאָ די אייגענשאַפט וואָס מאַכט איהם וואָס ער איז". נאָר אין די העכערע וועלטען זיינען פאַראַן צורות אָהן חומר, דאָס וואָס אַריסטו באַהויפטעט, און דער רמב״ם רופט זיי „שכלים נפרדים", אָדער „שכלים נבדלים". אַלע געגענשטאַנדען פון אונזער וועלט מוזען באַשטעהן פון מאַטעריע און פאָרמע צוזאַמען (מו״נ צווייטער טייל פרק ד׳ יסודי התורה הלכה ז׳).

ג — די טבע פונ׳ם חומר איז ניט אָנצוהאַלטען אַ שטענדיגע צורה, נאָר ער האַלט זיי אין כסדר׳דיגען בייטען: איינע אויסגעטאָן, די צווייטע אָנגעטאָן. דער חומר גופא באַשטעהט פון „זיין" און „ניט ווערען", בעת די צורה שטרעבט ניט צו ענדערונג, און דאָס „ניט זיין" איז בלויז מצד איהר פאַרבינדונג מיט׳ן חומר. דערפאַר זיינען די צורות פונ׳ם מין שטענדיג עקזיסטירענדע בעת די צורה פונ׳ם אינדיווידיאום ווערט און פאַרשווינדט. אַ פאָלק לעבט שטענדיג אין איין און דער זעלבער פאָרמע, אָבער ניט די איינצעלנע מענשען, מחמת דעם מענשענ׳ס צורה געהט שטענדיג צוזאַמען מיט זיין חומר וואָס איז באַגרעניצט אין דעם צוויי־שען־זיין פון „ווערען און אונטערגעהן". (מו״נ חלק ג׳ פרק ח׳).

ד — דער נפש פון יעדע באַשעפעניש דאָס איז זיין צורה. דער גוף איז דער חומר, אין וועלכען די צורה טוט זיך אָן. דערפאַר, ווען דער גוף לעזט זיך אויף צוריק אויף די נאַטירליכע יסודות פון וואַנען ער איזלכתחילה באַשאַפען געוואָרען, ווערט דער נפש פאַרלוירען, ווייל ער עקזיסטירט בלויז צוזאַמען מיט׳ן גוף. דער נפש עקזיסטירט שטענדיג נאָר אין מין, אַזוי ווי אַלע אַנדערע צורות, וועמענס טבע איז באַשריבען אין פאַראַגראַף ג׳ (יסודות התורה הלכה ח׳ ט׳).

ה — די נשמה איז איינע, אָבער זי טוט פאַרשיידענע אַרבייטען, דערפאַר רעדען פילאָזאָפען וועגען איהרע טיילען. אָבער קיינער מיינט ניט צו זאָגען, אַז זי טיילט זיך אַזוי ווי מאַטעריע, נאָר זיי רופען עס „חלקים" מצד די פאַרשיידענע פונקציעס. אין דעם זינען זיינען פאַראַן פינף פונקציעס: דער כח וואָס שפייזט, דער וואָס פיהלט, פאָרשטעלונגס קראַפט, עמפינדליכקייט, און דער שכל וואָס דענקט. אין די ערשטע 4 כחות זיינען אַלע לעבעדיגע באַשעפענישען גלייך מיט׳ן מענשען, כאָטש יעדער מין האָט זיך זיין וועג ווי זיי צו געברויכען. בלויז דער שכל איז וואָס מאַכט העכער דעם מין מענש איבער אַלע בעלי חיים, קענענדיג דענקען, לערנען און אונטערשיידען צווישען גוטע און שלעכטע מעשים (שמונה פרקים פרק א׳).

דער פועל יוצא פון די אַלע פינף הנחות איז, אַז אין עצם איז דעם מענשענ׳ס נפש, אַזוי ווי פון אַלע בעלי חיים: בלויז אַ צורה באַהעפט אין אַ חומר, וואָס הערט אויף צו זיין, אַזוי גיך ווי דער לעצטער לייזט זיך אויף אין די נאַטירליכע פיר יסודות. מיט דער אויפלייזונג פונ׳ם גוף ווערען פאַרלאָרען אַלע פינף חלקים פון וועלכע דער נפש באַשטעהט. אַזוי פאַרשטעהען אַריסטו׳ס ערקלעהרער, ווי אַלכסנדר הפרדוסי און אַנדערע עקסטרימע דענקער.

עס זיינען אָבער פאַראַן אַ סך אָנהענגער פון אַריסטו׳ס פילאָזאָפיע, און גלייב־

צייטיג אָנהענגער פון דער אמונה אין השארת הנפש, וואָס האָבען איינגעלערענט אין אריסטו׳ס ווערטער, אז ער זאָל פון דעם כלל האָבען ארויסגענומען דעם חלק השכל. יענע 4 זיינען טאַקע נאַטירליכע, און הערען אויף צו עקזיסטירען גלייך מיט׳ן גוף. נאָר דער שכל פארבלייבט אויף שטענדיג, אפילו נאָכ׳ן טויט אויך. דער רמב״ם איז אָבער געווען צופיל אויסגעהאַלטען ניט צו זעהן די סתירה אין אזא פשרה. פון דער אַנדער זייט האָט ער ניט געקענט בלייבען מיט דער מסקנא וואָס מאַכט אוועק די נשמה עקזיסטענץ נאָכ׳ן טויט. כדי ארויסצוקומען גערעכט צו אריסטו׳ן און גערעכט צום אידישען גלויבען, האָט ער גענומען א געדאַנק פון דער אראַבישער פילאָזאָפיע, פארברייטערט, פארפאַלקאָמט, און איהם געמאַכט פאר׳ן יסוד היסודות פון זיין מאָראַל־שיטה. דערמיט איז ער ארויס פון דער ענגשאַפט וואָס אמונה פון איין זייט און אריסטו פון דער צווייטער האָבען איהם געהאַלטען פארשפּאַרט.

דער עיקר רעיון איז אזוי: טראָץ דעם וואָס דער שכל איז ניט מעהר ווי איינער פון די כחות הנפש וואָס פארשווינדען מיט׳ן שטאַרבען, געפינט זיך אָבער אין איהם א כח פון „הכנה", וואָס ערמעגליכט צו דערגרייכען די גרויסע אמת׳ן, און נאָר דער שכל מוז שטאַרבען, וואָס האָט ניט ענטוויקעלט אָט דעם הכנה־כח און איהם ניט ארויסגעבראַכט מכח אל הפועל. אָבער אויב דער מענש געברויכט דעם כח אריינצונעהמען אין זיך חכמה, מאַכענדיג פון דעם „בכח" א „בפועל", געווינט ער דערמיט אן אונאָפּהענגיגע עקזיסטענץ, און בלייבט טאַקע לעבען איי־ביג, אפילו ווען דער גוף איז שוין לאַנג ניטאָ. דער נפש באַהעפט זיך דאַן מיט די ערוואָרבענע שכל׳ען, און ווערט אויך אזוי אייביג ווי זיי. מיר מאַכען אַלזאָ אן אונטערשייד צווישען דעם נאַטירליכען שכל, וואָס קומט פון געבורט און איז ניט מעהר ווי א כח אין גוף און דעם ערוואָרבענעם (שכל־הנקנה) וואָס דער מענש קריגט דורך לערנען און דענקען. דורכ׳ן לערנען ווערט ער אָפּגעטיילט פונ׳ם גוף און בלייבט דערפאַר אייביג־עקזיסטירענד ווי די הימעלישע „שכלים נבדלים". (מו״נ ערשטער חלק, פרק ע—ע״ב און אין נאָך איינינע ערטער).

איצט, ווייסענדיג אז דער נפש גיט די אייגענשאַפט פון יעדע באַשעפעניש, פארשטעהען מיר, אז דער „בעל שכל הנקנה", וואָס בלייבט אייביג עקזיסטירענד, איז א באַזונדער מין מענש לגבי יענעם וואָס האָט ניט געלערענט, און דערפאַר איז זיין שכל אויך אזוי שטערבליך ווי דער גוף; ביים לעצטען איז זיין נאַטיר־ליכער נפש די צורה, בעת ביים ערשטען איז דער שכל הנקנה זיין צורה, און דער נפש איז זיין חומר, מיט׳ן גוף האָט ער שוין גאָרניט צו טאָן. (יסוה״ת פרק ד׳. הלכה ח׳ ט׳).

ביז דאַנען איז ער געגאַנגען נאָך די אראַבישע פילאָזאָפען. נאָר בעת יענע זיינען דאָ געבליבען שטעהן און ניט געגאַנגען טיפער צו דערגרונטעווען אַלע פועל יוצא׳ס וואָס קומען ארויס פון דער הנחה, אבי געקראָגען א סמך אויף השארת הנפש — איז דער רמב״ם ניט געבליבען שטעהן אינמיטען וועג און האָט זיך גאָרניט געשראָקען פאר די דעדוקציעס ווי עקסטרים פרעמד זיי זאָלען ניט זיין.

קודם כל האָט ער פעסטגעשטעלט דעם אינהאַלט פון דער השגה און איהר איי־גענשאַפט, וואָס פיהרט צו דערגרייכען דעם „שכל הנקנה". אויב די פאַראייניגונג מיט שכל׳ען ברענגט אייביגקייט צום נפש, מוזען זיי דאָך זיין פון אייביגע ווערטען.

ווארים ווי קען זיין אז דורך ניט אייביגע ווערטען זאל ער קריגען אייביגקייט? ס'איז זיכער אז פאלגענדע מושכלות געהערען ניט צו אייביגע ווערטען: א) אל־געמיינע וויסענשאפט, ווי: מאטעמאטיק און לאגיק, וואס זיינען בלויז אבסטראק־טע געזעצען, ניט ערקלעהרונגען אויף די זאכען וואס זיינען אין מציאות. די זיינען בלויז דענקונגס אינסטרומענטען אבער ניט דענקונג אליין. ב) אלגעמיינע וויסענ־שאפטען וואס ווייזען ווי צו טאן כדי צו דערגרייכען א געוויסען צוועק, אבער ניט קיין ערקלעהרונג אויף זאכען וואס זיינען אין מציאות, צו דעם סוג געהערען: די לעהרע פון עטיק און עסטעטיציזם. ג) די ידיעה פון אינדיווידועלע צורות, וואס האבען נאר א ווערט זייענדיג צייטווייליג פארבונדען מיט'ן חומר. צו דעם מין געהערען לעבענס באשרייבונגען פון גרויסע מענשען א.ד.ג. די 3 מינים, כאטש נוצליכע און אנדערע גאר נויטווענדיגע נאר ניט פון אייביגע ווערטען, דערפאר האבען זיי ניט בכח צו פאראייביגען די נשמה, ארויסברענגענדיג איהר אייגענ־שאפט „מכח אל הפועל".

וועלכע מושכלות זיינען פון אייביגען ווערט? א) די צורות פון מינים וואס געפינען זיך אויף אונזער ערדישער וועלט, וועלכע זיינען, ווי באוואוסט, שטענדיגע. ב) די הימעלישע קערפערען (זון, לבנה, שטערן) טראץ זייער באשטעהן פון א חומר און א צורה זיינען דאך אייביג־עקזיסטירענדע. ג) די גייסטער אהן קערפערן, ווי: גאט, די מלאכים. אט די למודים: פיזיק און מעטאפיזיק, זיינען אמת'ע, איי־ביגע אמת'ן, און דערפאר קענען די לערנער דורך זיי ארויספיהרען דעם שכל מכח אל הפועל וואס מיינט — אייביגקייט אין עקזיסטענץ.

דאס איז בנוגע דעם אינהאלט פון די למודים. בנוגע דעם אופן פון השגה שטעלט ער פעסט, אז דער וואס וויל פאראייביגען זיין נשמה טאר ניט בלויז לערנען וואס אנדערע האבען ערקלעהרט, ווייל דאס גופא איז ניט מעהר ווי אמונה, דער שכל טוט דערביי גארניט — נאר אליין צו דערגרייכען די אמת'ע ווערטען. דא מוז שוין דער שכל אליין ארבייטען, דערמיט פארבינדט ער זיך מיט דער אייביגקייט.

די חלוקים זיינען פארשפרייט אין א סך ערטער, אנדערשוואו ארויסגעזאגט בפירוש און אנדערשוואו נאר אנגעוואונקען (ווי למשל אין מו"נ חלק ג' פרק נ"א).

12

דער אונטערשייד צווישען רמבמ'ס „איבערמענש" און ניטשע'ס

איצט לאמיר זעהן דעם עטישען פועל יוצא וואס קומט ארויס פון דער שיטה.

די פראגע וועגען הויפט־צוועק פון דער גאנצער בריאה בכלל — איז ביים רמב"ם א נארישע, ווייל נאך אלע פלפולים און „פארוואסען" מוז מען קומען צום ענטפער: „אזוי האט גאט (אדער זיין חכמה) באשלאסען; נאר גלייכצייטיג איז ער מסכים מיט אריסטו'ן, אז דער נעהענטסטער תכלית פון אונזער וועלט־באשאף איז דער מין מענש. ווארים דער פראצעס פון „בייטען צורות, ווערען און ניט ווערען" באווייזט די שטרעבונג אויסצוגעפינען וואס בעסערס און פאלקאמענערס.

און וויסענדיג אז די העכסטע פאלקאמענהייט קען דערגרייכען נאר דער מין מענש מצד זיין ,,שכל הנקנה'', איז שוין גרינג צו פארשטעהן אז ער איז דער תכלית הבריאה פון אונזער וועלט.

ממילא קריגען מיר שוין א גוטען ענטפער אויף דער פראגע: ,,צוליב וועלכען צוועק איז דער מין מענש באשאפען געווארען''. דער ענטפער איז: יעדער מענש זאל קענען ענטוויקלען דעם חלק פון זיין נשמה וואס איז ביים געבוירען געווען א ,,בכח'', איהם מאכען פאר א ,,בפועל'', און ממילא פאר אן אייביג עקזיסטירענדען — איינדריקענדיג אין איהם די ריכטיגע למודים וואס האבען אייביגע ווערטען. (מו''נ ח''ג פרק י''ג און אין הקדמה צום פירוש המשניות זרעים).

הייסט עס, אז אלעס וואס איינער טוט פאר זיין עסען, קליידונג און דירה, אפילו פאר זיין פאלק און לאנד—האבען קיין שום ווערט ניט אין זיך אליין, נאר זיי זיינען בלויז מיטלען כדי דער חלק זאל קענען טאן זיין ארבייט: לערנען מושכלות און זיי אויסמאלען אין זיין נשמה. (אין דער דערמאהנטער הקדמה).

דערמיט דערגרייכען מיר א נייעם קריטעריום בנוגע די מענשליכע עטיק. יעדע אקציע האט א געוויסען ווערט — צו פאזיטיוו, צי נעגאטיוו — נאר לויט איהר העלפען אדער שטערען אין מענשען'ס שטרעבען צום תכלית, טוענדיג יענע גוטע ארבייט צוליב וועלכע ער איז באשאפען געווארען. יעדע אקציע וואס העלפט ארויסצוברענגען דעם שכל פון ,,בכח'' צום ,,בפועל'' — הייסט ,,גוט'' און ,,שלעכט'' — די וואס שטערט דערין.

איצט קענען מיר אוועקשטעלען דעם עטישען לייטער און באטראכטען די טרעפ (מדרגות) פון אויבען אראפ: די העכסטע מדרגה איז, דאס לערנען פיזיק און מעטאפיזיק, די זיינען חכמות פון אייביגע ווערטהען, וואס ערקלעהרט דעם לערנער זיין ,,איך'', פיזיש און גייסטיג; א נידעריגערע מדרגה איז: טעארעטישע למודים ווי צו פראקטיצירען גוטע מדות, ווייל זיי גרייטען צו דעם לערנער צום ,,גרויסען תכלית''. נאך נידעריגער זיינען די פראסטע ארבייט פאר'ן עסען, טרינקען, קליידונג א.ד.ג. האבענדיג בלויז אן עקזיסטענץ־בארעכטיגונג מצד דאס דערווייטערען דעם צער פון הונגער און דארשט, וואס שטערען די דענקונגס ארבייט. אביסעל א העכערע מדרגה איז די פראקטיצירונג פון מדות, ווייל דאס שטילט איין די תאוה און דער שכל קריגט מעהר צייט און מעגליכקייט צו ערווערבען אייביגקייט. אבער אפילו דאס האט אויך ניט קיין ווערט פאר זיך, נאר ער איז א מיטעל וואס פיהרט צום גרויסען ציל. (מו''נ ח''ג פרק כ''ז, נ''ד, הלכות דעית פרק ג. ד. און הקדמת זרעים).

אויסגעהאלטען צו זיין שיטה האלט דער רמב''ם פון כלל, אז אין אלע מדות איז דער מיטעלוועג דער בעסטער. אמת, דעם כלל האט ער גענומען פון אריסטון, אבער ניט מיט יענעמ'ס ציל: אריסטו זעהט דערין דעם תכלית, צו האבען א שעהנעם נימוס וואס א בעל נימוס דארף אפהיטען, און דערביי ענדיגט עס זיך, בעת דער רמב''ם זעהט דערין בלויז א מיטעל צום גרויסען ציל: נעהמענדיג איין עקסטרים — רעכטס צו לינקס — געהט ער אוועק אן א זייט פונ'ם וועג וואס פיהרט צו אייביגקייט: ענטוועדער ער ווערט צופיל ארייגעצויגען אין תאוות, אדער ער איז מצער זיין גוף, בעת דער מיטעלוועג לאזט איהם געהן גלייך צום תכלית. (שמונה פרקים ענדע פרק ד' און אנפאנג פרק ה').

דערמיט קענען מיר שוין ערקלערען דעם תכלית פון דער מענשליכער עקזיס־טענץ אלס א גאנצע.

ווי פריהער ערקלערט, באשטעהט די מענשהייט פון צוויי מינים: איין מין — און ער איז דאס רוב — מענשען „בכח״, דער צווייטער — איינער אדער צוויי אין א דור — א מענש „בפועל״. דער צווייטער ווערט ניט לכתחילה באַ־שאפען אלס א מין פאר זיך, נאר ער שיילט זיך ארויס פון׳ם ערשטען, דורך באַ־העפטונג אין די חכמות פון אייביגע ווערטען.

אָבער דער וועג איז לאנג און שווער, פול מיט שטערונגען, בלויז איינער צי צוויי אין א דור קענען די מדרגה דערגרייכען. די גאנצע מאסע בלייבען איבער „מענשען בכח״. בלייבט צוריק די אלטע פראגע: וואס איז דער צוועק פון אָט דער גרויסער מאסע וואס איז פארבליבען אין „בכח״? זאלען מיר זאגען, אז די בריאה פון גאט איז געווען ווי די ארבייט פון א שלעכטען בעל מלאכה באשאַ־פענדיג כלים, וואס שאפט אוןווארפט אוועק די קאליע געווארענע ביז עס געהט ארויס איין כלי פארפאלקאמט מיט אלע מעלות? נאר אויף גאט׳ס שאפענדיגע נאטור קען מען דאס ניט זאגען, זעהענדיג די וואונדערבארע הארמאניע וואס עס הערשט אינ׳ם גאנצען אוניווערס, און ווי אזוי קיין זאך איז ניט באשאפען גע־ווארען אָהן שום צוועק. ווארום־זשע זאל דער אויסגעהאלטענער כלל ווערען ניט אויסגעהאלטען קומענדיג צום מין מענש? מוזען מיר געפינען זייער צוועק ווידער אין דעם איינצעלנעם „מענשען בפועל״, וועלכער איז דער עסענץ פון דער בריאה, און איהם מיינענדיג האט מען באשאפען די „מאסען בכח״ זיי זאלען טאָן די וועלט־ליכע ארבייט, בויען הייזער און פלאנצען בוימער, זייען תבואה און שניידען, כדי דער „אויבערמענש״ זאל זיין פריי פון אלע דאגות און קענען זיך איבערגעבען צום למוד פון די אמת׳ע חכמות. (הקדמה צום כהר זרעים).

קריגען מיר ארויס דערפון א צוועקמעסיגקייט אויך פאר די „מאסען בכח״; זיי עקזיסטירען צוליב דעם איינעם „אויבערמענש״; אָבער ער אליין עקזיסטירט צוליב זיך אליין.

דערמיט קומט אריין אין דער עטיק א נייער יסוד: די נוצען פון געזעלשאפט־ליכקייט.

ווארום ווען יעדער מענש באזונדער וואלט געקענט ווערען אן „אויבערמענש״, ניט דארפענדיג אנקומען צו דער געזעלשאפט נאך הילף, וואלט דער עטישער קרי־טעריום געווען בלויז אן אינדיווידועלער, און יעדערער וואלט עס געקענט מעסטען לויט פאלגענדער פארמולא: וואס עס העלפט מיר צו דערגרייכען די „אמת׳ע שכל׳ען״ — דאס איז מיין עטישע גוטעס, און וואס עס שטערט מיר דערין — איז מיין שלעכטעס. אָבער ווען די השגה איז אומצוגענגליך פאר דער מאיאָריטעט, נאר פאר איינצעלנע אדער פאר „דעם איינעם״, וואס מוז דערין ווערען ארויס־געהאלפען פונ׳ם רבים — קומט שוין ארויס א נייער קריטעריום, א געזעלשאפט־ליכער: „גוט״ מיינט וואס העלפט ארויס דעם רבים זיך צו פארפאלקאמען אין זיין מיסיע, און „שלעכט״ — וואס עס שטערט איהם דערין.

און פון דעם געזעלשאפטליכען קריטעריום קענען זיך ביידע ניט באפרייען: די מאיאָריטעט געוויס ניט, ווייל יעדער אינדיווידועל באזונדער האט דאך קיין צוועק ניט פאר זיין עקזיסטענץ אויסער דעם געזעלשאפטליכען וואוילזיין. אפילו

דער איבערמענש וואָס האָט אַ ריין פּערזענליכע עקזיסטענץ באַרעכטיגונג, מוז אויך שטרעבען צום וואוילזיין פון דער חברה, אין וועלכער זיין הילף ליגט, און וואָס מעהר די מאַסען ווערען ענטוויקעלט אויפ׳ן מאַטעריעלען געביט, אַלץ בעסער און גרינגער ווערט איהם צו געהן אויף זיין וועג צו אייביגקייט. ממילא קומט אויס, אַז טראָץ דעם וואָס דער הויפּט צוועק פון דער גאַנצער מענשהייט איז „דער איי־נער", אָבער דער וואוילזיין פון דער געזעלשאַפט איז וויכטיגער פון דעם אינדי־ווידיאומס, אפילו ווען ער איז אַן איבערמענש (זעה מו״נ ח״ג פּרק כ״ג און ל״ד).

לויט דעם שטאַנדפּונקט איז פאַראַן אַ געוויסער עטישער צוועק אין אַלע מאַ־טעריעלע צווייגען פון מענשען׳ס טעטיגקייט, וואָס פאַרבעסערען און פאַרגרינגע־רען דעם לעבען, העלפענדיג פיל־וועניגער צו שאַפען די נויטיגע „סביבה" וואָס דער איבערמענש דאַרף האָבען. דערפאַר גיט דער רמב״ם עקזיסטענץ באַרעכטיגונג צו שעהן־קונסט, סקולפּטור, רייזע באַשרייבונגען, אַרכיטעקטור, און אפילו צו פיינע מעבעל און שעהנע בגדים. זיי אַליין האָבען, אמת, קיין „אייגענעם ווערט" ניט, אָבער די אַלע גיבען דעם שכל אַן איבערבייט און אַן אָפּרוה נאָכ׳ן שווער ארביי־טען אין די אמת׳ע חכמות, און מאַכען איהם פעהיג צום ארבייטען נאָכדעם מיט באַנייטע כחות (שמונה פּרקים, פּרק ח׳).

מיט דעם אויספיהר, דערנעהענטערט זיך דער רמב״ם צו דער אור־אַלטער אי־דישער השקפה, וועלכע האָט געשטעלט פאַר׳ן הויפּט צוועק די עקזיסטענץ פונ׳ם כלל, און איהר געמאַכט פאַר׳ן תכלית צום לעבען פון יעדען יחיד. וואָרים טראָץ זיין באַווייזען דעם קווינט־עסענץ פון דער מענשליכער בריאה אינ׳ם איבער־מענש, גיט ער צו אַז אפילו יענע אַליין מוזען שטרעבען צום גליק פון די מאַסען בכלל.

איבערפלעכליך קען מען אפשר געפינען אַ געוויסע עהנליכקייט צווישען דעם רמבמ׳ס „איבערמענש" און ניטשע׳ס. דער לעצטער זעהט דאָך אויך דעם הויפּט צוועק פון דער בריאה אין איהם, און אויך ער באַרעכטיגט יענעמס לעבען אויף דעם חשבון פון די נידעריגע מאַסען. אָבער טיפער אַריינטראַכטענדיג זעהט מען נאָר די עהנליכקייט אין נאָמען, ניט אין כאַראַקטער.

ערשטענס, וואָס ניטשע, דער גייסטיגער גריך, זעהט פאָלקאָמענהייט אין דער פאָלשטענדיגער האַרמאָניע צווישען קערפּער און גייסט, בעת דעם רמבמ׳ס איבער־מענש האָט גאָרניט צו טאָן מיט קערפּערליכע, און אפילו ניט מיט גייסטיגע מעלות, נאָר מיט׳ן שכל, וואָס קריגט אייביגקייט דורך פאַרטיפען זיך אין די שטענדיג אויסגעהאַלטען־אמת׳ע חכמות.

צווייטענס, וואָס די שייכות פון ניטשע׳ס איבערמענש צו דער געזעלשאַפט איז אינגאַנצען אַנדערש ווי דער פונ׳ם רמבם: דער ערשטער זוכט אַן אויסדרוק צו זיינע כחות אין דער וועלט אויסער איהם, ער שטרעבט צו פאַרווירקליכען זיין ווילען אקטועל און וויל ניט האָבען קיינע שטערונגען אויף זיין וועג, דערפאַר האַלט ער שטענדיג מלחמה געגען דער געזעלשאַפט, וועלכע וויל איהם צאַמען דורך איהרע מאָראַלע געזעצען וואָס זיינען ניט פאַר איהם געשאַפען געוואָרען, נאָר פאַר די מאַסען; בעת דעם רמבמ׳ס איבערמענש שטרעבט ניט צו ענדערען די וועלט־אָרדנונג לויט זיין ווילען, נאָר צו ענטוויקלען זיין גייסט אין זיין פּערזענליכער וועלט. די געזעלשאַפט איז ניט זיין שונא, פאַרקעהרט, ער לעבט מיט איהר

בשלום, וויסענדיג אז אהן איהר הילף קען ער גארניט אויפטאן. אלעס וואס ער פארלאנגט פון איהר איז, זיינע מאטעריעלע באדערפענישען כדי ער זאל קענען לעבען רוהיג. ער ווינשט איהר גליק, וויסענדיג אז איהר גליק איז אויך זיין גליק.

ביז איצט זעהען מיר דעם רמב״ם׳ס עטישע שיטה, געבויט אויף פילאזאפישע יסודות, און גאר ניט דערמאנהנט ווענען אידישער אמונה, פארקעהרט: זיין מיינונג ביז איצט איז געגען דער אידישער השקפה, וואס זעהט אין דעם „בעל־מדות״ אן אויבערמענש, בעת די חכמי התלמוד לויבען מעהר דעם וואס „מעשיו מרובין״ אנטקעגען דעם וואס האט אין זיך א סך חכמה און ווייניג מעשים.

13

תורת משה אונטער פילאזאפישער קאנטראל

דער רמב״ם, אויסער זיין פילאזאפיע, איז דאך געווען רעליגיעז, און געגלויבט אין דער געטליכקייט פון תורת משה, און דא שטעלט זיך די פראגע:

איז פאראן אין פילאזאפיע אן ארט צום גלויבען אין דער מעגליכקייט פון ענטפלעקונג, דאס מיינט: גאט זאל זיך באווייזען צו איינעם אדער עטליכע און זיי איבערגעבען א תורה? די פראגע איז אפהענגיג אן א צווייטער: איז די וועלט אן אייביג עקזיסטירענדע און איהר עקזיסטענץ איז אומפארמיידליך (מחויב המציאות) ווי אריסטו בעהויפטעט, אדער זי איז א באשאפענע (מחודש) דורך דעם ווילען פון גאט, לויט דער אידישער טראדיציע? אין ערשטען פאל געהט די וועלט לויט די אומפארמיידליכע נאטור געזעצען פון אייביג אן, ממילא בלייבט קיין ארט ניט פאר עטוואס איבער דער דרך הטבע, פאלגליך אויך ניט פאר א תורה פון גאט (תורה מן השמים). אין צווייטען פאל וואס גיט צו די מעגליכקייט פון א באשאפענע וועלט, ווייל אזוי האט דער בורא ווען ס׳איז געוואלט, קען דאך אזא ווילען קומען א צווייטען מאל, ביים געבען א תורה פון הימעל צו מענשען. באטש דאס געהט ארויס פון דער דרך הטבע.

אין קורצען: חידוש העולם געהט צוזאמען מיט תורה מן השמים, ווייל אויב דאס ערשטע ערמעגליכט אוממעגליכעס, קען דאס צווייטע אויך אזוי זיין, און אויף די פראגעס: פארוואס איצט, ניט פריהער און ניט שפעטער. א.ד.ג. איז פאראן איין ענטפער: אזוי האט דער בורא געוואלט, אדער אזוי האט זיין חכמה גוזר געווען, און מיר ווייסען ניט פארוואס. געגוג איז צו וויסען, אז עטוואס איז באשאפען געווארען דורך זיין ווילען, און חידוש העולם מיט תורה מן השמים זאלען ווערען מעגליכקייטען. (מו״נ ח״ב פרק כ״ח).

צו דער מסקנא אויף חדוש העולם איז ער געקומען נאך א שווערען אנאליזירען אלע אריסטו׳ס ארגומענטען וואס צייגען אויף „קדמות״, און ניט געפונען דערויף א הכרעה מצד דעם שכל. זאל ער יא האבען געפונען, וואלטען איהם די פסוקים פון דער תורה וואס באווייזען אויף „חידוש״ ניט צוריקהאלטען צוצושטימען צו אריסטו׳ן, און די פסוקים איינצולערנען זיי זאלען שטימען, „ווייל די טויערען פון פירושים זיינען ניט פארשלאסען״. נאר, ניט געפינענדיג די ראיות אויף „קדמות״

גענוג שטארק — אזוי ווי דעם רמב״מ׳ס ראיות אויף „חידוש", וועלכע זיינען אויך ניט גענוג שטארק — מעגען מיר זיך פארלאזען אויפ׳ן פשט פון די פסוקים וואס ווייזען אן אויף חידוש, „ניט זינדיגענדיג דערמיט געגען שכל". (מו״נ ח״ב פרק ט״ז, כ״ח).

באשטעטיגענדיג חידוש העולם אין א געוויסען דאטום „ווייל אזוי האט דער בורא געוואלט", ווערט שוין מעגליך דער נס פון א תורה מן השמים אין א גע־וויסען דאטום, דורך דעם גרעסטען פון די נביאים, ווער עס האט געקראגען אויף זיך די געטליכע שפע פון גאט, דורך דעם „שכל הפועל" (וועלט שכל) וועלכער איז דער ממוצע צווישען בורא און די נידעריגע וועלט, און ער איז עס וואס ברענגט ארויס מכח אל הפועל אלע צורות (פארמען), די פארמע פון דער נשמה אריינגערעכענט. דער נביא וואס האט מעהר ווי אלע אנטוויקעלט זיין „שכל הנקנה" און אריינגעבראכט א גלייכע הארמאניע צווישען שכל און געפיהל — ער איז עס דער וואס האט געקענט אריינזאפען אין זיך די גרויסע שפע פון גאט דורכ׳ן שכל הפועל, און אויף אזא אופן האבען מיר געקראגען די תורה פון הימעל, דורך משה רבנו, דער גרעסטער איבער אלע נביאים. (מו״נ ח״ב פרק ל״ב ביז ענדע חלק, משנה תורה, יסודי התורה פרק ז׳).

ווי געזאגט, קען מען קיין קשיות ניט פרעגען: פארוואס אין יענער צייט און ניט אין קיין אנדערע? פארוואס נאר צו אידען, ניט צו אלעמען? ווייל דער ענטפער איז איינער: אזוי האט ער געוואלט. נאר מיר קענען יא פרעגען: וואס איז די אויפגאבע פון אזא תורה און וואס איז זי געקומען צו פארריכטען, וואריס עס לאזט זיך ניט גלויבען דער בורא זאל איינברעכען די טבע אהן צו האבען א וויכטיגען צוועק דערביי; ניט וויסענדיג דעם צוועק פון אלע פרטים, ווייל מיר קענען ניט אריינדרינגען אין די טיפעניש פון זיין חכמה, אבער בדרך כלל וואלטען מיר יא געדארפט וויסען וויפיל די תורה קען העלפען די מענשען צום הויפט־צוועק פון זייער עקזיסטענץ. (מו״נ ח״ג פרק כ״ז).

די זאך איז פאר איהם קלאהר, אז די תורה קען ניט ברענגען דירעקט — ניט מיט איהר טעארעטישען טייל, ניט מיט איהרע פראקטישע מצוות — צום הויפט־ציל: ארויסצוברענגען דעם שכל „מכח אל הפועל", ווייל ווי פריהער ערקלעהרט קען מען עס ניט קריגען דורך מדות טובות, אויך ניט דורך מעשים טובים, און אפילו ניט דורך לערנען זאכען וואס קומען בקבלה, נאר ארבייטענדיג שווער און לאנג מיט׳ן שכל איבער פיזישע און מעטאפיזישע אמת׳ן. מוזען מיר זאגען אז די תורה מיט איהרע מצוות זיינען בלויז מיטלען וואס זיינען נויטיג פאר׳ן מענשען צו קענען דורך זיי דערגרייכען דעם הויפט תכלית. די תורה באצוועקט אלזא איינצופיהרען אזא לעבענס־פארמע וואס קען ארויסגעבען פון זיך וואס מעהר מענשען בפועל, דערפאר מוז זי זיין צוגעפאסט ניט צו איינצעלנע וואס פארטיפען זיך אין איהר, נאר צום גאנצען המון. די גאנצע געזעלשאפט מוזען די מצוות פראקטיצירען און ארויסקריגען דערפון פאלגענדעס:

א) ריכטיגע באגריפען אין אזא פארשטענדליכער פארמע וואס דער המון קען באגרייפען. ב) ריכטיגע באגריפען פון מאראל פאר׳ן יחיד ווי פאר דער געזעל־שאפט לויט וועלכע מענשען זאלען קענען לעבען רוהיג און צופרידען. ג) מצוות וואס יעדער מוז זיי אפהיטען, יעדע פון זיי וואס באצוועקט צו דערמאנען יעדערען

אין די ריכטיגע מיינונגען און מאראלישע פליכטען. (מו״נ ח״ג פרק כ״ג און כ״ח, אויך ח״ב פרק ל״ד).

די דריי אויפגאבען — די לעצטע צו פארשטארקען די פריהערדיגע צוויי — וואס די תורה האט זיך געשטעלט, דארפען דערהויבען דער געזעלשאפט אויף א העכערער מדרגה פון דענקען און לעבען, דאס לעבען ווערט דאן גרינגער, די מלחמה צווישען גוט און שלעכטס, צווישען ערענטליכקייט און פאלשקייט, צווישען תאוה און מעסיגקייט — ווערט באזייטיגט, און דאן קען דער איינצעלנער געפינען פריי פאר זיך דעם וועג, וועלענדיג זיך איבערגעבען צום העכסטען צוועק פון לעבען: ארויסצוברענגען זיין שכל בפועל״.

אזוי האט דער רמב״ם פארשטאנען — און אזוי האט ער געמוזט פארשטעהן לויט זיין שיטה — די אויפגאבע פונ׳ם געטליכען געזעץ. (מו״נ ח״ב פרק ל״ט, מ׳ און איבערהויפט אין אגרת תימן). און אויב אזוי, מוזען אין איהרע שכל׳ען זיין די אמת׳ן פון פילאזאפיע, און אין איהרע מצוות די אמת׳ע עטיק פאר דער גאנצער מענשהייט, די וועלכע פיהרט צום העכסטען ציל פון פאלקאמענהייט.

קומענדיג צו דעם פונקט האט זיך אנגעפאנגען זיין שווערע ארבייט, וואס אפילו פאר אזא גייסטיגען ריז איז עס ניט גרינג געווען. קומענדיג מיט אזא אפריארישען געדאנק צו דער תורה, האט ער געטראפען א סך דעות וואס זיינען אין געגענזאץ צו די פילאזאפישע גרונט יסודות וועלכע ער באטראכט פאר אויסגע־האלטענע אמת׳ן, בעת די מצוות זיינען אויך ניט גרינג צו ערקלעהרען באופן זיי זאלען פיהרען צו זיין פריהערגעשטעלטען תכלית. וואס טוט מען? מאכען פשרות צווישען ביידע אמת׳ן, אזוי ווי א סך פאר איהם און נאך איהם האבען געטאן — האט אזא פול דורכגעדרונגענער מיט שכל ניט געקענט. ארונטערגעבען פון אמונה האט ער דאך ניט געטארט, בעת ארונטערנעהמען פון שכל האט ער ניט געקענט, גלויבענדיג אז דער שכל איז די העכסטע אינסטאנץ איבער אלעם. נאר איין רמב״ם האט געקענט אריינברענגען באטש א שטיקעל הארמאניע זאמלענדיג פסוקים און מאמרים צעווארפענע, אנהענגען אויף זי זיינע פילאזאפישע אמת׳ן ביז די רעליגיע האט געקראגען די צורה וואס ער האט איהר געוואלט געבען.

אחד העם וויל זיך ניט אפגעבען מיט די פרטים פון רמב״ם אויסטייטשען די פסוקים און אויפקלעהרען די דעות. ער מיינט אז פאר אונז איז עס בלויז א מאָ־נומענט וואו איינער האט אריינגעטאן די כחות פון א גיגאנט און דאך בלייבט עס בלויז א מצבה פאר׳ן שוואכקייט פונם געשריבענעם ווארט ווען אנטקעגען שטעלט זיך אוועק א לעבעדיגער מענש מיט דער כונה צו מאכען פון איהר „יאס״—„ניטס״, און פארקעהרט; ווארים נאך די ריזיגע ארבייט וואס ער האט אריינגעטאן אין זיין שיטה, האט עס פארוואנדעלט דעם לעבעדיגען גאט פון תורת משה אין אן אבסטראקטען באגריף פון דער פילאזאפיע וואס באזיצט קיין זאך ניט, נאר א צאהל „ניטס״; צו פארוואנדלען דעם צדיק לויט אידישען באגריף אין איינעם וואס האט זיך דערשלאגען צום „שכל הנקנה״; דעם כרת פון דער תורה — שטערבליכקייט פון דער צורה ווען דער חומר לעזט זיך אויף, און אזוי ווייטער: אלעס לויט די פילאזאפישע ערקלעהרונג, אהן שום ענדערונג.

14

דעם רמב״ם׳ס תורת היהדות

גרינגער איז דעם רמב״ם געווען איינצובויגען צו זיין שיטה די ערשטע גע־זעצען פון דער תורה, ווייל אין איהר גופא געפינט זיך דאך דער ערציהערישער טעם ביים זייט פון־יעדער מצוה, און די ניט אנגעגעבענע איז גרינג צו ערקלעהרען מיט׳ן פשוט׳ן שכל.

אָבער בנוגע צו די מדרגות פון זיי, קלאַסיפיצירענדיג יעדען סוג מצוות, האָט ער זיי געמוזט, לויט זיין שיטה, אוועקשטעלען אויף דער אונטערשטער מדרגה, אז זיי אַלע — עטישע און ריטועלע — זיינען בלויז הכנות צו דערגרייכען דאָס העכסטע — פאָלקאָמענהייט פונ׳ם שכל. אַלע צוזאמען דינען צו דעם איין תכלית.

וואָס מיינט, לויט דער דאָזיגער שיטה, די תורה מיט אַלע איהרע מצוות און חוקים? דעם ענטפער קענען מיר זיך געבען אַזוי:

לויט איהרע טעאָרעטישע דעות איז זי א מעטאַפיזיק פון די מאַסען, און אין איהרע פראַקטישע מצוות — די עטיק און פעדאַגאָגיק פון דער מענשליכער געזעלשאַפט; צו ברענגען דעם מענשען צום העכסטען תכלית איז זי ניט בכח, איהר אויפגאַבע איז בלויז צו פאָרמירען דער געזעלשאַפט, ד.ה. דעם המון, לויט דער באַדערפעניש פונ׳ם אויבערמענש. דערפאַר איז רעליגיע ניט העכער פאַר׳ן שכל, נאָר נידעריגער פון איהם, פונקט אַזוי ווי דער המון, צוליב וועמען ער איז באַשאַפען געוואָרען, איז נידעריגער פונ׳ם אויבערמענש. דער שכל איז דאָס העכ־סטע אינסטאַנץ, און רעליגיע מוז איהם אויספאָלגען ניט איבערפרעגענדיג. ווארום דער באַשעפער וואָס האָט אריינגעגעבען די שכל־אייגענשאַפט אינ׳ם מענשען מיט איהם צו דערגרייכען די אמת׳ע חכמות און ווערען איביג, קען דאך צו דער זעל־בער צייט ניט פאָדערען פונ׳ם זעלבען צו גלויבען אין א זאַך וואָס איז געגען דעם זעלבען שכל, וועלכער איז צו איהם א מתנה דורך וועמען ער באקומט אייביגע עקזיסטענץ און עס איז דער תכלית פון זיין באַשאַפען ווערען? דערפאַר, אפילו ווען דער נביא זאָל באַווייזען די גרעסטע מופתים „אין הימעל און אויף דער ערד" און פאָדערען פון אונז איהם צו גלויבען אויף דעם סמך, אז ער האָט בנבואה אזא אמת געקראָגען וואָס איז געגען דעם שכל און דער תורה וואָס איז באַשטעטיגט געוואָרען פונ׳ם שכל — טאָר מען איהם ניט גלויבען און ניט קוקען אויף זיינע מופתים, וואָרים דער שכל וואָס לייקענט זיינע ווערטער איז אונז מעהר באַגלויבט פונ׳ם איינ׳ג וואָס עהט זיינע מופתים (הקדמה צום סדר זרעים און מו״נ ח״ב פרק ל״ט און ח״ג פרק ל״ד).

אָבער די מדרגה פון די מצוות פאַרקלענערט גאָרניט דעם אייביגען חיוב זיי אָפצוהיטען אין דער פראַקטיק. רעליגיע איז, ווי די טבע, גאָט׳ס באַשאַפונג, וואָס אין זיי ביידען ליגט פאַרקערפערט „זיין" ווילען אין דער פאָרמע פון אונבאַדר־ענדערליכע געזעצען. און אַזוי ווי די נאַטור געזעצען זענען שטענדיגע און אויס־געהאַלטענע אומעטום, כאָטש זייערע נוצען זיינען בלויז אַלגעמיינע, און אמאָל

נאָך גאָר שעדליך פאַר איינצעלנע — אַזוי זיינען אויך די תורה־געזעצן אייביגע, אומפאַרענדערליכע, און אייביג גילטיגע אין אַלע צייטן, אונטער אַלע אומשטענדן און בינדענד פאַר אַלעמען. וואָרים געטליכע באַשאַפונג איז די עקסטרימע פאַל־קאָמענהייט אין זיין מין, און דאָס וואָס ס'איז פאַלקאָם, ווערט איהם די ענדערונג נ׳ט צוגעבען קיין מעלה, נאָר פאַרקערט: מאַכען פעהלערהאַפט. (מו״נ ח״ב פרק ל״ט און ח״ג פרק ל״ד).

די אמונה איז טאַקע געגעבען געוואָרען פון גאָט צו דעם נביא (משה רבנו ע״ה) דורך דער נעטליכער שפע; אָבער נאָך'ן ארויסגעגעבען ווערען, איז זי אַרויס פון דער פאַרבאַשאַפונג און אַרונטער אונטער דער קאַטעגאָריע פון נאָכ'ן באַשאַף, אַזוי ווי די גאַנצע וועלט, וועלכער מען קען אויספאָרשען און פאַרשטעהן איהרע גרינטגעזעצען מיט'ן כח פונ'ם שכל, אָבער בשום אופן ניט מבטל זיין מיט דעם כח פון נבואה. פאַראַן אויסנאַהמס פאַלען ווען דער ווילען פון בורא, וואָס ער האָט אַריינגעטאָן אין דער טבע פון מציאות בשעת'ן באַשאַפען, פאָדערט אַז דער נביא זאָל קענען ענדערען דעם דרך הטבע פאַר אַ געוויסען מאָמענט כדי צו געבען אַ מופת אויף דער עכטקייט פון זיין נבואה (מו״נ ח״ב פרק כ״ט, שמונה פרקים פרק ח'). אין דעם זין קען דער נביא אויך מבטל זיין אַ מצוה פון דער תורה צייט־ווייליג, אַ סאָרט הוראת שעה, אָדער זי צו ענדערען לויט די באַדערפענישען פון צייט און אָרט; אָבער אַזוי ווי דער נביא קען ניט אָפּשאַפען אָדער ענדערען אַ נאַטור געזעץ אויף שטענדיג, אַזוי האָט ער ניט בכח אַזוינס צו טאָן בנוגע אַ מצוה פון דער תורה.

און ניט נאָר דאָס: אפילו צו מאַכען אַ הכרעה צווישען צוויי מיינונגען בנוגע דער אויסטייטשונג פון אַ דין, וואו עס לאָזען זיך איינלערנען צוויי־ערליי פירושים — קען דער נביא ניט מיט דעם כח פון זיין נבואה, נאָר מיט דעם כח פון זיין חכמה (לויט'ן רמב״ם מוז דער נביא זיין אַ גרויסער חכם אויך, דאָס איז איינער פון די תנאי הנבואה). למשל: טויזענט נביאים, אַלע גרויס ווי אליהו און אלישע, האַלטען זיך ביי איין סברא, און טויזענט מיט איין חכמים זאָגען אַן אַנדער סברא, געהט אַריין דער כלל „אחרי רבים להטות", וואָס מיינט, אַז דער שכל פון אַ רבים איז גרעסער ווי דער פון אַ מיעוט, און דער דין בלייבט ווי די חכמים. וואָרים די תורה איז איצט ניט אין הימעל, און זייענדיג אויף אונזער ערד האָבען אויף איהר די הויפט דעה די חכמים מיט'ן כח פון זייער שכל, ניט די נביאים מיט זייערע נביאות. (הקדמה צום סדר זרעים, און הלכות יסודי התורה פרק ט', יוד).

דעם תמצים פון זיין שיטה גיט דער רמב״ם אליין אַרויס אין זיין מורה נבוכים פרק נ״א, לויט דעם משל פונ'ם מלך וואָס זיצט פאַרבאָרגען אין זיין פּאַלאַץ, ווי אונזערע לעזער געדענקען געוויס פון די פריהערדיגע קאַפּיטלען:

זעקס מדרגות זיינען פאַראַן, נעמליך:

א) די פראָים וואָס האָבען אינגאַנצען קיין גלויבען ניט. די זיינען געגליכען צו בהמות, מיט'ן אונטערשייד וואָס זיי קענען רעדען און יענע ניט.

ב) מענשען בעלי אמונה נאָר מיט פאַלשע דעות. די כתה איז ערגער פאַר די ערשטע, ווייל זיי קענען פאַרנאַרען אַנדערע צו זיך, און אמאָל איז גאָר נויטיג

צו הרג׳ענען און צו פארטיליגען זייערע דעות, כדי זיי זאלען ניט פארנארען אנדערע.

ג) די וואס ווילען טאן גוטעס נאר ווייסען ניט ווי. דאס זיינען די פראסטע מאסען וואס פראקטיצירען די מצוות.

ד) מענשען וואס לערנען יא, אבער ניט מיט׳ן שכל, נאר מדרך הקבלה. אין דער זעלבער מדרגה שטעהען יענע וואס לערנען מאטעמאטיק און לאגיק.

ה) די וואס דענקען שוין יא אביסעל און לערנען פיזיק.

ו) די וואס פארטיפען זיך אין מעטאפיזישע פראבלעמען און דערקלעהרען אלסדינג מיט׳ן אייגענעם שכל.

אין דער איינטיילונג האט דער רמב״ם באצייכענט זיין עטישע תורה אזוי קלאר און מיט אזא קאלטבלוטיגקייט, אזוי ווי דאס זאל גאר ניט זיין אזא זאך וואס איז עלול אויפצוטרייסלען אידישע הערצער!

דער איצטיגער דענקער רעוואלטירט טאקע אנטקעגען דעם שטרענגען אורטייל איבער דער צווייטער כתה „וואס טראגט זיך ארום מיט פאלשע דעות". אבער ווייסענדיג ווי אין יענער צייט זיינען „פאלשע דעות" געווען פארדעכענט א סך שעדליכער ווי שלעכטע מעשים ביי אלע מענשען, די קנאות פון יעדער אמונה האט פארפאלגט די מענשען מיט פאלשע דעות ערגער ווי גנבים און רוצחים, איז קיין וואונדער ניט וואס פילאזאפיע האט זיך אויך אזוי פארהאלטען צו „פאלשע מיינונגען", לויט איהר נוסח מיט דער זעלבער שטרענגקייט.

אבער קיינער פון די גאונים־תמימים האט איהם ניט געקענט פארגעבען זיין שטעלען אויף א נידעריגערע מדרגה די וואס זיינען עוסקים בתורה, אין פארגלייך מיט די וואס זיינען פארטיפט אין מעטאפיזישע פראבלעמען, און נאך מעהר: זיין שטעלען פרומע נידעריגער ווי דאס לערנען פיזיק. די וואס ווייסען ווי הויך עס זיינען געשטאנען די „עוסקים בתורה" אין די אויגען פון בעלי התלמוד און חכמי צרפת, צוזאמען מיט אלע אידען בכל תפוצות הגולה, קענען זיך פארשטעלען וואס פאר א גרימצארן די חלוקה האט געבראכט אויף דעם מורה נבוכים און זיין מחבר.

ניט קיין וואונדער דערפאר, וואס די מפרשים באמערקען, אז „א סך געלעהרענטע האבען באשלאסען, אז דעם פרק האט דער רמב״ם ניט געשריבען. אויב יא — דארף מען איהם באהאלטען, און נאך בעסער וואלט געווען: פארברענען".

די תמימות׳דיגע פארטיידיגער האבען גאר ניט א טראכט געטאן, אז דער פרק איז בלויז דער תמצית פון זיין שיטה אין מדע, מורה, שמונה פרקים און הקדמת זרעים. און די וואס זיינען קיין תמימים ניט געווען, האבען טאקע גע־זוכט צו פארברענגען אלע פרקים....

(באמערקונג: לויט אונזער ערקלעהרונג פון יענעם פרק נ״א איז דער געשריי גאר ניט אזוי גרויס. אחד העם האט זיך דא ניט פארטיפט ווי געהעריג איז, און ניט נאכגעקוקט די מפרשים. אויך די אויטאריטעט פונ׳ם שכל שטעלט ער צו הויך. אין א סך ערטער באטאנט גאר דעם רמב״ם דעם אונטערשייד צווי־שען למעלה מן השכל און נגד השכל, ווי למשל אין פרק יוד ח״א אויפ׳ן פסק וירד ה׳. גאר מיר גיבען דא איבער אחד העמ׳ס מיינונג ווי ער האט געשריבען אין זיין שלטון השכל).

.15

שכל איז די פעסטונג פון אמונה

די אויבערהערשאפט פונ'ם שכל: — האבען מיר, לעבענדיג אין צוואנציגסטען יארהונדערט, א באגריף פון דער גייסטיגער רעוואלוציע וואס דער באגריף ענטהאלט אין זיך פאר דעם רמבמ'ס דור?

אלע ווייסען, אז דער גרונט־געדאנק פונ'ם מיטעלאלטער־מענשען איז געווען: א נעגאטיווע, כמעט פיינטליכע שטעלונג, צום מענשליכען שכל, און קיין שום צוטרוי אין זיין כח צו ווערען דער איינציגער וועגווייזער אין לעבען. דעם שכל האט מען באטראכט פאר א געפעהרליכען „מסית ומדיח" וואס פיהרט ארונטער פונ'ם דרך הישר, און דערפאר דארף יעדער ערענטליכער מענש אנטלויפען פון איהם.

ענטפערס אויף די וועלט שאלות וועגען דער וועלט און לעבען האט יענער בן־דור געזוכט דוקא פון „למעלה מן השכל". וואס מעהר פשוט און שכל'דיג דער ענטפער, אלץ מעהר אין חשד איז געווען זיין אמת'קייט. דער באוואוסטער שפריכווארט פון איינעם פון די קריסטען אפאסטלען: „איך גלויב דערין ווייל דער שכל וויל עס „אפלייקענען", איז געווארען דער ווינקעלשטיין אין ארט־דענקען פון קריסטען און מוסולמענער צוזאמען.

די אידישע געלערענטע האבען זיך ניט אזוי פיינטליך געהאלטען צום שכל, אבער צופיל געטרויט האבען זיי איהם אויך ניט. וועגען דעם שרייבט דער רמב"ם עטליכע מאהל אין זיינע ספרים, בריוו, און נאך מעהר אין זיין „מאמר תחיית המתים". געווען אפילו א צאהל חכמי ישראל נאך פאר'ן רמב"ם וואס האבען אריינגעבראכט שכל'דיגע מושגים אין תורת ישראל, גענומען פון דער אראבישער פילאזאפיע; אבער זיי האבען נאר באריהרט איינצעלנע ענינים, בעת דער גרונט־כלל איז געבליבען ווי געווען: די אונטערטעניגקייט פונ'ם שכל צום געשריבענעם ווארט פון דער תורה.

דער ערשטער און וויכטיגסטער צווישען אידישע פילאזאפען, רבנו סעדיה גאון, ערקלעהרט די באציהונג פון שכל צו רעליגיע מיט'ן פאלגענדען משל: איינער וואס האט פארמאגט טויזענט גילדען, צעטיילט צו עטליכע מענשען קלענערע סומען, און וויל איצט וויסען וויפיל איהם איז פארבליבען. איז דער גרינגסטער וועג איבערצוצעהלען דאס געלט וואס ער האט ביי זיך. געפינענדיג אז ער האט, למשל, 500 , איז א באוויז, אז ער האט 500 צעטיילט. אבער עס קען אויך זיין איינער וואס וויל דאס זעלבע אויסגעפינען „על דרך החשבון", צונויפרעכענענדיג די צעטיילטע סומען און דעם סך הכל ארונטערנעהמען פונ'ם גרונט־קאפיטאל (אין הקדמה פון זיין „האמונות והדעות"). דער נמשל איז: טראדיציע איז „איבער־

צעהלען וואס ס'איז פארבליבען". דאס גיט אונז דעם אמת געשווינד און זיכער. בעת דער שכל איז „חשבון", מיט וועלכען א מענש קען זיך באנוצען אויב ער האט צייט, געדולד, און איז זיכער קיין טעות נישט צו מאכען. זעלבסטפארשטענדליך, אז דער וועג פון איבערצעהלען איז זיכער, טאמער ווייזט דער חשבון אנדערש — איז דער חשבון נישט ריכטיג אדער דער בעל חשבון קען נישט חשבונ'ען.

אט די באציהונג צום שכל האבען געהאט אלע אידישע חכמים נאך רבנו סעדיה גאון, ביז רמב״ם און נאך איהם. זייער מאטערען זיך צו מאכען שלום צווישען דת און פילוסופיא, איז געווען בלויז פון נויט, איינצוהאלטען די אויפגעקלעהרטע אין תחום־היהדות; אבער אין הארצען איז די תורה געווען גענוג שטארק זיך אויף איהר אמת צו פארלאזען אפילו דארט וואו זי איז געגען שכל. אפילו רבי יהודה הלוי מיט זיין טיפע ידיעה און פילאזאפיע פון זיין צייט, ערקלעהרט אויך קאטעגאריש, אז דער וואס האלט די תורה מצד אמונה, נישט איבערקלעהרענדיג מיט'ן שכל, איז חשוב'ער ווי דער אויפגעקלעהרטער (כוזרי, מאמר ב' כ״ו). דער רמב״ם אבער לאכט גאר פון יענעם מין פילאזאפען. „זיי", זאגט ער, „נעהמען נישט אן פאר אן אמת וואס דער שכל באווייזט, נאר די רעליגיעזע אמת'ן, נויטענדיג דעם שכל מסכים צו זיין דערויף". (מו״נ ח״א פרק ע״א).

וויסענדיג דאס דאזיגע פרעגט זיך: וואס האט געבראכט דעם רמב״ם אין אזא תקופה און אין אזא סביבה צו ווערען אזא עקסטרים־אנהענגער פונ'ם שכל? דער ענטפער: „ווייל זייענדיג אריסטו'ס אן אנהענגער, האט אזא בעל שכל ווי ער נישט געקענט בלייבען שטעהן אינמיטען וועג", איז נישט גענוג, וויסענדיג פון א סדאריסטאטעליאניער צווישען נישט אידישע פילאזאפען וואס זיינען נישט געגאנגען אזוי טיף און ווייט צו מאכען דעם שכל פאר'ן הויפט רעגירער אפילו איבער דעם לעבען און רעליגיע. דאס, און זיין גרויסע פארעהרונג צו אונזער תורה און תלמוד, וואו שכל קריגט נישט דעם סאמע אויבענאן, האט בשום אופן נישט געדארפט ברענגען אין איהם אזא פארעהרונג צום שכל, נאר פארקעהרט... מוזען מיר זאגען, אז נישט זיין נייגונג צו לאגיק אליין האט איהם באוואוגען דערצו, נאר צוזאמען מיט א צווייטער סבה, אן אינערליכע באוועגונג האט איהם אריבערגעוואויגען צום שכל ביז'ן לעצטען עקסטרים.

די טרייב־קראפט געפינט אחד העם אין דעם פאליטישען מצב פון אידען אין יענער צייט.

ווי באוואוסט, זיינען די מוסולמענער פון רמבמ'ס דור געווארען שטארק אומטאלעראנט צו מענשען וואס זיינען נישט פון זייער גלויבען, און אין א סך לענדער וואו זיי האבען געהאט די מאכט פלעגען זיי צווינגען נישט־מוסולמענער זיך צו שמד'ן. א סך אידען פון דער מורישער שפאניע אין מאראקא האבען זיך געמוזט שמד'ן אויסצומיידען גלות, און אפגעהיט אידישקייט אינדערשטיל. דאס זיינען געווען אנוסים, די גזרה האט געטראפען זיין פאטער מיימון מיט זיין גאנצער פאמיליע. דער רמב״ם פון'ם דרייצעהנטען יאהר ביז 30, האט געמוזט לעבען אין הוילע שרעק, טאמער וועט מען אויסגעפינען זיין אידישקייט, ביז ענדליך, ווען

ס׳איז שוין געווען ווייטער אוממעגליך זיך צו באהאלטען, האבען זיי אלע אויסגעוואנדערט פון די שמד לענדער, אוועק קיין ארץ ישראל, וואו דער פאטער איז געשטארבען, און דער רמב״ם מיט זיין ברודער האבען זיך באזעצט אין מצרים.

אט די בעכטע יאהרען לעבענדיג אונטער א מאסקע, האט אויפ׳ן רמב״ם געמאכט א שרעקליכען איינדרוק. אזא ריינע הארץ, פול מיט אמת, האט ניט געקענט דערטראגען די סביבה וואס איז פול מיט שקר און רעליגיעזער פארדארבענקייט: די ריינע אידישקייט מוז זיך באהאלטען בחדרי חדרים און א איד דארף ארויסגעהן מיט א מאכמעדאנישע מאסקע אויפ׳ן פנים, פארוואס? ווייל א געוויסער אראבער האט זיך געהייסען רופען „נביא". ער האט באוויזען לויט די נאראנים׳ס עדות, מופתים, און מיט דעם כח פון די מופתים האט ער ארויפגעצוואונגען נארישקייטען אויף אלעמען צו מוזען גלויבען אין זיי אלס גייע אמת׳ן, כאטש זיי זיינען געגען דעם ריינעם פארשטאנד.

ס׳איז דערפאר קיין וואונדער ניט וואס דער בלינדער גלויבען מיט דעם כח פון איבערנאטירליכע מופתים, וועלכער האט געדריקט זיינע ברידער אידען און איהם מיט זיין פאטער׳ס הויז אויך, האט ארייגעבראכט א צומישעניש אין אידישע מחות. א סך האבען זיך גענומען וואקלען און פרעגען: פארוואס טאקע ניט גלויבען אין מחמד׳ס נבואה איזוי ווי מיר האבען ביז איצט געגלויבט אין משה׳ס נבואה? אויב דער לעצטער האט באוויזען וואונדער, קען דאך זיין אז דער ערשטער האט אויך באוויזען. און אויב מופתים זיינען די איינציגע אומצווייפעלהאפטע באווייזען, ווארום זאגען אז איסלאם איז פאלש און תורה — אמת?

אט וועגען דעם געמיטס צושטאנד פון די אידען אין זיין דור רעדט דער רמב״ם אין די מאמרים: „קדוש השם" און „אגרת תימן".

כדי צו באווייזען דעם אונטערשייד צווישען די אמת׳ע נבואה און די פאלשע, האט ער איינגעבויגען אמונה אונטער דעם קאנטראל פון שכל, דערווייזענדיג, אז תורת משה געהט האנט אין האנט מיט שכל, און ממילא איז יעדער נייער נביא וואס קומט בלויז מיט מופתים אליין, א פאלשער, ווייל „דער שכל איז מעהר באגלויבט ווי די אויג". פאלגליך, אז די אידישע רעליגיע איז זיכער געגען אלערליי נביאים ווי מחמד און זיין גלייבען. דערמיט ערקלערט זיך דער שניידענדער סגנון אן זיין הקדמה צום פירוש המשניות רעדענדיג וועגען דעם ענין פון נביא השקר. הארט האט ער געשריבען, ניט בלויז טעארעטיש, נאר מיט׳ן בלוט פון זיין הארצען, געטונקט אין זיינע און זיין פאלק׳ס ליידען.

איצט איז גרינג צו פארשטעהן זיין אויסמיידען צו דערמאהנען די אידישע מחקרים ביז זיין צייט, וואס א סך איצטיגע פארשער ווארפען איהם אויף. ווארים יענע ביז איהם פלעגען זיך באנוצען מיט די זעלבע ארגומענטען פון די אראבישע מחקרים — מדברים — און דאס גלייבט דאך ווידער אויס ביידע אמונות, נעגען דעם רמבמ׳ס כונה, צו געבען דעם שכל נאר צו תורת משה, ניט צו קיין אנדער רעליגיע. צוליב דער כונה האט ער ביטער באקעמפט די מדברים און איגנארירט די אידישע חכמים, זייערע נאכפאלגער.

מעגליך, אז דער צער צוקוקענדיג ווי די אנוסים ליידען זייענדיג געצוואונגען עובר צו זיין אויף געוויסע מצוות, וואס דערפון גופא האט זיך גענומען דער יאוש צו טראכטען; סיי ווי זיינען מיר קאנדידאטען פאר׳ן פאר׳ן גהינום (זעה „מאמר קידוש השם״) — האט געווירקט אויף איהם — אפשר אומבאוואוסטזיניג — צו באשליסען, אז די גרעסטע פאלקאמענהייט ליגט ניט אין מידות, אויך ניט אין מעשים, נאר אין דעות אליין, אפילו ווען איינער איז געצוואונגען עובר צו זיין מצוות במעשה (מו״נ ח״ג פרק כ״ו).

קומענדיג צו דעם אמת ערשיינט פאר אונז דעם רמבמ׳ס גייסטיגע געשטאלט אין איהר פולען פראכט. די מארמאר־קאלטע מאסקע וואס ער האט ארויפגעצויגען אויף זיך שרייבענדיג דעם „מורה נבוכים״, פארשווינדט, און מיר זעהען פאר זיך א ברייט הארץ פול מיט פארעהרונג צו דער תורה און תלמוד, וועמען ער האט געשאנקען זיינע נעכט און טעג צו סיסטעמאטיזירען און פאפולאריזירען; גרויס ליבע צו זיין פאלק וואס ליידעט פון רדיפות, און מיט געפיהל צו די אנוסים וואס ליידען פון זייער עובר זיין געוויסע מצוות.

אין קורצען: דער רמב״ם, ווי אלע אנדערע חכמי ישראל פאר און נאך איהם, האט געשטרעבט מיט זיין ריזיגע ארבייט צו מאכען די אידישע אמונה פאר א פעסטונג, וואו אידען זאלען געפינען די אמת׳ע שוץ פאר׳ן גאנצען משך פון׳ם גלות. דער אונטערשייד איז נאר דערין: באת אנדערע האבען געפונען די זיכערקייט אין „למעלה מן השכל״, איז געקומען דער רמב״ם און געזאגט: ניין, די זיכערקייט איז, וואס יהדות איז האס זעלבע ווי שכל.

זיין פארוך, צו שטעלען דעם גאנצען יסוד פון יהדות אויף טרוקענעם שכל, איז ניט קיין געלונגענער; וואס פאר א גרויסען ציל ער זאל זיך האבען געשטעלט דערמיט, איז געקומען די פראקטיק און באוויזען, אז קאלטע לאגיק אליין איז ניט גענוג אויפצוהאלטען אלע ליידענדע אידען אין תחום פון יהדות, סיידען ווען זי ווערט ארויסגעהאלפען פון נאציאנאלען און רעליגיעזען געפיהל.

די ראיה דערויף איז פון איהם אליין: דער זעלבער וואס האט זיך ארויפגעהויבען בין די גרויסע הויכקייטען, וואו עס הערען אויף די גרעניצען צווישען שפראכען און פעלקער, וואו עס הערען אויף מצוות און מדות, נאר עס בלייבט די ריינע לאגיק, געבויט אויף שכל׳דיגע יסודות — שטעלט אריין תחיית המתים אין די דרייצעהן עיקרים גאר אהן א שום ערקלעהרונג מיט׳ן שכל. ווער האט באוואוגען אנצונעהמען דעם פסק פון תלמוד אין בוכשטעבליכען זין פון ווארט? זיכער ניט זיין „שלטון השכל״, נאר דער הייסער געפיהל מיט וועלכען דער רמב״ם איז געווען דורכגעדרונגען; דער זעלבער האט געזאגט (אין זיין פירוש אויף אבות פרק א׳ משנה י״ז) אלעם ווענדעט זיך נאכ׳ן אינהאלט, קיין אונטערשייד ניט אין וועלכען לשון דאס זאגט זיך ארויס. א גוטער ענין בלייבט אזא, אפילו ווען ארויסגעזאגט אין א פרעמדען לשון, און א שלעכטער ענין ווערט ניט בעסער, ווערענדיג ארויסגעזאגט אין לשון קודש. אזוי זאגט טאקע דער האלטער שכל. און דאך געפינען מיר אין זיינע בריוו צו מר יוסף בן גאבר, צו די קהלה אין לונעל און צו רבי שמואל אבן תבון, א שטארקע חרטה פאר׳ן שרייבען זיינע ספרים (אויסער

„משנה תורה״) אין אראַביש און אַ ווילען זיי צו איבערזעצען אין העברעאיש. דאַ האָט ווידער דער נאַציאָנאַלער געפיהל געזיגט איבער׳ן שכל.

דער „מורה נבוכים״ און „מדע״ זיינען פּראָדוקטען פון שכל. זייער השפּעה איז געוועזן גרויס אויף אַלע וואָס האָבען זיך אַרויסגעריסען פון׳ם אַלטען בית המדרש צו זוכען נייע וועגען. פאַר אַזעלכע איז דער רמב״ם געוועזן דער ערשטער אין שטאַרקסטער וועג־ווייזער. דעם וועג האָבען דורכגעמאַכט גרויסע דענקער — אידישע און ניט אידישע — ניט נאָר מענדעלסאָן און שלמה מיימון, אַפילו שפּינאָזא אויך.

אָבער דער „משנה תורה״ איז געשפּייזט הויפּטזעכליך פון׳ם געפיהל, דערפאַר איז ער געבליבען אַ תושב ביז היינטיגען טאָג אין אונזער בית המדרש.

ביידע צוזאַמען שטעלען אוועק דעם רמב״ם אויף דעם העכסטען פּעדעסטאַל, וואו ער פאַרבלייבט אַזוי לאַנג ווי דער הימעל וועט זיין פאַרשפּרייט אויף דער ערד.

ע נ ד ע.